STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01171

SOF KAPITL

Iosef Okrutny

*Permanent preservation of this book was made possible
by Lewis & Josephine Schneider
in memory of
Jacob & Sara Leah Shapiro*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אָקרוטני

סוף קאַפּיטל

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

120

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אַבּרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

יוסף אָקרוטני

סוף קאַפּיטל

ראָמאַן

◆

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1956 — תשט״ז

פּאָרטרעט־צייכענונג פונעם מחבר:
רפאל מאנדעלצוויג

ד י ר , א ס ת ר

אינהאַלט

		זייט
⁂		11
1.	ספּאַלע און לאָקעטקע	15
2.	איטשע מאיר בילאַנדער	25
3.	יאַנטשע מיט דער יאַנטשעכע	31
4.	די קראָם און די וועלט	42
5.	דער וועג פון לעבן און טויט	62
6.	דעם טויט צוקאָפּנס	71
7.	די לוויה	76
8.	דער מומע גאָלדעס טרייסט	81
9.	קלמן האָט גענומען אַ ווייב	92
10.	די יונגע בילאַנדעריכע	103
11.	עס קריכט די דאָרפישע צייט	111
12.	אויף אַ וועג	119
13.	עס שפּראָצט אַ נײַ לעבן	134
14.	אין נויט	145
15.	שטורעם אינעם לאַנגוויל	155
16.	דער רוף פון פעלד	165
17.	אשר	172
18.	דושנע טעג	184
19.	די באַגעגעניש	191

זייט

.20	צוגאַסט ביים ווייב	198
.21	עס איז אָנגעשטאַנען דער שניט	211
.22	שבת	248
.23	עס ציען וואָלקנס	253
.24	די געשעעניש אין וואַלד	263
.25	יושר	279
.26	די פּרוי	283
.27	צו תכלית	299
.28	עס גייט אַ חורבן	302
.29	בערל	325
.30	האַס	336
.31	סוף קאַפּיטל	371

***

אין פוילן, מיין שיינעם, מיין טרויעריקן געבוירנלאַנד האָבן פאַר־צאָגטע יידישע מאַמעס אין די ראָזע פאַרנאַכטן געקלאָגט אויף זייערע וואַקסנדיקע קינדער:

— וויי, צו וואָס האָב איך זיי אויף דער וועלט געבראַכט? ווינציק, אַז מיר איז פיין באַשערט געוועז...?

זייערע אויסגעהאָרעוועטע, אָדערדיקע הענט האָבן לעסטיק זיך גע־צויגן צום געלעגער און די אויגן — אויסגעליידיקטע — זענען אין זייערע פינצטערלעכע גריבלעך פאַרזונקען.

אין די קאַלעמוטנע שטעט האָבן קאַלטע פייערן אין די אויפדערנאַכטן געלאָקט דעם בליק פון די זשעדנע און פון די הונגעריקע, און די פאַר־וואָרפענע ישובים זענען געווען אין חושך צונויפגעקנוילט.

די טעג זענען שטענדיק געקומען מיט קללה.

דער לויטערער הימל האָט מתוך צער געקוקט אויף די מענטשן. ער האָט אָפט זיינע קליידער געריסן פון זיך, טראַנטעס אַרויפגעצויגן אויף זיין רוקן און געכליפּעט. דאָס פּנים פון דער ערד האָט זיך אין רונצלען אָנגעטאָן, די ערד האָט איר מויל געעפנט, די טרערן פונעם הימל און פון מיינע ברידער פאַרנומען און זיך קינדיש צעשמייכלט.

זעלטן האָט די זון גינגאָלדיק געלאַכט צו מיין היים און די אייגענע קאָרג געזעטיקט אין זייער הונגער.

ברויטיק איז געווען מיין לאַנד, נאָר ליידיק און לעער זענען געבליבן די שפּייכלערס פון מיינע ברידער.

די ווייסל איז מיט געהילץ, מיט ברויט און מיט פּי געפלאָסן צום ים. לעבעדיקע פלעמלעך האָבן אַפילו אין די אויפדערנאַכטן זיך געהוידעט אויפן ווייסלשן בוזעם; אומערנדיק געזאַנג פון קאַדאַלניקעס האָט זיך גע־וויגט מיטן פלוס פון אירע געלאָדנטע באַרזשעס. שוויס־באַגאָסענע זע־נען מענטשן מיט וואַכן אויג געשטאַנען איבער דער אַנטרינענדיקער שפע און פון ס׳ניי דערזען דעם קנאַפּיקן הונגער. זיי האָבן געקוקט, געמורמלט, צומאָל אַ זיפץ פאַרלוירן. אין מוח האָט דאָס אָנגעצונדענע ליכט געמוזט שיינען פאַרהוילענערהייט. דער רוקן האָט זיך נישט געקענט אויסגלייכן.

פאַרטרודטע, פאַרמוטשטע האָבן מיינע ברידער נישט אויפגעהערט צו ציען זיך צו די הייכן פון ירושהדיקן חלום און אין אים אַריינגעצויגן דאָס מוטערלאַנד, וואָס איז כולו פויער, כולו לבנה און כולו עבדות; צו רושטאָוואַניעס האָבן זיי זיך געשטרעקט, איבער ווערקשטעל זיך געבויגן, פאַר תפיסה זיך נישט אונטערגעטעניקט און אין טרוים און אין דער וואָר מיטן שכן זיך געפירט. פעלדער האָבן געגרינט, די זריעה, וואָס געוואָרפן, האָט אָפט פאַרדאַרט אין דער ערד און די שטראָמיקע ווייסל איז זיך געפלאָסן אַ זינגעוודיקע, אַן אומעטיקע און פאַרשייטע. טייל מאָל האָט זי זיך געברוגזט, די יחסנטע, אירע גראָלעכע ברעמען פאַרשאַרצט און געכעסט זיך אַ גרין געוואָרענע. פאַרקוקט אין דער מאַמען האָבן די ווייסל־קינדער, די טייכן די געשלענגלטע איבער פעלדער און שטעט, אויך זיך געכמורעט. אין דעם געבייזער פון די וואַסערן האָבן די יידישע שטעטלעך זיך איינגעהערט מיט זאָרג, מענטשן זענען דערשראָקן געוואָרן. אין די דריבנע ישובים האָבן קאַשטשאַל־טורעמס נאָגנדיק זיך צעקלונגען.

— או, או! אונדזער קליינוואַרג, אונדזער האָרעוואַניע — — — —
פאַרפלייצעניש האָט זיך צעברומט.
מאַמעס זענען יונגערהייט אַלט געוואָרן.
שלעכטע צייטן געוועזן פאַר מיין געבוירנלאַנד.

און זענען אָנגעשטאַנען יאָרן פון אומרו, זענען די שכנים געוואָרן ביטער צו אונדז. מיט גרינגן געמיט האָבן זיי געפעלשט אין מיר און אין מיין היים. „זשיד" האָבן זיי אָנגערופן מיין טאַטן און זיי האָבן זיך געקליגט אָנצוטאָן צרות. דער ביסן פון מויל איז אונדז געוואָרן סם און די שיין פון טאָג — פינצטער. דערנאָך האָבן זיי זיך באַהאָפטן מיט אונדזער שונא ימח־שמו און אים אַרויפגעפירט אויף אונדזער שוועל.

אין די וועגן פון די פאָטערס זענען געגאַנגען די זין און טעכטער פון אונדזערע שכנים. פאַרדאַרבן איז געוואָרן דאָס האַרץ אַפילו פון זייער קליינוואַרג: ביי די מויערן פון געטאָ, וווהין מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן, האָבן זיי געלויערט אויף אונדז אין די פינצטערע נעכט, אַז מיר זאָלן נישט אויסמיידן די הענט פון די פאַרטיליקערס. די שלעכטע שכנים האָבן געהאָלפן אונדז פאַרלענדן. אונדזער הויז איז אָפּגעווישט געוואָרן פונעם פנים פון דער ערד און זיי, די גיריקע, האָבן זיך געוואָרפן אויף דער אָנזאַמלונג פון אונדזער האָרעוואַניע. זייערע ווערעמדיקע מיילער האָבן זיך אָנגעפרעסן מיט אונדזער גוטס און זיי האָבן אָנגענומען פעטס

אויף זיך. דאָס צאַנקען פון אונדזערע מאַמעס האָבן זיי מיט געזעגנונג צוגעזען, ס׳געיאָמער פון די געפייניקטע האָבן זיי נישט געוואָלט הערן. ווי פליגן איז געפאַלן אונדזער קליינוואַרג.

קליינע קינדער זענען אַלט געוואָרן אין מבול פון בלוט און שריפה. יידישע קינדערלעך זענען גראָ געוואָרן, ווייל זיי האָבן ד ע ר ז ע ן דעם טויט פון זייערע מאַמעס, זיי האָבן ד ע ר ק ע נ ט דאָס רשעות, וואָס גייט אויף מענטשלעכע פיס.

האָס האָבן די פאַלשע שכנים פאַרזייט אין אונדז, אין אונדז די געהאַסטע, די פאַרטריבענע און פאַרטריקנטע.

אונדזער דור פון געמינערטן יידישן קליינוואַרג אויף דער פאַרשעמטער פוילישער ערד האָט אויף אַלע אייביקייטן פאַרשריבן די קללה פאַר די ווערעמדיקע שכנים; די דורות וואָס וועלן נאָכקומען, וועלן מיט פאַרביטערונג לייענען די מגילה פון פוילנלאַנד, ווו עס איז רוצחיש אָפגעמעקט געוואָרן די היים פון יידישן קינד —

דאָס קינד, וואָס האָט גלוסטיק זיך באַהאָפטן מיטן ליכטיקן אלף־בית, פרום זיך געצויגן צום חומשל, מיט התמדה אויסגעזמרט די פרייד פון אקדמות. דערשטיקט ליגט אָקערשט דאָס דאָזיקע קינד און אין בלוט איז דערטרונקען די מאַמע.

א ו נ ד ז ע ר צ אָ ר ן א ו ן ו ו י י ט י ק ז אָ ל פ אַ ר־ ז י ג ל ט ו ו ע ר ן א י ן אָ ט ־ ד י י י ד י ש ע ש ו ר ו ת.

1

ספּאַלע און לאָקעטקע

די אומענדלעכע וועלדער אַרום פּיליצע דעם טייך זענען תמיד געווען איינגעהערט אין די זשומענדיקע וואַסערן. די וועלדער זענען געשטאַנען אין כמורער טריבקייט, חיהשע בערלאָגעס אין זייער געדיכטעניש פאַרהוילן. אויף די מענטשן, וואָס אַרום, האָט האַרטער אומעט אָנגעווייעט.

אין ספּאַלע, דעם וואַלדיקן ישוב, האָבן די ביימער בנעימותדיק גערוישט, די חיה האָט דאָרט קיין שרעק נישט אָנגעוואָרפן; פאַרפּלייצעניש איז קיין גרויל נישט געווען. ווייל יוסט איז אין ספּאַלע די באַלעבאַטישקייט פון די מענטשן, זאַט זייער טיש און ליכט פון די אַראָפּגעבּידערטע הימלען האָט אַריינגעפּלייצט אין זייערע פענצטער.

רו האָט זיך אויסגעשטרעקט צום ישוב.

אין ספּאַלער פאָרעמבע האָט דער וואַלד־שררה באָלעסלאַוו וואַווזשיניאַק אין הייזער און שפּייכלערס זיך באַגרונדפעסטיקט. פאַראָבקעס האָבן שטיקער אָפּגעליידיקטע וואַלד־ערד באַגרינט און געגאָלדיקט פאַר זיינעטוועגן מיט כל־טוב. גאַיאָוועס * האָבן דעם וואַלד געהיט. וואַווזשיניאַקס משפּחה האָט אין רחבה זיך געבאָדן. הירשן און סאַרנעס האָבן היימיש זיך געהאָדעוועט ביי אירע שוועלן. און אַז קעלט איז געקומען אין וואַלד אַריין, האָבן די הערניקע באַשעפענישן נעבן וואַווזשיניאַקס קאָמין זיך אויסגעצויגן, די טלאָען געוואַרעמט און זייערע גרויסע, פאַרנעפּלטע אויגן אין פייער געשפּיגלט. די ווילד־צאַרטע ברואה איז צוגעבונדן געוואָרן צום מענטש.

אַ מלכות איז דאָס ספּאַלע געווען אין דעם גרויסן, ווייט־פאַרגייענדיקן וואַלד. מיט פעדערן אין די גרינע קאַפּעלושן זענען פּריצים זיך צו־

---

* וואַלד־היטערס.

נויפגעפאָרן קיין ספּאַלע, יום־טובים געפּראַוועט. פאַרריסענעם געלעכטער האָבן זיי מיטגעבראַכט מיט זיך, קאָלירקע ליכטער אָנגעצונדן אין די דושנע נעכט, די לבנה אַריינגעפירט אַהער אַ האָפערדיקע. אום ווינטער, אין די גרויסע קרירות, האָבן די פּאַנעס אין ברייטע פּעלצן זיך געוויזן אין וואַלד אַריין. ביקסן האָבן זיך געשאָטנט אויף זייערע אַקסלען, גרויסע גע־כאַליעטע הינט זענען זיי נאָכגעגאַנגען פוסטריט.

דער סיווער וואַלד האָט זיך נכנעדיק איינגעהערט אינעם באַפעלע־רישן טראָט פון די לייט.

— דער יאַשניע פּאַן כראַביע סאַפּיעהאַ!

— דער פּאַן כראַביע ראַטשיבאָרסקי!

„אָ, וואָאַ, שריי נישט אַזוי!...״

סאָסנעס און יאָדלעס האָבן גדלותדיק זיך געשושקעט; זייערע שווע־רע, שניי־פאַרהילטע אָרעמס האָבן זיך מידלעך אָנגעבייגט און איינגעהערט זיך: „מ׳גייט?״ די מגושמדיקע ביימערשע פיס האָבן פאַרבלענדטע, פאַר־פלאָנטערטע אינעם אייגענעם שטילן גאַנג, געטראָטן איבער דער פוכי־קער, ווייסער ערד. די שטילע לופט האָט דין און שאַרף געפּייפט.

די פּאַנעס האָבן ס׳אַרומיקע פאָלק אַרויסגעצויגן אין פראָסט, איבערן שניי פונאַנדערגעשפּרייט; אינעם ווייס־געפלעקטן טיפן וואַלד אַ קייט פון מענטשן געקניפּט און מיט איר די איבערגעשראָקענע צוק־חיה פאַרצוימט דעם וועג.

שאָסן פון יעגער־ביקסן, דאָס סאָפּען פון לאַנג־מאָרדיקע כאַרטן, וויל־דער געבריל פון פאַרוואונדיקטער וואַלד־ברואה. אין אויפגעוועקטן רויען כוח פון מענטש און חיה האָט די מאַיעסטעטישע רו פונעם גליווערדיקן ווינ־טער ביי די ברעגעס פון דער איינגעפרוירענע פּיליצע זיך איבערגעגאָסן אין אַ פּלוצלינגדיקן געווירבל:

ווווו־הככהווו!

צססססזאַ־אַאַאַאַ — — —

אָוונטלעך האָט דער וואַלד אין געקעפּטער שקיעה זיך פאַרקאָרטשעט און פאַרחידושט געקוקט צום בלאָסלעכן שטערן־וועג.

אונטער אייז־פלאַכטע האָט דער טייך צו דער מאַמע־ווייסל זיך גע־צויגן.

◆

אין לאָקעטקע דעם דאָרף, וואָס פּאַזע דעם רייכן ספּאַלע, איז דער וואַלד געווען אומהיימלעכער. נאַגנדיק איז דאָ דער פאַרלוירענער בלאָ פון זיינע דורכלויכטן. שיטער זענען זיך פונאַנדערגעפּלאָסן די גראָע רויך־קרייזלעך ביי זיינע ראַנדן. פּויערישע ווייבער און קינדער האָבן אין די זומערדיקע קאַיאָרן מיט באָרוועסע פיס געטראָטן די וואַלדישע סטעזש־קעס, אויף די נעכטיקע שפּורן פון שוואָמען־בליעכץ געגאַנגען מיט האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן. דאָס וואָרט פון זייערע קעלן איז געווען אָנגעדראָלן און עס האָט געקוואָלן דאָס האַרץ פון די אַלטע און פון די יונגע, ווען ס׳קיישל איז פול געוואָרן, אויב שוואַרצע יאַגדעס און רויטע פּאָזיעמקעס האָבן מאָט־באַהויכטע, צו זיי געוווּנקען פון הינטער קוטשעראַווע קוסט־לעך.

אין די פּויערישע אָרעם־כאַטעס איז מיט זייערע אויסגעפּרוּווירענע, דורכגענעצטע פיס פרייד אַריינגעטראָטן:

— זאַלץ וועט מען קויפן, וואָיטשעכו!

— שוועבעלעך וועלן אונדז נישט געפעלט זיין...

— און אַ העמדל אויף חגא־אָאָ? — האָט אַ קינד בענקשאַפטלעך אויסגעזונגען: — האָסט צוגעזאָאָגט?... צוגעזאָגט!

ביי די באַיאָרנטע האָבן די אויגן תמימותדיק זיך צעפינקלט, ביים קליינוואַרג האָט דאָס בלוט שכור זיך צערעדט, אַזש די פיסלעך זענען אונטערגעשפּרונגען. פרייד האָט געכליניעט אונטער דער סטעליע.

— כ׳וועל אויך מיטגיין אויפן טאָרג. כ׳וועל נישט מיד ווערן, מאַ־מעניו!

— און אַ צוקערקע וועסטו מיר קויפן, מאַמעלע? —

וואָיטשעך וואָנס׳ פּאַס ערד איז אַ זאַמדיקער. דער פאָטער האָט אים איבערגעלאָזן די דאָזיקע קאַרגע ירושה און דאָס פויערן־ווייב האָט אין כאַטע אַריינגעבראַכט בלויז איר פול־באַקיקע, בלאַסע יוגנט. אויף די לי־שייעס פון וואָנס׳ פעלד איז דאָס קאָרן אויפגעגאַנגען דאַר און שיטער און ווייב און קינד האָבן געקלאָגט אויף שטענדיקן הונגער. אויף צו באַ־וואָרעמען דאָס בערגלדיקע שטיבל האָט זיין טעקלע אויף איר פּלייצע אָנ־געטראָגן בינטלעך צווייגן פון וואַלד. שטרוי האָט נישט געקלעקט פאַרן

משופעדיקן דאַך און דאָס אויסגעמאָרעטע פערדל האָט טרויעריק גע־טרייסלט מיט זיינע שאַרפע ריפּן.

וואָנס׳ טאָכטער מאַרילע איז אַ בלאָנד־צעפּיקע, אַ צעטומלטע אַריינ־געפאַלן אין שטאָט אין אַ קיך פון געקעכלטע הערשאַפטן. קעלט און אָרע־מע אָפּגעלאָזנקייט האָט איר דאָ נאָכגעבלאָזן פון טאַטע־מאַמעס כאַטע.

...„צו „טשי קרולע״ זענען די קאַרטאָפל אויסגעגאַנגען פונעם קאָ־פּעץ און צווייגן פון וואַלד לאָזט דער לעסניטשי * מער נישט אַרויסטראָגן. ווייל איז אונדז, מאַרילקע, וואָס דו ביסט אַוועק צווישן מענטשן.״

— אָ, באָזע, באָזע!** — האָט דאָס מיידל אין דער שטאָט־ישער פּרעמד זיך געוואָרגן מיט איר געוויין. די היים איז פאַר איר געשטאַנען אַ פאַרווייטע.

די מיל אויף דער שכנותדיקער אָזערע האָט פאַרפרי אויפגעהערט איר נודנע געמורמל. דאָס גרויסע הילצערנע ראָד הינטער דעם מילנערס כאַטע האָט אויף פוסט זיך געשוואָנקען. האַלינע, דעם מילנערס שיינע טאָכטער מיט די שטאָטיש פאַרפלאָכטענע צעפ האָט בלאָ־אויגיק זיך גע־טוליעט צו דער מוטער, וועלכע האָט פון איר האַנט נישט אַרויסגעלאָזן דאָס אויפגעבלעטערטע בוך „אַננאַ קאַרענינאַ״. איר אָפּגעצויגענע דינע פּנים־הויט האָט געגרונצלט פונעם סאַמע קרעכץ פון דעם מיל־ראָד הינטער דער שטוב און די ליפּן האָבן באַשטענדיק געגענט צום זיידענעם שטערן, דעם טעכטערלס:

„אָ, זיסע, פאַרלוירענע יוגנט!״

דאָס קינדערישע אויג האַלינעס האָט זיך אָפּגעטונקט אין דער מו־טערס בליק: „וואָס, מאַמעלע?״

— גאָרנישט, טעכטערל.

אַ ווילקענעוודיקע האָט די מילנערשע ווידער זיך פאַרקוקט אינעם בוך, אָבער די שורות זענען איר געשפּרונגען אין די אויגנמעכנטשעלעך אַריין, און אָט אויסגערונען געוואָרן ווי רויך. עס האָט איר געמישט אין קאָפּ. ווייטוטיקע טרערן האָט זי דערשטיקט אין זיך.

די לעצטע פאַרבן פון מאַלוועס און געאָרגיניעס האָבן זיך געלאָשן פאַר דער שטוב. די שטראָמען פון דער פּיליצע האָבן פּריע קילקייט אָנ־

---

* וואַלד־באַלעבאָס.

** אָ, גאָט, גאָט.

געבראַכט אַהערצו. די פּרוי האָט זיך אין וואַלענעם טוך געוויקלט. ס׳האָט איר אויסגעוויזן: אָט וועט זיך דער הימל צעזיפּן. האַרבסטלעך... אַזאַ פריער האַרבסט! אַ נאַגעניש צום נישט קענטלעכן, צום אַנדערשדיקן, וואָס איז אַזוי משושטש, האָט דורכגעשטאָכן איר מאַרך, ווי מיט שפּיזלעך דורכגעשטאָכן — — און די שטאָט איז אַזוי ווייט!

און שעהנלאַנג פלעגט די יונגענקע האַלינע אײנע אַליין זיצן ביי דער אַזערע, פאַרקוקן זיך אין דער ווייט וואָס איז סיי נעפּלדיק, סיי מאַטלעך גרין. דער זון־שימער איז ערגעץ אויסגערונען, דער הימל וואַלקנט זיך און די מאַמענקע איז טריב. אין איר טרוימערישער פאַרגעסנקייט האָט דאָס מיידל איר בליק אַנגעהאַנגען אינעם אויפגעפּלעסקעטן גאָלד פון אַ פישל. דאָס פישל האָט אויפגעצאַפּלט אין דער אַזערע, די וויאַנענדיקע רויז ביי דער שטוב האָט אַנגעבויגן דאָס קעפּל. פון צייט צו צייט האָט האַלינע זיך אויפגעכאַפּט פון אַן אויפשריי פון אַנגעפלויגענע ווילדע קאַטשקעס, וואָס האָבן זיך איינגעשניטן אין דער הויכגראָזיקער געדיכטעניש צווישן דעם גרינעם זשאַווער אַראָפּ־וואַסער.

◆

אַ פאַרחידושטע איז טאַל־אַפּ געלעגן די קליינע הילצערנע כאַטע מיט דער מעל־פאַרפּראָשעטער וואַסער־מיל און אַרויף־בערגל האָט צו דער אַזערע שלעפּעריק אַראָפּגעקוקט דער פונאַנדערגעוואָרפענער ישוב.

לאַקעטקע קוקט פאַרטראַכט, זשמורנדיק אויף די רחובותן:

„וואָסי?“

דער מילנער האָט זיין קורצזיכטיקן בליק אַנגעשטעלט אויף דער אויסגעשטשערבעטער קאָסע און דער קלונג פונעם שטאָל אָן קיזלשטיין שלאָגט זיך אָפּ טריבלעך אין דער שטאַרער לופט דער נאָענט־וואַלדישער:

— דזזזי־ייןןןן!

אַ יאַלעווקע האָט שווער זיך געקעלבט אין פינצטערער שטאַל, האָט דער זיפץ דער פויערטעס, דער טרערן־פאַל פון די מיטליידיקע באָרוועסע קינדער זיך ווידערגעהערט פונעם וואַלד דעם פאַרטראַכטן:

— אווו־אוווו!

אַז אַ מענטש אין סערמענגע איז אין מיטן־נאַכט אַ פאַרצאָגטער גע־לאָפן צום עקסטן ישוב נאָכן דאָקטער פאַר דער האָבערן, וואָס אין סכנה,

האָבן זײַנע טריט אָפּגעהילכט אין דער אײַנגעהערטקייט פון דער געגנט און דער וואַלד איז אַ צונויפגעהאַרבעטער מיט אים מיטגעלאָפן:

— היוו־היוווו — —

דער וואַלד האָט געוועלטיקט איבער דעם קאַנט, די אָזערע האָט אין זיך אָפּגעשפּיגלט זײַנע שאָטנס, זײַנע לעבעדיקע ברואים.

די וואַנסיכע פלעגט טראָגן האַלץ אויף דער פּלייצע, האָט דער וואַלד דער כמורער איר נאָכגעקוקט און די אָנגעבויגענע ווײַבערשע געשטאַלט האָט מאָט זיך דורכגעשלײַכט איבערן וואַסער. שאָטנהאַפטיק איז זי, אַ פינצטערער, סאַפּנדיקער בוים, פאַרבײַגעשווומען דעם וואַסער־שפּיגל. פונקט אַזוי האָבן אויף די נידעריקע אָזערע־ברעגעס זיך דורכגעטראָגן די קאַרטשע־אַרטיקע פיגורן די בילאַנדערס, די יידן פונעם דאָרפישן קרעמל, די וואָס האָבן אָפּט געבלאָנקעט צום וואַלדיקן וואָקזאַלעכל.

פון לאָקעטקע צו דער באַנסטאַנציע האָבן שטעגלעך זיך געשלענגט דורך וואַלד און פון וואַלד האָט זיך אַרויסגעריסן דער ווײַטער, ברומענדי־קער באַנוועג, וואָס פירט צו לײַטן, צו וועלטן.

◆

שטיל זענען די מענטשן פון דער וואַלדיקער געגנט, נאָר הייס און פאַרבאָרגן זינגט דאָס בלוט אין זייערע אָדערן.

ווי האַלינע, דעם מילנערס טעכטערל, בענקט אין דער שטיל צום וווקסיקן יונגן נאַטשאַלניק פון דעם ווײַטלעכן באַנסטאַנציעלע בראַטקווו! דער פּאַן קאַזשימיעזש... אַז ער וועט ווידער אַ מאָל אַהערקוק'ן זיך באָדן אין דער לאָקעטקער אָזערע, וועט זי שוין נישט אַנטלויפן אַ שעמעוודיקע. זי וועט זיצן ווי די מאַמע און אַרײַנקוקן אין אַ ביכל. און זי וועט אים זען, הערן. אַך, שײַן, וווּנדערלעך קלינגען זײַנע רייד, זינגעוודיק זענען די אויפגעריסענע כוואַליעס אַרום זײַנע אַקסלען! גייט ער, שושקען זײַנע טריט, דעם פּאַן קאַזשעקס, זיי סודען איר איין עפּעס זיס׳, איר, האַלינ־קען. די שוואַרצע וואָנסעלעך שמײַכלען, ציטערן שמײַכלענדיק צו איר — — זי האָט זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט, די פּאַננע האַלינע — איצט וועט זי אים זאָגן אַלץ. ער וועט פרעגן: „די בלומען אין דײַן האַנט, פּאַננאַ האַ — פּאַר מײַנעטוועגן מסתמא?" (ווי ליכטיק עס שפּילט זײַן פּנים). „ווי דען, נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע פּאַראַדיז!" זי לאַכט צו

אים מיט אירע ווייסע ציין, מיט די פיבערנדיקע ליפּן. זיינע אויגן גלעטן, וואַרעמען איר און זי שעמט זיך נישט מער. ווי גוט! ער נעמט זי אַן פאַרן עלנבויגן; אירע טריט שוועבן אַריין אין זיינע טריט. זי גייט און, דאַכט זיך, אַ פויגלפאָך קערט זי אָפּ פון יענעם אויסגעחלומטן גאַנג. אָבער ס׳ווייסע שטיבל דעם פאַן גאַטשאַלניקס איז איר דאָך באַשערט. אָט, עס זעט זיך שוין; עס וועט גוט זיין צו זיצן אַזוי באַזאַם. „קאַזשימיעזשו, וואָס איז אַזוינס גליק?“ זי וועט׳ן פרעגן, ער וועט זיך רייטלען. אָ, זי ווייסט. שוין לאַנג האָט זי געטראַכט דערפון, מיט די טעג די ליכטיקע עס טיף דורכגעוועבט, אין די חלום־נעכט עס דורכגעטראָגן. איצט פילט זי עס, ס׳גראָבט אַזוי אומעטיקלעך אין דער נשמה. זיכער, גליק איז אַזוי צאַפּלדיק, הייס און באַנגיק זיס. צומאָל טוט עס וויי, ס׳ציט, לאָקט אַז ס׳ווילט זיך לויפן מיט דעם איןביידע זשמעניעס, פאַרבאַהאַלטן זיך מיט דעם ווייט, ווייט, אַ פרעמד אויג זאָל נישט אַריינקוקן אין דעם — — ער וועט מודה זיין אַז זי איז גערעכט. ביז אָוונט וועט צופאַלן, וועלן זיי שמועסן, ער וועט זי אָפּפירן אַהיים. ווייך פינצטערן די וואַלד־סטעזש־קעס אונטער די פריע שטערן. אָנגעשפּאַרט אין זיין אָרעם וועט זי גיין, זי מיט קאַזשעקן אין אָרעם. און ער וועט איר אַלץ זאָגן, אָפּנהאַרציק זיך פאַרטרויען. זיין מאַמע איז אַן עגאָאיסטקע. דווקא וויל זי אים פאַרשדכנען פאַר אַ רייך מיידל, זי ווייסט נישט, ער האָט אַ האַרץ אַ צייטיקס, אַ דער־וואַכטס. דעם אמת, קליינטשיקע?... יענע האָט נישט קיין איידלקייט אין זיך. ער דאַרף נישט, די מאַמע זאָל אים פאַרהאַנדלען. ער ברוגזט זיך טאַקע מיט דער לייבלעכער. פאַר דאָס איז ער אַוועק ווייט פון דער היים, פון סאָכאַטשעווער קאַנט, פאַנגע האַלינקע. זיינע ווי־טיקן לעבט ער אויס אין דער שטילקייט פון די דאָיקע וועלדער... פאַרטראַכט זיך, ליבענקע? פיין, פיין, — גיט ער איר אַ גלעט — אַזאַ ווי איר איז אין מיין גוסט. די נאַטירלעכע בלום איז מיין שוואַכקייט. כ׳וועל זיך נישט שעמען: שוין לאַנג קוק איך אייך נאָך — — ער איז אַזאַ דעליקאַטער! זי וועט אים דערציילן פון איר טראַכטן, ער וועט זי איידל אַרומהאַלדזן און לסוף צו־זאָגן קומען צו איר אַהיים — זי נעמען צו זיך. „ער וויל שמועסן מיט איר מוטער. זי וועט עס אים דערלויבן, די פאַנגע האַלינקע, האַ?“ זי פילט, ער איז אַן ערלעכער.

ווידער עפענען זיך אירע אויגן. זי זעט פלוצלינג: ס׳רויטע היטל

זיינס טראָגט זיך איבערן גאַנעק ווי אַ מאָן־בלום, אַ לעבעדיקע אַזאַ, אַ פלאַמיקע. האַלינע דערשפּירט אַן אומגעריכטע קילקייט אין רוקן. פּאַניע קאָזשקו, פּאַאַ־ניעעע! — רופט זי און דאָס געשריי שטיקט איר אין האַלדז.

— אָ, מאַמוניו!

דאָס מיידל האָט נישט פאַר וועמענען זיך צו פאַרטרויען. האַלינע איז בלאַס, האַלינע איז פאַרקלערט און אירע שטאָלטנע פּיס בלאָנד־שען אַרום אין דער שווייגעוודיקער געגנט. אַלץ שווייגט, אַלץ האָט זיך פאַר־קוקט אויף איר און אירע אַראָפּגעלאָזענע וויעס זענען שווער, זענען דורכ־זיכטיק און זעעוודיק ביז ווייטיק. די וועווערקעס שפּרינגען פון בוים צו בוים, קנאַקן ניס, פּישטשען מאָדנע. זיי שמועסן מסתמא פון זייערע לי־בעס; דער האָלצפּיקער רעדט צום בוים און דער בוים באַנעמט זיין ווילן: פּיק־פּיק־פּוק און יענער ענטפערט אָפּ: טוק, סטוק, טוק... ווער פאַרשטייט זי, האַלינען? ווער ווייסט איר האַרץ? בלויז די מאַמענקע די איינציקע, די אומגליקלעכע. און פאַר דער מאַמען דער קלוגער שעמט זי זיך, דאָס מיידל, און פאַר זיך אַליין איז אומהיימלעך הויך אויף אַ קול איבערצוחזרן זיין נאָמען דעם געליבטן.

די מוטער קוקט טרויעריק האַלינען אין שווייגעוודיק־געקרענקטן פּנים אַריין. דער מאַמענקעס פייכט־גלאַנציקע פלוימען־אויגן גיסן זיך אָן מיט געקלאָג:

— אַי־אַי־אַי־י, ווי זי איז אַריינגעקראָכן אין בלאָטע: אַזאַ העק, אַזאַ גיהנום.

מער הערט נישט פון איר דאָס טעכטערל. דער בלינדלעכער, שטענ־דיק פאַרטועגער טאַטע איז שוין צוגעוווינט צום ווייבס העשען:

— אַ שטאָטישע, אַ פּאַני אַ פאַרפאַלענע!

און אַז מ'האָט דאָס מיידל, אַ שטייפע, אַ בלאָע ווי מילך אַרויסגע־צויגן פון דער אָזערע (אָ, די אומגליקלעכע ליבע!) האָט זי, די ואַמע, זיך געוואָרפן מיט אַ האַק אויף דער מיל, אויף דער שטאַל:

— אַ סוף, אַ סוף! געגוג זיך גענאַרט. אַ לעבן געפּטרט ביי דער כלאָפּסקע געצקע...

אין איר עלנטן אַמאָל האָט זי געמיינט, די פרוי, אַז ברויט וועט אָפּראַטעווען איר נישט־ניחאדיקן הונגעריקן קיום. געקומען אין דאָרף,

געגעבן זיך אַ קרבן. נאָכן אומגליק מיט ז'דער איינציקער טאָכטער האָט זי מער נישט געוויינט. אירע אויגן האָבן נאָר געפּיבערט אין שאַרפן גלאַנץ:
„אַזאַ בלום, אַזאַ בלום אָן זון" —
זי האָט שטיל גערעדט, באַדויערלעך געוויגט מיטן צעשויבערטן קאָפּ און פּלוצלינג, שטיקנדיק זיך מיט אַ ספּאַזם, אויפגעשפּרונגען — — —
ערשט דערנאָך האָט דער יאוש זיך אויפגעלייזט. די מילנערשע האָט זיך צעשריגן אַ מטורפע, געריסן די האָר פון קאָפּ, הויך און היסטעריש געלאַכט. ווען זי איז אַ מידע, אַן אָפּגעשטאַנענע פון וואָרפן זיך, מיט דער גאַנצער שווערקייט פון איר קערפּער אַנידערגעזונקען אויף דער שוועל פון כאַטע, האָט זי, אַ כאָרכלענדיקע, מיט צעפּלאַמטע באַקן ביז בלוט צעביסן די ליפּן און גערעדט צו זיך: „ אין אַ פּרוכנע־וואַנט האָסטו זיך אַנגעשפּאַרט, סטעפּאַניע, דו, סטעפּאַניע!"
די פּאַני סטעפּאַניע איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן שטויביקן ברעט פון שוועל און קאָנוולסיוו געצאַפּלט; דערנאָך האָט זי געקוקט אויף די אַרומשטייענדיקע, באַלד פאַרמאַכט די אויגן און, דאַכט זיך, אַנטשלאָפן געוואָרן. גאָר אומגעריכט, ווי אין פון דאָס ניי אָפּגעשפּירטע ברענענדיקע יסורים, וואָס האָבן געצערט איר לייב, האָט זי זיך אויפגעזעצט און קראַמפּהאַפט געקניפּט די באַקן. די גליענדיקע אויגן האָבן האַסטיק עפּעס געזוכט אַרום זיך. ווייטיקלעך צעשמייכלטע האָבן זיך גענומען באַוועגן די ליפּן און עס האָט זיך צעוויגט איר בלוט־צעביילטער קאָפּ:
— האָסט זיך סומך געווען, סטעפּאַניע, האָסט זיך סומך געווען אויף אַזוינס... — זענען ווי שרויט־שאָסן טרוקן געפאַלן אירע רייד — אַליין האָב איך צוגעהאָלפן צו דעם מיט מיין בייזיין, צי מיטן קנאַפּן שכל! דער שוואַרציאַר האָט מיך געטראָגן אַהער — — צו וואָס, צוליב וואָס, אַז אָן האַרץ איז אַלץ תהום, תהום!?
...זי האָט זיך געשוימט פון צעבונדענער סטיכיע; דער טויבער, ניי־דעריקער גאָרן פון דער מיל איז ברעטערווייז, ווי אָפּגעדאַרטע בלעטער, געפלויגן אין דער אויפגערירטער לופט. אַ פאַרזשמורעטער האָט דער וואַלד זיך צוגעקוקט צום יובל פון צעשטערונג. אין דער צעפּאָכעטער שטיל־קייט האָט געבלאַנקט די האַק אין איר האַנט, און ס'האָט געשריגן און גע־זונגען די קראַפט פון ווילן וואָס האָט זיך געריסן פון אַ מענטש, וועלכער האָט זיך אַליין, צי נישט אַליין, צוגעקניפּט צו אַ סטויפ וואָס רופט זיך: **לעבן, כמו־לעבן.**

מחמת דעם אומגעריכטן וואָס איז אים אָקערשט קאָפּוירגעקומען, איז דער מילנער געשטאַנען אַן אָפּהענטיקער אַנטקעגן דער אויפשטייגנדיקער מהומה. אַליין נאָך נישט באַנומען, וואָס ס׳געשעט אייגנטלעך, האָט ער באַוואונדערט די גבורה דעם צעפלאָשעטן ווייבס:

— סטעפאַ, אָ, סטעפאַ, ס׳אַראַ בריה דו ביסט!... יאַק באָזשע קאָכאַם!

עס איז אים נישט איינגעפאַלן צו פענטען דעם רויען כוח. מיט טאָמעוואַט צעפלאַמטע, בלינדלעכע אויגן האָט ער, אַ געפּלעפטער, געקוקט אויף דעם אימפּעט, וואָס האָט אָט־אָ צענומען די פליגל.

זיינע אַביסל אויסגעברייטערטע באַקן האָבן בשעת־מעשה דין, דין געציטערט, דאָס מויל האָט זיך לייכט אויסגעקרימט.

— אַ מענטש אַ נאַר, ער לאָזט אַזוי! — האָבן זייטיקע געמורמלט און אַוועק. צוקוקערס האָבן שטיל גערעדט צווישן זיך און מיט רחמנות אָפּגעקערט די בליקן. אַנדערע ישובניקעס האָבן געכיכיקעט אין זיך.

איינער נאָר האָט עס נישט געקענט צוזען: דער אַלטער בילאַנדער, יאַנטשאַ. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן צום מילנער מיט אַ געבייזער:

— ווערסט זיך פאַרזינדיקן, יאַן! קוקט ווי אויף אַ שפּילעכץ, פשיאַקרעוו!

◆

פון געאָרגיניעס, מאַלוועס און שטייפע קאַליריקע שטרוי־בלומען — אַ געשאַנק פון האַלינעס לעצטן זומער — האָבן חברטעס אויסגעפלאָכטן אַ קראַנץ. אונטער פאַרוואַלקנטער זון האָבן די בלומען־פאַרבן טרוקן געטליעט אויף דער פראָסטער הילצערנער טרונע און אין דער טרונע איז געלעגן, אַ בלאַס איינגעשלאָפענע, די טאָכטער פונעם מילנער יאַן שעך. כּייערלעך פרומער געזאַנג האָט זיך געוויגט אין דעם שווער אָנגעגאָסענעם טאָג אַריין. פרויען און מיידלעך אין לאַנגע, פילקאָליריקע וואָלענע קליידער האָבן מעלאַנכאָליש צעצויגן זייערע מיילער און פאַמעלעך נאָכגעשפּאַנט דער טרונע, וואָס האָט אויף בלאָע בענדער זיך געהוידעט איבער דער שוואַרצלעכער ערד.

דער דאָרפישער צווינטער ליגט העט אַריבער די בערגלדיקע פליינען. אַריבער די פעלדישע סטעזשקעס האָבן פּוילישע פּויערישע סעדלעך אַרויסגעוויינט זייער פרי־האַרבסטיקן עלנט: „גאָלע זענען אונדזערע

אָרעמס, אויסגעהוילט איז אונדזער טראַכט. ווער ווייסט צי ס׳גייט נאָך אַ פרילינג אויף אונדז? די שטרויענע קיטלען אויף אונדזערע לענדן זע־נען שטענדיק דין און די וואָרצלען אויסגעמאַרכט...״

פון די צווייגן זענען טרערן־טראָפּנס אַראָפּגעפאַלן. לעצטע בלעטער האָבן, רויטלעכע, געפלאָטערט אינעם גראָ פון טאָג.

דער צווינטער איז געלעגן אַרויף־באַרג. לאָקעטקע האָט זיך ערגעצווו אַראָפּגעקייקלט צו דער אָזערע, וואָס פּאָזע דער חרובער מיל.

אַן איינזאַמער צווישן די וואָס האָבן מיט צעצויגענעם געזאַנג באַ־גלייט האַלינען, האָט דער מילנער זיינע אויגן געזשמורעט אין אָנענד. ער האָט נישט געדענקט ווו ער איז, וואָס מיט אים איז. ער האָט נאָר גע־שפּירט ס׳היטל אין זיין האַנט; אים האָט געפּירט די טרונע, וואָס האָט זיך געוויגט פאַר זיין פאַרלאָפענער נידעריקער ראיה.

2

איטשע מאיר בילאַנדער

דורכן ספּאָלער וואַלד האָט געפירט אַ ברייטער, ערגעץ לייכטנדיקער וועג. גראָז באַוואַקסן איז געווען דער וועג און די מענטשן פון די איינ־געוויגטע קאַנטן האָט ער מאָדנע געשראָקן און מאָדנע געצויגן צו זיך. און ער האָט זיי געפירט אין עק וועלט אַריין.

דעם קדמון־וואַלד האָט אַמאָל צופוס דורכגעשפּאַנט אַ פּליציק, קליין מענטשל מיט אַ רויטלעכער, געקרייזלטער באָרד. איטשע מאיר בילאַנדער איז דאָס געווען און, אַ סברה, אַז ער איז עס געווען דער ערשטער גייער אויף דעם דאָזיקן גרויסן וועג. פון דעם ווייטלעכן מקום מאַליניעץ, וואָס אין קיסר קאַזשימיעזשס גיטער, איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אַהער. אַ טע־פער איז ער געווען, דער איטשע מאיר, אָבער הונגער האָט געטאָטשעט זיינע געדערים און ס׳געשריי פון ווייב און קינד האָבן אים פאַרטריבן פון־נעם היים־אָרט. ער איז אָוועק זוכן פרנסה. אָבער דאָס מזל האָט אויך דאָ

אומפריילעך אים צוגעדינט. בלויז אָרעמע פויערימלעך מיט שטרוי־געפלאָכטענע גאַרטלען אויף די צעפליקטע בגדים האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דעם קאַנט. פון הילצערנע שיסלען האָבן זיי געגעסן די הרעטשענע קאַשע. אויך די לעפל, מיט וועלכע זיי האָבן געכליאָפּטשעט דעם קלייענעם באָרשט, זענען געווען הילצערנע, אַליין אויסגעשניצטע. פון פלעווּעס, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פונעם שררהשן טיש, איז געווען דאָס ברויט פון אָרעמאַן. רק זיי האָבן געקרעכצט אויף דער אייגענער דאָליע, די פאַרמעטהויטיקע פויערן מיט די געדיכט באַוואקסענע פּנימער. טרויעריק האָבן זיי געקוקט אויף די ווייטע הימלען, וואָס טרינקען־אָן די פאַנסקע פעלדער, קאָרמען מיט פעטע פאַשע די גרויסע סטאַדעס. ס׳איז ביטער. ר׳איז פאַרריסן דער׳ פאַן, בייז... געמיינט, דאָ וועט זיין גרינגער, האָט איטשע מאיר אַ זמן־רב זיך אַרומגעפּאָרעט אויף די זאַמדיקע הויכקייטן, עפּעס געזוכט אינעם אַרום: בלאָטעס, בלאָטעס און זאַמד. אַ מדבר אַן עקרדיקער און ער פירט צו וואַלד. כאָטש קוק זיך אויס די אויגן! און איטשע מאיר האָט זיך מייאש געווען. נישטאָ דאָ אין ערגעץ קיין רעכטער ליים און ס׳איז נישט געווען פון וואַנען דאָס פּאָסנע ברויט אַרויסצוציען פאַרן הויזגעזינד. אָנגעטאָן זיין קליין טוכן היטל מיט דער שמאָלער דענקע און אַ פּאָר גרויסע שטיוול, וואָס האָבן געקלאַפּט איבער די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע, האָט ער פאַרקלערטערהייט געקנאָטן די מאָך־באַדעקטע זומפּן פונעם אייביק טונקעלן פריצישן וואַלד. אפשר וועט דער רבונו של עולם פירן דורך דאַנעט! זומפּ האָט געקווילט אונטער זיין שווערן טראָט; צווייגלעך האָבן געקנאַקט אונטער דער משא פונעם קאַנטיקן גוף; אומגעזעענע חיהלעך האָבן, איבערגעשראָקענע, פּלוצלינג אויפגעהויבן אַ קוויטשעריי און פאַרבייגעלאָפן דעם גבר, וואָס האָט זיך באַוויזן אין זייער עיגול. אין אַרומיקן דעמער האָבן פייגל זיך געוועקט, צעצוויטשערט זיך אין כאָר און געפלאַטערט איבער זיין קאָפּ. אונטן, ביי די נעז פון דעם מענטשנס שטיוול, האָבן העזהדיק זיך אויפגעכאַפּט און זיך געקוילערט נאָס־שוואַרצע שלאָפקעפּלעך. זיי האָבן געטרישטשעט צוזאַמען מיט די אויפגערירטע נאָדלען פון דיביימער, זינט צייטן אין וואַלד אָנגעוואַלגערטע אין קופּקעלעך, אין גראָבע שיכטן. אַ שניידיקער פייף האָט מיט אַ מאָל אַ ביס געטאָן דעם וואַלד: זזזהווו! זזזהוור־הו! ס׳האָט געקנאַקט, געסווישטשעט און די דערשטוינטע פינצטערניש איז אומגעריכט אויפגעריסן געוואָרן; פונקט אַזוי ראַפּטעמדיק איז דער שוואַרצער, אומגעהייערער מאַסיוו אַני־

דערגעזריקהט געוואָרן מיט אַ בענק, אַזש די קרוינען — אויפגעלויכטענע — האָבן אויף אַ רגע זיך אויפגעהויבן און אַ פלי געטאָן פון די שטאַמען. די ערד האָט זיך אַ וויג געגעבן אונטער איטשע מאירס פיס. דער מענטש האָט זיך ביטער דערשראָקן. אָן זיין וויסן האָבן זיינע ליפּן עפּעס פּרום געמורמלט, געשעפּטשעט און אַ פּאַרגלושעטער איז ער ערגעץ טיף פּאַרזונקען. דערנאָך, אַז ער איז געקומען צו זיך, האָבן געזעמלעךביימער זיך איינגעזאַמלט אַרום אים און, פּאַרחידושטע, זיך איינגעקוקט אין זיין צוקנדיקן פּנים. דעמאָלט האָט ער ערשט דערשפּירט פּיטש־נאַסע מלבושים אויף זיין לייב און ער האָט זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין. אָבער גיך האָט ער זיך אָנגעגאָסן מיט נייעם כוח: ממאַ... און אַז וואַלד? אַבי עס שמעקט נישט מיט גזלעוואָיעס! מיט אַ חיה־רעה גיט מען זיך יאַקאָש אַן עצה. פון די לאַזורנע הימל־שפּאַלטן איבער זיין קאָפּ האָבן ביימער־שפּיצן אַביסל זיך אָנגעבויגן צו איטשע מאירן. דער מענטש האָט זיך דערשפּירט מאָדנע געטרייסט. גאָטס ניסים זענען גרויס תמיד און אומעטום! זיינע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט און ער האָט גענומען שפּאַנען ווייטער. דער וועג איז ווידער געלעגן אין שאָטן פון ביימער, אין סאַמע געדיכטן שריי פון אומבאַוווּסטקייט, פון סכנה. בייזע הוריות, וואָס האָבן אַלע יאָרן נאָכבאַגלייט זיינע אבות־אבותיו, האָבן זיך אַצינד געיאָגט אויף אים און ער האָט זיי געטריבן, געלאָפן פון זיי. איטשע מאיר האָט גייענדיק פון ס׳ניי עפּעס געוויספּערט און זיין בליק האָט אָן אויפהער אַרומגענישטערט. בלאָנדזשעט ער נישט אין דער אומענדלעכקייט? יאָ, וואַלד, וואַלד! — גלייך ער וואָלט זיך געראַטעוועט פון אַ שלעכטן חלום, האָבן זיינע ברעמען מיט אַ מאָל זיך פּאַרשאַרצט און מיט עקשנות האָט ער געזוכט אויפריכטעניש אַרום זיך.

געגאַנגען, געגאַנגען ביז ער האָט דערגרייכט דעם גרינעם ראַנד פון אַן אומבאַקאַנטן מענטשישן ישוב. הימל און פעלד און בלאָע, זידנדיקע קוואַלן צווישן זאַפטיקע ביימער, צווישן רואיקע הילצערנע הייזקעס. דאָס האָט איטשע מאיר די שטאָט טאָמאַשאָוו דערווישט. אין דעם שפּעדיקן מאַזאָוויע איז דער ישוב געלעגן אַ צונויפגעהויקערטער, אַן איינגעהאָרכטער אין די שורעוועדיקע וואַסערן פון דער פּיליצע. איינס נעבן אַנדערן זענען געשטאַנען די הייזלעך מיט די גאַנקעס, מיט שינדל־דעכער און שטרויקאַפּלען. די פענצטער זענען קוים אויפגעשטיגן פון דער ערד. גאָרטנס

האָבן באַקראַנצט די שטובן און בהמות און שאָף האָבן זיך געפּאַשעט אין דער נאָענט. די טאָמאַשאָווער לייט זענען געווען צוגעבונדן צו זייערע אַקער־אייזנס און דאָס ברויט פון זייער אייגענעם געבעק איז געווען באַטעמט און זאַט. בערדיקע יידן אין יאַרמלקעס און, להבדיל, ס׳זייעריקע מיט גרויסע אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס און אַנטבלויזטע קעפּ האָבן באַנאַנד צווישן די פינגער געפּרווט די קרוכע ערד, די ווייבער האָבן באַנאַנד געכאָוועט קעלבער, לעמער געשוירן. מ׳האָט געווינט בשכנות און פריד האָט מיט זיי געהויזט. אַ מאַרק מיט שטעלעכלעך סחורה איז געווען אַרויסגעשטעלט אין דרויסן פון דעם היימלעכן טאָמאַשאָוו און דינסטיק און פרייטיק פון יעדער וואָך איז ס׳פּאָלק זיך צונויפגעפאָרן אַהער אויפן טאָרג. דער מאַרק און די הייפלעך זענען געווען פול מיט תבואה, מיט מילכוואַרג און מיט פלאַקס. פויערן און פויערטעס האָבן געלויבט זייער שווערן קאָרן, זייער גאָלדענעם האָניק און געבענטשט די קונים: „ביעך בענדזשע נאָ זדראָוויע!“ זיי האָבן געשפּאָלטן דעם מקח אויף אַ האַלבן גראָשן; מ׳האָט באַזאַכט איינגעבונדן דאָס קלימפּערנדיקע מינץ אין אַ טאָרבעלע, אין אַ שמאַטקעלע און עס באַהאַלטן אין בוזעם. דערנאָך האָט ס׳פּויערימוואַרג זיך געדונגען ביי די קרעמערישע ביידלעך און טישלעך. אויף אַהיים האָט מען איינגעהאַנדלט קלעצלעך זייף, טאָרבעס זאַלץ, מאַטיקעס פּאָדעם און פּענעצן לעדער.

אַ געדיכטער רעש איז געשטאַנען איבער די פּולקאָשיקעס, וואָס אויף הויכע, אייזן־געקאָוועטע רעדער, איבער די שטעלעכלעך צעלניק און זיסקייטן. דער טאָמאַשאָווער מאַרק האָט זיך געוויגט אין קאָלירן פון דאָרפישע בגדים, פון שרייאיקן שפּילצייג, וואָלוועלן קאָרט און הויכן, זאַטן גערייד. פויערן אין סערמענגעס, אין שוואַרצע קאַפּעלושן און פויערטעס אין פאַסן־קאָלירטע „זאָפּעסקעס“ פאַרוואָרפענע איבער קעפּ און אַקסלען האָבן פאַרקויפט, געקויפט. מ׳האָט זיך געדונגען מיט איינגעשפּאַרטקייט, מיט היץ און ס׳געקוויטש פון עופות און מענטשלעכע קולות האָבן זיך איבערגעשריגן. און האָט דער טאָג געהאַלטן ביים פאַרגיין — די שקיעה האָט זיך געלאָשן, דער מאַרק, אַ געבענדיקטער, איז מאַט אָוועקגעפאַלן אין שטויב־רויכלעך פון פאַרנאַכטיקן ווינטל — האָט אין קרעטשמע זיך צעהודיעט די קראַפּט פון אָקעוויט. שטאַרקן בראַנדוויין האָבן לייט געטריבן פון קאָרן און הייוון און אַריינגעגאָסן האָט מען דאָס אין זיך גאַנ־

צענע עמערס. מ׳האָט געטרונקען מיט שעפּערס און פאַרביסן מיט גע־בייטלט שטאָטיש ברויט, מיט פעטע גענדזענע אָדערקעס. דער עולם האָט בשעת־מעשה גוטברודעריש זיך געקלאַפּט איבער די פּלייצעס און זיך גע־ווונטשן „נאַ שטשענשטשע״.

אויף ביינאַכט האָט מען אַלצאיינס זיך נישט געלאָזן אַהיים. דער וועג פון טאָמאַשאָוו איז געווען ווייט און די פינצטערניש איז שוין גע־שטאַנען ביים פלאַנקן. האָט מען זיך אויסגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע פון איינפאָר־הויז און צווישן די פיס אָוועקגעשטעלט פרישע גאַנשערס אָקע־וויט. ביז פאַרן שלאָפן־גיין האָט אונטערן נידעריקן קרעטשמע־באַלקן זיך צערעדט אַ פריילעכע האַרמאָשקע און עמעץ האָט בגילופין צוגעזונגען:

Umarł Maciek, umarł —
leży już na des-cee!
Jakby mu za-grali
pods-ko-cyłby jess-cee,
u-chaaa! — — —

◆

איטשע מאיר לאַקעטקער האָט פון טאָמאַשאָווער טאָרג אַהיימגע־בראַכט נייע ריחות פון שטאָט און מענטשן. אין שטוב, וואָס איז געווען פאַרחושכט, האָט זיך איצט געשטעלט אַן אַנדערע היימלעכקייט, אַ ליכ־טיקער טומל. שכנים און אויך קליינוואַרג האָבן מיט גינציקייט מקנא גע־ווען איטשע מאירן. קינדער האָבן זיך געקוויקט מיט די קעזענע גאָמלקעס פאַרקנאָטענע מיט קימל, מיט די שטאָטישע צוקערלעך און פאַרגאָווערטע געחלומט פון נייע שיכלעך, אַ ניי קליידל.

און די אַנגעצונדענע בוימל־פלעמלעך אין די אָוונטלעכע כאַטעס אַרום וואַלד האָבן אויפגעלעבט דעם דאָרפישן ישוב.

...פון דעמאָלט אָן האָט איטשע מאיר מיט חשקות זיך באַזעצט אין ספּאַלער געגנט. די לאַקעטקער זאַמדן האָבן אים מער נישט געשראָקן. אַז מענטשן וווינען אויף אַן אָרט, ווערן זיי שוין אַרומגעוואָקסן מיט באַלע־באַטישקייט, בפרט, אַז ברונעמער לאָזן זיך גראָבן. נאָר כּוח און יאָרן, רבונו של עולם! — האָט ער געטענהט און געטאָן אַלץ כדי מער נישט צו זיין אויסגעשטעלט אויף דחקות. פּאַמעלעך האָט אויפן לאַקעטקער בערגל זיך אויסגעברייטערט די נחלה פון „מאַיאָרעקן״ און די שטחים אַקער־

פעלד זענען אין משך פון יאָרן געכפּלט געוואָרן אַ סך, אַ סך מאָל. צו וויקן לאַנד איז ער דערגאַנגען, אַ „דזשעדזשיץ" געווען אין די אויגן פון די קבצנישע פויערן.

און איטשע מאיר בילאַנדער האָט אויך אויסגעטראָטן דעם וועג קיין טאָמאַשאָוו. נאָך אים זענען מיטן וואַלד געגאַנגען אַנדערע. איטשע מאיר האָט שפּעטער זיך שוין געהוידעט אויף אַן אייגענעם געשפּאַן. דער בתּר־להדיקער וואַלד־שליאַך, וואָס האָט זיך אַלץ מער צעעפנט פאַר די מענטשן, האָט דעם לאָקעטקער שוין געפירט מיט פאַרמאַכטע אויגן.

עס האָט געטראָפן: איטשע מאיר איז אַנטדרימלט געוואָרן אויף זיין פורל. די טשאָטעס פייגל, וואָס איבער זיין קאָפּ, האָבן מיט צוויטשערייען אים איינגעשלעפערט. דאָס פערד, אויך אַ פאַרדרימלטס פונעם גרינעם, נעפּלדיקן געזאַנג, איז געגאַנגען אַן לייצעס, אָן אַ „וויאָ". ערשט אַז אַ שלאַנג האָט צישנדיק זיך אַ וואָרף געטאָן פון אַ נאָענטן קושאַק, האָט די קליאַטשע זיך מוראדיק צעהירזשעט און גענומען האָסטיק טרייסלען דעם וואָגן. דעמאָלט האָט דער באַלעבאָס זיך איבערגעוועקט און דערשפּירט — אַ גאָס־רעגן האָט אין מיטן דעריינען אָפּגעצוואָגן דעם וואַלד. איטשע מאירס קליידער זענען געווען וואַרעם און נאָס און דער הימל האָט אים צוגעוואָרפן שופן בלענדיקן בלאָ.

בחייו האָט איטשע מאיר נאָך אויף זיין פורמאַנקע געפירט קיין טאָמאַשאָוו אויך זיינע שכנים, זיינע אייגענע קינדער, און זיין נאָמען איז געוואָרן געהערט געוואָרן אין דעם וואַלדיקן קאַנט. דאָס פאָלק, וואָס האָט דורות־לאַנג נאָך איטשע מאירן געצויגן קיין טאָמאַשאָוו דעם אויסגעוואַקסענעם כרך, האָט נישט אויפגעהערט אָנצורופן דעם יידנס נאָמען:

— מיר פאָרן דורך דער בילאַנדרוווקע...

— איכ'ל אויסבויען מיין שטוב פאַזע דער בילאַנדרוווקע.

— געדענקסט דעם אַלטן מאַיאָרעק? גאָר אַן אָרנטלעכער געווען דער סטאַראָזאַקאָנני!*

מ'האָט אויסגעלויבט און מ'איז געווען צוגעבונדן צו דעם מענטשן, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ טעפּער און האָט זיך צוגענאָפּלט צו דעם קאַנט, וואָס איז כולו ערד און כולו וואַלד.

---

* דער אַלטגלויביקער.

3

יאַנטשע מיט דער יאַנטשעכע

שטענדיקער אינדערוואָכן האָט זיך געשפּרייט איבערן דאָרף.

ווי ווערים אין דער פייכטער פינצטערניש האָבן די לאָקעטקער מרה־שחורהדיק געטאָפּטשעט אין דער בידע, אָן אויפהער אונטערגעשפּאַרט זייערע שטאַלן מיט דרענגלעך, געקלאַפּט טשוועקעס אין פּרוכנע, געדרוקט קלינעס אין צעפּאָרענע ווינקלען. מ׳האָט געחלומט פון אַ קאַלב, וואָס זאָל ווערן אַ מעלקנדיקע קו, מ׳האָט געחלומט אַ חלום פון ברויט.

אַן אַראָפּגעלאָזענע אויף אַ הויכקייט, וואָס איז מיט אירע בערגלעך ווי מיט כוואַליעס — כוואַליעס געלן זאַמד — אַוועקגעשווומען העט, העט, האָט לאָקעטקע געשלונגען דעם לאָקנדיקן רויש פונעם גאָשטשינעץ, וועלכער לויפט פאַרביי די בערגלעך. מיט צעשפּאַרטע אויגן האָבן די מענטשן אויסגעקוקט אַ פרעמדן, וואָס קומט זעלטן אַהער אַ פאַרפרוירענער צי אַן אָפּגעצוואָגענער פון די אָנסופיקע פוילישע וועגן. אָפּאָטשנע, קינסק, קעלץ — דער קאָפּ האָט הויל און הילכיק געטומלט מיט דעם, ווי מיט צעוויגטע גלאָקן אין טויבער נאַכט.

ווייט פון טראַקט איז געלעגן לאָקעטקע. אַ פרעמדער וואָגן האָט אַ מאָל אין אַ יובל זיך באַוויזן אין די היגע קאַנטן. געוווּסט האָט מען נאָר, אַז אין ספּאַלע רודערט זיך אַ שטאַרק לעבן. מ׳קומט, מ׳פאָרט און אַז מ׳פירט האָלץ פון וואַלד אַרויס, ווערן די מענטשן מיט די פערד און וועגענער ערגעץ פאַרטרונקען. לאָקעטקע איז אָפּגעזונדערט פון יענעם רעש, כאָטש אַ מאָל ציט עס אַהין. נישט געוווינט איז מען דאָ צו האַסטיקייט. ס׳נישט ספּאַלע, אויך נישט די מענטשן, וואָס אין ספּאַלע.

אין זון־שיין גלאַנצן די הירשענע הערנער פאַרן לעסניטשיס הויז, וואָס אין דער ליכט באַגאָסענער פאָרעמבע; אויף דער פראָסט שימערן זיי אין שנייאיקער שלעפעריקייט און די שטילקייט ווערט פריילעך צעטומלט פון וואַלד, פון די מענטשן די ספּאַלער. לאָקעטקע ליגט אַוועקגעוואָרפן

אויפֿן קעגנאיבערדיקן בערגל און זי הערט זיך איין אין דעם באַזאַכטן פֿויזען פֿונעם טאָג, פֿון דער נאַכט, וואָס האָט זיך פֿאַרטייעט אין דעם מעכטיקן וואַלד.

איטשע מאיר איז שוין לאַנג נישטאָ. געבליבן איז אין דער געגנט דער זכר פֿון אים — דער וועג די בילאַנדרוווקע — און די שטוב אין לאָקעט־קע, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין ירושה צום זון, צו חיים יאַנטשען.

אין טאַטן געראָטן איז חיים יאַנטשע קורצגעוואַקסן, ברייטבייניק, מיט שאַרפֿע אַקסלען. אַ קאַנטיק מענטשל. ווי איטשע מאיר רירט ער נישט די באָרד. ס׳פּנים איז אַ האָריקס, נאָר אין אונטערשייד פֿונעם פֿאָטער עליו־השלום איז חיים יאַנטשעס באָרד אַ טיף שוואַרצע און פֿון דעם שוואַרצן געקרייזלטן האָרעכץ קוקט אַרויס אַ שאַרפֿע, רויטלעכע דין־געע־אָדערטע נאָז. איבער די שטיקלעך באַקן, וואָס רייסן זיך אַרויס פֿון דער האָר־געדיכטעניש, באַוועגן זיך זייַנע נישט שוואַרצע, נישט ברוינע אויגן, נאָר אויגנשפּיגעלעך אַזוינע אין גרינלעכע רעמלעך.

יונגווייז, ביז אַ שטיק נאָך דער חתונה, איז חיים יאַנטשע געפֿאָרן קיין טאָמאַשאָוו, געמסחרט מיט שטיינערן געפֿעס, אַליין אויך אַביסל געע־ברענט טעפּ און שיסלען. אַז ער איז עלטער געוואָרן איז חיים יאַנטשען פּלוצלינג נישט געפֿעלן געוואָרן דעם טאַטנס טעפּעריי און נישט דעם טאַטנס מסחר מיטן ליימענעם געשיר. „ס׳ברעכט זיך, ס׳פּלאַצט... ווער האָט כּוח זיך צו ראַנגלען מיט שפּינוועבס? גנאַי! יאַך וויל נישט, יאַך קען נישט...‟ אומגעריכט אַזוי. ער האָט זיך געאַמפּערט מיטן ווייב, ער האָט פֿאַרשוויגן אַ סך ביטערע רייד אירע און אַראָפּגעלאָזן די הענט. בלויז די ירושהדיקע ערד האָט פֿאַרכאַפּט זיין חשק. אין איר איז ער געע־ווען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן, אין איר געגלייבט נישט צו פֿאַר־גלייכן ווי אַ גוי אינעם יויזל. ס׳ווייב האָט טאַקע אַזוי געזאָגט און זי האָט נישט איין מאָל זיך צעוויינט אויף דעם. די ערד די לאָקעטקער האָט אָבער אָפּגעקערט איר האַרץ פֿונעם הויז פֿון די בילאַנדערס. זי איז געווען קאַרג מיט אירע גאָבן. און האָט מען אין שטוב דערשפּירט דחקות, מ׳האָט באַדאַרפֿט עפּעס קויפֿן אין שטאָט, האָט חיים יאַנטשע „אָפּגעלאָזן אַ שטיקל ערד‟ דאָ דעם שכן, דאָ אַן אַנדערן. און געקוועלט האָט מען זיך ברוך השם גאַנץ אָפּט. זי, ראַכל, איז אָפּגעשטאַנען פֿון רעדן און טענהן. אַ דעמב האָט חיים יאַנטשע געוואָרצלט אויף דעם אָרט וווּ ער איז פֿאַר־

זעצט געוואָרן און אין די אומוועטערס פון איינגעבראָכענעם געמיט (צער האָט סוף־כל־סוף אים אָנגערירט) — שטיל און לאַנג גערוישט. ער האָט ווינציק גערעדט, ר׳האָט ליב געהאַט רק זיך צו פּאָרען ביי עפּעס אַרום דער שטוב. די האָרעוואַניע האָט אים צעשטרייט, די מידקייט האָט אים מאָדנע געלאַשטשעט. דער היימלעכער טומל פון טאָמאַשאָווער מאַרק, וואָס לייט האָבן אָנגעטראָגן אין דעם רואיקן ישוב אַריין, האָט אים גע־לאָזן אַ גלייכגילטיקן. גאָר אַן אַנדערער געוואָרן דער מענטש. די שכנים האָט עס שטאַרק געחידושט. „אָ, יאַנטשאַ, צי זעסטאַזשאַל יוז?״ ער האָט אַ מאַמלע געטאָן מיט די ליפּן, געשמייכלט זיין בערדיקן שמייכל און זיך געטאָן זיין טואונג. אין די טאָרג־טעג, ווען די שכנים זענען נישט געוואָרן פון די כאַטעס, איז חיים יאַנטשע געשטאַנען אויף דער שוועל פון שטוב, געקוקט צום וואַלד־ראַנד און אַ פאַרטראַכטער מיט די פינגער אַריין אין דער באָרד, געגראַבלט אין איר און שטילעטשקע געברומט אין זיך אַריין. זיין אויער האָט בשעת־מעשה הונגעריק זיך איינגעגעסן אינעם ריזלען פון דער אָזערע, מיטן בליק זיך אָנגעהאַנגען אָן די קלאָגוווערבעס, וואָס שאָ־מענען זיך ביים טאַליקן אָזערע־ברעג. געקוקט, און די דערנעבנדיקע שוואַרצע מיל האָט אַריינגעפּויזעט אין זיין מוח: „איי־איי־יי, ווען דאָ זאָל זיין אַ רעכטער באַלעבאָס! מעל ווי די זון פאַר דער וועלט... אַ רעכ־טער באַלעבאָס.״ פון געוווינשאַפט האָט זיך אים געטראַכט, מחמת אין שטוב פלעגט מען מיט באַדויער איבעררעדן וועגן שעכס מיל; ס׳אַ ברויט מיט אַ מעסער, נאָר אַ פינצטערער געשוויר, ביי זיי בלייבעכץ, האָט גע־נומען טאַטשען יענעמס הויז... בלויז דאָס האָט גערירט חיים יאַנטשעס געהירן. אויף ממשותדיקס: פּרוּוון אפשר אָפּדינגען די מיל, זיך אַ דריי טאָן, ס׳זאָל זיין אַ סגולה פאַר פּרנסה — אויף ווייטערס איז חיים יאַנ־טשעס רעיון געווען פויל. אים האָט סתם זיך געבענקט נאָך ענדערונגען, אָבער אָנשטאָט אַ צאַפּל צו טאָן מיטן לייב און לעבן, ווי דאָס האַרץ האָט געקלערט, שטאָט אַ געשריי צו געבן, אַז ס׳דאַרף זאָל זיך צוזאַמענלויפן אויף איין אָרט, האָט ער געפּועלט ביי זיך ליבערשט פאַרפאַלן צו ווערן אין שטאַל.

אויף אים איז אָנגעוואַקסן אַ האַרטע פּויערישע קאָרע.

אין קאַמיען, דעם שכנותדיקן דאָרף, האָט חיים יאַנטשע, לאַנג שוין אַ חתונה־געהאַטער, זיך אויסגעלערנט שמידעריי. ווען ער האָט געעפנט אַן אייגענע קוזשניע אין לאָקעטקע, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— מוחל די שאַרבוינעס. פאַרן טאַטן, ס׳גן־עדן זאָל ער האָבן, איז עס געווען אַן עסק... דיינו!

נאָר לאָקעטקע איז געלעגן אַן אַ זייט פון טראַקט. די ישובניקעס זע־נען קבצנים, האָבן נישט באַדאַרפט קיין קוזשניע. אויב עפּעס האָט אויפ־געהערט דינען אין דער באַלעבאַטישקייט, האָט איין שכן דעם אַנדערן געהאָלפן עס פאַרריכטן. האָט געקלונגען אייזן אין לאָקעטקע, האָט מען שוין געוווסט אַז יאָסעק האָט פאַרבעטן דעם וויטינער צו זיך אין שייער אַריין. ביידע מאַכן זיי צורעכט ס׳אָקער־אייזן. אַזוי אויך מיט אַ דאַך, וואָס מ׳האָט געדאַרפט דעקן אָדער אַ וואַנט האָט זיך געבוקט כורעים. פערד האָט מען נישט געקאָוועט אין דעם וואַלדיקן אָרט. די פערד זענען געגאַנגען באָרוועס. זאַמדיק איז די ערד פון לאָקעטקע. און אין שטאָט אַריין איז מען געפאָרן נישט געאיילט, דורך פעלדישע וועגן. און געפאָרן איז מען אַ מאָל אום ווינטער, געציילטע מאָל אום זומער. יעשן־צייט האָט מען זיך זעלטן אַרויסגעכאַפּט פון ישוב. די בלאָטעס געווען צו טיף, די סטעזשקעס שטאַרק גליטשיק, אַז אַ באַלעבאָס זאָל איינשטעלן דאָס פערד. ס׳האָט שוין געטראָפן מ׳זאָל איינשניידן אונטערוועגס און ווייב מיט קינ־דער זאָלן קלאָגן ביז מידקייט אין דער נאַכט אַריין און נישט וויסן ווו דער גאָספּאָדאַזש איז אַהינגעקומען: צי די וועלף האָבן אים פאַרציקט, צי דאָס פערד איז געפאַלן און מער נישט זיך אויפגעהויבן... און ס׳בהמהלע איז דער גאַנצער אַנהאַלט פאַרן הויז. פון די קי איז סתם נישט צו רעדן. לאָקעטקער קי זענען באַוווסט אין גאַנצן קאַנט פאַר מאָגערע, האָבן קנאַפּ מילך געגעבן, שמאנד האָט מען ווינציק געפּוטערט פאַר דער שטאָט און די עופות האָבן זיך נישט געפלייסט מיט לייגן אייער.

אַז מ׳זאָגט: אַ בידע, קען שוין קיין גרעסערע נישט זיין. און אין לאָקעטקע האָט מען זיך אויסגעלערנט דורכשטופּן דאָס לעבן מיט דער בידע. פאַלט עפּעס אַראָפּ פון דער האָרעוואַניע, וואָס מ׳לייגט אַריין אין דער זאַמדיקער ערד, אין דער נעבעכדיקער שטאַל, מוז מען עס אַליין אויפעסן. עסן נעבעך אויף די לאָקעטקער אַלץ, פאַר וואָס מ׳קען אין שטאָט קריגן אַ זלאָטע און מ׳בלייבט ווייטער הונגעריק.

חיים יאַנטשע האָט אַלץ געוווסט און שלום געמאַכט מיט דעם. צע־רייסן זיך וועט סיי־ווי נישט העלפן, האָט ער געטענהט צו זיך און צו דער יידענע און נישט דערלאָזט צו זיך קיין יאוש.

— טאַטע־מאַמע האָבן נישט געקענט מער אויפּטאָן, ׳על יאַך זיך צע־ראַאַסן?

ער איז געוואָרן אַ היים־זיצער.

ווען אין דרויסן האָט זיך צעשפּילט אַ זאַווערוכע, האָט דער מענטש זיך אָוועקגעזעצט אין פענצטער, געקוקט ווי דער ווינט דרייט דעם שטויב פון דער ערד, הייבט אויף רויך־וואָלקנס, טרייבט די אויסגעדאַרטע אי־בערבלייבענישן פון אָפּגעראַמטן פעלד. חיים יאַנטשע האָט ליב געהאַט דעם שניי־געווירבל, וואָס פאַרשלינגט די ווייטן. פאַררוקט די הענט אין די אַרבל און געקוקט.

די שטיקער געלבלעכע ערד, ווייט אַרום דער שטוב, זענען געווען קאַרגע שפּייזערס פון דעם הויזגעזינד. ראָכל די בילאַנדעריכע האָט נישט געקענט צוזען דעם צער פון די קינדער, וואָס זענען בלאַס און די בייכלעך ווערן ביי זיי גרויס און אָנגעבלאָזן. די יידענע האָט זיך צעביסן די פאַר־דאַרטע ליפּן, אין פאַרטעך אַריין אויסגעכליפּעט איר צעבראָכנקייט. „מיין פינצטער מזל, מיין וויסטער גורל...״ מיטן מאַן האָט זי זיך נישט גע־קענט קריגן, כאָטש זי האָט עס געוואָלט. אַ קאַליקע געוואָרן, לא עלינו. אים אַרט דען אַז ס׳הויז גייט אונטער?

זי האָט באַרעכנט: ס׳איז איר באַשערט מיט אים אויפּצועסן אַ זעקל זאַלץ. צו וואָס די טעג און די יאָרן זיך פאַרמערן? ער איז דאָך נישט געווען אַזוינער. אַ קליפּה אין אים אַריין — — און אפשר איז עס אַ שטראָף פאַר איר? דער אייבערשטער זאָל זיך מרחם זיין. דער שטיין איז געפאַלן אויף איר. זי מוז עס מקבל באהבה זיין — זי וועט אַוועק קאַ׳ אָפּאָטשנע. זי וועט זיך אַרומקוקן, אפשר זיך גאָר אַריבערקלויבן אין שטאָט אַריין. די קינדער ׳עלן זיין אַ הילעף, און ער וועט זיך ענדערן. זי ׳עט פּרוּוון אַ רייד טאָן מיט מענטשן, אפשר ׳עלן זיי עפּעס עצהנען.

דער וועג קיין אָפּאָטשנע פירט אַרויף־באַרג און דער באַרג־אַרויף הייבט זיך אָן הינטערן דאָרף. זי איז אַוועק. אין אָפּאָטשנע האָבן גוטע לייט אַנדערש זי געלערנט:

— טוט נישט קאַ׳ באַרישקייט, יידענע! ד אָ ר ט זענט איר אינ־דערהיים, ד אָ — וועט איר זיין אין דער פרעמד. האָרכט מיך — די פּרנסה האָט עץ דאָרט. צ׳דאַרפט עַנק נישט צעברעכן. דער הימל איז

חלילה נאָך נישט צו דר׳ערד געפאַלן. אַ ביסעלע מי און דער אייבערשטער וועט העלפן...

אין אַפּאַטשנע האָט זי איינגעהאַנדלט אַ ראַמשל סחורה, ווי די שטאָ־טישע האָבן איר צוגערעדט, און אין כאַטע געעפנט אַ קרעמל.

פון דעמאָלט אָן האָט איבער לאָקעטקע און די שכנותדיקע דערפער ווידער פאַרקלונגען דער נאָמען פון די בילאַנדערס. צו בילאַנדערן נאָך טאַבעק, צו בילאַנדערן נאָך נאָדל־פאָדעם, צו בילאַנדערן נאָך זיסן קוואַס.

חיים יאַנטשע האָט פון דעמאָלט אָנגעהויבן פאָרן קיין אַפּאַטשנע.

פון דעמאָלט אָן האָבן מאַנסלייט אים אָפּגעוואַרט אויף די דאָרפישע שטעגלעך:

— דזשען דאָברי, יאַנטשאַ *

— גאָט העלף! — האָט ער געענטפערט אין דער פאַרטעך־באָרד אַריין און דאָס געקניפּטע שטריקענע בייטשל אַ דריי געגעבן איבער זיין אייגענעם קאָפּ, — טפּררר!

ער האָט אָפּגעשטעלט ס׳פערד און אויסגעהערט דעם „קום״.**

— ברענג, יאַנטשאַ, געלע און גרינע און רויטע פאַרב פאַר מיין ווייב. וואָל, פאַרשטייסטו מיך, האָבן מיר פאַראַיאָריקע. פאַר דער טאָכטער, פאַר זאָשען, וועט מען אַ יום־טוב־קלייד נייען.

— האָ־האָאָ! — מאַכט דער ייד אויפן שטרוי־סנאָפּעקל אין וואָגן — ווילסט, זע איך, פאַר אַ פאַניושע זי מאַכן. דאַי באָזע! — דערלאַנגט ער נאָך אַ שמייכל אויך.

— אַ בחור שדכנט זיך, טעטע־טע... קומיע — זאָגט דער פויער היי־מיש־פאַרטרוילעך מיט צעגלאַנצטע אויגן און ס׳פערדל דעם יידנס שפּיגלט זיך אין זיין בליק.

אַז חיים יאַנטשע האָט גערירט פון אָרט, האָט יעדע כאַטע אים נאָכ־געקוקט. און ביינאַכט, ווען אַ וואָגן אַ פאַרשפּעטיקטער האָט געסקריפּעט איבער די פינצטערע פעלדער, איז מען אַרויס פון די הייזקעס מיט אָנ־געצונדענע לאַמטערנעס, מיט פלאַקערנדיקע קינדלעך.

---

* גוטמאָרגן, יאַנטשע.

** פריינד,

— נאַש יאַנטשאַ יעדזשע!*

ווי פון אַ תהום אַרויס האָט חיים יאַנטשע זיך געהערט פון דער פינצטערניש אַרויס מיט זיין צוגעלעגן קול. ער האָט אַלעמען אויף גיך געענטפערט און אויף די צעקרעכצטע רעדער זיך אַוועקגעקאָלערט איבערן אָנגעיעזשעטן לאַנד, וואָס האָט אָקערשט זיך צעעפנט מיט שרעקיקן כי־שוף פון די אַלטע וועלדער. ווידער האָט מען זיך פאַרמאַכט אין די כאַטעס אויף די הילצערנע ריגלען און די נאַכט האָט מיט טשעפּקע פּיס פון אַ ריזן־שפּין זיך אַריינגעוועבט אין איבערדריסיקן טראַכטן: — באַבסקע בייקעס דיר אין מוח אַריין...

אויף צומאָרגנס איז מען פון באַגינען אָן געגאַנגען אין קראָם אַריין. און געגאַנגען איז מען קיין לאָקעטקע פון ווי־ווייט. „דזשאַדעס" פון מאַזשאַרגיע זענען געקומען נאָך ריצנאַייל, קאַמיענער פויערטעס האָבן געפרעגט אויף הייזון, אויף אמאַראַנטענע בענדלעך אויסצובינדן שלייפלעך אין די מענערישע חגאָ־העמדער. יונגע פאַראָבקעס פון יאַנקאָווסקיס פאָלוואַרק אין פּיאַסקי האָבן אויפן וווּנק געבעטן פאַרביקע אָנזיכט־קאַרטלעך פאַר זייערע כלות, האָבן געמאָנט שוואַקס צו די זונטיק־שטיוול. פלאַקס־האָריקע קליינקע פויערטעלעך אין לאַנגע וואָלענע קליידער זענען געקומען נאָך נאַשעכץ. אַלטע לייט, אומיסטן פאַרבליבענע אין קראָם אויפן סאַמע לעצט, האָבן מיט צעוואָסערטע אויגן געסקאָמליעט: „יאַנטשאַ גיב אַביסל אָט־אָ־דאָס..." און זיך אַ שנעל געטאָן אין שטאַרק געקאַרבטן גאָרגל אַריין.

מיטן לאָקעטקער קרעמל האָבן זיך געשפּייזט די באַגערן און די פאַנטאַזיע פון דער פאַרוואַלגערטער געגנט. אָבער חיים יאַנטשע האָט זיך נישט געטויגט צום האַנדל. ער איז געבליבן אַ קנאַפּער ריידער.

— צאָ כצעש? — האָט ער אַביסל האַסטיק אַ פרעג געטאָן און געוווּסט צו דערלאַנגען נאָר דאָס וואָס איז פאַראַנען אונטער דער האַנט. פאַררײדן די פּשוטע לייט, צוזאָגן ברענגען דאָס געגאַרטע, איז נישט געווען אין זיין שביט — יאַך וויים ניש, — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַרן ווייב, וואָס האָט כסדר געהאַט פאַראיבל אויף אים. —כ'האָ ניש' קאָ' לב דערצו... — ער האָט נעבעך חושד געווען דאָס ווייב, אַז זי וויל אָפּנאַרן דעם שכן. — קעגן אַן ערל ווילסטע זיך פאַרזינדיקן, יידענעטשיסקע

---

* אונדזער יאַנטשע פּאָרט.

— האָט ער איר געזאָגט תּרעומותדיק. זי, אַ צעפּלאָמטע אין איר בלאָס־קייט, האָט אים נישט געקענט ענטפערן. זי האָט׳ן נאָר אַרויסגעשטופּט פון דער קראָם־קאַמער:

— גיי דיר!

די פּרנסה, וואָס האָט זיך געוויזן פון דעם פּיצל מסחר, וואָלט זיך נישט געהאַלטן אויף חיים יאַנטשעס „צאַ כצעשו?״ און אויף זיין תּיכּפ־דיקן „גימאַ״. דאָס אויסגעהאָרעוועטע ווייב, וועלכע האָט שוין באַוויזן אָנ־צושיטן אַ שטוב מיט קינדער, האָט איר גאַנצן שכל און די גאַרע מאַמע־דיקייט אַריינגעלייגט אין דער פרישער קאַפּיקע, וואָס איז געקומען פונעם געוועלבל. זי איז געווען ליבלעך צו די פּויערטעס, צו די פּויערן, זי איז געווען באַריידעוודיק. מיטן קלענסטן, וואָס האָט זיך געוויזן צו איר, איז זי געווען דעראָן. איטלעכער האָט שוין געמוזט בלייבן אָנגעקניפּט אינעם קרעמל ווי אַ משכּון. אַ משכּון מיטן האַרץ און מיט די געדאַנקען. אַ זיס־לעכן שמייכל האָט די קרעמערן געהאַט פאַר יעדן, אַ טרייסטנדיק וואָרט, אַ קרובהשן צוזאָג פאַר אַלעמען.

אין די אָוונטן, ווען זי איז אָוועקגעפאַלן פון אַ גאַנצן טאָג גיין און שטיין, פון לאָזן ס׳מויל מאָלן, האָט פון ראַכלען זיך אַרויסגעריסן אַ קרעכץ:

— ס׳זאָל מיר נישט זיין גערעכנט...

לאַנג האָט אין דער טונקלקייט זיך געוואָרפן די שלאָפבאַנק אונטער איר.

...צי עס איז געווען אַן ענין פון אַ שלאָקרירעוודיקן זקן אין אַ ווייטן ישוב, צי ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן ביטער־זאַלץ פאַר אַ חולהוואַטער בהמה אָדער גרינע פּילן פאַר אַ קדחת־קראַנקן — דאָס קרעמל אין לאָקעט־קע איז געווען אַן אַפּטייק פאַר אַלעמענס חלומות, אַ פרומער שפּרוך פאַר יעטוועדער צרה, וואָס טרעפט אין אַ העק, ווו מענטשן איז באַשערט צו זיצן.

דערפאַר האָט ראַכלס האַרץ קיין מאָל נישט געהאַט קיין רו פאַר דעם טאָן, וואָס זי, די אַלץ ווייסערן, האָט געטאָן פאַר די לייט. זי איז נישט אין גאַנצן יוצא געווען פאַר זיי, זי האָט נישט געקענט יוצא זיין פאַר זיך אַליין. ס׳האָט איר געפּלאָגט פאַר די רפואות וואָס זי האָט נאַרייעט מעשה גוטער פריינד, פאַר די עצות, מיט וועלכע זי איז זיי אַנטקעגנגעגאַנגען:

— אוי, מ׳וואָלט כאָטש נישט אַזוי פּראָסט געווען... לאַכטיק וואָלט געווען אונדזער וועלט!

אַזוי זענען פאַרגאַנגען די טעג און די וואָכן. איינגעשפּאַנט אין שווערן עול האָט די יידענע געזינדיקט מיט די רייד, מיטן טוען און — אין זינד גערעדט — זיך געעלטערט.

און אַזוי האָט די בידנע געגנט געלעבט מיט דער בלאַס־געאָנטער זעאונג פון דער וועלט, וועלכע האָט זיך פאַר אַ גראָשן, צי פאַר אַ גילדן פאַרקויפט ביי דער בילאַנדעריכע.

דערפאַר — אַז ס'האָט זיך געמאַכט אַ גויאישע שמחה אין דאָרף האָבן יאַנטשע מיט דער יאַנטשעכע אין אַ צעיאַכמעטן ראָד אָפּגעטאַנצט אַ לאַנגן, האָפּערדיקן מאַזורעק. חיים יאַנטשע האָט זיך דעררייטלט, דערנאָך שטאַרק געשוויצט און געסאָפּעט אין זיין הייסער צונויפפלעכטונג מיט פרעמדע האַרטע מאַזאָלנע פינגער, מיטגעטרייסלט זיך אין צאַפּל פון אויפ־שפּרינגענדיקע אָקסלען פון אַ צעפּאַרעטער, קוויטשיקער פויערטע אין הויכע געשנורעוועטע שיך — אוי דאַ דאַנאַ דאַנאַ־דאַאַ! פון אַן אַנדער זייט אין דער אַנגערייכערטער, פאַרטומלטער כאַטע האָט זי, ראַכל, ווי אַ שלייען זיך געוואַלגערט אין די אייזערנע הענט פון אַ צונטער־רויטן, פרייכנדיקן מאַנצביל, וואָס האָט שכור צוגעטופּעט מיט זיינע דזשעגעכץ געשמירטע שטיוול. דער צעוואַרעמטער דזשעגעכץ און דער שאַרפער ריח פון שוויס האָבן געקיצלט אין די נאָזלעכער, פול געמאַכט די אויגן. פונעם געדיכטן מענטשישן אָטעמען, פון די פולע מאַגנס און פון דער מגושמדיקער פרייד, וואָס האָט געשריגן, שווער געפּרייכט, האָט אַ פּיאָלעטער טומאַן איינגע־הילט די כאַטע ,דעם פּאָדוויר און די שטאַלן מיט די ביימלעך הינטער די פענצטער און ער, דער וואָנסיקער חתונה־קאַוואַליר דער גוטער קופּצאָוועס, ער פאָרט, ער פליט. זי פאַלט שיער־נישט, זי שפּירט אַ נעדיזנע ביים האַרץ, זי האָט אָבער נישט קיין כוח אין אים מער אַריינצושרייען: וואַ־אַאַד־קו, העער! — — — ס'פאַרפאַלק פון דאָרפישן קרעמל האָט זיך גע־דרייט אין דעם כוואַליעדיקן קאַראַהאָר, נאָכגעשוווּמען די „קומעס" און „קומאָשקעס"; מיט אויגנשווינדל האָבן די בילאַנדערס ווי די שרויפן זיך אַריינגעעקבערט אין דער צעוויגטער פאַדלאָגע, אינעם גליאיקן פּולאָפּ. פריילעכער געגאַרגל פון האַרמאָניקעס, פון אַ ריידעוודיקער פידל האָט זיך געגאָסן ערגעץ ווייט און ערגעץ נאָענט אין דער לינדער, טונקעלער דרויסן, די מוטנע פּאַרטרונקענע כאַטע מיטן סעדל האָבן ליידנשאַפטלעך זיך געפּלעסקעט אינעם הייזעריקן געזאַנג פון דעם באַזאָפּענעם פעלד, פון אויפגעוועקטן וואַסער־מיידל און פון די מעקנדיקע בעלי־חי.

שיקסלעך חגאדיק אויסגעשלייערטע מיטן בלומען־קרענצלעך אויף די קעפּ, זענען געזעסן נעבן דער „פּאַני מלאָדאַ". די צעברויזטע רו האָט דאָ יאַקבי זיך געוואָרפן צו אַלעמען. ל ע ב ע ד י ק ! — הייבט זיך אַ שכור־רער געשריי אויף פויעריש — צעשפּאַן דעם נודנעם לאַנגווייל, ה ו ל יי! דער אַרום האָט מאַכטיק זיך צעפּיבערט. מיט בעזעמער און קאָטשערעס אין צעפּאָכעטע הענט האָבן פּיצינקע פויערים־יינגלעך אין פריילעכקייט זיך צעצאַפּלט און זייערע ברייטע הויזן איבער די שטיוול האָבן ליאַרעמ־דיק זיך צעבלאָזן ווי אין ווינט: אוכ־כהאאא, אוכ־כהאאא!... אַ קאַראַהאָד פון צויבער־ביימער איז דאָ אַוועק אויף טופּנדיקע פּאָדעשוועס. קליינוואַרג, אַן אויפגעוועקטס צו פּלוצלינגן יום־טוב, האָט זשעדנע זיך געקלעפּט צו די צעהוליעטע טאַטעס, צו פעטערס און מומעס, נאָכגעשלעפּט זיך דעם היימלעכן כלאָפּסקען געטאַנץ. די צעהודיעטע שטוב אונטער פלאַקערנדי־קע נאַפט־פלאַמען און דער אויפגעוועקטער דרויסן האָבן זיך צונויפגע־דרייט אין איין קנויל.

דעם נאָענטן זונטיק כאַפּט זיך מיט עמעצער פון די בילאַנדערס אין דעם ווייטלעכן טומאה־דאָרף אַריין. דאָרט איז „אָדפּוסט". דער אומהיימ־לעכער, גרויסער שטיינערנער קלויסטער יום־טובט, לויפט ס׳פאָלק צו אים זיך בייגן, פאַר איינוועגס זיך אָנקוויקן מיט וואָלוועלער פרייד. ס׳יונגע פאָרפאָלק מיט די מחותנים און די „קומעס" טאָרן נישט דורכלאָזן אַזאַ יום־טוב. און אויף מתוודה זיין זיך איז גראָד אויך די צייט. פאָרט מען בחברותא, אויף פערד־און־וועגענער און מ׳גייט צופוס. חיים יאַנטשע איז תמיד שווער אויף אַזעלכע נסיעות, וואָס מ׳מוז מיטמאַכן באַנאַנד מיט די שכנים. מאָדליען וועסטו זיך נישט, בראַטשע, אָבער פרייען זיך מיט אונדז טאָרסטו נישט אָפּזאָגן. זאָגט מען טאַקע נישט אָפּ, כאָטש ס׳איז דערווי־דער. מ׳קען נישט פריילעך זיין אַזוי ווי זיי, אַ סך זינגען ווי זיי און טאַנצן ווילד אין קרעטשמעס ווו מ׳שטעלט זיך אָפּ אונטערוועגנס פּאָיען. איז פאָרן פאָרט די בילאַנדעריכע. די יונגע וואָלטן גערן זיך מיטגעכאַפּט, לאָזט זי נישט („וואָס עפּעס פּלאָנטערן זיך אין אַ קאָשטשיאָל, מעסטן זיך אפשר די פּאַטשערקעס? — פּלעגט ראַכל קוים זיך אָפּיאָגן פון זיי. — סמאַר־קעס, צ׳האָט דען שכל פאַר אַ גראָשן צומאָל?"). זי מוז, אָבער זיי, צו אַל די רוחות! אָנגעטאָן ווי עס פּאַסט פאַר אַ רעכטער גאָספּאָדיניע, קריכט זי אַרויף אויף דער פור מיט חשיבות פון אַזאַ וואָס „קען מיטהאַלטן" סיי מיט פּאַוולען, סיי מיט גאַוולען. זיצט שוין די קופּצאָווע, רירט מען אין

וועג אַריין. דער „יונגערס" פּאַטער אין אַ העמד וואָס איז אויסגעניייט מיט קאָלירטע פעדעם און מיט אַ רויט שלייפל אונטער דער קורץ געקאָסיעטער גאָמבע, שפּרייזט נעבן דעם פערד, וואָס שלאָגט זיך באַלד אַרויס פון די כוחות, ווען עס פאַרנעמט זיך באַרג־אַרויף. און דער וואָגן איז פול מיט טומלדיק יונגוואַרג. די מחותנים פון „יונגנס" צד פאָרן־נאָך הינטער־ווײילעכטס, אויך אויף אַ געפּאַקטער פור וואָס סקאָווטשעט אויף אויסגעסוכניעטע רעדער. געזען, דאָס פערד הייבט אָן זיך מאָרדעווען הינטער לאָקעטקע, האָט געטראָפן אַז די בילאַנדעריכע האָט זיך פאַרמאָסטן אַראָפּצוקריכן פון דער פור; זי האָט געוואָלט שפּאַנען באַגלייך מיטן אויסגעסטראָצלטן פויער און דעם שווייס באַדעקטן פערד. די פּאַני מלאַדאַ און די קומעס האָבן זי אָבער אַ כאַפּ געטאָן ביים אַקסל:

— וואָס גייסטו טאָן, פּאַני קופּצאָווא, פּאַצאַ? * חלילה, ביסט אַ גאַסט, יאַנטשאָווא. פאַראַן היימישע. זיי וועלן שוין... אַנו, מאַנסלייט, היידאַ! מ׳דאַרף אַרויסהעלפן דער בהמה!

אַנדערע זענען טאַקע אַראָפּ פון די שטרוי־געזעסן, אין גליאַיקן זאַמד אייגנפּיסיק שווער זיך געשניטן אַ וועג אַרויף־באַרג און געלער שטויב האָט זיך גערייכערט הינטער זיי. די בילאַנדעריכע האָט מען איידל אָנגעהאַלטן ביי די אָרעמס, געזעצט זי באַקוועמער. די קליינוווקסיקע יידענע אין געשטרייפטן פויערן־קלייד מיט אַ „זאַפּעסקע" אַרום די צוואַקסענע לענדן, האָט אַ צעפּלאַמטע, אַ יונג געוואָרענע, זיך צעזונגען באַגלייך מיטן יונגוואַרג. געזונגען און פאַרביסן מיט אַ פעטן ביסן פון דער כאַסלערע. די פּאַני מלאַדאַ האָט עס געהאַלטן אין אַ קיישל און געטיילט שטיקער צווישן די געסט.

ווען דער טאָג איז אויסגעגאַנגען האָבן די לייט, באַדעקטע מיט שטויב, אויף צוריקוועגס זיך מיד געהוידעט אויפן דאָרפישן וואָגן. פון די פעלדער האָט זיך זיי נאָכגעקלערט אַן אומעטיקלעכע מעלאָדיע:

Zachodzi sło-neczko za górami, mama,
Powiedz mi mo-ja mi-ła
Kiedy będziesz sa-maa — — ? **

---

* וואָס גייסטו טאָן, סוחרטע, צו וואָס?
** די זון פאַרגייט הינטער די בערג, מאַמע.
זאָג מיר, מיין ליבע, ווען וועסטו זיין אַליין?

איבער סאַזשלקעס וואָס צווישן פעלדישע זומפּן, איבער ווייסלעכע קאָגיטשינע־בלימלעך און גרינער סאַמעט־ווייכקייט האָט געבלאָנקעט דאָס געזאַנג. ביי יונגוואַרג אויפן פורל האָבן די מיילער נישט גערוט. אַ פּאָס־טעך־פּייפל, אַ פאַרגעסנס אין ליימיקן ווינקל אין דער היים, האָט ביי עמעצן פונעם געזעמל זיך געבעטן צו די פאַרטריקנטע ליפּן. די עלטערע אויפן וואָגן און די וואָס האָבן מיד זיך געוויגט נעבן דעם וואָגן וואָס שניידט זיך דורך דעם זאַמדיקן ים, האָבן אויף אַ רגע געשלאָסן די אויגן. אין די זון־אָפּגעברענטע קאַרקן האָט געבלאָזן אַ ווינטל, ליבלעך האָט עס גע־שושקעט אין די אויערן אַריין. אַראָפּגעלאָזן זיך פון די שיטער־פאַרוואַק־סענע בערגלעך זענען די חתונה־הוליאַקעס איטלעך מאָל אַרויסגעטרייסלט געוואָרן פון זייער זיסער שלעפעריקער פאַרגאַפטקייט. אָפּגעווישט די סלי־נע האָבן זיי שוין דערשפּירט דעם אָטעם פון די היימישע שטאָלן, זיי האָבן זיך דערנענטערט מיטן מעקען פון די קי, מיטן בילן פון די הינט.

אין אָזעלכע אויפדערנאַכטן האָט דאָס מעלקן אין לאָקעטקער שטאָלן זיך פאַרשפּעטיקט. די בהמות האָבן אומעטיק געריטשעט און די שטערן האָבן מיד געבלינצלט אין טונקעלן הימל.

...די בילאַנדריכע האָט לאַנג געשוואָנקען דאָס מויל מיט זאַלץ, גע־גאָרגלט מיט וואַסער די קעל. זי האָט געשוואָנקען און געשפּיגן.

— ס'זאָל מיר נישט גערעכנט ווערן!

זי האָט אָפּגעזיפּצט און פון דאָס ניי אונטערגעשטעלט דעם רוקן פאַרן יאָך, וואָס איז אָנגעבאַרייט פאַר איר טאָג איין, טאָג אויס.

4

די קראָם און די וועלט

ווייס געקאַלכט איז די שטוב און נידעריק די סטעליע; אַ פּראָסטע, ליידיקע טאָנבאַנק, אַ צוויי־דריי פּאָליצעס, אַ וואָג אין קילן שאָטן פון דער טאָנבאַנק, אַ בלעכערנע קוואָרט — אָט איז די גאַנצע קראָם די לאָ־קעטקער.

פון אויבנאויף — אַ שטיק דאָרפֿישע פּוסטקייט. אַן אַריינגעוואָרפֿע־נע אין אַ קאַלעמוטנער קאַמער און די קאַמער אַ ווייסע מיט איינגעקאָר־טשעטע ווענט, קוקט אַרויס אַ פֿאַרגאַפּטע צום בליענדיקן אָדער שוין אָפּ־וועלקטן פֿעלד, צו די אַנלויפֿנדיקע שטעגלעך. אין אמתן אָבער איז די קראָם אַ קראָם מיט סחורה, מיט גיריקייט פֿאַרן גראָשן, מיט דער געזעצ־טער פֿאַרטועקייט פֿונעם מוראַשניק, וואָס האַלט זיך אין איין בויען.

אויף נישט „אויסצושטעכן די אויגן", נישט צו רייצן קיינעם, איז גלייכער אַזוי.

די יאַנטשעכע האָט דערטאַפּט דעם ווישט פֿונעם שכן, פֿון זיין ווייב. און דאָס געוועלבל טוט געגוגן אַלעמענס חשק.

— נאָר נישט קיין גערייס! ס'עט נישט אַנטלויפֿן...

אַזוי טענהט זי מיטן מאַן און וויל אים מדריך זיין, אויף איר פּוס נעמען, אָבער חיים יאַנטשע איז שווערלעך אויף אַזעלכע זאַכן. אַז ס'ווייב שטעלט אים אַ מאָל אַוועק אין קראָם טאָן אַ האַנטלאַנג (ווען דער המון נעמט ציען אין געוועלבל אַריין אין אַ לאַנגער געגדזענער ריי) שטייט ער, דער מאַנצביל, אַן אַנגעמלאכהטער און די הענט הייבן זיך אים נישט. אויף אַנצושיטן אַ פּאָר צוקערקעס אין אַ פּאַפּירל אַריין זענען צו מגושמדיק זיי־נע האַרטע דלאַניעס. די צעראַצטע פֿינגער באַוועגן זיך קוים, ווען ער רירט זיך צו צו קלייניקייטן. דעמאָלט האָט נישט חיים יאַנטשע ווו זיך אַהינצוטאָן; די אויגן אין קאָפּ קוועלן אים ווי מאַזאַליעס און אין דער ברוסט שפּירט ער ענג.

— גלאָצסט? מ'קען זיך פֿאַרלאָזן אויף אַזוינעם... — גיט די יידענע כלאחר־יד אַ פֿאַראיבלדיקן שאָקל מיטן קאָפּ.

און אַליין נעמט זי בייז רודערן מיט די אָדערדיקע הענט.

די קונים פֿאַרטיקט זי אָפּ גיך; זי וויל זיי לאַנג נישט האָבן אין קראָם. „זאָל מע נישט מיינען, מ'זיצט אין גאָלד".

קומט אַריין אַ פּויער, גיט די יידענע, אַן אַראָפּגעוואַקסענע, אַ גע־שרומפּענע ווי אַ שוואָם אונטער זונשטראַלן, אַ הייב דעם קאָפּ פֿון אונ־טער דער טאַנבאַנק. דאָס אָפּגעבליאַקירטע שייטל מאַכט נאָך קלענער איר אויסגעלאָשן פּנים. דער באָרוועסער פּויער זאָגט עפּעס שטיל, גלייך ער וואָלט דער קרעמערן איינגערוימט זיין פֿאַרבאָהאַלטענעם ווילן דעם אומ־

באַשיידענעם. אירע באַקן, וואָס זענען געל ווי דאָס שייטל איבערן שטערן, גיבן זיך אַ פאַרצי צו די שלייפן.

— פאַראַן, אַ ווײלענקע... — מיינט עס אין איר האַלבן וואונק און דער מאַנצביל זעצט זיך אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע. ער וועט וואַרטן, אויב ד'י קופּצאָווע הייסט.

ראַכל לאָזט זיך פון דאָס ניי אַראָפּ אויף איר נידעריקן בענקעלע. זי דאַרף אָפּכאַפּן דעם אָטעם; זי איז אַ שוואַכע, ווייסן די פויערן. ערשט ווען די לעצטע קונים גייען אַוועק מיט זייערע איינקויפן אין די קאָשיקלעך, אין איינגעבונדענע קאָפּ־טיכלעך, נעמט זי אָפּפּאַרטיקן דעם פויער. אַז קיינער איז נישטאָ, גיבן דער סוחרטעס הענט זיך אַ צערודער און פון הינ־טער דער טאָנבאַנק הערט זיך — ווען מען באַדאַרף — דער היימלעכער געקלונג פון פולע פלאַשן; פון הינטער דער טאָנבאַנק גייט אָקערשט אויף דער קיצלדיקער ריח פון לאַנדרין־צוקערלעך, פון קילנדיקן פּעפער־מינץ, פון מאָן־באַשאָטענעם, זיסן שלוז. עס הערט זיך די פרישע שאַרפ־קייט פון הייוון און דער שטיקנדיקער גערוך פון נאַפט. און האָט זי ניי־טיק, לאָזט די בילאַנדעריכע זיך אַראָפּ אין קעלער, וואָס אונטערן דיל און ברענגט אַרויס דאָס פאַרהוילענע פאַרן מענטשנס אויגן: אַ פּאָר נייע קאַ־לאָשן, גלאַנצנדיקע ווי שוואַרצע כישוף־סאַזשלקעס, אַ שיין געמזע שיכל מיט הויכע, ווייכע כאָלעווקעס, אַ שטיקל קאָלירן זייד, אַ גראַמאָפאָן־קעסטל מיט אַ גרויסן הער־בעכער.

— ס'ט געזען אַזוינס?

זי רעדט הייס, אַזש דער קונה ווערט געכאַפּט פון גרויסער גלוסטונג.

כאָטש אָן אויסגעמאַרכטע — דאָס קינדלען האָט זי אַוועקגעלייגט — האָט ראַכל זיך צעוויפגעלעבט מיט דעם רעש, וואָס גיט אַ קוויטשע אויף און ווערט באַלד געמזיקט אין די ווענט פון דער נידעריקער הייזקע, אַ צעוויפגעלייגטע פון אַליין געטעסעטע קלעצער.

יעדן אינדערפרי שטעלט זיך דער הארמידער אין דער האַלב־טונקע־לער קראָם־שטוב, אין וועלכער עס שרייט אויף קולי־קולות דער שטענדיק פרישער קאַלך. ווער עס קומט נאָך מאַכאַרקע, ווער נאָך אַ פודלע דזשע־געכץ, ווער עס קוקט אויס דעם ביטערן טראָפּן. האָט עמיצער נישט קיין געלט, זאָגט זי אויך נישט אָפּ, די בילאַנדעריכע. מיט אויסגעליענעם שמייכל וואָרנט זי היימישלעך אַזוינעם:

— סטאַשיו, ביז די נייע קאַרטאָפל וועל איך נישט וואַרטן. כ׳מוז האָבן פאַרן סוחר אַין אָפּאַטשנע.

— זאָל גאָט אויסהיטן! דאָס גראָז־קעלבל פאַרקויף איך באַלד. כ׳טראָג גיך אַריין, יאַנטשאָוואַ.

— הערסט? — האַלט זי דעם ווייז־פינגער ביי דער נאָז! — ס׳נישט אויף איין מאָל אַ קונץ.

— יאַק באָזשע קאָכאַם...

יענער צלמט זיך איבער און די קרעמערקע שרייבט איין דעם חוב אויף אַן אויפגעריסענעם גראָבן גראָען שקאַרמיץ.

צו דער יאַנטשעכע גייען אַריין יונגע פויערישע ווייבער; זיי סודען זיך מיט דער קרעמערקע, עפּענען אַ „קניפּל״, וואָס אַרויסגענומען פון בוזעם און ציילן אויס אַביסל מינץ. די יאַנטשעכע נעמט האַנטגעלט. זי גיט אויף אויסצאָלן בלומיקע סיצן, רויטע, פלושענע בעט־דעקעס מיט גרינ־לעכע קאַנטן אויסגעדרוקטע ווי מטבעות, געסדרטע איינס אויף ס׳אַנדערע; פאַראַן ביי איר קאָמאָד־זייגערס מיט אַ שטאַרקן, ברומענדיקן קלונג. דעם פויערישן האַרץ באַדאַרף נאָר אַ צופּ טאָן עפּעס גלאַנציקס, עפּעס אויסטערליש שיינס. און די יאַנטשעכע איז שטענדיק גרייט צו דינען. אַבי אַ גראָשן זאָל אַראָפּפאַלן פון דעם.

אין דער שטוביקער שאָפע פון די בילאַנדערס בלייבן לאַנג באַוואַרט די פאַרקויפטע זאַכן. קיין מילב וועט צו זיי נישט צוקומען, אַ שטויבעלע פאַלט נישט אויף דעם. איטלעך מאָל כאַפּט זיך אַריין צו דער בילאַנדע־ריכע אַ גאָספּאָדיניע מיט אַ ראָגעווקע־קנופּ אונטער דער גאַמבע און זי שטעקט אָפּ דער סוחרטע אַ מטבע:

— מיינער זאָל נאָר נישט געוואָר ווערן!

— גיי, גיי, נאַרישע, — שמייכלט איר נאָך די יאַנטשאָווע.

— דערנאָך וועט ער זיך פרייען, מיין סטאַך! — שרייט צוריק די פּייערטע און שווימט אָפּ אויף די ברייטע פאַלעס פון איר צעווינטיקטן קלייד.

יאָרן האָבן ווי קאָרע־הויטן זיך געלייגט אויפן דאָרף, אויף די שטובן. די רויע, פּראָסטע הייזלעך, דורכגעגעסענע פון זון און זאַווערוכעס, שוואַרץ־געוואָרענע פון רעגנס, מיט איינגעשטוקעוועטע לאַטעס פון נייעם שטרוי אויף די אַלטע, פוילנדיקע דעכער, האָבן אינעווייניק געפּאַכלט פון פרישן

קאַלך, פון אויפגעטורעמטע ווייסע קישנס, בייכיקע, קיילעכדיקע ניקל־זייגערס אויף קורצינקע פיסלעך. פון אַ שטוב, וואָס צווישן געדיכט־פאַר־צווייגטע קאַרשנביימער פלעגט אַמאָל אויך אַרויסקוקן אַן אומעטיקלע־כער בלומענטאָפּ, אַ רויט־אויגיקער, ווי אַ נישט אויסגעשלאָפענער שטאָ־טישער פראַנט און ס'האָט שוין פרעמד אַרויסגעגרימפּט אַ פריילעכער אוי־דאַ־דאַ־דאַנאַאַ.

◆

ביי די בילאַנדערס איז ס'שטיקל ברויט נישט געפעלט, נאָר דער דאַרפישער אומעט הערט נישט אויף צו וועבן זיין טריב געוועב.

דער ספּאַלער פּאַלאַץ שלעפּט ס'פויערימוואַרג אין וואַלד אַריין צו טרייבן ווילדע חזירים, ביימער צו לייגן; דער שליאַך אין וואַלד ווערט אויסגעטראָטן פון מענטשישע פיס, ווערט דורכגעאַקערט פון אומערנדיקע געשפּאַנען. צו אַלעם איז מע שוין צוגעווינט ווי צום סיקן פון טרויער פון דערעסענעם האַרבסט; יאָרן, לאַנגע יאָרן שוין אַזוי, און מ'האָט יאַ־קאָש שוין שלום געמאַכט מיט דער בידע. און דער טאָמאַשאָווער רעש טראָגט זיך מיט כישוף איבער וואַלד און לאַנד. יונגוואַרג ציט עס אין שטאָט אַריין און טאַטע־מאַמען, דורות־לאַנג צוגעבונדענע צום ברעקל ערד, גיט עס אויך אַ מאָל אַ צופּ:

— עס הערט זיך, וואָ'דען? אַוודאי, אַוודאי... גאַשטשינצעס זענען אָנגעבאַרייט פאַר געלערנטע לייט. מיר זענען געבוירן קעלבלעך צו מערן, ברויט צו האָדעווען. מיר זענען פאַרקנסט צו דער ערד.

חיים יאַנטשע פאַרט שוין לאַנג נישט קיין טאָמאַשאָוו. עס פאַר־שמעקן אים נישט יענעמס געגנג. זי, דאָס ווייב, הערט זיך יאָ צו צו יעדן גלימל, וואָס די ווייט טראָגט אָן. און האָט זי צייט, שטייט זי אין דער פענצטער־שויב, טראַכט, וואָס עס ווילט זיך נישט טראַכטן:

— די קינדער, זיי וואַקסן אונטער... און אַליין ווערט מען אויך נישט יינגער.

אויף ראַכלען ליגט דער גרויסער עול. זי טראָגט אים פון געוווינהייט פון די שלעפּ־פּי. אָן דעם יאָך וואָלט איר אפשר אומעטיקער געווען; ס'וואָלט לעסטיקער געווען דער טאָג, ווען כ'וואָלט זיך וועלכער הייבט זיך אָן אין פריען פאַרבאַגין און ענדיקט זיך אין דער וואַרעמער טונקלקייט פון שטאַל, וואָס זעצט זיך אַראָפּ צו דער קילבלעכער ערד. צינדט מען אָן דאָס רויטלעכע

פּלעמל, הערט אַ ווײַלע אויף דאָס ציעדיקע געזאַנג פֿון דער גריל, עס שטעלט זיך דער ווינט, וואָס קעמט די שטרויענע פֿראַנדזן פֿונעם דאַך. אין אָוונט ווערט ראַכל אַן אַנדערע; זי טוט זיך אויס פֿון טאָג. מיט אַ נעץ קנײַטשלעך אונטער די אויגן קוקט זי זיך צו צו דער שטוב, הערט זיך איין אין זיך. און עס וועקן זיך ווײַטיקן. ווי דורך אַ שלייער זעט זי דעמאָלט דאָס לעפּישע דרייען זיך פֿונעם מאַן אויף דער שלאָפֿבאַנק און פֿון דער שלאָפֿבאַנק שטאַרצן אַרויס גראָבע שטרוי. די באַנק קרעכצט און די שטרוי שרייען. ס'איז איר נמאס, אַלץ אַרט איר. זי איז אָבער מיד און קוקט מיט גלעזערנעם בליק אין מאַנס זײַט:

„משטיינס געזאָגט אַ טאַטע, אַ גאָספּאָדאַרזש"...

פּלוצלינג עפֿנט זיך דער קוואַל פֿון איר געדאַנק. זי ווייסט אייגנט־לעך נישט וואָס עס אַרט איר אין דער רגע, זי דערפֿילט נאָר אַן אָנמאַכ־טיקייט. „זי איז אויס מענטש, ס'נאָגט אַזוי"... זינט זי האָט זיך אַרײַנ־געטאָן אין דער פּרנסה, איז זי אומרואיקער געוואָרן פֿאַרן מעמד, וואָס פֿאַרוואָרצלט זיך אין הויז. מ'האַלט זיך אויפֿן משקולת; גייט דער פֿויער אין קראָם אַרײַן, דרייט זיך דער גראָשן, הערט ער אויף קומען, איז אָך און ווי איר. אַלץ שטייט! אָ, אַ וואָרעם זיצט אין האַרץ! נישט ווילנדיק צערנט זי אויפֿן מאַן, נישט ווילנדיק דערמאָנט זיך די אייגענע יוגנט. איז זי דען געווען אַזאַ? אומגערן זינדיקט זי אין די געדאַנקען. עס דערמאָנט זיך די דאָרפֿישע מיידלשאַפֿט. אַן אָקס האָט זי געקענט האַלטן בײַ די הערנער, אַ הויז געקענט אָוועקטראָגן. און גיט זי אַ קוק אויפֿן מאַן, גיט זיך עפּעס אַ באַוועג אין שלונג. אַ פּוסטקייט בלײַבט ציקן אין מוח.

אַזוי שלאָפֿט זי איין אין אַנטועכץ. כאַפּט זי זיך אויף אין מיטן נאַכט, איז ווידער דאָס אייגענע; פֿאַרקערט, ס'איז קלאָרער, יסורימדיקער דער אַרום אירער: „ער איז אַ למך... נישט צו גאָט און נישט צו לײַט, לאָ־עלינו. מיט אַזעלכע קינדער וואָלט מען געקענט די וועלט איבערקערן, און נישט גביען ווי אַ פֿוילע קו. נאָר אַ קאָפּעלע פּאָטערשע חכמה, וואָלטן זיי געקענט אַנדערש ווערן, אויפֿטאָן מי־יודע וואָס. נישט איך און נישט אַלע וואָלטן אַזוי פֿאַרשוואַרצט געוואָרן..."

גלײַך אויסגעוואַשענע פֿאַרמאַכן זיך שוין נישט אירע אויגן. זי ליגט און די פֿינצטערניש לייגט זיך אַ כאָרכלענדיקע בײַ איר זײַט, קריכט אין די געהירן אַרײַן.

ס׳טרעפט —

אין מיטן טאָג, קונים גייען נישט אין קראָם אַריין, נעמט זיך די בילאַנדעריכע פּאָר שטוביקע זאַכן. די אַרבעט איז פאַר איר אַן אָפּרו און דאָס אומאיבעררייסלעכע ליד פון קרייזנדיקן בלוט קלאַפּט אויס איבער איר רע שלייפן אַ קלינגעוודיקע שטילקייט. ראַכלס אויסגעקרימטע, צעשניטע־נע, קורצע פינגער באַוועגן זיך מאָסיק און דער קאָפּ וויגט זיך צוגלייך מיט אירע האַנט־באַוועגונגען. די קאַץ לענגערט זיך אויפן זוניקן פענצ־טער, עופות טראָגן זיך שפּרינגענדיקע פון דער שוועל אַראָפּ. מיט אַ פישטשעריי יאָגן זיך די הינער נאָך אַ שפּערל, וואָס פּיקט „זייערע" קער־נער. דער דרויסן זינגט אַריין אינעם שלעפעריקן מיטנטאָגיקן שווייגן: דורך דער צעפּראַלטער טיר קוקט אַריין דער פּערלמוטערנער הימל. פון אין ערגעץ נישט קיין צוק פון אימפּעט, וועלכער טראָגט דאָס לעבן. מחמת דער גרויסער חמימה איז חיים יאַנטשע אַוועקגעפאַלן נעבן דער זשלויב אין שטאַל —— כאָטש די הענט ווייטיקן, האָט די יידענע ליב דאָס טאָן. זי גיט זיך נישט אונטער דער נעדיזנע פון שלאָף, וואָס באַפאַלט איר אין מיטן דערינען. מיט עקשנות איבער זיך שיילט זי קאַרטאָפל, זיפּט אַדורך אַ מעסטל גרויפּן, קלייבט איבער אַרבעס, שווענקט שוועמלעך און אין גאַנצן איז זי איינגעהילט אין דער רואיקייט וואָס שטייט, גליווערנדיק, אין דער שויב. אומגעריכט פליט אָן אַ בין מיט אַ שריי. דאָס זשוזשען צעפויקט זיך ראַפּטעם אין ראַכלען און די וואָר, איר וואָר, גיט איר אַ טאָרקע. אַקוראַט זי וואָלט זיך גראָד עפּעס דערמאָנט, לאָזט זי איוף דער גיך שטיין דאָס טועכץ און גייט אַרויס פאַר דער טיר.

די זון נעמט זי אַריין אין אַ הייסער פלאַכטע און די שטאָר־שפּיג־לענדיקע אָזערע און דער גראַנאַטענער וואַלד הויכן איר אָן אַ פול פנים, פולע אויגן. אַאַאַ...! אַזש די ליפּן גיבן זיך זשעדנע אַ צעעפן. פון היב־טער דער שטוב טראָגט זיך אַ פאַסטעכשע מעלאָדיע, אַ פאַרצויגענע און פאַרבענקטע. פון פעלד און פון היים איז דער טרויער און פון ליבע איז דער חלום אינעם געזאַנג.

ראַכל קערט אויס דעם קאָפּ. איר בליק זשמורעט זיך. בלאָ און גרין און גאָלדיק זענען די פלעקן, וואָס זענען פונאַנדערגעשפּרייט אַרום און אַרום. זי אָטעמט מיט פעלד, אָטעמט מיט לאָנקע און ס׳אויער נייגט זיך עפּעס אָויפצוכאַפּן. אַ גרימאַסע שניידט איין די ליפּ, עס פאַרציט זיך איר

נאָז. ראַכלען פאַלט איין: דבורה. דבורהן מוז זי אָקערשט האָבן. אַנדזשען, וואָס זינגט, דערקענט זי נישט באַלד. דעם מיידלס שטים שווימט אַן פון די אייבערשטע פליינען. אַנשטערענגענדיק דאָס געהער, באַוועגן זיך אירע בלאַסע, דינע לאַפּן. אַוודאי, ס׳איז זי, אַנדזשע יאַסעקס.

— אַנ־קאַאַאַ!

ראַפּטעם האָט זיך די יידענע אַ הייב געטאָן, מיטן קליינעם קערפּער זיך געצויגן צום אויפשטייגנדיקן פעלד. די ליידיקייט ענטפערט איר אָפּ אויף אַ צעוויגטער כוואַליע:

— אַאַאַ — — — —

פון דער זשווזשנדיקער ערד, פון אָנגעגליטן, העלן טאָג הערט זיך נאָכדעם אַ קלינגעוודיקער:

— כ׳גיי־יי! — יי — יי!

אָנגעקליידט אין זוניקן בלענד, וואָס הויערט ווי אַ גאָלדענער פּעכער איבער די הויכע רחבותן, שווימט אַרויס די באָרוועסע אַנדזשע. אָנגע־קוואָלן פון ליכט קומט זי. פאַרויס איר לויפט אַ רויכעלע שטויב, אַ גע־טריבנס פון שוועבנדיקן, באַקעטן געלאַף.

אַ דערצונדענע האָט זיך דערנענטערט דאָס פּויערים־מיידל. אַ לייוונט־העמד, צעפּלאַטערט ווי אַ ווייסער פלאַם, האָט לופטיק געפּרעפּלט אין איר האַנט. אין דער אַנדערער האַנט ביי איר האָט זיך געבויגן אַן אָפּגעשיילטער צווייג.

— האָסט גערופן, מומע ראַכעלאַ?

— דבורה ווו האָט זיך אַהינגעטאָן, אַנדזשע?

— מיט עוואַ קסאַווערים פון מאַזשאַרניע איז זי געווען. אַן אַהין אַוועק, די קו פּאַשעט זיך, — און איר רידעוודיקע געשטאַלט גיט זיך אַ קער אויס אויף הינטערווילעכטס.

דאָס בערעזע־וועלדל אַרויף־וועג האָט אַ ציטער געטאָן אויף ראַכלס אויגנלעפּלעך.

— שוין ווידער אויף נאָוואַקאָווסקיס וויהאָן, — זיפצט שווער אָפּ די פרוי און איר גיט אַ גריזשע אַ ביטער געקלערעכץ: „ווועמען קען זי דאָרט ה אָ ב ן ?“ — געכאַפּט זיך, ס׳מיידל שטייט דאָ, וואַרט עפּעס, האָט זי איר געזאָגט:

— נישט אויסצוהאַלטן מיט דער מויד, הערסט! זי זאָל עס אין דער

היים וועלן כאַטש עפּעס צוהעלפן, דער נאַרישער סמאַרק! נאָר דאָס לויפט...

די פּאַסטעכקע שטייט אַ פאַרלוירענע. ווי ברויט־טייג אין אויוון רויטלט זיך די זונשיין אויף אירע אַנטבלויזטע אָרעמס, אַנגעטרונקענע מיט יונגשאַפט.

— וועסט זי שלאָגן, מומע ראַכעלאַ?

ווייך באַוועגן זיך דעם מיידלס אומדרייסט אויפגעהויבענע וויעס. פונקט ווי אַביימל, אַן אַנגעזאַפּטס מיטן אומבאַרירטן שטאָלץ פון וואַקסן, קוקט זי דערנאָך זייטיק אויף דער יאַנטשעכע און ס׳געדעמפּטע קול זאָגט אויס פון נישט אַרויסגעבראַכטער בושה, מחמת דעם לײדנשאַפטלעכן דאָרשט צום דערקענען.

— ווי דען? כ׳וועל איר אַ קוש טאָן אין פּיסקל אַריין, דער מויד!... איין מאָל זי צעקאַטעווען. קיין אַרומלויף זאָל זי נישט זיין!

אַנדזשע האָט ווידער אַראָפּגעלאָזן די אויגן, גלייך דער יידישקעס האַרבע רייד וואָלטן געווען שייך איר גופא.

— אַ מיידל איז צו קיין יינגל נישט געגליכן, טאַכטער! — באַוועגט זיך ראַכלס שטערן. זי קוקט אויף דער יונגער פּאַסטעכקע אינעם באַבסקע טיכל אַרום דעם שוואַרצפּאַרברענטן יונגינקן פּנים. דער פרויס בליק האָט איר געבריט. דאָס מיידל האָט זיך פון ס׳ביי אָנגעצונדן מיט רויטקייט. אירע באַקן האָבן זיך געפלעקט ווי פון פאַרבאָרגענע קנייפּן. דאָס חתן־געמד, אַן אויסגענייטס מיט קאָלירקע פעדעם, האָט ווי אַ מעשהדיקע געפאַנגענע קריגס־פאָן פלוצלינג זיך אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד.

— שמירסט אויס, קינד.

אַקוראַט זי וואָלט דערשפּירט אַן אומגעריכטן שטאָך, האָט אַנדזשע זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט.

— די בהמה וועט אַ שאָדן אָנטאָן, — האָט זי אויגנבליקלעך צוגעװאָרפן דער בילאַנדריכע.

און געלאָפן איז זי אַרויף־בערגל, פון וואַנען זי איז געקומען. לויפנדיק האָבן אויף אירע בייגעוודיקע לענדן זיך געכוואַליעט די ברייטע פאַלדן פון דעם לאַנגן קלייד. מוטנע געלע זאַמד־רויכלעך האָבן ווידער אַרומגעהילט איר באָרוועס. אַנקע איז אַוועק מיטן פעלד, אין זאַנגען זיך געטרונקען. אַרום איר זענען געפאַלן שטיקער קלינגעדיקער רוף:

— מאַשקאַ אַ, מאַשקאַ!

אַ רויטלעכע קו האָט איר אַנטקעגנגעטראָגן אַ גאַוועררדנדיקן קאָפּ מיט ווייסע פלעקן צווישן די הערנער.

ראַכל האָט נאָכגעקוקט דעם מיידל און אין איר ראיה האָבן זיך איבערגעמישט פּזרנותדיק פונאַנדערגעוואָרפענע לאַנעס. פון גרינעם, דיי־נעם האָבער־זאַנג און שימערירנדיקן טעפּיך פון לוביען־קוויט, וואָס אויפן פעלד „אין מנוחה" האָבן זיך צו ראַכלען אויפגעהויבן דריבנענקע נישט־פאַרגעס־מיך בלימעלעך, שלעפעריקע אייגעלעך פון רעזעדע־בעכערל און עס האָט זיך געוויגט דער פיאָלעט פון דער אָוונטלעכער מאַטשייקע. באַ־וועגלעכע יונגמיידלשע פינגער חנדלען זיך פאַר די הייסע קאַלירן, וואָס שלענגלען זיך אויף צאָקן, אויפגעגאַנגענע ווי פּיצענקע פייגעלעך מיט טרויבן־הענגלעך אויף לייוונט — — געוועבט און געבלייכט פון דער מאַ־מען און פון דער אויסגעגעבענער שוועסטער, לעבן בלומען אין דער נעץ פון לייוונט־געדיכטעניש; גרין און בלאָלעך פאַליען זיך דער הימל און דער טייך און אַנטאָש, דער קרעפּטיקער בחור, מיט וועלכן עס איז פול דאָס דאָרף, שטרעקט שקאָציש אַרויס זיין פריילעכן קאָפּ פון אויפגע־שוימטן וואַסער. זיינע אויגן לאַכן און מיט ריזיקע פויסטן ווישט ער די טראָפּנס, וואָס רינען טרעריק איבער זיין שטערן. אַנטאָש איז אָפּגעצוואָגן פון אַ פליוכנדיקער כוואַליע, ר'פּאָכעט מיט די הענט. אַלע מיידלעך לויפן צו אַנטאָשן, אַלענקע, ווי אַ סטאַדע גענדז — —

מיד געוווען דער געדאַנק. דער יידענע האָט זיך פאַרוואָלט אַראָפּלאָזן אָט־אָ־דאָ. אַרום האָט אַלצדינג געהאָפּסלט, געהוידעט זיך. נאָכדעם איז געקומען די אויסגעליידיקטקייט, יענע ממשותדיקע שפּירונג, ווען דעם מענטש ווייזט זיך אויס, אַז הענט און פיס זענען ביי אים אונטערגעבראָכן.

— די מויד... זי האָט עס איר אַזויפיל כוח שוין געקאָסט!

מיט שלאָבעריקע באַוועגונגען האָט ראַכל געשטעלט די טריט אין שטוב אַריין. שוין לאַנג געדענקט זי נישט אַזאַ קאָפּ־ווייטיק. זי האָט פאַרפרי פאַרמאַכט די קראָם־שטוב און אַרויפגעוואָרפן זיך אויפן בעט. פאַרלאָזענע האָבן אויף דער פאָדלאָגע געגליווערט ערדענע און אייזערנע געפעסן, טאַרבעלעך מיט זוימען, אַ זיפּל מיט פלעווקס ווי געפאַלענע שטאָל־ווערעם; ביי אַ הייוון־קעסטל פול מיט שיילעכץ האָבן אויף דער ערד זיך געשוואַרצלט קאַרטאָפל מיט ווייסלעכע אויסוווקסן ווי ווילדע וואָנסעס; ראַכלען איז אַלץ פאַרגעקומען דערווידער. „קאָכן באַדאַרף מען

נישט היינט. קרענק זאָלן זיי פרעסן!״... אין דער נאָז האָט איר אַ דריי געטאָן די זויערקייט פון נישט־געוואַשענע טעפּ, אָן איבלדיקער ריח פון קעצישער אומריינקייט אין די ווינקלען. פון דער געשטעלטער מילך, וואָס שימלט שוין מסתמא אין די שיסלען, פון די קעז־זעקלעך, פייכט אָנגע־וואָרפענע אויף דער באַנק, ווידמענען זיך שוין שלענגלעך, שלענגלעך מיגלדיקע, ווייסע וואָס קריכן, קריכן. די צערייצטקייט האָט איר אָנגען אַזוי אָנגעשאַרפט, אַז זי האָט דעם פולן עקל צו אַלץ דערשפּירט אָט־אָט ביי זיך אין האַלדז — — חמרימנווייז ווימלט דאָס, עס פאַרקריכט ס׳געַ־הירן, ווווו, ווווו!

...אבי זי האָט געמיינט, זי וועט שלאָפן. די אויגן האָבן זיך בלויז צעגליט, אַקוראַט זיי וואָלטן זיך געוואַלגערט אין הייסן אַש. ווי וויל וואָלט געווען, זי זאָל קענען אַנטשלאָפן ווערן אויף אַ צייט!

לאַנג איז זי געלעגן אין אַנגסטן פון אָנמאַכטיקייט קעגן דעם בלינדן כוח פון באַסט, וואָס האָט אָנגערוקט אויף איר. דער קאָפּ איז געווען וואַך און ס׳קראַנקע האַרץ איז געווען וואַך. „חיים יאַנטשע איז נישט קיין מענטש... מ׳זעט — ס׳מאַכט זיך אַ געשוויר, לאָזט מען אים אַזוי אויפּיערן? אַ קאַטאָוועסל: קינדער! און אַ מיידל, אַזאַ וויסטעניש דאָ...״

און ווי אויף צו להכעיס איז קיין איינס פון די יורשים נישטאָ דאָ אויף די אויגן. ס׳שווערע געמיט וואָלט זי אויסגעלאָזט צו זיי. ווי גאָט גיט נאָר דעם טאָג, לויפן זיי אַרויס. ווען מ׳בינדט זיי נישט צו צום אַקער־אייזן, אָדער צו דער שעצקאַרקע, זענען זיי צום ווינט גלייך: לויפן! מ׳זעט נישט — קומען זיי עפּעס אַ כאַפּ טאָן, די מיזראַפּן, פרעסן זיך אָן און ווערן נעלם. אין אָוונט דערלעבט מען אויך נישט זיי צו זען. קריכן גלייך אין שייער אַריין, וואַלגערן זיך אויפן בוידעם... ווי דאָס כאָוועט זיך! די פויערן טראָגן אַרום זייערע נעמען. נאָר מען הערט די געשרייען פון די יונגען. אשרל, בערעלע, אַ חולאת אויף זיי! אַ נס, ס׳שטעלט זיך אַ מאָל אַ ווינטער, זיי זאָלן ליגן באַנעזאַמעט. „די בילאַנדערס, פּשיאַקרעוו. די פיס זיי אונטערהאַקן, די לאַבוסעס!״ רק מ׳קלאָגט זיך אויף זיי, שלאָגן זיך מיט די שכנישע קינדער. און די מויד...

די מויד לאָזט איר נישט איינליגן. ווען זי קריגט זי אָן איצט, לייגט זי זי אַנידער אַ קאַליקע. ווי קראָפּעווע וואַקסט דאָס! אין פאַרטעך וועט זי דער מאַמען אַהיימברענגען חרפּות. פון דער ערד רעכט נישט אויפגע־

וואקסן און ס׳קען שוין נישט איינזיצן. די יידענע וואַרפט זיך אויפן גע־לעגער און צערנט אויף דער גאַנצער וועלט:

— חיים יאַנטשע, חיים יאַנטשעלע, הלוואַי וואָלט איך דאָס נישט דערקענט! קינדער האָט ער געברויכט. אַ בוהיי גייט ער אַרום. נישט די וועלט, נישט יענע וועלט איז זיינע. נישט די שטוב גייט אים אָן, נישט די קינדער. וואָס טוט זי, אוי, וואָס טוט זי! — רייסט זי זיך די האָר — הלוואַי וואָלט זי געווען אַן ערלית, וואָלט זי געטאָן ווי די מילנערשע האָט געטאָן. גענומען און געגאַנגען, די סטעפּע, אַן עק! איבערטראַכטן?

דער טאָג האָט זיך געלאָשן אין ווייכע פלעקן, וואָס האָבן געפּויזעט איבער די ווענט. טיף בלאָ ציטערט אין חלל. ביסלעכווייז קנוילט זיך צו־נויף די שטוב אין טונקלקייט; אויף ראָכלען פלייצט אָן דאָס שווייגן, וואָס גליטשט זיך הינטער די פענצטער. בלויז די קאַץ האָט פון צייט צו צייט אויפגעריִרט די שטילקייט; זי האָט אַ שאַר געטאָן מיט אַ פּיסל, אַרויס־געלאָזן אַן אויסגעצויגענעם מיאַו.

פון דער אָזערע האָט זיך פּלוצלינג דערטראָגן אַ טומל. ראָכל האָט אַ פּאַרקוועטש געטאָן די אויגן, זיי ווידער אויפגעריסן, כדי אַזוי אַרום זיך אויפצוּוועקן. פאַר איר איז געשטאַנען ס׳דרויסנדיקע בילד:

מאַנסלייט אין גאַטקעס, צופאַלנדיקע צום נאַסן לייב, ווייבער אין לאַנגע, לייַנענע העמדער צוגעקלעפּטע צו די היפטן — אַלע האָבן מיט אַ מאָל אויפגעשריגן אין דער אומאָרעמונג פון די קילע כוואַליעס.

וואָס מיינען זיי זיך, די משוגענע — האָט זי זיך אומגעריכט גע־כעסט — ווילן זיך באָדן און שרייען, ס׳וואַסער איז קאַלט! ס׳איז דאָך פאַרנאַכט, קילקייט דרינגט — —

פון אַייר האָט אַ ווילדע קאַטשקע זיך אויפגעהויבן און אַריינגעשניטן זיך אין דער בלאָקייט, וואָס נעפּלט זיך איבער דער לאָנקע. איר קוויטש האָט שניידיק געריזלט אין ראָכלען. ערשט איז זי אין גאַנצן באַהאָפטן מיטן מטושטשן באַגער צו שאַרפן אינעווייניקדיקן אויפרודער. וואָס שלאָפט דאָ אַלץ?

זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, האָט די פרוי פון דאָס ניי פאַר־מאַכט די אויגן און מיט האַרץ זיך צערעדט מיטן אַרום, מיט זיך. וואָס איז איר? וואָס וויל זי? אינדעם האָט זי גענומען אויסקוקן, דער מאַן זאָל קומען. איין מאָל פאַר אַלע מאָל מוז זי זיך אויסשמועסן מיט אים — —

גוט, וואָס זי האָט נישט אָפּגעקאָכט די „מיכע״. ס׳ווייב איז נישטאָ, ס׳ווייב איז אַוועקגעפאָרן. ער איז אַן אַלמן!

ראָכל האָט זיך געקילט מיטן צאָרן, וואָס וועט אים אַרומכאַפּן, ווען ער וועט זען, אַז ס׳זענען קאַלט די טעפּ. זאָל ער וויסן, דער קל־וחומר.

עס איז שוין געווען גאָר טונקל, ווען חיים יאַנטשעס באָרוועסע טריט האָבן אַריינגעפּאַטשט אין שטוב. זי האָט׳ן דערקענט.

אַרומגעשמעקט די פינצטערע שטילקייט פון הויז, האָט ער זיך ערגעץ אויסגעצויגן. די היץ פון אַ גאַנצן טאָג האָט אַן אָנגעפּוישטע זיך געלייגט אויף זיין אָטעם. ער האָט מיד געסאָפּעט: אַאַהאַ...

ששש!

אונטער אים האָט אַ קרעכץ געטאָן די שלאָפּבאַנק. זיין קעל האָט איצט אַרויסגעגעבן די איבערגעלאָדנקייט פון דער דויערנדיקער חמימה און שטויב, מיט וואָס ער עסט זיך אָן אין פעלד, אין שייער.

— ס׳אָרע בייזן כוח דאָס האָט! — האָט אין איר געזאָטן אויפן מאָן.

און ער, חיים יאַנטשע, האָט געשפּירט הונגער. ווו האָט זי זיך אַהינגעטאָן, ס׳ווייב? ווי אַ פאַרטייעטע חיה האָט ער געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, איינגעהערט זיך אין דער שאַרכנדיקער טונקלקייט. „אַלע זענען זיי אויסגערונען געוואָרן, צו אַל די רוחות״, האָט ער געבורטשעט. זיינע האָריקע אויערן האָבן געלאָקט אויף דער אָנגעהאָרבעטער פינצטער־ניש. עס האָט זיך געטראָגן דאָס סקראָבן פון די עופות הינטער דער וואַנט, דאָס לווישנדיקע קריכן פון די הילציקע טאַראַקאַנעס. אין ראָכלען מיט אירע אויפגעריסענע אויגן אין דער פינצטערניש אַריין, איז געוואַקסן דער פּאַרדראָס. „אַזאַ ברואה דאָס איז! אומקומען וועט ער און אַלע מיט אים באַנאַנד. כ׳וויל דען אויסטערלישס? קינדער זענען ווי יונגע ביימלעך, מ׳דאַרף זיי צוהיטן. אַ הויז איז ווי אַ גאָרטן. אַ לייטישער באַלעבאָס שפּאַרט אונטער מיט אַ דרענגל אַ יעדע פלאַנץ. אַ דין שטאַמל קרימט זיך אויס, צווייגן באַדאַרף מען פּילעווען, היטן פון פאַרפרירונג, באַשירע־מען פון ווערעם... אַ הויז מוז האָבן אַ מענטש! איך האָב דען צייט? און ד אָ ס דרייט זיך איין און אויס. ביזן שניט ווערט עס דאָך משוגע פון ליידיקגיין!״

דער יידענע האָט עס געהויבן. זי וויל אויסשיסן איר ביטער האַרץ. גיין, זי וועט זען זיינע גבורות: וואָס וועט ער טאָן, אויב ס׳ווייב איז

נישטאָ און די קינדער רייסן אים נישט אַראָפּ דעם קאָפּ? ער וועט ליגן און זיך שיבערן... ער ווייסט נאָר זיינס: דאָס קריש ערד, די בהמה.

קלאַפּטערוויַיז האָט דער אָוונט זיך געלייגט איבערן הויז און פאַר־גראָבן אונטער זיך סיי דעם מענטש סיי דעם דומם. ס׳איז געווען סוף־חודש. דער דרויסן האָט זיך געשפּרייט אַ בלינדלעכער, מיט פלעדערמייז געשראָקן. עס האָט געבלינצלט מיט קורצזעעוודיקע שטערן, די נאַכט וועט קומען אַ פייכטע. איר האָט אויסגעוויזן: אין די פענצטער שאַרט זיך שוין אַ נאַקעטער דער אויסגייענדיקער דאָרפישער זומער.

פאַר דעם באָרוועסן פויער חיים יאַנטשע האָבן די רגעס זיך געצויגן שווער, ווי שווער עס שלעפּן זיך רעדער פון פרירנדיקע וואַסערן אַרויס. אומגעריכט זיך געשפּירט אַזוי. אַט ווי ער וואָלט געשטאַנען אין מיטן פון אַ צעברויזטן טייך; ער וויל דערשווימען כאָטש צו אַ זאַמד־אינדזעלע — — אָפּגעשטאַנען פון אומזיסטיקן לויפן איבער די פּוסטקייטן פון זיין פילן, האָט חיים יאַנטשע זיך גענומען עפּעס שטיקן. די דלד־אמות פון שטוב זענען אים געוואָרן ענג. ער האָט געשטאַרצט אין דעם אומרואיקן גליוועה, וואָס דריקט, אָבער העלפן זיך איז ער נישט בכוח. אַריינגיין צו אַ שכן, אַ קוק טאָן ווו „זיינע״ איז? — צו דעם זענען פויל זיינע גלידער, הילציק די צונג אין מויל. אַליין אָנצינדן די לאָמפּ? כ׳ווייס, אַן אומגליק — ר׳קען גורם זיין אַ שרפה, כאָטש, אין אמתן, דער פלאָם לאָקט אים איצט מיט אינערלעכן צאַפּל. דאָס גלאָז וועט זיך אַרויסגליטשן פון די הענט, ס׳וועט צעפּיצלט ווערן און דער פונאַנדערגעשפּריצטער נאַפט פלאַקערט, כאַפּט אַרום די ווענט, דעם פּולאָפּ, ער פאַרנעמט דעם בוידעם, דעם שטרויענעם דאַך — — — אויסגעשטרעקט אויף דער באַנק קראַצט ער נערוועז די באָרד, דעם קאָפּ, וואָס איז אים אָט־אָ אָנגעדראָלן פון סיקנ־דיקן פייער. ס׳שטרוי אונטער אים טומלט.

אָנגעשפּיצט פאַר דער שפּירונג פון פּיין, וואָס זי האָט אָקערשט באַ־גערט צו זען ביים מאַן, האָט ראַכלס געהער שיער נישט געפּלאַצט. דאָס בלוט רעגט זיך, אָבער אַרויסגעבן זיך, האָט זי זיך געהיטן. זאָל ער וואַרטן! לאַנג האָט זי פון דעסטוועגן נישט אויסגעהאַלטן דעם געראַנגל מיט זיך. מיט אַ כריפּ פון פאַרבאַקענעם האַלדז האָט זי פּלוצלינג אויפגעטרייבערט די אויפגעווירענע פינצטערניש.

— האָט זיך אָנידערגעכאַליעט, דער באַלעבאָס!

עס האָט אַ בורטשע געטאָן ווי פון אַ טרומייט.

מחמת אומגעריכטיקייט פון די הוילע רייד, וואָס זענען דאָ געפאַלן, האָט חיים יאַנטשען זיך צעגריזשלט די הויט. אַ ווייל האָט ער געשפירט ווי דער רונצל איז אַ האַרטער, אַ פּראַקטיקער אַריבערגעגאַנגען איבער זיין רוקן, איבערן שאַרבן. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעזעצט, פיינלעך גע־וואַרט עפּעס און דאָס אומבאַגרייפלעכע וואַרטן האָט אים פאַרשטאָפּט די קעל.

— וואָס צינדסטו נישט אָן קיין פייער, חכם מיינער!

ער האָט דערקענט איר קול. זי האָט זיך צעבייזערט.

— אַז דו ביסט דאָ, וואָס רופסטו זיך נישט אָפּ, ראַכל? — כאַפּט ער זיך פון מיטאַמאָליקער פאַרלוירנקייט. — ווייסעך, אַ ווייב אַ נאַר... — ענטפערט ער זיך שוין אַליין.

זיינע פיס נעמען ווייך פליאַסקען איבער דער פינצטערער פאַדלאָגע. דערנאָך האָט זיך געהערט: ער גראַבלט ערגעץ מיט די פינגער, ר׳זוכט. אין דעם אומדורכדרינגלעכן חשכות טראָגט זיך אַדורך אַ טרוקן שאַרן פון האָלץ אויף האָלץ, שוועבעלעך פויקן טויב אין אַ שאַכטעלע און אַ פלעמל אַ ציטעריקס, אַ פיאָלעטס שווימט אַרויס פון דעם געדיכט אָנגעפּוישטן חלל.

פלעקיק געל גייען אויף די פּנימער פון מאַן און ווייב אין דער צע־דריוולטער טונקלקייט. זיי קוקן זיך אָן איינס ס׳אַנדערע. ·אַ מרוקן, אַ האַסטיקער דריי אויפן געלעגער. ראַכל וויל נישט קוקן אין זיין זייט, זי גיט אַ ברום. ער, ווידער, איז זיך מיישב און לאָזט זיך פון ס׳ניי אַראָפּ אויף דער שלאָפבאַנק. ס׳אויסגעטריקנטע געהילץ סקריפּעט.

יידענע בלייבט אָבער יידענע. זי פּלאַצט אַרויס:

— אַ מאַן ביסטע? אַ טאַטע ביסטע? — זי הייבט זיך אונטער אויפן עלנבויגן, קוקט צו אים דורך דער ליכט־מוטנעקייט, וואָס שפּרייט זיך אין אַרום און ער, ער זיצט דאָרט קעגנאיבער ווי אַ לאָמיך־געמאַך — קלערסט אַ סך וועגן הויז! אַוודאי, ס׳גייט אים עפּעס אָן? — גיסט זיך איבער איר קול אין געקלאָג — הונט־טייוול פאָרסט אין שטאָט אַריין, דערמאָן זיך: האָסט אַ געזינד, ברענג עפּעס מיט, ווייז דו ביסט... ווי איז׳ס געהערט געוואָרן!

אָנגעהויפטע ביטערניש האָט גערעדט פון איר:

— אַלץ הייסט חי, אַלץ הייסט אַ מענטש!

די יידענע האָט געדאַרפט זיך אויסלאָדן. געדאַנקען מילדע, פאַרענט־פערנדיקע אי זיך, אי אים, געדאַנקען שרייאיקע, בריאיקע, האָבן גע־שטראָמט איבער איר, פאַרטרונקען זי. ער, דער מאַנספאַרשוין האָט אַראָפּ־געבויגן דעם קאָפּ, גלייך ער וואָלט זיך געהיטן פאַר דער שטאַרקער כוואַ־ליע היץ, וואָס שלאָגט פון אַנטקעגן.

— איי, דאַנע רייד!... פאַרנעמסט זיך מיט לאָבזעס, וואַאַב, — האָט ער זיך דערמאַנט אַז מ׳באַדאַרף ענטפערן. — זי מויכלט, מויכלט, טראַכט ער, מוז מען זי אָפּשטעלן.

— און דאַאַנע רייד? — גיט זי אַ צי די „דאַאַנע“ און צינדט זיך אָן. — זע נאָר, מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך. מ׳וואָלט אויסגעזען ווי פּו־טער אויף דער זון, בייז ביטערער געשפּאַן מיינער! ס׳האָט כאַפּטהאַלבן איילן ערד. פּונקט אויף קברים פאַרן ווייב מיט די קינדער. עס „קרענטשעט“ זיך אויפן שטיקל ערד אָן אַ שטיקל פאַראָבעק, פאַרצט פון פרי ביז נאַכט אין דר׳ערד אַריין, קוקט דעם פערד אונטערן שוואַנץ, טענהט זיך אויס מיט דער קו, און אויסגעזאָרגט! אַ באַבסקע וואָיט דאָס איז... ס׳וואָלט גע־פּאַסט: ר׳איז אַ זקן, דעם קאַדריל שוין אָפּגעטאַנצט. די קינדער, — שרייט זי אויף מיט אַ מאָל — יונגערמאַן מיטן אַלטן פּנימל, וועלן דיר נאָך טאַנצן אויפן קאָפּ! מיין נישט, ס׳עט דיר אַזוי גרינג אָנקומען!

מחמת באָסט האָט ראַכל זיך אויפגעזעצט. אַ צעשוווּמענער איז איר שאָטן געשטאַנען אויף דער וואַנט.

ער האָט זיך אַ דריי געטאָן מיט כעס:

—וואָס טוסטו אויף אַזוינס, זשאַרנעווער פּאַניענקע? אַ קראָם האָסטו? גיי האָב ברויט פון אַ שמעק טאַבעק, פון אַ לויט הייוון, וואָס אַ פּויער נעמט אַ מאָל. אַ חוצפּה דאָס האָט זיך!

— דו ביסט אַ גרויסער אויפטוער, — קרימט זיך איר דאָס מויל. — אַ נס, וואָס קלמן טראָגט דיר נאָך דעם הינטן. ביסט, אָסור, נישט ווערט אַזאַ אָרנטלעך קינד! זע, ווי אַלץ גייט איין, זע, וואָס פאַראַ טאַטע דו ביסט.

— זאָל איך זען? זע דו!

— אוי ווי, זע איך. אָך איז מיר, וואָס איך זע! ווייסט כאָטש, — גיט זי אַ שפּרונג אַראָפּ פונעם בעט — אַ מיידל וואַקסט ביי דיר? טראַכסט

כאַטש אַ מאָל, טאַטע, וואָס פון אַזוינס קען אַרויסקומען?... — און אין אַ וויַיל אַרום: — אַז ס׳האָט נישט קיין רוט איבער זיך, — איז איר אין מיטן דערינען געקראָכן אין קאָפּ אַריין דבורהס אַרומלויפן.

די יידענע האָט זיך געריסן ס׳האַרץ. זי האָט זיך אויסגעשעפּט פון אינעווייניקדיקן זאָט. דער ייד האָט זיך געלייגט אונטער דעם שטורעם. דער אומגעריכטער ליאַרעם פון דער באַאומרואיקטער מאַמען האָט צע־וואַקלט זיין עקשנות. גלייך אייז וואָלט זיך געטייעט אַרום די ווענטלעך פון זיין ברוסט, האָט אין חיים יאַנטשען זיך עפּעס אַ ריר געטאָן.

— וואָס זשע ווילסטו?

זי איז אַוועקגעפאַלן אין בעטגעוואַנט אַריין. אין דער באַוועגטער טונקלקייט האָט זיך געבלייכט איר פנים.

— וואָס איך וויל... ווי איז מיר, וויי איז דיר! וואָס וויל איך דען? דאָס פּאַסנע שטיקל ברויט וויל איך נאָר. און דאָס פאַרקויפט מיך צום ברעקל פרנסה. כ׳האָב דען צייט זיך אַרומצוקוקן אויף עפּעס? איך נעם אַלץ פאַר־ליב. איך, מיט מיר האָב איך נישט קיין דאגה, אָבער די קינ־דער! ווינציק זיך שוין אויסגעשטאַנען? האָסט שוין פאַרגעסן... מ׳טאָר נישט האָבן אַזאַ קאַצנקאָפּ. אין זינד גערעדט, האָט מען שוין אַראָפּגעגעסן פון זיך די אייגענע הויט. איז ערגעץ נאָך דאָ אַ גרעסערע בראָך, ווי פאַר־טאַכליעוועון ירושהדיק לאַנד? יעדעס מאָל אַ שטיקל: אַ מאָרגע, נאָך אַ מאָרגע. מעג עס זיין אַ שלעכטע ירושה — צי טאָר מען עס? ס׳איז דען דיינס? די קינדערס איז עס! צי האָט איטשע מאיר בילאַנדער פאַרקויפט לאַנד? ס׳געווען דיין טאַטע, דו ווייסט מסתמא. ר׳האָט צוגעקויפט אַ שטיקל צו אַ שטיקל... די קינדער וואַקסן אַנעהאַרע; וואָס קען אַרויסקומען פון דעם, אַז דער טאַטע איז קיין טאַטע נישט? זעסט. — האָט זי אויף אַ רגע איבערגעריסן דאָס העשנדיקע רעדן — קיינס זעט מען נישט אין שטוב אַריין! ס׳וואָלט געפּאַסט, ס׳איז בענקאַרטעס.

ווי הייסע קוילן זענען אירע רייד אים געפאַלן אויפן געמיט. אינעם האַסטיקן שוייגן, וואָס זי האָט דערנאָך געשוויגן, האָט זיך געוואָרגן איר כליפּ.

— וואָס איז דער טאַטע שולדיק, ראַכל?

— דער סלופּ איז שולדיק, — שפּרינגט זי ווידער פון דער הויט. — וואָס עלטער דאָס ווערט, אַלץ נאַרישער ווערט ער. זעסט דען נישט, וואָס

ס׳טוט זיך ביי מענטשן? פאַרוואָס מאַכט מען אַזויפיל כאָסלערעס אַרום דיר? האָסט ווינציק נאָך געטאַנצט ביי פראַנעקן, ביי דער קאַזשימיע־זשאָווע, ביי לעלעווסקין! פאַר וועמענען נייט אויס אַנדזשע יאָסעק חגא־העמדער? אַזאַ סמיק, ס׳קען קיין צוויי נישט ציילן, נאָר אַ קאַוואַליר גייט שוין צו איר. און דער אַלטער בזשאָזיק? פאַר וועמענען שפּילט ער אויף זיין האַרמאָשקע, און זאָשע וואַשינסקיס פאַרבט און וועבט וואָל פאַר וועמען? מ׳מוז דיר געבן די אויגן אין דער האַנט אַריין, מאַנספּאַרשוין!

דאַכט זיך, ס׳איז אָפּגערונען די שוימיקע כוואַליע. די יידענע האָט טיף אָפּגעעטעמט.

— איטלעכער האָט זיך זיין שכל, — זאָגט ער נאָכדענקלעך — וואָס באַדאַרף אַזאַ שטייגער ווי איך טאָן פריער: פאַרריכטן דעם כאָמעט, אָנ־ברענגען האָלץ, קאָווען אַ ראָד, צי נאָכלויפן די שטינקערס, וואָס לויפן אין דער שאול־תחתיה אַריין? גיי, כאַפּ דעם ווינט אין דרויסן!

— האָסט אַ סך דערפון, — בייסט זי די ליפּן.

— פון דעם קאָפּ בראַנפן, וואָס עמעצער כאַפּט אַראָפּ ביי דיר, האָסטו צו עסן? ווען נישט ס׳ביסל קאַרטאָפלעס, דעם אייגענעם קאָרן, די טאָ־טערקע, וואָלט מען שיין אויסגעזען... מ׳וואָלט געקריגן די דינדאַרנע.

— אַלץ איז ס׳עסן, חכם מיינער? וואַזשנער ייד!

— עס נישט, וועלעך זען, וואָס פאַראַ קוק דו וועסט האָבן... אַז איך עס נישט, האָבעך נישט קאָ׳ כוח.

— פון דיין דזשאָרקע ערד האָט מען דאָס גאַנצע אויסקומעניש, הע?

— גיט זי נצחונותדיק אַ זאָג און די אויגן שפּרינגען איר פון שטערן אַרויס.

— אָט טאָ־טאָ, באַבוניו — זעצט ער זיך שוין אויף אין גאַנצן און זיין וואָרט ווערט הייס און פאַרחידושט — דאָס איז עס! ווען נישט דאָס רעפּטל ערד... דו ווייסט אמת נישט, ווי דער שאַרבן ווערט מיר אויסגע־שוואַכט, ווי אַזוי מ׳ציט אַרויס חיונה פון דעם כזית לאַנד; דאָס איז שוין ס׳בעסטע, וואָס איז געוועזן אין דעם קאַנט. ס׳דאַך זאַמד. איך שאַנעווע זיך? זע, ווי ס׳גערייעט ביי וואַנסן, זע ווי אַנטעק טישקע האָט אַ קוק... ביי אונדז קומט יאַקאָש עפּעס אַרויס.

— אָבער דאָס אויסקומעניש, מאַנספּאַרשוין!

— איך העלף דען דיר נישט צו? איך בין דיר אַ שיק־יונג, אַ שפּי־ליטער, כ׳וועל אויסגעריסן אין אפּאַטשנע —

ער זיפּצט אָפּ און ברענגט געלאָסן אַרויס דאָס, וואָס עס טוט אים וויי צום שטאַרקסטן:

— ווען איך וועל געהאָלפן צו נאָך אַ מאָרגן!...

— מעגסט וועלן אַ וויליק, פּאַניע פריץ! מ׳קוקט אויס אויף דיר — — כ׳זאָל האָבן אפילו אוצרות, קויף איך לאַנד? אויף טישאַנץ שאָק כפּרות! ס׳גליק, וואָס ער האָט ביי דעם. דעכעוויצנע ווערט מען, מ׳ווערט גע־ברעעכט דערביי. אַכיבע עפּעס רעכטס. מ׳וועט דען דיך צולאָזן? האָסט — האָסטו, אָבער קויפן קענסטו אַ פּגר. וואַיטשעך וואָנס׳ חלק וועט מען דיר פּאַרגינען. ניע דלאַ פּסאַ קעלבאַסאַ... אַ ייד וועט מען צולאָזן! האָסט ירושה, עלטער זיך מיט איר, אויב דו האָסט כוח צו לעבן, אַנישט צי אויס די קאַפּיטעס. ווייטער — אַ פּייג מיט עסיק. אוי, חיים יאַנטשע, חיים יאַנטשע, האָסט אַ קנאַפּן געדענקער.

— מיט דיר זיך אויסטענהן! — שפּירט ער זיך שוין באַליידיקט.

און אַז דאָס ווייב האָט אים ווידער אַ מאָל פאַרגעהאַלטן: ר׳איז אַ שלעכטער טאַטע, ס׳שטיקל נחלה האָט אים אומזיסט אין גאַנצן פאַרשלונ־גען, — האָט ער איר מוחל געווען דעם גרימצאָרן. די זין זענען באמת שוין בחורים. זייערע הויזן זענען מיט דער מאַמעס הענט פאַרשטשאָבעט — אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, די שטיוול — צעלייגט, די פיס, גרויס געוואָ־רענע, האָבן נאַקעט אַרויסגעקוקט פון צעריסענעם לעדער. נאָר זיך אַן עצה געבן מיט דעם מעמד האָט ער נישט געהאַט קיין געלענק. פאַר צערט־לעכקייט, ווידער, איז געווען שטום זיין צונג. דער פּענעץ ערד, די בהמה — דאָס איז געווען זיין גלויבן, זיין שכל.

— אַ וואַזשנער טאַטע, — האָט זי אים געגעסן — מאַכט אַ תל פון אַ יונג. געמיינט האָט זי דעם עלטסטן, קלמנען, וועלכער איז געהאָרכיק ווי אַ הונט, ווייסט נישט מער ווי האָרעווען און טאָן, וואָס דער טאַטע וויל, וואָס די מאַמע הייסט. — ער וועט זיך אַנידערלייגן, צו וועמענס קאָפּ ׳עט עס אויסגיין? — זינגט ראָכל אויף דעם מאַן. — דער יונג גייט דאָך שפּילטער באָרוועס. ס׳וואַרפט דאָך אין זיבעטן קדחת, אַז מ׳קוקט נאָר אַרויס אין דרויסן. און דער מעשה־בהמה זאָגט צומאָל נישט: „ווי קען איך גיין אַזוי, טאַטע?" יעשענע רעגנס שטעלן זיך, אין די ביינער עסט

זיך דאָס איין און ער, דער לאַכטיקער טאַטע, ציט אים מיט זיך, דער אָקס! אַ גרויסער לייט, דער טאַטע דיינער, קאַלמע!

— זיי דו אַ בעסערע מאַמע, רישאַנטע! — האָט דער ייד אויסגע־וואָרטשעט און ס'פּנים איז אים געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד. ער האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר, פאַרקראָכן הינטער דער סטאָדאָלע אַרונטער. דאָרט האָט ער עפּעס געמייסטרעוועט, געשלעפּט אַ בראָנע אין צעפּראַלטן שייער אַריין און ווי אַ האָן זיך אָפּגעשאָקלט פון דעם רעגן, וואָס האָט אים געגאָסן אויף די אַקסלען אַרויף, דורכגעווייקט אים ווי אַ שמאַטע.

קלמן איז נאָכגעקראָכן דעם פאָטער, וועלכער האָט עפּעס געדולדיק געדליביעט מיט די שטייפע פינגער. דער יונג האָט זיך געקאָרטשעט פון נעץ. דער רעגן האָט פאַרעקשנט אים געפּויקט איבערן היטל, פון דאַשעק געקאַפּעט.

— אַ טאַראַראַם דאָס מאַכט! מ'קען מיינען, מי יודע ווי ס'רייסט איין אין געוועלבל דער בילאַנדעריכעס, — האָט חיים יאַנטשע פאַרדראָ־סיק געערעדט און גרויסע רעגן־טראָפּנס האָבן זיך פאַרהאַלטן אין די פּאַט־לעס פון זיין באָרד. דער יונג האָט זיך צוגעהערט צום פאָטערס רייד און עס איז אים געוואָרן קאַלעמוטנע. דער רעגן האָט'ן דאָקוטשעט און דער מאַמעס טענות האָבן אים, ווי דעם טאַטן, געביסן ווי שטעך־בינען.

אָבער ראָכל האָט די לייצעס נישט אַרויסגעלאָזן פון אירע הענט. דאָס דאַרע ווייבלטשיגע האָט דאָס הויז געהאַלטן אין די דישלעס, מיט די ציינער געהאַלטן. זי האָט די יונגען געדורסט, די מויד פאַרשפּאַרט אין קאַמער, ביי די צעפּ געריסן, געדראָעט מיט אויסהונגערן און־געפירט אַלע־מען אין צוים.

— לאָז ענק דאַכטן, קאַ' טאַטע איז נישטאָ. צ'מיזט האָרכן די מאַ־מע! אַ קליינע מאַמע, אַ שוואַכע מאַמע, אָבער אַ מאַמע. אויב נישט — איז מיין טויט און ענקער טויט.

זי האָט געשריגן, געביילט פויסטן און מ'האָט זיך געשראָקן פאַר איר.

5

דער וועג פון לעבן און טויט

— ס׳שוין צייט די משפחה זאָל זיך פאַרגרעסערן, חאַם־יאַנטשע! ווי לאַנג איז דער שיעור, ס׳זאָל זיין אַזוי מאַרקאַטנע אין שטוב, אַ פידל זאָל נישט אַ קלאַנג טאָן אַ פריילעכס?

עס טרעפט, אַ מענטשן ווערט דערעסן דער גריזשנדיקער אינדער־וואָכן: עס צופט אַ בענקעניש נאָך אַ פונק ליכט, כאָטש מ׳ווייסט נישט ווו דאָס צו זוכן.

אויך ראָכל האָט אַנומלט — אין אַ גוטער מינוט — סתם אַזוי זיך פונאַנדערגערעדט מיטן מאַן. מיט אַ מאָל דערשפירט אַ קוועלעניש ביים האַרץ, האָט זי נישט געוווסט פון וואָס אָנצוהייבן. מ׳איז געזעסן ביים טיש. אָנגעלייגט זיך די בייכער, זענען די קינדער זיך שוין פונאַנדערגע־קראָכן נאָכן שבתדיקן מאָלצייט. בלויז דער עלטערער, קלמן, איז דרך־ארצדיק געבליבן נעבן טאַטן.

— אַנעהאָרע, — האָט די יידענע געוויגט מיטן קאָפּ און זיך דער־ליבט אַ שמייכל צו טאָן — איז מיר שוין נישט צייט צו ווערן אַ באָבע? מעגסט, טאַטע, זיך אַרומקוקן אַ שידוך פאַרן זון.

דער אַלטער האָט נישט געענטפערט. זיינע צעלויכטענע אויגן האָבן געקוקט דאָ אויפן ווייב, דאָ אויפן זון און עפּעס געמורמלט איבער אַ צע־עפנטן סידור.

קלמן איז רויט געוואָרן ווי אַ טשוויק. דער מאַמעס זומערגעשפּרענקל־טע פנים, איר לענגלעכע, שאַרפע נאָז, די אָפּשטייענדיקע אויערן — אַלץ האָט געברענט אויף אים. מיטן נאָגל פונעם ווייז־פינגער האָט ער אָנגע־בויגענערהייט געציילט די פעדעם פון בלומיקן טישטעך, מיטן בליק זיך איינגעגעסן אין די פלעקן, אויסגעגאָסענע אויפן געוועב און די פלעקן האָבן זיך צעברויזט פאַר זיין ראיה. אין שטוב קען ער נישט ס׳מויל עפענען,

דער יונג. אין דרויסן איז שטענדיק פול מיט אים ס׳פעלד, די אָזערע, די שכנישע הויפן. יונגוואַרג האָט אין קלמנען אַ קלוגן חבר, אַ בריה. די על־טערע דאָרפסלייט רימען דעם יונגן בילאַנדער פאַר אַ גוטן באַלעבאָס, פאַר אַ פלייסיקן העלפער. שכנים פאַרבעטן אים דעקן אַ דאַך, צורעכט מאַכן אַן איינגעזונקענע שטאַל.

— קאַלמאַ, איי, קאַלאַ! — באַגעגנט מען אים מיט גינציקייט. און ביי דער האַרעוואַניע, אין שווימען און ביים טאַנצן פלאַמט ער. ער קאַרגט אויך נישט אַן איבעריק וואָרט, זינגט.

האָט ער אָבער נישט וואָס צו טאָן, איז דער יונג נישט דער אייגע־נער. ער שלייעט זיך אַרום איבער די שכנישע הויפלעך. די היימישע כאַ־טע, די מאַמע, די ברידער ווערן אים אומאייגן. אים לאָקט, ווו חברה איז היימלעך. אין פאַרנאַכטלעכע סעדלעך פלאַנטערט ער זיך מיט אַ כאַפּטע, לאָזט זיך גערן אַריינציען אין בשותפותדיקן זינגען, אין טאַנצן. און טאַנצן טאַנצט ער ביז פאַרגעסן זיך, לאַנג, פויעריש פאַרביסן ביז ביים האַרמאָ־ניסט ווערן הילציק די שפּיצפינגער פון אָנקוועטשן די קנעפּלעך פון אינס־טרומענט און די מויד אין זיינע הענט פאַלט אַוועק אַ פאַרשוויצטע, זי בלאָזט מיט די ליפּן ווי מיט אַ מיעך: אַפּ־פּפו, אַפּ־פּפו... קלאַמערט ער אַרום די טאַליע פון דער הויכפּיסיקער קסעניע מיטן ברייטן, ראָזן פּנים, רייסט זיך פון קלמנען אַן אומאויסלעשלעכער פלאַם. עס קנאַקט אַרום אים. אין אויגנשווינדלענדיקן קאַראַהאָד דרייט זיך קלמן צווישן אָפּריסן פון ווענט, וואָס פלעקן זיך ווייס און רויט און מישן זיך צונויף מיט טונקלענדיקע סי־לועטן פון ביימער און מענטשן. פאַר קסעניען האָט ער אַ פול האַרץ מיט רעדן, מיט בענקען, כאָטש קיין לשון פאַר דעם אַלעם האָט נישט דער יונג. דערזעט ער קסעניען, שפּאַרן אַרויס פון אים די אויגן, און זיי פלאַקערן. זי גייט אָפּט אין קראָם אַריין נאָך קאַליריקע בענדלעך, נאָך פאַטשער־קעס, וואָס חיים יאַנטשע ברענגט פון אָפּאַטשנער הורטאָווניקעס. אין קראָם קוקט זי ווי אַ „טולע" אויף דער וואַנט און גייט אַ סך מאָל אַוועק אַ פאַרחושטע. דערזעט זי קלמענען, דערמאַנט זי זיך תיכף, נאָך וואָס זי איז געקומען צו דער בילאַנדעריכע, פרעגט אויף דעם און יענעם, וואָס איז גראַד נישטאָ אין געוועלבל; אין מיטן רעדן גיט זי זיך אַ בויג אַראָפּ, כאַפּט די קאַץ איןביידע הענט אַריין, קוקט דער קאַץ אין די גרינע גלאָ־צערס און אירע אייגענע אויגן נעמען ברענען ווי וואַלד־פייערלעך.

קסעניע איז די טאָכטער פון אַ ספּאָלער וואַלד־היטער. זייער שטיבל שטייט ביים ראַנד פון וואַלד, וואָס איז פאַרקוקט אויף לאַקעטקע. קסע־ניען זעט מען אין גאָרטן פונעם פאָטערס כאַטע. מ׳ווייסט: זי איז אָפט אין וואַלד, זי גייט קיין טאַמאַשאָוו מיט שוואָמען, מיט יאַגדעס, וואָס זי קלייבט צונויף. זי מעג, איר נעמט מען נישט צו די אַנגעפּולטע קיישלעך. די דאָרפישע מיידלעך ווילן זיך חברן מיט קסעניען, זי וויכט אָבער די דאָרפישע קרענצלעך פון יינגלעך מיט מיידלעך. צי זי שעמט זיך, אָדער זי בלאָזט פון זיך... אַ סך מאָל הערט מען איר זינגען פון טאַטנס שטיבל אַרויס. די מיידלעך שמועסן צווישן זיך אַז קסעניע איז אַ „דזשיק“, אַ שטיק ווילדעניש. ווען מ׳גייט אין די זומער־פאַרנאַכטן אָפּרייסן פלוימען פון שכנישע סעדלעך, היט מען זיך פאַר קסעניען: זי קען עס באַלד אויס־שרייען! קסעניען זענען די מיידלעך שטאַרק מקנא: זי האָט דעם וואַלד און זי איז אַ שיינע. אין איר וועט זיך פאַרליבן אַ שטאָטישער פּאַן און זי וועט זיין רייך. קסעניע האָט אַ סך קליידלעך, זומער פאַרבעט מען זי אויף פאַרווייַלונגען אין דאָרפישע שטיבער. אַז דער פאָטער הייסט, גייט זי. און לאָזט זי זיך טאַנצן, ווערט זי נאָך שענער — בלאַס און שוועבנ־דיק ווי די לעגענדאַרע וואַנדאַ. יינגלעך שאַרן זיך דעמאָלט צו קסעניען, מיידלעך זענען אייפערזיכטיק אויף איר און פון האַרצקלעמונג רינען זיי אויס פון דער צערווישטער כאַטע. קלמן בילאַגדער האָט נושא־חן געווען ביים גאַיאָוועס טאָכטער. צווישן די יינגלעך, מיט וועלכע זי באַווייליקט צו טאַנצן, טאַנצט זי מיט אים צום לענגסטן. אימפּעטיק וואַרפט זי זיך אין זיינע אָרעמס, טופּעט־צו ביי יעדן לופט־שפּרונג און די אויגן צעבר־ע־נען זיך איר. אַ סך מאָל, ווען פּאָרלעך זענען שוין אָוועקגעפאַלן פון דעם דווערנדיקן פויערישן טאַנץ, האָבן קלמן מיט קסעניען זיך נאָך אַלץ גע־וויגט אויף די אַנגעהיצטע כוואַליעס, וואָס זענען אָנגעטראָגן געוואָרן אין כאַטע אַריין און די פּאָדלאָגע און דער פּולאָפּ האָבן זיך מיטגעוויגט. ביי די צוקוקערס זענען די אויגן שוין איבערגעלאָפן און די פענצטערלעך קייכן מיט אַ שלוקערץ און מיט אַ מאָדנע מיניען.

שכנים האָבן עס באַמערקט: פאַרבאָרגענערהייט האָט קלמנען שטאַרק געקלאַפּט ס׳האַרץ פאַר קסעניען. געזען זי, האָט ער שוין געפּאַדניעט פאַר איר. ס׳פּנים האָט זיך אים אָנגעצונדן ווי אַ לאַמטער. דעם וואַלד־היטערס טאָכטער האָט קלמנען כישוף געטאָן, האָבן זיי געמורמלט.

אַזוי האָט זיך געדאַכט אויך דער מאַמען. די בילאַנדעריכע האָט נאָך מער געציטערט: ר׳איז דאָך אַ יידיש קינד. זי — אַ שיקסע, אַן ערלית.

בשתיקה האָט קלמן זיך טאַקע געטראָפן מיט קסעניען. אויגן האָבן אין אויגן אַרייַנגעקוקט, די הערצער זיך געוועקט צו באַהעפטונג.

...קסעניעס ברייט, ראָזלעך פּנים האָט זיך אין אים אייַנגעגעסן; מיט די אַפּלען, וואָס האָבן אויפגעשטראַלט אין דער פינצטער, מיט די גראָבע ליפּן, וואָס האָבן זיך באַוועגט אויף זיין באַק, אויפן האַלדז, האָט זי אין דעם יונג איר גליאיקן אָטעם אַרייַנגעגעבן און אויפגעשמאָלצן אין אים אַ נייעם כוח, וואָס האָט זיך אים אָפּגעגעבן מיט אַן אינעווייניקדיקע, ציעדיקע שוואַכקייט. ער האָט געהערט: „יאַ טשע קאָכאַם... בענדזשעש שטשענשליווי, קאַלמאַ!”*

קסעניע איז אין דעם יונג שטאַרק פאַרקאָכט, האָבן לייט זיך שוין געשוווירן. אַנדערע האָבן אַליין געזען: די מויד האָט אים געדריקט צו זיך, זי האָט אַרייַנגעשושקעט אין דעם פאַרטאַמלטן יונג. אַז אַ נקבה איז זיך מתדבק אין אַ בחור איז ערגער, אוי־אוי, אַ סך ערגער! דאָס היי אין סטויג האָט געשורשעט, די שטערן אין הימל האָבן געציטערט — האָבן דאָרפסלייט געכיכיקעט. — ס׳אַ פּאָרל, יאָ, יאָ, די פּאָטערס זאָלן גאָר פּאָזוואָליען, זענען זקנים שוין געווען מסכים אויפן שידוך.

— נישט קיין קאַטאָוועס, חיים יאַנטשע, לאָ׳מען שפּילן ביי אונדז — האָט די יידענע גוטמוטיק פאַרקרייַצט די הענט אויפן בוזעם און נישט געמאַכט זיך זען, ווי דער יונג האָט אַראָפּגעהאנגען דעם קאָפּ איבערן געל־געפלעקטן שבת־טישטעך.

ראַכל האָט אין זיגען געהאַט די מעשה־קסעניע. קלמן האָט זיך עס משער געווען. ער האָט זיך געבעטן אַ דערצונדענער:

— הער אויף, מאַמע!

— ניי־ני, — האָט דער ייד נישט געוואָלט הערן און די הויכע ברע־מען ערנסט אָנגעשטעלט אויפן אויפגעמישטן אַלטן סידור. ס׳הייסט —

---

* איך האָב דיך ליב, קלמן, וועסט זיין גליקלעך.

מפסיק זיין איז אַן עבירה. פאַרן גאָט פון ליבן שבת טאָר מען זיך נישט פאַרזינדיקן מיט פּוסטע רייד. — ששששאַ־אַ!

◆

חיים יאַנטשע, ווען מ׳האָט באַדאַרפט אין אַ סך זאַכן נעמען פאַר דער האַנט און פירן ווי מ׳פירט אַ קינד, האָבן דעם ווייבס רייד קיין מאָל גישט געפירט. ער האָט זיך געהאַט זיין דרך: וואַרטן. וואָס עס איז באַ־שערט, קומט אַליין אין שטוב אַריין. קלמן דער עלטסטער זון זיינער, וועלכער איז געוואַקסן אַ גוטער גאָספּאָדאַזש וואָלט, וועדליק דעם פאָ־טערס פירעכץ, געקענט פאַרזיצן, בלייבן אַן אַלטער בחור. אַזוי זיך אַ שטיף טאָן איז אים צום האַרצן, און צו דער האַנט, דעם קלמנען; אַזוי איז טאַקע געקומען קסעניע דעם וואַלד־היטערס, אָבער תכליתדיקס — צו דעם איז ער צו שעמעוודיק. אַ גליק, וואָס ס׳איז אונטערגעקומען די מומע גאָלדע.

„די מומע גאָלדע" איז געווען אַ שכנה פון קאַמיען. אַרויף מיט די בערגלעך, וואָס פירן צו אָפּאָטשנע, איז געלעגן דאָס דאָרף קאַמיען. אַ דאָרף ווי אַ סך דערפער פאַזע די פלאַכע ברעגעס פון די פּיליצע. עס איז דאָס מקום פון סאָסנע און יאָדלע, וואָס דורות כראַביעס האָבן אויסגע־האַקט און די ערד צעשניטן אויף אָרעם־פּויערישע נחלות. זאַמד און זומפּ איז דאָ געבליבן נאָך די פּריצים. זייערע נעמען האָבן פרומע זקנים לאַנג אַרומגעטראָגן איבער דער געגנט צוגלייך מיט זייערע בעטלער־טאָרבעס, אָבער קיין לעבעדיקער זכר איז פון די פריצים נישט געבליבן. קאַמיען איז אַזאַ אָרט. כאַטע ביי כאַטע און דאָס פעלד אַרום אַ גאָלס, אַ שיטערס, אַז קוראָפּאַטוועס גייען די קאַמיענער תושבים זוכן נעענטער צו ספּאַלע; דאָרט איז די ערד נישט אַזוי קאַרג און די ווילדע עופות האָבן זיך ווו אַהינ־צוטאָן.

דער מומע גאָלדעס שטוב שטייט אויף דעם שטעגל, וואָס לויפט אַרויס צום אָפּאָטשנער טראַקט.

ווען עס איז אויסגעקומען דורכצופאָרן אָדער דורכצוגיין קאַמיען, האָט זיך געמוזט באַגעגענען מיט דער אַלטער גאָלדעס שטוב. אַ קוק טאָן אויפן גרויסן, גלאַטן שטיין, אַן אַריינגעוואַקסענעם אין דער ערד, וואָס געבן שוועל. און האָט עמעצער אייגעשניטן אין וועג ערגעץ צו אַ פאָל־

וואַרק, קיין קינסק אָדער קיין ראַדאָשיץ, האָט מען געהאַט אָפּלאָג ביי דער מומע גאָלדע. ס'איז געווען די איינציקע יידישע שטוב אויף דעם קאַמיע־נער וועגל. איבערנעכטיקן, אַפילו שבת־האַלטן איז נישט געווען קיין דאגה אין די־אָ קאַנטן. די מומע גאָלדע לעבט ברוך־השם! די יידענע איז שטענ־דיק אין דער היים און איר טיר איז אָפן פאַר אַלעמען. ווייט און ברייט האָט געקלונגען דער נאָמען פון דער „מומע גאָלדע". אויף איר פּליטע האָט תמיד זיך געפּרייעט אַ גרויסער טאָפּ קאַשע מיט מילך, קאַרטאָפל־קליסקעס אין שמאַלץ געפּרעגלט, אַ זודיק גלאָז טיי און אַ פרישׂ געבאַקן קאָרנברויט מיט שמעקעדיקן קימל אויפן טיש. די מומע גאָלדע האָט אַלע־מען אָנגעקאָרמעט און נאָך מהנה־געווען מיט אַ פרומען זיפץ: שווער, נע־בעך, ס'שטיקל פּרנסה... אַ מענטשן קומט אויס, נישט קיין צרות! אונ־דזערע שונאימס שוועלן זאָלן נישט וויסן פון דעם טעם — אַ גאַסט, ווער מיר גוטס גינט — — אויף ביינאַכט פלעגט זי דעם פרעמדן איינדעקן מיט אַ וואַרעמער דערע. דער אַלטער זישע איז נישט געווען קיין היים־זיצער. אויף אַ פערד־און־וואָגן איז ער אַרומגעפּאָרן איבער דער געגנט, אויפגעקויפט רויע לעדערס און זיי אַוועקגעפירט אין די אָפּאַטשנער „בלאָ־ניעס", פאַר די גאַרבאַרניעס. טיף אין וואַסער, וואָס לויפט אָפּ אָן אַ זייט פון דער פּיליצע, שטייען בערדיקע יידן אין מושב פון געווייקטע פעלן, הויך פאַרשאַרצט די נאַגעוויצעס פון די הויזן, שווענקען זיי די לעדערס פון אָפּגעקראַצטן שערעך וואָס איז אויסגעגעסן מיט האַלאַן און געלאָשע־נע וואַפּנע. שוין אין דער נאָענט פון די בלאָניעס טראָגט זיך דער שטיקנ־דיקער ריח פון פונאַנדערגעגאַנגענער יאַטקע, אַן אויסגעווופּטע שאַרפּ־קייט פון געשוואָלענעם רוי־לעדער. דער אַלטער זישע ווייסט דעם ווערט פון יעדער פעל, ער האָט „די וואָג אין האַנט", דערטאַפּט דעם „גריף" און איז מכמה יאָרן גינציק געזען צווישן די גאַרבערס. אַ גרינגע האַנט, אַן עין־הרע, פלעגן זאָגן די פּראָסטע צווישן זיי, „אַ לעדערנער עילוי", האָבן געשפּאַסט די גמרא־יידן, וואָס זענען פון פּרנסה־וועגן אַריין אין דעם פּראָסטאַצקן ענין פון פעל און שעכטהויז. דאָס ירושהדיקע שטיקל לאַנד אין קאַמיען האָט זישע אָפּגעגעבן זיינע שכנים. דערפאַר האָט ער געבעטן נאָר אַביסל מעשׂר:

— ווייסט, יענדרעק, כ'וויל זיך בלויז אַ קאַפּעלע דערנערן. קאַר־טאָפלעס פאַר דזשאָד ז'באַבאָן, קרויט אַ פעסעלע, טאַטע־מאַמען אין קבר

נישט צו פאַרשעמען. און וועסטו האָבן איבעריקס, כי־כי, אַ טאָרבעלע טאַ־טערקע אויף קאַשע, מסכים?

— זגאָדאַ, — האָט דער גוי פריילעך אַ שאָקל געגעבן מיטן טשוב האָר, וואָס איז אים געפאַלן אין די אויגן אַריין.

— דאָס איבעריקע וועט דער פאַן בוג צושיקן... אַ ייִד מוז גלייבן, יאָ, יאָ, יענדרעק!

דאָס איבעריקע האָט זישע קאַמיענער שוין אויסגעהאָרעוועט מיט זיין געשפּאַנדל.

אין פריד האָט געלעבט די שטוב פון זישע קאַמיענער און זיין ווייב גאָלדע. די מומע גאָלדע איז אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן שוואַך; זי האָט נישט געקענט זיך אַ סך באַוועגן. איר לייב איז געוואָרן אָנגעגאָסן, שלאַבעריק, זי איז רק געזעסן אויף אַן אָרט און געקליבן מצוות און בענ־טשונג אויף איבער די הונדערט און צוואַנציק יאָר.

אַ דאָרפישע פון דור־דורות איז זי זינט נאָך איר חתונה געוועזן צו־געקניפּט צום מאַנס דאָרף קאַמיען. אויסגעקאָכט מיט יונג און אַלט האָט די מומע גאָלדע ליב פאַר זיי אויפצוברענגען דעם אַמאָל. אָ, וויפל עס דער־מאַנט זיך, ווען מ׳קוקט אויף די מענטשן! מ׳האָט איר דעם טאַטן פאַר־שמיסן בעת דער פּאָווסטאַניע. זי איז נאָך אַ ברעקל קינד געווען. זי האָט׳ס נישט פאַרשטאַנען, נאָר אַז מ׳האָט איר געזאָגט: „דער טאַטע גייט״, פלעגט זי זיך פונאַנדערוויינען. ער איז געווען אַ גוטער, אָבער פאַר זיין אויסזען האָט זי זיך שטאַרק געשראָקן. דער טאַטע האָט מאָדנע געפּויזעט אויף די קני, זיינע פיס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט ווי טויטע. אויפן פּנים זענען אים געווען גרויסע בלאָטערס, איבערן שטערן און אויפן האַלדז — שוואַר־צע פרענגעס. פון קלעפּ זענען אים געבליבן אייביקע שראַמען. מיט ראַפּ־ניקעס האָבן זיי אים געשלאָגן, דעם אָרעמען טאַטעליו, די זעלנער מיט די גראָבע פאות. ס׳בלוט האָט געשפּריצט און ער האָט געשריגן: „דאָלאָי, דאָלאָי!״ — — זקנים און יונגוואַרג זענען אַרומגעזעסן, זיי האָבן זיך פאַרלוירן איבערגעקוקט און די מומע גאָלדע דערציילט, רק זי דערציילט. „די קאַצאַפּעס און די זשאַנדאַרן האָבן געברענט די אָרנטלעכע מענטשן״, — האָבן איר אַרויסגעהאָלפן גראָע לייט, — „און די פּאַרריסענע פּאַנעס האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ: „גוט אַזוי. מיש זיך נישט אין קיסרס זאַכן!״ אוי־אוי, פון דעמאָלט־אָן, זיפצט די מומע גאָלדע, ליידט זי אויפן

האַרץ. אינעווייניק שטעלן זיך אָפּ די רעדעלעך ווי געסטאַיעטע, זאָגט זי און צערפולער שמייכל צעגייט זיך איבער איר פּנים.

די אַלטע גאָלדע זיצט על פּי רוב אויף אַ בענקעלע ביי דער הרובע; זיצנדיקערהייט גרייט זי אַ גאַנצן ווינטער מעקענע פאַר דער בהמה, וואַשט וועש און פאַרקנעט אַ דייזשע ברויט. זומער־צייט, ווען די היץ שרפעט, קען זי נישט בלייבן אין דער נידעריקער הילצערנער כאַטע מיט די אַנ־געגליטע ווענט. ס'פאַרפּעלט איר דעך. דאָס פּנים איז כסדר אָפּגעגאָסן אין שווייס, עס גלאַנצט און אין די צעווירענע קנייטשן פון די אַראָפּהענגענ־דיקע באַקן, אין די טיפע רינוועס פון איר גרויסן שטערן שטייט קלעפּי־קער קויט. זי זיצט אין דרויסן אונטערן ברייטן אָפּדאַך פון דער שטוב. אונטער איר איז דער גלאַטער שטיין, וועלכער קילט דאָס לייב. איר פולער קערפּער סאָפּעט און זי אָכצעט פון תענוג: אַאַאַ!

צו זונזעצן, ווען חיים יאַנטשע איז אַ מאָל אַהיימגעפאָרן פון אָפּאָ־טשנע, האָט די מומע גאָלדע אים זיך אָקעגנגעקאַטשעט. אירע קורצע, גראָבע הענט האָבן, ציטערנדיקע, זיך אויסגעשטרעקט צום לאָקעטקער:

— ח'אָם יאַנטשעלע, ח'אָם יאַנטשע! ס'מיין סוף געקומען!...

אין דער דרויסנדיקער טונקלקייט האָט די יידענע אַן אומגעלומפּער־טע, אַ טשוהונענע, דערמאָנט אין אַן אויסטערלישן סאַגאַן מיט אַ פּאָר אויערן. קליין און ברייט. זי איז געגאַנגען אויף דעם מענטש און גע־פרייכט. ס'איז איר שווער אָנגעקומען דאָס רעדן. ס'ליימיקע פּנים איז געווען צעשניטן פון אַ ווייטיק, וואָס האָט מחמת איר פול־לייביקייט נישט אין גאַנצן זיך אָפּגעגעבן אויף אויבנאויף; בלויז די קינען האָבן נערוועז גע־ציטערט. אַריינגעוואַקסענע אינעם ריזיקן פּנים האָבן די אויגן זיך פאַר־לוירן אין דער מאַסע פון צעווירענעם פלייש. די אויגן האָבן קוים־קוים זיך אַרויסגעשאָטנט.

דער לאָקעטקער איז צו איר אַראָפּגעקראָכן פון פורל.

— וואָס 'עסטע זאָגן, מומע גאָלדע?

זי האָט זיך געטרייסלט אין גאַנצן, די אַלטע, און זי האָט אים צוגע־פירט צו איר שטוב, נאָר אַריינגיין אים נישט געלאָזן.

— ניטע! — האָט זי אַ רעווע געטאָן ווי אַן אָפּגעבריטע און דער שווערער קערפּער האָט זיך געוואָרפן — ר'איז אינעווייניק...

— מאַך נישט קאַ' ברעוועריעס, גאָלדע! — האָט חיים יאַנטשע אַ פאַרחידושטער זי אָנגענומען פאַר דער האַנט — וואָסי, יידענע?

שכנים האָבן טרויעריק אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון די כאַטעס און מיט רחמנות געמאַכט מיט די הענט העוויות איבער דער אַלטער.

— צאָ יעסט, — האָט דער לאָקעטקער זיך געבעטן ביי דער אַלטער

— וואָסי? —

זי האָט זיך געטרייסלט.

— ס׳אַ שרעק... ניטע!

אַ פאַרחלשטע איז זי אַרויפגעפאַלן חיים יאַנטשען אויפן אָרעם און געהעשעט. די גוישע שכנים האָבן פאַרשטעקט די קעפּ אין זייערע טונ־קעלע כאַטעס אַריין און די יידישקע געלאָזן זיך אויסוויינען. חיים יאַנטשע האָט געשפּירט: אַ שוואַכזיניק באַשעפעניש וואַלגערט זיך אָן אויף אים און אים האָט אַרומגענומען אַ באַגער זיך אַרויסצוראַטעווען דערפון.

— ווּעסטו נישט אויפהערן, לאָז איך דיך איבער... סט׳געהערט?!

דער מענטש האָט זי אַנגעשראָקן, ווי מ׳שרעקט אַ קליינס. די אַלטע האָט חיים יאַנטשען לאַנג נישט געלאָזט אַריינגיין אין שטוב, כאָטש זי האָט געוואָלט, ער זאָל זען איר אומגליק. „ר׳איז אינעווייניק! געקומען...״ מיט די שפּיצפינגער האָט זי זיך קראַמפּהאַפטיק איינגעפלאָנטערט אין זיין מלבוש און פון דאָס ניי באַוואַשן זיך מיט טרערן, וואָס זענען געראָנען אי־בער אירע הענגענדיקע קלומפּנס פלייש. אַלץ אויף איר האָט געוויינט: דער שטערן, די נאָז און דער האַלדז. איר פול לייב האָט געציטערט ווי פון אַ שטאַרקן שלוקערץ.

מיט די פויסטן זיך געריבן די אויגן און געכליפּעט:

— ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן. שלאָפט, שלאָפט, און זי האָט מורא אים איבערצוּוועקן. אַ שלעכטער חלום האָט איר זיך געוויזן. דער טאַטע אַלעשאַלעם איז געקומען. זיינע באַקן זענען געווען פול שוואַרצע פלעקן פונקט ווי דעמאָלט, ווען מ׳האָט אים פאַרשמיסן. פונעם האַלדז איזן אַרויסגעהאנגען ס׳גאַנצע געשלידער, אַן אַרויסגעריסנס פון אינעווייניק. אוי־אוי, חיים יאַנטשע, חיים יאַנטשע!

מיט אַ מאָל האָט זי זיך צעשריגן און אַ העפטיקן פּאַטש געטאָן זיך איבערן פּנים:

— די קישקעס, דער בויך אויפגעטרייבערט... אַזאַ חלום! איך ווייס שוין, כ׳ווייס...

— ווייסט שוין? ווייסט אַ סך, יידענע... און אַז אַפילו? מע לעבט

דאָך נישט אייביק! מומע גאָלדע, — בייגט ער זיך צו צו איר — אַלע וועלן מיר שטאַרבן, איך אויכעט! אַבי מ׳איז ריין, מ׳טוט מצוות.

— קום, — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און זי אַוועקגעשטופּט פון דער טיר.

געזען חיים יאַנטשען אַריינגיין אין שטוב, האָט זי אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש:

— אוי, ר׳האָט זיך אַריינגעקריגן! אוי־וי!

בלייבנדיק הינטער דער טיר האָט זי יעמערלעך געקלאָגט.

דעם דאָרפס־ייד האָט אַרומגענומען אַ שווערער גערוך וואָס טראָגט זיך פון יעטוועדן בר־מינן. ס׳האָט אויך געשטיקט צעשמאָלצענער חלב. אַ קוק געטאָן אויפן בעט, האָט ער דערזען אַ באַרג מיט טויט, וואָס האָט זיך אַוועקגעלייגט מיט זישע קאָמיענער. חיים יאַנטשען האָט געשווינדלט אין די אויגן די טיפע געלקייט פון געשטאָרבענעמס פּנים. רגעס לאַנג האָט ער זיך געפלאָנטערט אַ מבולבלער, מורא געהאַט מיטן פּחד פון טויט, וואָס באַפאַלט פלוצלינג. אַנגסטן האָבן אים באַשלאָגן, דאָך האָט ער זיך געצוווּנגען צו קוקן. דערזען אויף דער קאָמאָדע אַן אַלטן טלית־שק, האָט ער אַרויסגעצויגן פון אים אַ גראָבן סידור, אַוועקגעלייגט אים אַ געעפנטן נעבן דעם מת וואָס אין בעטגעוואַנט און איז גיך אַרויס.

דער לאָקעטקער האָט מורא געקראָגן די מורא פון דער אַלטער. די מומע גאָלדע האָט אים ווידער נאָכגעשריגן דעם גרויל פון טויט, פאַר וועלכן דאָס אומבאַהאָלפענע נפש צאַפּלט אַזוי טעמפּ.

6

דעם טויטן צוקאָפּנס

דער לאָקעטקער איז אייליק אַהיימגעפאָרן. די רעדער אונטער אים האָבן געשפּרונגען, געוואָרטשעט און ער און די שרעק, וואָס האָט זיך גע־הויבן איבער אים, האָבן איבערגעשריגן ס׳אָרומיקע געשריי, וואָס האָט געקלאַפּט אין זיינע שלייפן.

אין דער היים האָט ער געזאָגט צום ווייב:

— נישטאָ שוין זישע... אַהיימגעגאַנגען דער קאַמיענער!

די יידענע האָט אויסגעשפיגן און אַוועק זיך וואַשן די הענט. חיים יאַנטשע האָט דערנאָך פאַרקערעוועט דעם דישל קיין מאַזשאַרניע, ווו ס׳האָט געוווינט מאָטע סטעלמאַך. „ווו ׳עט ער נעמען עמעצן וואָס זאָל זיך אויסטויגן צו אַזוינס? דעם מאַזשאַרניער וועט ער נעמען?...״

— דע, גייט נאָר אַרויס! — האָט חיים יאַנטשע אָנגעקלאַפּט אין יענעמס פענצטער.

מאָטעס ברוין אָפּגעברענטע פּנים האָט זיך געצונדן אין דער מאָטקייט פון צוגעפּאַלענעם אָוונט. אַריבער די לאָקעטקער הויכקייטן האָט דער פאַרנאַכט זיך געראַנגלט מיטן ראָז־פלעקיקן שיין פון די נאָענטע האָריזאָנטן. אַ פלעצל צעגליט קופּער האָט אַ קוק געטאָן אויף חיים יאַנטשען:

— וואָסי, יאַנטשע?

— נעם די קאַפּאָטע און קום!

— ס׳הייסט: קום? שיכור ביסטו? אין דער נאַכט אַריין גיין! גיי ליבערשט אין שטוב אַריין. שאַדט נישט, מעגסט אַריינקוקן צו מיר. כ׳בין דען נישט אַ שכן? אַ גוט שיסעלע באָרשט וועסטו אַריינכאַפּן, לאָקעטקער. שרה, גיב נאָר אַ קוק, ווער ס׳אי׳ דאָ!

— לאָז געמאַך! זישע קאַמיענער האָט זיך אַוועקגעפּאַקט. ׳עלן מיר זיך ווילטיק אָנטאָן... היידאַ, מ׳דאַרף׳ן זיין רעכט טאָן.

דער סטעלמאַך האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן אָן אַ זייט און מער נישט געפרעגט. גענומען אויף זיך די קאַפּאָטע, די שטיוול אַרויסגעטראָגן אין די הענט און זיך אַריינגעזעצט אינעם לאָקעטקערס פורל.

פון וואַלד האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ קעלט. פון דער זייט פון יאַנקאָווסקיס גוט האָבן הינט זיך אָנגעריסן אויפן געקלאַפּ פון די רעדער. חיים יאַנטשע האָט אונטערגעשמיסן ס׳פערד, געדרייט די בייטש איבער דער גראָלעכער פעל. פון מאָל צו מאָל האָט ער אין מיטן פאָרן עפּעס אַ מרוקע געטאָן צום מאַזשאַרניער, נאָר דער סטעלמאַך האָט נישט געהערט. אַ פאַרטאָמלטער האָט יענער זיך געהוידעט אויפן הינטערשטן שטרוי־געזעס. קוקנדיק אויף חיים יאַנטשעס שוואַרצער פּלייצע איז ער אַנטדרימלט געוואָרן. דער לאָקעטקער האָט רק געגעבן צום פערד און, ווי דערמאָנט זיך צו וואָס ער פאָרט, יעדעס מאָל אַ מוחל געטאָן:

— פאַרבלאָנדזשעט זיך דער מלאך־המוות.

און באַלד ווידער: „אַ נר־נוו, פאַדלע!“

און צוריקוועגס פון מאַזשאַרניע האָט דער לאַקעטקער מיטגערופן „זיין עלטסטן“. זאַלבעדריט האָבן זיי זיך אויפגעהויבן צו די קאַמיענער בערגלעך.

— אויף ביינאַכט, טאַטע?

— ׳עסט שוין געוואָר ווערן!

דער יונג איז אַלץ געווען בייגעריק. ער האָט געקיפּלט דעם פאָטער:

— צו זישע קאַמיענער, טאַטע?

— צו אַ מת, חמור־קאָפּ!

חיים יאַנטשע האָט אייליק אים אָנגעשריגן, און געפאָרן.

אַריבער דעם וויהאָן, וואָס איז, אַ זומפּיקער, געשטאַנען צווישן קנופּן קליינע ווילדע בלעטער־ביימלעך האָט דער אָוונט פאַרהילט אַ שערענגע כאַטעס. קאַלעמוטנע. מ׳איז געפאָרן איבער ס׳פעלד, אין הימל־מרחק זיך אַריינגעקאָלערט. ווען דער וואָגן האָט זיך דערנענטערט צום דאָרף, האָבן הינט זיך געוועקט און די ערד האָט מיטגעבילט. דער געוואָי האָט דעם סטעלמאַך אַ טאָרע געטאָן. ער האָט געבעבעט מיט צוגעפּאַלענע אויגן:

— דער מלאך־המוות איז אויפן ישוב... ס׳ווערט מאַרקאָטנע, לאַ־קעטקער!

שוואַרצע כלבים, האָט זיך אים אין האַלב־שלאָף אויסגעוויזן, שלאָנ־דערן זיך אַרום זיין הייזקע, שמעקן ביי דער טיר. אימה האָט אים צע־וואַקלט: אַזעלכער זאָל זיך נאָר נישט צורירן צו אים!

מאָטעס ליפּן האָבן אומזיניק געפּלאַפּלט. אַז ער האָט די אויגן רעכט אויפגעריסן (חיים יאַנטשע האָט ס׳ווילפּלטע מאָל אים שוין אַ צופּ געגעבן: „קריך אַראָפּ, גנידע...“), האָט ער עפּעס געזוכט. קיין שוואַרצע הינט האָבן זיך נישט געוויזן. ס׳האָט זיך נאָר געטראָגן אַ געביל פון כלבים, וואָס האָבן פון קייטן זיך געריסן ביי שטאַלן.

קאַמיען איז געלעגן צונויפגעטוליעט מיט דער פינצטערער ערד.

◆

אַ גאַנצע נאַכט איז דער לאַקעטקער מיטן מאַזשאַרניער אויפגעווען ביים בר־מינן. אין תחילת האָט אויך קלמן געוואַכט ביים מת. דער יונג האָט אָבער לאַנג נישט אויסגעהאַלטן. צו אומעטיק אַזאַ זיצעכץ. דאָ אַ

קוק אויפֿן טאַטן, דאָ אַ בליק אויף דעם־אָ און די פֿלעמלעך וויגן זיך, ווינקען, אַזש עס נעמט אָן אַ פּחד: דער טויט ווינקט! און פֿאַרגעסט זיך אָן אַלעמדינג, שטעכן די אָנגעצונדענע ליכט, דערמאָנען אָן דער נאַכט וואָס האָט זיך ווי אַ בלינדע שטעכלמויז געוואָרפֿן אויף דער כאַטע מיט בייזער פֿינצטערניש, מיט קעלט. דער קאָפּ איז קלמנען גיך פֿאַרטשאַדעט געוואָרן פֿון איבל מחמת נישט אויסגעשלאָפֿנקייט. די גאָמבע איז אים אַראָפּגעזונקען נידעריקער, נידעריקער צו דער ברוסט; זיצנדיקערהייט האָט דער יונג אָנגעהויבן שנאָרכן און די שרעק פֿאַרן טויט און פֿאַרן טויטן איז אין אים אַנטפֿאַלן. וואָס אַ מאָל האָט ער זיך מערער צונויפֿגעקאָרטשעט אויפֿן בענקל, געבויגן זיך ביז ער האָט, אַ טיף פֿאַרשלאָפֿענער, גע־פֿונען פֿאַר באַקוועמער זיך אַראָפּצורוקן און אין גאַנצן זיך אַנידערצולייגן. ער איז געשלאָפֿן ווי אַ שטיין. אַ האַרט, מאָסיק פּייפֿן פֿון נאָז און לונגען האָט זיך געדרייט איבער דעם שטיק טונקלקייט, וואָס ער האָט פֿאַרכאַפּט אויף דר׳ערד. פֿון דעם מזומן יידן, וואָס איז געקומען היטן דעם בר־מינן פֿון בייזע רוחות, זענען בכן געבליבן בלויז חיים יאַנטשע און מאַטע סטעלמאַך,ביידע שוואַרצבערדיקע מיט פֿייערלעך אונטער די געדיכטע ברעמען. אויך זיי ביידע זענען געזעסן איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן און גענייגט די שווערע קעפּ אַראָפּ, אַראָפּ. איינצושלאָפֿן האָבן זיי זיך נישט פֿאַרגינען. האָט אויסגעצאַנקט אַ נשמה־ליכט דעם מת צוקאָפּנס, האָט מאַטע חיים יאַנטשען אַ צופּ געטאָן מיט פֿיין אין צוגעלעגענעם קול: „שיין היטסטו אים" און צוריק אַריינגעלייגט די באָרד אין די האַנט־פֿלאַכן. „זע נאַר!" — האָט ער תיכף ווידער אַ טאַרע־געגעבן דעם לאָקעט־קער, וועלכער איז שווער וויגנדיק איינגעשלאָפֿן אויף זיין זיץ. איינעם אַליין איז דעם סטעלמאַך געווען פֿריקרע צו זען, ווי ס׳גייט אויס דאָס ליכט, עס צאַנקט די נשמה פֿון דעם קאָמיענער, וועלכער הערט אַלצדינג ביז מ׳וועט אויף אים אַרויפֿשיטן דעם לעצטן שויפֿל ערד.

אימה האָט זיך אַ טראָג געטאָן פֿון די באַוועגונגען דעם מאַזשאַר־ניערס. חיים יאַנטשע האָט ראַפּטעם אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ; די שטייף פֿאַרשאַרצטע ברעמען האָבן בייז געקוקט אויף יענעם. ער האָט גאָרנישט געענטפֿערט, נאָר אַ רוגזהדיקן שטויס געטאָן מיטן האַרטן עלנבויגן דעם מאַזשאַרניער:

— כליסט!

בלויז אַזאַ שטילן בורטשע, גלייך ער וואָלט נישט געוואָלט אויפוועקן דעם דרימל, אין וועלכן ער האָט להוט אַריינגעקוקט.

דער מאַזשאַרניער האָט צוריקגעמרוקעט, פּאַמעלעך זיך אויפגעשטעלט און געגראַבלט אין פינצטערן טייל פון שטוב, וועלכע איז געשטאַנען אויסער דעם גבול פון טויט, וואָס האָט דאָ געפּאָכעט מיט סודותדיקע פלעקן פון אומרואיקן שיין און מיט שאָטנס, אויסגעשפּרייטע איבער די ווענט, איבער דער פּאָדלאָגע. דערנאָך האָט מאָטע שווייגעוודיק אָנגעטריפט אַ פּריש ליכט צוקאָפּנס דעם בר־מינן. צוריקגעלייגט די פּעכיקע באָרד אין די האַנט־פלאַכן אַריין האָט דער מאַזשאַרניער געקוקט צום סילועט, וואָס האָט קעגנאיבער געמאָלט זיין אייגענע געשטאַלט און די קופּע אויף דער ערד. געבליקט אויף דער וואַנט, געכאַפּט אַ קוק אויפן פולאָפּ און באַזאַכט פון דאָס ניי אַנטדרימלט געוואָרן. דער שלאָף, וואָס האָט גענאָגט ביים האַרץ, איז געוועזן שטאַרקער פונעם געפיל פון טויט, פאַר וועלכן זיי האָבן אָקערשט געפיבערט וואַכעדיקערהייט, דער מאַזשאַרניער מיטן לאָקעטקער. דאָס כראָפּען פונעם שכן, זיין האַסטיק פייפן מיט די נאָזלעכער האָבן סוף־כל־סוף איינגעוויגט אויך דעם לעצטן פון די הייליקע שומרים. און אַז חיים יאַנטשע האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם פּחד, וואָס האָט אים געשטורכעט אין מיטן שלאָף, האָט ער אומגעריכט אַ היקע געטאָן אויפן מאַזשאַרניער:

— כמאָל, אַזוי זאָגסטו תהילים?

— תורה לערן איך, רענדאַר!

ער האָט זיך געשמאַק געקראַצט. דער צווייטער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך געשיבערט מיטן רוקן אָן דער וואַנט און מיט רויטגעזיימטע אויגנלעפּלעך שטייענדיקערהייט שלעפעריק זיך געוויגט אַנטקעגן דעם פלעמל, וואָס האָט געמיניעט איבערן אויפלויפנדיקן בערגל זיי צופוסנס.

אין אַ ווינקל איז אַ פינצטערע געוועזן אָוועקגעפאַלן די מומע גאָלדע. זי האָט שוין נישט געקענט וויינען. ווי אָן אַנגעפּאַקטער זאַק, וואָס האָט נישט קיין אָנשפּאַר פאַר מיין משא, איז זי אַ פאַל געגעבן צו דער ערד:

— פאַר וועמען וועלעך קליסקעס קאָכן... ווער וועט מיר די קראַנקע, שטאַרע פיס פונאַנדעררייבן...?

אָן אויסגעטריקנטס, אַ טויבס איז געוועזן איר קול.

לייגן זיך אין בעט אַריין האָט זי נישט געוואָלט, דעם געשטאַרבע־

נעם צוליב. אים האָט מען אָפּגעהויבן אויף דער ערד, ווען זי זיך נישט גיין אויסרוען, — האָט זי מיט אַ כריפּ געטענהט צום לאַקעטקער, וועל־כער האָט זיך געראַנגלט מיט איר, זי זאָל אָפּטרעטן פונעם מת. לאַנג איז זי געלעגן איבער אים, הייזעריק אין אים אַריינגעשריגן, געקלאַפּט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ אַריין:

— זישע, זישע, וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר!...

אין האָרעכץ פון אַ פעלץ האָט זי זיך דערנאָך געשטיקט מיט אַ גע־שריי אין שלאָף. איר שלוכץ פון טונקעלן ווינקל אַרויס און דער נאַכטי־שער קריי פון אַ האָן האָט איטלעך מאָל אַ טאָרע געגעבן די פאַרדרימלטע דאָרפסלייט, וואָס האָבן זיך אָנגעטאָן אַ כוח אויפצורייסן די אויגן. אויך דער בר־מינן האָט דערמאָנט אין זיך, געצופּט, געריסן זיי ביי די האָר: שדים, שדים קומען!

7

די לוויה

אין דרויסן האָט נאָך געשפּרייעט מיט פאַרבאַגינענדיקער פייכטער קעלט, ווען חיים יאַנטשע האָט אויפגעוועקט דעם זון. אַ צוזאַמענגעקאָר־טשעטער איז דער יונג געלעגן אויף אַ סערמענגע.

— ס'עט שוין גענוג זיין, קלמן!

און אַליין האָט ער זיך געשיבערט אינעם אָנטועכץ, וואָס האָט גע־געסן זיין נישט אויסגעשלאָפן לייב.

דער יונג האָט זיך נישט געפונען אויף דעם־אַ אומאייגענעם געלע־גער; מיט פאַרפאַפטע אויגן האָט ער זיך אַרומגעקוקט און נישט געקענט זיך דערמאָנען, ווי אַזוי ס'איז געשען, וואָס ער וואַלגערט זיך דאָ אויף דר'ערד און דער טאַטע, אַ צעקנאָדערטער, מיט אַ פאַרליאַפּעט פּנים, שטויסט אים מיטן פוס:

— אויף אַ חתונה ביסטו געקומען, יונגאַטש?

ערשט האָט ער זיך דערמאנט אין דעם טויטן זישע.

רעכט זיך אויסגעלענגערט איז קלמן אַרויס שפּאַנען דאָס פערד. ס׳עט זיין אַ יאַזדע. דעם פעטער זישע, דעם געשטאָרבענעם צוליב, אָבער די יאַזדע האָט דעם יונג דאָך געלאָקט: די שטאָט! און ער איז ביסלעכ־ווייז וואַכעדיק געוואָרן.

איינגעפלאָכטן די הענט אין דער הינטערשטער אַקס, האָט קלמן אַ טראָג געטאָן דעם וואָגן. דער דישל, אַ שטיינגעבליבענער, האָט איצט געטייטלט אַהין, פון וואַנען די סטעזשקע פירט אַוועק פון קאַמיען העט, העט. דאָרט ליגט אַפּאַטשנע. אַפּאַטשנע איז אַ וואַזשנע שטאָט, אַפּאַטשנע האָט גרויסע מויערן און דעם מלכס פּאַרהווילענע פּאַלייען. ער׳ט אַ קוק געבן — —

ווייס ווי פּאַרע איז דער דרויסן אָקערשט געהאָנגען איבער קאַמיען. חיים יאַנטשע מיטן מאַזשאַרניער האָבן ערשט זיך איבערגעוועקט פונעם קילן מאָרגן־שפּריי. אַרומגענישטערט אין די ווינקלען, ווו ס׳האָט זיך גע־וואַלגערט באַלעבאַטיש אַלטוואַרג, האָבן ביידע זיך אָנגעכאַפּט אין אַ ברע־טערנער טיר, פון וועלכער זיי האָבן אין שלעפּעריקן הויפל אויפגעשלאָגן אַ „מיטה״. אין דער מוטנער לופט האָבן אונטער זייערע שטייפע פינגער געגריצלט פּאַרזשאַווערטע טשוועקעס, וואָס זיי האָבן געריסן פון דעם שטיק געהילץ. אויף דער מיטה האָט מען אַרויפגעלייגט דעם בר־מינן. ביידע ישובניקעס האָבן פון אימה געשוויצט אויף קאַלט, די ליפּן האָבן זיך געוואָרפן אין געמורמל: אַ געטיעכץ אָנגעמאַכט, אוי־אוי! דער לאָקעטקער האָט צופריער זיך נאָך געאַמפּערט מיטן מאַזשאַרניער. חיים יאַנטשע האָט געזאָגט: „מ׳דאַרף דעם מת אַרויספירן אַ הוילן. דער רבונו של עולם האָט דעם מענטש באַשאַפן נאַקעט און אַזוי נעמט ער אים צו.״ מאָטע סטעל־מעך האָט געטענהט: „מ׳מוז אים אָנקליידן, אַנישט וועט מען מבזה זיין דעם געשטאָרבענעם... אַזוי ווי מען לייגט אים, אַזוי קומט ער אויף יע־נער וועלט!״ ער אַליין, דער מאַזשאַרניער, האָט בייגעוווינט דאָס רב־איי־גענע, האָט ער געזאָגט: מ׳טוט אָן דעם טויטן. אלאָ נישט, וועט פעטער זישע נעבעך מוזן אָפּקומען דערפאַר.

— דו האָסט בייגעוווינט און יאַך האָב נישט געזען? און מיין טאַטן אָלעשאָלעם האָט מען נישט אַרויסגענומען אַ הוילן?... אַזוי ווי דו הערסט, אַ הוילן האָט מען אים גענומען אין שטאָט אַריין! דאָרט קריגט ער סובות. דער פויער האָט זיך אָנגערעדט אויפן שכן און בינו לבינו האָט אים

עפּעס זיך אַ פּלאָנטער געטאָן אין קאָפּ: „צי געדענק איך אויף זיכער? כ׳זאָל נאָר נישט זינדיקן?" אָבער אין גאַנצן איינשטילן זיך האָט חיים יאַנטשע נישט געקענט. ער האָט נאָך אויסגעשאָסן מיט אַ כלאָפּסקע פּסוק:

— דאַי מאַנע שונאים טילע שטשענשטאַ, באָזע, וויפל איילן לייוונט מ׳האָטן אין שטאָט מיטגעגעבן.

— רענדאַרן כאָליעט מען אַוועק נאַקעטע, — האָט דער מאַזשאַר־ניער געשפּילט אויף יענעמס עקשנות. — אָרנטלעכע לייט טוט מען אָן.

— כלאָפּ סוואָיע, פּאָפּ סוואָיע! מ׳וועט אים סיי־ווי מטהר זיין, היי־ליקער ייד, אָפּ־וואַאַשן, הערסטו? — האָט יאַנטשע מיט נישט אויסגע־שלאָפענע אויגן בייז געקוקט אויפן סטעלמאַך — און פאַרדריי דיר דיין שמויש... טו אים אָן, ער זאָל זיך נישט פאַרקילן, כ׳מאָל!

— דו ווייסט נישט מער פון אַ טויטן, זאַביטע רענדאַר!

— אַ קרענק ווייסטו, סטאָכמאָל. אַ סידור האָסטו שוין געזען?

— כ׳גיב דיר אַ וואָליע, סידור, קושסטו די אדמה, היגטישע פּאָ־קאָלעניע!...

ווען נישט די מומע זאָלדע, וועלכע האָט מיט טרייסלענדיקע הענט און פיס פּלוצלינג זיך פונאַנדערגעוויינט מיט אַ ניי, הויך געוויין, וואָלטן די לייט זיך די אויגן אויסגעפּיקט. ס׳בלוט האָט אין זיי זיך צעשוימט.

— גיי אַוועק, זאָג איך דיר, גגיי! — האָט דער סטעלמאַך געקריצט מיט די ציין, געהויבן פויסטן ווי האַמערס און די אויגן, גרויסגעוואָרענע, משוגענע, האָבן געפלאַקערט. ער האָט חיים יאַנטשען געבלאָזן אין פּנים אַריין זיין הייסן, נערוועזן אָטעם. די גראָבע, סענקאָטע צווייג, וואָס איז דעם לאָקעטקער געווען אַ בייטש־שטעקל, האָט קראַמפּהאַפּטיק זיך גע־דרייט אין זיין האָריקער דלאָניע. די צעקנוידערטע באָרד האָט זיך גע־וויגט אונטער דער ליפּ, וועלכע האָט אַ צעביסענע, אַ רויטע אים געברענט מיט אַ פייערדיקן ווייטיק.

— כמאָל, כמאָל! — האָט חיים יאַנטשע, וואָס איז געווען אַ שעה עלטער פון יענעם, געשפּריצט שנאה אויפן סטעלמאַך.

מאָטע האָט זייטיק געקוקט אויפן לאָקעטקער — נאָר אַ שפּרונג צו טאָן אויף אים. קלמן האָט זיך אָנגעבלאָזן און צאָרניק געביילט די פויסטן: „זאָל ער נאָר פּרוון, דער..."

מיט אַ הייזעריקן קוויטש פון האַלדז האָט די מומע גאָלדע זיך צע־וויינט און די רויע געבליטן ביי די ישובניקעס זענען אָנטפּאָלן.

אויסגעשפּיגן ווי נאָך אַ האַרבן טרונק בראָנפן, האָבןביידע יידן שווייגנדיקערהייט אונטערגעשטעלט די אַקסלען אונטער דער מיטה. אויף חיים יאַנטשען האָט געדריקט די משע פון דעם שווערן ראש, אַ פאַר־מייקנטן מיטן גרין און געל, וואָס איז געבליבן פאַרטריקנט אַרום אויס־געקרימטן מויל און אויף דער ווי איינגעמעליקטער באָרד פון אויסגעגאַנ־געגנעם. צעוואַקלט דעם טראָט האָט דער לאָקעטקער געשפּרייזט פאָרויס, דער מאַזשאַרניער האָט הינטערווײַלעכטס געשטויסן פון זיך די טויטע לאַסט און מיט אַן אַרבל געווישט דעם שטערן. פּרייכנדיק זיך דערנענ־טערט צום וואָגן האָט דער בר־מינן שווער זיך אַן אומגעריכטן וויג געטאָן אויף די אַקסלען פון די ברוגזע דאָרפסלייט. די גאַנצע משא האָט זיך אַ וואַקל געגעבן אונטער זייערע טריט און אין די אויגן פון די נושאים האָט ראַפּטעמדיק אַלץ אַרום אַ פּאָר געטאָן. אַ שטיק געשריי האָט זיך אָפּגע־ריסן און עס איז באַלד פאַרגליווערט געוואָרן. דער מאַזשאַרניער האָט כּהרף־עין צעשטעלט די פיס, מיט די הענט אַרומגעכאַפּט די רגליים פון־נעם מת. דער לאָקעטקער, אַ באַגאָסענער מיט שווייס פאַר דער עבֿרה, וואָס האָט געלויערט, איז אַרויס מיט אַ מרוטש:

— פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן! וו'אַ בלינד פערד גייט דאָס...

— וואַליי! — האָט יענער געענטפערט.

אַרויפגעלייגט דעם בר־מינן אויפן לאָקעטקערס פורל, האָט חיים יאַנטשע זיך געזעצט ביי זיין צוקאָפּנס, מאָטע — צופוסנס. און דער מאַ־זשאַרניער איז געווען צופרידן. ס'האָט אים הנאה געטאָן זיין נצחון — דער קאָמיענער איז אין די שטיוול. איי, גוטע שטיוול!

אויפן גרוביקן שליאַך האָט עס געשליידערט דאָס פורל מיטן בר־מינן. קלמן האָט באַזאַכט אָנגעטריבן ס'פערד, לייכט עס אונטערגעבייטשט. חיים יאַנטשע איז געזעסן האַרט נעבן דעם יונג און געשפּירט דעם באַריר פון קלמנס פּלייצע. דער איינגעדעקטער ראש פונעם בר־מינן האָט זיך כסדר געוואָרפן און אָנגעשפּרונגען אויפן לאָקעטקערס עלנבויגן.

געהוידעט זיך איבערן שלעפּעריקן וועג האָט דער מאַזשאַרניער ביס־לעכווייז זיך אַראָפּגעגליטשט צום אונטערשטן זייטן־וועגטל פון דער פור. און אַז דער וואָגן האָט אַ שפּרונג געגעבן איז ער, מאָטע, מיטגעשפּרונגען און ס'ברעט פון וואָגן האָט אים אַ קלונג געטאָן אין דער גאָמבע אַריין, צעדרינזשעט די קני. פאַרקרימט זיך פון די קלעפּ, וואָס דאָס אומבאַקווע־

מע זיצן האָט אים גורם געווען, האָט מאָטע, אָן צו וויסן, וואָס ער טוט, היגטערוויילעכטס זיך אַרויפגערוקט אויפן טויטנס פיס און מיט זיין לייב אָנגעדריקט אויף די ביינער פונעם בר־מינן. אין פאַרגעסנקייט האָט ער זיך גוט איינגעמאָסטעט און מיט גלייכגילט געשלונגען דעם שטח, וואָס האָט געפּויזעט פאַר אים.

אין איר אייגענעם געשפּאַן איז די מומע גאָלדע נאָכגעפאָרן דעם וואָגן מיטן מת. זי האָט נאָכלעסיק געהאַלטן די לייצעס. אירע גלאָזיקע אויגן האָבן געקוקט שטאַר און אין קאָפּ האָט ווי אַ שטיין געדריקט די מחשבה: „זישע איז אויס, אויס". דאָס פערד האָט מעלאַנכאָליש געהויבן די טלאָען און אין מאָטן בהמשך לעדער איז געווען אַריינגעטאָן איר בליק. פאַרקילט געוויין האָט זיך האַרט אַוועקגעלייגט אין איר. די דאָזיקע שפּי־רונג האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. די יידענע האָט פּלוצטאַלבן זיך צעכליפּעט. עס איז ווידער געקומען אויף איר אַ מינוט פון גרויסער שרעק —

אינעם פאָדערשטן וואָגן, וואָס האָט פאַמעלעך און קרעכצנדיק זיך געקייקלט פאָרויס, איז מאָטע מאַזשאַרניער געזעסן אויפן טויטנס פיס. פון אַ שטאַרקן וואַקל האָט דאָס מת, אַ שטייף געוואָרנס, זיך אונטערגע־היובן. נישט־דאָיק האָט אַ צורה געל און מיט פאַרגלייזטע בעלמעס, אַ טויטע צורה אָן מכיסה, זיצנדיקערהייט אָן עקבערנדיקן, אימהדיק־טריבן וונק געטאָן צום צעשויבערטן טאָג. די מומע גאָלדע — נאָכפאָרנדיק — האָט אַ באַנומענע אויפגעצאַפּלט פון דער אומגעריכטער זעאונג; פון אירע גרימעדיקע געדערים האָט זי אַרויסגעבראַכט אַ שפּיציקן געשריי, מחמת אַ מין אויסטערלישע לבנה האָט פּלוצלינג זיך אַראָפּגעלאָזן צו איר. אין איר פאַרשלעפּערטן געביין האָט זיך אַריינגעריסן די שאַרף פון שווידער. אָן אויפהער האָט דער אַלטערס ריטשעדיקער געוואַי געכאָרכלט איבער דעם רואיקן טראַקט:

— זי־ששעע! ער לעבט!

— זי־י־ששע! זיי־י־ישעע, כ׳וויל ניש׳ — — —

אַזש דאָס פערד האָט זיך געשטרויכלט, מיט אַ מאָל אין גאַנצן גע־בליבן שטיין.

חיים יאַנטשע האָט אַ פאַרטאָמלטער זיך אַרומגעקוקט.

— מ׳דאַרף עם מחילה בעטן, — האָט דער לאָקעטקער זיך פאַר־

האָקט אין רעדן און אין אַ רגע אַרום, אַנבייגנדיק זיך צום בר־מינן, גער־מורמלט: „גיי אין דיין רו אַריין, זישע קאָמיענער... גיי אין דייך רו אַריין!"

אויך דער מאַזשאַרניער האָט עפּעס געשעפּטשעט מיט גרויסגעוואַקסענע אויגן און דער פּאָדערשטער וואָגן האָט פּאַמעלעך גערירט ווייטער. אַן אייגעלאָשענע איז נאָכגעפּאָרן די מומע גאָלדע. אינעם שוואַרצן וואָלענעם שאַל האָט בלייך זיך געטרייסלט איר גרויס ליימיק פּנים. די לייצעס האָבן זיך געבאָמבלט אין אירע הענט.

אין אָפּאָטשנע האָט געטריפט אַ רעגנדל. ס'שטעטל איז געווען צונויפגעהויקערט; מחמת דער אויפגעיוירענער פּוסטקייט, וואָס דער רעגן האָט אַנגעבראַכט, זענען עפּעס אַלע נידעריקע, געבוקטע הייזקעס געשטאַנען ווי אויף איין אָרט. אַ גרויסער, גרויסער מאַרק און אויף אים האָט זיך אַנגעשפּאַרט די גאַנצע שטאָט. אָפּגעקראָכן און מרה־שחורהדיק האָבן אויסגעזען די הייזלעך אונטער די שוואַרצע, קרומע דעכער. ווי קעץ אין דער טונקל־שעה זענען אויך די ווייסע, שטאָקיקע מויערלעך געווען קויטיק גראָ.

ווען די דאָרפישע עגלה איז אַרויפגעפאָרן אויפן „ריינעם פעלד" האָט אַ באַלעבאַטישע ציג זיך איבערגעשראָקן און אָפּגעשפּרונגען פון אַן אַרומגעביסענעם קזשאַק. די אויסגעבויגענע מצבה־שטיינער האָבן איינזאַם און אָפּגעצוואָגן זיך אומגעקוקט אויף די באַנומענע ישובניקעס.

דער הימל איז געהאַנגען אין טראַגטעס.

8

דער מומע גאָלדעס טרייסט

די מומע גאָלדע איז שבעה געזעסן אין אָפּאָטשנע. ביז די שלושים האָט זי געוויינט אויפן מאַנס קבר.

— איך בין אויס, זישע! מיינע טויטע פיס טראָגן מיך נישט, זישע! איך בין אויס, אַז דו ביסט אויס, זישע!

זי האָט אויסגעזונגען איר קלאָג. זי האָט זיך באַוואָשן מיט טרערן און גלייכגילטיק געקוקט אויף אַלעם. איר באַלעבאַטישקייט האָט ערגעץ אין אַ דאָרפישער שטוב, ערגעץ אין אַ דאָרפיש הייפל געזעגנט און זי האָט געזעגנט.

— זישע, זישע... — האָט זי אָן אויסלאָז פאַרצויגן דאָס אומעטיקע לידל און דער מאַזשאַרניער, אַ פאַרקוקטער אויפן פאַרשטאַרבענעמס שטיוול, האָט אָנגעקוואָלן, וואָס די רב־אייגענע שטיוול האָבן זיך ווייך געפּאַלדעוועט אויף זיינע פיס. אַ מענטש, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, איז ווי אַ שטשאַפּע האָלץ אין קאַמער. אָט לעבט זי און אָט נישטאָ, אַש. אַנ־דערש אַ זאַך, אַ מלבוש, אַ שיך. זיי ליגן, זענען זיי טויט — אַ שמאַטע, אַ זשמעניע לעדער. ס׳אייגענע אָט־אָ די שטיוול: געוועזן זישע, נישטאָ זי־שע, אָבער אַצינד, אַז ער טראָגט זיי?... ס׳עפּעס אַנדערש, גלייכער צו פאַר־געסן אָן שטאַרבן, גלייכער אַ גלעזל אָקעוויט אַראָפּכאַפּן. און געקוקט צו זיינע פיס, האָט ער שוין מיט טרויער נאָכגעזאָגט אַ שבח דעם קאַמיע־נער: „אַ וואַזשנער באַלעבאָס געווען, ר׳זאָל לויפן בעטן!“

און בכלל האָט אין האַרץ ביים מאַזשאַרניער זיך עפּעס איבערגעק־קערט מיטן אַוועקגיין פון זישען: אַוועקגעפירט צו זיך פון אָפּאָטשנער בית־עולם דער מומע גאָלדעס געשפּאַן, האָט זיך דער מאַזשאַרניער מיט אַ מאָל מיישב־געווען און געוואָרפן דאָס סטעלמאַכעריי. גענוג מיט די ספּריכעס און רעדער, מיט די אָרטשיקעס און דישלעס. „די בידע וועסטו נישט אָפּשטופּן מיט אַ קלאָניצע“, האָט ער זיך געוועוּרטלט; מ׳מוז זיך דערשוויצן דעם שטערן, ביז מ׳זעט אַ קערבל. אַלע יאָרן האָט ער זיך טאָ־קע נישט דערשלאָגן צו קיין עשירות, אָבער אַ גוטן שם האָט געהאַט זיין שטיקל אַרבעט. פון ווי־ווייט איז מען געקומען צום מאַזשאַרניער! ער האָט לעבעדיק געמאַכט צעבראָכענע טאַרעדייקעס; פון אָן אָנצוהערעניש אויף אַ ריסאָרע איז ביי אים אַרויסגעשפּרונגען אַ נייער וואָגן. אויף די יאַרידן האָט מען זיך געגרויסט מיט מאַטעס פעסטע רעדער. אָשינע הונדערט־יעריקער, דעמב האַרטער ווי שטאָל, געווייקטער, איז געווען איינגעפירט אין מאָטעס סטעלמאַכס ווערקשטעל. איצט, זינט ער האָט אָנגעטאָן די כראָמעווע שטיוול און געשפּירט דאָס פרעמדע פערד אין זיין שטאַל, האָבן די הענט מער זיך נישט געשטרעקט צום שניצמעסער, צו דער געשאַרפּ־טער האַק. דעם סטעלמאַך האָט זיך פאַרוואָלט פרווון די מערכה און גיין

אין די וועגן פון זישע קאַמיענער. „נישט אָנגעאַרבעט זיך קיין מאַזאָ־ליעס און געלעבט און געלאַבט...״ דער מאַזשאַרניער האָט זיך איצט גע־וויגט אויפן פאַריתומטן געשפּאַנדל: ער האָט איינגעהאַנדלט פעל און גע־פירט זיין מזל צו די אָפּאָטשנער גאַרבאַרניעס. און ס׳איז אים געפעלן ס׳גייע. ער האָט צעביטן זיינע טעג אויף כסדרדיקן געפּאָרעכץ, ס׳האָט זיך געדרייט דער גילדן. אַ צופרידענער איז ער אַ מאָל אַריין קיין אָפּאָטשנע צו דער מומע גאָלדע און מיט אַ גרעבס אַ פאַרשפּעטיקטער זי מנחם־אָבל־געווען:

— מאָטע ׳עט ענק נישט לאָזן פאַלן, מומע גאָלדע, — האָט ער גע־זאָגט. — איר וועט הויזן מיט אונדז. איר וועט זען, מיין כאַנדזשע איז אַ ווערטאַניס. קומטס נאָר אַהיים געזינטערהייט.

דער אַלמנה זענען געווען ליב די רייד פון מאַזשאַרניער.

— אַ מלאך, דער מאָטע, — האָט זי געקלערט — גאָט זאָל אים באַצאָלן.

און דער טרויער, אַן אויפגעלייזטער אין געקלאָג, איז געבליבן פאַר־זיגלט אין איר בליק און דער בליק איז געווען טריב ווי די קעלט, וואָס האָט פון דרויסן געקלעטערט איבער די שויבן.

זי איז שבעה געזעסן ביי פרומע לייט, געהערט די טרייסט פון דעם מאַזשאַרניער און געפרעגט וועגן דער שטוב ביי חיים יאַנטשען. אַ פאַר־קלעמטע האָט די אַלטע געוואַרט די שעה פון צוריקפאָרן קיין קאַמיען.

אָבער צוריקפאָרן האָט מען זי נישט געלאָזן אַליין. די אָפּאָטשנער גוטע מענטשן האָבן זיך געדאגהט פאַר אירטוועגן.

— מ׳באַדאַרף זי, גאָט באַהיט, נישט לאָזן איינע אַליין. דאָך נישט קיין געזונטע. ווייסט נישט — פאָרט נישט צווישן יידן!

אַ קרובהש מיידל, וואָס האָט פון קליינווייז אָן געדינט ביי אָפּאָטש־נער משפחה־לייט, האָט מען מיטגעשיקט מיט דער אַלטער. „פאָר — האָט מען צוגערעדט דאָס מיידל — וועסט קיין עוולה נישט האָבן. אין שטוב איז דאָ פון אַלעם גוטן, ס׳וועט דיר חלילה נישט פעלן״. און מ׳האָט איר פרומלעך צוגעוווּנטשן: „גאָט וועט העלפן. אַהינצו גרייכט אויך דאָס אויג פון גאָט ברוך־הוא. אַ שידוך קען זיך דאָרט אויכעט טרעפן. מענטשן קומען, פאָרן.״

מיד פון האָרעווען ביי קרובהטעס, וואָס זענען דאָך נישט מער ווי אַנדערע באַלעבאָסטעס, וואָס שנירלען מיט די פּיסקלעך, האָט דאָס מיידל

שאַשע זיך אונטערגענומען צוצוזען די אַלטע אלמנה; פאַר איינוועגס וועט זי זיך אַליין אָפּרוען פון דעם גרויסן נחת, וואָס זי האָט יאָרן דורכ־אַנאַנד געהאַט אין די גבירישע הייזער.

אַ יתומה, אַ פאַרשעמטע פון נבזהדיקן דלות האָט זי געלעכצט נאָך אַן אויפריכטונג. אפשר וועט דאָרט, אין דאָרף, באמת זיין אַן אָנשפּאַר פאַר איר?

שאַשע האָט לייכט זיך געלאָזט צורעדן, כאָטש די מתיקותדיקע ווינטשעונישן זענען איר געווען דערווידער.

— אין איר זכות וועסטו געהאָלפן ווערן, בתולה! — האָט אייַנער אַ פאַרגאַרטלטער מאַנצביל פאַרגלאָצט די אויגן קוקנדיק אויף דער אלמנה, ווי זי פאַרנעמט זיך אין וועג אַריין.

— דאָס מענטש איז אַ צדיקת... איר שם אַ סך יידענעס געזאָגט! פאַר, פאַר, האָב בטחון, קינד, — האָט די קרובה אַריינגערעדט אין מיידל און איר געשטופּט צידה־לדרך אין האַנט אַריין.

און שאַשע איז אַוועק מיט דער מומע גאָלדע.

◆

קוים וואָס זי רעדט אַרויס אַ וואָרט, דאָס מיידל שאַשע. אַ געלאַ־סענע, מיט הענט, וואָס ציטערן איבער יעדער זאַך, זי זאָל נישט אַ שאָדן אָנטאָן, האָט זי עטלעכע טעג דורכאַנאַנד גערייניקט, געלופטערט די אלמנהשע שטוב אין קאַמיען. איבערגעצויגן פרישע ציכן אויפן בעטגע־וואַנט, אויף די פענצטער צעהאַנגען ווייסענקע פאַרהענגלעך און זיי דורכ־געבונדן מיט בלאָע בענדלעך, וואָס אַזוינס האָט ס׳דאָרף נאָך נישט גע־זען. שכנישע פרויען האָבן, פאַרוווּנדערטע, אַרויסגעשטעלט די קעפּ פון זייערע טירן:

— געזען ס׳מיידל ביי דער אַלטער זישאָווע? זעט אויס, אַ גרויסע צוכט. די גאַנצע שטוב קערט זי איבער!

אַפילו מאַנצבילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער אַלטער גאָלדעס הייזקע:

— איי־איי, צאַצקאַ! שטאָטישער גוסט שטעקט אין דער מויד. די זישאָווע וועט יונג ווערן ביי אַזאַ...

דער עיקר וואָס האָט זיך איצט אָנגעזען: ס׳מיידל האָט גענומען פּי־לעווען די אַלטע. געבאַקן, געבראָטן, געפּרעגלט אַז ס׳זאָל שמעקן מיט

יום־טוב אין כאַטע. זאָל זי פאַרגעסן די בראַך! דאָס מיידל האָט דער זי־שעכע נישט געלאָזן צו דר׳ערד זיך בייגן. ווי אַ מאַמען זי געשווינט.

אַוועקגעשטעלט די באַלעבאַטישקייט אין דער ווייס־געקאַלכטער הייזקע, האָט שאָשע אַ טראַכט געטאָן וועגן פּרנסה וואָס איז נייטיק אַ יעדער יידישער שטוב. „אַ ברונעם שעפּט זיך אויכעט אויס״, האָט זי איינגעחזרט די מעלאָדיע פון דער קליינשטעטלדיקער קאַרגשאַפט, אין וועלכער ס׳זענען פאַרפלאָסן אירע יונגע יאָרן. „וואָס, אומשטיינס געזאָגט האָט געקענט האָבן אַזאַ מוכר ווי דער...״ זי האָט געמיינט דעם שוכן עפר רב זישע קאַמיענער וואָס האָט געשלעפּט די חיונה פון אַרומפאָרן. זי האָט זיך גיך געפילט אייגן אין דעם הויז, דערפאַר האָט זיך איר פאַרוואָלט דאָ אַריינפירן אמתע היימישקייט, און דאָס איז קודם כל פּרנסה. פון מאַ־זשאַרניער סטעלמאַך צוריקגעבראַכט דאָס פערד־און־וואָגן האָט שאָשע מעשה־באַלעבאָסטע געגומען זיך אַרומקוקן אין די ווינקלען: פאַרשטאָפּט שפּאַרעס, צוגעפּעסטיקט אַ הענגענדיק ברעט פון שטאַל, געקאָרמעט ס׳פערד אַז ס׳זאָל נישט פאַלן און מיט ביידע פיס זיך אַוועקגעשטעלט אין איר נייער היים. עס איז געווען אַ שטוב און עס וועט זיין אַ שטוב, האָט זי געטענהט צו דער אַלטער, וועלכע איז אין איר מרה־שחורה גע־ווען שטאַרק להוט נאָך אַ לעבעדיק וואָרט.

— אַז כ׳על עס ווערט זיין, רבונו של עולם! — האָט די מומע גאָל־דע מיט דאַנקבאַרקייט געקוקט אויפן מיידל.

אין די אויפדערנאַכטן, ווען ביידע פרויען זענען געבליבן אויג אויף אויג מיט זיך — אַ שכנה האָט ווי געוויינלעך שוין נישט אַריינגעשטעלט דעם קאָפּ אין דער טיר — האָט פון דער פאַרפראַצעוועטער מויד אַ רעד געטאָן איר עלנט, וועלכער איז שוין אַזוי אַלט ווי איר וועלט: ביי לייט — האָט זי זיך געזאָגט — שטייט געגאַרעריי אין דער מדרגה, אָרנטלעכקייט איז תמיד אַ שוואַכער קאָן. אוי, אוי, זי האָט׳ס שוין בייגעוויינט! איר טאַטנס אָפּגעהיטנקייט, דאָס ריינע נאמנות האָט געבראַכט נויט אויף דער היים. די מאַמע האָט ס׳לעבן „איינגעביסט״. דערפאַר איז איר גורל אַזעל־כענער... פאַרוויסטע שאָשע! אומגעריכט האָט איר אַרומגעכאַפּט אַ רחמנות אויף זיך, איר האָט זיך אַזש געוואָלט זיס זיך צעקלאָגן. מחמת דעם איז איר אַזאַ שאָד די אַלטע. אַ ליבהאַרציקע און נעבעך געשטראָפט מיט אַליינקייט, אויף די עלטערע יאָרן. ביין, שאָשע וועט זיך גישט זשאַלעווען.

איר איז גוט — און זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך: מ'דאַרף די מומע גאָל־
דע פאַררײדן, עלעהיי זי וועט לייכטער אַנטשלאָפן ווערן.

...פון צונויפגעפּרעסטער ברוסט האָט זי דער אַלטער דאָך אויסדער־
ציילט פון פאַרלאָפענעם. ווער האָט געקענט מקנא זיין אַ יתומה, מ'שטיינס
געזאָגט, אויב אַפילו אַ חנעוודיקע מיט רויטע בעקלעך און גיכע פיס! די
מאַמע איז קליינווייז איר אַוועקגענומען געוואָרן; דער טאַטע, אַן אביון,
האָט זיך געמאַטערט, אַ ווייב האָט צו אים נישט געוואָלט גיין צוליב
דעם קינד און אין דלות איז ער לאַ־עלינו נאָך געוואָרן דעכעוויצנע — —
דערמאָנט זיך דעם טאַטנס טויט, צעיאָמערט זיך שאַשע און פאַרוואַרפט
איר קאָפּ אויף דער מומע גאָלדעס שויס. דער אַלטערס פּנים נעמט צי־
טערן, די אויגן פאַרקוועטשן זיך און ס'מויל קרימט זיך אויס פון אָנגע־
קוואָלענעם געוויין. אַ ביסל זיך באַרואיקט, באַוואַרעמט זי שאַשען מיט
איר מיטלייד: „ביסט שוין גענוג געפּייניקט געוואָרן, מיין לאַכטיקע!"
דערנאָך האָט די מומע גאָלדע, שוין זיצנדיק אין בעט, לאַנג זיך געוויגט
אין אייגענעם שאָטן און געמורמלט עפּעס אומפאַרשטענדלעכס. מיט
טרויער האָט זי איצט שטאַרק איבערגעלעבט איר פרייד מיט שאַשען און
אין דער פרייד אַנטדרימלט געוואָרן. אַרויפגעקראָכן אויפן הויכן, פּוכיקן
געלעגער, האָט שאַשע שפּעטער זיך געטוליעט צו דער אַלטער, געשושקעט
איר אין פאַרשלאָפענעם פּנים אַריין:

— גרויס איז דיין חסד צו מיר, גילדענע! האָסט מיר צוריקגעקערט
די היים. אַ היים!... ס'איז דען צו באַצאָלן און אָפּשאַצן דיין גוטס?

זי האָט זיך שטאַרק צוגערוקט צו דער שלאָפנדיקער, אַריינגערעדט
אין איר, גלייך יענע וואָלט איר געקוקט אין האַרץ אַריין:

— איך וועל זיך מיען פאַר פּרנסה אין שטוב אַריין. כ'על נישט
לאָזן פאַלן דאָס הויז, קרוינעדיקע, 'עסט זען... ביסט מיין איינציקע, כ'האָב
נישט קיינעם אַחוץ דיר, אַנשפּאַר מיינער! — און שיער זיך צעוויינט פון
גליק און פון רחמנות אויף זיך.

מיט כל־הכוחות אַליין איינגעשטילט זיך, האָט דאָס מיידל אירע ליפּן
געפירט איבער דער שלאָפנדיקערס פאַרוויאַנעטע באַקן און געוואָרגן זיך
מיטן צופלוס פון געפיל, וואָס האָט אין איר ברייט זיך צעגאָסן, געדריקט
אין האַלדז. וויינענדיקערהייט איז זי אַריין אין חלום.

די אַלטע פלעגט אין מיטן נאַכט זיך איבערוועקן ווי אין אַ ווידער־

געקערטן יוגנט־חלום. זי האָט דעמאָלט שטאַרק געגלעט די ביישלעפערן איבער די שענקלען, איבער די אַקסלען און אַ סך אַריינגעמורמלט אין דער שורשנדיקער פינצטערניש.

אַנומלט פאַרן שלאָפנגיין האָט שאָשע זיך אָנגערופן צו דער אַלטער:

— אוך, סאָרע ווינטער עס גייט! די קעלט קריכט שוין איבער די וועגן, זי עסט זיך איין אין די ביינער. וואָרעם מוז זיין אין שטוב, מומע גאָלדע! און ס׳עט זיין מערטשעם; דו דאגה זיך גאָרנישט.

פאַרטעמפּט פון יאָרן קרענקען האָט די זישעכע שווער באַוועלטיקט דעם געדאַנק. דאגהן איז בכלל אַרויס פון די גרענעצן פון איר מאַכט. אַ שטיק חומר — האָט זי נאָר געקוקט, געזען; געפילט בעיקר די פּיין פון איר גוף. פון רגילות האָט זי געקרעכצט, פון רגילות האָט אין איר אויפגעצאַפּלט דאָס שרעקיקע האַרץ. און האָט זיך אַ ליאַדע ריר געטאָן ס׳האַרץ, האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט בלאָס, שוואַך, ווי עס וויברירט דער נאָכרויש פון דער קינדהייט אינעם דורכגעברענטן מאַרך פון אַ זקן. אַזאַ — מיט גלאָנצנדיקע אויגן, מיט שטאַרן מוח האָט זי זיך איינגעקוקט אין דעם מיידל און זיך צוגעבינדן צו איר.

שאָשע האָט אָנגעטאָן אַ מאַנצבילשן קליפּט, אויף די פיס ארויפגעצויגן אַ פּאָר שטיוול, איינגעשפּאַנט דאָס פערד און ווי זישע עליו־השלום געפאָרן מיטן וואָגן האַנדלען מיט פעל. וויפל אַ גוי האָט געוואָלט פאַרן לעדער, האָט זי אָנגעבאָטן אַ העלפט, אַ דריטל. זי האָט זיך געפּרווט און מצליח געווען. פויערן האָבן ווייכהאַרציק געקוקט אויף דער מויד אין מאַנצבילשן טראַכט; איר דאַר פּנים מיט דער שפּיציק רויטער נאָז און דאָס דינע קול האָבן דערציילט פון שטאַרק איינגעזאַפּטן אומעט. דער גאַנצער וויטיקלעכער לעבנסוועג האָט אַראָפּגערעדט פון איר אויסזען, פון איר וואַקלדיקן גענגל.

— שיראָטאַ... בידנאַ. אַ יתומה נעבעך.

ס׳פויערן־פאָלק האָט שאָשען פאַרגינען דעם גילדן ריוח און גאַרבערס אויף די אָפּאָטשנער בלאָניעס האָבן געשעפּט נחת פון דער מאַנצבילשער מויד. זי האָט צו זיי געקרייעט אויף איר איידל קולכל:

— דינגט זיך נישט אַזויפיל, ר׳ אהרן. מוטשעט נישט אַ יידיש קינד!

זי האָט געבראַכט פּרנסה פאַר דער מומע גאָלדע און די שטוב האָט באַגייס אויפגעלעבט.

אַז חיים יאַנטשע פלעגט פאַרבייפאָרן, האָט די מומע גאָלדע אים גערופן:

— ווייכסט מיך, יאַנטשע?

ווינטער, אַז די אַלטע האָט געהערט דאָס טראַסקען פון אַ וואָגן אי־בער די האַרט־פאַרפרוירענע בערגלעך, האָט זי זיך צוגעקאַטשעט צום פענצטער. זי האָט געפּויקט אין דער שויב אַריין, געשריגן, אַזש די שטוב אַן אויפגעקומענע — האָט מיטגעשריגן:

— לאָקעטקער, ע, יאַאַנטשעע!

חיים יאַנטשע איז אַראָפּגעקראָכן פון דער זיץ, מיט צעפּאַכעטע הענט צעקלאַפּט די פאַרשטאַרטע אברים — היפּפּ! היפּ! — אָפּגעטופּעט די שטיוול פון אָרומגעקלעפּטן שניי און איז אַריין צו דער זישעכע.

ער איז געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט: מאָדנע ריין, מאָדנע פאַר־ענדערט די שטוב. נישט וואָכעדיק איז די צעהאָנגענע ווייסקייט דאָ. אַפּילו איבערן אויוון אַ שטייף געפּרעסט פאַרהענגל, די פענצטער פאַרצירט מיט ווייס. די בלומענטעפּ זענען אויך עפּעס אַנדערש. אויפן טיש פּאַכלט אַ טישטעך, די פּאָדלאָגע ריין און די אַלטע גופא איז ציכטיק צוגעקליבן. דער יום־טוב אינדערוואָכן דאָ האָט אים סיי געאַרט, סיי געפלעפּט. אַ שפּאָרע ווייל איז ער געשטאַנען פאַרטאָמט און נישט געפונען אַ וואָרט פאַר דער יידענע. זי קוקט אים אָן און שטויסט אים פריינדלעך:

— זעץ דעך. ביסט שוין אַ גאָסט, לאָקעטקער.

...זינט דער לוויה, נישט היינט געדאַכט, איז ער נישט אַריינגעגאַנ־גען אַהער. אמת, אמת. אָבער נישט תמיד איז אַזוי ווי מ׳וויל. זי דאַרף נישט האָבן פאַראיבל, גאָלדע. אגב האָט מען ווינטער... וואָס נאָך האָט ער צו זאָגן? ס׳נישט אַרויסגעזאָגטע שטיקט אים. אינדעם שפּירט ער אַז עס בריט אים דער חידוש, וואָס רייסט דאָ די אויגן. צי דאָס איז ס׳פעלן פונעם מאַנספאַרשוין וואָס איז אַנומלטן אויסגעכאַפּט געוואָרן פון דאַ־נעט, צי — דאָס מיידל? זיין בליק האָט מבולבל זיך געגליטשט איבער די רייפן פונעם וואַסערפאַס: זיי האָבן אויסגעזען ווי זילבערנע, ווייס־בלאַנקנדיק. איי, וואָס ער זעט! די קאַץ קוקט אויס ווי אַן אויסגעוואַשענע אין מילך. „ס׳אַ היניקע?״ — האָט ער געוואָלט פרעגן דער אַלטער, אָבער געפרעגט האָט ער נישט. זי איז טאַקע געשטאַנען און געקוקט. ס׳שווער צעווירענע פנים האָט געצוקט, די אויגן — געפינטלט. ער, דער לאָקעט־

קער, האָט באַשיימפּערלעך עפּעס אויסגעוואָרט. זי פרעגט כסדר און ער געפינט נישט קיין גראָדן ענטפער פאַר אירטוועגן. זי איז לסוף געבליבן נייגיריק און מסתמא דערפאַר אַ פּעטן זיפץ געטאָן. דערנאָך האָט זי סתם אַזוי, פון שווערן האַרץ, געלויבט ס׳מיידל, די שאַשע, וואָס איז נעבעך איידל און גוט. ווען זי וואָלט חלילה נישט געהאַט די שאַשע, וואָלט זי זיך אויף די פיס נישט געהאַלטן.

— מ׳האָט אַ גרויסן גאָט אין הימל! — האָט זי נאָך צוגעגעבן.

— ברוך הוא וברוך שמו — האָט דער לאָקעטקער זיך אַ הייב געטאָן אויף די שפּיצן פון די פאַרליאַפּעטע שטיוול אַקוראַט ער וואָלט געשפּרונגען „קדוש״.

— אָן עלנטער וואָרעם אַ געשטראָפטער — איז די אַלטע נאָך נישט פאַרטיק געוואָרן מיט דער לויב פאַרן מיידלס וועגן.

חיים יאַנטשען האָט געווימלט אין מוח, נאָר אַ ריכטיק וואָרט נישט געפונען פאַר דער זישעכע וואָס איז פאַר אים אַרויסגעקומען מיט שמן־זיתדיקע רייד. „נישקשה, אַל דאָס גוטס״, און גאָר. דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט, ר׳האָט נישט קאָ׳ צאָט. מ׳האָט אים מיטגעגעבן די פּאַטשט קיין אָפּאָטשנע, זאָגט ער כלאַחר־יד און דערשפּירט די צונג אַ ליימענע. דער סאַלטיס און די קראָם דעם ווייבס יאָגן פון אים אַרויס די קישקעס.

ער האָט זיך פאַרשטאַמלט. דאָס מיידל, וואָס זי רעדט וועגן איר? ער קאָן זי. אַ גרויסע בריה, שמועסט מען. מ׳האָט זי שוין געזען ראַמפּלען קיין אָפּאָטשנע מיט אַ פורל לעדער. נישט אַזוי ווייט זי — צערעדט זיך חיים יאַנטשע פון אומעטיקלעכער דערמאַנונג, ווי דעם קאַשטאַן זישעס, ר׳זאָל לויפן בעטן. דעם קאַשטאַן דערקענט מען. חיים יאַנטשע דערשפּירט זיך אַ ביסל פעסטער, ווען ר׳האָט געגומען צוהילף דעם פעטער זישע. דאָך אַ מאַנספּאַרשוין, און אין מאַנצבילישע ענינים שפּירט זיך דער מענטש אייגענער. ער רעדט נאָך וועגן אַנדערע זאַכן, הייבט אויף די ברעמען, ווינטשט דער אַלטער אַ גוטן תמיד און איילט אַרויס צום געשפּאַן.

— האָב זיך אָוועקגעשטעלט... האָסט געזען! — האָט ער בינו־לבינו אַ קלעם געטאָן די ליפּן צווישן די ציין.

— זאָלסט זיך אָראָנוואָזן, יאַנטשע, הערסט? — שרייט אים נאָך די מומע גאָלדע.

— מערטשעם!

— פאַרגעס נישט!... — האָט זי אים נאָכגעפויקט אויף דער שויב.
חיים יאַנטשע האָט נישט פאַרגעסן. ער איז אָפט אַריינגעגאַנגען צו דער קאַמיענער אלמנה. יעדעס מאָל האָט ער געהאַט איר עפּעס צו דער־ציילן: טשוי, פּוי. וואָס עס האָט אים צעעפנט ס׳מויל, האָט ער אייגנט־לעך נישט געוווסט געגוי; אַריינגעגאַנגען האָט ער איטלעך מאָל געדענקט אין קלמנען און ער האָט געפילט: „ס׳אַ נחת אַזאַ לייטיש מיידל, און זי האַנדלט, וואַנדלט״... דער לאָקעטקער האָט זי קיין מאָל נישט געטראָפן אין דער היים. דאָס טאָקע האָט אים געהאָלפן אָנטפּלעקן דאָס רעטעניש למאי עס האָט אים געצויגן אַריינצוגיין אַהער, אין דער ווייסער שטוב פון קאַמיען: „זי געפעלט מיר, דיין שאָשע, זישעכע, פּאַר אַ שנור גע־פעלט זי מיר״. אויפפלאַנטערן אין זיך אָט־אָ־דאָס און צעעפענען דאָס מויל אַזוי־אָ — דאָס איז אים נישט לייכט אָנגעקומען. דער ייד איז גע־שטאַנען אַנטקעגן דער אלמנה און געבעבעט, געדרייט זיך אַ נישט היגער און סוף־כל־סוף נישט אַרויסגעבראַכט דאָס, וואָס אים האָט געבריט.
ערשט אַנומלט האָט חיים יאַנטשע זיך פאַרגענומען אָוועקצוזעצן זיך ביי דער מומע גאָלדע, פּאַוואָליע געזופּט אַ הייס גלאָז טיי און זיך פונאַנ־דערגערעדט:
— דער ווינטער!... ער שלעפּט זיך ווי ס׳גלות. אַזאַ האַרבע צייט אילע יאָר. אַלץ איז פאַרסטאָיעט און ווינטער באַדאַרף אַ שטוב מער ווי אום זומער. הערסט, גאָלדע, עס דאַרט אויס דער מוח! חברה וואַקסט, קיין בייז אויג נישט, ס׳הויז וואַקסט און דאָ, לאָ־עלינו, כאַטש וואַרג זיך. אַ בעסער שטיקל לאַנד וואָלט נאָך געווען יאַקאָש אַן אָנהאָלט. ס׳אי׳ ניש׳ גיט, גאָלדע, ביטער! גיי דערצייל ווי אַזוי צרות וואַקסן ביי אַ ייד, הע־הע... אַנטעק ווייס דען פון אַזוינס? ראַכטיק, ס׳מאַכט זיך אַן עסקל, מ׳קען קויפן אַ גוטע מאָרגע, אָבער אימפּעריאַלן! ר׳איז מוד, חיים יאַנטשע, האָרכסט, גאָלדע? ס׳געוועלבל, קאָן מען מיינען, טראָגט, אָבער... — אַ רגע, און ער האָט זיך פאַרקרימט, ס׳פּנים האָט זיך אים אָנגעצונדן. אַ זויערער, אין גאַנצן משנה־צורה געוואָרן פאַרקרימטערהייט. איז ער אַנט־שוויגן געוואָרן און אָפּגעקערט זיך פון דער קאַמיענער אלמנה.
— און חוץ דעם — האָט ער זיך ווידער געקרעקט מיטן וואָרט — אַ מיידל וואַקסט אונטער. אַ יאָר נאָך אַ יאָר גייט און דער עולם יערט זיך. ס׳שוין נישט קיין דריבנע קינדער. קלמן, ר׳זאָל געזונט זיין, איז אַ בחור ראוי לחופּה. ס׳אי׳ ניש׳ קאָ׳ געלאָכטער, אסור.

— קאַל־מע? — פרעגט די קאַמיענערן אַ פאַרחידושטע — אין דיין פּאַלוואַרעק אַ קלמן, יאַנטשע? אסור, צי כ׳געדענק, — ציט זי אויס דעם נאָכהענגענדיקן גוידער — אפשר דער, דער...

זי פאַרהאַקט זיך, די אויגן פאַרדרייען זיך נאָכקלערנדיק.

— דעם געלבלעכן, מיינסטע?

— וואָ׳דען? טאַקע דער זומערגעשפּרענקלטער, דער העלער. „איר" נאָכגעראָטן. נאָר אַ קאָפּ האָט דאָס! אַזוינס וואָלט באַדאַרפט איינשטיין אין שטאָט. צונויפגעקליבן שמות־בלעטלעך, איינגעקוקט זיך אין דעם, אַליין זיך געלאַרנט און ער שראַבט און ראַכנט ווי׳אַ וואַסער. און אַרבעטן, גאָלדע קרוין — גיב אים כאָטש דעם וואַלד אויסצוקאַרטשענען, וועט ער׳ס טיען. אַ גיט קינד!

אויך דאָס מאָל איז די מומע גאָלדע נישט געבליבן שולדיק קיין לויב פאַר שאַשעס וועגן. ס׳מיידל איז איר ווי אַן אייגענע טאָכטער וואָס איז איר באַשערט געוואָרן אויף דער עלטער. זי האָט פול געמאַכט איר וועלט. אַזוי גרויס ברייליאַנט זאָל זי האָבן, ווינטשט זיך שוין די אַלטע אין איר באַרימעריי מיט שאַשען, ווי גרויס עס איז איר חתן — נאָר זי איילט זיך דען? כיי וואָלט זי וועלן, ווי זי וואָלט מיט מזל שוין געגאַנגען צו דער חופּה! מ׳שדכנט זיך צו איר פון שטאָט, נאָר זי האָט צייט, זאָגט זי. אַפּנים, ס׳האַרצט איר נישט. ווייסט נישט? אַזוינס וויל אַ מיידל נישט איבעררייידן. שעמט זיך. נאָר ׳שקשה, אַ נדן ׳עט זי האָבן מערטשעם, — וויגט גאָלדע צו מיטן קאָפּ און די אַקסלען שאָקלען זיך מיט — איך וועל דען איר זשאַלעווען? און ס׳אַרע מצווה דאָס איז, לאָקעטקער, אוי־אוי, טאַטע דערבאַרעמדיקער, — שמועסט זי שוין מיט זיך אין אַ תחינה־ניגון. אַ יתומה נעבעך, אַ שטיין איינע אַליין.

געקוקט אויף איר און חיים יאַנטשע האָט זיך פאַרלעגן צעוויגט אויפן בענקל און מיט דער גרויסער האַריקער האַנט פאַרשטעלט אַ צופרידענעם שמייכל, וואָס האָט אַ לייכט געטאָן אין זיין באָרד. „פאַרוואָס ניש׳ — האָט ער מאַמלע געטאָן מיט די ליפּן — אַז זי איז צו דיר ווי אַן אייגן קינד!"

גאָלדע האָט שטוינענדיק אַ נישטער געגעבן אין זיין פּנים און באַלד זיך פאַרלוירן מחמת דעם טראַכטן, וואָס זי האָט אָקע־מ׳זעט געטראַכט.

ביידע האָבן זיך געפילט געקוועלט.

— וואָס ׳עסטע זאָגן, יאַנטשע לאָקעטקער? — האָט זי ענדלעך אויפ־געהויבן די אויגן און אויסגעבעבעט אַבי סתם צו רעדן, כאָטש באַשיימ־פערלעכע אַנצוהערעניש איז געווען אין סאַמע פרעג.

— ממאַ... — האָט ער זיך געוואָרגן מיטן שטיק צונג אין מויל און געקוקט אויף איר מיט אַן איבערגעלאָפּענעם קוק.

— כ׳מיין קעגן אַכצן און דראַצן, יאַנטשע, — איז די מומע גאָלדע שוין אָפּענער, כאָטש נאָך מיט אַנצוהערעניש.

— ווייסעך...

און געשעמט זיך, און געקווענקלט זיך.

— אפשר, — האָט זי זיך לסוף געפּרוווט — אפשר קען דאָך ווערן צווישן די קינדער?

— ...

אַ וואָרט פאָר אַ וואָרט. עס איז געוואָרן ־ערפון. לויב אויף לויב האָבן זיך געכפּלט אויף גדולה.

אין גויישן לאָקעטקע האָט מען גאָר גיך געשפּילט אַ יידישע חתונה. די בילאַנדערס האָבן אויסגעגעבן ס׳ערשטע קינד. קאַמיען און מאַזשאַרניע זענען אויך אויפגעווען מיט די יידישע פּאַטשערס, מיט די קאַדרילן און פּוילישע מאַזורקעס וואָס זענען אויסגעהאַצקעט געוואָרן אין אַ גרויסער פּראַסטיקער לאָקעטקער נאַכט.

אין דרויסן האָט געסווישטשעט דער לאַנגער דאָרפישער ווינטער.

9

קלמן האָט גענומען אַ ווייב

— טאָ ניע טען כלאָפּ...

אין לאָקעטקע האָט מען אויפגעריסן די אויגן: ס׳דער אייגענער, דער קלמן, צי אַ טאָפּלט־געשטאַלט זיינס? ווי פון אַ כישוף, וואָס איז אים אָפּ־געטאָן געוואָרן, האָט דער יונג זיך געענדערט. און מיט אַ מאָל!

אַ פּאָר וואָכן נאָך זיין חתונה איז ער אַרומגעגאַנגען שטיל ווי אַ

הון, אַ פֿאַרדרימלטער אַזאַ, צי אַ שוואַכער. ער האָט זיך באַוועגט געלאַ־סענער, מיט קיינעם זיך נישט געאַמפּערט ווי פֿריער: „ס׳איז נאָוואַ־קאָווסקיס גניאַדע, צי דעם לעסניטשיס קאַשטאַן?״ קלמן האָט געהאַט אַ פּילעוודיק אויער און פֿון ווי־ווייט שטענדיק אונטערגעשיידט דעם טראָט פֿון איטלעכנס פֿערד, וואָס איז געגאַנגען פֿון וואַלד אין דאָרף אַריין אָדער זיך ערשט אַראָפּגעלאָזן פֿון די קאַמיענער בערגלעך.

חידושים! קלמנען הערט מען נישט.

עס שטייען שוין מידלעכע פֿאַרנאַכטן. דער וואַלד — אַ שוואַרצע, פֿאַרקלערטע וואַנט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט צופֿוסנס דעם ישוב; די אָזע־רע אַ פֿאַרטרונקענע אין שאָטנס פֿון די שטיל מורמלענדיקע ווערבעס, האָט קיל און מאָנאָטאָן געוועבט ס׳געוועב פֿונעם סוף פֿון ליכטיקן זומער. אין די דאָזיקע פֿאַרנאַכטן האָט יונגוואַרג זיך צונויפֿגענומען אין אַ קרענצל און הויך אויפֿן קול, ווי אַן איבערגעוועקטע פֿויגל־נעסט, אויסגעשריגן אַ פֿראַלנדיק געזאַנג. אויסגעלאָשן זיך מחמת מידקייט, האָט דער אָוונט שוין געקענט רואיק אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אויף די היימישע שטרוידעכער. אי־בער דער טונקלקייט וואָס האָט געפּויזעט פֿון שטאַלן, פֿון שייערס האָט ערשט זיך געשפּרייט אַן אומעטיקע מעלאָדיע פֿון סטאַכן, וואָס האָט פֿאַר־לאָזן סטעפּקען דער שיינער און אָפּגענאַרטער; אַ ליד פֿון בלומען, פֿאַר־געסענע אין גאָרטן און פֿון האַרבסט דעם כמורן, וואָס גראָבט זיך ווי אַ מויז אין כאַטע אַריין און פֿרעפּלט מיט זאָרג פֿון דעם סיווע ווינטער און פֿון שדים. קלמן פֿאַרהוילט איצט זיין אויער פֿון אָט דעם נאָגנדיקן גע־זאַנג; ער אַנטלויפֿט דערפֿון. און לאַנג איז די לאָקעטקער שקצים און שיק־סעס אַ שאַד, וואָס קלמנס שטאַרקע קול הערט זיך מער נישט אין דעם געפּלעכט פֿון זייערע שיינע בענקשאַפֿטן; עס ברומט נישט, ווי פֿריער, זיין ציטערדיקע טשעלאָ־סטרונע מיט וואַרעמען כריפּ פֿון האַרץ.

— נישט דער זעלביקער, דער קאַלמאַ, — דערמאָנען די דאָרפֿישע יונגען און מיידן דעם פֿריינד, זיי באַדויערן אים און זענען שטיל מקנא: ער ווערט אַ גאָספּאָדאַזש.

און נישט נאָר אין געזאַנג פֿעלט זיי קאַלמאַ.

...חברה יונגוואַרג איז דעריאַכמעט געקומען צולויפֿן פֿון פֿינצטערנ־דיקן וואַלד; גלי־ווערעמלעך האָבן פֿאַרפֿלאָנטערט דעם וועג אַהער, פֿאַר־פֿירט. אַ שטיקל צייט פֿאַרלוירן די באַקאַנטע סטעזשקעס. וועווערקעס

אויף די דרימלענדיקעביימער האָבן זיי, בלאָנדזשנדיקע, נאָך איבערגע־שראָקן. קוים וואָס אַ לייכטנדיקער וואַלד־זוים האָט זיך געוויזן. פאָרעמבבע מיט פאָרעמבבע האָבן פון ווייטנס זיך איבערגעהנדלט און איין פלעק פון פאַרנאַכטן־מאַטקייט איז צו פאַרנאַכטן־פלעק געוועזן ענלעך. וווהין גיין? לאָקעטקע איז אַנטלאָפן געוואָרן, קינדערלעך! בהלה פאַר אַ גרויל־נאַכט צווישן חיות און שלאַנגען האָט אַרויסגעשריגן פון זייערע אויגן. ערשט — אַ גליק! מיט האַרצקלאַפּונג האָבן זיי אומגעריכט דערווישט דעם סוף פון וואַלד־פּלאָנטער. אוך, וואָס פאַראַ מגושמדיקע ציינער עס האָט די אימה! די יונגע לייבער האָבן געדאַמפט מיט היץ, ווינטלעך וואָס האָבן זיך אויפגעכאַפּט, האָבן דורכגעבלאָזן די קלעפּיקע העמדער און די דינע קליידלעך. דערשוויצטע קוים זיך צוריקגעקערט אין דאָרף אַריין, האָט מען זיך געוואָרפן אין אָזערע אַריין, דעם פרידלעכן פאַרנאַכט בגוואַלד אויפ־געהאַלטן: פאַרשייטע געשרייען האָבן זיך געשפּרייט איבער די קאָרטשנ־דיקע דעכלעך; אין כליושטש פון אויפגעשוימטן וואַסער האָט ס׳יונגוואַרג זיך גערייצט מיט דער צעטומלטער שטילקייט. פון די אַראָפּגעזונקענע כאַטעס האָבן די פענצטער מיט ווידערווילן פאַרהוילן די אומצופרידענע בליקן פון באַיאָרנטע לייט:

„ע, שטיפערס צעלאָזענע!“

רוענדיק אויף בענק און אויף קלעצער פאַר די שטובן האָבן זקנים מיט לולקע־רויך און טרייסלענדיקע זשאָנסלעס איבערגעריסן די מעשה אַ ליבלעך פאַרצייטישע און זיך אַריינפאַרקליבן אין דער ווייכער פינצ־טערניש.

די קו, אַן אַריינגעטריבענע אין שטאַל, האָט אויסגעצויגן איר האַלדז־זאַק און בענקשאַפטלעך אַריינגעמרוקעט אין דער דושנעקייט, וואָס האָט ווי טוי זיך געלייגט איבער דער אָנגעהיצטער ערד.

מיט שטערנליכט זענען פאַרהאָרעוועטע באַלעבאָסטעס געזעסן אין שטאַלן און אָוונטמילך האָט מילד געמורמלט צו די מעלק־שעפלעך.

ס׳שפּעטערדיקע אומער־ליד איבער דער אָזערע איז מיד אַנטשלאָפן געוואָרן. ווי צעפלאָשעטע גענדז האָט ס׳יונגוואַרג אין אַ געזעמל זיך אַוועקגעלאָזן איבער דאָרפישע סטעזשקעס, זאָרגלאָז געקנייפּט די אָוונט־לעכע פאַרטראַכטקייט פון רוישנדיקן תבואה־פעלד. לייבענע קליידער, אַנטבלויזטע הענט און נאַקנס, ראָז־צעפלאַמטע פנימער ווי שפּעטע לבנות

האָבן בלייך אַרומגעשוווּמען אין דער שיטערער פינצטערניש. הילכיק ווי דער געבערום פון איבערגעוועקטע נאַכטישע וועגן האָבן קוויטשיקע קולות זיך דורכגעטראָגן איבער די פאַרטייעטע רחבותן.

מאַזשאַרניער מוידן די באַוווּסטע
האָבן בייכער צוויי ווי פּע־עסעער:
איינער אויף קאַ־אַפּו־ו־וסטעע,
דער צווייטער אויף ממזרים־פּרעע־סער,
— אוכ־כההוו!
או־ווך!

דאָס דאַרף האָט זיך צעקלונגען מיט טומל און די גאַנצע געגנט האָט זיך מיטגעקייקלט מיטן רוף דעם פאַרשייט־נאַכטישן: — „אווך!״

אַ שאַרפע האָט קלמנס ברוסטיקע שטים שטענדיק אַרויסגעשטאַרצט פון דעם־אָ רויען געזאַנג וואָס האָט זיך געכליניעט איבער די אָוונטלעכע ברייטן. דאָס אומער־ליד איבערן טאָג־פאַרגאַנג איז איצטער אַ נאָגנדיקס ווי געוועזן, דער להכעיס־שריי אין אָוונט אַריין — אַ געניג קרעפּטיקער, נאָר קלמן הערט זיך נישט. עס איז בפירוש קענטיק — אויסגעלאָשן אַ פלאַם. ווי נישטאָ דער קלמן אין לאָקעטקע, נישטאָ דער יונג אין דער פויע־רישער גראָמאַדע.

אין קרענצל זאָגט אַנדזשע צו לוסיען און אַנטעקן:

— אָן זשינקע מאַ, קאַלמע... אַ ווייב האָט ער. הערסט, מיט אונדז זאָל ער איצט גיין?

און עלטערע טענהן:

— טאָ ניע טען כלאָפּ... נישט צו דערקענען דעם קאַלמאַ.

דער יונג איז אַרומגעגאַנגען אַן אָפּגעקלאָפּטער. די אויגן אין ער־געצווו פאַרקוקט, דאָס רוי־אָנגעשאַרפטע קול — אין זיך פאַרטרונקען. פאַרטועגע אין זייערע עסקים האָבן טאַטע־מאַמע דאָס נישט געזען, ווי זיי האָבן נישט באַמערקט די צוריקגעהאַלטנקייט פון דעם אַזוי אויך מיושבדיקן ווייבעלע. די ברידער מיט דער שוועסטער האָבן אויף קלמנען געקוקט מיט דרך־ארץ: אַ באַווייבטער. ער ווערט אַ באַלעבאָס! די מומע גאָלדע האָט זעלטן זיך געוויזן קיין לאָקעטקע. די קאַמיענער שטוב האָט זי פאַרשלונגען און די איינזאַמקייט האָט פון ס׳ניי זיך אין איר איינגע־געסן. זישע איז אויס, בין איך אויס...

ווי עופות איבערגעשראָקענע, אַרויסגעריסענע פון זייערע קאָטוכעס האָט ס׳יונגע פאַרפּאַלק זיך אַרומגעדרייט אין דער טומלדיקער כאַלופּע; ווי עופות זענען זיי אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיצפינגער, גלייך זיי וואָלטן נישט געוואָלט אויפוועקן דעם גרויסן סוד, וואָס זיי האָבן אָקערשט אַנט־פּלעקט אַרום זיך.

...שנייאיקער, ליכטיקער ווינטער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, ס׳איז געקומען בלאָער, לינדער פרילינג און דער זומער האָט אָפּגעפּלאָ־טערט פאַר די פענצטער. די זאַפטן האָבן רויט און געדיכט ווי בלוט אָפּ־געשוימט אין די בוטלעס, די פלוימען און קאַרשן האָבן אַלטגעשרומפּענע, מוטנע זיך אַראָפּגעלאָזן צום דנאָ און די ווײַמפּערלעך האָבן פאַרוויאַנעטע געקוקט צום גליאיקן ווידערשיין, וואָס האָט זיך געשטעלט איבער זיי. די טעג פון סוף־זומער האָבן דורכגעשוועבט איבער דער ברוינער ערד פון ישוב. טשאַטעס פייגל האָבן זיך געטראָגן איבער די אָפּגעלערטע פעלדער, די מיל האָט אַ שוואַרצע ווי אַ סטראַשידלע געקוקט פונעם טאָל און דער וואַלד האָט נאָענט געהילכט. דאָס האָט מען האָלץ אַרויסגעפירט פון ספּאַלע און די וועגענער מיט די מענטשן זענען געבליבן פאַרהוילן פון די לאָ־קעטקער.

אין איינעם אַזאַ פון די געשענקטע סוף־זומערדיקע טעג איז ס׳יונגע ווייבל נישט אַרויס פון אַלקערל. „כ׳וועל ליגן איבערן טאָג און אפשר, אַ פּאָר שעה בלויז...“ קלמן האָט אומעטיק פאַרנומען אירע רייד; ער האָט געזען די פלעקן וואָס האָבן זיך געלייגט אויף איר פּנים. רויט־בלאַסלעכע פלעקן אַזוינע, וואָס דעקן אויף דעם מענטשנס פאַרוועלקטע האַרץ. זי איז קראַנק, האָט ער געטראַכט, און דערשפּירט אַ שטאָך אין דער ברוסט. זי איז נישט קראַנק געווען, שאָשע. איר שעמעוודיקייט אַנטקעגן די בייע היימישע וואָס גראָבן אין איר מיט זייערע חשדיקע בליקן, דאָס־אָ קוקן און קלמנס קנאַפּע רעדן האָבן געשלאָגן איר אויסגעליטן געמיט. מעשה קראַנקע — און רגעווייז האָט איר טאַקע אַזוי אויסגעוויזן — האָט זי זיך געוואָלט צעוויינען. עפּעס טאָטשעט. ס׳ווייבל האָט געשפּירט אַ באַדער־פעניש צו לאָזן אַ ביסל טרערן, צו פיעשטשען זיך אַז קלמן זאָל רחמנות האָבן אויף איר; ער זאָל נישט זיין אַזוי ווייט, כאָטש ער... שאָשעס נשמה איז געווען קראַנק און זי איז געווען הונגעריק מיטן הונגער פון דער פרוי, וואָס איז זשעדנע מער לעבן. אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן האָט

קלמן דאָס שטומע באַשעפעניש זיך נישט געפונען קיין אָרט אין אַנבליק פון דער פרוי. ער איז געשטאַנען אין דער דערבייאיקער קיך־שטוב, מבולבל געטראַכט אַ שווער טראַכטעכץ און איז אַרויס.

זי אָבער האָט אים נישט אָפּגעלאָזן. מיט איר ווייבלעכער קינדיש־קייט, ווי זי האָט זיך אַנטפּלעקט, האָט זי אים געצויגן צו זיך, אים געפּיי־ניקט — און זי האָט אים געפעלט. שאַרפער האָט ער איצט דערשפּירט איר אומבאַגרייפלעכן רייץ. ער האָט זיך לסוף נישט געקענט איינהאַלטן און איז ווי אַ פאַרזינדיקט ייִנגל אַריין צו איר אין אַלקערל.

— האָסט מיך גערופן? — האָט ער געפרעגט, כאָטש זאָגן האָט זיך געוואָלט עפּעס אַנדערש.

מחמת אומדרייסטקייט האָט ער נישט אַרויסגעלאָזן די קליאַמקע פון האַנט. שאָשעס פאַרדושעט קול פון קישן אַרויס ווי אויך אַן אַנדערער כוח, וואָס האָט אים הענט און פיס געבונדן, האָבן אים גערופן:

— וווהין גייסטו ערשט?

ער האָט זיך פאַרלוירן און סתם אַזוי שטיל אַ זאָג געגעבן: „כ׳גיי", און — זיך אומגעקערט צו איר.

אויף אַן אויגנבליק האָט שאָשע אַוועקגעכאַפּט אירע אויפגעהויבענע אויגן און ס׳פּנים גיך באַהאַלטן אין בעטגעוואַנט אַריין. ווי אים וואָלט גערופן איר שלוכצנדיק געבעט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון געלעגער.

— ווילסט עפּעס, שאָשע?

זיין קול האָט זיך אָפּגעריסן. אויך זי האָט געשטומט. בלויז אירע הענט האָבן אויסגעדריקט טענה: „כ׳וויל נישט, לאָז!"

— גייסט... האַלטסט אין איין גיין! — האָט עס נאָך געקענט הייסן אויפן לשון פון אירע הענט און זי האָט זיך בפירוש באַלד געצויגן צו אים.

אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף קלמנס שויס האָבן שאָשעס הענט שוין געזוכט זיין פּנים, געזוכט זיין ברוסט. לאַנג האָט זי אַזוי פאַרבאָרגן איר פּנים און קינדיש שטיל זיך צעכליפּעט. „גייסט, גייסט כסדר, הוהו־הו־הו!" אויפגעזעצט זיך דערנאָך, דעם צעשויבערטן קאָפּ געטוליעט צו זיין ברוסט, פאַרנומען ס׳קלאַפּן פון זיין האַרץ און ענדלעך אַנגעשטעלט אויף קלמנען אירע טונקעלע אויגן. געקוקט אויף אים אַ ווײַלע, אַ העשע געטאָן און אָומרואיק באַוועגן מיט די ליפּן ווי זי וואָלט געדאַרשט נאָך עפּעס, גלייך

אַ שטאַרק וואָרט וואָלט זיך געריסן פון איר און אַט־אַט וועט עס פאַלן. פּיעשטשענדיק זיך מיט די אויגן און מיט די הענט, וואָס האָבן אים אַט געגלעט איבער דער באַק, אַט פון אים זיך אָפּגעקערט אַ ברוגזע, האָט זי מיט אַ מאָל אַרויסגערעדט:

— קאַלמע! — און נאָך אַ מאָל — קאַלמעשי!

— וואָס, ווייבעלע?

— קאַלמע קרויך!

— וואָס זאָגסטו, — און עס בעטן זיך ביי איר זיינע אויגן ברוינע, פולע ווי די מאַרעלן וואָס האָבן אַנומלט אָפּגעצייטיקט ביי זיי הינטערן פענצטער; אַט־די אויגן שפּילן אָקערשט אין דער ראָזקייט וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער זיין זומערגעשפּרענקלטן פּנים.

— כ׳בין בייז, קאַלמע!... גייסט קיין מאָל נישט אַרויס מיט מיר.

דער יונג איז געבליבן זיצן ווי אַ שטיין. דער אומגעריכטער ליבע־אַנגריף אַזוי ווי ער איז געקומען פון איר צעוואָקלטן קול, פון די גליאיקע אויגן, דאָס האָט אים צעטומלט. שאָשע האָט אים אָבער אַרויסגעצויגן פון דער פאַרלעגנהייט.

— מ׳עט אַ קוק טאָן צו די שכנים, ווילסט? — קוקט זי אים ווייך אין פּנים אַריין. — פאַרבעטסט מיך אויף שפּאַציר?

און שאָשע האָט זיך גענומען גרייטן צום אַרויסגיין. זי איז מער נישט קראַנק.

◆

קלמן האָט זיך נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן מיט דער פּראָסטקייט, וואָס די פרוי די שטאָטישע האָט אין אים אַנטבלויזט. אַ וווּנד אַזאַ איז דאָס ביי אים און זי האָט געווייטיקט, ס׳לשון אָפּגענומען. אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל פון שטוב, האָט ער געפרעגט דעם ווייבל:

— וווהין וועט מען גיין?

ער האָט דערפילט אַז ר׳האָט ווידער געזאָגט נישט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. אייגנטלעך האָט ער גערן געוואָלט גיין מיט שאָשען, אַ סך געהאַט צו רעדן מיט איר, נאָר ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס צו טאָן, פון וואָס אָנצוהייבן. און — וואָס נאָך ערגער — קלמן האָט איצט אויסטערליש זיך געשעמט פאַרן דרויסן. די בושה האָט אין אים געברויזט אַ צודרינגלעכע. און ס׳איז שווער אָנגעקומען דאָס פונאַנדערקלייבן זיך

אין אַלץ, וואָס האָט אַזוי געזאָטן אין זיין געמיט. לסוף האָט ער פון זיך אַרויסבאַקומען דאָס שטאַרקסטע, דאָס, וואָס האָט צום מערסטן אים גע־עקבערט:

— די סמאַרקעס זענען אומעטום!

אָט! פאַר דער קורצער צייט וואָס זינט זיין חתונה, איז ער אָפּגע־פרעמדט געוואָרן פונעם יונגוואַרג. און זיי אַלע הערשן איבערן דאָרפישן דרויסן! קלמן האָט איצט געוואָלט אויסמיידן אַלעמען.

שאָשען, פאַרקערט, האָט אַ נעם געטאָן דער לאָקנדיקער דרויסן. שוין צופיל זיך איינגעזעסן אין שטוב! מיטביידע הענט זיך איינגעגראָבן אין זיין לינקן אָרעם און אַ פאַרליבטע זיך געטראָגן איבער פעלדער, וואָס אויף ליכטיקע בערגלעך ווי זון־שוועלן. פויערישע סעדלעך וואָס שטרעקן זיך מיט הייסן רויט און בורשטין פון לעצטן אויבס, האָבן אַרויסגעבליקט צו די שטעגלעך. אַלץ האָט נאָכבאַגלייט ס׳פּאָרל.

— אַאַאַ, שפּירסט? ס׳שמעקט!

מיט פולע גלאַנציקע אויגן האָט זי געטרונקען יעדן צוק פון זיין פּנים; שעמעוודיקערהייט האָט איר געלאָקט ס׳שיכרות פון דער אייגענער צייטיקייט.

קלמן האָט אויך ליבלעך געצוקט מיטן אַקסל און אויף דעם אַקסל איז שוין געווען אָנגעשפּאַרט שאָשעס קאָפּ, אַ פאַרטראָגענער אין חלומות.

— מ׳עטס׳ דערלעבן, קאַלמעשי, ׳עט מען גיין פאַר זיך.

— אַוודאי. אַלץ מיט דער צייט.

— מיט דער צייט, קאַלמעשי. די מומע גאָלדע האָט געזאָגט. זי וועט נישט שטיין פון דער וייטנס. „האַלטס נאָר דערביי״, האָט זי גע־זאָגט.

אין אַ ליבלעכער דעמער־שעה אַזאַ איז שאָשע — דערנאָך — צום ערשטן מאָל צוגעגאַנגען צו אַ קו פון שווער און שוויגער און דורך איר לייב האָט ווי אַ חלף זיך דורכגעשניטן דער זיסער פיבער פון איר נאָך אַ מאָל אויפגעטוויכטער ווייבלעכקייט. זי איז געווען געהילט אין טונקעלער שטאָל־וואַרעמקייט; אַ יונגע לבנה, אַן איבערגעקערטע מיט די הערנער אַרויף, האָט אַן אָנגעטרונקענע דאָ ביי שאָשעס פיס פאַרלוירן אַ שטראַ־לעכל פון איר ציטערדיקער ברעם. שאָשע האָט געמאָלקן די קו און אינס־טינקטיוו געהערט קלמנען אין זיך. זי האָט געשפּירט זיין באַריר. די שווי־

מיקע מילך־שפּריצן האָבן ווי מיט זיינע פינגער געלאַשטשעט איר לייב און ס׳האָט געגלעט דער איינגעשטאַנענער געדאַנק: „ער זאָל מיר גע־זונט זיין״...

אַן אַריינגעטוענע אין אינטענסיוון טראַכטן פונעם מאַן האָט שאַשע אומגעריכט געמומען איינעטעמען דעם זון־ריח, וואָס טראָגט זיך פון קלמנס שטאַרקע הענט, פון זיין האָריקער ברוסט. אינעם בלעכענעם שיין וואָס דרינגט אַריין אין שטאַל, ציטערן אירע באַקן, זיי ווערן שיכור־מיד פון זיין וואַרעמקייט, עס קלעפּן זיך די אויגנדעקלעך — —

די קו האָט אַ טופּע געטאָן און דער אַרום האָט זיך האַסטיק צע־וואַקלט. דעם פּלוצלינגן שטויס, וואָס שאַשע האָט געקראָגן, האָט שאַרף אָפּגערוישט אין אירע געהירן, די האָר־וואָרצלען געשטאָכן. אַ קעלט האָט צענומען אירע ביינער. די דאָזיקע שפּירונג איז אַנגעגאַנגען אויף איר אויך דערנאָך; זי האָט זיך געלייגט אויף דעם קנויל נערוון, וואָס האָבן געעפּנט גיריקע מיילער. און זי איז ערגעץ געזונקען. נישט מיט די אייגענע כּו־חות האָט זי זיך איינגעקלאַמערט אינעם נידעריקן בענקעלע, מיט די שפּיץ־פינגער זיך איינגעגעסן אין דעם בענקל־ברעטל, אויף וועלכן איר לייב האָט זיך אַ וויג געטאָן ווי אַן אומרו; טיף אין יסוד פון איר גאַנצן לעבע־דיקן פילן געשפּירט אַ טרייסלען. אַ לאַנגע ווייל איז זי געהאָנגען איבער אַ מאיומדיקער, פינצטערער ליידיקייט. דאָס באַוווּסטזיין אַז זי זיצט ביי אַ מעלקשעפל, אַז אָוונטשיין רינט פון הימלשן דאַך, דאָס באַוווּסטזיין איז כּהרף־עין געפאַלן. נאָך דעם האָט די ברוסט אין איר שטאַרק געפּויקט. אומגעקוקט זיך אַ צעטומלטע, אַן אָפּגעשוואַכטע האָבן די אויגנווינקלען ביי איר זיך פאַרפולט מיט גליווערדיקע טרערן־קייקעלעך.

אַוודאי, זי מעלקט. פאַרקלערט זיך מאָדנע...

— נאַסטעמפּ שוין!

אָפּגעשטויסן פון זיך די קו, געזוכט דעם אייטער און ווי אַ צוגע־שוואומענס דערשפּירט אין זיך דאָס האַרץ. עס האָט געציטערט. זי האָט זיך צוגעהערט צו דעם. ווידער האָבן זיך געשלאָסן די אויגן, ס׳מויל, און ווי נישט איר האַלדז, נישט אירע ליפּן האָבן פאַרשמאַכט אַרומגעשמעקט דעם אַרום.

איינגעדרייט ווי אַ שטעכלמויז האָט דער ישוב אויף יענער זייט שטאָל אַ פויזע געטאָן אונטערן גאָפנדיקן הימל. דאָס בלינדע ליכט פון

שטאָל, די בהמהשע פאַרגלוסטקייט פון דער קו האָבן אומגעריכט זיך אַ ריר געגעבן אין זייער גליווער. שאָשען איז פאַרגעקומען: גאַרנישט איז פאַראַנען אינעם אַרום, נישטאָ קיין אָוונט אין ערגעץ. פאַראַן בלויז זי, שאָשע די אַנגעווייטיקטע, און עס איז פאַראַן אַ גרויסער וועג, אַן אַנגעחתמעטער מיט טויזנט זיגלען: ג ו ר ל.

פינצטער באַלאַדענער רויש האָט זיך געהויבן איבער איר מוח־שיידל, פלוצלינג זיך דערשפּירט פאַרכאַפּט פון אַ בושעווענדיקער כוואַליע; די כוואַליע שלעפּט, די כוואַליע שטויסט. ווי אַ באַנייטע איז זי העט פאַר־פלויגן פון דאַנעט.

ווען איך וואָלט געווען אַ פישעלע אין וואַסער,
אַ פישעלע אין וואַסער,
וואָלט איך געקומען צו דיר צו שווימען;
ווען איך וואָלט געווען אַ פייגעלע אין וואַלד,
אַ פייגעלע אין וואַלד,
וואָלט איך געקומען צו דיר צו פליען — —

די שטילקייט אין דרויסן פונקט ווי די בהמה ביי דער זשלויב, האָבן אומרואיק זיך געשאַרט אָן דער ערד.

שאָשע האָט נישט געוווסט אַז זי זינגט. ס׳געמיט, פלוצלינג אָן אויפגערודערטס, האָט זיך געלאָבט מיט דער שפּירונג פון לעבן, וואָס איז איר אויף ס׳ניי געגעבן געוואָרן.

אויף ביינאַכט האָט זי זאַרגפולער אויסגעבעט ס׳געלעגער. „דער יונג אַרבעט שווער — האָט אַלץ אין איר גערעדט — די ביינער טוען אים וויי”.

— ווּעסט זיך לייגן, קאַאַלמע?

איר קול האָט זיך געעפנט אומגעריכט; עס האָט אָפּגעציטערט אַזוי, אַז קלמן האָט זיך פאַרלוירן. פאַר די וועגט וואָס קוקן אויף אים, האָט ער זיך געשעמט. אַ פרוי רופט אים!

פאַרן שלאָפנגיין האָט זי געפּרוווט דאָס קייטעלע פון דער טיר אין זייער פריש־אויסגעקאַלכטן אַלקערל, וואָס שווער־און־שוויגער האָבן זיי אָפּגעגעבן נאָך דער חתונה.

דאָס געלעגער איז געווען אַ הויכס, אַ דורכגעלופטערטס פון זון און ליכט, וואָס שטייט אַ גאַנצן באַכמיטיק אין פענצטער פון שטיבל, אַ פולס מיט דעם איינציקן גרויסן בעט.

ע ר האָט זיך מערער איינגעקאָרטשעט, דער שעמעוודיקער. קלמן האָט באַגערט קלענער צו זיין, אַ קינד זאָל ער ווערן. אין אים זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען די לאַסקעס דער פרויס, וועלכע איז אים געגעבן געוואָרן פאַר אַ ווייב.

— ווי הייס איך, קאַלמעשי?

איינגעזויגן אין זיך דעם אַזוער־ריח, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט אין אירע האָר פון דער טונקל, האָט ער זי אָקערשט דערשפּירט אַ מאַכטיקע.

— שאָשעלע! — האָט ער ציטעריק, הייס געענטפערט.

— ווי נאָך, מאַנעלע?

— ווי נאָך?... מיין שיין ווייבעלע!

— און ווי נאָך? — האָט זי גלוסטיק זיך געדריקט צו אים.

— מאַיאַנטעק מיינער, יאָ?

— מער נישט?

— מיינע וועלדער, מיינע פאַלוואַרקן.

— גאָלד מיינס, מיין יינגעלע, מיין טאַטעלע! — האָט זי אין אים אַריינגעעטעמט ס׳גאַנצע האַרץ אירס. — יאָ, יאָ.

קלמנען האָט פאַרפעלט אָטעם. ער איז געווען צו קליין פאַר דעם גרויסן גליק. זיינע אויגן האָבן זיך געשלאָסן פון מתיקות, כאָטש ער איז נישט געווען שלעפעריק. ס׳בלוט אין אים האָט געזונגען. איבער זיך האָט ער געשפּירט כוואַליעס היץ, אומדערוואַרטע האַסטיקייט און ווי סאָקן גראָבן זיך טיף אין אים.

שאָשעס בריעדיקע ליפּן האָבן אָן אויפהער עפּעס געשושקעט. זי האָט אים אַרומגעהאַלדזט און די שאַרפע שפּירונג אין זיינע גלידער איז געווען אָן אומגעהייערע, אַ לאָקנדיקע אַזאַ ווי די זון, ווען מ׳אַנטדעקט זי אין דער פינצטערניש.

אין מיטן נאַכט, ווען ער האָט זיך לייכט איבערגעוועקט, האָט פון דאָס ניי ביי אים אָנגעקלאַפּט שאָשעס וואַרעמע וואָרט, אַ מיד אויסגעשושקעטס אין דער פולער נשמה אַריין.

אין דער נאָענט האָט אַ האָן זיך צעקרייעט.

ווי אָן אַרויסגעשליידערטע פון חלום האָט שאָשע אין ווייסן, לאַנגן העמד ווידער אַ מאָל געפרווט די טיר פון אַלקער.

— צוגעקייטלט, — האָט קלמן געזאָגט מיט אַ פאַרשטאָפּטער קעל.

די אויפגערירטע נאַכט־שטילקייט האָט נישט־ניחאדיק נאָכגעקרימט די רייד.

— שאַדט נישט, מ׳גיט אַ קוק, — הערט זי זיך פון ערגעץ טיף און ס׳דאַכט זיך, אַז ס׳קול שאָשעס איז אַ נישט־דאַיקס — גלייך עס וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן פון אַ וואָלקן.

און ס׳פּאָרפּאָלק האָט זיך געשושקעט שוין ביזן גראָען באַגינען.

10

די יונגע בילאַנדעריכע

אמת: דאָס יונגע ווייבל איז אַ שטאָטישע.

עס האָט געדויערט אַ צייט, ביז שאָשע האָט זיך געפונען היימיש אין דאָרפישן הויז פון שווער־און־שוויגער. די יונגע בילאַנדעריכע, האָט זיך אַלעמען אויסגעדאַכט, האַלט זיך פאַר אַ פּאַני. ס׳קליידל, כאָטש אַ פּראָסטס, איז ביי איר שטענדיק אויסגעפּרעסט, די האָר גלייכגעקאַמט, פאַרפלאָכטן אין נאַקן אַריין אין אַ קוילעטש. די רויטע קרעלן אויפן דע־קאָלט האָבן אין דעם דאָרפיש קרעמערישן האַרמידער איר נאָך אַלץ צו־געגעבן דעם אויסזען פון אַזאַ וואָס קלייבט זיך לאַנג אַרומצוטראָגן זיך מיטן חתונה־פּנימל. דערצו איז זי געווען אַ צוריקגעהאַלטענע, געקאַרגט אַ וואָרט. אין דער אמתן האָט זיך אין איר דעמאָלט ערשט איבערגעקאָכט די איבערגעשראָקנקייט מחמת דעם נייעם, וואָס זי האָט דאָ באַגעגנט. וואָס עס קומט פאַר אין האַרץ פון דעם ווייבל, האָט מען נישט געוווּסט, און זי האָט׳ס נישט אַנטפּלעקט. רק זי איז אַרומגעגאַנגען אין שטרויכל, געווען פאַרציטערט איבערן טראַכטן, וואָס האָט איר נישט אָפּגעלאָזן: ס׳זאָל איר נישט געשטערט ווערן; זי זאָל נאָר נושא־חן זיין ביי דער משפּחה. ווי לאַנג אַ ווייב האָט נישט דעם מאַן אין גאַנצן, אַזוי לאַנג איז ער אַ טייגל; די משפּחה האָט די שליטה איבער אים. זי דאַרף אים איבערמאָלן, זי, שאָשע.
זי האָט זיך געפילט אומזיכער מיטן גליק, וואָס איר איז געגעבן געוואָרן.

אין איר גאַרנישט יונגמיידלשן שכל האָט זי שוין געהאַט זיך אָנגע־צייכנט איר וועג: זי וועט זיצן מיט דער מומע גאָלדע, ווי לאַנג גאָט ברוך־הוא וועט דער אַלטער נאָך שענקען יאָרן. דערנאָך, נישט געשען זאָל עס, וועט זי ירשענען ס׳שטיבל און וועט טרייבן ס׳מסחר מיט פעל, וואָס זי האָט טאַקע געגומען ווידער איינפירן אין הויז פון זישען. ר׳זאָל לויפן בעטן. אַ שידוך פאַר אירטוועגן? זי רעדט זיך נישט איין. נישט זי איז שיין און נישט זי איז זייער יונג — — אַבי מ׳האָט געמיינט: זי האַלט זיך שטאַרק אין דער מדרגה, בלאָזט פון זיך, באשר זי איז געוווינט אין די רייכע הייזער. אַפילו די אַלטע לייט האָבן זי געזען אַן אַנדערע ווי זיי זענען, גאָר אַן אַנדערע. די וואָכן און חדשים וואָס זענען דערווייל אַוועק אין דעם הויז, האָבן אָבער געטאָן ס׳זייעריקע. דער אומרו, וואָס האָט פאַרבאָרגן געריזלט אין שאָשעס געמיט, האָט זיך ביסלעכווייז געלייגט. זי איז געוואָרן אַ בילאַנדעריכע.

ווען די שוויגער האָט אַ ביסל צייט, זיצן זיי, ביידע פרויען, ביי אַ הויזלעכער אַרבעט: פאַרריכטן אויס וועש, שטריקן אַ זאָק און שאָשע דער־ציילט פון אָפּאָטשנע, פון גבירים דערציילט זי, זייערע עסקים און רייכ־קייט.

— די רייכע פריצים, די דזשעדזשיצעס! ווער עס קאָן זיי נישט? פון זייער הולטייסטווע לעבן אָפּאָטשנער מענטשן, — פאַרציט די אַלטע אירע ליפּן פון קנאה צו די שטאָטישע.

— אַוודאי, טייל לעבן, אַנדערע גייען אויס — זאָגט שאָשע. — מ׳זאָל באַהיט ווערן! פייפקע גאַרבער האָט אַ שווילטיק, ביי זיינע ברידער שטאַרבט מען דריי מאָל אין טאָג פאַר אַ גריסקע.

פון אָפּאָטשנע רעדט שאָשע זייער אָפּט און רעדט זי, לעבט זי אויס אירע דערמאָנונגען פונעם אַמאָל. די דאָזיקע פאַרשעמטע יאָרן וויינען עד־היום אין איר. זי איז אַ היימיש קעלבל, אַ צוגעלייגטע מחמת צוגע־ווינטער אונטערטעניקייט. און אַז זי דערציילט, זענען אירע אויגן אַריינ־געטאָן אין דער זאַך וואָס זי טוט, נאָר דאָס מויל, די שטים זענען משועבד צום געפיל וואָס פאַנגט זי. דערמאָנט זי זיך עפּעס נאָענטס, אַ נאָמען פלאָנטערט זיך אויס פון געדעכעניש, לעבט זי דאָס איבער מיט אַ ברי אין די געדערים. ס׳פּנים ווערט איר פאַרענדערט, ס׳קול לייגט זיך און זי ווערט גיך אַנטשוויגן. אָבער לאַנג קען זי נישט שווייגן. זי דערשפּירט

אויף זיך דעם פרעגנדיקן בליק פון דער יאַנטשעכע, וועלכע האָט די טבע אָנגידערצולייגן די הענט אויף דער שויס ווי זי וואָלט פונעם שווייגן געוואָרט באַשייד. דער אַלטערס בליק לעשט אין שאַשען דעם פלאַם פון דערמאָנונג. דער ניכטערער פּרוויאַישער שכל, וועלכער האָט בעת דער מיידלשאַפט זי אויסגעהיטן פון אַ סך נסיונות, באַוועגט פון דאָס ניי שאַשעס ווילן. אירע ברייטע ליפּן צעעפענען זיך:

— פרומע, מיינט מען, זענען זיי, אוי־אוי! — כאַפּט זי זיך אָן ביים קאָפּ און די בלויך־בלאָע וויעס לייגן זיך שווער איבער אירע אויגן — זיי פאַראומגליקן יידישע קינדער, זאָגן זיי צו גילדענע בערג.

דאָס לעצטע זאָגט זי מיט אַ קענטיקן אויפשוידער און גיך, גלייך זי וואָלט געמוזט אַראָפּשלינגען אַן אומבאַטעמטן ביסן.

— ווער מיר צרות גינט! — גיט זי צו אין אַ טאָן וואָס איז אָנגעטרונקען מיט טרערן וואָס אָט, אָט וועלן זיי אַרויסברעכן פון איר. שאַשע וויינט נישט פון דעסטוועגן. אירע צעטומלטע אויגן באַדעקן זיך נאָר מיט אַן אומלויטערן הויך. ס'איז בלויז אַ גרימעניש, וואָס הייבט זיך אויף אין שאַשעס אינגעווייד.

— אונדזערע שונאים זאָלן האָבן קינדער — קרעכצט אויס די אַלטע — און זיי אָפּגעבן צו אַזאַלכענע לייט. לאַפּסעדראַקעס, פּשיאַקרעוו!

שפּעטער, זי האָט באַשיימפּערלעך איבערגעקלערט שאַשעס רייד, גיט זי נאָך אַ מאָל אַ זיפץ:

— כ'זאָל אַזוי געזונט זיין, ווי דערשטיקן וואָלט איך אַזוינס.

די שנור זיפצט אויך אָפּ און די שוויגער העלפט איר צו פאַרגרינגערן די יסורים — מיטן טרייסלען ס'דאַרע קעפּל אינעם גרויסן, געלבלעכן שייטל, וואָס קריכט איר טיף אין שטערן אַריין.

שאַשע לעבט אַ סך מיט דערמאָנונגען. שטענדיק קומט זי צו רייד פון זיך, פון טאַטע־מאַמען, וואָס זענען איר קליינוויין צוגענומען געוואָרן. יעדעס מאָל גיט איר אַ שטאָך דער געדאַנק, ווי וויל און ווי דריקנדיק שווער עס איז די גוטסקייט פונעם זיין אין דער פרעמד. די פאַלשע פיינקייט האָט ווילד אַרומגעוואַקסן דאָס געמיט, איר טאָג און נאַכט פאַרסמט. מנע, וואָרפט זי זיך פאַר אין מיטן דערינען — וואָס קריכט איר נאָך דער נעכטן אין קאָפּ אַריין!

— ס'אַ צו טייערער ביסן די אָרעמקייט, שוויגערלעבן — קוקט זי

דער אַלטער אין פּנים אַריין — ווי לאַנג דער מענטש האָט אָפן די אויגן, האַלט ער זיך אין איין לאַרנען. מענטשן לאַרנען אויס. אָן דער נאַכט איז דאָס ליכט פונעם טאָג נישט אַזוי כעשעוו. אַ קינד פון אַ געמיין הויז ניצט מען אויס. מענטשן זענען פּראָסט. אמת, פאַראַנען אויך האַרצעדיקע, אָבער ווינציק. מ׳דערמאָנט זיך פאַר אַ געמעל אַזאַ איכל קאַלכברענער. מ׳קוקט אים אָן מיינט מען: אַ יידלטשינע אָן אָרעמס, האָט אַליין נישט דעם טאָג איבערצוקומען. אין ראַכטיקן איז עס דעך אַזוי. אָבער וואָס טוט ער אויף פאַר געמיינע לייט? ער איז זיך מוסר נפש. אין זיך פאַרגעסט ער. אַלע־מען רייסט ער אָפּ די קעשענעס, לאָזט קיינעם נישט במנוחה: „מאַנע יתומים! מאַנע חולאים!״ און מ׳וועט זיך נישט דערוועגן אַ פּיפּס צו טאָן קעגן איכלען. מ׳האַלט אים בכבוד. דער ראַדאשיצער צדיק, זאָגט מען, האָט אים אַ ברכה געגעבן. און אַזאַ מומע גאָלדע! אַ מלאך פון אַ מענטש. היינט, נעבעך, איז זי אַ צעבראָכענער שאַרבן. אָפּאַטשנע קלינגט מיט איר גוטס־טאָן. אָן איינפאַרהויז געוועזן איר שטוב פאַר אַלעמען, און מ׳זאָל זאָגן: אַ גראָשן זי האָט געזאַלט וועלן נעמען פאַרן עסן, וואָס מענטשן האָבן ביי איר געגעסן און געטרונקען. נישטאָ קאָ׳ ווערטער!... אָן אָנגע־גאָסנקייט ווי פון אַ ליכטיק, וואַרעם ווינטל טראָגט זיך פון שאָשעס רייד. זי לאָזט אַראָפּ די אויגן צום געהעקלעכץ און אין זיך בענטשט זי דעם גורל וואָס האָט מיט איר געפירט אינעם הפקר פון דער וועלט, וועלכע איז איר צוגעטיילט געוואָרן אין דער גרייס פון אַ פינגערהוט.

עס פליייצט אָן אויף איר אַ פרישע כוואַליע דריקעניש און דער בליק פאַרלויפט. ס׳כליפּעט אין איר די פרייד און זי זעט זיך אַ בת־מלכה אַ באַשיינטע און באַקריינטע.

ווי אָקערשט אויפגעקומען פון אַ ווייטן שלאָף, דערזעט זי: די אַוונטן זענען שוין לאַנגע; די שטוביקייט שמעקט, דער דרויסן איז פריקרע. ס׳גוט אַזוי צו זיצן ביי אַ היימיש טועכץ.

אירע אויגן זענען ווי אויסגעוואַשן. שאָשעס הענט באַוועגן זיך פּאַ־וואָליע, פאַרטראַכט. זי העקלט און קוקט צו דער שוויגער. ס׳כמורע דער שוויגערס פּנים, איר איז אויסגעלייטערט דאָס געמיט. ערשט אָרט שאָ־שען דאָס שוויגן. זי פילט אַ באַדערפעניש זיך אָנצוטובלען אין אַ ביסל פריילעכקייט, זיך איבערצושרייען מיט אַ נייער מעשה. זי וועט מער נישט קלערן פון דעם וואָס ס׳קריכט איר אַלץ אין קאָפּ אַריין. ווי, ווי, ס׳אָרע

וויסט האָרץ זי האָט: אָקע־מ׳זעט זיך געזען אָ גליקלעכע און שוין איז דער שיינער חלום צעריסן געוואָרן.

זי וועט עפּעס דערציילן. די שוויגער וויל הערן? — יאָ, יאָ, — גיט דבורה אַ צאַפּל און די אויגן אירע פינקלען. — ביסט שוין דאָ, מוידטשיס־קע! דו ביסט דער עיקר, — מוסרט די מוטער זי אָן און זי זאָגט צו דער שנור:

— דערצייל, שאַשע.

דאָס מאָל וועט זי דערציילן אַ היימלעכע זאַך, טראַכט זי. זאָל מען נישט מיינען, זי איז אַ מרוק. אירע רייד פליסן טאַקע אומגעצוווּנגען. דאָס לענגלעכע פּנים מיט דער שפּיציקער גאָמבע ווערט דערצונדן, פול מיט רויטלעכע פלעקן. די שוואַרצאַפּלען שפּרינגען אין דער רעם פון די דאַרע באַקן און זי פאַרכליניעט זיך אַליין מיט דער געשיכטע:

— זאָלעך אַזוי לעבן, כ׳האָב עס אַליין בייגעוווינט. נאַראָנים דאַרף מען נישט זייען, בנאמנות.

דער שוויגערס אויגן, בלאָע, מאַטע ווי קנעפּלעך הייבן זיך אויף צו שאַשען און שמייכלען.

— אַזוי? וואַ־וואַאַ!

— אָפּאָטשנער קריכערס... נישט בחינם זאָגט מען: אָפּאָטשנער קרי־כערס. קריכן ווי די לייזעלעך און בייסן ווי די שטשורעס. שטילע, פרומע גבירים און זעגנען ווערט אַ קויל אין קאָפּ אַריין. נאָר ס׳שענסטע איז טאַ־קיש מיטן שטאָט־נאַר יונה קעזקוכן. אַ גאָטס רחמנות צו קוקן אויף דעם ריזיקן ייד מיטן קאַמזויל, וואָס גייט קיין מאָל נישט אַראָפּ פון זיין רוקן. אונטער דעם פוטערל איז אונטערגעבונדן זיין גאַנצע באַלעבאַטישקייט: אַן אייזן טעפּל מיט אַ לעפל, אַ טאָרבעלע מיט קרישעלעך פון חלה וואָס איז צעריבן געוואָרן, קלעצלעך צוקער, אַ צעדריוולטער שאַליק, אַ טאַ־בעק־שקעטל, אַן אַנצוהערעניש פון אַ העמד און נאָך. ס׳גאַנצע פּעקל ליגט אים פון פאָרנט, אַז ס׳זעט אויס, ער שלעפּט נעבעך אַ מעוברתן בויך. זיין קאָפּ איז ווי אַן אוגערקע און די באָרד אַ שפּאָרע, אַ רבישע. יונה האָט אַ רייכע צורה, נאָר אַ מאַנקאָליע לא־עלינו! אין קאָפּ: קעזקוכן. פאָר קעז־קוכן איז ער גרייט צו גיין אין עק וועלט אַריין. מ׳זאָגט אים: „יונה, ווילסט קעזקוכן?" דעמאָלט שפּאַלט ער האָלץ אויף אַ גאַנצן ווינטער, אַ הויז וועט ער אָוועקטראָגן פאַרן בלויזן צוזאָג, מ׳וועט אים געבן קעזקוכן. אין אמתן

זאָל עס אַרויף אויף אונדזערע שונאימס ביינער, וואָס זיי גיבן אים. אַ פויגל וואָלט זיך נישט געקענט זאָט עסן, זאָג איך דער שוויגער. רעכט נישט קיין מאָלצייט! כ׳האָב געזעגן, וואָס תמר די קאנסקעוואָליערן אַ פרומע יידענע, אַ גבאיטע האָט אים דערלאַנגט פאַר אַ טאָג פראַצע. אַ שיסעלע יושקע מיט אַ טרוקענעם רעפט און אַ פאָר גראָשן קליינגעלט: „נאַ, האָט זי געזאָגט, וועסט דיר קויפן קעזקוכן. ניסן לעקעכבעקער וועט דיר שוין געבן.“ מע לאַכט, העו? אָבער אַז מ׳זעט: אַ מענטש מאָרדעוועט זיך, שניידט ביים האַרץ. אָן יאַנדעס, זאָלעך אַזוי געזונט זיין.

— אַ קאַליע געמאַכטע נשמה... — טענהט די אַלטע.

— ס׳אַ שטראָף, — ענטפערט ס׳ווייבל. יונהן איז נמאס געוואָרן פאַר אַפּאַטשנע. אַזאַנער, נאָר ס׳האַרץ איז נישט געווען פאַרנאַרישט. ס׳האָט אים אָוועקגעצויגן פון שטאָט. מ׳האָט אים שוין געטראָפן ווייט אויפן טראַקט. קיין ראַדעם איז ער געגאַנגען. געגאַנגען און געוויינט. דורכגעפאָרן גראד מאיר זיסלס, האָט ער אים אַ רוף געטאָן: „יונה?“

דער גולמדיקער ייד האָט זיך נאָך מער צעכליפּעט.

— וואָס איז די מעשה, יונה? ווי פּאַסט דאָס פאַר אַ מאַנספאַרשוין?

— כ׳ווייז... דער קעזקוכן וועט פאַרשימלט ווערן. ס׳עט נישט זיין ווער ס׳זאָל אים אויפעסן. — און געווישט זיך די אויגן מיטביידע פויסטן.

— שעם זיך! שעם זיך אין דיין ווייטן האַלדז אַריין. אַ מענטש וויינט... פאָלג מיך, יונה, זעץ זיך אַרויף אויפן וואָגן און רייב אַריין צוריק קיין אַפּאַטשנע. זאָג זיי, די גראָבע פּאָנצן, אַז די אויגן זאָלן זיי אַרבערגיין. האָסט זיי געגנוג, זאָלסטו זאָגן, און אַפּאַטשנע קען חלילה אָן אומגליק געשען. זיי קענען בלייבן אָן אַ נאַר. זאָלן זיי זיין געוואָרנט. ערשט דעמאָלט וועסטו אַוועקגיין און דער עונש וועט זיין אויף זיי.

יונה איז טאַקע צוריק אַריינגעפאָרן קיין אַפּאַטשנע. שבת צו מנחה האָט ער אין שול אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן אַריין:

— יידן, די שטאָט בלייבט אָן אַ נאַר. זוכטס ענק אָן אַנדערן נאַר. איך וואָרן ענק, און אַ גוטן תמיד!

זינט דעמאָלט איז ער פאַרשוווּנדן, יונה קעזקוכן. ווער ווייסט. ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. אויסגעגאַנגען אוודאי ערגעץ אין אַ הקדש, אָבער אָן שטאָטישע חכמים איז אַפּאַטשנע נישט געבליבן. אָט לייבושל כוואָלעס. אַ פאַרשטעלטער ייד, זאָג איך דער שוויגער. אַ זינד, מ׳לאָזט

אַזוינעם אַריין אין אַ בית־מדרש. לא־עלינו — נישט קיין מענטש און נישט קיין ייד. פאַר כלל־זאַכן גיט ער נישט קיין פּרוטה. אויך פאַר דעם איי־גענעם הויזגעזינד איז ער נישט קיין מאַן און נישט קיין פאָטער. אַ הוי־כער דראַנג מיט אויפגעהויבענע אַקסלען, אַ קליין שוואַרצבאַוואַקסן פּנימל און צוויי ווילדע אויגן ווי יאַגדעס, אָפּגעטונקטע אין מוטנע ווייסלעכער, קעלבישע אַזוינע, אַרויסגעזעצטע. אַ מיגל צו קוקן אויף דעם שטאַרן פּרצוף. אַז ער גייט אַרויס אויפן מאַרק, דערזעט מען אים פון אַ מייל ווייט. די הענט אַראָפּגעלאָזן אין לאַנגע אַרבל, די קאַפּאָטע אַ געלאַטעטע; זי הענגט אים אויפן רוקן ווי אַ זאַק. אַזעלכן זעט מען אים שטענדיק. נישט קיין חילוק — שבת צי אינדערוואָכן. ער שפּרייזט אַרום אויפן מאַרק איינער אַליין, קיינער גייט נישט צו צו אים. נגידים ווייכן פון אים, אביו־נים ווילן נישט האָבן קיין מחזקות מיט אַזאַ סגאַל. די כלערליי לאַטעס פון זיין כאַלאַט וואָרענען: „צ׳וועט ביי מיר גאָרנישט דערלעבן. דאָס בין איך און דאָס פאַרמאָג איך! עטאַט, תלמיד־תורה, מקווה, הכנסת־כלה, סומך־נופלים? זאָלן געבן די, וואָס האָבן. יאָך, לייבוש כוואָלעס, האָב נישט געטראָפן מיטן טאַטן. קיין ירושה מיר נישט געלאָזן. און זי? ס׳ווייב עסט מיר אָפּ די הויט פון די ביינער. דעם נדן האָט זי שוין פינף מאָל אויפגעאַכלט” — — ווייסן ווייסט מען, אַז לייבוש האָט אַ זאַק מיט גאָלד. ער האַנדלט מיט טאָמאַשעוו, פאָרט קיין לאָדזש, ברענגט „גע־שוואַרצטע” זיידנס פון פּראָשניץ, פאַרדינט אַ גראָבע מטבע ביי די פּריצה־טעס. ר׳האָט געשווירענע קונים אין די רייכע הייף, זיי האָבן נ׳גלויבן אין אים ווי אין יויזל. אויפן טאָרג שטעלט לייבוש כוואָלעס זיך אַרויס נאָר מיט אַ פּאָר רעשטלעך און גייט נעבעך אַהיים אָן אַן „אָנהייב”. לפנים וועגן צווינגט ער זיך אַ מאָל צו לייזן מיט אַ גראָשן וועלוועלער און מאַכט אַ זויערע מינע: ר׳מוז פאַרקויפן אונטערן קרן. ר׳האָט נישט פאַר וואָס צו קויפן אַ „קיקע”. מען ווייסט: ס׳איז צו פאַרשמירן די אויגן. ר׳ליגט אויף דער זלאָטע ווי אַ הונט אויפן ביין.

מאַמעס מוסרן די קינדער:

— לייבושל כוואָלעס׳ אוצרות מיינט עץ האָב איך? הלוואי, כ׳זאָל האָבן כאָטש זיינס אַ פערטל, ווי כ׳וואָלט ענק נישט געקאַרגט...

חברה קדושא־לייט טענהן ביי אַ כוסה:

— פאַרוואָר מאַכט צו אַן אויג לייבוש כוואָלעס, ווי דאָס בית־

הקברות וואָלט געהאָלפן געוואָרן צו אַ גדר. לאַנג וועט ער זיך שוין נישט „אַרומוולעקען". דער מלאך־המוות ליגט אים אויף דער שפּיצנאָז. אַז צו פּרעסן פאַרגינט דאָס זיך נישט!

דער אָפּאָטשנער רב האָט אַמאָל געשיקט רופן לייבושן:

— וואָס שטייסטו פון וויטנס, לייב? כלל־הצטרכותן מאָנען ביי דיר מעשר. נייג זיך צו. די צייט פאַר יידן איז אַ נסיונותדיקע. יד־אחת, לייבוש בן כוואָלע, באַדאַרף מען פון אַלע יידן. די בני־ישראל זענען ברי־דער ווי דער הימל האָט געבאָטן: וועלן מיר זיך האַלטן באַנאַנד, וועט רחמים זיין מיט אונדז. אַזאַ צרה אַצינד, השם יצלינו. קינדס־קינדער וועלן עס געדענקען.

דער רב האָט געוואָרט אויף זיין תשובה. ער האָט געמיינט: ר׳וועט אים ווייך מאַכן דאָס יידישע האַרץ. לייבוש האָט אָבער אַ פאַרצי געטאָן די אַקסלען און נישט דעם אַלטן רב, נאָר די ווענט פון דער בית־דין־שטוב געענטפערט:

— וואָס וויל מען פון מיר! כ׳מיין רייך, כ׳קום נישט אָן נאָך קצבה. אַז יאָך פייניק זיך, וועט מען מיר גלייבן?

— מע זאָגט׳עך, ביסט אָן עין־הרע אַ בעל־פּרנסה, לייבוש בן כוואָלע.

— מע זאָגט? — האָט ער זיך שוין אָפּגעריסן מיט אַ געבייזער, נישט געקוקט דעם זקן אין די אויגן אַריין — לאָ׳מען ז אָ ג ן נאָך די זאָגערס! ברעכן זיך די קעפּ פאַר יענעמען!

לייבוש האָט מיט באַסט צוגעקלאַפּט די טיר הינטער זיך. דער רב האָט שוין נישט געהאַט מיטן וועמען צו רעדן — — — אַזעלכענע זענען זיי, די גבירים, די אָפּאָטשנער חכמים, נישט קענען זאָל מען זיי, רבונו של עולם!

איטלעך מאָל האָט דאָס אָפּאָטשנע זיך איבערגעקערט אין שאָשעס אינגעווייד און מיט איר און מיט אָפּאָטשנע איז ביסלעכווייז פול געוואָרן די לאָקעטקער שטוב. אין די ליידיקע אויפדערנאַכטן, אין די מאַטע, בלייערנע שבתדיקע נאָכמיטיקן איז זי, די שטאָטישע, געוועזן די פּרינ־צעסן פון דער דאָרפישער הייזקע. אַלע האָבן געקוקט אין איר זייט, אַלץ האָט זיך צוגעהערט צו איר.

11

עס קריכט די דאָרפֿישע צייט

פּאַוואָליע, ווי עס קריכט די דאָרפֿישע צייט, האָט שאָשע, נאָך אַן אומזיכערע, זיך באַהאָפֿטן מיט דער בילאַנדערישער שטוב, וועלכע האָט פֿון איין זייט געקוקט צו קאָמיען און פֿון דער אַנדערער זייט — אָט, אָט זיך אַראָפּצוגליטשן — געגאָפֿט צום טונקעלן וואַלד־ראַנד. אָקערשט נישט לאַנג איז געווען זומער, איצט איז שפּעטער האַרבסט. אין גיכן וועט דער ווינטער פֿון ס׳ניי אַ פּייף טאָן איבערן דאַך. אַ פֿליג האָט מבולבל גע־רוישט אויף דער ליים־באַקלעפּטער פֿענצטער־ראָם און דער הימל נייגט זיך צו דער גראָער שויב.

ביי שאָשען האָט אויסגענומען דער שוויגערס מסחר. ס׳אַ מנוחהדיק טועכץ און ס׳קומט צו אַ שטענדיקער גראָשן. און זי האָט זיך צוגעווינט איר צוצוהעלפֿן אין קראָם. אין מיטן טאָג, ס׳גייט אַריין אַ גויע, לאָזט זי דער שוויגער זיך נישט אויפֿשטעלן פֿונעם בענקעלע. „כ׳על שוין אָפּפּאַר־טיקן“, און זי גיט זיך איילִיק אַ באַוועג.

— גיי שוין, ווערסט דען וויסן? — מאַכט די אַלטע און זי קוקט זיך צו, ווי ס׳ווייבל גייט זיך אום מיט די קונים.

— פּראָשען פּאַני דאָבראָדזשעיאָוואַ!

— פּזשעפּראַשאַם, גאָספּאָדיני!

גוטע רוחות זענען אין אירע הענט, אין איר מויל.

די שוויגער האָט אָנגעהויבן מאָדנע זיך קוויקן מיט איר עלטער. „ווער צו גאָט האָפֿט — ס׳אַ נחת צוצוזען, ווי די קינדער הייבן אָן דיין אַנומל־טיקן אָנהייב“... די בילאַנדעריכע האָט אָנגעשפּאַרנט אַ פּאָרברילן אויף דער נאָז, געלאָטעט אַ העמד און מיט צעשמייכלטע אויגן געקוקט איבער די ברילן אַריבער. די קאַץ וואַשט זיך מיט די לאַפּקעס (אַ פֿויל שטיק דאָס איז! ביינאַכט לאָזט זי די מייז אַרומטאַנצן איבער די פּאָליצעס) און דורך דער וואַנט שלאָגט זיך דורך דאָס זינגעוודיקע קול פֿון סטאַשעקן, דעם באָרוועסן פּאַראָבעק פֿון דער גמינע. ער רעדט, רעדט און דער בי־לאַנדעריכעס פֿאַרשנורעוועטע ליפּן הערן, זיי ציטערן אין שמייכל. איר

ווילט זיך עפּעס זאָגן, העלפן דער שנור פטרן דאָס אָנשיקעניש, וואָס האָט זי באַטראָפן. איינצייטיק אָבער געפּעלט עס דער אַלטער, וואָס דאָס קאָמישע נפש פלוידערט דאָרט. ער מוז שוין לאַנג שטיין אין געוועלב. אויפן קול חלומט ער איצט פון שיך פאַר זיינע באָרוועסע, צעפּלאַצטע פיס. פיר זלאָטעס האָט ער אויפגעקליבן. ר׳קלימפּערט, הערט זי, מיטן מינץ אינעם טאָרבעלע. אַ פּאָר שיך וועט ער קויפן לאַקירענע, אַ פאַניטש וועט ער אויסזוכן. די קאַפּטשעס, וואָס ער האָט, וועלן זיין אויף אינדערוואַכן. ס׳גייט אַ כליאַפּ רעגן, ס׳שיט אַ שניי, זענען גוט קאַפּטשעס און אַני־טשעס. אויף אַן „אַדפּוסט״ באַדאַרף מען האָבן שיך, פּאַנסקע שיך, אמת, קופּצאַוואַ? כ׳וויל האָבן שיך, וועלן כלות צו מיר גיין, שיינע מיידלעך זיך שדכענען. איינע אַ צאַצאַנע וועט מיט מיר נעמען „שלוב״ אין דער פּאַ־ראַפּיע. דער גלאָק וועט קלינגען דין־דאַנג, כע־כע־כע. ווי דו, טייערע פּאַ־ני, וועט זי זיין, מיין כלה, האָר אויך אַזעלכע. האָסט, פּראַשען פּאַני, אַ קאַם מיט בריליאַנטלעך, וואָס בלישטשען ווי די שטערן אין הימל? נאָאָ, לאָז אַ קוק טאָן! מיינע מוז האָבן אַזוינס, אַ קייסערינע וועט זי זיין, העהע־העע... — זי קאָן אים, די אַלטע, זי ווייס אַלע זיינע נאַרישע מעשיות. אַ פּאַסקודנער שייגעץ: מיט קעץ, מיט הינט פּאַרגנבעט ער זיך אין שטאָלן, אין שפּייכלערס, שלאָפט מיט זיי, און די קעץ, די הינט קו־מען צו אים, לויפן אים נאָך. מיאוסע געטועכצן מיט חיות. ער קריגט ס׳חולה־נופל, ווען ער זעט אַ יונגע פרוי. ער בלייבט שטיין פּאַר איר אַ צעטאָמטער, הענגט אַרויס די צונג ווי אַ כלב און דער גאַנווער רינט אים פון דער אונטערשטער ליפּ. זיינע קליינע אויגן נעמען בלינצן, שמייכלען און ס׳הייבן אָן פון זיי קאַפּען טרערן. ווען ס׳צעהושטע האָרץ באַרואיקט זיך אים, נעמט ער רעדן פּאַר פייער און פּאַר וואַסער. פון אַ ווייב מויכלט ער. אַ סך, אַ סך קינדער וועט זי מוזן האָבן. זיי וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי זיין זעלנער און שיסן סאָבטשאַקן דעם אַנטיכריסט פון אַלט־אַלשינער ברויז. דער גראָער ברויער אין דער פּוילישער קאָנפעדעראַטקע אויפן קאָפּ און מיט די ווייס־רויטע בענדעלעך אין לאַץ איז די געהיימנישפולע סיבה פון סטאַשעקס צאָרן. רופט מען נאָר אָן דעם נאָמען סאָבטשאַק, הערט ער אויף זינגען זיינע אַליין פּאַרפאַסטע לידלעך. ער ווערט בלאַס ווי דער קאַלך פון וואַנט און שרייט: „דאַ יאַסנע כאָלערי, איך וועל אים ווייזן, דעם סוקין־סין! אַליין איז ער אַ בענקאָרט, אַ געפונענער. בירגער פון ביי דער פּיליצע, הערט אויס דעם פולן אמת: אַנדזשיי סאָבטשאָקן האָט אַ...,

אונטערגעוואָרפן. אַ ווילדער חזיר האָט באַשלאָפן זיין מאַמע די צויג! דורכטרייבן דאַרף מען אים פון דער פּאַראַפּיע, דעם שטינקנדיקן צאַפּ!״

סטאַשעק צערעדט זיך מיט היץ. סאָבטשאַק איז זיין חולאת.

מען זאָגט אים אַלע מאָל:

— ווייסט אים נישט טויט הרגענען, ווייסט נישט, סטאַשו! ער איז שטאַרקער פון דיר. אַ גאַנצע קו עסט ער אויף אויף אַ מאָלצייט. הייב זיך נישט אָן מיט אַ גבור.

און ער ענטפערט מיט אַ ברייעדיקן אָטעם:

— זאָל ער!... איך וועל אים פּלעטן דעם מוח, ווי מען ממיתט אַ ביק, ווייסט זען.

לאַנג טרייסלט זיך נאָך זיין אָנגעגאָסענער קרויט־קאָפּ און די איי־געלעך ווערן פאַרפאַלן אין אַ נעץ פון טונקעלע אָדערן, וואָס שטייען אויף זיין פּנים ווי זייגנדיקע פּיאַווקעס.

באמת, משוגעוואַטע, דער סטאַשעק. ער רעדט אָן אַ פּולע שטוב. זי, די שנור, האָט אַן אייזערנעם געדולד. אַ מענטש שטייט און הערט אַזעלכן. ראַכל שמייכלט אין זיך אַריין. שאָשע שטייט אַלץ ביי דער טאָנבאַנק, זי באַדאַרף באַדינען קונים וואָס וואַרטן און אַנטקעגן — דאָס שטיק ניגל, דער משוגענער שייגעץ. ער וועט נישט אָפּטרעטן, כאָטש זי זאָגט אים אָפּ; ער האַלט זי ביי די הענט, רעדט אַריין אין איר, וויל זי איבערצייגן אַז ער איז גערעכט און פּועלט ער נישט באַלד —זי האָט הנאה צו רייצן זיך מיט אים! — כעסט ער זיך שוין. אין קוואַדראַטן גליטשט זיך די זון איי־בער דער פּאָדלאָגע, ציט זיך איבער די לאַנגע ברעטער און לייגט אַוועק אַ פלאַם־פלעק אויף אַ ווינקל וואַנט. יאָ, ער שטייט אַלץ, פּלוידערט הייס, פאַרעקשנט. זי וועט אַריינגיין און איבעררייסן די נאַרישקייטן. געננג אַ ביסל, אָבער נישט אַוועקשטעלן זיך מיט אַזאַ ד אָ ס, פּטרן צייט! אוי, ס׳גוט, עמעצער פאָרט צו. פון דער נאָענט רייסט זיך אָפּ אַ סקריפּען פון רעדער. זי דערקענט שוין: וואָנס. ער קלייבט זיך טאַקע אין שטאָט אַריין צו דער טאָכטער. אין קעסטל, וואָס אונטער איר בעטל אין קיך ביי די הערשאַפטן, האָט מאַרילקע אָנגעזאַמלט אַ פּאָר זלאָטיס. דער טאַטע ציילט די חדשים, ווי לאַנג זי דינט שוין אין טאָמאַשאָוו. מער קען ער נישט וואַרטן. ער וויל שוין זען ס׳געלט, דער וואָיטשעך. איצט לאָזט ער זיך צו דעם אין שטאָט אַריין. אַ לאַגוס פון אַ גוי. אַליין פוילט ער זיך צו

גיין אין פּאָלוואַרק אַריין פּאַרדינען, נאָר קוקט דער שיקסע אין האַנט אַריין. ער האָט טויזנט לעכער צו פאַרשטאָפּן מיט דעם, טענהט ער. אויך דער חוב פאַר טיטין ביי בילאַנדערן שטייט דאָ אין קאָן, און ווו זענען די „מאַטקעס" בראָנפן וואָס ער האָט אויף באָרג אַריינגעגאָסן אין זיך? אַן אומגליק אויף אַ שיקסע: אַזאַ טאַטע־רע, קלערט אויך שאַשע פון מאַריל־קען. ווער וועט נעמען אַזעלכע פאַר אַ ווייב, סיידן אַ סטאַשעק.

— דזשען דאָברי, סטאַשו!

אומגעריכט פאַלט אַהער אַריין די שטים. טאַקע וואַנס. ער שטייט שוין ביי דער בילאַנדערישער טיר, זיינע שטרויענע וואָנצעס באַוועגן זיך אין שמייכל.

— אין שטאָט אַריין, גאָספּאָדאַזשו? — פרעגט אים דער חסר־דעהניק.

— און ווי מיינסטו, פּאַניע כראַביאָ? — ענטפערט וואַנס סטאַשעקן.

— די פריילן לודוויקאַ, וואָס האָט פּיס ביז צו דער פּאָדלאָגע, וועל איך ברענגען קיין לאָקעטקע.

— העהע־העע, — גאַוועדט סטאַשעק אַ צופרידענער.

דער שוואַכזיניקער, יונגער פויער האָט ליב מאַכט, טיטולן. ער קוקט מיט דאַנקבאַרקייט אויפן פּאַן וואַיטשעך. ס'שיין, פּאַניע כראַביאָ! זיינע פּיצעלע אייגעלעך צעפינטלען זיך. ס'האָט אים פריילעך געשטיקט די אומבאַזיגלעכע שעמעוודיקייט: — העהע־העע, וועסט זי ברענגען?

— ווי דען, פּאַניע כראַביאָ!

— הממ. געגנאַרסט, — גלייבט נישט סטאַשעק.

— ביסט אַליין אַ ליגנער, — שטעלט אַן וואַנס אַ באַליידיקטן. — וואַרט, וואַרט, וועסט זי נאָך וועלן פאַר אַ כלה!

— פלי, פלי! — וואַרפט סטאַשעק מיט די ברייטע, דאַרע אַקסלען

— זי וועט נישט קומען...

— קומען, קומען, ערנוואַרט!

— זי איז אַ שיינע, גאָספּאָדאַזשו?

— אַ גאָלד! און אַ יונגע.

— כעכע... אַ יונגע.

— און דו ביסט אַן אַלטער באָק! — רייצט זיך מיט אים וואַנס.

— גיי, באַליידיקסט, — קוקט סטאַשעק אין אַ זייט.

— שוין, שוין. כ'וועל נישט מער. ווי אַלט ביסטו, ייִנגל?
— ווי אַלט? כע־כע... טרעף!
— זאָגסט? אַנישט וועט פּאַננע לודוויקאַ דיך נישט נעמען פאַר אַ חתן.
— כ'וועל שוין... — און זיינע אויגן פינטלען נערוועז.
— נו, ווייזט זיך פּאַן וואַנס אַן אומגעדולדיקער.
— איך האָב אַזויפיל יאָר, וויפל אויף דער סטאַדאָלע זענען לאַטעס. יעדע לאַטע האָט דריי יאָר — איצט באַרעכן!
— אַט טיע!

וואַנס קוקט מיט אויפגעלויכטענע אויגן. סטאַשעק שפּירט־נאָך זיין יעדן באַוועג, דעם ריר פון די וויעס.

— זי וועט קומען — זאָגט ער און גיט אַ ווונק צו דער יונגער בי־לאַנדעריכע, וועלכע איז שוין אַרויס אויף דער שוועל. וואָיטשעך וואַנסעס וואָגן האָט באַלד אַ סקריפּ געטאָן און דער משוגענער סטאַשעק איז אים נאָכגעגאַנגען הינטערווייִלעכטס:

— הער נאַר, פּאַניע וואָיטשעך! וואָי־אָי־טשעעעך, הע־העעערסססט?

יענער האָט אַוועקגעראַמפּלט, גלייך עס וואָלט נישט געווען אַ סטאַ־שעק. דער שייגעץ איז אים נאָכגעלאָפן מיט אַ רופן. ער האָט זיך גע־געשטרויכלט אויף די באָרוועסע פיס און אַ שטויב האָט זיך געשפּרייט פאַר זיין בליק, פאַרשאָטן זיינע ליפּן.

שאָשע האָט אים נאָכגעקוקט. פאַר איר האָט זיך געוויגט דער דער־ווייטערנדיקער ווייסער קאָפּ פונעם פּאַראָבעק. ער איז אונטערגעשפּרונ־גען אויף די צעקלאַפּטע פיס. דערנאָך האָט זיך שוין געהערט סטאַשעקס אַ לידל מיט אַ קוויטשיקן רעפרען:

— אוכ־האַ, אוכ־האַאַ!

דער אָוונט האָט זיך גיך אַראָפּגעלאָזן.

◆

שאָשע איז אויפגעשטאַנען מיטן טאָג צוגלייך. די ערשטע אויפן בערגל האָט זי געפּראַלט טירן, געקוקט צו די עופות, געקראַכן אין קעלער אַריין. אַרבעט האָט זיך געפונען אַ סך. מעשה סוחרטע האָט זי זיך גע־גרייט צום לייזעכץ. דער וואַרעמער טומל אין כאַטע איז געוואַקסן צוגלייך מיט דער היימישקייט, וואָס שאָשע האָט ווי כוח איינגעזאַפּט אין זיך.

פונקט ווי גראָז, וואָס שפּראָצט פון דער ערד אַרויס, האָט זי אומבאַמערקטערהייט אַרויסגעשפּראָצט אַ גאַנצע בילאַנדעריכע. אַ יונגע, אַ געראָטענע, צו וועלכער מ׳איז געקומען פון די כאַטעס זיך עצות־האַלטן און אינאייינוועגס אײנקויפן באַדאַרפטיקע זאַכן.

די הייזקע מיטן קרעמל האָבן קורצזעעוודיק געקוקט צו דער קעגנאַיבערדיקער שטאַל, צום שוואַרצלעך אויסגעקרישלטן פּניאַק, וואָס איז געבליבן אַ זכר פון חיים יאַנטשעס אַמאָליקער קוזשניע. די כאַטע און דאָס געוועלבל האָבן אינאייינעם נאָכגעקוקט די דאָרפישע לייט, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ צו דער קריניצע שעפּן וואַסער. די עמערס אויף זייערע אַקסלבערעטער סקאָמלען ווי פאַרבענקטע הינטלעך, וואָיען און דער הוילער פּליוך פונעם וואַסער אויפן שכנותדיקן טויטן מילראָד פאַרשרייט אָפּט מאָל אַ הינטיש געוויין.

די טעג האָבן איצט זיך געשטעלט מער פאַרנומענע. גאָרנישט ווי פריער האָט זיך אָנגעזען דאָס טוען, וואָס מ׳האָט געטאָן. ס׳איז מער אָנגעלייגט די מי, וואָס די שטוביקע האָבן אַוועקגעגעבן מחמת דעם מטושטשן צ ו וו אָ ס, צוליב וועלכן די מענטשן דרייען זיך אַרום דאָ אין דער קוים באַרירטער ליידיקייט.

— בערל פּאַיעט ס׳פערד... אשר איז אַוועק צום עקאָנאָם אין הויף אַריין... די בהמה? בערל האָט זי צוגעבונדן צו אַ קלין. דבורה באַגערט שטאַרק צו קענען העפטן. יאַדזשע לערנט זי... ווילסט זען?

מיט אַ מאָל האָט דאָ אַלץ זיך געפונען אַ נייטיק אָרט, אַקוראַט דאָס לאַנג פאַראַנענע וואָלט אָקערשט אַרויסגעצויגן געוואָרן אויף דער ליכטיקער שיין. ביז איצט, הייסט עס, איז אין כאַטע גאָרנישט נישט געווען, קיינער איז נישט געווען. געווען איז נאָר אָנפאַרביקער קנוידער, וואָס איז אַריינגעזונקען אינעם ווייסן טאָג. איצט איז אויפגעדעקט געוואָרן — אָנהייב. מאָדנע, אָבער ס׳איז דאָך צוזאָג, נייס.

חידושים. קיין מאָל האָט מען אין שטוב נישט אָפּגעלויבט אַ לאָטקעלע, וואָס איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין אויסגעריבענער וועש („זע נאָר, ווי אַריינגעוואַקסן!״); אונטער די ווייסע באַלקנס פון די לאָקעטקער קאַמערן האָט זיך נישט געהערט, ווי איצט, דאָס ווייבערישע אָפּלויבן אַ פּערלדיקן נאָדל־שטאָך אין לייוונט, אַ דינע צערע אין אַ זאָק איז נישט געווען געמאָלט אין די גבולן פון דער דאָרפישער פאַרהאַרעוועטקייט. אין

דער דאָזיקער הילצערנער שטוב האָט מען תמיד שטאַרק צוזאַמענגעגנייט אַ נאָט, צוגעשטשאָבעט אַ ריס, אַבי ס׳לייב זאָל נישט אַרויסקוקן, קיין לאָך זאָל נישט זיין. גלייכגעלייגטע ציכלעך, פריש געפּרעסטע פאָרהענגלעך אויף די פענצטער זענען זינט שאָשען דאָ אַ רגילות. און שאָשעס חותם האָט אויסגענומען. די הויזיקע האָבן אייפעריק זיך איינגעקוקט אין איר, יעדער האָט זיך צוגעהאָרכט צו איר און זי, די שטאָטישע, האָט זיך גע־פירט נאָך איר גרויסן שכל.

אָנגעקומען די קורצע, כמאַרנע טעג האָט שאָשע געוואַרט דעם צווייטן לאָקעטקער ווינטער. אַלץ האָט זי געהאַט אויפן קאָפּ. באַוואַרעמען די שטוב און אָנזעטיקן דעם גוף איז וועדליק איר געווען דער אַלץ מיטאַנאַנד. מ׳דאַרף האָבן כוח צו פייניקן זיך. ס׳לעבן מאָנט אַ סך כוח. אַזוי האָט זי געקנעלט מיט קלמנען, אַזוי גערעדט צו זיך. גאַנצע טעג האָט זי זיך גע־פאָרעט אין קאַרטאָפל־גרוב הינטער דער שטאַל. מייערן, בורעקעס, ריבן האָט זי אַרומגעבעט מיט טרוקענעם, ווייסן זאַמד. זי האָט געעפנט די לופט־קאַנאַלן פון ערד־קעלער, וואָס איז ווי אַן אָנגעוואָרפן בערגל הרו־דעס געלעגן אַן אַ זייט פון דער שיטער פאַרבויטער דאָרף־גאַס און די גאַס איז געווען — כמעט גאַנץ לאָקעטקע. שאָשע איז פאַרפאַלן געוואָרן אין בוידעם. אויף שיכטן גלייכן שטרוי האָט זי אויסגעשפּרייט שוואַרצגע־שפּרינקלטע גאָלדיקע ראָנעטן, רויטבעקלדיקע אָוואַלע באַרנעס „פאַנגע״, לאַנגנאָזיקע טשובקעס־באַרנעס, געדיכט־רויטע שמחת־תורה־עפּל, האַרט־הויטיקע גרינע ווייַנבאַרנעס. אַלץ איז כוח פאַרן מענטש. ווילדע באַרע־לעך וועלן אונטער שטרוי געל, ווייך און דערנאָך ברויַן, ווי פאַרוויאַנעטע טרויבן. אויך דאָס איז אַ קוויקונג פאַרן האַרץ. אַלץ דאַרף מען צוהיטן, האָט זי איינגעחזרט. שאַרפע, פעטע ריחות האָבן זיך אויפגעהויבן פונעם שטרוי־געלעגער פאַרן ווינטער־אויבס. די פאַרטועקייט האָט דעם ווייבל געמאַכט פאַרגעסן אין דער ווירקלעכקייט. אין פאַרגעסעניש האָט זי זיך געפונען. געווען רגעס, ווען זי האָט זיך געשפּירט אַ רירעוודיקער לופט־קנויל, וואָס איז אַליין לעבן.

שאָשע האָט געברענט אין איר טוען. אַריינכאַפּן אַלדאָס מעגלעכע, איז געווען איר באַגער. טו דאָס, באַהאַלט יענצס. מ׳קען עפּעס פאַרשפּע־טיקן, מ׳דאַרף עפּעס דעריאָגן — איז געווען דער נאָמען פונעם אומקלאָרן געפיל, וואָס האָט זי געטריבן. און זי האָט מיטגעריסן אַלעמען. אשרן,

וואָס האָט ליב זיך אָפּצוגאַרן פון טאָן, קוקט אויס אַז טאַטע־מאַמע זאָלן אים באַקליידן און באַשיכן, דעם־אַ גרויסן בחור האָט זי מיט אַ זאַק גע־שיקט אין נאָוואָקאָווסקיס מיל אַריין אַהיימברענגען אַ רעשט קלייען. „ס'עט צונויץ קומען, יונגערמאַן! געשמאַקן באָרשט האָסטו ליב? ווינטער וועסטו האָבן באָרשט פון דעם, הייסן באָרשט און אין דרויסן וועט זיין ברר...״ אַ בייזער, למאי מ'האָט אים אָפּגעריסן פון זיין ליידיקגיין, איז ער אַוועק אין מיל אַריין. קלמן האָט פאַרגרייט טאָרף. „שעם זיך נישט — איז איר ווערטל — אַז זאָלסט שפּעטער נישט דאַרפן קאָפּען די פּלאַכ־טע״. אין די שוין קילע טעג איז קלמן נאָך אַרומגעגאַנגען אַ באָרוועסער איבער די טאָרף־זומפּן הינטערן וויהאָן. פאַרקויטיקט ביז איבער די קני פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין שטוב אַריין, געקומען זיך אָנוואַרעמען. קלמן האָט געשניטן טאָרף אין די קוסטעס־פאַרוואַקסענע זומפּן און בער־לען מיט דבורהן האָט שאָשע אַוועקגעשטעלט ביי הארבסט־שייטערס טרי־קענען די טאָרף־ציגל. אַ שפּעטע אַנטדעקונג, דער טאָרף, פון חיים יאַנ־טשען דעם אַמאָליקן טעפּער; די שנור האָט עס אויסגענוצט, געגרייט דער־פון הייצוואַרג. „גיי — וועט דיר שפּעטער הנאה טאָן״, זי האָט דערצו אָנגעטאָן חשק דעם מאַן, דעם שוואָגער, דער שוועגערן. אויף דער נעפּל־געהילטער לאָנקע האָבן געפלאַקערט פייערן. די יינגסטע בילאַנדערס האָבן אויף זיי בגוואַלד איבערגעטריקנט דעם שפּעט־אַרויסבאַקומענעם טאָרף. דורכגעפרוירענע פאַסטעך־ייִנגלעך, געוויקלטע אין שמאַטעס, האָבן זיך געוואַלגערט אין פעטן רויך פונעם טריקנדיקן טאָרף און אויך געטאָן אַ האַנטלאַנג. קלמן האָט גוטברודעריש צוגעוואָרפן אַ וואָרט די אומזיסטי־קע העלפערס און די אַרבעט איז אַוועק מיט ברכה. טעג האָט עס געדויערט און מיט טאָרף־קלעצלעך זענען פול געוואָרן אַלע ליידיקע ווינקלען פון שטאַל און פון דעם אַלטן שפּייכלער, וואָס איז געשטאַנען מיט האָלץ און דאָרפישע מטלטלין.

אין די אויפדערנאַכטן האָט שאָשע געזיפּט שוואַרצע וויקע־אַרבעס־לעך, געריייניקט טאַטערקע. ווי אונטער אַ געוויטער פון ווייסע און ברוי־נע פליגעלעך, איז דאָס ווייבל געשטאַנען באַקלעפּט מיט פּלעוועס. זי האָט אָפּגעשווינט די שוויגער. „מ'דאַרף נישט, מ'עט שוין...״ איבער די ברילן אַריבער האָט די יאַנטשעכע געקוקט אין אַ צעקראַכענעם שפּעג־צער אַריין, געלאַטעט. אַט אַזוי האָט זיך דער נייער ווינטער אַריינפּאַר־קליבן צו די בילאַנדערס. מ'האָט באַצייטנס געהייצט, ס'האָבן זיך געפּאַ־

רעט גרויסע טעפּ. אין חלל האָט זיך געשפּירט די וואַרעמע צוגעזעגקטקייט פון קאַרטאָפל, געבראָטענע אין אַש.

ווי לאַנג ס'האָבן זיך נישט געשטעלט די גרויסע פרעסט, האָט ס'ווייבל געפיבערט פון נישט אַנטבלויזטער מורא: קעלט? כ'וואָלט גי־כער פאַרליטן כ'ווייס־אַליין־נישט וואָס... זי האָט געהאָרעוועט אויף צו פאַרטרייבן די דאָזיקע מורא. מיט אַ קלונג פון אַ מעסער האָט זי געזוכט שפּאַרונקעלעך אויף צו פאַרשטופּן זיי מיט שניצלעך פון סחורה, מיט צעדריוולטער וואַטע. „דער ווינט האָט אַ בייזן כוח", האָט זי געזאָגט. שאָשע האָט געפונען אַביסל לויזע וואָל, זי האָט געשטריקט אַ וואַרעם טיכל, גענייט און געשטאָפּט. אַלעמען האָט זי אַריינגעצויגן אין דער שטרענגער זאָרג פאַרן ווינטער. איידער ס'האָבן גענומען פאַלן די געדיכ־טע שנייען האָט בערל געמוזט נאָך שפּאַלטן האָלץ, דבורה האָט די שטאַל־טיר אַרומגעקלאַפּט מיט שטרוי־צעפּ. אַ בהמה שפּירט אויך קעלט. קורץ פאַר די חגאות איז קלמן מיטגעפאָרן מיטן פאָטער קיין אָפּאָטשנע. שאָ־שע האָט געהייסן און קלמן האָט געפאָלגט. ס'איז קראַנטער מ'ווייס, ווי מ'ווייס נישט, האָט זי אַ קלער געטאָן בשעת־מעשה. שאָשע האָט גענו־מען דעם רודער אין אירע הענט אַריין. מ'מוז לעבן מיט אַ תכלית, האָט זי אונטער פיר אויגן איינגעקנעלט מיטן מאַן און תכלית איז קודם כל האָבן אַ גוטן שם. און נאָך האָט זי אים אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ: אַ שטוב שטייט אויף דרך־ארץ און אויף זאַטקייט. מ'זאָל באַהיט און באַ־שירעמט ווערן, קאַלמע, אַז מ'לאָזט זיך אַריין אין דלות. אביונישקייט מוז מען פאַרטרייבן מיט קאָפּ, מיט האָרעוואַניע.

12

אויף אַ וועג

אשר האָט לסוף זיך אַנגענומען מיט דער שוועגערנס שכל. מ'דאַרף עפּעס טאָן. אויפן טאַטנס מאָגערן שטיקל ערד פוילט מען. ער דאַרף לעבן, ער וויל נאָך זען אַ וועלט... סתם אַזוי, אָן טראַכטן, איז אים איינגעפאַלן:

דער שטשערב. דעם שטשערבס וווקסיקע טאַכטער וואַנדאַ מיט די גרינע אויגן ווי די טייכן איז אַן איינגייערן ביים וואַלד־שררה. מיט איר הילף קען מען מאַכן מסחר. מ׳שמועסט: דעם פּאַן וואַווזשיניאַקס צעלאָזענער חשק טרעפט צו דער אָרעמער, שיינער וואַנדאַ, וועלכע שמט אין דער געגנט פאַר אַ פרוי אַ ריז. מ׳האָט זי שוין געוואָלט נעמען אין אַ צירק אַריין, צו ווייזן ווי מיט איידעלע הענט קען מען בייגן אייזערנע שטאַנגען. מ׳ווייסט אין לאָקעטקע, אין מאַזשאַרניע און אין די אַנדערע דערפער אַז איינעם אַ מאַנצביל, וואָס האָט זיך גראָב געשדכנט צו איר, האָט וואַנדאַ מיט די הוילע הענט אָפּגעהאַקט ס׳האַרץ. ער האָט באַלד אויסגעשפּיגן די לונגען. ווי געוועזן איז זי ווייטער געבליבן אַ פּריילײדיקע. פאַר איר אייגענעם געלוסט איז זי פריי, פאַרן האַר פון וואַלד איז זי פריי. מ׳רעדט אויף איר אין די פרומע כאַטעס, מ׳טייטלט נאָך דעם אַלטן פאַטער. דעם פּאַן פון וואַלד וועט זי נישט אָפּהאַקן ס׳האַרץ, מיינט אשר, אָבער אַ פאַר פורלעך האָלץ צו פירן אין שטאָט אַריין, אַ וואָגן ניטלביימער אויף חגא וועט איר אויך נישט פאַרדאַרבן, געלט קומט איר אויכעט צונויץ. מ׳דאַרף אַריינגיין צו זיי.

דער שטשערב איז אַ מאַכטיקער פּויער, אַ ביסל שוין געבויגן. זיינע ברייטע, קיילעכיקע אָרעמס, ווי אַן אומגעהייערער אַקסלברעט צו טראָגן עמערס וואַסער, הענגען שווער אַראָפּ צו דער ברוסט. ער באַוועגט זיך אויף זיינע ברייט־וואָרצלדיקע פיס און עס דאַכט זיך: עס גייט אַ בער, אַ בער וואָס האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס.

אין דער נידעריקער כאַטע, וואָס אין סאַמע עק דאָרף, איז דעם שטשערבס טאָכטער מיט איר מאַכטיקייט ענלעך אויפן פאָטער. ווייס איז די שטוב און שוימיק, גלייך אַן אויפגעברויזטע פאַליע אויף דער פּיליצע איז די פּלייציקע מויד אין חלל פון דער כאַטע. אַ קלאָרע, אַ שפּילעוודיקע צורה מיט אַ שיינעם שטערן און העלע, גלאַנציקע האָר אויף אַ וווקסיקן געשטעל. אָ, דער פּויער מיט דער געשפּאָלטענער אויבערשטער ליפּ און זי, דער־אַ ליכטיקער שפּיגל! אשרס בליק איז צעטומלט געוואָרן, ווען ער האָט זי דערזען. איר קלאָרהויטיקייט לייקנט אָבער איר לייבלעכע צוגעהעריקייט צו דעם אַלטן, וועלכן ער זעט אָפּט. אַ רגע האָט אשרן אויסגעוויזן: ער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט. נישט צום שטשערב איז ער געקומען און נישט זי, די גרין־אויגיקע, שטייט פאַר אים. עס איז אַן אויסדאַכטע־

גיש אַזאַ מחמת דער מידקייט, וואָס איז פּלוצלינג אויף אים געפאַלן. ער קוקט זיך אַרום: די כאַטע גיט זיך אַ באַוועג, ווען דאָס מיידל גייט אים אַנטקעגן. זי האָט זיך אויפגעהויבן און ס'פענצטער קעגנאיבער דעם טיש איז אַ צעלויכטנס מיטגעקומען מיט איר. העלער איז געוואָרן אין שטוב, ענגער אין אשרס ברוסט.

— וואָס וועט זאָגן דער יונגער בילאַנדער?

ווי אַ וואַרעמער האָגל האָט דער פרעג אָנגעשלאָגן אין זיינע געהירן. אינעם בלישטש פון איר בליק האָט זיין גאַנצער מהות מאָדנע אַ צאַפּל גע־טאָן און אַלץ אַרום האָט אַ פּאָר געגעבן ווי אויף אַ קאַרוסעל. העפטיק האָט עס זיך געדרייט און זיך צעקלונגען. דעם יונג איז שווער אָנגעקומען צוצוקלייבן אַ וואָרט.

— דעם טאַטן קען מען זען, פּאַניענקע?

זיינע אייגענע רייד זענען אים פאָרגעקומען פרעמד. ער האָט דער־פילט אַז דאָס עיקרשטע האָט ער נישט געזאָגט.

דער שטשערב איז אַריינגעקומען אין אַ וואַטענער בורקע. זיין גראָע באָרד איז אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ קורצער, ווי אָפּגעהאַקטער גאָמבע. דער שוואַרצשעפּסענער קאָלנער איז געשטאַנען איבער זיין קאַרק. פון דעם אַלטנס אויסזען האָט שוין געשמעקט מיט קאַלטן דרויסן.

דערזען אשרן האָט ער זיך דערפרייט. טאָ־טאָ־טאָאָ, דער יונגער יאַנ־טשאָ? — און אין זיין צעשאַלטן קול האָט די כאַטע דערנענטערט דעם גאַסט צו זיך.

— זעץ זיך. ווערסט מיטהאַלטן מיט אונדז אַ מאָלצייט, בילאַנדער. כ'מיין, ווערסט נישט פאַרשעמען די גוטע באַלעבאָסטע?

און איז געקומען צו רייד וועגן דעם ענין, וואָס האָט אים אַהערגע־פירט, האָט דער שטשערב אויפגעזאָטן. ער קען נישט הערן דעם נאָמען פון וואָלד־שררה. ער איז אַ פּסור־בראַט, דער, דער...! דעם אַלטנס באַקן האָבן געציטערט ווי אין קאָנווולסיע, די טיף פאַרגראָבענע אויגן זענען רויט געוואָרן, דערנאָך זיך אויף אַ ווײלע פאַרמאַכט. ס'געווען באַשיימפּערלעך: דער מענטש וויל בשום אופן נישט הערן, ס'איז זיין גרעסטער ווייטיק. אָבער איינצייטיק וויל ער אין זיין פאָרשטעלונג פאַרהאַלטן דאָס בילד פון דעם, וועמען מ'האָט נאָר־וואָס דערמאָנט. זיין אַלטע ברוסט האָט גע־פרייכט. די טונקל פאַרצויגענע אָרביטעס אונטער שטערן זענען פינצטע־רער געוואָרן, די ברעמען האָבן געצוקט.

דער גאַסט און דאָס מיידל האָבן אומווילליק זיך איבערגעקוקט. דער־שלאָגנקייט איז געווען אין זייערע בליקן, דערשלאָגנקייט מחמת דעם אומ־געריכטן, וואָס האָט זיי געטראָפן מצד דעם אַלטן: ס'אַ זאַך אַ קלוגע, דער מסחר מיט האָלץ, נאָר ער, דער אַלטער, קען עס פּטרן. ביידע האָבן אַזוי געטראַכט און געשוויגן ווי אָפּגעבריטע.

דערנאָך האָט דער שטשערב שוין גערעדט געלאַסענער:

— כ'וויל נישט וויסן פון דעם פּאַרכיקן. אַן אָרעמאַן איז ביי אים אַ וואָרעם; אַ מענטש איז ביי אים נישט קיין שאָד! גיין בעטן ביי אַזוינעם? ווילאַנג קרענקט ער!

פון אויפרעגונג איז אים אויפן פּנים אַרויס אַ גרויסער שווייס. דער־צונדענערהייט האָט דער שטאַרקער זקן אין דער בורקע מיטן פוטער־קאָל־נער דערמאָנט אין אַ הייל־מענטש, וואָס קאָן אין דער וועלט פון מענטשן און איידלקייטן נישט געפינען קיין זעטיקונג פאַר זיינע ברויזיקע בלוטן. אשר האָט פּלוצלינג זיך דערשראָקן פאַר אים. ר'האָט שוין חרטה געהאַט אויף דער המצאה צו וועלן מאַכן שותפות מיט דעם דאָזיקן פויער. גע־וווינט צו גיין אויף ווילדע חיות, קען ער אַ מענטש דערשטיקן ווי אַ פליג. נאָר שולדיק בלייבן אַן ענטפער, איז אים געווען אַ חרפּה פאַר וואַנדאַן. אַן אָפּוואַרטנדיקע איז זי געשטאַנען ביי דער הרובע און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אירע אומרואיקע הענט. אשר האָט געביסן אַ ליפּ, גע־קנייטשט דעם מוח. רעגונגען האָבן אים געוואָרפן אין היץ און קעלט.

— איר באַנעמט נישט, פּיאָטער, — האָט דער יונג אויסגעשטאַמלט. ער האָט געהאַט ס'געפיל, ר'מוז זיך ווערן קעגן דעם, אַנישט וועט מען אים אַננעמען ביים קאַרק און אַרויסוואַרפן פון דאַנען. — איך וויל זאָגן, איר זענט אַן אַלטער מאַן, וועט ער אייך שאַנעווען, דער... קויפן געהילץ, — שטיקט ער זיך — קויפן, און נישט בעטן. אַ זלאָטי פאַרדינען איז אַ גרויסע זאַך. אַן געלט קען מען נישט לעבן, פּאַניע פּיאָטזשע!

דער שטשערב האָט געסאָפּעט. וואָוזשיניאַקס נאָמען האָט ביי אים אַרויסגערופן דעם ווידערווילן פון אַ מענטש, וועלכער ווייסט דעם פּרייז פון זיין האָס. ער וועט פאַלן איבער יענעם, וועט ער אים די ביינער צע־מורשטשען!... ס'עט זיך מאַכן, האָפט ער אין געשפּאַנטקייט, אַזאַ געלעגנ־הייט. ער וואַרט אָט־אָט. ער האָט סיי־ווי נישט וואָס איינצושטעלן. אַלט שוין אין יאָרן, ס'איז אים אַלצאיינס; דעם הינטישן זון, דעם פאַרסרחעטן פּריץ מוז ער אָנלערנען, אַז אַנדערע זאָלן געדענקען —

צום פויער זענען דערגאַנגען שמועות וועגן די מחזקות פון זיין טאָכטער מיטן הערשער פונעם וואַלד. דער אַלטער האָט געקניט פאַר דער בת־יחידה, ווי מ׳קניט פאַרן בילד פון הייליקן; ביי אירע פיס האָט ער געוויינט ווי אַ קינד: „דערבאַרעם זיך, טאָכטער, איבערן געביין מיינעם. ווילסט, וועל איך די כאַטע פאַרקויפן, ס׳שטיקל לאַנד איבערלאָזן. מיר וועלן אַוועק פון דאַנען, ס׳ברויט וועלן מיר אַנדערשוווּ זוכן. דער פאַרשאָלטענער האָט דיך אַריינגענאַרט... זאָל פינצטערניש זיין ראיה פאַרטרינקען, שלאַקרירעוודיק זאָלן ווערן זיינע הענט“. וואַנדאַ האָט אַ וואָרט נישט געלאָזט פאַלן. זי האָט געשוויגן און דעם פאָטער מיט פאַראַכטונג אָפּגעשטופּט פון זיך. דערנאָך ווען דער אַלטער האָט זיך געוואַלגערט אויפן שטרוי־געלעגער; קראַנק געוואָרן, האָט זי אים צוגעוואָרפן קאַרגע ווערטער:

— זי ווייסט פון גאָרנישט. מענטשן האָבן צעווערעמטע צינגער. אַוודאי גייט זי אַריין אין וואַלד. פאַרוואָס נישט? מ׳קען דען אויסקומען אָן שוואָמען, אָן אַ בינטל צוויגן! טשעפּען זיך צו מיר? — אַ זאַסיע... יעדן גאַיאָווע וואָלט איך דעם נאַקן אָפּגעדרייט. אַ ברעקל בין איך, וואָס?...

דער אַלטער האָט איר געגלייבט און נישט געגלייבט. וואַנדע האָט נישט קיין באָענטע אין דאָרף. די מאַמע האָט זי נישט זינט איר זיבן יאָריקן עלטער. אַזאַ וואַקסט זי, קרעפּטן שלאָגן איר אין די אָדערן אַריין, אַזאַ מוז דאָך האָבן פאַר וועמען זיך אויסצורעדן, פון געמיט אַראָפּצוּוואַרפן די שווערקייט. ערשט איצט, ווען זי איז אַ מענטש פאַר זיך... פאַרן טאַטן איז זי אַ שטומער פיש. „נאַ, עס!...“ ווען ער איז נישט אין שטוב, זינגט זי, עס לאַכט איר גאַנצער קאָפּ. אין פעלד איז זי ווידער שווייגעוודיק, פאַרגאַפט, גלייך זי וואָלט געפילט עמעצן הינטער זיך. אַ ברונעם איז זי, די טאָכטער זיינע. קיל און טונקל, און אַז מ׳רירט אויף זיין וואַסער (דער טייוול, יעזוס הייליקער, צי אַ גוטער גייסט ציט זי צו זיך), גיט עס אַ פליוך. זי זינגט, ווען ס׳קומט איר עפּעס צום האַרצן. און אפשר קלערט זי פון אַ קאַוואַליר? אָדער, מעגלעך, איז טאַקע אמת וואָס מ׳זאָגט: דער פּרעכער האָט זי געפאַנגען. ער איז רייך, צו אים אין הויז קומען פריילעכע לייט — — ספקות האָבן געטאָטשעט דעם שטשערב. בייזע מיילער האָט ער נישט געוואָלט גלייבן, זיין פאָטערש האַרץ האָט אים אָבער אונטערגעמורמלט: וואַנדע פאַרשוואַרצט אים! וואַנדע איז נישט שולדיק, שולדיק איז דער וואָס ברענגט זי צו דעם... ס׳פּאָטערל פּו־

נעם קאַשטשיאַל „דער הייליקער יוזעף" מיינט אויך אַזוי. ווייט פאַרנור־מענס קלינגט אים אין די אויערן און ס׳געמיט איז אים באַשווערט: „ביסט, נעבעך, גערעכטפאַרטיקט, כלאָפּ פשוטער!"

אין אים האָט גובר געווען דאָס האַרטע געשריי פון צעטומלטן האַרץ: וואַנדע איז עמעצנס קאַכאַנקע. וואַוושיניאַק דער פאַרשאַלטענער האָלט זי אין זיינע צוואַנגען. דער אומריינער האָט זיך מיט איר באַהאַפטן. אַלע־מענס קינדער קומען פון וואַלד דערשראָקענע, צערייצטע מיט פאַרוויינטע אויגן. מ׳נעמט ביי זיי צו די אויפגעקליבענע שוואָמען, מ׳צעברעכט זיי די גלידער; מיט די צווייגן, וואָס זיי בינדן אין בינטלעך, דורסט מען זיי. זי, די טאָכטער זיינע, קלאָגט זיך נישט. וואַנדע דעם שטשערבס גייט פראַנק און פריי אין וואַלד און אַז דער טאַטע איז נישט אינדערהיים, איז זי פריילעך — —

אַ פאַרשטיינערטער האָט אשר געקוקט אין דעם אַלטנס צוקנדיקן פנים און זיך פאַרלוירן. ער איז געשטאַנען און נישט געוואָלט געדענקען אַלץ, וואָס ער ווייסט. צום סוף האָט ער זיך ווי פון אַ שריפה אָפגעטראָגן פונעם שטשערבס כאַטע. דער עסיקער דרויסן האָט אים געפּליאַסקעט אין די באַקן אַריין. זיין טראָט האָט זיך געוואַקלט, גלייך ער וואָלט געשפּאַנט איבער אַן אייז־קריע. אין די אויערן — אַ שטורעם. די ווייטן האָבן אַנט־קעגן געטראָגן שמאַטעס הימל. איינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען האָט אים נאָך נאָכבאַגלייט וואַנדעס פולבאַקיקער בליק. זי איז געשטאַנען אין דער האַלב־צעעפנטער טיר פון פירהויז:

— קומט שפּעטער, ווען דער אַלטער וועט שלאָפן.

שטיל און שטאַרק האָט זי עס אַ זאָג געטאָן. זי האָט נאָך אַ גיכן קוועטש געטאָן מיטן רעכטן אויג.

ווי אַן אומגעריכטן ליבן ברי האָט ער אָפּגעשפּירט אָט דעם מורמל מיטן ווונק, און ער האָט אים נאָכבאַגלייט אַהיימצוועגס.

שפּעטער האָט פאַרשמעקט מיט נייעם רעגן. וואָלקנס האָבן געדיכט געצויגן פון וואַלד, און דער וואַלד האָט געלויערט אַ שוואַרצער, אַן אויס־געשטרעקטער צום ישוב. עס האָט אויסגעוויזן: ספּאַלע איז בייז. זי לויפט אַרויס פון צווישן די פאַרעמבעס און דער וואַלד — פול מיט סודות — גייט איר נאָך. דער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. זיכער, ס׳וועט רעגענען, אַ גאַנצע נאַכט וועט כליאָפּען. דערנאָך וועט אַ קאַלטער ווינט פאַרגלאָ־

זיקן די לוזשעס, דערנאָך, דערנאָך... שנייען, זאַווייעס. צו חגאָ וועלן אָנ־ציען די אמתע קרירות.

פֿאַרקאָרטשעט אין אַ גראָבן פּאַלטן איז אשר געגאַנגען אַנטקעגן דעם אָוונט. די הייזקעס זענען געשטאַנען ווי אויסגעהוילטע. פֿון הינטער די צווייגן־געפֿלאָכטענע פּלויטלעך האָבן אים נאָכגעקוקט פֿאַרקאַטערטע ביימלעך. ס'האָט נעבעכדיק געקאָפּעט פֿון זיי. ביים שטשערבס טיר האָט ער זיך פֿונאַנדערגעהוסט. אשר האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח צו הוסטן. אָן אָנצוהערעניש — עמעצער איז ביי דער שטוב. מיט אַ טיכל אויפֿן קאָפּ און מיט אַנטבלויזטע הענט האָט אַרויסגעקוקט זי, וואַנדע.

— געקומען? אַ ווײַלענקע, דער אַלטער וואָרטשעט נאָך.

אירע צײַנער האָבן געזונט זיך געווייסלט אין דער פֿריער פֿינצטער־ניש.

◆

...אשר איז דורכגעפֿרוירן געוואָרן אין דרויסן. וואַנדע האָט זיך אויס־געהיטן פֿאַרן פֿאָטער נישט מחמת מורא, נייערט איר איז אַ שאָד דער אַלטער. אַנטשולדיקט, זי איז שוין גאָרנישט קיין קינד. דער טאַטע האָט זיך אַלע יאָרן געמאַטערט. געהאַט אַריינגענומען צו איר אַ שטיפֿמאַמע, האָט ער זי באַלד משלח געווען. איר, וואַנדען, האָט ער נישט געוואָלט פֿאַרפֿינצטערן דאָס מזל. אַ פֿאַלשע געווען די פּגירה. אַ שטיפֿמאַמע איז אַ ווינטערדיקע זון. מ'מיינט, זי וועט וואַרעמען, אויב זי לײַכט אויף. אין אמתן בריט זי רק מיט פֿראָסט. דער טאַטע איז אַ גוטער. יאָ, זי רעדט זיך אויס, אַז ער זאָל זי פֿאַרשטיין, יאַנטשאַס זון. זאָל ער מאַכן אַ שווייג, דער יונגער בילאַנדער! וואָוזשיניאַקן וועט זי ווייך מאַכן. זי וועט זיך באַמיען. ר'איז טאַקע אַ סוקין סין. קיינעם פֿון די דאָרפֿישע לאָזט ער נישט אַריבער דער שוועל. ער פֿאַרקויפֿט ס'געהילץ נאָר פֿאַר אויסלאַנד. אויף די היימישע האָט ער איין פּסוק: „שווינטוכעס,* פּוילע קאַפּוסטע הערט זיך פֿון זיי אַ מייל ווייט." אַ שטרענגער דער וואַלד־האַר פֿון ספּאַלע. מלכות־אין וואַרשע האָרכט אים. זי, וואַנדע, האָט אים פּונקט אַזוי פֿיינט ווי דער טאַטע אירער. ער טרײַבט די אָרעמעלייט פֿון וואַלד, כאַטש די שפּענער און צווייגן פֿוילן סיי־ווי. זי ווייסט: איר, וואַנדען, דער פּויערי־

———

* חזירים

שער טאָכטער, האָט ער אויך נישט גערן, דער פּאַן. אמת, ר׳יאָגט זיך נאָך איר, אָבער אַ קרענק אויף אים! זי פֿאַרשטייט: ווען אַפילו זי זאָל אים אַפילו יאָ אָנשטיין פּאַר אַ... אַ געליבטע, פאַר אַ קעפּסווייב, שעמט ער זיך צו באַווייזן מיט אַזעלכער צווישן זיינע פּריצים... אַ כלאָפּסקע טאָכטער אין זיין טאָוואַזשיסטווע, כאָטש פּאַר אַזאַ קריגט ער די נכפּה. דאָך פרישער, געזונטער ווי די אויסגעווייקטע, די אויסגעסטראָצלטע שטרויענע שטאָטישע פּרויען. זאָל ער זיך קאָכן אין זיין אייגענעם שטינקנ־דיקן יחוס! ביי יעדער געלעגנהייט וועט זי אים אַ קישקע אַרויסנעמען. זי ווייסט אַלץ. זאָל ער נישט מיינען, דער יונגער בילאַנדער — — זי רעדט, און איר קול וואַקלט זיך פֿאַרשולדיקטקייט, אַ נאָכטראַכטן פאַר זיך.

— גוט, — זאָגט זי צום סוף אַ ביסל אַן איינגעלאָשענע — האַלץ וועט זי באַזאָרגן, ניטל־ביימער אויכעט. זי וועט זיך באַמיען. שותפות איז פּאַר איר נישט קיין עסק. זי וועט זיך גיין רעכענען? קיינער באַדאַרף נישט וויסן. איר חלק וויל זי קריגן — אויף נאמנות. מסכים? זי וועט אים גלייבן, דעם יונגן בילאַנדער. קוויטלעך צו די בראַקערס וועלן שוין זיין.

— ס׳עט מיר זיין פריקרע, — טאַמלט אשר פאַר דער קלוגער וואַנ־דע — גלייבן אויפן וואָרט?... שותפות איז גלייכער, פּאַננע וואַנדאַ! כ׳וויל נישט אייער עוולה, איר האָט׳ס נישט פאַרדינט ביי מיר. סיידן שפּעטער, — שמייכלט ער מעשה זכר. זייט אַ שותפטע ווי ס׳געהער צו זיין, מיין פערד און וואָגן, מיין געלט אין עסק און אייך, פאַר אייער וויכטיקע מי, אַ גלייכע העלפט פון ריינעם ריוח. כ׳וויל נישט רייך ווערן ביי אַ היימישע, אסור, — און ער האָט איר ליבלעך אַ גלעט געטאָן אי־בער דער האַנט.

— איך וויל ביי דעם אויך נישט באַגליקט ווערן, — וויקלט זי זיך אין דער פּאַטשיילע; זי קען נישט מער איינשטיין אין וואַיענדיקן פעלד — פּאַרן אַלטן וויל איך נאָר אַ פּאָר שטיוול און וועט זיין אַ גילדן — איז אויך אויף אַ פלעשל פּאַר זיינעטוועגן. ר׳האָט אַזוי ווינציק פרייד, דער טאַטע, זאָל ער...

— וואַנדע — בעט זיך אשר — ס׳וועט מיר נישט אין האַלדז אַריין דער גילדן. איר באַנעמט נישט, פּאַניענקע...

— יונגער בילאַנדער, לאָמיר נישט רעדן אַזויפיל — ווערן אירע רייד שוין הייסער. — אָפּגעמאַכט?

— אָפּגעמאַכט.

אשר איז אַוועק פון דער פויערים־טאַכטער מיט אַ דערדריקט געמיט. אַלץ, וואָס ער האָט פריער פאַרטראַכט, ווען ער האָט דערזען די דאָזיקע יונגפרוי, איז אין אים איצט פאַרטונקלט געוואָרן. אַ האַרבקייט ווי רויך האָט געקרעלט זיין האַלדז. וואַנדע האָט אין דער אמתן עסקים מיט וואַוזשיניאַקן. נישט בחינם רעדט מען. זי איז זיך מודה. זי פאַרקויפט זיך אים אין שנאה. אַ פּורל האַלץ, אַ וואָגן כאַינקע־ביימער איז אַ האַר אַרויסגעריסן ביי דעם וואַלד־חזיר. דער אַלטער האָט אַזוי ווינציק פרייד געהאַט, זאָגט זי, זאָל ער דערפון נישט וויסן... ווייסט ער דען נישט, דו נאַרישע! אַ פּאָר שטיוול, אַ פלעשל בראָנפן, — וועט ער נישט פאַרשטיין, אַז דאָס וואַקסט נישט אין איר גאָרטן? איר גליק זענען נישט די פּאָר זלאָטיס. וואַנדעס גליק איז ערגעץ אַנדערש, שטיק אומצוכט, וואָס דו ביסט! זי ווייסט דען איר גליק? אין ספּאַלע איז איר פאַראַכטונג.

אין אַנבליק פון דער טומאה, וואָס זי, דאָס מיידל פון זיין היים־אָרט, האָט דאָ אים אַנטפּלעקט, האָט דער יונג אין גאַנצן זיך געטרייסלט. ערשט בייטאָג האָט ער געקוקט אויף איר ווי אַ פאַרליבטער, אַ פּלוצלינג פאַרכאַפּטער פון פלאַם, וואָס איז מסוגל אָנצוצינדן דעם מענטש, לאָזן אים ברענען ווי אַ פאַקל, ברענען אויף אַלעמענס אויגן און פלאַקערנדיק לאָזן זיך שווימען, לאָזן זיך טאַנצן — — און אַצינד? ווי אַזעלכע בראַנד־ווונדן קענען ווייטיקן! אין אשרן האָט געשרפעט דער אַנטבלויזטער געפיל פון פאַרקויפטקייט.

עקל.

— — — אין דער וואַלד־הייזקע, ווו עס שטייען שרייבטישן מיט פּאַפּירן, מיט פּיטאַס, מיט זעגן און ביקסן, יאָגט ער זיך נאָך דער שיינער וואַנדאַ און וואַנדאַ, אַ דעררייטלטע מיט צעפּאָכטעטע נאָזלעכער, מיט אַן אויפגעברויזטן בוזעם, כאַפּט זיך צוריק אַרויס פון קאַנטאָר, באַהאַלט זיך צווישן ביימער; ס׳סיצענע קליידל ברענט אויף איר לייב, די אויגן פלאַקערן. דערנאָך, קיינער זעט נישט, נישטאָ שוין קיין עדות פון איר צעלאָזנקייט, גייט זי אַליין אַריין צו אים, דעם פּרעכן, פאַלט אין זיינע אָרעמס. דאָס־אָ האָט אשרן פאַרפאַלגט. דער וואַלד־שררה און זי. איז זי באמת

אַ שיינע? ער שמועסט זיך איין, אשר. וואָס זעט ער אין איר! אַ פעסטע שיקסע, חן־גריבלעך אין די באַקן, אַ קאָפּ העלע, גלייכע פוילישע האָר. אַ שיקסע... אַ נאָווינע ביי אים אַזעלכע? טפוי! זי, וואַנדע דעם שטשערבס, איז מסתמא נישט די איינציקע ביים פּאַן פון וואַלד, דער מיט די פּוכיקע, גראָבלעכע וואָנצעלעך, מיט די לאַקירטע שטיוול. אַ כאָלערע אויף זיי! אַלע, פּשיאַקרעוו, ציטערן פון רעספּעקט און פון שנאה צו אים!

◆

די טעג זענען קריכנדיקע, אָבער די צייט שטייט נישט.

צו די חגאות איז אין לאַקעטקער קרעמל אַריינגעפאַלן אַ לעבעדיקער גראַשן. חיים יאַנטשע האָט פון אָפּאָטשנע געבראַכט אַלערהאַנט פרישע סחורות און שמאָכטעס. זיסקייטן אין בלעכענע ביקסן, אין טאָוולנע שאַכטלען, שוואַרצע שאַליקעס מיט גרויסע בלומיקע שטרייפן, מילך־ווייסע און ראָזע קיכלעך צונויפגעקלעפּטע אין צווייען, לאַנגהאַלדזיקע גלעזערנע צילינדערס צו נאַפט־לאָמפּן, קאַנען נאַפט, אַ קעסטל הייוון, אַ האַרטן שקאַרמיץ מיט ראָזשינקעס, שוואוואָקס און קעסטלעך רויטן לימאָנאַד און פלאַשן ווייסן, ברענענדיקן אָקעוויט. צום חגא־פּדיון איז ס׳גאַנצע געזינדל געווען גרייט. שאָשע האָט אַלץ איינגעשטעלט אַזוי, אַז ס׳זאָל קלאַפּן ווי אַ זייגער. חיים יאַנטשע, וועלכער האָט נישט גערן אַריינצוגיין אין קראָם, איז געשטאַנען אין לויער. ר׳האָט געקוקט אויף די פינגער. „אַ גוי איז אַ נאַשער און אַ נאַשער איז אַ גנב. אויב ר׳גנבעט נישט, איז עס מחמת פוילקייט.״ דאָס האָט ראַכל אַ סך מאָל איבערגעחזרט און דער מאַן מיט די קינדער האָבן זיך באַוואָפנט מיט שאַרפן אויג, מיט הענט געלט צו נעמען און מיט הענט צו געבן איבער די לאַפּעס, אויב ס׳וועט זיך צו עמעצן עפּעס צוקלעפּן.

קיין גראַטשקע איז אין קראָם נישט געווען אויף חגא. דער זלאָטי איז אַ גאַנצער אוצר ביים פוילישן פויער. וואָס אַ יאָר שרומפּן מער איין די קישקעס די מענטשן פון לאַקעטקע און קאַמיען און פון די פיאַסקעס. אין די טעג פאַר חגא זענען אַ סך פויערן און פויערטעס געקומען צו דער בילאַנדעריכע אין קראָם מחמת לאַנגווייליקייט, מחמת געווינטשאַפט צו גיין איינקויפן אויף יום־טוב. ס׳רוב איז געשטאַנען מיט טרויער אָנגעפולטע אויגן, ביי אַנדערע האָבן זיך די צינגער געבאָמבלט אין די מיילער. אָט־אָט וועלן זיי נעמען בעטן די קופּצאָווע. די מערסטע האָבן איינגעקויפט

פאַר גראַשנס, אַ ביסל האָבן זיי אויסגעבעטלט אויף באָרג און אַנגע־קרעכצט האָט מען פאַר אַ מאַיאָנטעק. פאַרבענקטער בלאָלעכער בליק פון געקנייטשטע פּנימער איז אין דער הייזקע געשטאַנען ווי אַ נעפּל. אין אָרע־מאַן איז חגא־צייט קאַפּוירגעקומען דער הוילער ווידערקלאַנג פונעם אַמאָל, ווען מ׳איז געווען קינדער, ווען דער טאַטע האָט מיט האָפענונג און מיט שכרות פול געמאַכט די היימישע כאַטע. עך, צייטן אַנגעשטאַנען! פאַר די איצטיקע יאָרן געדענקט זיך קנאַפּע פרייליכקייט. די חגאות ווי די יאָרן, וואָס פאַרפליסן, זענען וואָכעדיקע, קלייענדיקע.

און ווייטער זענען געקומען כמורע טעג, די קורצסטע טעג פון יאָר. קוים אויפגעריסן די אויגן און שוין האָבן זיי זיך פון דאָס ניי געקלעפּט. אין קראָם אַריין איז מען ווינציקער געגאַנגען. פון די כאַלופּעס, פאַרטרונ־קענע אין שניי ביז אין די האַלבע פענצטערלעך, האָט זיך געטראָגן דער געברום פון נויט. רויט־פאַרשוואָלענע פון קעלט האָבן קינדער געוויינט אין די הייזקעס, וואָס האָבן אין ווייסן דרויסן אַרויס געקוקט ווי מיט בלינדע אויגן. פראָסט האָט פאַרפאַנצערט די שויבלעך. זעלטן אַ טיר האָט זיך געעפנט. עס האָט אויסגעזען: די לייט זענען געפרוירן געוואָרן אין זייערע לעכער. די קלאָרקייט פון די קישנס אין די פּויערישע שטיבלעך זענען דורכגעגעסן געוואָרן פון פראָסטיקער פייכטקייט. דאָס ווייס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין טויטער גראָקייט. ס׳איז געלעגן ווי קויטיקער גיפּס. דער רוב הייזקעס האָט נישט געהאַט קיין האָלץ אונטערצוצינדן די אויוונס. די דאָרפּישע שטעגן זענען געוואָרן פאַרשאָטן מיט הורמעס שניי. די פראָסט האָט געזונגען און אינעם זילבערנדיקן וואַלד האָבן דיביימער געפּלאַצט.

פון געוויינקייט ווען האָט שאָשע ווייבעריש געזיפצט. אין די אויפ־דערנאַכטן, מ׳האָט זיך במנוחה אָוועקגעזעצט איבער הויזלעכע טראַנטעס האָט זי די דער שוויגער ווידער דערציילט אָפּאָטשנער געשיכטעס. דערציילט דער שוויגער און באַגערט אַז אַלע זאָלן זיך צוהאָרכן. די אַלטע האָט זיך שלעפעריק איינגעהערט אין דער שנורס קלוגשאַפטן און איטלעך מאָל אונטערגעכאַפּט: „אָ־וואַא, וואָס דו זאָגסט!...“ באַצייטנס האָט זיך פון פּיעקעליק געטראָגן חיים יאַנטשעס לאַנגער גענעץ און מ׳האָט זיך פרי־געקליבן אויף די געלעגערס אַרויף. אַ שלעפּעדיקע, אַ לאַנגע נאַכט איז געגאַנגען אויף דער הייזקע, וואָס ווערט פאַרזונקען אין אַ ים פינצטערניש,

אַ פּינצטערניש, וואָס איז שוואַרצער ווי דער דרויסן. אין שטאָרן פּאַר־באַגין האָט ס׳ווייבל די ערשטע זיך אָנגעטאָן, געוויקלט זיך אין אַ מאַנצ־בילשער סערמענגע, געטופּעט אין גרויסע, מיט שטאָל־מיסט אָנגעטראָ־טענע שטיוול און געצונדן קינדלעך, וואָס האָבן פּעט געסיקעט אין טונ־קעלן חלל. די יונגען האָבן דעמאָלט זיך געטוליעט אין די זעק פּעדערן און צוגעקוועטשט די אויגן, כאָטש שוין נישט געשלאָפן. אין די געהירן האָט זיך געראַיעט דער בלייערנער דרויסן, ס׳האָבן זיך אָפּגערופן די טשור־גונענע סאַגאַנעס, צו וועלכע שאָשע האָט אַ קוק געטאָן מעשה־באַלעבאָס־טע: „כאָטש נישט זויער געוואָרן?״ דעם יונגוואַרג אויף די געלעגערס האָט שוין גלוסטיק פּאַרשמעקט אַ מיסקע פרישן קרויטבאָרשט מיט הייסע קאַרטאָפלעס, אין די נאָזלעכער איז זיי געקראָכן דער גוטער טעם.

קונים זענען אין גאַנצן נישטאָ. אָפּגעשטאָרבן ס׳דאָרף. אין דער דער־בייאיקער קאָמער, וואָס איז איצט קאַלט און פייכט, האָט ס׳געוועלבל גע־גליווערט אין שיין פון אייז־געבלימלטע שויבן. הייצן אין קראָם איז נישט געווען צו וואָס. שאָשע האָט געטענהט:

— מע ברויך נישט עפּענען יענעם לאָדן. אַ שאָד צו באַהייצן די גאַס...

שאָשען האָט מען געהאָרכט. אַ פאַרמאַכטס האָט דאָס קרעמל מיט זיין קאַלכדיקער טיר געזשמורעט אין דער היימלעכער שטוב אַריין. אויף יענער זייט וואַנט האָט געיאָמערט אַ פינצטערע קעלט, אַ געפּאַלמעסטע פון אַ פעדימל ליכט, וואָס שטייט הינטערן פענצטער.

אַז אַ פּויער איז געקומען עפּעס אויסקרעכצן: „גיב אויף באָרג, יאַנטשאָוואָ!״ האָט די אַלטע זיך פאַרקאַאַקעצט.

— מ׳קען נישט פאָרן אין שטאָט אַריין, מ׳איז געבליבן אָן סחורה. ס׳פערד גליטשט זיך אויס. אַן אומגליקלעכער העק אונדזערער... — און האָט דער קונה נישט געוואָלט פאַרשטיין, נאָך אַ מאָל געבעטן: „כאָטש אַ האַלב פינטל צוקער, ס׳ברעקל קינד צו דערהאַלטן ביים לעבן. ס׳איז אַזוי שלאַף״, האָט די קרעמערקע זיך פאַרענטפערט: — ווילסט מיך באַ־שטראָפן מיט גרויס האַרצווייטיק, אַנדזשעיו? אַ פּוסטקייט אין קראָם, אַזש די מייז זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן. אָנגעקוויטשעט אַ מוח און ערגעץ אַנדערש אַוועק זוכן פּרנסה. וואַרט, אפשר האָט ביי אונדז זיך פאַרוואַל־גערט אַביסל זיס׳? כ׳וועל אַ קוק טאָן אין קאָמאָד. און אַז זי האָט אים

געגעבן אַ פּאַפּירל מיט מעל־צוקער, האָט ס׳פּויערל טרויעריק געקוקט אויף דער הייסער בילאַנדערישער הרובע, אַ קרעכץ געטאָן און איז אַרויס אַ צעמישטער. די ווייסקייט פון שניי האָט אים שניידיק אַרומגענומען. דער בלינדער לאָדן פון דאַרפישן קרעמל האָט אים טריב נאָכגעקוקט.

אַן אַנדערש מאָל, די אַלטע האָט נישט געקענט אַראָפּשלינגען דעם ליגנט, וואָס זי האָט אָנגעבראָקט דעם חרובן פּויער, האָט זי זיך פאַר־ענטפערט:

— די קראָם איז באמת אויסגעלעערט. מ׳קען דען אָנהאָדעווען אַ גאַנץ דאָרף? מיר, מ׳שטיינסגעזאָגט, איז בעסער! דו ביסט דאָך אַ היי־מישער, נעם זשע פון מיין אייגן אויסקראַצעכץ... וואָס זאָל מען טאָן. קו־מיע, דאָס אומגליק מיידט אונדז נישט. אַז ס׳איז נאַכט, איז אין גאַנץ לאָקעטקע נאַכט.

אַרויסגעגאַנגען דער פּויער, האָט די בילאַנדעריכע אָרנטלעך אָפּ־געזיפצט:

— ס׳אַ צער בעל־החיים! גיי זאָג אָפּ אַלעמען.

— זיי וועלן דען אָפּגעבן? — קוקט שאָשע.

— אַז זיי האָבן, גיבן זיי אָפּ. אַן אָרעמער גיט אָפּ... — ענטפערט די יאַנטשעכע.

ס׳האָט זיך געמאַכט: איין קונה האָט געקראָגן עפּעס געבאָרגט אין קראָם, זענען דערנאָך געקומען אַנדערע. זיי האָבן געבעטן, געחנפעט, צו־געזאָגט אָט־אָט אַריינברענגען. זאָל זיך נאָר מאַכן די ערשטע אָדליגע.

די יאַנטשעכע האָט פון דאָס ניי געבראָקט שקרים: נישטאָ, ערשט ס׳לעצטע אַוועקגעבאָרגט. אין שטאָט אַריין נישט מעגלעך צופאָרן. און נישט ס׳איז פאַראַן געלט און נישט ס׳פערד קען גיין.

די שנור האָט געזען: די שוויגער בלייבט אין פאַרלעגנהייט. אַ רגע, און זי וועט זיך אַראָפּבייגן, אויפקניפּן דעם זאַק זאַלץ, ווייזן אַ טאָרבע צוקער, עפּעס ס׳זעקל רייז און אָנשיטן שקאַרמיצן. מ׳זאָל באַשירעמט ווערן. די גויים וועלן נישט באַצאָלן. די „זשניווע״ איז זייער גאַנצע חיונה און די „זשניוועס״ זענען דאָ כפרהדיקע. מ׳וועט אַלץ צעבאָרגן, וועלן זיי אַליין איינשניידן. ס׳וועט אין שטוב נישט זיין צו מאַכן „האָמטעס״. כאָטש גיי אין קאָפּעץ אַריין, צעטייל זיי ס׳ביסל קאַרטאָפלעס. אַן אָרעמ־קייט ביי די גויים. אַלע צו דער בילאַנדעריכע. צו וועמען וועלן גיין זיי?

דאָס ווייבל האָט גענומען כלומרשט עפּעס זוכן אין דער גרויסער קאַ־מאָדע, געקלימפּערט צווישן געפּעס און אַריינגעזונגען: „לאַ־לאַ, נישטאָ, נישטאָ! זיי וועלן אונדז אויפאַכלען מיט די גדערים. נישטאָ־נישטאָ, גע־ראַנצט זאָל ווערן, און פּטור...״ און אַז די שוויגער האָט זיך געמאַכט נישט הערן, די פּויערטע איז געשטאַנען און געוואַרט, האָט די שנור גע־ענדערט דאָס ליד:

— מע שלעפּט פּייכטקייט אין שטוב אַריין! דאָס קידוש־בעכערל זשאָווערט שוין... ווער'ט כוח צו וואַרטן ביזן „גייעם״? און אַז „ס'נייע״ וועט אָפּזאָגן, וועט זיין שריי חי־וקיים.

דערנאָך האָט די אַלטע געקנעלט מיטן הויזגעזינד:

— כ'האָב נישט אַזאַ טאַטעריש האַרץ. כ'וואָלט זיי געגעבן, כ'וואָלט געטרויעט, נאָר גיי גיב, וועלן זיי מיינען: מ'איז קורח רייך. מ'וועט דיר דעם ביסן פון מויל אַרויסרייסן.

— ווידען? אָפּצוועגן יעדעס וואָרט, — קוועלט קלמנס ווייבל.

איז ווידער אַריין אַ פּויער מיט אַ זויערער מינע, האָט די בילאַנדע־ריכע שוין גענומען אַן אַנדערן טאָן:

— גלייב, ס'איז מיר נישט גרינגער פון דיר, וולאָדעק. כאָטש זשגייע שניי, עס זיך אָן מיט וואַסער! אָן אַ בייז אויג: אַזאַ משפּחה און ס'שטיקל לאַנד איז מיר נישט קיין בעסערער שפּייזער. גוט, ס'גאָך פּאַראַן וואָס אַריינצולייגן אין אויוון. ביים טאָרף שניידן זענען אַלע זיך פאַר־שוואַרצט געוואָרן.

דער פּויער איז אַרויסגעגאַנגען, איז אין דער קרעמערישער הייזקע געבליבן דער עסנדיקער זאַג זיינער:

— מ'וועט, פּשיאַקרעוו, נישט דערלעבן צום „פּזשעדנאָוועק״.

ביי די בילאַנדערס האָט מען געקאָכט טעפּ קאַרטאָפל, טעפּ אַרבעס; ס'האָט זיך געהערט די האַרבקייט פון געזייערטן קרויט, אַ סך קרויט, וואָס מ'האָט אין זיך אַריינגעגעסן. ברויט האָט מען זיך געקאַרגט. ברויט קלעקט נישט פון דער לאָקעטקער ערד. צוקויפן תבואה אויפן מאַרק איז נישטאָ קיין לב דערצו. אַ גילדן דאַרף מען ליבערשט אויפקלייבן, מיט אַ גילדן האָט מען גיכער מנוחה אויף דער נשמה. חיים יאַנטשע ליגט אַ גאַנצן טאָג אויפן פּיעקעליק, האַלט פאַרמאַכט די אויגן, דרימלט און הערט זיך צו צום טומל פון שטוב.

— אַ גליק, כ׳לעבן, ס׳געוועלב, — הילכט אים אונטערן באַלקן ראַכלס קול — און אַ גרויסע צרה איז מיר דאָס געוועלב. ביטער מיט דעם, נאָך ערגער וואָלט געווען אָן דעם... ס׳האַרץ ווערט צעריסן. עס הונ־ גערט וואַצלאַוו, ס׳קרענקט יאַדוויגע. דעם גיב, יענעם גיב. אין אַזאַ פּאַ־ גאַדע קומען זיי, טראָגן אָן אַ שטוב מיט קעלט, רעד פון זיך די צונג פון נאַקן אַרויס! און אַז זיי ווען נישט באַצאָלן? אָרנטלעך אַהין, אָרנטלעך אַהער, נאָר זיי האָבן נישט. וואָס זשע דעמאָלט? נעם און גיי אַליין אי־ בער דער מדינה.

— אַ גאַנצע גמינע מיט הונגעריקע קען מען דען זאַט מאַכן? עס ווערט אַ ביסל שטיל.

שאָשע האָט אַוודאי געגומען שלייסן פּעדערן. חיים יאַנטשע דער־ קענט שוין אין ראַכלס טענה:

— ניטע, דו, — זאָגט זי — גייסט מיר אין דער פּרנסה אַריין? זאָל זיין פּעדערן, קלערט חיים יאַנטשע, אַבי מ׳זאָל אויפהערן מאָלן מיט די געמבעס.

שפּעטער אַריין האָט מען אין שטוב נישט אָנגעצונדן קיין לאָמפּ אין די לאַנגע אָוונטן. מ׳האָט נישט געטאָרט בלייבן קיין ליגנערס פאַר די הונגעריקע. מ׳פרעסט, מ׳פאַרברענגט אין ליבער וואַרעמקייט, ביי היימ־ לעכן ליכט. ריכטיקער איז צו זיצן ביי פאַרמאַכטע לאָדנס. און די אויפ־ דערנאַכטן דורכגעקומען ביי אַ קאָפּטשנדיק קינדל, און אַז דאָס איז אויס־ געגאַנגען, האָט מען זיך אויסגעשטאָכן די אויגן אין דער וואַרעמער פינצ־ טערניש.

...ווי מידע שאָף האָבן זיך געשלעפּט די טעג; טונקעלע, שלעפעריקע האָבן געפויזעט די שעהן, כאָטש פלעקיקער שניי האָט זיך געשפּרייט ווייט איבער לאָקעטקע. אומעט האָט אָנגעוואָרפן דער וואַלד, וואָס האַלדזט אַרום דעם ישוב ווי מיט אַן אומגעהייערער טונקעלער קאַסע, און זי שניידט דעם גאָרגל, טריבקייט ברענגט אָן דער נישט אַרומנעמלעכער מרחק, וואָס פאַרלירט זיך אויף יענער זייט בערגלעך, וועלכע פירן קיין קאָמיען; נאָגעניש ברענגען דער פאַרהוילענער שליאַך, די שליטנס, אויף וועלכע מ׳גליטשט זיך אין דער לעבעדיקער שטאָט אַריין. פאַרפעלצטע, מיט פראָסטיקן געקלימפּער פאָרן פּריצים, פאָרן סוחרים — —

אין שטוב איז וואַרעם און ס׳איז אומעטיק. נישטאָ מיט וואָס צו

טייטן די צייט. ווי הינער זיצט מען צונויפגעהאַרבעט, אַלע אויף איין אָרט. חיים יאַנטשע, רק ער שנאָרכט אין דער הייך, און קריכט ער אַראָפּ, בור־טשעט ער: „יונג, יונגאַטש, האָסט אַריינגעבליקט אין שטאַל?" ראָכל דרייט זיך אויפן פוסן־בענקעלע, קוקט שפיציק איבער דיברילן אַריבער. קלמן וואָרט אויס אויפן ווייבלס אַ באַפעל און זי, מיט אַן אומקלאָרער מראה פון פנים, מיט אַן אָפּגעריבן קול, חלשט שלאָפן. אין מיטן טאָג קלעפּן זיך די אויגן. די כאַטע רוישט גיך אָפּ. די שטילקייט פאַלט אַהער אַריין אַזוי אומגעריכט, ווי אומגעריכט עס הייבט זיך אָן דער טומל אין סאַמע באַגינען, ווען ס׳איז נאָך שטאָק־פינצטער. וויבאַלד עס ציען זיך אויס די שאָטנס, מאַכן זיך צו די גענעצנדיקע מיילער. גלייך אַן אונטער־געשאָסענער ראָב אין פלי לויפט אָן דער אָוונט. די שטילקייט נעמט שנאָרכן; עס הערט זיך, ווי עס שיט זיך דאָס אַש דורכן פייער־לייטערל אין אויוון.

פינצטער. ווי אַ מידע סטאַדע שלעפּט זיך דער ווינטער איבער לאָ־קעטקע.

13

עס שפּראָצט אַ ניי לעבן

דער זעלביקער זונען־נערוו, וואָס אין אינגעווייד פונעם זיידע איטשע מאיר, ווען ס׳האָט אין די היגע קאַנטן געצויגן קיין טאָמאַשאָוו, דער אייגענער אָדער האָט זיך אויפגעוועקט אין אשרן, דעם שפּראָץ פון די בילאַנדערס. געגוי האָט ער נישט געוווסט: פאַרוואָס, פאַר ווען... ר׳האָט נאָר געפילט: אָט לעבן, לעבן. און לעבן הייסט, נישט צו זיין ווי דער טאַטע, און ס׳הייסט — מאַכן זלאָטיס. די מאַמע רעדט שטענדיק דערפון און דער טאַטע טרוימט אַזוי, דער טרוים אויסגעביטן אויפן טעם פון שוואַרצערד.

וויבאַלד אשר האָט דערשפּירט דעם ריח פון שטאָט, האָט ער מער נישט געהאַט קיין זיצפלייש. אויף לאַנגע טעג איז ער פאַרפאַלן געוואָרן

פון שטוב. צו חגא איז ער אין גאַנצן פאַרשווונדן פון דער היים. איצט ווערט ער אָפּט נעלם. פרעגן אים, איינטענהן, מיינט מוסרן, דראָען און אַזוינס וועט נישט העלפן. די מאַמע רעדט פון דעם, דער טאַטע ווייסט עס. שוין צו גרויס, צו קענען בייגן אַזאַ בוים. „סאַמע וולאַדזע" געוואָרן דיין זון, האָט דער אַלטער אַ מרוקע געטאָן צו דער יידענע. ס'האָט אים גאָרנישט קיין הנאה געטאָן, נאָר געבליבן איז ביי אים, בעסער צו שווינגן זיך דעם כבוד. און זאָלן מענטשן נישט וויסן זיין אומגליק. די פּרעסט האָבן געקענט זיין גרימעדיקע, די נעכט בושעווענדיקע, אַ הונט אָן עבירה אַרויסצוטרייבן — אַלצאיינס האָט עס אשרן נישט געהאַלטן צווישן די היימישע. מיט וואָנדען דעם שטשערבס האָט ער זיך אַלץ נאָך געטראָפן בשתיקה, אין די אויפדערנאַכטן. פון וואַלד־הערשער וואָווזשיניאַק האָט זי געבראַכט קוויטלעך אויף ברענהאָלץ און ער, וואָנדעס שותף, איז גע־פּאָרן, האָט געלייזט געלט. די שטאָט האָט אַ זשעדנעם וישט, וויפל מ'גיט אים, פאַרציקט ער און מאָנט נאָך, נאָך. די קרירות האָבן געברענט, איז דאָס ספּאַלער האָלץ פאַרפלאַמט געוואָרן. אשר האָט געדונגען פערד־און־וועגענער ביי די פויערן פון פּיאַסקי, פון די ווייטסטע פאַרעמבעס און דורכן אַלטן וואַלד געריסן זיך אין שטאָט אַריין. איינגעוויקלט אין אַ שאָ־פּענעם פּעלץ, די שטיוול אַרומגעוויקלט מיט שטיקער זאַק, האָט ער אין שרפענדיקן דרויסן נישט אָפּגעשפּירט די קעלט. אַ שורה האָלץ־פורלעך האָט זיך געשלעפּט איבער די ווייסע שנייאיקע וועגן און ער, אשר, וואָס האָט געלויערט אויפן ווייטסטן שטערן פון תכלית, האָט אַ טונקעלער, אַ מגושמדיקער זיך נאָכגעשלעפּט דעם וויגנדיקן אָנענד.

געשלעפּט זיך אין שטאָט אַריין אַ ווינטערלאַנג ביז ער איז אין דעם טאָמאַשאָוו שוין געבליבן באַשטעקן. איינגעהאַטשעט זיך אין אַ שטוב, וווּ ס'האָט אים פאַרלאָקט אַ פרישע ליכטיקייט. די שטאָט וואָס איז געשלאָגן פון דורכאויסיקן אומרו, לעבט מיט סעזאָנען און ליידט פון עקאָנאָמישע ירידות, האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם דאָרפישן יונג. זע, אַל דאָס בייע זאַפּט דאָס איין אין זיך ווי אַ שוואָם! ד אָ ס איז אויסגעהונגערט צום נאָך נישט געזעענעם; אַפילו מיר, די איבערגעגעסענע מיט שטאָטישע פלאָגן, זענען ניי פאַר אַזוינעם. גיב אים, נ אָ ר ל אָ ז א י ם, ע ר ו ו ע ט ד י ר אַ ו ו ע ל ט א י ב ע ר ק ע ר ן!... די מענטשן איז געפעלן געוואָרן אשרס געמיטלעכע פּראָסטקייט. ער איז שעמעוודיק, און ווערט ער היימיש, ווערט ער אַ שטוב־מענטש פון גאַנצן האַרצן, געטריי

און פלייסיק. אוי, אַזוינער! ווי געפינסטו היינט אַזוינס!... די שטאָטישע האָבן אין אים געזען אַן אבן־טוב. גראָד איז געווען סעזאָן, איינער פון די סעזאָנען אויף וועלכע מ׳וואַרט לאַנגע חדשים, כמעט האַלבע יאָרן. אין דעם הויז האָבן אַלע געלעבט מיט דעם, און מיטן מאַרק און מיטן סוחר. אין דער מיט שטוב האָבן זיך געוואַלגערט פּעק געפּאַרבטע וואָל, וויגאָ־ניע, ביינוואָל, אומעטום איז געווען פול מיט רוישנדיקע שפּולרעדלעך, פול מיטן אימפּעט פון שווער־סאָפּנדיקע מאַשינען. עס איז געווען אַ פאַבריקל פון סוועטערס, פולאָווערס, זשאַקעטלעך, וואָס מ׳האָט אָנגעאַרבעט אין גרויסע הויפנס און מ׳האָט אַלץ געאײַלט עפּעס אָנצוויאָגן. דער קונה מאָנט, דער סוחר בעט זיך מיט געלט: גיט נאָך, נאָך, ליבענקע. די שטוב האָט נישט קיין צייט געהאַט צו לעבן, די שטוב האָט געמוזט אַריינכאַפּן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך. וואָל־שטויב איז געשטאַנען אין חלל און טומל איז געשטאַנען. איינגעקוקט זיך אין אשרס פאַרנומענקייט און ממש זיך דערפרייט מיט דעם, ווי אַזוי אַ דערוואַקסענער קען זיך קוויקן מחמת באַ־האָפטנקייט מיט אַרבעט.

— ס׳דאַרף האָט פאַרבלאָנדזשעט אין גן־עדן אַריין, איי־איי־איי!

אַפילו זייטיקע האָבן גוטמוטיק געחוזקט:

— אַ קנעפּל אַ בילעט פאַר זיין קעלבערנער התפּעלות. נישקשה, ס׳פלעמל וועט זיך מיט דער צייט אויסלייכטן... גיב אַ קוק, ווי דאָס שוויצט!

ס׳איז געווען דאָס ציטערנדיקע חדר־גיין פונעם דערוואַקסענעם, וואָס מוז אין זיך פאַרשרייען די חרפּה, מחמת ער האָט פאַרשפּעטיקט זיינע לערניאָרן. נאָך אַ נס, וואָס די מענטשן זענען גוטע. אין תחילת האָבן זיי אים אַפילו פאַזוואָליעט איבערצונעכטיקן אין ווערקשטעל — איין מאָל, אַ צווייט מאָל. אשר איז אָבער נישט רואיק געשלאָפן אין די נעכט. די מאַשי־נען האָבן אים געלאָקט. און האָט ער זיך צו זיי צוגעכאַפּט, האָט ער אַפילו אין מיטנסדערנאַכט פאַרטיק געמאַכט סחורה, וועלכע איז געווען שטאַרק נייטיק פאַרן קונה, וואָס איז געשטאַנען אויפן קאַרק, נישט געוואָלט אָפּ־טרעטן: „גיב! מ׳מאָנט ביי מיר, וועד זשע דו נישט מיד אַצינד!‟ דער־נאָך האָבן די טאַמאַשאָווער אים שוין רעכט דערקענט, געוווסט זיין דעה: דער יונג וויל זיך אויסמענטשלען! זיי זענען געוואָרן צוגעלאָזן צו אים; שוין געווען אַזוי היימיש אַז אַנומלט האָט מען אים מטריח געווען מיט

אַנטראָגן אין דער הויף־קאַמער אַריין אַ וואָגן געשפּונענע וואָל. און ער האָט עס געטאָן מיט לוסט. באַלאָדן מיט די פּעקלעך וואָל הויך איבערן קאָפּ אַריבער, איז ער געלאָפֿן ווי אַ ייִנגל, כאָטש ער איז שוין געווען אַרי־בער די פֿינפֿאונצוואַנציק. געזען, דער יונג שרעקט זיך נישט אַפילו פֿאַר שלעפּן משאות, ער קען האָרעווען, האָבן זיי שוין געזאָגט:

— ווילסטו, לאָקעטקער, קענסטו בלייבן ביי אונדז, אָן אונדזעריקער. ס׳עט זיין צו טוען, צי נישט — אַלצאיינס. אַן אייגענער קען זיך שטענ־דיק געפֿינען אַן אָרט אין אַזאַ הויז.

אַוודאי האָט אשר געוואָלט און ער האָט זיך אויסגעטאָן פֿון דעם דאָרף.

— ס׳געפֿעלט אייך אין אמתן, בילאַנדער? — זענען זיי נאָך נישט געווען זיכער מיט אים.

— פֿאַרוואָס נישט, — האָט ער צוריקגעפֿרעגט אַ דעררייטלטער און אַוועקגעהאנגען דעם קאָפּ, מחמת ער האָט נישט געהאַט ווו די אויגן אַהינ־צוטאָן — כ׳וואָלט שוין געוואָלט קענען ריכטיק שטיין ביי אַ מאַשין, — און איז נאָך מער רויט געוואָרן.

דעמאָלט האָבן די טאָמאַשאָווערס גענומען אים לערנען „שטיין ביי דער מאַשין“.

— אדרבא, נישט נאָר שטיין, אַרבעטן ווי אַ פֿאַכמאַן וועט איר קע־נען, — האָט הערש זילבער איבערגעחזרט, און ער האָט אים אַריינגע־פֿירט אין דער מלאכה פֿון די שטריקערס, אַרומגעקלעפּטע מיט וואָל־מעך, מיט וואָל־אָנגעפּוישטע גרינע ברעמען, גרינער וואָטענער באָרד און אָנ־געפּאַקטע אויערן.

אַזוי איז עס שוין געגאַנגען. דער יונג איז געבליבן אויף ברויט און היים אינעם הויז פֿון די זילבערס. סוועטערס, וואָל, וויגאָניע און ביינוול זענען געוואָרן די נאַרונג פֿאַר אשרס רעיון. דאָס עלטערן־הויז איז אויסגעבליבן, טייל מאָל איז עס בלויז אויפֿגעשווומען אין נעפּל פֿון זיין גרויסער פֿאַרטועקייט. און האָט אים פּלוצלינג אַ טאָג געטאָן די דער־מאָנונג אָן דער היים, ר׳איז געוואָרן אומעטיק, האָט ס׳פּרויאיש וואַרעמע וואָרט פֿון דער יונגער באַלעבאָסטע אים איינגענומען.

— וואָס איז די מעשה, אשר? פֿאַרבענקט זיך נאָך עמעצן? שעמט זיך נישט. — ער האָט זיך גערייטלט — די היימישע? ס׳אַ נאַרישקייט.

ס׳איז דאָך נישט אַזוי ווייט. איר וועט זיי אַ מאָל פאַרבעטן אַהער. אַז איר זאָלט אַהיימפאָרן, האָט נישט קיין זין, — האָט זי אים אָפּגעשלאָגן דעם חשק צו פאָרן אַהיים: — וואָס האָט אַזאַ יונגערמאַן צו טאָן אויפן לאַנד? אַזאַ בענקעניש פאַרשטיי איך שוין נישט. כ׳האָב געמיינט: כ׳ווייס, ווער, עמעצער וואָרט אויף אייך... אָבער דאָס! אַלע בענקען מיר, און ס׳פאַר־געסט זיך. מ׳געוווינט זיך צו און מ׳לעבט. אַ ווילע שטאָט טאָמאַשאָוו. מ׳קען דאָ גוט פאַרברענגען, אַבי ס׳איז דאָ אין קעשענע.

דעם בלאָנדן, שיינעם ווייבל האָט דער יונג געקוקט אין מויל אַריין, און געפילט דאַנקבאַרקייט צו איר. זי רעדט ווי זי וואָלט אַריינגעקוקט אים אין האַרץ אַריין, אַלץ געזען. באמת, וואָס ציט אים אַהין? מעגלעך, ס׳איז גאָר אַן אייגנרעדעניש. טאַקע, ער איז צעטומלט. הלוואי וואָלט זי לענגער גערעדט, ס׳איז אים פּשיעמנע צו הערן. זי איז אַ האַרצעדיקע, האָט׳ן אַ סך שוין געהאָלפן. אויב נישט זי, וואָלט ער מסתמא דאָ זיך נישט אויפגעהאַלטן. ר׳וואָלט דען געקענט דעקן אַלע הוצאות? אַז זיין געלט איז קיין געלט נישט. ער זעט דאָך, וואָס אַלץ קאָסט דאָ! — — אָבער וואָס אַזוינס דערמאָנט זי אים וואַנדען, דעם שטשערבס? זי איז אַ סך קלענער פון יענער, רעדט נישט אַזוי ווי יענע, זי סודעט זיך נישט מיט אים אין דער טונקל, וואָס זשע זאָגט אים ס׳האַרץ, ווען זי קומט צו? אַ באַטעמט ווייבל, אַ גוטע, אָבער ער צו איר...? איי, צרהדיקער קאָפּ מיי־נער, זי האָט דאָך אַ מאַן און זי האָט קינדער. זי קוקט אַפילו נישט אויף אַזאַ איינעם ווי דו!... ער האָט שטאַרק פאַרקלעמט די ליפּן און געוואָרפן זיך אויף דער אַרבעט. אָט וואָס עס וועט אים אויסהיילן פון זיינע אייב־רעדענישן.

— — — דער זון דער דאָרפישער האָט זיך געלאָזן אויף איין עק וועלט באַרעכטיקן דאָס לעבן, וואָס האָט מיט אַן גליענדיק אויג געקוקט אויף אים, און דער טאַטע — פון דער צווייטער זייט — האָט אויף פערד־און־וועגעלע געבראַדזשעט ערגעץ באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. כאָטש קעלט האָט געביסן זיין לייב, האָט חיים יאַנטשע נישט געקענטביישטיין דעם נסיון און איז פון געווינטשאַפט געפאָרן קיין אָפּאַטשנע. שוין לאַנגע וואָכן האָט ס׳געוועלבל נישט אַריינגעבראַכט קיין פרוטה. דאָס ווייב האָט גע־יאָדעט, לאַנגווייל האָט געוואָרגן, איז זאָל זיין געפאָרן: אפשר האָט זיך אין שטאָט שוין אַ ריר געטאָן? ס׳דאַרף איז ווי אַ שטייענדיק וואַסער. ער

איז געפאָרן אַ פאַרוויקלטער אין פעלן, אין שטיוול מיט אָניטשעס און ווייבערישע טיכער אויפן קאָפּ. דער מענטש מיט דער פעכיקער באָרד האָט זיך געראַנגלט מיט דער פראָסט. אַ שווייס אָפּגעגאָסענער איז ער ווערסטן לאַנג נאָכגעלאָפן דעם פורל און איטלעך מאָל — פון יוצא וועגן — אַהיימגעפירט אַ ביסעלע סחורה, וואָס מ׳האָט סיי־ווי נישט באַדאַרפט. מיט אומאַרויסגעזאָגטן פאַרגעניגן האָט ס׳ווייב געקוקט אויף די פעקלעך פון אָפּאָטשנע און בעסער געשלאָפן אַ פּאָר נעכט. דאָס קורצדויערנדיקע גערודער אין אָפּגעשטאָרבענעם קרעמל האָט מאָדנע הנאה געטאָן, כאָטש פויערן האָבן אויפגעהערט זיך דרייען אין בילאַנדערישן הויז. איינגע־טונקט אין איר יונג־ווייבלשער פאַרטוענקייט האָט די שנור כלומרשט נישט באַמערקט דאָס שטילע פאָרען זיך אַרום דעם געפּאַרעכץ און קו־מעכץ פון אָפּאָטשנע.

באַגעגנט אַ מאָל דעם שווער הינטער דער שטוב, — ער איז גראָד אָנגעקומען פון שטאָט — פון אים האָט זיך געטראָגן די שאַרפקייט פון איינגעזאַפּטן ווינט און מאַכאָרקע — האָט שאָשע אויף גיך פון פורל אַראָפּגענומען די פעקלעך. אייליק איז זי געלאָפן און גיך צוריקגעקומען, גלייך זי וואָלט קיינעם נישט געוואָלט דערלאָזן די זכיה צו באַדינען דעם אַלטן. דעם שווערס באָרד איז געווען אין אייזצויטן, די ברעמען ווייס פון פראָסט און פון מויל האָט געזעצט אַ פּאַרע. אַראָפּגעצויגן פון זיך די ראָזעוואָנע באַנדע האָט חיים יאַנטשע זי אַרויפגעלייגט אויפן פערד און אַליין גענומען קלינגען מיט די בלעכן, וואָס זענען אויפן וואָגן איינגע־פרוירן געוואָרן אין דעם שטרוי. דעמאָלט האָט ס׳ווייבל ראָפּטעם זיך אָנ־געבויגן צום שווערס אויער און אים אַריינגעזאָגט מיט מוסר:

— איר זענט דאָך אַ קלוגער ייד, שווער, פאַרוואָס טוט איר נאַריש־קייטן! גייט ליבערשט זיך אָפּרוען. לאָזט דאָס. ס׳איז ברוך השם פאַראַן ווער ס׳זאָל אַריינטראָגן די אַלע שאַלאַמויזן.

אויפדערנאָכט, ביי דער הייסער גריץ, וואָס מ׳האָט געגעסן פון גרוי־סע אָן עין־הרעדיקע שיסלען, האָט די שנור נישט מיר, נישט דיר אַ זאָג געגעבן:

— ס׳עט דען עפּעס פאַרזויערט ווערן ביי די אָפּאָטשנער הורטאָוו־ניקעס? די שוויגער מיינט, זיי וועלן נישט האָבן וואָס צו עסן, אויב בי־לאַנדער וועט זיי נישט צוטראָגן אַביסל לייזעכץ יעדע פּאָר טאָג? אָן

איינרעדעניש, אַז מ׳באַדאַרף אַזויפיל מאָל פאָרן, איינצושטעלן זיך, ווייל מ׳איז געוווינט צו פאָרן. איין מאָל אין חודש איז דען נישט די־והותר? הייוון קען דען נישט ליגן אין דער קעלט? בהרחבה ליגן! נאָפט — נאָפט וועפט נישט אויס, צוקערלעך ווערן אויך נישט געסטאָיעט. וואָס נאָך? צעלניק. צעלניק גייט נישט אום ווינטער. ווער האָט דאָ אַ קאָפּ פאַר דעם, אַז ס׳איז נישטאָ צו לייגן אין מויל אַריין. אַ קנעפּל, אַ העקעלע, גאָרן־פאָדעם? אויך מיר אַן עסק. ווער ס׳באַדאַרף עס דווקא הײנט, מעג זיך באַ־קראַצן... אַ בעלנות אייגצושטעלן זיך פאַר אַ גאָלע נאַרישקייט! גלייכער אַצינד צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. אין שטאָט טוען אַזוי די סוחרים. ס׳נישט קאָ׳ גערייס...

— אַט רעדסטו, קינדעלע, — האָט די אַלטע זיך געשטיקט מיטן שלונג.

— זי איז דען נישט גערעכט? כ׳זאָל שוין האָבן אַזאַ יאָר, — אַנט־ציקט זיך חיים יאַנטשע מיט דער שנורס חכמה. גערעדט און נישט אַרויס־גענומען די אויגן פון דער שיסל, אין וועלכער ס׳האָבן אַרומגעשוווּמען גריוון און געשרומפּענע בלעטלעך פון געריישטע ציבעלע.

האָט דער טאַטע שוין גערעדט דערפון, איז אויך בערל אַרויס מיט זיין שכל:

— טאָקע צו וואָס? מאַטשיי וולאַכעוו וועט נישט האָבן קיין עוולה. ר׳קען וואַרטן אויף טורעצקע טאַבעק. מאַכאַרקע וועט אים אויך נישט פאַר־שאַדטן. און די פּאַטשט? אויך מיר אַן עסק! אַ פּאַטשט צום טיש. זאָל דער סאָלטיס אָוועקגעבן אַן אַנדערן די מציאה. אויסגעפונען אַ פּרנסה פאַר בילאַנדערן, דער מנובל.

דבורה האָט מיט נייגיר געקוקט דאָ אויף דער מוטער, דאָ אויף דער שוועגערן, דערטאַפּט גרימאַסן אויף זייערע פנימער און פאַרגעסן בשעת־מעשה, אַז זי פּירט אין מויל אַריין אַ ליידיקן לעפל. — אַסטראָזשנע, וועסט׳ן רוקן אין דער נאָז אַריין, — האָט בערל איר אַרייגעפאָרן. מ׳מיידל האָט נישט באַוויזן אים אָפּצוענטפערן. זי האָט גראָד אָפּ־אַפּגעלעקט דעם לעפל מיט דער אַרויסגערוקטער צונג, באַגעגנט זיך מיט קלמנס בליק — אַקוראַט ער וואָלט זיך געשעמט מיט איר לעקן — און האָט פלוצטאַלבן צעשפּריצט אַ כיכעריי.

— טשאָלעק, וואָס לאַכסטו?

שאַשע האָט מער זיך נישט אָנגערופן. וואָס האָט זי זיך אַריינצוּמישן?... אַז זיי פאַרשטייען אַזוי. זי האָט נאָכלעסיק אַריינגעקוקט אין שיסעלע, געגעסן אָן חשק. אַ לאַמיד־געמאַכטער ווי דער פייכטער שניי, וואָס פליאָסקעט פון צייט צו צייט אין די שויבלעך אַריין, האָט זיך נאָך געפירט דער שמועס. אַפּאַטשנע האָט געצויגן. די אַלטע לייט האָבן גערעדט, געטענהט — מ׳דאַרף און מ׳דאַרף נישט פאָרן, אָבער צוליבן איינצלנעם קונה, וואָס ווייזט זיך אַ מאָל אַריין, מ ו ז מ ע ן. „אַ קונה מוז מען האַלטן״; קלמן איז באַשטאַנען אויף זיינס: אַ שאָד ס׳פערד! צוגעהערט זיך צו דעם, צו יענעם, האָט דבורה ווילד פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און געשטיקט זיך מיט איר שפּריציקן געלעכטער. ס׳האָט פון איר אויסגעשאָסן אָן שום סיבה. געהערט מ׳רעדט לאַנג וועגן איינס און דאָס זעלביקע, האָט זי געלאַכט. דער טאַטע האָט יעדעס מאָל זיך אויפגעשטעלט און געשריגן: „מווידטשיסקע, קריגסט אַ טרעמאַסק, פאַלסטו פון טיש אַוועק!..״ ס׳מיידל האָט אויף גיך פאַרבאָרגן ס׳פּנים אין די הענט אַריין און געשטיקט זיך.

נאָכן עסן איז שאַשע אַריין אין איר אַלקערל. קלמן איז איר נאָכגעקראָכן.

אין שטוב ביי זיך האָט קלמן געוואָלט מער זיך אויסרעדן; ביים טיש האָט ער עס נישט געקענט, צי געשעמט זיך. ער האָט אָנגעהויבן פאָרזיכטיק:

— ווי מיינסטו; די מאַמע וועט באַשטיין? זי האָט מורא, די קונים זאָלן זיך נישט אָפּגעווינען פון געוועלב. מ׳עט זאָגן: ס׳איז נישטאָ דאָס, נישטאָ יענץ, וועלן זיי אין גאַנצן אויפהערן קומען. און קריגן זיי נישט ס׳גייטיקע אום ווינטער, וועלן זיי זומער אַוודאי נישט קומען. זומער קען מען גיין אַ ביסל ווייטער אויך. דער עיקר — מ׳געוווינט זיך צו.

— זאָלן זיי באַשטיין, זאָלן זיי נישט באַשטיין! גרויסע חכמים אַלע... אויך מיר אַ דאגה.

◆

שאַשע איז נישט מיד געוואָרן אין איר טוען. פון אַ שמאַטקעלע איז ביי איר געוואָרן אַ קעז־זעקל, פון אַן „אויסגעדינט״ העמד — אַ ווייבעריש קאָפטל; אַ שטיקל טראַנטע, אַ פריש אויסגעוואַשנס, אָן אויסגעגלייכטס, איז ווידערגעבוירן געוואָרן אין אַ פאַרטעכל. זי האָט קיין מאָל

נישט געהאַט קיין צייט אַוועקצוזעצן זיך רעדן מיט ליידיקע הענט. זי האָט געשמועסט און געטאָן און איר שטים, אַ דינע, אַ שוואַכלעכע, האָט זיך געטראָגן ווי אַ חסד. זייטיק, ווי נישט אומיסטן, האָט זי אַ מאָל עמעצן צוגעוואָרפן אַ לאַנגזאַמען, נאָר ענערגישן:

— ניטע!

בערל, וועלכער פלעגט טאַטע־מאַמען פאַרשייט איבערשרייען, אשר, מיט וועמען ס׳איז פול געווען אַ יעדע כאַטקע, ווו עס האָט זיך געהאָדע־וועט אַ יונג מיידל, אַלע האָבן זיך שוין נישט צוגערירט צו דעם, צו וואָס זיי האָבן זיך געהאַט פאַרמאָסטן. און היטן האָט מען זיי באַדאַרפט, און די מאַמע האָט זיך פון זיי נישט געקענט אָפּיאָגן. איצט איז גענוג געווען שאָשעס וואָרט: „ניטע, חברה!״ ווי די נאַשעדיקע קעץ זענען זיי אָפּגעשפּרונגען פון דער בלעכענער פושקע מיט צוקערלעך, זיי האָבן נישט באַוויזן אַרומצוועסן דעם בלאָק ברוינע כאַלווע. גלייך אָפּגעבריטע זענען זיי נישט געוואָרן. פאַר דאָס האָבן אין קראָם זיך אַריינגעשלייכט שכנישע מיידלעך מיט קלימפּערנדיקן מינץ און אין פּאַפּירלעך האָבן זיי אַרויס־געטראָגן ציטרין־געלע, שמעקעוודיקע צוקערקעס, אַ פאַרשוויצט שטיקל כאַלווע, אַ שקאַרמיצל פעפערמינץ.

— געזען, שוויגער?

שאָשעס פולע אויגן האָבן זיך אַ דריי געטאָן אין זייערע אויסגע־ברייטערטע נעסטן. זי האָט געגעבן אָנצוהערעניש: ווער ס׳איז שיין, איך בין קלוג. אָט די יונגען דער שוויגערס קענען אַרויסטראָגן ס׳גאַנצע גע־וועלב. מ׳דאַרף היטן. פּאַוואָליע, אַנישט וועט קיין איין שיקסע נישט אַריינקומען און אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ מיט בילאַנדערס קרעמל.

— האָסט, אָנעהאָרע, חכמה אין דיין קעפּל! — האָט די אַלטע גע־חנפעט דער שנור און מיט אַ קרעכץ זיך דערמאָנט אין קינדער, וואָס גייען אויס לתרבות רעה צווישן נאַשעדיקע שיקסעס, צווישן גויים וואָס האָבן נישט קיין טעם אין זייער לעבן און אין זייער פירן זיך.

געהיט ס׳געוועלבל פון דער שוויגער, האָט שאָשע אין איינוועגס אין זינען געהאַט זיך. ווי עמעצער זאָל דיר נישט זיין געטריי, פּילט ער קודם זיין אייגן לייב, — האָט זי זיך אויסגעלערנט אין דער פרעמד. און זי קען זיך נישט פּאַזוואָליען נישט צו טראַכטן פון דעם. רק זי איז באַ־הערשט פון דער מורא פאַרן מאָרגן. דערפאַר האָט זי נישט געלאָזט פאַלן

אַ דרים־פּאַדעם, אויב מ׳קען פון אים האָבן אַ שטיקל נוץ. און אין מיטן טוען האָט זי געהאַט די אויגן אומעטום. זי האָט מדריך־געווען דעם מאַן:

— אין דער וועלט טוען מענטשן אַנדערש. מ׳טאָר נישט אַזוי, קאַאַלמע...

— ס׳געפעלט מיר אַ מינדסט נישט, קאַאַלמע!

באותו הרגע האָבן דעם יונג אָפּגענומען הענט און פיס. דעם ווייבלס געדעמפּטע קול האָט אין אים לאַנג געזאָטן ווי דאָס געזאַנג פון טשייניק, וואָס גייט קיין מאָל נישט אַראָפּ פון דער הרובע. ער וויל זיך פּאַפּראַווען, ער וויל טוען ווי זי באַשטייט, און ער ווייסט נישט ווי אַזוי, קלמן.

און האָט שאַשע עפּעס געזאָגט, איז דער יונג געווען גרייט שוין צו טאָן איר רצון, כאָטש איר רעדן איז אים געווען אַ צוגעווינטס. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט אַז זי בעט זיך: „לאָמיך לעבן, קאַאַלמע״... ער האָט גע־קוקט אויף איר מיט עפּעס זוכנדיקע בליקן. דורך אַלע טויערן פון זיין ראיה האָט קלמן צו איר זיך געשטרעקט מיט גלוסטונג נאָך יענעם כוח, וועלכער האָט אין אים אַרויסגערופן דאָס מאָדנע אומבאַגרייפלעכע, וואָס האָט אויפגעכוואַליעט זיין גאַנצן מהות.

„זי איז שטאַרק קלוג, מיין שאַשע. אָפּאַטשנע איז אַ גרויס אָרט. זי איז געלאַרנט, זי ווייסט״ — — אָט ווי ער האָט לסוף אויסגעטייטשט דעם שטורעם, וואָס ס׳ווייבל האָט געבראַכט אויף אים. כאָטש אַזאַ שטיק צייט, וואָס זי איז שוין דאָ אין שטוב אויפן בערגל, איז שאַשע פון דעסט־וועגן נאָך אַלץ אַ פרישער מענטש. מ׳קוקט זיך כסדר איין אין איר. אָנ־געפּוישט מיט דעם נייעם, האָט קלמן זיך געבויגן אונטער דער ליבער לאַסט פון איר לערנונג און מוסר. זי, ווידער, האָט פלייסיק זיך אָפּגע־געבן מיט אירע טועכצן אין אַלקערל, איינגעקוקט זיך אין דער שוויגערס מסחר. די היימישע ווי די קונים האָבן זיך איינגעלייבט אין שאַשען, דער פּאַני פון שטאָט.

— אָ, קאַלמאָוואַ!

— אונדזער שנור זאָל לעבן און געזונט זיין.

— אונדזער שאַשע.

די מהומה, וואָס די אונטערגעוואַקסענע יונגען בילאָגדערס פלעגן אָנברענגען אויפן דאָרף, ס׳פאַרפאַלן ווערן פון דער איין־איינציקער דבורה האָט איצט מער זיך נישט אַזוי אָנגעשלאָגן אין הויז. דאָס געראָטענע

ווייבל שאָשע האָט בפירוש אויסגעפּולט די ליידיקייט, וואָס איז פריער דאָ געהאָנגען.

◆

אין קרעמל הויקערט זיך די צייט און עס צופּט זיך אַ קאַרגער גראָשן. אַ פויער פּאַרבלאָנדזשעט זיך אַריין, ער ציילט אויס קופּער־מטבעות פון זיין טאָרבעלע און לאָזט איבער אומעט. פרנסה פּאַרדינט זיך נישט, אָבער נויט איז אויך נישט ניכר. די משפחה זיצט אין היימישן קרענצל און שאָשע, דאָס יונגע צוקומעניש, איז איינע פון אַלע. מ׳איז שוין צו־געוווינט צו איר.

— קאַאַלמע, כ׳באַשטיי נישט אויף דעם!

געלאַסן, ווי זי וועגט אויס אַ פּאַפּירל מיט צוקערלעך, אַ ביסל הייוון, לאָזט שאָשע אַראָפּ די ווערטער. דער יונג, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ גע־שעמט פאַרן ווייבל, האָט געקניט פאַר איר ווילן. אין די אויפדערנאַכטן, ווען זיי זענען געוועזן איינע אַליין ביי זיך אין אַלקערל, האָט ער אויך אַזוי שעמעוודיק זיך איינגעבויגן צו איר פול געוואָרן לייב און די אויגן — מער ווי די ליפּן — האָבן שטילענקע זיך געבעטן ביי איר:

— האָסט צרות פון מיר, טייבעלע? שלאָג מיך, שאָשע־לעבן!

ווי אַ געקעכלטע פּאַווע האָט שאָשע זיך געטראָגן איבער שווער־שווי־גערס קאַמערן, עפּעס בעטנדיק, עפּעס מורמלענדיק האָט זי גערעדט. איר שטים האָט אָפּגעברומט אַ ביסל ליב־באַפּעלעריש. אין דעם שטאַרק גע־ענדערטן רעדן דעם ווייבלס, אינעם פּאַמעלעכן גאַנג דער שנורס האָבן די אַלטע לייט שוין פאַרנומען דעם בלאָסן צוזאָג אויף דער אומקלאָר־באַ־גערטער אויפריכטעניש, וואָס גראָבט זיך באַהאַלטן אין דער נשמה אַריין:

„אַ קאָפּ פרייד... אַן אייניקל!“

ביסלעכווייז האָבן אַלע שטוביקע זיך איבערגעקוקט, באַמערקט באַ־שיימפּערלעכע ענדערונגען אין שאָשעס אויסזען. פלעקן אויפן פנים, אויפ־געלאָפענע פיס, און אָפט שפּאַרט זי זיך צו אויפן געלעגער, איז להוט אַ דזשים צו טאָן אין מיטן טאָג. מ׳דערקענט. דערנאָך האָט מען זיך באַ־האַלטענערהייט געשושקעט דערוועגן, געפּרעגט דער מאַמען.

— ש׳דיין עסק, עכברוש, — האָט זי אָנגעשריגן מיט אַ שמייכעלע.

— אַ פעטער ווילסטו ווערן? — שווער און שוויגער האָבן עפּעטערס געגנ־מען זיך פריידיק איבערערעדן מכוח דעם. דערנאָך האָט די שטוב שוין אָפּן

געוואָרט אַן אייניקל פון דער שנור, און קלמן, אַ גערירטער פון שאָשעס געלאַסנקייט, האָט זיך געלייגט צו אירע טריט ווי אַ זאַנג לייגט זיך פאַרן שניטער.

— באַפעל מיר, וועל איך...

14

אין נויט

לאַנג ציט זיך דער ווינטער. ווי די נבֿלה פון אַ דערביוועטן בער וואַל־גערן זיך די קורצע, אַסמאַטישע טעג אין לאַקעטקע. קורץ און קויטיק־ברוין איז די שיין, וואָס שפּרייט זיך פונעם אַלט־אויסגעפּאַלענעם שניי; איבלדיק ברויזט אויף די שטילקייט אינעם מענטשישן מרוטשען און אין די טויבע אָפּהילכן, וואָס קייקלען זיך אַהער פון וואַלד.

פּריצישער יאַגד גייט אַן אין דער געדיכטעניש פון אַלטן וואַלד. הור־ליאַנקעס קומען פאַר אין די הייזער פון רייכן ספּאַלע און ס׳פויערים־פאָלק פון לאַקעטקע, פון קאַמיען, פון פּיאַסקי קוקט זיך צו און קרענקט זיך.

אַן אַריינגעוואַקסענער אין דעם קלעפּיק ווינטערדיקן גליווער ווילט זיך חיים יאַנטשען נישט אַרויסשמעקן אין דרויסן. זיין שלעפעריקן אויער אַרט די פאַררייסנקייט, וואָס טראָגט זיך מיט כלערליי קולות פון דעם פאַרשייטן ספּאַלע.

— אַ בייזן כוח דאָס האָט! — מורמלט ער, — די האָבער שטעכט זיי...

וואַיטשעך וואָנס וואַלגערט זיך אין זיין אויסגעקראָכענעם פּעלץ. ער וואָלט גערן איינגעדרימלט, אָבער ס׳דרימלט זיך נישט. ווי פּגעדיקע פליגן הייבן זיך די געדאַנקען. פון אים בורטשעט עס מיט באַסט:

— בהמות! קענען נישט ליגן פאַר זיך. אַ פויער באַדאַרף זיין פויער, מיט אַ ביסל האָנער פאַר זיין אָרנטלעכער האַרעוואַניע, און נישט אַ גע־שלאָגענער הונט, וואָס לעקט איטלעכן וואָס שטעלט זיך אַרויס פאַר אַ פּאַן... און אַ יעדער טנופת, וואָס קריגט זיך אַריין צווישן כלאָפּסקן נאָ־

ראָד, איז זיך היינט אַ יאַשניע וויעלמאָזשני! ניין, מיך קאָכט עס אויף. נישט גלייכער צו פּגרן אין שטוב, און אַזוינע נישט אָנקוקן? לאָז זיך פירן אויפן שטריקל פון וואַוזשיניאַקן אָדער פאַרקויפן זיך פאַר אַ קרבן צו די אויסלענדער אין ווילאַנאָוו. מ׳ווייסט דאָך שוין, מ׳גייט אויף אַ מיאוסן טויט. ס׳וואָרע אומגליק אַריינגעבערענגט אַהער און בהמות דאָר־פישע קריכן אַריין אין דעם. אַ בלישטשנדיקע מטבע ווייזט מען זיי, די פערדישע קעפּ, לויפן זיי צו איר און קריגן קלעפּ מיט אַ פייערדיקער בייטש. אַ פאַבריק כלומרשט. אין אמתן, אויף אַלע כאָלערעס, איז עס אַ צווינגטער, דאָס ווילאַנאָוו.

פאַרטרונקען אין שאָטן פון דער לעבלעכער ליימענער הרובע באַמ־קעט אויס טעקלע אַן אומצופרידענע:

— אַז די נויט קריכט אין הינטערחלק אַריין, זענען אויס אַלע חכמות! מענטשן ווילן פאַרדינען אַ גאַרניעץ מעל פאַר קליינוואַרג, אַ קלאָפּטער האָלץ. נישט יעדער קען זיך עקשנען ווי אַ שווערער אָקס! נויט איז שטאַר־קער!

— דו, פריצה, — הייבט וואָיטשעך אויף דעם צעשויבערטן קאָפּ — סוכאָטעס וועלן זיי קריגן, סוכאָטעס, הערסט! — פאַרביסנקייט שרייט פון אים: — וועסט זען... ס׳בלוט וועלן זיי אויסשפּייען, די לונגען צום איבעריקן אָפּגעבן דעם מנובל וואַוזשיניאַק. אַזוי קאָן ער נישט די כלאָ־פּעס, טרייבט זיי פון וואַלד, פאַרגינט נישט אַ צווייגל און אַז עס ברענט אויף אים די פעל, שיקט ער נאָכן כלאָפּ. צו פאַרדינען גיט ער? די געדע־רים רייסט ער אַרויס, דער פאַרחוצפּהטער! און די ווילאַנאָווער? זאָלן זיי אַלע פאַלן ווי די פליגן. „גייט, מענטשן, פאַרדינען אַן ערלעכן גילדן!...״ ווי פון בוימל אַרויס ציען זיך יאַסעקס רייד, אַז שרפענען זאָל ער, דער פּרי־צישער אונטערלעקער. ווען ר׳דאַרף מיך, איז ער אויך אַזוי צוקער־זיס. ער עצהט דעם געליטענעם דאָרפס־מאַן גיין אין וואַלד אַריין זיך איינ־שטעלן ס׳לעבן ביים יאַגד. פאַניע וויצענטי, אַ בראָך אין דיין לייב אַריין, פאַרוואָס שיקסטו יענעם? גיי אַליין, נעם מיט דיין יאַנושן. צו וואָס אים דער סעמינאַר אין טאָמאַשאָוו? גלייכער זאָלסט נאָך אַ פּאָר זלאָטיס אַוועק־לייגן. דער קבצן וועט שוין קומען צו דיר באָרגן, דער קאָפּ וועט אים שוין ווי טאָן — און וועסט נישט דערלייגן. אַ קרענק אויף אים! מיט גראַ־גערנדיקע מאָגנס אין וואַלד אַריין העלפן אין יאַגד, און באָרויסערהייט.

ער איז זייער סוואַט, זייער בראַט*, די יאַשניע פּאַנעס, דער וויעלמאַזשני וויצענטי יאַסעק.

— ר׳איז נישט קיין פּויליאַק, און געגוג. געווען אַ קבצן ווי אַלע, — עסט אים די פּויערטע די גאַל — ר׳האָט זיך אַרויפגעאַרבעט. האָט אַ קלוגן מוח אויף זיך. ס׳איז דען אַן עברה צו טאָן פאַרן אייגענעם הויז?

אין מיטן דערינען ווערט זי אַנטשוויגן און ברומט ווי פאַר זיך:

— אַ טענה האָבן צו מענטשן, וואָס טויגן זיך אויס, הייסט נישט גאָט!

טעקלע שטעכעלירט דעם מאַן פאַרן הונגער, וואָס מען הונגערט ביי זיי אין כאַטע. ער האַלט זיך איין איר נישט צו ענטפערן; ס׳טוט ווי אויך אים, וואָס ס׳הויז ליידט, אירע אומאויפהערלעכע רייד הייבן אים לסוף פון אָרט.

— ס׳טויג דיר נישט, מכשפה? — גיט ער זיך אַ ריס פון דער באַנק — גיי, ווער פאַני יאַסקאָווע! ביסט דאָך אַ יונגע קו, וועסטו אפשר אויס־געמען ביי אים, אויב וועסט נישט דאַרפן אַ סך פּרעסן... אפשר קיין ווי־לאַנאָוו זיך פאַרקויפן? זיי וועלן עס נישט דערלעבן, די מאַגנאַטן פון די אויסלאַנדס.

ער בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ צו דער ערדענער פּאַדלאָגע און מורמלט פאַרדראָסיק:

— אַ ים מיט אָרעמעלייט אָנגעקאָציעט די געגנט און אַלע שטעקן אַרויס די לעקערס. כאָטש העננ זיך! אַ שמעק טאַבעק, אויך זאָלץ איז אַ קרן. גייען, גייען די בהמדיקע דאָרפסלייט מיט אַלע שטעגן קיין ווילאַנאָוו, מיינען, צו אויפריכטונג דערנענטערן זיי זיך, די כאַטע ווערט מען דער־פרייען מיט אַ פאַרדינגסט, צו אַ קיעלע זיך דערשלאָגן... דערווערבן דער־ווערבט מען זיך דעם מיאוסן טויט. אַ פאַבריק פון משוגעים דאָס ווילאַ־נאָוו און נישט קיין זייד־פאַבריק. נישט בחינם פאַרבאַהאַלטן זי אין טויטן פעלד, אויף אויסגעהאַקטן וואַלד, צופיל אויגן זאָלן זי נישט דערגרייכן. קומסט אַהער, האָסטו שוין דעם אמתן תכלית. דאָ האָרעווע און דאָ צי אויס די קאָפּיטעס! מ׳שפּינט אַ פוילן חלום. אַרבעטסט אָפּ אַ חדשים זעקס־זיבן, ביסט אָפּגעריסטן פון דער היימישער נחלה און פּאַלסט.

* „זייער קרוב, זייער גואל״.

מ׳ברענגט דיך אַהיים אָדער דו דערשלעפּסט זיך אַליין ווי אַ שאָטן פון געשענדטן קרייץ אַראָפּ — — זעסט דען נישט, נאַרישע קו, די גליקן פון דעם ווילאַנאָוו: געלעכערטע לונגען און אַ חסר־דעהדיקן קאָפּ! באַלעק קאָוואַלטשיק, מעלכיאָר טשוראַ, פּעלעק קזשיווי — וויפל דיר אויסרע־כענען? און די פרויען? ווי צו די וואָס זשיפּען נאָך! און עס מערט זיך די מחנה משוגעים, מ׳גייט נאָך אַהין, מ׳חלשט נאָכן גראָשן און מען פאַר־שפּילט ס׳לעבן מיטן טויט אינאיינעם. ווער קוקט זיך אום אויף אַ משו־געגעם! ער שטאַרבט צומאָל נישט מענטשלעך. עס איבלט פאַר אים, דערעסט אַלעמען ביז ער פּאַקט זיך אָוועק: געוואָרט, טויט אונטער־זיך, ס׳קאַפּעט פון אַזאַ, ווי פון אַ געפּלאַצטער וואַסער־רער. די גאַזן האָבן אים אַזוי צעפרעסן. אַ באַגרעבעניש ריכט מען אויך נישט אויס פאַר אַזוינעם. און די פּראָנצוויזן פון ווילאַנאָוו — זאָלן זיי קענען פאַרהאַנדלען משוגעים, וואָלטן זיי דעם גאַנצן קאַנט גיך אויסגעשטעלט פאַר דער אמתער סחורה — —

וואַיטשעך הייבט זיך אויף און גיט אַ גיי, גלייך ער וואָלט ערשט איצט דערזען ס׳ווייב. מיט אַרויסגעשפּאַרטע אַגרעס־אויגן, האַרטע פון בייזקייט, דערנענטערט ער זיך צו טעקלען און רעדט מיט שנאה:

— הערסט, איך וויל מער נישט הערן, דו!...

אַ מאָל גייט מען אַריין צו אַ שכן. אַ שכן צו אַ שכן קומט, אָבער רעדן איז רעכט נישטאָ וואָס. אומעטום שטייט אַן אַנגעכמורעטקייט. אין ערגעץ איז נישט היימלעך, כאָטש די טירן זענען באַקלאַפּט מיט געפּלאַכטן שטרוי, די פענצטער מיט ליים פאַרקלעפּט. דורך אומגעזעענע וועגן שפּאַרט דער ווינט. פריקרע. קאָכט זיך ערגעץ אַ טאָפּ קאַרטאָפל, ווערט די אויס־געקילטע שטוב פול מיט פאַרע. ס׳ווילט זיך נישט שמועסן פון דעם, וועגן וואָס מ׳רעדט סוף־כל־סוף: פון אייגענע, וואָס ליגן מיטן קאָפּ אין דר׳ערד. ס׳פאַרפעלט קאַשע, ברויט באַקט מען איין מאָל אין חודש און אַ מאָל — מער פון קלייען ווי פון מעל. מ׳זיצט אויף קאַרטאָפל מיט וואַסער און אין מאָגן נאָגן ווערעם. דער רוב איז פאַרמשכונט ביי יאַסעקן. צו יאַסעקן פאַלט אַריין די גאַנצע האַרעוואַניע: ער איז כלומרשט אויך אַ געוויינלע־כער פויער, טויט מיט ווייב און קינדער אין פעלד.

ווידער ציט עס וואָגסן פון שטוב אַרויס, אָבער גיין איז נישטאָ וווּ. אגב זעט מען נישט גערן אַ שכן. אַ נאָכקוקער געקומען, מיינט יעדער.

אַרומדרייען זיך אונטערן אייזיקן הימל? אַ משוגענער דער וואַיטשעך, וועט מען זאָגן. שלאַנדערט אַרום אין זאַווערוכע, ווען וואַרעמקייט איז אַ סגולה פאַר דער ליידנדיקער נשמה. קעלט בייסט די באַקן, קלינגט אין די אויערן. ביי בילאַנדערן גלאַנצן די פאַדערשטע פענצטער, אָפּגעוואַשענע פון פראָסט. אין דער פאַרנטיקער קאַמער וואַרעמען זיי זיך. אַ לעבונג ביי די מענטשן; אַריינגיין אפשר? עס האַרצט אים נישט. פאַרטרויען זיך די זאַטע, איז אים אַ חרפה.

ער קווענקלט זיך און גייט פון דעסטוועגן אַריין צום קרעמער. עס נעמט אים אַרום אַ ווילע וואַרעם, נאָר די באַבעס דערעסן. נישטאָ וואָס צו פּלוידערן, פרעגן זיי:

— שכן, וואָס מאַכט די אַלטע? און ווי איז מיט מאַרילקען? זי בענקט מסתמא.

עך, ווי עס ווילט זיך נישט הערן אָט די פראַגעס! אומעט ווערגט אין די רייד.

...דער מילנער ליגט אַ געשוואָלענער. אויף וואַסערדיק־מוטנע בלעז־לעך, וואָס בערגלען זיך ווי מאַזאָליעס אונטער די קינען, ליגן די טיף אַריינגעפאַלענע אויגן. דאָס פנים איז באַוואַקסן מיט דראָטענע הערעלעך; די באַקן זענען שפּיציק, געל. אין קויטיקן בעטגעוואַנט שלאָפט ער מיט אַ כראָפּ. פון צייט צו צייט רעדט ער צו זיך, דערקענט נישט אַן אייגענעם. פון היץ איז זיין רעדן. די אויסגעדייוורטע ציג, וואָס האָט אים געהאָדע־וועט מיט אַ ביסל מילך, האָט פון רחמנות וועגן אָוועקגעפירט אַ קרובה פון הינטער אָפּאָטשנע. „עס וועט אויסגיין דאָס אָרעמע באַשעפעניש — האָט די פרוי געזיפצט — אַזאַ צער...” איבערן קראַנקן שטייט די צעלייג־טע מיל ווי אַ שוואַרצע מצבה. אַן אַראָפּהענגענדיק ברעט קלאַפּט טאָג און נאַכט, קלאַפּט און ברומט אָפּ מיט טרויער. אַ גורל פון דעם חרובן הויפל! זי איז אַנטלאָפן, די פאַני סטעפאַניע, און אַ פּיפּס נישט פון איר. דאָס טעכטערל האָט די ערד צוגעדעקט און ער, דער עלנטער, גייט אויס. אַן כוחות הערט ער זיך איין אין די ווידערקולות, וואָס טראָגן זיך פון דער אַרומיקער פוסטקייט. אים, יאַנען, האָט זיך נאָך אַגומלט אויסגעדאַכט: זי קומט צוריק, זיין סטעפאַניע. ביידע וועלן זיי וויינען אויפן בראָך, וואָס איז געקומען פונעם גאַנעק־שטיבל ביים וואָקזאַלעכל. סטעפאַניע וועט פאַרמאַכן דאָס געבעט־ביכל און אים זאָגן: יאַן, איך און דו זענען די איינ־

אונאײנציקע אויף דער גאַנצער װעלט, װעמען די גוטע האַלינקע האָט גע־לאָזן דאָס געדעכעניש נאָך איר; איך און דו, יאַן. צו װעסנע װעלן זײ אויפן קבר פֿאַרפּלאַנצן אַ רויזן־קוסט און אַ קאַלינע־ביימל. אַן אײנציקע קאַלינע אויפן סומנעם צװינטער. זי האָט ליב געהאַט סאַמעטענע רויזן, די ליכטיקע האַלינקע, זי האָט שײן געזונגען אונטער דער קאַלינע, װאָס צװישן די לעזלקע־ביימלעך אין פֿעלד. האַלינע מײנע!...

װי אַ קינד האָט ער זיך צעכליפּעט. גערעדט מיט זיך אַלײן, האָט דער קראַנקער אַן זינען אויסגעיאָמערט האַלינעס אַלע מעלאָדיעס און אַ מינדסט נישט געגומען אין מויל אַרײן. און ס'איז פֿאַרװאָרלאָזט געװאָרן די באַלעבאַטישקײט. דער אַרום האָט זיך געלאָשן פֿאַר אים. אַרײנגעטראָגן אים אַ לעפל עסן, האָט אַ שכנה יעדעס מאָל זיך באַגאָסן מיט טרערן: זי האָט פֿאַרקרימט דאָס פּנים און גיך אַרויס פֿון כאַטע. אַזױ־אַ פּלאָמט איצט די זון, האָט זי געמורמלט און געהויבן ס'קלײד איבערן אַנגעװאַלגערטן שנײ — דער װעט נעבעך נישט אויסהאַלטן. צופֿיל רײטלען זיך זײנע באַקן. אַ ביטערער סימן, יעזוס ליבער.

אײנער אַלײן געבליבן דער חרובער מילנער. דאָס געשװעסטער־קינד, װאָס האָט אַװעקגעטריבן די ציג, אַז זי זאָל נישט פֿאַלן נעבן דעם קראַנקן באַלעבאָס, האָט שוין מיטגעטראָגן מיט זיך די לויערנדיקע געל־קײט פֿון יאַנס אָפּשטאַרבנדיקן פּנים. מיט דערלײכטערונג פֿאַר איר זינ־דיקן האַרץ האָט זי זיך דערמאנט אַנעם געבעטבוך, װאָס זי האָט פֿאַרן אַװעקגײן אים דערלאַנגט אין בעט אַרײן. דער אויסגעפּרעגטער זילבער־צלם אויפן טאָװל איז געװען דער לעצטער העלער בליאַסק אין דער דאָ־זיקער כאַלופּע.

— דערמאָן דעם רעטער, װעט ער דיך נישט פֿאַרלאָזן, יאַן.

שוין טעג װי זי איז אַװעק און מײז און שפּינװעבס האָבן זיך גע־מערט אַרום דעם קראַנקן. זעלטן די טיר עפֿנט זיך אַהערצו. מיט אײנגע־זונקענע אויגן קוקט יאַן אין ערגעצװו און מאַרדעװעט זיך מיטן האַרץ. ער שלאָפֿט נישט, נאָר זײנע אויגן זענען געשלאָסן. פֿון היץ־פֿאַרבאַקענעם געהירן טראָגט זיך זײן בלאָסער, אומפֿאַרשטענדלעכער געמורמל.

װאָיטשעך װאָנס האָט געגראַבלט אין די װינקלען פֿונעם מילנערס פֿאַרװאָרלאָזטער הײזקע. ער האָט געװאָלט אויסװאָרעמען די קאַמער, אַ ביסל הײמלעך מאַכן דעם פֿאַרשמאַכטן חולה. צו גאָרנישט דערגראָבן זיך, באַ־

געגנט זיך נאָר מיטן אויפגעריסענעם בליק פונעם צאַנקנדיקן, האָט ער פאַרשולדיקט זיך אַרויסגעמאַכט פון דער כאַטע.

אַרויס, און פאַרווירט געזוכט אַן אויער פאַר דער אויפגעוואַכטער פּיין אין אים.

— כ׳וועל דיר זאָגן, — האָט ער זיך צוגעזעצט צו באָלעסלאַוו סטעמפּאַ, וועלכער איז געווען פאַרקנוילט אין מאַכאָרקע־רויך — כ׳האָב זיך געשראָקן פאַר זיך אַליין, ווען כ׳האָב געקוקט אויף יאַנען. צו אַזוינס דערגייט דער מענטש! כ׳בין נישט קיין פּחדן, געוווינט צו אַ גאַליקן ביסן אַפילו, נאָר אַז אַ לעבעדיקער מאַטערט זיך, איז מיר אַ ווייטיק. אַ מויז צאַפּלט זיך אין פאַסטקע, אַרט מיך. ס׳האַרץ — פאַרשטייסט?

— ווער גייט זיך אום מיטן קראַנקן? — פרעגט די באַלקאָווע.

— מ׳וועט דאַרפן אַ לוויה אויסריכטן, — ענטפערט וואָנס מיט טרויער.

אין פראָסט ווערט דער ישוב קלענער, דער נאָענטער וואַלד — אימה־דיקער. פון ספּאַלע ווייזן זיך וועלף קיין לאָקעטקע. זיי וואָיען ביי די לייַ־דיקע שטאַלן, קוקן אין די פענצטער אַריין. ביי ווענען ס׳איז נאָך געַ־בליבן אַ קאַלב צו כאַוועז, נעמט עס אַריין צו זיך; די עופות הויזן אויך מיט די מענטשן אונטער איין דאַך. זקנים, וואָס שלאָפן ווינציק אין די נעכט, גייען אַרויס מיט שטשאַפּעס פלאַקערנדיקן קין און פאַרטרייבן די הונגעריקע חיות אין דער סווישטשנדיקער נאַכט אַריין. איבערגעשראָקענע קינדער וויינען אין דער פינצטערניש. וועלף גייען אויף זיי מיט אָנגע־צונדענע אויגן, דערוואַקסענע רעדן גאַנצע טעג וועגן דעם. זיי שפּירן פון דער ווייטנס, די וועלף, אַז מענטשן שלאָפן. „מיין נישט, פריינטל, די חיה האָט מורא פאַר דיר. זי דערפילט באַלד, צי מ׳דרימלט. מען טאָר נישט פאַרשלאָפן. ווייסט אין וואַלד, מוזטו אַליין ווערן אַ חיה!“

דער שכן האָט זיך צערעדט פון דעם קוועלעניש און וואָנס שאָקלט פאַרטראַכט מיטן קאָפּ.

— רעדסט אויסטערליש, באָלעק, — מישט זיך אַריין די באַלקאָ־ווע, קוקט אויף וואָיטשעך וואָנסן. אַ באַלעבאָס דאַרף מען זיין, פאַרבאַ־האַלטן אַז די קאַץ זאָל די סמעטענע נישט אויפלעקן. אַ חיה איז אומע־טום אַ חיה. אין דער הייליקער שריפט זאָגט זיך אַז דעם מענטש דאַרף מען לייטערן מיט אָרנטלעכקייט. אַ מענטש וואָס איז ערלעך, האָט נישט

קיין אומזיניקע שרעק. גאָט דער דערבאַרעמדיקער היט דעם אָרנטלעכן און פון קושאַנדז הערט מען תמיד: האָב ליב דיין חבר. אין דעם מענטש איז אַ חלק פון גאָט.

— און איך האָב׳ס נישט געהערט קיין מאָל! — רייסט זיך אָפּ סטעמפּאַ. אַ גאַנצע נאַנע געוואָרן מיין באַבע, נאָר אין קלויסטער אַריין דאַרף זי זיך אַריבערקלייבן. — דיין טאַטע, האָט ער זיך אויסגעדרייט צום ווייב, האָט מיך גאָר געוואָרנט: היט זיך פאַר דעם, מייד אויס יע־נעם... אַ, דער איז ערגער פון אַ חיה!

— ער רעדט... — טענהט די פויערטע — דער זיידע אלויזי האָט מיך געלערנט: ווער ס׳האָט שכל, וואָרנט פאַר חיות, פאַר פאַרדאָרבענע לייט. האָב אַן אָפן אויג, אַן ערלעכס, וועט דיר קיין רעה נישט געשען. די וועלט איז אויף גוטס געשטעלט.

— קליינע קינדער, ווי גאָט איז מיר ליב! — לאַכט ביטער וואַ־טשעך וואָנס — מיט אַ קלאָניצע באַדאַרף מען אייך קלאַפּן איבערן מוח. ס׳אַ וווּנק אַזאַ, פריינדלעך! אויף זיסענקע פאַרשווינדלעך אַן אַנצוהערע־ניש. פאַרגעסט נישט, אַ קויאַוער איז געוועזן דער זיידע, אַ ברויט־האָ־דעווער, נישט קיין וואַלד־מענטש. אַ ווייכהאַרציקער, אַ פרומער. אַ קויל אַריינ־יאָגן אין אַ חיהשער פעל האָט ער נישט געהאָט קיין געוויסן. אַ ווילענקער אַזאַ, ווי אַלע יענע לייט פאַרצייטנס. הינער מסתמא געהאַלטן, אַ קעפּל פון אַזוינס דעם ווייב נישט געלאָזט אָראָפּדרייען. דאָס חזיר האָט ער אַליין געלויזט — די פירפיסיקע זענען געווים נישט אַזוי סכּנה־דיק ווי די וואָוזשיניאַקס, די יאַסעקס. אויב זיי זענען אין שטאַנד, פאַר־קויפן זיי דיך און מיך, אונדז אַלע.

— האַ־האַ, די פאַנשטשיזנע דערמאָנט זיך, דרוהו! די פריצימלעך די צעלאָזענע. שוין נישט יענע דורות, — כאַפּט זיך סטעמפּאַ.

— ס׳אַרע נאַר! ס׳זעלביקע סם איז היינט. אַמאָל האָט עס געהייסן: פאַנשטשיזנע, היינט רופט מען עס: דאַנינע. רייסן דאַנינע, בגוואַלד רייסן זיי און זאָגן זאָגט מען: דו גיסט אַליין, פרייוויליק. מ׳שינדט די הויט מיט פאַדאַטקעס, מיט ליכווע. ביי יאַסעקן אין האַלדז זענען מיר, אין די לאַפּעס פון פּאָוויאַט איז אונדזער גאַנצער געביין. דער פאַן וויצענטי, אַ כאָראָבע אויף אים, באַשטימט די גרייס פון אונדזערע שטייערן, אַ שאַ־

צער אונדזערער... עס רופט אים דער נאַטשאַלניק פון סקאַרב*, ס'עצהט זיך מיט אים דער וואַיט. ווילט זיך אים, פאַרשלינגט ער דיך.

— אויפן היפּאָטעק איז ער שוין אַרויפגעקראָכן ביי מיר!

— ביי דיר אויך שוין? — איז וואַנס נשתומם.

— ווען האַלט ער נישט ביים גאַרגל, דעם טייוולס שותף!

— הערט אויף קראַצן די געהירן! — איז די באַלקאָווע שוין אומגעדולדיק פאַר דעם גערעדעכץ, — זאָל ער, דער יאַסעק! פאַר אים וועט אַ שטאַרקערער געפינען אַ האַק. די אומגערעכטיקע וואַקסן אויס גאַר גיך, איינע איבער די אַנדערע.

אַן איינגענורעטער אין פעלץ פלעגט וואַיטשעך וואַנס ווייט פאַרגיין אין די שנייען. איבערן דאָרף שטייט אַ ווייסע קעלט. די דאָרפישע גאַס פאַרלויפט צום בערעזע־וועלדל און פון וועלדל, וואָס פלעקט דעם שניי, הייבט זיך אַן אומענדלעכע ווייסקייט, אַ ווייסקייט ביז אויגנווייטיק. ער ווערט מיד פון פלוידערן מיטן שכן, גייט ער אין דער ווייסקייט אַריין. מיט אייז־שטייפע ברעמען קערט ער זיך אום צוריק אין שטוב אַריין, לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער געשייערטער באַנק. אויך צו באַרטעק אַלכאַ, צו סעוועריין ביאַלי פלעגט ער אַריינגיין אויף אַ שמועס, הייבט האָט עס אים געטריבן פון יעדן. צו פטרן דעם אומעט, האָט ער אַרומגערוהט מער אין דרויסן, שטאַרק זיך אויסגעפרוירן. אין דער היימישער טריבקייט ווילט זיך נישט אַריינקוקן. זי בווערט צופיל אין די בלוטן.

— נישט מ'פגרט און נישט מ'לעבט, פשיאַקרעוו, — זאָגט ער.

אַן אָנגעכמורעטער וואַרפט ער צו אַ וואָרט דעם ווייב. מיט איר זיך ברוגזן? סוף־סוף פאַלט אויך איר איבער דער פלייצע דער שווערער שטעקן. זי ברעכט זיך. ביינאַכט, אין גרויסער פינצטערניש, קליגט זיך טעקלע אַריינצושלייכן אין וואַלד, אָנצוברעכן אַ בינטל האָלץ. די שטוב טרייבט. דערנאָך גייט זי אַרום אַ גאַנצן טאָג אַ שלעפּעריקע, ס'שווידערט אין די ביינער די נישט אויסגעשלאָפנקייט, געגעצט, רייסט זיך ס'מויל און האָט מורא זיך אַוועקצולייגן. ער וועט בורטשען אויף איר. ריכטיק, ער איז בייז, לאָזט זי נישט אויף די אויגן. כ'בין אַ שלעכטער — נישט ווייל כ'וויל, נאָר ווייל מ'האָט עס פון מיר געמאַכט, הינטישע יוכע! אויך אַ

* שטייער־אַמט.

שכן נישט צו פאַרטראָגן מחמת דער זעלביקער בראָך. נישט מע פגרט און נישט מ׳לעבט, צו אַל די שוואַרצע יאָר! — צעמרוקעט ער זיך און די אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס טרייסלען זיך פוכיקע ווי קעצישע עקלעך.

אָקערשט זידט עס פון ס׳ניי אין אים. אַ דערמאַנונג אַ פריקרע אָנגעגאַנגען ווי אַ שווערער וואָגן איבער די געהירן:

— מ׳פגרט, וואָיטשעך, — איז צו אים אַנומלט אַריין מיעטעק לאָפּאַטאַ פון גורסקע סכאָדי — זאָלסט זען ווי עס איז אויסגעגאַנגען דער לאַמער זדזשישעק, דער וואָפּניאַזש. קראַנק זיך אַנידערגעלייגט און זיך געמאָרדעוועט אָן רפואות, אָן לאַבונג. ווי אַ פאַרוווּנדיקטע חיה זיך געוואַלגערט, אין וואַלד געזוכט גענעזונג. ס׳איז׳ן שוין בעסער, ר׳האָט זיך גענענדיקט. ערשט טוט אים גאַרנישט וויי, וואַרט נישט אויף מענטשנס גוטס. דעם פערטן טאָג ליגט ער, שוין אַ טרונע אויפגעקלאַפּט, נאָר צונעמען פון שטוב קען מען אים נישט. דער סאָלטיס פאַרווערט. ס׳דאַרף קומען דער רעיענט, ס׳קומט דער נאַטשאַלניק פון שטייער־אַמט, מ׳דאַרף נאָך, נאָך קומען. נישטאָ קיין יורשים זיך צוצערעכענען, באַדאַרף מען צונויפשטעלן אַ פּאַפּיר, כלומרשט ביים בייזיין פון געשטאָרבענעם. מיט תפיסה סטראַשעט ער, מיט פּאָליציע, דער הונט! ס׳איז קאַפּנע דער וועג, אַ פערד איז שווער היינט זיך דורכצורייסן אַהער, דערפאַר גדזויערט עס, זאָגט דער פאַרשיוויעץ. מ׳ווייסט שוין... מ׳וועט זדזשישעקן באַגראָבן נישט אויפן צווינטער. דער וואָיט איז דאָ געווען האָט ער אַ דריי געטאָן מיט דער בלאָלעכער קאַרטאָפּל־נאָז. אַ ווידערשפּעניקער, האָט אין גאָט נישט געגלייבט, טענהן זיי. דעם יעלעניער גלח, דעם אַלטן גאַבריעל, האָט ער דורכגעטריבן. געווען עדות, שטשירעט דער גרויסנאָזיקער. געקומען ווידוי זאָגן מיט אים און באַליידיקט.

— אַזוי? און פאַרן טויט נישט מורא געהאַט?

„גיי, פאַטלאַטער בער!״ — האָט דער מסוכן קראַנקער אַ מאַך געטאָן מיט דער סוכאָטנער האַנט — „גיי, ביים לעבן העלפסטו נישט, וועסטו נאָכן טויט אַוודאי נישט צונויץ קומען דעם געשטאָרבענעם, דו, פּאַסטעך פון נאַראָנים...״

— אַכ־כאַ־כאַ! באמת אַן אומגלייביקער געווען, דער קאַליקע.

— פאַרציילן פון אים... ס׳וועט זיך דען פּאַמעסטשען אין קאָפּ אַלצדינג? אַ דרייסטער געווען און אַ קאָפּ־שטיק. אַ ריכטיקער צוגווינט האָט

אים דורכגעלופּטערט. ר׳האָט פּיינט געהאַט די פּריצישע אונטערלעקערס, נישט געשעמט זיך צו זאָגן אָן אמתדיק וואָרט, אַט ווי!

15

שטורעם אינעם לאַנגווייל

ווען דער דאָרפישער הימל הודזשעט, גלייך מ׳וואָלט אים מיט האַר־טע בעזעמער אויסגעקערט, זענען די לייט מער איינגעהאָרכט אין זיך און איינגעהאָרכט אין די ווידערקולות פון ספּאַלע. אַ סך מאָל האַלטן אָן די ווינטן איבער דער געגנט טעג און נעכט דורכאַנאַנד. אין די ביינער קריכט אַריין אַ שניידיקע קעלט, די ווענט פון כאַלופּע טרינקען זיך אין פּויזנדי־קער גראָקייט, ווי אין וואָלקנס. און דער וואַלד צעוויגט ס׳בלוט. דאָרט איז אַזאַ שפּע, אַזויפיל געהילץ וואַלגערט זיך, אַ ים מיט שוואָמען און יאַגדעס גייען לאיבוד און דאָ — פּגר! ס׳האָט הנאה דערפון דער פּאַן דזשעדזשיץ, אין זיין אומווערדיקער מאַמען אַריין! פון קרענקעניש, וואָס צעברענט ס׳איינגעווייד פון דעם הונגעריקן פּויער, ווילט זיך נישט קוקן אין יענער גיהנום־זייט. וואָלט אַ שריפה געקומען אויף דער געגנט, וואָלט דער געקריוודעטער נישט שטאַרק געליטן אין דער נשמה — אַפילו ווען זיין באַלעבאַטישקייט זאָל אַוועק מיטן רויך. אָפּגעמעקט, וואָלט מען אפשר אַוועק ערגעץ אַ זוך טאָן אַ מענטשלעכן מקום. אָן אַזאַ שטאַרקן ביס אין די סאַמע בלוטן, וועט דער מענטש נישט פּועלן ביי זיך: וואַרף ס׳גע־בוירנאָרט און גיי! דאָך, דאָ אויסגעוויגט געוואָרן. אַ סוף! געווען אַ העק אַזאַ, געווען אַ האָפּענונג אויף עפּעס און אויס. — — פון וואַלד שטשי־רעט וואַזשיניאַק, ס׳לויערן די פּאַרריסענע וועכטערס. הינטער יעדן בוים זענען זיי אויסבאַהאַלטן. מ׳זעט זיי נישט און, טרראַך! די מענטשן דראָען זיי מער ווי די חיות. ווען די וואַלד־ברואים פּאַרמערן זיך, האָט מען אויף זיי רחמנות. האָסט שוין געהערט אַ שאָס טאָן אין די מוטנע טעג פון בלעטערפאַל? מ׳האָט אַ סך מאָל געשאָסן; אַוודאי, אַוודאי. אויגעניע וויש־ניעווסקין דער שוואַנגערנדיקער האָט אַ קויל געטראָפן אין וואַלד, אין

ראַמאַן קאַמישעקן האָט מען געשאָסן און אַנגערייצט אויף אים די הינט. ערב די פּרעסט איז עס געווען, געדענקסט דען נישט יענע קלאָג־טעג? אַ הילך, אַ טויבער הוסט אַזעלכער און אַ מענטש איז געפאַלן. און שאַ. נישט קיין משפט, נישט קיין נקמה. נאָר פּאָר אַ פּאָר פאַרוואַלגערטע צווייגן, אַ זעקל כוואַיע פון אונטערן שניי. „האָסט געגנבעט!" — — דערשטיק זיך, צעטרייסלט הארץ. ווי אויף צו להכעיס גרילצט פון דאָרט דאָס פרעכע גע־לעכטער. דעם גאַנצן גייענדיקן ווינטער הוליען די שררות און די פענצ־טער פונעם פּאַלאַץ לאַכן טאָג און נאַכט פון דעם אָרעמאַן.

אין דער קאַלעמוטנער צייט איז דער מענטש און זיין כאַטקע מער אַנזעעוודיק דעם שכן, וועלכער האָט ווי אַ וואָרעם זיך פאַרקנוילט אין זיין ווינקל. ביי וואַיטשעכן, ביי באַלעקן איז קאַלט, ס'איז חושך, די קינ־דער ליגן געשוואָלן אין די קישנס און ביי יענעם רייכערט זיך יאַקאַש אין קוימען. פון וואַנען האָט ער? קנאה גלאָצט פון די אויגן, די נאָז שמעקט זשעדנע דעם רויך: טאָרף, צי סאָסנע?... טשיקאַווע, אַנדזשיי זשימניאַק האָט ניטל־צייט פאַרקויפט ס'בהמהלע, דאָס גערעטעניש איז געווען אַ קלאָגעדיקס, קרובים האָט ער, זענען זיי אָרעם ווי דער שוויענטי דוך* — פון וואַנען זשע? נישט גלאַטיק מיט דעם פאַרשוין. ס'הערט זיך וועגן אַזוינע, וואָס פאַרקויפן די נשמה פאַר אַ טאָפּ לינדזן. וואַצעק וויטינער האָט'ן געזען אַריינגיין אין גמינע. מסתמא נישט אומזיסט. אַ צד ביים וואָיט, און ווער איז דער וואָיט? פאַן־בראַט מיט פּאָליציע, מיטן סטאַ־ראָסטע, אַ פאַררעטער. מ'קען נישט שווערן פאַר אַזאַ אַנדזשיי. צייטן אַנ־געשטאַנען! מ'באַדאַרף זיין געהיטן פאַר איטלעכן. מ'ווייסט דען, ווער ס'איז דיין שונא? ער גייט אַריין צו דיר: וואָס מאַכסטו, ברודערל? אפשר דיר העלפן קרעכצן, וועט דיר גרינגער זיין. אַזעלכער האָט שטענדיק אַ ממזריש געלעכטערל אויף די ליפּן, אַ ווייך וואָרט... אין דער אמתן: פון וואַנען ווייסט מען, ווי אַזוי עמעצער האָט זיך אויסגעבויט אַ פּאָר שטיוול און ווער ס'האָט אין הונגער פאַרטאַכלעוועט אַ יאַלעווקע?

חיים יאַנטשע, וועלכער שלאָפט זיין פויערישן ווינטער־שלאָף, דרעמלט אין די נעכט מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן. ער הערט דעם דרויסן, וואָס קלאָגט אויף כלערליי שטיפערישע פייפלעך און טראָמבעס. אַלץ איז אין שלאָף און אין פאַרטייעטן שווייגן פאַרשפּינט: סססזזי־י... אַז פון

---

* דער הייליקער גייסט.

וואַלד טראָגט זיך דאָס טויבע פּלאַצן פון דיביימער, הייבט חיים יאַנטשע אויף דעם צעקנוידערטן קאָפּ און רעדט, כריפּנדיק, אין דער אָנגעהייצ־טער פינצטערניש אַריין:

— צ׳הערט? — איז ער זיכער, אַז פּונקט ווי ער זענען אַלע וואַך.

אַן אַראָפּגעפאַלענע צעוויגט זיך זיין שטים אין דער אָנגעדראָלענער טונקלקייט.

— אַ ווינטער, אַ ווינטער זיך געשטעלט! און ס׳הייבט זיך ערשט אָן... ס׳רעדט וואַרטער!

ווער עס הערט, מיינט: דאָס רעדט מען אַהער פון דאָרט, פון וואַנען ס׳קומט דער געפרוירענער טויט. מ׳האָט מורא פאַר דעם קול. מ׳כאַפּט זיך אויף איבערגעשראָקן: וואָסי? ווער איז דאָס?... מ׳דערקענט נישט באַלד דעם אַלטן.

— שלאָף, שלאָף! — בורטשעט די יאַנטשעכע פונעם באַרג בעטגע־וואַנט אַרויס — יאָקבי ר׳וואָלט ערשט געבוירן געוואָרן —

זי האָט פאַראיבל אויפן מאַן, למאי ער שטערט איר פוילן חלום.

און איז ס׳געזינדל שוין אויפגעקומען, הייבט זיך אָן אין הויז אַ מיטנגאַכטיק געגאָדער.

— די פאָלעוואַניע וועט זיך ערשט צעברענען. די שררות וועלן זיך דעריאַכמעצן, — הערט זיך בערל. דער יונג ליגט אויף מיט וואַכע אויגן, הערט דעם געהייל פון ווינט, וואָס טרייבט פלאַכטעס שניי.

— ס׳אַ כאָלערעדיק וועטער, — גורעט זיך דבורה אין די פעדערן. דורך די אויגנשפּאַרעס דערזעט זי אין דער פינצטער דעם גאַנצן דרויסן — — אַ רויכיקע רייסט זיך די קעלט פון די בערגלעך און פון דעם פאַר־כיקן שרונט פון דער פּיליצע, בררר!

— אווו, — שטיפּט בערל אונטער דער פערענע. די מוטער פאַר־גינט אים נישט דער ווילטיק:

— לייכטע קעפּ, צ׳וועט פּאַפּן?

אין דערבייאיקן שטיבל קוקט קלמן מיט פאַרפּאַפּטע אויגן אין פענצ־טער אַריין. אַ שוואַרצע ווי אַ קודלאַטער הונט, האָט די נאַכט געוואָר־טשעט, געשאַרט זיך אונטער דער וואַנט; ער האָט זיך געדרייט אין בעט־געוואַנט.

— לאָז דיך נישט אָרן, — האָט שאָשע זיך געוועקט — אַ שכל דאָס האָט. געמאַכט אַ געריידעכץ, ווען מענטשן דאַרפן שלאָפן.

פון שלאָף אַרויס רעדט זי און שלעפּט אַראָפּ דעם מאַן צום קישן.
„אַ זיצעכץ זיך געמאַכט!“ איצט האָט ער געזען: די פּינצטערניש שפּרייזט אַ באָרוועסע, אַ הוילע איבערן אַלקער. ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט שאָשע נאָך געמרוקעט אָפּגעריסענע ווערטער.

מיט אַלע זיינע חושים האָט קלמען ערשט אַרומגענישטערט אין דער אומדורכדרינגלעכער פּינצטערניש. איבער אים האָט געוועלטיקט דעם ווייבס אומרו: וואָס וועט זאַן דער תכלית, קאַלמע, אויב ס׳וועט נישט זאַן קאַ׳ גראָז? גראָז־קעלבער שוין געגוג געווען. מ׳דאַרף גיין פאַר־זיך.

אַפילו אין שלאָף איז דאָס אים נאָכגעגאַנגען. שאָשע האָט עס אַרייַנגערעדט אין אים תמיד, און דאָס האָט זיך קלמנען אין בלוט איינגעגעסן. אַ גאַנצן ווינטער פּייניקט עס אים. „מ׳עט׳ס דערלעבן, ס׳עט זיך אָנהייבן אַ ריר טאָן, ׳עט מען זיך נעמען פאַר אַן אייגענער שטוב.“ ער האָט עס געזאָגט דעם ווייבל און אַליין אַרומגעגאַנגען מיט דעם, ווי מיט אַ סוד, וואָס בעט זיך צו בלייבן סוד לאַנג, לאַנג. און האָט זיך אין מיטן נאַכט אַ רודער געטאָן הינטער דער וואַנט, איז ער באַלד געווען וואַך מיט זיין געדאַנק: „ס׳עט זיך נאָר אַ ריר טאָן“...

אין קראָם אַריין איז מען געגאַנגען זייער זעלטן. די סטעזשקעס, וואָס האָבן געפירט צו דער בילאַנדעריכע, זענען פאַרשאָטן מיט הורמעס שנייי. די ערד האָט ברוגז געסקריפּעט אונטער די פיס. אויפן אויוון האָט חיים יאַנטשע מיט זיינע שטייפע ברעמען געסקראָבעט די סטעליע, נאָכגעשפּירט איטלעך פּיצל ווערעמל, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון די האָלץ־שפּאַלטן. די יונגען האָבן געוואָרפן קאַרטאָפל אין דער הייסער אַש אַריין. שאַרנדיק מיט די הינטנס אויף די נידעריקע בענקלעך האָבן די פרויען ווי די בינען זיך געעסקט ביים פייער. אַלץ האָבן זיי געטאָן אַנטקעגן פלאָם. שעהנלאַנג געזעסן אויף אַן אָרט און אַריינגעקוקט אין צעזשאַרעטן פּיסק פונעם אויוון, ווו ס׳האָבן געשיפּעט און געפּויזעט קנוילנדיקע פייער־בלעטלעך, פּיאָלעטע און גרינלעכע, וואָס פאַרגייען זיך אין קאָנוווּלסיוון געלעכטער, ס׳האָבן זיך געוויגט בלייכע, ווייס־ווערנדיקע פלעמלעך, וואָס פאַלן אַוועק אין בלאָלעכע רויכלעך אַריין. שעהנלאַנג באַגעגענען זיי זיך מיט פאַנטאַסטישע אוזאָרן. בראָטן זיך די באַקן, און וואַרפן צו שפּרייזלעך האָלץ. אין זייערע אויגן שפּיגלט זיך אומעטיקע היימלעכקייט.

אויף דער פּליטע האָט שרייאיק געקוואַקטשעט אַ טאָפּ קרויט; אַרבעס האָבן געבורטשעט אין אַ ראָנדל מיט אַ לאַנג הענטל; אין אַ סאָגאָן — אַ

שוואַרצער ווי אַ ריזיק איבערגעקערטער הוט — האָט סכּנותדיק זיך גע־וואָרפן און געליאַרעמט אַ מעסטל קאַרטאָפל. די שטוב האָט זיך געטיקט אין נעפּל פון דושנער זויערקייט.

ביים עסן האָט מען געשוויצט און געפּרייכט. זומער פלעגט קיין מאָל אַזאַ קוויקונג זיך נישט טראָגן אונטערן פולאַפ פון די גרויסע פּראָסט־געטעסעטע בעלקעס. זומער זעצט מען זיך נישט אַוועק באַנאַנד אָפּעסן. ס׳ציט דאָס פערד אויפן וויהאַן אַרויס, ס׳לאָקט דער וואַלד מיט זיין קיל־קייט, מיט פאַרוועורטע יאַגדעס און עס לאָקן די אומבאַגרייפלעכע שפּי־רונגען פונעם נאָך נישט דערקענטן, וואָס ליגט פאַרהוילן אין דער מור־מלענדיקער דורכזיכטיקייט פון די זאַנגען־לאַנעס, פונעם הירזשען און צווי־טשערן, וואָס ציטערט איבערן פליוש פון דער לאָנקע. עס איז עפּעס נישטאָ קיין צייט אין די שטאַרק ליכטיקע טעג. מ׳כאַפּט אַ ביס, אַ שלונג און זשגייענדיק פאַרלירט מען זיך אין די פליינען, אין די סעדלעך און פון אומעטום קומען אַנטקעגן די צוזאָגן פון שייגעם לעבן. די קעלטן באַהעפּטן מער דעם מענטש מיט די לייבלעכע. ערשט איצט זעט זיך אַרום חיים יאַנ־טשע, אַז דבורה, זיין „אויסקראַצעכץ״, איז שוין אַ שפּאַרע מויד. אַ ברייט־ביינִיקע, אַ פעסטע מיט גראָבלעכע, רויטע פיס. אירע קיילעכיקע באַקן און העזהדיקע אויגן גיבן אים אַ צופּ ביים לעפעלע. אומגערן האָט דער ייד פלוצלינג דערווישט די לאַסט פון זיינע אייגענע געפּרוווטע יאָרן, פון דער יידישקייט, וועלכע ער האָט געירשנט פון דעם האָרעפּאַשנעם טאַטן, ער זאָל לויפן בעטן.

די אויגן שפּאַרן אַרויס חיים יאַנטשען פון קאָפּ: די שטוב איז פול אָנעהאָרע מיט יורשים, אַזעלכע גרויסגעוואָרענע, געראָטן אין איטשע מאיר מאַלעניצער, דעם זיידן, זיינע האָר, זיין געשטאַלט. רויטלעכע אויפן פּנים, פלינקפיסיקע. צו אים, דעם טאַטן, נישט ענלעך, אַ מינדסט נישט ענלעך. נאָר לויפן, ווערן פאַרפאַלן, אַבי נישט זיצן אין דער היים. פאַר דער היים קיין דאגה נישט... אוך, ווי ער איז יונגווייז אויסגעריסן גע־וואָרן! געווען אַ שטוב מיט קינדער, איז יעדער זיך געגאַנגען זיין וועג, צעפּאָרן זיך, געזוכט זיך בעסערס, לייכטערס; ער איינער האָט זיך גע־האַלטן ביים טאַטן. אַ קוק דעם טאַטנס און ר׳איז געגאַנגען אין שאול תחתיה אַריין. דעמאָלט איז דער שכן געווען אַ ידיד, ס׳בלוט פון אייגע־נעם פינגער אָפּגעגעבן פאַר דיינעטוועגן. און דער קונה איז געווען אַ קונה. ר׳האָט געגעבן צו פאַרדינען, כאָטש ער האָט זיך הונדערט מאָל

געצלמט, כאַטש דער אַקעווייט האָט פון אים געסרחעט. און דאָס־אַ? אַ מענטש פאַרגינט נישט דעם שכן זיין ביסן. פאַר וואָס, פאַר ווען אַזאַ שנאה? ער איז דען נישט דער זעלביקער תושב אין לאַקעטקע, ווי עס זע־נען געווען די טאַטעס, די זיידעס? דער זעלביקער און דאָך נישט דער זעלביקער. די צייט איז אַ קאַליעדיקע, און די קינדער גייען נישט אין טאַטנס דרכים. ס׳אַ זינדיקער דור דער היינטיקער, אַ נישט געגערעכטפאַר־טיקטער דור. חיים יאַנטשען האָט עס אויסגעפּליקט שטיקער נשמה, אָבער אויף אָפּגעבן זיך מיט קלערן טראָגט נישט דער מוח. ער איז ווידער אַרויפ־געקראָכן אויפן אויוון און געפּרוווט צוטאָן אַן אויג. אָבער ווי? פון אונטן איז אויפגעשטיגן אַ געדיכטער רויש. אַן עס־רע דאָס איז! נאָר מען רעדט און מע רעדט. די היימישע שטוב און דאָס רוגזהדיקע פויקן פונעם אומוועטער אין די שויבן האָבן אים געטרייבערט די נערוון. דער ייד האָט זיך געשפּירט אויסגעהוילט פון קאַרטאָפל־זאַטקייט, מיד. געלעגן און גע־מרוזשעט די אויגן אין דער באַשטענדיקער טונקלקייט אַריין. אַז דער פריער אָוונט האָט געמומען אַריינבליקן, האָט ער זיך מיט אַ מאָל אויסגע־טשוכעט. אין שטוב האָט זיך געהערט זיין לאַנגער גענעץ. דערנאָך איז פון דער הייך נאָכגעקומען זיין אומגעריכטער געשריי:

— בערו! ע, בערו?

און ווידער:

— ביסט פאַרפאַלן געוואָרן, בחור! — און פון דאָס ניי זיך פונאַנ־דערגעגענעצט.

בערל האָט זיך געשיבערט ביים אויוון און געבעבעט מיט פּאַנפּע:

— כ׳על שוין!

ער האָט שוין פאַרשטאַנען דעם טאַטנס מיין, אָבער פון אָרט זיך נישט גערירט. ווי אַ קאַץ זיך אויסגעלענגערט. שלעפעריק האָט ער זיך געקראַצט אונטערן העמד, ווען דער פאָטער האָט אים געטרייסלט מיטן געשריי.

אינעם רוף פון חיים יאַנטשען האָט זיך געהערט דער באַלעבאָס פון גרויסן עול און ס׳האָט אויך די ווייבער אַ באַוועג געטאָן. אין דער טונקל האָבן זיך אויסגעטיילט זייערע געשטאַלטן. געבורטשעט אויפן יונג, למאי ער הערט נישט, האָבן די פרויען, שמאַרנדיק מיט די נעזער, מיט שטויס־מעסערס גענומען קלאַפּן, גרייטן אַן אָברעק פאַר די בהמות. פון דער מע־קענע האָט אין חלל זיך געשפּרייט אַ געמיש פון האַרבע, קיצלדיקע רי־

חות. עס האָט זיך געשפּירט רויער בורעק, פאַרשימלט קאַרטאָפל־שייִ־לעכץ, פוילע קרויט־בלעטער, פאַרדומפּעצטער קלייען. אַז דאָס קווילן פון דעם דאָזיקן געמויזעכץ האָט ראַפּטעם זיך איבערגעריסן (אַ שווערער וואָגן, האָט זיך אויסגעדאַכט, איז צוגעפאָרן צו דער שטוב), איז חיים יאַנטשע קאַפּוירגעקומען אין וואַטענעם שפּענצער און שוואַרצן, פוטערנעם טשאַפּיק, וואָס איז אים געקראָכן אין קאַרק אַריין. ער האָט זיך אָנגעבויגן און מיט די קורצע, גראָבע הענט אַרומגענומען דאָס מאַכטיקע, הילצערנע שאַף מיט דער האַרבער מעקענע. ער האָט געפּרייכט איבער דער אומבאַ־וועלטיקטער מאַסע און אין טריבן ליכט האָט עס אויסגעזען ווי נישט ער, וועלכער איז געווען אויסגעשמירט אין קאַלך, נאָר דער איוון האָט אויף מגושמדיקע פיס אַרויסגעפּויזעט אין מיטן שטוב אַריין און ער סאַפּעט, דער איוון. און ס׳איז טונקל געוואָרן, גאָר טונקל אין הויז. פלאַסטנוויַיז האָט זיך דאָס שיטערע גראָ געלייגט אויף דער בלאָקייט פונעם שנייִ, וואָס האָט אַריינגעבלינצט אַהער.

פון יענער זייט וואַנט האָט זיך דערנאָך אָנגעשלאָגן חיים יאַנטשעס גערייד. אַ מילד גערייד אַזאַ, וואָס האָט ווייט פון דאַנען אָפּגעוואָרפן דעם חיים יאַנטשען, וועלכער שנאָרכט אַ פעליקן ווינטער אויפן פּיעקעליק. דאָס האָט דער באַלעבאָס זיך צעשמועסט מיט דער קו, אַ טאָפּטשענדיקע אין גנאָי; ער האָט גערעדט און די בהמה האָט אין דער שטאַל־טונקלקייט אויסגעשטרעקט אירע פייכטע נאָזדרעס, פונאַנדערגעעפנט די גלאַנציקע אויגן ווי די שפּיגלען. חיים יאַנטשע איז מיט דער האַנט אַריבערגעגאַנגען דעם בהמהשן רוקן, געגלעט די ביינִיקע שאַרפקייט. אויף דער צווייטער זייט „סטוילע" האָט ער דערנאָך געלאַטשעט דעם שטייפן בויך פון פערד. דער שימל האָט הייס געציטערט מיט די נאָזלעכער, געוואָרפן מיט דער גריווע און לאַנג געהירזשעט.

געשטעקט אין בין־השמשות האָבן די הויזיקע געשוויגן, גלייך אין דער אַראָפּגעפאַלענער פינצטערניש וואָלט זיך אויפגעלייזט יעדער באַ־גער צום ערגעץ פאַראַנענעם, דעם אומבאַוווסטן, וואָס שלאָגט פאַרהוילן אינעם בלוט. אַ פונק לעבן האָט דין אַרויסגעקוויטשעט נאָר פון אונטער דער פאָדלאָגע, ווו אַ מייזל האָט זיך דערשפּירט איינגעקלעמט. ס׳האָט זיך נישט געגלוסט אָנצוצינדן די לאָמפּ. אינעם פינצטערנדיקן איוון האָט זיך לאַנגזאַם געשאָטן די אַש. אין פאַרצערטן פייער האָט זיך נאָך באַ־

וועגט אַ האָלעוועשקע; גאָר פלוצלינג האָט זיך אויפגעוועקט דער שלאָפנ־דיקער קוימען: וווהו־ו־וו!

ערשט ווען אין דרויסן האָט אָנגעקלאַפּט אַ לאָדן אָנעם פענצטער — חיים יאַנטשע האָט געטאָן זיין עובדא פון פאַרמאַכן די לאָדנס אויף נאַכט — האָבן די לייט אין שטוב זיך אויפגעכאַפּט פון גליוועך. ס'האָט זיך אויפגעהויבן דער אָוונט־אָוונטלעכער רויש. ס'האָבן זיך אָפּגערופן די אייזערנע טעפּ, ס'האָט געגנומען זשוזשען די טשוהונענע רייש־פאַן מיט די וואַרעמע ריחות פון פעטס און ציבעלע. ס'האָט זיך געשטעלט אַ ניי גע־רעדעכץ.

אויפגעבערענגט דאָס רויטלעכע ליכט פון דער לאָמפּ, וואָס האָט דעם לאַנגן אויפדערנאַכט אַריינגעפירט אין כאַטע, האָבן די בילאַנדערס באַגייט זייער פּליים. חיים יאַנטשע איז מער נישט אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון. געקלימפּערט מיט אייזנוואַרג און שווערן לעדער האָט ער זיך גע־נומען „עפּעס טאָן“. אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ באַנק האָט זיך אויף זיין אָרעם נאָכגעשלעפּט דאָס כאָמעט, דער פערדישער רוקן־פּאַס מיט די שטייפע שיידן און די שטריק מיט די גרויסע קאָנאָפּלענע אויערן ווי פּויסטן. אין די ווינטערדיקע אויפדערנאַכטן ווערט חיים יאַנטשע אַ ריי־מער. מיט נאָדל און געפּעכטע דראָטווע שטוקעוועט ער צונויף דעם צע־קראָכענעם רוקן־פּאַס, נייט אונטער אַ שטיק ווילעק, פאַרפעסטיקט מיט משוועקלעך די רוי־לעדערנע, געלבלעכע בינד־טראָקעס, שמירט אויס מיט חלב דאָס שערעכענע כאָמעט־קישן. זיין אַראָפּגעלאָזענע אונטערשטע ליפּ, וועלכע קוקט אַרויס פון ברייטן האָר־אָנוואוקס, איז פייכט און ציטערט. חיים יאַנטשע איז לאחר־מעשה בודק די לייצעס, דאָס צייאַל, וואָס קלינגט ביי יעדן ריר מיטן אייזערנעם געביס. ער ווישט אָפּ די פאַרפעטסטע פינ־גער אין די שטיוול און נעמט זיך אויף ביינאַכט איינהייצן דעם אויוון. אָפּגעטאָן זיין אַרבעט ווערט דער מענטש אויפגעלייגט און באַרעדעוודיק.

— אַ ששאָ, אַ שאָ, אויף די גזשענדעס אַרויף! — מאַכט ער צו די אַרומזיצנדיקע ווי צו הינער און וואַרפט צו אַ שטיק האָלץ אויפן פלאַ־קער, וואָס הודזשעט הויך. ער שטאַפּלט אויף די שפּרייזלעך האָלץ אין אויוון און מורמלט עפּעס ווי אַ ניגון, וואָס טויכט אויף אין זיין גערעד־כעניש.

— אָט אַזוי, — סקאַנדירט ער און לייגט אַריין בנעימותדיק אַ שטיק האָלץ, וואָס ווערט גיריק אָרומגעכאַפּט פונעם צוקנדיקן פייער,

— אָט אַזוי נייט אַ שנײַדער,

אָט אַזוי שלאָגט ער די וואַבער — —

חיים יאַנטשעס פּנים פלאַקערט אַנטקעגן די פלאַמען, די באָרד באַוועגט זיך אַ באַשטראַלטע און ער רעדט שוין צו זיך: נאַדיר נאָך אַ שפּרייזל, פּרעס זיך אָן, זאָל זיין חי־געלעבט!

חיים יאַנטשע געדענקט גוט דעם שניידערוק, וועלכער האָט ביי זיי אין שטוב געבייט הויזן־שפּענצערס צו אַ קרובהשער חתונה. ס'איז געווען פריילעך און וואַרעם. אַ היימלעכקייט, מיט וואָס עס לאָבט זיך זיין געמיט. חיים יאַנטשע האָט ליב די ווינטערדיקע כאַלופּע. אויף דער פּראָסט איז ער אַ קנאַפּער בריה. אַז דער טאַטע, ר'זאָל זיין אָפּגעשיידט, האָט אים יינגלוויין געשיקט אַ שליחות — ס'אַרע פּראָסט ס'איז דעמאָלט געווען!

— איז ער שיער נישט פאַרפרוירן געוואָרן. ווי אַ פּיען זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן פידלדיקן שניי און איינגעשלאָפן פון שכורע יסורים. ס'האָט'ן געשטאָכן אין די שפּיצפינגער, געזשומט אין די אויערן און די פיס זענען אים זיך צעגאַנגען אין ווייטיקלעכער אָנגעשוואָלנקייט. געווען אַ שפּריץ פון אַ רגע אין די־אָ יסורים, ווען אים האָט זיך אויסגעדאַכט: די פיס צעשפּרינגען זיך אין שטיקער. דערנאָך האָט ער געשפּירט וואַרעם, וואַרעם און פאַר די אויגן האָט אַלצדינג געטאַנצט; בערן און ווילדע חזירים, אַרויסגעגאַנגענע פון שרהשן וואַלד, האָבן אים איינגעשלעפּערט מיט שוידערלעכן געבריל: „נאַ, אָן איז דיר די סטעזשקע פון וויליקעווער הויף, אָן איז מאַליניעץ דיין היים! גיי, גיי, יינגל, מיר'ן דיך באַשיצן פון די קראָען, וואָס זענען הונגעריק און זשעדנע"... ער איז געווען איינגעוויקלט אין אַ סערמענגע, די פיס אין טאַטנס שטיוול מיט גראָבע אָניטשעס. ער האָט זיך נישט באַוועגט, געלעגן אַ האַלב אָפּגעשטאָרבענער און דער ווינט אין וואַטענעם נעפּל האָט פאַרעקשנט געבלאָזן אין פּנים אַריין. ער גייט, גייט, — האָט זיך אים אויסגעוויזן אין יענעם טויטן חלום — די קעלט רייסט און דער קאָשטשיאַל מיטן רויטן טורעמל האָט זיך אַלץ נאָך נישט געזען. מאַליניעץ איז ערגעץ אַנטרונען, אָבער ווייניק האָט ער נישט געקענט. די בערן און חזירים האָבן אים אָנגעקוקט, געכרוקעט איבער די שלייפן. אַ שניי־קאַדריל האָט אינדעם אים פאַרליאַפּעט די אויגן, געפייפט אין די אויערן, די מאַמע האָט אים גערופן און ער האָט געאיילט צו איר — —

אָויף פּראָסט אִיז עֶר נִישְׁט אֻויסהַאַלטעוודיק, זיגֶט דעמאָלט אָיז דִי

נאָז אים גלאַנציק, רויט, און זי שמאַרצט אין די קאַלטע טעג. אַ נס, אַ פּויערישער שליטן האָט זיך אָנגעשטויסן אויף זיין פּאַרסטאַיעט ביינטל ביינער. אין דער היים איז מען שוין געווען אַרויס אַנטקעגן מיט אַנגעצונדענע לאַמטערנעס, נאָר גיי פון מאַליניעץ קיין וואָליקעו אין אַ פראָסטיקער נאַכט! דער קינסקער מבקר, מאַליניעצער זנאַכערס און רבישע תרופות האָבן אים אָפּגעראַטעוועט. פון יענער שליחות אָן איז ער, חיים יאַנטשע, גאָרנישט קיין לייט אויף קעלט. באַדאַרף ער זיך אַרויסרירן אויף דער פראָסט, ציט ער אַרויף אויף זיך אַ מאה בגדים, בינדט אַרום דעם קאָפּ מיט אַ ווייבערישע פאַטשיילע און האַלט אין איין גיין. יונגווייז פלעגט ער נאָך כאַפּן אַ כוסה, איידער זיך געלאָזן אין וועג אַריין. היינט טרויעט ער זיך נישט דעם טרונק בראָנפן. מ׳קאָן איינדרימלען און די קרירה גיט אַ זענק, שלעפּערט איין און... נאָר נישט קיין געפרוירענעם טויט, וויגטשט ער זיך. כאָטש דער וואָגן איז ליידיק, גייט ער די אַכצן ווערסט קיין אָפּאַטשנע, דער שימל שפּאַנט צוגלייך מיט אים. זומער איז אים אַ שאָד, דער שימל זאָל זיך איבערמאַטערן און ווינטער ציטערט ער, דער לאָקעטקער, פאַר דער גבורה פון פראָסט. אָווע־טאָווע, שטענדיק קומט אים אויס צו גיין נעבן וואָגן. באַדעקט מיט אייז־צעפּלעך גייט דאָס פערד פוסטריט און ער, דער מענטש, ווערט אַרומגעוואַקסן מיט ווייסע, שטאַרצנדיקע ברעמען, מיט צאַפּנס אויף די וואָנסעס און מיט אַן אייז־פאַרטעכל אונטער דער גאָמבע. די קינען, וואָס שפּאַרן אַרויס פון דעם גלאָזיקן פריר, זענען אָט רויט ווי עפּל־בעקעלעך און אָט ווערן זיי בלייך, ווייס ווי אייערשאָלן. גוט, ער פאַרגעסט זיך נישט, חיים יאַנטשע, און גיט אין מיטן גיין איטלעך מאָל אַ רייב די באַקן מיט די פינגער. אַנישט וואָלטן זיי אים שוין געווען אָפּגעבראַטענע, ווי עס איז אָפּגעבראָטן דער שפּיץ פון זיין נאָז.

ס׳פייער אין אויוון צעברענט זיך פון דאָס ניי, די וואַרעמקייט ווערט געדיכטער און ס׳נעמט טונקלען די צונג פון נאַכטלאָמפּ. זי וויגט זיך, טריפט אויס ליכט־צעפּלעך אויף די אויגנדעקלעך. זיין די גלידער גיסט זיך פונאַנדער אַ זיסע מידיקייט. עס לאָזט זיך ווידער אַראָפּ אַ לאַנגע, הודזשנדיקע ווינטער־נאַכט.

16

דער רוף פון פעלד

מיטן שטאַרקן מיאַוטשן פון דער קאַץ אויפן ציגלנעם גזימס פונעם אויוון, צי מיטן געזאַנג פון דער היימישער גריל, איז אין כאַטע אַריינגעקומען די בשורה פון פרילינג. אַז די לופט אין דרויסן שפּילט אַנדערש, האָט מען אונטערן דאַך נאָך נישט געפילט. אַלצאיינס זענען אין די פאַרטאָגן די פענצטער־שויבן געווען נאָך גראָב אָנגעפּעלצט מיט מאַטן אייז. און נישט קיין דאַרפישע שטערנזעערס, נישט קיין געסט פון שטאָט האָבן מחמת די קרירות נאָך נישט אַריבערגעטראָטן דאָס טרעפּל פון דער לאָקעטקער קראָם. ווי די אַלע וואָכן און חדשים איז אין חלל געשטאַנען דער אומאיבערגעריסענער גליוועף. פון דעסטוועגן האָבן די לאָקעטקער זיך געוועקט פון ווינטער־שלאָף פריער ווי די פייגל אין די נעסטן. יאָסעק מיטן ווייב און זון האָבן איבערן גאַנצן דאַרף געשטויסן אַ צעלאַכצטן וואָגן צום מאַזשאַרגיער סטעלמאַך; וואָנס האָט מיט האַמער און פייל געקלעפּיעט און געשאַרפט די מעסערס פון זיין שעצקע־מאַשין; דער גאַיאַווע זשעמבאַ האָט זיך באַוויזן מיט ביקס און הינט — אַ סימן, ער שלאָפט נישט, כאָטש אין וואַלד ליגט נאָך דער שניי און פאַמעלעך עפענען זיך די טיפע גריבער פון די חיות. ווי שטענדיק, הייסט עס, וועט ער היטן אין די שטאָקפינצטערע נעכט פון ערב פרי־יאָר, ווען דער פויער איז מיט אויסגעוועקטער זשעדנעקייט הונגעריק נאָך געהילץ אויף צורעכטצומאַכן זיין שייער, די שטאַל.

ביי די בילאַנדערס האָט חיים יאַנטשע אויפגעהויבן דעם רעכטן טומל. דער צו לאַנגער ווינטער האָט אין אים אַ שטויס געטאָן דאָס אחריות פאַרן הויזגעזינד. פּעפּערס, גענוג געשלאָפן! שלעפנדיק די פיס אין די גרויסע שטיוול, האָט זיך דער ייד פלוצטאַלבן צעשריגן:

— לעניוכעס, אַרויס פון די איבערבעטן! די הינער גייען אויך שוין אַראָפּ פון די אייער. אַ ששששאַ!־ששאַאַ!

געפּרעפּלט אין דער גראַלעד־שוואַרצער באָרד אַריין און אַליין זיך אַריינגעזעצט אין דער ביישטוביקער קאַמער, ווו עס זענען באַוואָרנט די־

סודות פון דער אַלטער הויזלעכער באַלעבאַטישקייט: פון אַ שיסל־זיפּ צו רייניקן דריבנע זריעה ביז אַ פלעשעלע קלעפּיק שמירעכץ צו פאַרהיילן אַ וווּנד פון אַ צעקאַלעטשעטן בוים. דאָ, אין שיין פון אַ שטאָל־לאַמטער האָט ער געטרוימט דעם אויפגעקומענעם טרוים פון יונגע תבואות. הינ־טער דער וואַנט איז פּאַוואָליע אויפגעשטאַנען ס׳גאַנצע הויז און צוזאַמען מיט דעם האָט זיך געוועקט דער דרויסן. אין דער דרויסנדיקער ליידיקייט האָט זיך צעטראָגן דאָס הילכן פון מענטשלעכע רייד, זיך פונאַנדערגע־שאָטן אַ קלאַפּעריי פון אייזערנע מכשירים און אַ בענקשאַפטלעך מעקען פון דער בהמה. ברייט האָט זיך אויך צעסקריפּעט די טיר פון שטאָל — דאָס האָט דער דאָרפישער זון בערל זיך געעוסקט ביים גנאַי. אַנטקעגן קיך־פענצטער איז געוואַקסן אַ ברוינלעך־גאָלדיקער באַרג פעט בהמה־מיסט און איבער דעם אַ ווייסע פּאַרע. דעם קאָפּ געוויקלט אין אַ דערע איז דבורה אַ יונגע, אַ קרעפּטיקע אַראָפּ אין קאַפּעץ איבערקלייבן די קאַרטאָפל — אַנגעפוילטע, שוואַרצע — פאַר די בהמות, אַ בערגל קאַרטאָפל פאַרן געזינדל און אין זעק אַריין אָפּגעקליבן קאַרטאָפל איינס באיינס — פאַרן פאַרזיי. ראַכל האָט אין שטוב זיך געפּאָרעט אַרום כלעריי זעקעלעך מיט זוימען פון אַרבעס, וויקע, רעטעך, ריבן, ציבעלע. בשעת־מעשה האָט זי געקלונגען אויף צווישן די סלאָיעס איינגעמאַכטס און בוטלעס סאַק. מ׳עט זוכה זיין מיט אַ גוט געזונט אַ שמחה וועט שוין זיין וואָס צו דער־לאַנגען אויפן טיש אַרויף — האָט זי מיט תענוג זיך דערמאָנט אין שאַ־שען. ס׳ווייבל, אָן עין־הרע, איז שוין באַלד אויף דער צייט. אין איינוועגס האָט ס׳האַרץ אין איר אַ לעבץ געטאָן פאַר דבורהן. „ווען עס מאַכט זיך אַ שידוך פאַרן מיידל!‟ אירע הענט זענען געווען פאַרטאָן, ס׳מויל האָט געפּרעפּלט און זי הערט נישט אויף זיך אַרומצוקוקן אין די זייטן, צי עמע־צער רירט זיך נישט צו צו איר אוצר.

— ניטע, ניטע, מיט חמץ! — האָט זי געליאַרעמט.

אַז דאָ, אין הויז, שמעקט עס מיט יום־טוב נאָך דעם דערעסענעם ווינטער, האָט אויף צו פלייסן צו וויסן געטאָן אויך דער אַלטער:

— צ׳ווייסט׳ס, קינדער — האָט ער גערעדט אין שטוב אַריין — מ׳דאַרף שוין קלערן וועגן אויסמאָלן ס׳ביסל פּסחדיקע ווייץ!

— וואָס׳ז ס׳געאייל, גביר, — האָט די יידענע אים אַ שטאָך גע־טאָן — ׳עסט נישט דאַנזשען? ס׳אי׳נאָך פאַרזעצט די מגילה!

— יאָ דאַנזשען, נישט דאַנזשען, — האָט ער נישט געוואָלט זיך

באַליידיקן פון ווייב, — אָבער מכּין־זיין דאַרף מען זיך? אַ ייד איז אַ ייד, אַפילו כּעאויפן לאַנד.

— גוט, גוט, — האָט זי אָפּגעשניטן — טו, אויב האָסט עפּעס צו טאָן!

— זע נאָר, רק קריגן וויל זי זיך, עשו האָט אַזויפיל חגאס געהאַט פאַרן ווינטער, און מיר? בייז־געבוירן, נאָווע־ראַק, טשי קרולע און אַנדערע פּורעניותן. שאַדט נישט, מ׳מעג זיך דערמאַנען, מ׳איז יידן.

און אין אָוונט, נאָכן נאַכטמאָל, האָט ער זיך שוין שואל עצה געווען מיטן ווייב וועגן דער מיל:

— וווהין ׳עט מען עס טאַקע פירן — קאַ׳ן אַפּאַטשנע, צי קאַ׳ טאָמאַשעוו?

זיין באָרד האָט פאַרטראַכט זיך באַוויגן און די ציין האָבן מבינות־דיק געדזשאַמדזשעט אַ פּאָר קערנדלעך, וואָס ער האָט אַרויסבאַקומען פון דער קעשענע.

צו פּסח האָט, וואָס אַן אמת, נאָך היפּש געדויערט, אָבער אין אַרבעט איז מען געשטאַנען ביז איבערן האַלדז.

פון די שטרויענע דאַך־צויטן האָט עס אין מיטן טאָג גענומען קאַפּען און רינען — ס׳האָבן געשוויצט די פענצטער, וואָס זענען אַ גאַנצן ווינטער געווען פאַרמאַכט אויף די לאָדנס און פאַרהאָנגען מיט פלאַכטעס. די זון האָט אָנגעהויבן אַריינבליקן אין הויז און טאַקע וואַרעמען אויך. הענט און פיס האָבן זיך דערשפּירט ווי אויפגעבונדן. מ׳האָט וואָס אַ מאָל מער געטאָן אַרום דער שטוב: אין דרויסן אַרויסגעטראָגן מכשירים, געגראָבן אין גערטנדל, אין פעלד פונאַנדערגעשאָטן ס׳מיסט און לסוף זיך געלאָזן אין שטאָט אַריין. די קראָם האָט אויך געמאָנט ס׳איריקע. חיים יאַנטשע איז אויף אַ רעכטן אמת געפאָרן נאָך פרישע סחורה.

אויך אַפּאַטשנע האָט זיך אויפגעטייעט פון די שווערע קרירות. פויערן זענען אַרויסגעקראָכן פון די לעכער. ווער ס׳האָט געוואָלט פאַרקויפן אַ קעלבל, ווער ס׳האָט געפּרוווט איינהאַנדלען אַ פּאָר שטיוול, צי אַ טאָוול זייף. ווייבער אין שייטלען און אין קופקעס האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אין מאַרק אַריין מיט טישן סחורה. פויערן האָבן אויף אַלעם געגאַפּט, אַלץ באַטאַפּט און זיך לאַנג געדונגען. פאַרשמייעטע חדר־יינגלעך האָבן צוגעהאַלפן די בריהדיקע מאַמעס און פאַרסאַרגעטע געקוקט די קונים אין די הענט אַריין. קינדער, וואָס דאַרפן זיך שפּילן אין קליפּע, אין שטרולקעס,

צי אין „בלינצעלעך", האָבן מיטגעטראָגן דעם עול פון די דערוואַקסענע. ווו ער איז געקומען, האָט חיים יאַנטשע באַגעגנט די גרויסע פאַרטוענ־קייט פון די שטאָטישע. און זיי מקנא געווען. אַרומגעוואַקסן מיט דער האַרטקייט פון געוווינהייטן און דאָרפישער פאַרגרעבטקייט האָט ער נישט געוווסט די סיבה פון דעם געפיל. ער האָט זיך נאָר אייפעריק צוגעקוקט צו אַלעם.

אַהיימגעקומען האָט ער אויפגעהויבן אַן אומגעריכטן רעש:

— ווו זענט עץ, פרעסערס מיינע!

געמיינט האָט ער די יונגען, כאָטש קלמנען האָט ער געזען שטיין פאַרטאָן אין פראַצע און בערל האָט הינטערן שייער צעגראָבן די ערד אַרום די אויבסט־ביימלעך, וואָס זענען נאָך נאַקעט־הויל, אין די שטרויאיקע ווינטער־העמדלעך.

אין האַריקן פּנים האָבן זיינע אויגן זיך באַגעגנט מיט דער באַקאַנ־טער ליידיקייט. ער האָט אויסגעלאָזן מיט בּאַסט:

— אָוועקגעלייגט זיך, צו אַלדי רוחות! אויס היים, אויס טאַטע־מאַ־מע, הפקר! אויפגעהויבן זיך און געהולכט, בענקאַרטעס...

אָפּגעכעסט זיך און זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ באַנק. ער איז געווען איינער אַליין אין הויז. ראָכל האָט באַנומען זיין פאַרדראָס, האָט זי זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב. הלמאי זאָל זי זיך אַמפּערן? אשר איז אויך איר אַ קינד. זיין פירונג איז איר אַ ווייטיק, אָבער רעדן וועט דען העלפן? שוין נישט קיין פּיצעלע. באַדאַרפט מיט יאָרן צוריק אויף אים אַכטונג געבן. פאַר אים איז שוין נישט דעם טאַטנס זאָג און נישט דער מאַמעס געבעט. ר'האָט זיך זיין אייגענע דעה. וויינען? זי וועט נישט וויינען. אין שטאָט קען מען אוודאי און אַוודאי זיין אַ מענטש. ס'עיקרשטע — ס'גייט, און מ'האָט אַביסעלע אייל אין קאָפּ.

די זון האָט מער געוואַרעמט, פאַרטאָגיקע בייפרעסטלעך האָבן פאַר־צויגן די קאַלוזשעס, געשפּרייט זיי ווי אָפּגעקראָכענע שפּיגלען אונטערן ליבלעכן הויך פון פרילינג. די טעג זענען געוואָרן לענגער און די ערד קענטיקער אין איר הונגער נאָך באַהעפטונג מיט מענטשלעכער מי. אין ליכטיקן דרויסן האָט דאָס פרישע צוויטשעריי פון אויפגעוואַכטע פייגל היימלעך זיך אויסגעמישט מיטן קרעפטיקן וואָרט פונעם פויער, וואָס איז אַרויס אין פעלד אַריין.

ביי די בילאָנדערס האָבן אַלע זיך שוין געפעדערט צו דער גרויסער

אַרבעט פון אויפהאָדעווען ניי ברויט. גאַנץ פרי האָט זיך געשטעלט דער טומל אין כאַטע אויפן לאָקעטקער בערגל. עלטערנדיק זיך איז חיים יאַנ־טשע מער פרום געוואָרן. אויפגעכאַפּט זיך באַגינען האָט ער, אַ שווערליי־ביקער, אָנגעהויבן דעם טאָג מיטן אָפּזאָגן „די פּאָר יידישע וואָרטער". דערנאָך האָט מען זיך פונאַנדערגעשאָטן איבערן שטיק לאַנד. די איינצי־קע, וואָס זענען איצט געבליבן אונטערן דאַך פון הויז, איז געווען די גע־שרומפּענע קרעמערקע ראָכל (אַפילו אַ גראָשן פרנסה טאָר מען נישט פאַר־שעמען, האָט זי געטענהט) און די מעוברתע שנור. וויפל די הענט זענען געווען ביכולת, האָבן זיי אויך געטאָן פאַרן פעלד, פאַרן גאָרטן. פאַרזייעט ס'גרינס, אָפּגעקאָלכט די שטאַמען פון די ביימער, געקאָרמעט די עופות, געגרייט פּאַשע פאַר די בהמות, געקאָכט, געפּראַצעוועט. און איז געקו־מען אַ טאָרג־טאָג אין שטאָט, איז געווען פאַרגרייט קעז און פוטער. מ'האָט געמוזט זיך נעמען צייט אויך פאַר אָפּאָטשנע, צי פאַר טאָמאַשאָוו. די פרוטה טאָר נישט חסר גיין.

ווען ס'אָקערן, זייען און בראָנעווען האָט זיך צעברענט, האָט ס'קליי־נע פעלד פאַר חיים יאַנטשען זיך אויסגעוויזן משוגע גרויס. ס'זענען אים ווינציק געווען די הענט פון די שטוביקע. אַריינכאַפּן! אפשר טיפער אַריין מיטן אָקער, אפשר דאָך עפּעס דעריאָגן! אין אים האָט ווידער אויסגע־בראָכן דער גרימצאָרן. ווי וועט ער זיך אַן עצה געבן אַצינד, אַז דער טאָג איז דאָך נישט לענגער און זיינע אייגענע כוחות זענען צו קנאַפּ פאַר דער גוואַלטיק אייליקער פּראַצע!

צעשריגן זיך, געזידלט און אַלץ צוזאַמען האָט געהייסן: אשר.

— פון דעם יונג וואָלט איך געמאַכט קרעפּל־פליש, — האָט ער מסביר־געווען זיין ירגזון. — אַזוי איז דאָס געזעסן אויף מיין קאָפּ, הייַנט איז ער אַ פּאַן, וויל נישט וויסן פון טאַטן, זען, ווי ער מאָרדעוועט זיך מיט דער מיתה, פּשיאָקרעוו!

מעשה־פויער זיך צעשאָלטן רוי, כאַמסקע, אַזש ס'ווייב מיט די קינ־דער האָבן זיך אָפּגעטראָגן. קיין מאָל האָבן זיי אים נישט געזען אַזאַ האַרבן. די אָדערן האָבן זיך אַזש געשטעלט אויפן האַלדז.

חיים יאַנטשעס כעס האָט נאָכגעלאָזן ערשט ווען ס'האָבן זיך געוויזן די זומערדיקע היצן — די האַרוואַניע אין פעלד איז שוין געווען אָפּגע־טאָן. איצט האָט איבער די בערגלעך און פליינען זיך אויפגעטראָגן די פּרוכט פון דער אָוועקגעלייגטער מי. אומענדלעכער גערשום איז געשטאַנען

איבער די צייטיקנדיקע ברויטן. חיים יאַנטשעס בליק האָט פרײדיק זיך געוויגט איבער די בלענדיקע ווייטקייטן. פון אים האָבן זיך אָפּגעטאָן אַלע ווייטיקן; ער האָט געפילט רק דעם טעם פון זיג איבער אַלע אָנגעהויפטע שוועריקייטן. ס'האַרץ האָט דין געזונגען. ער איז אָבער אַלט צו אַזוינס, דער שכל זאָגט עדות. יאָרן, יאָרעלעך!... ביז מידקייט האָט ער געשפּאַנט איבער די סטעזשקעס און געקוואַלן. דערנאָך האָט ער גלוסטיק זיך אויסגעשטרעקט אונטערן אָפּדאַך פון שייער. שיין איז דער הימל, קלאָר, און יעדער ווייע פון דער אָזערע האָט אים פול אָנגעטרונקען. פון מאָל צו מאָל האָט יאַנטשע פאַרנומען ס'קול פון אַ פויער ביי דער יאַנטשעכע.

אין די דאָזיקע טעג פון מנוחה האָט אומגעריכט זיך באַוויזן אַ גאַסט פון שטאָט —

אשר.

אַ פּאַצעט אין גלאַנציקע קאַמאַשן, אַ שניפּס אין שטייפן קראַגן און איידעלע זאַכן אין וואַליזקעלע.

דער מאַמען, וועלכע האָט גראד געשיילט קאַרטאָפל, איז ס'מעסער געפאַלן פון די הענט אַרויס; דבורה האָט אַ נישט געוואָלטן קוויטש געטאָן:

— זע נאָר!

דערזען אים, איז חיים יאַנטשע האַסטיק אַרויס פון שטוב און אַ מרוקע געטאָן: „געקומען!" ראָכל האָט בייז אָוועקגעקוקט. זי איז געווען ברוגז אויפן זון. ממילא האָט דבורה געדאַרפט זיך ברוגזן, כאָטש זי האָט דווקא געהאַט חשק צוצוגיין צו אשרן, אים גוט באַטראַכטן, באַטאַפּן זיין שטאָטישן ראָק, אָנרירן ס'שיינע וואַליזקעלע און אויספרעגן אַ סך, אַ סך.

געוואָר געוואָרן פון אשרס קומען, האָט קלמן נישט געוואָלט אַריינגיין אין שטוב; געוווסט, דער טאַטע איז מלא־כעס, טאָר מען זיך נישט אַרומכאַפּן מיט אשרן. ער איז געשטאַנען אין דרויסן אַ פאַרטייעטער, קלמן, און דורכן פענצטער זייטיק אַריינגעבליקט אַהין, וווּ „ער" איז דאָ. געהערט פלוצלינג אשרס טריט — ער גייט אַרויס! — איז קלמן גיך אָוועקגעשפּרונגען און דערנאָך אים נאָכגעקוקט פון אַ ווינקל. שפּעטער האָט קלמן זיך געשפּירט שולדיק קעגן יינגערן ברודער און זיך געשעמט מיט זיינע באָרוועסע פיס.

אָן דעם ברוגז האָט געדענקט אויך שאָשע.

צו דער ערשטער באַגעגעניש מיט אשרן האָט זי אין גאַנצן זיך נישט

אַריינגעוויזן. אין איר אַלקערל איז זי גאַנצענע טעג געווען פאַרטאָן מיטן רויטלעכן נפשל, וואָס זי האָט נישט לאַנג צוריק געבראַכט אַ מתנה דער שיינער וועלט, וועלכע האָט אָקערשט זיך פונאַנדערשפּרייט פאַר איר.

— איטשע מיירעלע, איטשע מיירעלע מיינס! אַ פעטער איז דעטי־מען, אַ פעטער, — זאָגט די יונגע מאַמע געראַדעט צום קינד און איר פּנים האָט זיך געצונדן אין ערשטיקער מאַמעשער פרייד.

טרערן האָבן זיך דערנאָך געשטעלט אין שאָשעס אויגן, ווען זי האָט געזען, ס׳גייט אַוועק אַ שטיקל צייט און דער גאַסט איילט זיך נישט אַריינצוקומען איר אָפּגעבן מזל־טוב.

— אַ פעטער — ער זאָל נישט וואַקסן גרעסער, — האָט זי גע־שאָקלט דעם קאָפּ צום עופהלע און מיט פלוצלינגן אומרו גערופן קלמנען. ער איז געקומען אַריינצולויפן ווי אַ פאַרשולדיקטער.

— וואָס, שאָשע, — האָט ער זי אָנגעקוקט אין צעטומלונג.

— גאָרנישט, זאָג איך. אַ וויסט הויז איז עס, — און זיך געשטיקט מיט די רייד.

— שאָשע, וואָס איז געשען? ס׳אי׳דעך יאָ עפּעס! — איז ער צוגע־פאַלן צו איר מיט ייִנגלשן געבעט.

— גאָרנישט, און שוין! — האָט זי אויסגעשאָסן מיט טרערן. דער־וואָרגן צו ווערן דאָ. מ׳ווייסט נישט, ווען צו פרייען זיך און ווען אויפצו־הערן זיך קריגן.

אין פאַרדראָס, וואָס האָט זי געפאַנגען, האָט שאָשע זיך געשראָקן, דאָס זאָל חלילה נישט פאַרשאַטן דעם קינד; די מילך זאָל איר נישט קאַליע ווערן. אין אירע ווערטער האָט זיך געהערט אומגעלאָשענער געוויין.

קלמן האָט געליטן פאַרן ווייבלס וועגן, גלייך ער וואָלט געווען שול־דיק אינעם קידער־ווידער מיט אשרן. ער האָט געשוויגן און שאָשען גע־לאָזן זיך אויסרעדן. זי האָט באַשולדיקט דעם שווער, די שוויגער, אַלע. פ ו י ע ר ן ! — האָט איר האַלדז זיך צעקרייעט אין געשריי. איינגעשטילט זיך האָט זי קלמנען געשיקט זיך אַרומוואַשן און אָנטאָן אַ פאַר שיך.

— מ׳מוז זיך אַ מאָל קענען ווייזן פאַר אַ מענטש, קאַאַלמע, — האָט זי באַלערנט דעם מאַן און אַלץ אין זינען געהאַט דעם שוואָגער, וואָס איז געקומען פון שטאָט.

17

אשר

אין אוונט האט שאשע זיך ארויסבאוויזן פון אלקערל. אנגעטאן אין א שלאפראק און אין נייע שטעקשיך, וואס דערמאנען נאך אין קימפעטארג־שאפט, האט זי זיך גלייך אוועקגעזעצט ביים טיש. צווישן משפחהלע אין דער גרויסער קיך־שטוב האט זיך א רודער געטאן. ווער ס'האט זיך אויפ־געשטעלט פון ארט, ווער ס'האט אויפגעהערט ליארעמען. מאדנע שטיל געווארן. קלמן איז געשטאנען הינטער שאשען. ער וועט שטיין, ר'איז נישט אזוי אנגעארבעט, האט ער געזאגט דער מאמען, וועלכע האט דעם עלטסטן זון געהייסן זיצן מעשה־גאסט. מ'האט אנגעקוקט קלמנען, האט ער טאקע אויסגעזען ווי פריש אפגעצוואגן, אויפגעשטייפט.

אוועקגעזעצט זיך, האט די שטוב ערשט דערפילט, ס'וייבל האט א שווער הארץ. אין אלעמענס נישטערנדיקן קוקן האט זיך געשפירט: עפעס וועט דא אויסברעכן. לסוף האט שאשע זיך געלאזט הערן. זי האט „אנ־געהויבן" מיט אשרן.

— אז דער שוואגער קומט נישט צו דער שוועגערן, מוז די שוועגערן קומען צום שוואגער. דאך א גאסט, וואס?

אחוץ אשרן האט קיינער זיך נישט געפילט געטראפן פון שאשעס רייד, דאך האט איטלעכער זיך שיער נישט א כאפ געטאן: „מיך שטע־כעלירסטו?" מ'האט געקענט מיינען: זי איז אויף אלעמען אנגעבלאזן, שאשע, למאי מ'קוקט נישט אריין צו איר. זי קען זיך אליין נישט אן עצה געבן מיטן קינד. רק ס'ווייגט. עס האט די „פלאטשקעס". קייגער האט פון דעסטוועגן זיך נישט אפגערופן. ס'יונגוואָרג האט זיך איבערגע־קוקט. אנבעמען זיך פאר אשרן, האט מען מורא. דער אלטער קען ארויס מיט א געשריי. שטום ווי די וואנט האט חיים יאנטשע זיך אויפגעהויבן און ארויפגעקראכן אויפן אויוון, כאטש אום זומער איז זיין רו־ארט דער שייער.

די שטוב האט זיך איינגעהארכט אין דעם שווערן שווייגן.

— חלילה, איך וועל זיך נישט קריגן מיט אים, — האט שאשע ווי־

דער זיך אַרויסגעכאַפּט, געדעדט און אירע אַקסלען האָבן געצוקט, די נאָז האָט געציטערט. בפירוש האָט זי זיך שוין געטשעפּעט צו אשרן. דער יונג איז געזעסן דערשלאָגן און נישט געעפנט ס׳מויל. — יעדער טוט ווערדליק זיין שכל, אמת, יונגערמאַן?

זי האָט אין אים אָנגעהאָנגען אירע אויגן פול טענה.

דערצונדן, כאָטש גיי באַלייכט מיט זיין פּנים דעם פינצטערן דרויסן, האָט אשר מיט באַסט אַ גראַב געטאָן מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס:

— עך אַלע האָט שכל, — האָט עס אַרויסגעשפּריצט פון אים — פאַרשטיינטס מעך, כ׳האָב פאַרשוואַרצט ס׳פּנים פון דער משפּחה! כ׳בין אַוועק צו גנבים, כ׳האָב געטאָן כל התפּעלות צו האָבן שווילטיק. אוי, ווי פאַרנאַרישט מען איז, אַז מ׳זיצט אויף איין אָרט און מ׳ווייסט נישט, וואָס עס איז אַזוינס דער מענטש און וואָס ס׳באַטייט מענטשלעכקייט! — האָט ער באַדויערלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ, געקוקט צו די היימישע, וואָס פאַרשטייען אים נעבעך נישט. — אַ שאָד, אַ שאָד, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ זיפצעלע — דער שכל איז אַ קריכער און דער דאָרפישער איז בלויז אַן אַרבעט־בהמה, אַן אָקס אין שפּאַן און נישט מער.

אויסגעלאָדן זיינע הייסע רייד, האָט אשר ראַפּטעם אָפּגעשוויגן, אַזש מ׳האָט געהערט זיין שווייגן. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אויף אים.

— יאָ, יאָ, — האָט שאַשע פון דאָס ניי זיך אָפּגערופן, גלייך זי וואָלט שוין ממשיך געווען אשרס רייד — ס׳איז ווי אַ קאַרוסעלע: טייל פאָרן לייכט אויף די פערדלעך, אַנדערע מוזן אויבן דרייען ס׳שווערע ראָד... די הילצערנע פערד און די לעבעדיקע מענטשן מיט די צעלאָזענע אַפּעטיטן שלעפּן איינע און די זעלבע הענט. וואָלט מען נישט באַדאַרפט גיין אין אַפּטייק אַריין נאָך אַ לויט פאַרשטאַנד, וואָלט גוט געווען. ס׳מזל וואָלט דאָך נישט געווען אַזוי באַשלאָמפּערט.

מ׳האָט איר געקוקט אין מויל אַריין. „שאַשע איז אַ מענטש“, האָט געטראַכט די שוויגער. מיט אַ נאָס, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון אונטערן פולאָפּ, האָט אויך חיים יאַנטשע געלאָזט וויסן, אַז ער הערט זיך איין אין די מיושבע רייד דער שנורס. „ס׳בינטל יאָרן יעדנס איז ווי אַ קוגל, האָט דער אַלטער אַ קלער געטאָן — וועמען דער קוגל געראָט און וועמעס ער ווערט פאַרברענט. ס׳מזל איז זיך נישט צו נעמען, ווי מ׳וויל“. אויך קלמן האָט געוואָלט עפּעס טראַכטן, ר׳האָט זיך אָבער נישט געקענט אָפּיאָגן פון

אַזויפיל אויגן, וואָס האָבן אויף אים געקוקט. די גאַנצע צייט איז ער גע־שטאַנען אַ דערדרייטלטער. דער קאָפּ האָט אים געגליט.

◆

טאַקע אַ בר־מזל דער אשר. ער האָט געמיינט, ס׳וועט זיין ערגער ווי עס איז. שאַשע איז דאָך אַ חכמה — און הילכיק געלאַכט אין זיך אַריין.

אשר האָט זיך געשפּירט געשטאַרקט פון שאַשעס טיפע רייד. פון ס׳ניי האָט ער זיך אָנגעהויבן פירן ווי אַן אייגענער, כאָטש מיט טאַטע־מאַמען איז ער נאָך אַלץ נישט געווען „אין דער היים“. ר׳איז צומאָרגנס אַרויס אויפן וויהאָן אַ קוק־טאָן צו דער בהמה, צי דבורה איז נישט ערגעץ אַוועק פון איר; מיט אַן שטיקל ווילעק האָט ער אָנגעזאָטלט ס׳פערד און אַרויסגעריטן אין פעלד אַריין. געטראָפן בערלען מיט אַ מאָטיקע צווישן די קאַרטאָפל־בייטן, האָט ער פון אים גענומען אַ זעקעלע יונגע קאַרטאָפל און עס אַהיימגעבראַכט דער מוטער.

— נאַ, מאַמע. בערל האָט דיר׳ס געהייסן געבן.

אַן אָפּהענטיקע פונעם זונס אומגעריכטן צוקומען, האָט ראָכל אַ שמייכל געטאָן:

— זינטיק מאַנער, וואָלטסט געמעגט זאַן קליגער. ווילסט, טאַטע־מאַמע זאָלן דיר געבן אַ קוש אין פּיסקל אַריין? פאַרלאָזן זיי אַן אַ זייט־מוחל, זאָלן זיי גאָר איבערבעטן ד י ך?... פיין, ווי די שטאָט האָט דיך אויסגעלאַרנט!

ווי אַן אָפּגעשמיסענער איז דער יונג אַוועק פון דער מאַמען. וואָס ווילן זיי? — האָט אין אים געזאָטן. לייגן זיך צו די פיס וועל איך נישט. אַוועק פון דער היים בין איך נישט פון נחת — פאַראַן אַזאַ חלק, וואָס ליגט דאָ, אין דאָרף, און ער שניידט איבער לעבנס, אויב מ׳ראָטעוועט זיך נישט באַצייטנס. זיין גאַרגל וויל ער נישט אונטערשמיעלן. גענוג אים די נויט ביי טאַטע־מאַמען, כאָטש זיי זענען נישט גענוג שפּירעוודיק אויף איר. ער האָט אַנדערש נישט געקענט — —

אַרומגעדרייט זיך איינער אַליין אין פעלד, איבערגעקאַכט אין זיך אַלע ווייטיקן און אָפּגעמאַכט: זאָל עס בלייבן אַזוי ווי זיי מיינען — די גערעכטיקייט איז אויף זייער זייט! דערריידן זיך מיט אַזעלכע, איז נישט פאַר זיינע כוחות, כאָטש געמיינט האָט ער גאָר אַנדערש: ר׳וועט אַהיימ־

קומען, דערציילן פון אַלץ און זיי וועלן אים פאַרשטיין. ער וועט זיי איינ־ציקווייז אַרויסנעמען פון דאַנען און ס׳וועט ווערן לייכטער. אים וועט אוודאי און אַוודאי זיין נישט ערגער. דאָך אייגענע. זיי וועלן צוהעלפן, קוקן אין געשעפט אַריין.

ער איז נאָך אַריין צו שאָשען, אָפּגעקלאָגט פאַר איר, מ׳וויל אים פאַרטרייבן אויף אייביק. זי האָט אים געזאָגט, ס׳איז זייערער אַ משפּחה־פעלער, די עקשנות, און צוגערעדט, ר׳זאָל איבערבעטן די אַלטע לייט. אויב דאָס איז כבוד, טו זיי אָן דעם כבוד. די יונגען מיט דער מויד חלשן דאָך אַוועק פאַר דיר, — האָט זי אים פאַרטרויט — זיי ווילן נאָר נישט רייצן דעם טאַטן. די מאַמע, זעסטו דאָך, איז נאָכגיביקער. זי אַליין, שאָ־שע, האָט געהערט ווי די מאַמע טענהט צום אַלטן: „הער אויף, חיים יאַנ־טשע, פאַרזינדיק זיך נישט. האָסט נאָך גאַנץ אָרנטלעכע קינדער. פאַר־פאַלן, מיר זענען אַלט. יונגוואַרג גייט מער נישט נאָך קלוגשאַפּט צו טאַ־טע־מאַמען. ס׳דאָך דיין זון, אַפילו זאָלסט׳ן וועלן פאַרלייקענען! — האָט די מאַמע געזאָגט אין געלעכטערל. — זאָל נעמען אַ סוף צום רוגז, עיקשו!“

אָפּגעלאָזן אים דעם סוד, האָט שאָשע געשטראַלט אויפן גאַנצן פּנים.

— ס׳עט נאָך גוט זיין, אשר, דו טו ס׳דאַניקע. גאָט ׳עט דיר וואַ־טער העלפן. זיי וועלן דיר נאָך נאָכטאַנצן, דאַנע ברידער מיט דער שווס־טער. דאָ אי׳ דען אַ לעבן? דער וואָרעם זיצט אין כריין, פאַרשטייסט...

זי האָט שוין געוווסט די גאַנצע געשיכטע פון אשרס אויפריכטונג, און ס׳האָט איר הנאה געטאָן. אַרויסגעגליטשט זיך דער יונג פון מדבר. קוים אַביסעלע געלט געהאַט ביי דער נשמה. אין זיין פאַרמעג איז געווען בעיקר דער חשק זיך אויסצופאַרכעווען. לאָקעטקע האָט אים געבייטשט, דערצו איז נאָך צוגעקומען די אָפּנאַרונג. געמיינט; דעם יעגערס טאָכטער. זי איז אַ שפּיגל, אין וועלכן ער וועט קענען זען ז י ך, אַ לעבן לאַנג קענען זיך שפּיגלען אין איר. פון דעם שפּיגל האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אַ מוט־נע ריטשקע. עט, דאָס לאָקעטקע, — האָט אשר געקלאָגט פאַר איר. און דער טאַטע הענגט אָן דעם ברעקל לאַנד, ער קען זיך צומאָל נישט אָן עצה געבן מיטן פּראָסטן אויסקומעניש, אַפילו האָפּענונג איז נישטאָ פאַר אַ צעבראָכענעם גראָשן. אַצינד, ברוך־השם, איז נאָך דאָ אַ שנור, אָן איי־גיקל ס׳זאָל געזונט און שטאַרק זיין — ס׳הויז וועט זיך דאָך פאַרגרע־סערן — ווי דען אַנדערש, שאָשע־קרוין? און דבורה ווו איז! דאָך אַ מיידל,

זי וועט דאַרפן אַרויסגיין פון דער היים און די היים וועט מוזן איר עפּעס מיטגעבן. הײנט ווי זענען טאַטע־מאַמע גופא, ווי בערל, און ער, אשר — אַ הונט איז ער, וואָס דאַרף פגרן?... אַוודאי, זי, וואַנדע. ער איז מודה ומתוודה. וואָלט זי נישט געווען אַזאַ, אָפּגעגעבן דעם טייוול די זעל, וואָלט ער אפשר... זי קען געפעלן. איז דען, צווישן אונדז געשמועסט, אַ גרויסע נפקא־מינה: אַ יידישע, צי נישט אַ יידישע? איך וואָלט נישט גע־קוקט. דער עיקר איז דער מענטש, מיט זיי זענען מיר דאָך אייגן. אַזוי־פיל יאָרן צוזאַמען! ס'האַרץ האָט געוויינט, נישט געקענט זיך אָפּרייסן. אָבער געמוזט. כ'בין אַנטלאָפן אפשר מער צוליב דעם. אַז ס'העלפן נישט קיין זאַלבן, שאַשע, מוז מען אַנקומען צום מעסער. אַנדערש וואָלט איך דאָ אומגעקומען, געפוילט ווי אַ שטאָם ביים לאַקעטקער יעזשער. גליק? כ'האָב נישט אַזאַ איידעלן מאָגן צו פאַרדייען אַזוינס. אויף דעם פאַר־שטייען זיך, מעגלעך, די שטאַרק געקעכלטע. צווייטנס, ווו האָסטו דאָס ביי אונדזער סגאַל? כ'זע דען נישט ענקערע גליקן, — האָט ער אַ וויז געטאָן מיט די הענט אין די פענצטער, ווו ס'שפּרייט זיך די אומערנדיקע לאַנדשאַפט. איטשע מאיר בילאַנדער, ר'זאַל לויפן בעטן, איז נאָך געווען אַ יש אויפן דאָרף; ר'האָט נאָך געהאַט אַ וואָרט צווישן די פויערן, גע־האַלטן פאַראַבקעס אויף זיינע צוויי וואָליק לאַנד, געשניטן אַ שטיקל וואַלד, געברענט שאַרבוינעס, געהאַנדלט, געוואַנדלט און אַוועק אין קבר אַריין אַ פינצטער יידל, אַ מאַיאַרעק, ווּעמען ס'דערמאַנט זעלטן אַן אַלטער בע־טראַנער. באַנעמסט עס, שאַשע? די צוויי וואָליק, און פאַרטיק. וואָס האָט אויסגעשפּילט חיים יאַנטשע? אמת, ס'ערגערע ציטן. אָבער די ערד האָט דאָך געדאַרפט אים רעכט באַשפּייזן אַז ר'זאַל זיך קענען דערלויבן אויפ־צועסן אַ הון, נישט פירן די גאַנצע פוטער אין שטאָט אַריין און לאָזן פאַר זיך בלויז די זויערמילך; די האַרעוואַניע האָט געדאַרפט אַריינברענגען אַביסעלע פרייד אין הויז אַריין. הייבט זיך נישט אָן! וואָס אַ מאָל ווערט ענגער. ביי יעדן שריט און טריט האָט חיים יאַנטשע געמוזט פאַרקויפן פון דער ירושה. הײנט וואָס? כאָטש איין מאָרגע ער קריגט נאָך, חיים יאַנטשע בילאַנדער, איז ער אַ געהאָלפענער, הע? פרעג אים, אדרבא, דעם שווער דיינעם — האָט אשר אַריינגעטענהט אין דער שווערגערן: ס'איז זיין גלויבן. איך וויל נישט דעם גלויבן ביי אים צונעמען. ווי אָבער צום גלויבן, וואָס ציטערט אויף, ווען מען מאָנט ביי אים אַ קאָפּעלע חשבון; גיי, פּרוּוו דערמאַנען דעם טאָטן, וואָס ער האָט שוין פאַרלוירן דאָ, אין

דעם העק. ער שרייט באַלד, און קריכט אין סטאַדאָלע אַריין. ער וויל צו־מאָל נישט הערן.

— ניין, פאַר חיים יאַנטשעס קינדער איז עס שוין נישט. שאַשע קרוין, לאַקעטקע איז נישט קיין אַנהאַלט. אַ הונט רייסט זיך אויך אָפּ פון דער קייט, אויב אים פּייניקט דער הונגער, מכל־שכן אַז עס גיט אים נאָך אַ נעם די בענקשאַפט!

וואָס זשע זאָל זי זאָגן? שאַשע איז געווען פול מיט אשרס ברען. זי איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב און איבערגעחזרט:

— ס'אַ חרפה... מ'איז אומגערעכט, וויל מען דווקא איבערשרייען יענעמען. אָנגעהאנגען זיך אָן יונג!

דער טאַטע, די מאַמע האָבן זיך נאָך געזייטלט, ווען זיך באַגעגנט מיטן זונס בליק, זיך אויסגעמיטן, אָבער סוף־כל־סוף האָט מען זיך אי־בערגעבעטן. ס'הייסט — נישט אשר האָט איבערגעבעטן זיי און נישט זיי — אשרן. סתם, אויסגעברוגזט זיך. „שולדיק" אין דעם זענען געווען די יונגען און דער גרעסטער „חייב" — די שנור.

— זעסט, טאַטע, וואָס אשר האָט געברענגט? — האָט בערל אויס־געפּרוווט דעם פאָטערס האַרטקייט און אים אונטערגעטראָגן אַ גלאַנציק שוואַרצע גראַמאָפאָן־פּליטע. — צו שפּילן מעלאָדיעס; געקריגן אַ סך פון טאָמאַשעוו. אַ קעסטל אויכעט. אַ מתנה פאַר דער שטוב.

אַ נישט־גיהאדיקן דריי מיט די אויגן און די באָרד אָנגעלענט אויף דער אונטערגעשטעלטער דלאָניע. און קיין וואָרט נישט פון חיים יאַנטשען. בערל האָט זיך נישט איבערגענומען. צו באַווייזן דעם טאַטן, וואָס דאָס איז אַזוינס, האָט דער יינגערער אויפן טיש אַרויפגעשטעלט אַ פּאָלירט קעסטל, געדרייט ס'אָפּשטייענדיקע קאָרבעלע און איבער דער מיטנטאָ־גיקער זומערדיקער שטוב מיט די צעפּראַלטע דאָרפישע פענצטער האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן אַ געשמאַק לידל.

„קינדעריאָרן, איך האָב אייך אָנגעוואָרן..."

פון דער צווייטער זייט האָט קלמן זיך געגרויסט פאַרן פאָטער מיט דער מתנה, וואָס אשר האָט געבראַכט פאַרן ווייב און פאַרן קינד. „זע נאָר, ס'אַרע גוטס, ס'אַרע טייערס!"

פון יוצא וועגן האָט דער אַלטער געשאָקלט מיטן קאָפּ און ס'געווי־זענע אָפּגעשטופּט מיט דער האַנט:

— מוחל!

ערשט שאַשע, די מיוחסת, איז אַרויס מיט לשון:

— ס׳איז מיר אַ חרפה פאַר די פיר ווענט, וואָס זעען זיך צו צו אַזוינס. וואָס האָט ער אַזוינס געזינדיקט, דער אשר! וויל ער נישט זיין אויף דער קופּע מיט אַלע — וואָס קומט אים דערפאַר? ר׳גינט חלילה נישט קיין שלעכטס קיינעמען.

דער שנורס געשריי האָט געהאַט אַ פּעולה. געוואָרן נאָכגיביקער די אַלטע לייט. זיי זענען מער נישט אַרויס פון שטוב, ווען אשר איז אַריינגעקומען. ס׳האָט זיך געמאַכט, די משפחה האָט צוזאַמען אָפּגעגעסן אַ מאָלצייט און דער טאַטע האָט אַפילו געלאָזט פאַלן אשרס נאָמען.

עס איז געווען מיטוואָך, ווען שאַשע האָט „הויך קידוש געמאַכט״ צוליבן ברוגז מיטן יונג און פּרייטיק, ווען דער פאָטער איז פון איין זייט דאָרף אַוועק קיין אָפּאָטשנע, איז אשר פון דער צווייטער זייט אַוועק צום וואַלדיקן וואָקזאַלעכל. צוריקגעקומען פון דער סטאַנציע איז ער שוין נישט אַליין. געבראַכט קיין לאַקעטקע האָט אשר זיינע באַקאַנטע פון טאַ־מאַשאָוו.

— מיין שותפטע, — האָט ער פאָרגעשטעלט.

— חנה זילבער, — האָט צוגעגעבן די מיטליאָריקע פרוי מיט קיי־לעכדיקע גלידער און בלאָנדער פריזור. — און דאָס איז מיין טאָכטער, — האָט זי אָנגעוויזן אויף דעם יונגן מיידעלע מיט די בויגיקע היפטן אויף הויכע פּיסלעך און אָט — מיין זון, מיין גרויסער זון. דאָס ייִנגל איז גע־ווען אַן אַכט־יאָריקס מיט שקאָצישע אויגן און ליפּן, ווי זיי וואָלטן גרייט געווען אַ פייף צו טאָן.

— געקומען געסט צו אשרן, — איז די אַלטע אַ האָפערדיקע אַריינ־געגאַנגען צו שאַשען. — וואָס טאָן אַצינד מיטן שבת מאַכן? — זי איז געווען אומבאַהאָלפן, נישט געוווסט, ווי זיך צו באַגיין מיט אַ שטאָטישן גאַסט.

שאַשע איז אַרויס פון איר שטיבל, זיך באַקאַנט מיט די טאָמאַשאָ־ווער מענטשן און זיך גענומען העלפן גרייטן אַ שטאָטישן שבת. געבאַקן האָט טאַקע די שוויגער — הויכע, געפלאָכטענע חלות, די פיש האָט גע־קאַכט אויך די אַלטע, ס׳פלייש האָט צוגעשטעלט די שנור, אין פלייש — אַ געפילט העלדזל. די יויך מוז זיין אַ לויטערע — מ׳טאָר זי נישט לאָזן האַסטיק קאָכן, שוויגער, האָט שאַשע אָנגעזאָגט און איטלעך מאָל אַריין

צום קינד. די לאָקשן פאַרקנאָטן און גאַנץ דין, לאַנג געשניטן האָט אויך די יונגע באַלעבאָסטע. ס'עט זיין פאַרן קייסער צו שטעלן, האָט זי געמורמלט אַ צעפּלאָמטע.

אַלדאָס איבעריקע פאַרן שבת איז שוין געקומען פון דעם טיפן, קאַלטן קעלער און פון דער טונקעלער שטובן-קאַמער. אויסגעזוכטע געריכטסן פאַר די שבתדיקע מאַלצייטן האָט מען אין לאָקעטקע נישט געקענט דערוואַרטן. ס'איז אַ פאַרוואָרפן דאָרף, וואָס ווייס נישט פון קיין אומגעריכטקייטן. פון אָפּאָטשנע האָט חיים יאַנטשע העכסטנס געקענט ברענגען ע פ ע ס ג ו ט ס פאַרן פויערישן קונה און דעם דושנעם ריח פון פעטן דזשעגעכץ.

וואָס אַן אמת האָט די אַלטע ראַכל זיך אַביסל געשראָקן פאַר דעם גאַסטלעכן שבת, וואָס זיי האָבן דאָ געגרייט; די יידענע האָט געשוויצט ביי דעם טועכץ. דבורה, די פריילן פון שטוב, האָט זיך אויסבאַהאַלטן מיט איר פּראָסטן, זאַקענעם קלייד. די מאַמע האָט זיך די פינגער אָפּגעביסן פון איילעניש, זי האָט געברויכט דעם מיידלס האַנטלאַנג און יענע האָט זיך בכיוון נישט געוויזן. געשעמט זיך פאַר די שטאָטישע. שבת וועט זי זיך יאַוועו. נישקשה, דבורה האָט וואָס אָנצוטאָן. אין פאַרטראַכטקייט האָט אשר אויסגעקוקט דעם טאַטן: ער וועט מסתמא ברענגען עפּעס רעכטס צו באַשיינען דעם שבת.

פאַר ליכטצינדן איז דער שבת שוין געשטאַנען אין צעהיצטן אויוון. חיים יאַנטשע מיט די זין האָבן זיך דאָס מאָל שפּעטער אונטערגעטינקט אין יעזשער. זיי האָבן זיך געשעמט פאַר אשרס געסט. יענע וועלן זיך נישט דרייען פאַר דער שטוב, וועלן זיי זיך אָפּוואַשן. ס'איז שוין געווען גוט טוקל, ווען חיים יאַנטשע איז אַריינגעקומען מיט אַ פרישן אָפּגעצוואָגענעם קאָפּ. די „פּאַר יידישע וואַרטער" האָט ער אָפּגעמורמלט שטייענדיקערהייט, איבער די צוגעדעקטע חלות. דער כאַלאַט אויף אים איז געווען אַ וואָכעדיקער און ס'פּנים אַ וואָכעדיקס. די ברענענדיקע ליכט אין די מעשענע לייכטערס האָבן אשרן אויסטערליש געבלענדט די אויגן. אים האָט זיך געדאַכט, די געסט קוקן אויף אים מיט טענה. ער איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע וויעס און קוים נאָכגעזאָגט דעם „אמן". מיט אמן האָט ס'גאַנצע געזינדל פרום באַגלייט דעם טאַטנס קידוש.

די געסט האָבן זיך נייגיריק צוגעקוקט צום דאָרפישן שבת. באַשיימפערלעך, זיי האָבן זיך געקוויקט מיט אַלעם. אַ לעבונג די פרישע לופט,

האָט די העלהאַריקע פרוי געאָטעמט מיטן אָפענעם מויל און די נאָז מיט די אויערן האָבן מיטגעאָטעמט. פאַר חיים יאַנטשען מיטן הויזגעזינד איז דער שבת פון דעסטוועגן געווען אַ גרויסער נסיון, פאַר וועלכן עס האָט זיי געשטעלט דער שטאָטישער זון. „די מענטשן זאָלן נאָר נישט אָפּ־לאַכן.״ דערפאַר האָט ער פאַמעלעכער ווי אַלע מאָל קידוש געמאַכט, וויב־ציקער אויסגעשריגן די פסוקים פון זמירות. אשר האָט זיך אויך געשראָקן דעם טאַטנס שרעק.

דער גאָט פון יידישן שבת איז זיי בייגעשטאַנען.

◆

אשרס געסט זענען פאַרבליבן אין דאָרף.

— וואָס האָט עך זיך צו איילן? — האָט די בילאַנדעריכע געזאָגט צו פרוי זילבער — זייטס דאָ אַ פּאָר וואָכן. ס׳אַזעלכע היצן. ס׳עט אונדז אויך זיין היימלעכער. אַחוץ דעם האָט אשר הינטערוויילעכטס אָנגערעדט דער מאַמע: פאַרבעט זיי. ס׳אי׳ פיינע מענטשן. זיי ברויכן נישט קיינעמס.

די מאַמע האָט פאַרבעטן, די פרוי זילבער האָט גערן זיך געלאָזן איי־בערדברן און ס׳איז געוואָרן דערפון. אין אשרן האָט געקוואָלן ס׳האַרץ. ער איז אַרומגעגאַנגען פון דער מאַמע צום ברודער, פון ברודער צו דער שוועגערן און אַלעמען דערציילט, וואָס פאַר אַ טייערע מענטשן דאָס זע־נען. צוערשט איז ער צו זיי אָנגעקומען ווי אַ לערביינגל. ער, אשר, אויף דער לער. די מענטשן האָבן געהאַט איינזעעניש פאַר אים, נישט מבייש געווען, נישט געשיקט קיין געגג, ווי מ׳פירט זיך מיט סמאַרקעס. מ׳האָט אים צוגעלאָזן זיך לערנען, געוויזן וואָס יאָ, וואָס נישט. ער האָט טאָקע געלייגט קאָפּ; געשטאַנען ביי דער מאַשין טאָג און נאַכט. דער מייסטער האָט דערנאָך געהאַט אַ נוץ פון אים, אָבער מאַלע וואָס מענטשן טוען מיט לערניונגען. מ׳נוצט אויס ביזן ביין! ער וועט׳ס נישט פאַרגעסן. זי, די פרוי, האָט אים נאָך צוגעוואָרפן אַ מאַלצייט, דער דינסט געהייסן אויסוואַשן מיינס אַ העמד. זי איז אַ קלוגע! זי האָט ביי מיר נישט גע־נומען די ברודנע זאַכן, האָט נאָר אַ ווונק געטאָן דער דינסט. כ׳בין עס דערנאָך געוואָר געוואָרן. כ׳האָב מיר אַראָפּגעגעסן ס׳פלייש פון לייב, גע־ווען אַ חרפּה אויף מיינע יאָרן, נאָר ס׳האָט געלוינט. אויסגעלאַרנט זיך אַ מלאכה. און היינט ווער בין איך? גיי, פרעג אין טאָמאַשאָוו אויף אשר בי־לאַנדער. ס׳אַ פירמע! פאַר מיין שטיקל סחורה צאָלט מען טייערער, ווי

ביי אַן אַנדערן סוועטער־מאַכער. איך האָב מיר אייגענע שליטן־מאַשינען, אַ לינקס־מאַשין, האַלט מענטשן. ווּעסט קומען ווּעסטו זען... היינט זענען זיי מיינע שותּפים — —

די טאָמאַשאָווער האָבן זיך גיך פאַרהיימישט מיט דער לאָקעטקער שטוב, מיט זיי איז געוואָרן פול יעדעס ווינקל. — סאַלטשעלע, האָסט אויסגעטרונקען די מילך? — האָט זיך פון בילאַנדערישן פענצטער גע־טראָגן אַ ניי מעטאַליק קולכל. — מאַרעקל, מאַרעטשעק, ווו איז מיר ס׳קינד ווידער אַהינגעקומען! — האָט זיך ס׳ווייבל פאַרקרימט און ארויס אויפן טרעפל פון דער הייזקע. — ר׳זאָל זיך נאָר נישט פאַרקילן. נאָר קריכט אין וואַסער. אַן אַנדערש מאָל הערט זיך, ווי דאָס ייִנגעלע מאַכט יעלות אין שטאַל. בערל האָט אים אַריינגעגאַרט צו די הינער און מיט ס׳גוואַלד אין אים אַריינגעקראָגן אַ פריש וואַרעם איי. ס׳ייִנגעלע איז אַזוי בלאַס, האָט די אַלטע זיך פאַרענטפערט אין שמייכל. — אַזאַ קינד מוז קומען צו זיך. ס׳האַלט אין וואַקסן.

די בלאָנדע פרוי איז ביז נאָך האַלבן טאָג אַרומגעגאַנגען אין אַ ברייטן, בלומיקן איינהיל — אַזאַ מין מאָדיש שטאָטישן שלאָפראָק, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר אַנטבלויזטע פולע אָרעמס און פון צייט צו צייט אַ פיין געשניצטער, קרעפּטיקער פוס העכער די קני. דער דאָזיקער באַקעט איז געווען פון וועגן דער פרישער לופט, מיט וואָס די שטאָטישע האָבן זיך שטאַרק פאַלוביעט. אַאַ, אַזאַ באַקוועמלעכקייט. — האָט פרוי זילבער טויזנט מאָל איבערגעחזרט — ס׳קומט צו אַ שטיק גע־זונט. זי האָט געגעסן, געטרונקען, זיך צוגעזען, געוואָלט צונעמען לייב: די בילאַנדעריכע האָט זיך צייט גענומען פאַר איר: פרישע אייער אָפּגע־לייגט אין אַ באַזונדערן קיישל „אויסצוטרינקען רויערהייט"; הינדעלעך האָט זי געשיקט שעכטן פאַר די שטאָטישע, פלעשעלעך קאַלטן קוואַס אונ־טערגעטראָגן, מילך אויפגעבריט, אין מיטן וואָך פריש, ווייס געבעקס גע־גרייט. דבורה, ווידער, האָט זיך געשפּילט מיטן ייִנגעלע מאַרעטשעק, מיט־גענומען אים אויף דער לאָנקע צו דער קו און זיך פאַרחברט מיטן שיינער מיידעלע סאַלטשע, וועלכע האָט יעדן טאָג זיך באַוויזן אין אַן אַנדער פרינצעסקעלע. ליכטיקע קווייטן פון כלערליי סיצן האָבן זיך געהנדלט פון דעם מיידעלעס פיגורל און עס האָבן אַראָפּגעפלאַטערט פון איר די קויר־צענקע געבופטע אַרבעלעך. פאַרן מיטיק־עסן האָט די יונגע מאַמע נאָך גערופן ס׳טעכטערל און אין ענג־געפּאַסטע טריקאָטן באַנאַנד זיך אַריינ־

געלאָזן אין טייכל. אין תחילת האָבן זיך פון וואַסער אַרויס געהערט זייערע קוויטשערייען. ס׳וואַסער האָט אָט צו שאַרף אַ קיל געטאָן, אָט זענען זיי פאַרקראָכן אויף אַ שליימיק אָרט און דער שפּיגל פון דער אָזערע האָט זיך אַ וויג געגעבן מיט זיי. אַ שניידיקער קוויטש האָט זיך אָפּגעריסן און מאַמע און טאַכטער האָבן דערפילט אַ גומענע ווייכקייט אונטער די פיס, אַ שווערקייט אין די הענט. ביי יעדן קוויטש איז אַרויסגעלאָפן אַן אַנדערער פון די בילאַנדערס, אין אַנטועכץ זיך געוואָרפן אין יעזשער אַריין און די אויף טויט דערשראָקענע אַרויסגעצויגן אויפן ברעג. שפּעטער אַריין איז זייער באָדן שוין צוגעגאַנגען שטילער. אָן אַ זייט פון טייכל איז געזעסן זייער פריינד אשר. פון וויטנס האָט ער מיט זיי געקנעלט דעם אלף־בית פון שווימען. אויסשטרעקן זיך, — האָט ער געקאָמאַנדעוועט — צעשפּרייטן די הענט, באַוועגן די פיס, דעם קאָפּ אין דער הייך, ס׳וואַסער דאַרף צוקומען ביזן מויל... און האָט דאָס נישט געהאָלפן, מאַמע און טאָכטער האָבן פון דאָס ניי געלאָזן הערן זייערע צעשראָקן קאַפּריזנע קוויטשלעך, האָט אשר שוין געמוזט זיך אונטערנעמען זיי אויסלערנען שווימען. פון הויכע, שטייפע וואַסער־גראָזן אויסגעפלאָכטן אַ שווערן קראַנץ, געלאָזן אים אויף דער באַזוניקטער וואַסער־פלאַך און צוערשט די מאַמע, דערנאָך דאָס טעכטערל געוויזן די פּשוטע הלכות: אָט אַזוי — שטרעקט ער זיך אויס — מ׳דאַרף זיך לייגן אויפן וואַסער. און אָנגענומען יעדע פאַרן אַקסל. דרייסט, דרייסט, די פיס אין וואַסער; באַוועגן רעכטס, לינקס, גראַד ווי אַ פיש. מ׳ציט זיך פאָרויס און די הענט פּאַטש־פּאַטש אַרויף־אַראָפּ. אָט־אָט, אָטעמען — — געלאָזן זיי אַ רגע אַליין אויף דער וואַסער־דעק, באַלד אָבער זענען זיי אויפגעשפּרונגען מיט אַ פול מויל שרעק, די אויערן פאַרטרונקען מיט וואַסער, די אויגן פאַרפרישעט מיט שטויב פון שאַרפן ליכט און טונקל. דערנאָך האָבן זיי שוין הילכיק געלאַכט אין שטילן טאָג אַריין.

און ווידער: די זון האָט געבראָטן די נאָס־רויטע רוקנס פון די שווימענדיקע, אשר איז געשטאַנען טיף אין וואַסער און מיט מענדעכער אומנות געהאַלטן די יונגע מאַמע (אויך ס׳טעכטערל) פעסט אונטער די אָרעמס, געהאַלטן און איבערגעחזרט: אַזוי, אַזוי, לייכט, לייכט, אָן מורא.

נאָכגעגאַנגען זיי, אָפּגעלאָזן און איבערן דאַרף האָט יעדעס מאָל זיך פונאַנדערגעטראָגן אַ ניי בהלה־געשריי פון דער אָזערע.

דערנאָך איז מען אַריין אָפּעסן. נאָכמיטיק זענען די געסט געגאַנגען

שפּאַצירן אין וואַלד אַריין. אשר האָט געפירט. דבורה האָט זיך בגנבה מיטגעכאַפּט, אַז די מאַמע זאָל נישט וויסן. זי האָט זיך צוגעבונדן צו דער פאַננע סאַלטשע, גערן געמאָסטן זיך אין יענערס קליידלעך.

אין אָוונט, נאָכן אַהיימקומען פון וואַלד, האָט דער טאַטע צעשוגדזן דבורהס לייב. געשלאָגן מיט אַ לייצע און געפּאַנפּעט אין דער באָרוד אַריין:

— האָב דיר פּאַר ס׳דייניקע. האַלט, זאָלסט געדענקען!

די מאַמע האָט נאָך געמוסרט די מויד.

— קריך נישט, ווו מ׳בעט דיך נישט... ביסט׳עך נישט קיין שטאָטי־שע. ווי קומסטו צו זיי?

אַז ס׳מיידל האָט טעג דורכאַנאַנד זיך נישט געקענט ווייזן פאַר די מענטשן מחמת די שוואַרצע פלעקן, וואָס דער טאַטע האָט געלאָזן אויף איר פּנים, האָט אשר זיך געבלאָזן אויף דער מוטער:

— וואָלסט געמעגט נישט דערלאָזן צו אַזוינס, מאַמע פון אַ דער־וואַקסענער פּאַננע.

שאָשע האָט אים צוגעהאָלפן אין דעם:

— ר׳איז דען נישט גערעכט? איינפּעקלען ווילט עך זי, אַז אַ מענטש זאָל זי נישט זען?

דעמאָלט האָט דבורה אָוועקגעטריבן די קו ווייט אין די זומפּן פון ווי־האָן, אַז די שטאָטישע זאָלן זי נישט געפינען אויף איר שטענדיקן פּאַשע־אָרט. געלעגן אין געדיכטעניש פון ווילדע קזשאַקעס האָט ס׳מיידל גע־קלאָגט אין זיך אַריין:

„אשר האָט גוט געטאָן... כ׳זאָל אַזוי לעבן, כ׳על אויך אַנטלויפן. קיין ווילאַנאָוו ועל איך זיך באַדאַי אָנדינגען, אַבי נישט דאָ זיין. נאָר מע פּייניקט.“

און זיך מער צעהעשעט. לאַנגע שעהען געלעגן פאַרבאָרגן מיטן צע־קאַלעטשעטן פּנים און געוויינט.

18

דושנע טעג

גרויסער זומער.

עס איז הייס. ס׳איז אַדורך אַ רעגנדל, ס׳האָט פאַרבייגעשטיפּט אַ ווינט און ווידער פאַכלט אַלץ מיט דער שיינקייט פון ליכט און וואַקהן. נאָך אַנומלט האָט די זון געלאַכט מיטן גאַנצן שיינעם פּנים אירן, איצט קאַטשעט זי זיך אויף איר צעגאָסענעם בויך און גיסט אָפּ די מענטשן מיט שווערן שוויס. מידקייט שטאַרט אויף אַלץ.

אין לאַקעטקע זענען אַנגעשטאַנען טעג דעמפּיקע, עפּעס ווייטע טעג. אין גערטנדלעך, וואָס פּאַר יעדער כאַטע, געלבן זיך די גרינע אוגערקעס, פון טרוקנקייט האָבן זיך צוזאַמענגעדרייט די ענגלעך אַרבעס־שויטן און ס׳האָט איינגעדאַרט דער קאָפּ פון דער גרויסער זונבלום; אירע קערלעך זענען געוואָרן ברוין־שוואַרץ. פריער, ווי ביז היינט, לויפט אַן דער פאַר־טאָג און גאַנץ שפּעט לאָזט זיך אַראָפּ דער אָוונט. דאָס ליכט פון הימל און די שיין פון דער זון דרינגען פון אַן ענדלאָזיקייט ווי פון אַ ים, וואָס פלייצט, פלייצט, און איז עלול אַלץ צו פאַרפלייצן. די נעכט זענען אויך אַזוינע ליכטיקע, דורכזיכטיק־קלאָרע פון גרינעם שטערן־שפּריי. איידער מען קוקט זיך אַרום, רייסט זיך שוין ווידער דער באַגינען דורך די שפּאַ־רעס פון שייער, דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס.

אין לאַנגווייל פוי וואַרטן אויפן שניט, ווען ס׳וועט ווערן היימלע־כעו׳, די היץ וועט נישט אַזוי דערעסן, — האָבן די טעג אויסגעזען ווי מ׳וואָלט זיי אָפּגעריסן פון ערגעץ אַ קאַכיקן אָפּגרונט און הייסע, אָנגע־גליטע אויף ווייס זיי צוגעוואָרפן אַהער. יאָ, ווייסע ביז בלינדקייט זענען געווען די טעג אין דער מיטנטאָגיקער חמימה; צו זון־זעצן זענען זיי גע־וואָרן מיד־בלאָ און פאַרטראַכט בלאָ אין די באַגינענס.

אַ צייט אַזאַ ווי אַן איינגעגליווערטער טייך. שטיל. עס ציטערט אָפּ ס׳געזאַנג פון דער פעלד־גריל און נישט ווו, נישט ווען אַ טרוקענער קלונג פון אַ שכנישער קאָסע. קיינער באַווייזט זיך נישט אין זון־בראַנד. הינער דרימלען אין שאָטן פון די שטאַלן און פויערישע פּלויטן. די ברייט פּר־

גאַנדערגעשפּרייטע גאָלדיקע קאָרנפּליינען, די האָבער־פעלדער, די לוביען־שטחים, די קאַרטאָפל — אַלץ זינקט פאַרחלשט אין דער זון. און זי פלאַמט. די ערד אַרום די צמחים־וואָרצלען איז טרוקן־פאַרברענט, ס׳זאַמד אונטער די פיס גליט און ס׳שטעכן די בינען, וואָס טראָגן זיך אום כוואַ־ליעסווייז, זינגען בייז.

פאַר די טאַמאַשאָווער מענטשן איז צו קליין געווען דאָס דאָרף אין די דאָזיקע טעג; אַזוי גרויס ווי לאָקעטקע איז אין פעלד און אין וואַלד, אין כאַטע און שייער, אַזוי ענג איז זיי געוואָרן די וועלט אין דער אומגע־הייערער ליכטיקייט. אין ערגעץ האָבן זיי זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט. אַוועק אין וואַלד, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט אָפּגעקאָכטע: פּפו! פּפּההוו. פון טייך זענען זיי אויך פלינק אַנטלאָפן, די נישט־שווימערס: אוי, ס׳פייער פון הימל. אַ סכנה די פּלייצע. אין שטוב איז דערשטיקט צו ווערן, אין שייער איז דושנע פון היי־געריך — — זיי באַקלאָגן זיך, נע־בעך, די מאַמע מיטן טעכטערל און קנוילן זיך פון היץ אונטערן אָפּדאַך פון דער כאַטע. דאָ פאַלט כאַטש אַ שטיקל שאָטן, ס׳דושעט נישט דאָס היי און ס׳דושעט נישט די זשיוויצע. האַלב־נאַקעטע וואַלגערן זיי זיך פאַר דער שוועל פון קרעמל. זעען זיי פון ווייטנס אַ מאַנספאַרשוין אָנקומען, לויפט ס׳טעכטערל זיך באַהאַלטן אין די נאָענטע קאַרטאָפל־קוּשאַקעס, די מאַמע כיכיקעט און לאָזט אַראָפּ דעם בויך צו די קני. „קוקטס נישט״, זאָגט זי אַ צעשמייכלטע מיטן פאַרשרפּעטן פנים און ס׳זיידענע טיכל אויפן צעפלאָשעטן קאָפּ שמייכלט צו. דער פּויער טענהט בשעת־מעשה: „באַבאַ פּעסט, די שטאָטישע״ און גייט זיך זיין וועג. די יונגע בילאַנדערס, וואָס זעען זי אין „אַזאַ מעמד״, טראַכטן:

— אַזאַ שטיק גאָלד מיר, ווי אַ יידענע דאָס איז! — זיי בליקן מיט שלעכט־פאַרדעקטער תאווה און וואַרפן צו אַ וואָרט: „נישטאָ זיך וואָס צו שעמען, פּראָשען פּאַני. אַלע גייען דאָ אַזוי, אויב זיי האָבן נאָר צייט״. קלמן ווערט דערביי רויט אַזוי, אַז ס׳דאַכט זיך, דער קאָפּ צינדט זיך אים אָן. און קומט אָן אשר, זעצט ער זיך צו צו פרוי זילבער און זאָגט שטיל, אַז קיינער זאָל נישט הערן:

— אַ חן דאָס האָט!

— גיי, הייבסט שוין אָן? מ׳קוקט דאָך!

זי מאַכט צו אים „אויגן״ און שטופּט אים אָפּ: „הולך, אשר!״

— איי, איי, — איז ער אומצופרידן — באַהאַלטסט זיך... איך קוק

דיך אויס און דו ווייסט נישט, ווו איך בין! — זייעט ער די ווערטער פול מיט טענה.

— געהולכט! — ווערט זי שוין שטרענג — מ׳זעט דאָך פון אַלע זייטן — און נעמט זיך שפּילן מיטן זאַמד ביי אירע באָרוועסע פיס.

אשר פאַרבייסט אַ ליפּ, דערנאָך שטעלט ער זיך אויף. זי איז אפשר גערעכט — צופּיל אויגן דאָ, טראַכט ער צום סוף, און טראָגט זיך אָפּ.

אַז ס׳טויער פון שייער צעסקריפּעט זיך — אשר גנבעט זיך אַהין אַריין — באַמערקט עס פרוי זילבער מיט אַ זייטיקן בליק. זי בלייבט זיצן ווי געזעסן און וואַרט ביז מ׳וועט רופן צום מיטיק־מאָלצייט.

ס׳וואַרטן קומט איר אָן פון דעסטוועגן נישט לייכט. פּלוצלינג כאַפּט זי זיך אויף, גייט צו צום ברעג פון דער אָזערע, טונקט איין איר קאָפּ־טיכל און אַ טריפנדיקס לייגט זי עס צוריק אַרויף אויף איר שויבער. אַ באַאומרואיקטע נעמט זי אומגעריכט רופן: „מאַרע־טשעעק!" זי לויפט אַריין אין שטוב פרעגן: „צ׳האָט נישט געזען ס׳קינד? כ׳האָב מורא, חלילה אַ זון־שטאָך"... — און גייט אַרויס מיט אַן איינגענעצט טיכל פאַר מאַרע־טשעקלען. זי מוז אויף אים אַכטונג געבן, אַזעלכע היצן, אַזאַ פייער...

ביים מיטיק איז זי מיט אשרן אויף „איר". זי האַלט מאַרעקלען אויף דער שויס. מיטן אַלטן רעדט זי מיט נייגער פון דער אַרבעט אויפן פעלד, פרעגט וועגן גערעטעניש.

פאַרנאַכט, ס׳ווערט קילבלעך, מען דאַרף, ווי געוויינלעך, מאַכן אַ שפּאַציר אין וואַלד אַריין, רופט מיט פרוי זילבער דבורהן, בערלען און נעמט איר קליינעם מאַרעק. פאַר קלמנען פאַרענטפערט זי זיך: „זי וועט אים נישט מיטנעמען" — און לאַכט מיט אַ נאַשעדיק מויל.

זי האָט מורא, גיט זי צו, אַז דעם יינגעלע איטשע מאירלען וועט זיך אויך פאַרגלוסטן מיטצוגיין. „אַזעלכע קאַוואַלירן ווינטשן זיך נישט די דאַמען".

קלמן לאָזט אַראָפּ די אויגן און שאָשע שמייכלט לעבהאַפּטיק: „ווי דען?"

איבער די קילע וואַלד־שטעגלעך טראָגט זיך דערנאָך אַ געזאַנג. פרוי זילבער גיסט אויס אירע בענקשאַפטן אין באַליבטע לידלעך. זי וויל, מ׳זאָל איר „באַגלייטן". די דאָרפישע געמיטער גיסן זיך נישט לייכט צונויף מיטן שטאָטישן מאָטיוו. בערל פאַלט גיך אָוועק מיט זיין געזאַנג. דבורה ברומט אויך מיט און, שעמענדיק זיך (ווייל מ׳הערט זיך צו צו איר), רייסט

זי אָפּ. צעגיסט זיך טאַקע זי, חנה זילבער. אַ צעזונגענע טראָגט עס זי פּאַרויס. הינטער איר ציען נאָך, מיט צוזאַמענגעפּלאָכטענע אָרעמס, איר סאַלטשע מיט דבורהן און בערלען. ווי אַ יונגערמאַן שפּאַנט בערל אין דער מיט, ער, דער העכסטער; סאַלטשע, די יינגסטע, פון איין זייט און דבורה, די קלענסטע אין וווקס, ביי דער אַנדערער זייט. אשר שלעפּט זיך נאָך פון הינטן. ער גיט אַכטונג אויף מאַרעטשעקן, ער זאָל זיך נישט פאַר־בלאָנדזשען און וואַרפט איטלעך מאָל אַ שטיין אין דער קרוין פון אַ הימל־הויכער סאָסנע.

— האָסט געזען, מאַרעטשעק, ס'האָט אַ שפּרונג געטאָן? — ווענדט ער זיך צום יינגעלע. — ס'אַ וועווערקע. ווילסט אַזעלכע?

אַז מאַרעטשעקל שמייכלט צושטימענדיק אין וואַלדישן דעמער, זאָגט אשר:

— וואַרט, מאָרגן 'עט מען כאַפּן.

געוויס איז דאָס פּאַר אשרן נאָר אַן אויסרייד צו פּטרן די מאַטערנדי־קע צייט. אים ליגט עפּעס אַנדערשט אין זינען. קודם־כל פאַרדריסט אים, וואָס זי, חנה, האָט זיך צוגעוווינט דאָ „אַרומצוריגלען מיט אַ מבין". כ'זאָל דאָס קענען מיט איר מאַכן אַ שפּאַציר, באַדאַי מיטן קליינעם יונג פאַר אַ שומר!

צוריקוועגס, אין דער טונקל, פלעגט אשר אומבאַמערקט חנהן אַ צופּ טאָן ביי דער האַנט. זי וועט זיך שוין משער זיין. זי איז אָבער איינגע־שפּאַרט. ס'זאָל אַפילו ווייטיקן דער צופּ. זי האָט זיך צומאָל נישט אומ־געדרייט, כלומרשט צו זען, צי מאַרעטשעק האָט זיך נישט פאַרבלאָנקעט. יונג־מיידלש האָט זי געשפּרייזט געאָרעמט מיט דבורהן און סאַלטשען און אין זיי עפּעס אַריינגערעדט. בערל האָט געקניט ביי יאַגדע־קזשאַקלעך.

— אַן אויסגעהאַלטענע, — האָט עס אשרן אַ דליבע געטאָן אין מוח.

— זי גייט, ווי ער וואָלט אין גאַנצן נישט דאָ געווען. נישטאָ אשר. איך, חנה זילבער, בין אַ מאַמע פון אַ דערוואַקסן מיידל, איך בין באַ־מאַנט פון הערש זילבער, וואָס אין שטאָט, איך — —

און נאָך האָט אים געגעסן אַ ביטער געפיל: זי, חנה, רעדט מיט דבורהן און אויגן האָט זי הינטעראַרומעט. זי זעט, ווי ער קריכט איר נאָך אַ פאַרגעסענער.

ביי אשרן האָבן זיך שיער נישט צעקלונגען די ציין אין מויל:

— אַ פּיפּיק שטיק דאָס איז!

עס דאַכט זיך אים, ער האָט דאָס גערעדט בלויז צו זיך. קיינער האָט נישט געהערט. וואָסזשע האָט בערל זיך אומגעקוקט?

די גאַנצע קומענדיקע נאַכט האָט ער געטשאַטעוועט אויף איר. ס'טויער פון שייער, ווו ער איז געשלאָפן, האָט ער געלאָזן לייכט אויפ־געלענט.

און דאָרט, ביי איר אין פינצטערן צימערל? ס'דאַרף שלאָפט, ס'הויז שלאָפט — דורך איר האָט די וועלט אָפן די אויגן, די וועלט איז וואַך.

...חנה האָט צוגעטוליעט צו זיך מאַרעטשעקן; זי האָט געהערט, ער שלאָפט טיף. איר איז געוואָרן דעמפיק. זי איז אַראָפגעגאַנגען צום פענצ־טער און אַרויסגערוקט דעם קאָפּ אין דער איינגעוויגטער נאַכט אַריין. פון דער אָזערע האָט אַנטקעגנגעווייעט אַ פריש ווינטל.

— —

— ששש... ביסט דאָ? גוט, דו האָסט זיך נישט אויסגעגראַבלט אַ שעה שפּעטער. ס'ט באַלד נעמען טאָגן.

די רייד זיינען זענען געפאַלן ווי אַש פון דער שייערישער נאַכט.

— זיי נישט בייז.

זי האָט וואַרעם אַריינגעהויכט אין זיין שאָטנהאָפט, צעשוומען פּנים.

— גיי אַוועק פון דאַנען! מ'קען קנאַאַסן...

ער האָט'ס אויסגעפּליסטערט און פאַרזיכטיק פאַרשפּאַרט ס'טויער פון אינעווייניק. אין שיין, וואָס האָט אַריינגעדרונגען פון דרויסן, איז זי גע־שטאַנען אין אַ לאַנגן שלאָפראָק, אויף די אַקסלען פאַרוואָרפן אַ גע־שטריקטן טוך.

— שטיי נישט דאָ, — האָט ער, אַ פאַרטועטער, נאָך אַ מאָל אויסגע־סאָפּעט.

— כ'האָב מורא, — האָט זי זיך מער דערנענטערט און אַריינגע־טאָמלט אין אים. די נאַכט, האָט אים זיך אויסגעוויזן, ציט זיך צו אים אַ לאַשטשנדיקע. אַלע זיינע מוסקולן האָבן זיך אַ שטרעק געטאָן —

ער האָט זי אָנגענומען ביי דער טאַליע און געפירט. טונקל. ס'היי האָט געשאַרכט אונטער די טריט. זי האָט נישט געזען ווו זי גייט: זי האָט נאָר געפילט זיין כוח; ער האָט זי געטראָגן. פאַר איר בליק האָט זיך געהויבן אַ העלע, ליאַרעמדיקע הויכקייט, וואָס אַ מאָל העכער, הע־כער און ס'שניידן איר פאַסן אומפריינדלעכע ליכטיקייט. דער פרוי אין

נאַכט־וואַנדל האָט זיך אויסגעדאַכט: דורך די גרויסע שפּאַרעס דאָ קוקט מען איר נאָך. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיין ברוסט.

— ס׳איז דיר קאַלט?

— ששווייג... — און מיט דער גאַנצער לאַסט פון איר קערפּער זיך אַנגעשפּאַרט אין זיין וואַקלדיקן שריט. ער האָט זי אַרומגעהאַלדזט. דער־נאָך האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזן.

— — — ליכטיקער, — האָט זי קורץ געעטעמט — ווי דו פּייניקסט מיך! גאַנצע טעג יאָג איך זיך נאָך דיר און דו אַנטרינסט. און קומסטו, ווילסטו כ׳זאָל בלינד מאַכן מיין קינד, ס׳זאָל נישט זען ווי די מאַמע ברענט פון לעכצונג צו דיר, כ׳זאָל זיך פאַרמיאוסן ביי אַלטע לייט — — וואָס, איך בין נישט קיין שיינע? אַ סך זאָגן, איך בין אַ שיינע. זע, ווי פריש עס איז מיין לייב, ווי שטייף ס׳זענען מיינע בריסטן! אַוודאי, דו ברעקלסט זיך מיט מיר, לויפסט אַרום אַ גאַנצן טאָג, זוכסט אַנדערע. און מיר רויבסטו מיין רו. דיין געשטאַלט וועקט מיך, דו רייסט מיך אַראָפּ פון מיין מאַמע־געלעגער. דו ביסט שטאַרק, דו האָסט מיך געפאַנגען! —

— יאָ, אין גאַנצן, אין גאַנצן דיינע, דיי־יי־נעע, דו ווייסט דען נישט, טייערער? דו, דו, נאָר דו! פאַרשלינג מיך ווי אַ וואָלפיש — — איך שווים דאָך אויכעט, צעברעך מיר די גלידער. ווי שטאַרק! ס׳איז גוט צו פילן, אַז דו האָסט מיך. לאָמיך אויסגיין ביי דיינע פיס. כ׳בין אַזוי גליקלעך... באַוויין אַ וווּנדער: ביסט דאָך אַ ריז. לאָמיך זיין אַ קליין מיידעלע און דו מיין אַלץ: מיין טאַטע, מיין ברודער, מיין באַשיצער און באַפעלער!

— — ווי זיס עס איז דיין טריט, ייִנגל — איך פאַרליר זיך, ווען כ׳דערזע דיך — — מיט דיר, טאַטע, גיי איך מיט אומעטום, זאָלסט מיך אין ערגעץ נישט איבערלאָזן אַליין. מיט דיר בין איך גרויס. דו גיסט מיר אַזויפיל כוח. דו ביסט מיין גבור, איך דיין ליכט. איך בין נישטאָ; איך בין דו, איך בין אין דיר. איך לייכט אין דיינע אויגן; דו עסט מיך מיטן ברויט, וואָס איך דערלאַנג דיר, איך זיץ אין דיינע געדערים ווי אַ קינד, וואָס איז נאָך נישט געבוירן — —

— האָסט עפּעס ליב דיין מיידעלע?

— אַ מינדסט נישט, — האָט ער אימפּעטיק, מיט פאַרשטיקטן אָטעם געענטפערט און נישט פאַרגעסן זיך צו רייצן מיט איר — אַ פּיטשעמאָנ־טשיקל נישט ליב.

— ביסט אַ שלעכטער!

— אַ שלעכטער?

— — — — ווהין פּליסטו מיט חנקען, ייִנגעלע מייִנס? — — —

אירע אויגן זענען פאַרלאָפן און אין דער טונקל האָבן זיי געזוכט אַן אָפּשיין פון זיין פּנים.

אומרואיק געבלאָנדזשעט מיט די הענט איבער איר לייב, איז ער מיד אַנידערגעזונקען. ס'וואָרט האָט אומקלאָר געבאָמבלט איבער אים. מיטן געזיכט האָט ער שיכור געניִשטערט איבער אירע אויגן, איבערן מויל. די ליפּן האָבן קלעפּיק זיך באַוועגט און ס'היי האָט געטומלט אין די געהירן. איר בליק איז געווען אָנגעגאָסן מיט פיבערנדיקער וואַרעמקייט. זי האָט זיך פאַרלוירן אינעם געשריי פון בלוט. אין איר האָבן זיך געעפנט קוואַלן פון אומגעהייערן פילן: זי איז אַריין אין אַ מאַכטיקן שטראָם, געצאַפּלט זיך אין דעם שטראָם, הייס, כמעט אָן אָטעם, געצויגן זיך צו אים און אויפגעלייזט זיך ווי אַן אָנשווילעכץ, וואָס גייט זיך פונאַנדער אין אַ טיפן גענעזנדיקן שלאָף — —

דער פאַרבאַגינען האָט אויפגעשאַרצט זיינע גרינע ברעמען און חנה האָט פאַמעלעך זיך דורכגעשלייכט פאַרביי די פאַרקאָרטשעטע געביי‏ען. גוט, וואָס זי האָט זיך איינגעהילט אין טוך. טאָמער האָט ווער זיך שוין אויפגעכאַפּט, זאָל עס זיין אַ רעכטער תירוץ: זי האָט געהאַט אַ ביטערע נאַכט. נישט געקענט איינליגן, אין שטוב פרעגלט מען זיך אָפּ. אַזוינע נעכט! איצט וועט זי, אַ ביסל אָן אָפּגעפרישטע, ווידער זיך צולייגן צום קינד.

— קום, מאַרענטשעקל, די מאַמעשי וועט דיך איינטוליען!

— —

...סאַלטשע איז אַוועק מיט דבורהן שלאָפן אויפן דאַך פון שטאַל. לאַנג האָבן די מיידלעך זיך געשושקעט אויפן געלעגער, געלאַכט. איצט שלאָפן זיי ווי געהרגעטע.

— ע, — גיט עס איר אַ פּיק אין דער ברוסט — יענע האָט אַן „אַלטן קאָפּ”. זי קען האָבן עפּעס באַמערקט.

...?

ווי אַ קאַמאַר האָט איר אַ ביס געטאָן דער זייטיקער געדאַנק. באַהיט זאָל מען ווערן! אַריינקומען אין מענטשנס מיילער... זי וואָלט באַלד גע־מוזט אַוועק פון דאַנען.

דער צווייפל איז ביי איר גיך אויסגערונען. מיטן אָנקום פון פריי־

מאָרגן האָט אַלץ זיך פֿאַרהיילט. אַלע שמייכלען צו פֿרוי זילבער, אַלץ איז ווי געווען. אַ פֿויגל האָט נישט קיין פּיפּס געטאָן.

ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן האָבן איבערן דאָרף ווידער זיך פֿונאַנ־דערגעצויגן ווייטע, בלאָע הימלען און ס'האָט פֿון דאָס נײַ מיט זאָרג גע־נענט אַ הייסע, מאָדנע שושקענדיקע נאַכט.

אשר האָט זיך געהאַלטן לייטיש. מיט אים, ווי מיט אַלע דאָ, איז זי געווען אויף „איר".

פֿרוי זילבער האָט געוווסט צו האַלטן פּאַסאָן.

אויף דעם צווייטן שבת האָט זי דערוואַרט דעם מאַן פֿון שטאָט.

19

די באַגעגעניש

— פּראָשען פּאַני! פּראָשען פּאַני, צו איהן אַ גאַסט!

צו פֿרוי זילבער, וועלכע איז גראָד אַרויסגעקומען פֿון דער בילאַנ־דערישער הייזקע, האָט זיך געטראָגן דער רוף. דאָס האָט קלמן זיך גע־לאָזט הערן איבער לאָקעטקע. שטיל איז אין דאָרף, גייט אַרויס אַ גע־שריי אין דרויסן, הילכט ער אָפּ ברייט.

קלמן איז אַהער אָנגעלאָפֿן אַ באַרוועסער, ווי אַ פּאַסטעכל, מיט אַרומגעשאַרצטע הויזן און אויף זײַן אַקסל האָט זיך געהאָרבעט אַ פֿרעמ־דע, שווערע וואַליזע. ווײַט הינטער אים האָט זיך געשלעפּט אַ מענטש. פֿון דער פֿלייצנדיקער זון, וועלכע האָט אין לאָקעטקע זיך פֿאַראַנקערט ווי אַ בלענדנדיקע שיף מיט זעגלען און מאַסטן, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דעם פֿרעמדן, וואָס קומט פֿון טאָל, באַמבלט זיך נאָך אַ גרויסער געהרגעטער פֿויגל. פֿון זײַנע הענט האָבן אַזוי אַראָפּגעטונקלט די פּאָלעס פֿון דעם אויסגעטועטעם מאַנטל און מאַרינאַרקע. אַז ער „אַרבעט" מיטן האַרץ, ווען ער הייבט זיך אויף אויפֿן בערגל, איז געווען צו זען פֿון זײַן צעוויגטן גאַנג. פֿון ווייטנס האָבן זיך צום שטאַרקסטן געוויזן די ווײַסע העמד־אַרבל זײַנע. אַ מענטש גייט און שוויצט. ס'פּנים האָט זיך געשאָטנט

אונטערן ראַנד פון קאַפּעלוש, וועלכן ער האָט, מחמת דער ברענענדיקער זון, נישט אַראָפּגענומען פון קאָפּ.

דערהערט, מ׳מיינט זי, איז פרוי זילבער געבליבן שטיין אויפן טרעפּל פון דער כאַטע און אָנגעזשמורעט די אויגן.

„יאָ, ס׳ער, געקומען צו רייטן", האָט זי אַ מורמל געטאָן. אין די קורצינקע בלאָע באַד־טריקאָטן, וואָס האָבן אַנטפּלעקט די ווייכע, ווייב־לעכע ליניעס פון איר קערניקן לייב, האָט זי זיך אויסגעבויגן דאָ אויף רעכטס, דאָ אויף הינטערווייליעכטס. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט עמיצן געזוכט אַרום זיך און נישט געזוכט. אין דער אמתן איז עס געווען די פאַרלוירנקייט מחמת דעם אומגעריכטן, וואָס האָט איר דאָ געטראָפן. די אַנטבלויזטע הענט, די פעסטע, נאַקעטע פיס האָבן אָנגעהויבן לייכט ציטערן. קלמן האָט אויף איר געקוקט אַ רגע, אָבער זי האָט אים נישט געענטפערט, צי ס׳איז איר מאַן דער, ווען ער האָט געבראַכט.

דער מענטש אין די ווייסע העמד־אַרבל האָט זיך דערווייל דערנענטערט. אַ באַנומענע ווי פון אַ בהלה האָט פרוי זילבער אָנגעהויבן לויפן אַרום הייזל, וואָס אויפן מיטן פעלד און מיט אויפגעריסענעם האַלדז, אויפגעריסענע אויגן געשריגן אין שטוינענדיקן פרימאָרגן אַריין:

— מאַרעטשעק! מאַ־רעע־טשעק! סאַאַ־לאַ! סאַאַל־טשאַ, ווו זענט עץ ערגעץ?

אָפּגעדעכעט, גלייך זי וואָלט אַהער צוגעטאַשטשעט אַ זייער שווערע משא, האָט זי זיך צעזידלט: — אָוועקגעלייגט זיך, די ממזרים, אין דר׳ע־רד אַריין! — און ווידער הויך גערופן:

— מאַאַרעעע־טשעקק! סאַאַל... קוומט, זעט ווער ס׳איז געקומען!

די קינדער זענען שוין געווען אַוועק אויף די פעלדער, ווו עס איז שוין לאַנג, לאַנג טאָג. איר רופן איז נישט געהערט געוואָרן. חנה זילבער האָט זיך אייגנטלעך געריכט, אַז די קינדער וועלן נישט קומען — זי האָט באַדאַרפט פאַר זיך דאָס געשריי. זי האָט אַזוי אַרום געפּרוווט זיך ראַטעווען פון דער ליימענדיקער אָפּהענטיקייט.

דערנאָך איז זי אַנטקעגנגעלאָפן דעם מאַן.

— גיב, כ׳וועל דיר העלפן, — האָט זי אויסגעצויגן די הענט. פאַרגעסן אָן דער גוטער מינע, וואָס מ׳דאַרף גראָד אָנשטעלן, ווען אַפילו אויף כלומרשטן. דאָך אַ גאַסט.

— כ׳על שוין... — האָט ער, גייענדיק, געצוקט מיט די אַקסלען. פאַר־

שלונגען אין זיך דעם גוטמאָרגן, — וואָס מאַכסטו, חנהלע? — האָט ער באַלד געפרעגט דעם ווייבל.

אַן אומבאַהערשטע האָט זי אים אָפּגעשטעלט, אויסגעבראָכן מיט פּאַראיבל:

— כאָטש געקומען? געלויבט צו גאָט! האָסט זיך נישט געקענט אויסקראַצן אַביסל פריער... ס'וואָלט געפּאַסט — ס'רייסט איין. לאָזסט מיך אַזויפיל איבערקלערן — — גיב שוין! — און זי האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם מאַנטל פון זיין אָרעם.

דערנאָך — ער האָט זיך געהאַט איבערגענוג פאַרענטפערט — איז זי געוואָרן ווייכער און זיך געלאָזן אַ קוש טאָן:

— האָסטו דיר, פּרינצעסן מיינע! — און פאַרקוועטשט די אויגן.

— זע נאָר, ווי דאָס איז דעריאַכמעט!

זי האָט זיך געקרימט, געקוקט אויף אים מיטליידיק און געווישט זיין פּנים.

אַרויפגעדראַפּעט זיך אויפן בערגל האָט זי אים ווידער אָפּגעשטעלט:

— לייג שוין אַראָפּ די פּעק. ס'עט קיינער דאָ נישט כאַפּן.

דערזען, דער מענטש איז פאַרסאַפּעט פון שלעפּן זיך אין היץ פון וואָקזאַלעכל, האָבן די בילאַנדערס אין דרויסן גיך אַרויסגעטראָגן אַ בענקל.

— רוט זיך אָפּ אַ קאַפּ, פּאַניע־לעב, — האָט קלמן אים געבעטן.

אַנידערגעזעצט זיך פּאָר דער כאָטע האָט ער זיך מיד אַרומגעקוקט: אַ שטאַל, אַ שייער, אַ ברונעם, אַ סעדל און אַזאַ גרויסע דאָרפישע אָפּגעלאָזנקייט! דאָס איז עס ס'גליק, פון וועלכן אשר קען נישט אַוועק... און זי, מיינע, קוויקט זיך מיט דעם! זי זעט אַפּילו גוט אויס, קיין בייז אויג נישט. דער באָרוועס, דער נאַקעט און ס'שוואַרצע ברויט? איך פאַרשטיי נישט...

ס'ווייבל מיט אַ רויט פאַרפּאַליעט, גלאַנציק פּנים, וואָס גייט אָפּ מיט טראָפּנס רינענדיקן זונענבוימל (קענטיק, ערשט זיך אָנגעשמירט) האָט פּלוצלינג, ווי אַן איבערגעשראָקענער פויגל, זיך אויפגעכאַפּט און פון ס'ניי געגנומען רופן און לויפן פון אָרט צו אָרט:

— מאַ־רעע־טשעק! מאַא־רעעטשעק, קווום!..

— סאַאאַל־טשע־ע־עע — — —

מיטן גאַסט האָבן זיך דערוויל פאַרנומען די הויזיקע. איינציקווייז זענען זיי געקומען, דערלאַנגט אים די האַנט, אַ מורמל געטאָן און זיך

אָוועקגעשטעלט. אפשר עפּעס טאָן פאַר אים, אפשר וועט ער עפּעס זאָגן. ער האָט גאַרנישט געוואָלט, כסדר געדאַנקט: ער וועט שוין... די פרוי וועט נאָר צוריקקומען. אַ שיינעם דאַנק, ר׳וועט זיך שוין אַרומוואַשן... ער האָט גערעדט, נישט געקענט זיך אָפּיאָגן פון דעם גוטס, וואָס מ׳האָט אים גע־וואָלט טאָן. — פיין, פיין! — האָט ער זיך געדרייט אַ לייכט צערודערטער. אייגנטלעך, — ברייטערן זיך זיינע קינען — קען מען זיך נישט דערוואַשן היינטיקע צייטן. ס׳הלצה, פאַרשטייען די דאַרפישע. וואָס מ׳זאָל נישט טאָן, זאָגט ער, צו וואָס זיך נישט צורירן, איז מען נישט ריין. מ׳זינדיקט קעגן שטייער־אַמט, כאָטש גיב אים ס׳בית־הקברות, האָט ער וויצציק; מ׳זינדיקט מיטן כשרות, וואָס מ׳וויל עסן. דער עיקר איז מען זינדיק, וואָס מ׳איז יידן, כע כע־כע!

כאַכאַכאַ... עס לאַכט דריבנע, טויבלעך די אַלטע בילאַנדעריכע און זי טראָגט אים אונטער אַ גלאָז קאַלטע מילך פון קעלער אַרויס.

— כאַפּט אַראָפּ, פּאַניע־לעב. ס׳איז גוט אין אַזאַ היץ. ער מעג דאָס אומגעוואַשענערהייט.

ניין. ער דאַנקט. צו ערשט וויל ער זען ס׳משפּחהלע. ווי לאַנג איז עס, ווי ער האָט געגעסן? ס׳איז׳ן נאָך געבליבן סאַרדין, קעז, זיסוואַרג. עס פעלט דען אין שטאָט? אַבי ס׳געזונט און געלט.

ער האָט נאָך עפּעס גערעדט, דער מאַן פון דער טאָמאַשאָווער פרוי, דערציילט פון זיין שטוב, ווי זי פירט זיך אָן דער באַלעבאָסטע און באַ־קלאָגט זיך אויף די געשעפטן: סעזאָן, נישט־סעזאָן. ס׳אַ קדחת. די צייט איז אַ צרהדיקע, קאָנקורענץ, באַנקראָטן... די דאַאיקע האָבן אומפאַר־שטאַנדיק פאַרלעגן צוגעשמייכלט, אונטערגעהוסטלט און געשפּירט זיך ווי געפּענטעט. אָפּגעבן זיך מיט אַ גאַסט ברויך מען צייט און דאָ איז אַזויפיל צו טאָן. די באַלעבאַטישקייט מאָנט: פון פאַרטאָגס ביז שפּעט נאַכט אויף די פיס. זיי ווייסן דען, די שטאָטישע — האָט די אַלטע פאַר־דראָסיק געקלערט — ווי שווער ס׳קומט אָן ביז מ׳פירט זיי צ׳ דער נאָז צו אַן אָסלקע פוטער?!

חנה זילבער האָט זיי גערעטעוועט. זי האָט זיך ענדלעך געוויזן. מאַ־רעטשעקן האָט זי געברענגט צו פירן. שוואַרץ פאַרשרפעט, דערשוויצט האָט ער אומרואיק זיך באַוועגט אויף זיינע צעדראַפּעטע פיסלעך און מיט שטוינונג געקוקט אויפן פאָטער. אין זיין קינדערישן זכרון איז ס׳בילד

פון טאַטן עפּעס פאַרווישט געוואָרן פאַר דער קורצער צייט. זייטיק־פאַר־שעמט געקוקט, געקוקט און לסוף צוגעפאַלן צו אים:

— טאַטע, טאַטעשי!

ווי אַ שטוב־חיהלע זיך אָנגעהאָנגען אויפן פאַטערס הענט, געריטן אויף אים, געקושט. דערנאָך האָט ער, ווי אין דערמאָנונג, געפרעגט:

— טאַטעשי, האָסט מיר עפּעס מיטגעברענגט?

— געברענגט, זונעשי.

— ווייז!

באַרואיקט פון דער פּלוצלינגער צעטרייסלונג צוליבן קומען פונעם מאַן, האָט חנה זילבער איינגעשטילט ס׳יינגל:

— געגוג, מאַרעטשעק. לאָז, דער טאַטע וועט צורשט אָפּעסן. דער טאַטעשי איז מיד. שפּעטער וועט מען דיר געבן.

דער קליינינקער איז אָפּגעטראָטן פאַרשעמט און חנה האָט דעם מאַן אַריינגעפירט אין איר שטיבל.

— די שטוב יאַק די שטוב, — האָט זי געזאָגט. מ׳זיצט דען אין די פיר ווענט? ס׳וויכטיקסטע איז דער דרויסן, די לופט, ס׳וואַסער. זעסט, ס׳אָנגעלייגט די מי? — חניפהדיק דערנענטערט זי זיך צום מאַן, שאַרט זיך אין אים מיט איר גאַנצן קרעפטיקן לייב און פרעסט אים אָן אַ קוש אין שטערן. — אמת, איך זע נישט שלעכט אויס? די קינדער האָבן גאָר אָפּגעלעבט דאָ. נאַקעט, אומגעשטערט אומעטום. ווי וואָלטן זיי אויס־געזען אין שטאָט אין אַזעלכע היצן? אין טאָמאַשעוו איז אַוודאי דער־שטיקט צו ווערן היינט, הערשל... וועסט דאָ בלייבן אַ פּאָר וואָכן, הערשל... זע נאָר סאַרע לייט איך בין! פאַררעדט זיך און כ׳דאַרף דיר געבן עסן. ביסט שטאַרק מיד, הע? די געגנט געפעלט דיר, הערשל? אַזויפיל וואַלד, געזען? וועסט דיר מאַכן באַקוועמער. קודם וואַש זיך אַרום. כ׳וועל דיר צוגרייטן עפּעס עסן.

זי האָט זיך געדרייט, געפאָרעט און געטריבן מאַרעטשקלען, ער זאָל זיך נישט פּלאָנטערן.

ווען הערש האָט זיך צוגעזעצט צום ווייס־געשייערטן, דאָרפישן טישל, האָט זי ווייטער געלויבט דאָס שטילע מקום. כאָטש לייג זיך אַוועק שלאָפן אין מיטן דאָרף. קיינער וועט דיך נישט איבערוועקן. נאָר אַ פליג קען דיר צוזינגען. אויב מענטשן זאָלן וויסן, וואָלטן זיי געקומען אַהער פון אַלע זייטן. אַזאַ רחבות, אַזויפיל וואַלד! אַ העק, אָבער זיס איז די

רואיקייט. נישט בחינם ז׳דאָ געווען ניקאָלאַיס זומער־פּאַלאַץ, דערנאָך פּיל־סודקיס. געשמדטע העלדזער: ווייסן וואָס ס׳איז גוט! היינט, זאָגט מען, קומען אַהער די סאַמע גרעסטע קעפּ. ס׳איז ספּאַלע. זעסט דעם וואַלד אַנט־קעגן? דאָס איז עס. מאַשטשיצקי זומערט דאָ.

— און די פּאַני זילבער זומערט ווו? — לאַכט ער קיל.

— נ׳אַוודאי! — ענטפערט זי און קוקט גלוסטיק צו אים, און רעדט, רעדט.

און ס׳אַרע מענטשן ס׳זענען דאָ די פּאָר יידן? פּשוט, גוט, ווי ס׳שטיקל ברויט. די בילאַנדערס זענען דער פּער צווישן אַלע אין דער געגנט. כמעט אין יעדן דאָרף זיצט אַ יידישע משפּחה. גאָלדענע מענטשן. ווו איך גיי אַריין, בין איך היימיש. מ׳חלשט נאָך אַ מענטש, ווייסט? — לאַכן־אויף אירע אויגן — כ׳האָב שוין דאָ „מומעס״: אַ מומע רעלע, אַ מומע גאָלדע. פאַרקריך זיך ערגעץ אויף שפּאַציר, ווערט מען הונגעריק, גיט די „מומע״ צו עסן. און כ׳שעם זיך שוין פאַר זיי. ווי גערן מען איז מכבד! און די בילאַנדערס? נישט אויסצודערציילן: געקומען אַהער אויף אַ טאָג־צוויי אַ קוק טאָן, ווי אשר האָט צוגערעדט און דאָ — זיי ווילן נישט הערן. „אַהיימפאָרן? דאָ זענען זי אין דער היים! מיר זענען אויך אייגענע. האָט עץ אַן עוולה חלילה?״ ס׳טעלערל פון הימל, אויב זיי זאָלן קענען, וועלן זיי עס אונדז געבן. ווי זיי קאָרמען מאַרעקלען, ווי סאַלטשעלע פּילט זיך!

אַ בליק געטאָן צו דער טיר, און דעם מאַן שטיל צוגעוווּנקען:

— הערשל, מ׳וועט נישט טאָרן פאַרלאַנגען אומזיסט... ס׳לויפט זיי נישט איבער. זיי שטעלן זיך איין פאַר אונדז, מאַכן עקסטרע געקעכטסן. און די באַקוועמלעכקייטן דאָ? ווילסטו, האָסטו אַ בעטל אין דרויסן, ווילסטו — גייסטו שפּאַצירן. מ׳דערמאָנט נאַר, זאָלסט עסן — — ווי דו זעסט מיך יעצט, אַזוי דרייט מען זיך אַרום גאַנצע טעג. פאַרנאַכט וואַרפט מען אַרויף אויף זיך אַ שלאַפראָק, מ׳טוט אָן אַ קליידל. מאַרעקל איז טייל־מאָל אָן הויזלעך אַפילו. אמת, זונעשי? ברויכסט זען, ווי אָפּגעברענט ס׳איז אים דאָס בייכל. ברוין ווי אַ קאַרש. און סאַלטשען זאָלסטו זען: אַ ציגיי־נערקע. זי האָט שוין חברטעס. ס׳היניקע מיידל נעמט זיך פאַר איר אַרויס אַן אויג. יעצט איז זי אַוודאי אין וואַלד. באַווייזסט זיך נישט אַרומצו־קוקן: זי איז שוין דאָ מיט אַ טאָרבע שוואָמען. מיינסט: מ׳ברויך עס? ס׳איז אַ פאַרגעניגן צו קלויבן. ס׳זעלבע מיט יאַגדעס. גייסט אין וואַלד און די קוזשאָקלעך בעטן זיך: נעם מיך! אָפּט קום איך אַהיים פון שפּאַציר מיט

אַ שוואַרץ מויל און אַ קיישל פול מיט יאַגדעס. כאַטש דו ווילסט נישט, מוזסטו זיך אַראָפּבייגן צו זיי. כחול־הים איז עס דאָ. זעסט: אַזוי, מיט די צעשפּרייטע פינף פינגער מעלקט מען די יאַגדע־ביימלעך, כיע־כיע־כיע, גיט עס אַ קלינג פון איר. כ׳האָב מיך שוין אויסגעלערנט. וואָס דען, כ׳על גיין קלויבן איינס און איינס?

ער הייבט אויף דעם בליק, טראַכט מיט די אויגן און פרעגט מיט אַ פול מויל:

— ס׳לוינט זיך, אַז דער רוקן זאָל ווי טאָן? גיי שוין, גיי. טו מער נישט אַזוי! — און ס׳גיט אים אַ גלי אין מוח: צו וואָס גייט זי אַזויפיל אין וואַלד... איינע אַליין אין וואַלד? פרעגן? — ניין, גלייכער זיך נישט נאַריש מאַכן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און גענומען ווי אַ לעדער דערקייען דעם ביסן אין מויל.

חנה איז שוין ערנסטער, דאָס פּנים שטאַר, נאָר רעדן מוז זי; אַ טיפע באַדערפטיקייט פילט זי צום אַרויסגעבראַכטן וואָרט:

— מענטשן לעבן דאָ אַ גאַנצן זומער פון יאַגדעס און שוואָמען, זאָגט זי, אָבער זיי אַרט עס, די וואַלד־וועכטערס. אונדז, שטאָטישע, לאָזט מען נאָך אין וואַלד אַריין, אָבער די היגע? מ׳טרייבט זיי. מ׳רייצט אָן ווילדע הינט. זיי רייטן אָן אויף פערד, קומען אונטער אויף ראָווערן. שוין פאַראַן קאַליקעס פון דעם. פאַרגליסט זיך דעם גאַיאָווע, יאָגט ער נישט די ווייבער מיטן קליינוואַרג, וואָס קלויבן עפּעס. ער שמייכלט אַפילו און גייט זיך קלאָמפּערשט זיין וועגס מיטן הונט און מיט דער ביקס. דער וואַלד איז גרויס און טיף. אפשר האָט זיך ביי דער צווייפיסיקער חיה ס׳האַרץ פאַרדרייט? ס׳ווערט דאָך סיי־ווי קאַליע. ער קומט אָבער אומגעריכט, פאַרכאַפּט אַלע קיישלעך, ער שיסט אין דער לופטן, און גיי דיר. ס׳העלפט נישט קיין בעטן. טראָגט זיך טאַקע אַ געוויין איבערן דאָרף: אָ, יעזוס, אָ, פּאַניע! ס׳אַ טרויעריק לעבן פאַרן אָרעמאַן אומעטום, — נישט געפּרוווט זאָל מע ווערן — —

זי האָט זיך איצט צוגעזעצט צום מאַן, אים אויסגעפרעגט ווו ער עסט מיטיקן, ווי ס׳זעט אויס די היים, נאָכגעפרעגט אויף באַקאַנטע. ס׳וואָרט איז איר געווען להוט פאַר אַ סגולה פאַרן אומרו, וואָס האָט איר געשטויסן אָנהאַלטן זיך אָט־אָ־דאָ, ביי דעם דאָזיקן, וואָס וויגט דעם

שטערן אַקעגן איר. לסוף האָט זי זיך דערמאַנט: ביסט מיד, אמת? געשאָנקען אים אַ גלעט איבערן קאָפּ האָר און געהייסן אים זיך צולייגן.

— וועסט זיך איבערשלאָפן, הערשל. גיי, גיי, צום מיטיק וועל איך דיך אויפוועקן. זי וועט פאַרמאַכן דעם לאָדן, די זון זאָל נישט צוקומען. אויך דאָ באַווייזט די נכפּהניצע, וואָס זי קען. טייל מאָל האָבן זיי זיך גישט ווו אַהינצוטאָן פון חמימה. וועסט שלאָפן, יאָ? איך וועל אַרויסגיין צום וואַסער.

20

צוגאַסטביים ווייב

נאָך מיטיק האָט אשר זיך באַוויזן אויפן בערגל. ער איז געקומען פון אָפּאָטשנע.

דערזען פון ווייטנס הערשלען, דעם שותף פון טאָמאַשאָוו, האָט אשר אין תחילת זיך פאַרלוירן. אָבער באַלד זיך געכאַפּט: היתכן, וואָס עפּעס אין מיטן דערינען אַ קאַלטקייט צו אים? ע, מ׳טאָר זיך נישט פאַרראַטן! צווייטנס, זי — זי איז נישט קיין קינד.

און אויסגעשטרעקט צום גאַסט ביידע הענט, ווי ער וואָלט יענעם באמת אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אָפענע אָרעמס:

— וועמען מ׳זעט! וועמען מ׳זעט!

— דאָך זיך מיישב־געווען, העי? — איז חנה אַרויסגעשפּרונגען — קוים זיך אַרויסגעריסן, זאָגט ער.

האָט הערשל זיך דערנענטערט מיט אַ לייכטנדיק פּנים, האָט אשר שוין געפרעגט:

— עפּעס נייעס, הערשעלע?

— דאָס, וואָס איך בין דאָ, איז דיר קנאַפּ נייעס?

— גערעכט, הערשעלע, — נעמט אשר פרײַנטלעך אים קלאַפּן איבער דער פּלייצע — אַוודאי איז עס אַ יום־טוב אין אונדזער שטוב. קודם: ס׳גאַנצע געזינדל ענקערס צו גאַסט! אַזעלכע געסט... נו, — רייבט ער

זיך די האַנטפלאַכן — אַ גלעזל קאַלטס 'עסטו טרינקען? ס'אַן אַדערויף! זאָג נישט אָפּ, הערשעלע. בראָנפן וועל איך שטעלן מאָרגן. אַ שאָד, כ'האָב נישט געוווּסט. כ'על עקסטרע זיך אַריינכאַפּן אין שטאָט. מ'דאַרף דאָך באמת מאַכן אַ שניאַקל!

— ס'איז מיר שוין הייס פון עסן און פון טרינקען דאָ. נאָר מ'פּאַקט אין מיר.

— וועסט זיך נישט פאַרדאַרבן... אין דאָרף ווייסט מען נישט פון אַזוינס. סיידן ביי ס'זייעריקע, ווען זיי עסן אַלטע קישקע, אַלט פליישׁ, וואָס זיי גרייטן וואָכנלאַנג פאַר די חגאות. וואָס — זויערמילך, קעז וועט פאַרשאַטן?

רעדנדיק האָט אשר זיך אַנידערגעזעצט אַנטקעגן הערשלען מיטן ווייב. קלעצער זענען דאָ אַוועקגעלייגט געוואָרן פאַר אַן אָנהייב פון אַ נייער שטוב פאַר קלמנען, וועלכער דאַרף זיך נעמען בויען. דער ברונעם איז דערנעבן, גלוסט זיך אין דער היץ פּילן די קילקייט פון ברונעם־וואַסער. זיצט מען אין דער רואיקייט און ס'ווילט זיך הערן פון דעם ווייטן אַנדערשוו, „ווו מ'לעבט אַ קאָפּ בעסער".

— ווייסטעך, נישט אַלץ איז ס'עסן, אשר — פּאָכעט זיך דער גאַסט מיט אַ שניפּטיכל — פאַרדאַרבן, נישט פאַרדאַרבן. דער עיקר איז, אַז ס'קוועטשט נישט. קענסטעך דעם אַלטן זאָג: ווי צום הויז, אין וועלכן ס'ברענט אינעווייניק. ס'קוועטשט, אשר. דאָס האָב איך דיר צו דערציילן. בעסער דו האָסט זיך אַרויסגעכאַפּט. נאָך סחורה ווייזט זיך נישט קיין משוגענער הונט. מ'אַרבעט קוים־קוים, אָבער צרות פאַראַן אַ ים. נישט בלויז דער „סקאַרב". דאָס איז שוין אונדזער אַלטע מכה. יידן מוזן צאָלן גרויסע שטייערן, די העכסטע. ווייזט אויס, דאָס איז נאָך נישט ס'ערגסטע. אַז ס'קומען צוריק וועקסלען מיט לאַנגע פּלאַכטעס, דער עולם צאָלט נישט, דאָס, הערסטו, איז דאָס ריכטיקע! פּראָטעסטן, פּראָטעסטן... ווער ס'האָט „געשריבן", האָט היינט איין ענטפער: „נישטאָ, מ'האָט מיר אָנגעזעצט. מ'שלאָגט מיך אַזוי פיל, אַז כ'האָב שוין נישט קיין כוח" — — מ'צאָלט נישט, ווייל מ'האָט נישט צו צאָלן און מ'צאָלט נישט, ווייל ס'איז שוין אַריין אין דער מאָדע. אַ מגפה. זאָל ווייטער אַזוי גיין, איז דער ווינטער־סעזאָן שוין פאַרשפּילט, די גאַנצע בראַנזשע וועט זיין מיט אַ בית־עולם גלייך. ווי אַזוי, כ'בעט דיך, וועסטו קענען אַרבעטן, אַ מענטש אַנטרויען די שיין?

— שוין, שוין! — רייסט חנה איבער — אָוועקזעצן זיך וויינען? ס'עט אַדורך ווי אַ היץ־קרענק. ס'זומער, כאַפּן זיי זיך מיטן אויפן דרייער, די באַנקראָטניקעס. די רעיעלע וועלן דאָך צאָלן, זיי וועלן וועלן בלייבן נאָ פּלאַצו. פּאָלגטס מיך, פּאַקטס איין דעם שמועס. רעדטס ליבערשט וועגן די היצן, וועגן אויבס.

— גערעכט, אפשר, די יידענע. ווי מיינסטו, אשר — שמייכלט שוין דער גאַסט. דערציייל בעסער פון דיין אָפּאָטשנע, וואָס דו האָסט דאָרט געזען, ווי גייט עס אונדזערע יידעלעך? ווייסן זיי אויך פון באַנקראָטן, פון ענדעקעס?

— ווייסן, ווייסן זיי דווקא אַלץ, נאָר זיי קרענקען עס נישט איבער ווי דו. זיי האַנדלען אַנדערש. דער פּויער קומט, ברענגט ער מיט די מאַטניאַ. און אַז ס'האַלט ביי נישט צאָלן, קענען זיי אויך שוין די חכמה, די אָפּאָטשנער. מ'זאָגט ערשט, אַז איצל וויעלגאָוואָלסקי, דער רייכסטער שניט־סוחר, האָט זיך גוט איינגעריבן דעם ביילעק. געמאַכט דעם אמתן חיפּוש. ס'געוועלב שטייט'ן קלאָמפּערשט לײדיק. וואָס שייך ענדעקעס, האָט שוין מער ווי איין מאָל אויך אויף די אָפּאָטשנער געציטערט די הויט. פּזשיטיק, מיינסטו, איז ווייט פון אָפּאָטשנע, און אָדזשיוואָל קען זיך נישט פּאַרגינען אַ פּאָגראָם? די שטעטלעך לעבן אָבער נישט אַזוי ברייט. זיי קאָנען נישט די סטודענטן מיטן סיים, זיי לאָכן זיך אויס פון דער שחיטה־גזירה. יידן האָבן זיך זיי ער סטאַראָסטע, גייען זיי צו אים זיך קלאָגן אויף די עוולות; טרעפט עס יידישע פּרנסות, רוט מע נישט. גיט מען חלילה נישט קיין כשר פליייש אין די יאַטקעס, וועלן זיי אויך עסן כשרס. זבולין שוחט איז אַן אָפּגעהיטענער ייד, ער וועט זיך נישט פּוילן צו שעכטן בייטאָג און ביינאַכט, טאַיעמנע — ס'זאָל נאָר זיין וו אַ ס! בכלל האָבן זיי אַ גוטע טבע, די אָפּאָטשנער: ס'איז זיי אַ ביסל אַנגעזאָליעט אויף דער נשמה, זאָגט מען תהילים, איז ביטער — כאַפּט מען זיך אַריין צום רבין, צום ראַדאשיצער, צום פּזשיסכער. גיי, אדרבא, אויפן אָפּאָטשנער בית־מדרש־הויף אַרויף. מען איז נישט אַזוי צעבראָכן. מ'היט זיך נאָר פּאַרן פּאָליציאַנט. כ'זאָג דיר: זיי זענען קלוג, די דאָזיקע יידן. ס'האָט מיך אַ צי געטאָן אַהין. און מ'דאַרף זען אַ היימישן. זאָל מען נישט מיינען, כ'בין רייך געוואָרן, כ'דאַרף נישט קיינעם. מילא, עץ זענט גרויס־שטאָטישע. אַרויסגעכאַפּט זיך, איז ענק אַ קרן יעדע שעה אויף דער לופט.

איך בין אַ דאָרפישער. דאָ כאַפּט עך זיך אַרום מיט יעדן ביימל, מיט אַ גרעזל. מיך נעמט די שטאָט. אָפּאָטשנע איז מיר אייגן.

ר׳האָט זיך צערעדט, אשר, נישט אַזוי ווייט צו דערציילן פון זיך, ווי צו שטעכעלירן חנהן. זי האָט זיך נישט געמאַכט פאַרשטיין. די שטאָט האָט זי ס׳גאַנצע יאָר, האָט זי קורץ פאַרענטפערט אַלץ, אָבער אין תוך האָט זי געוואָלט אויסמיידן באַרעדעכץ. אשר איז צוגעשטאַנען צו איר, זי זאָל דווקא מיטפאָרן קיין אָפּאָטשנע. פאַראַן דאָרט וואָס צו זען. דעם קיסר קאַזשימיעזשס געדעכעניש גייט נאָך דאָרט אַרום צווישן די מענטשן. מ׳דערציילט זיך וועגן אַן אונטערערדישן וועג, וואָס איז געבליבן עד־היום. דאָרט האָט דער פוילישער מאָנאַרך אויפגעבויט אַ פּאַלאַץ פאַר זיין יידי־שער געליבטע אסתרקע. חנהן האָט דאָס אַלץ כלומרשט נישט „גענומען״. אשר, לאָז מיך צורו! כ׳וועל מיך נישט לאַנגווייליקן, — האָט זי אים אָנ־געשריגן. כ׳האָב דאָ דבורהן, כ׳האָב שאָשען און כ׳האָב מיינע קינדער. געוויס, זי וועט זיך נישט שעמען: זי כאַפּט זיך אַרום מיטן ביסל גרינס. פאַרשטייט זיך, דאָ איז עס תירוץ, מער ווי תירוץ, אַנדערש האָט זי נישט געקענט. ער ווייסט עס, אשר. אָבער ענטפערן, ווען הערשל איז דערביי? אַוודאי וואָלט זי געוואָלט זיין אין אָפּאָטשנע; טאָמאַשאָוו איז איר אויך געווען פרעמד. איז זי דען אין תחילת נישט אַרומגעקראָכן איבער אלע ליקן, טויזנט מאָל געגאַנגען צו די בלאָע קוואַלן, געוואָלט זען הידושים אין פשוטע זאַכן? אָפּאָטשנע... ר׳האָט דאָרט געהוליעט. אָפּגעטאָן מיר, ווייל כ׳בין נישט מיטגעפאָרן; נאָך דאָרט באַדאַרפט זיין אין מענטשנס מיילער! קלעמען מיך וויל ער אַצינד. אַזאַ שכל האָט דאָס! אַ שאָד, זי האָט פריער נישט בודק געווען זיין קעשענע. ר׳האָט אַוודאי אַלץ דורכגע־לאָזן. ס׳אַ פייגעלע וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן אויף דער פריי... יעדער דאָרפישער ווערט איבערקלוג אין שטאָט, כיטרע.

אין חנה זילבער האָט מיט אַ מאָל זיך צעברענט דער אייפער אויף אשרן, דעם מעדיום פון איר טראַכטן און פילן פאַר דער לעצטער צייט. זי פלאַמט אין גאַנצן, און דאָס מחמת דעם בייזיין פון דעם, וואָס איז... איך מאַן. געקומען! — — נאָך יאָרן מאַטערניש מיט דעם־אָ האָט זי (וואָס אמת איז אמת!) ערשט אין דעם אשרן געפינען אַן אָנזאָג אויף אַן אָנ־שפּאַר, דעם באַגערטן אָנשפּאַר, און אפשר טאַקע — די בריק צו איר מאָרגן. ווי ביז אַהער, קען זי מער נישט. זי האָט צו עסן, באַקומט אפילו אַ שמייכל, אָבער קיין וואָרעמקייט איז עס נישט. נישט דערגאַנגען ס׳גע־

בעקס וואָס זי האָט געגרייט במשך פון איר יוגנט. אַזוינס האָט זי גע־מיינט? ער טוט טאַקע ווי זי וויל, פרעגט איר וועגן אַלצדינג, אָבער ס'איז נישט דאָס. זי האָט אים פיינט און נישט פיינט. ליב זיכער נישט. זיך צו־געוויינט צו די צרות. דערקענט אשרן, האָט זי געפונען דעם נאָמען פאַר דעם מין, צו וועלכן הערשל געהער זיך אָן: אַ שמאַטע. אַ מאַן אַ שמאַטע האָט זי. זי איז פרוי. אַזאַ קען נישט באַשטיין פאַר אַ מאַן. דאָס געפיל פלאַטערט אָקערשט אין איר מיט ווייטיקלעכן ציטער. דער מאַן דאַרף זיך פילן אין יעדער טואונג, אין וואָרט, אַפילו אין געשריי. דער מאַן דאַרף ו ע ל ן, ער דאַרף האָבן חשק, ער דאַרף באַפעלן. זי, די פרוי, שפּירט, אַז אַזאַ איז איר נייטיק, אַזאַ וואָלט, מעגלעך, אַנדערש אויסגעשטאַל־טיקט איר לעבן. היינט צו די פינף און דרייסיק, איז זי שוין אַ באָבע. צו גאָרנישט קיין לוסט, כאָטש די פרויען פון איר משפחה הייבן ערשט אָן אויף רעכט צו בליען אין די יאָרן. ס'איז די פולע קרעפטיקייט. אָט לאה־לע דעם פעטער יאַנקלס! צוויי יאָר עלטער פון איר, ווי זי ווילט זיך. קיין איין טעאַטער־שטיק לאָזט זי נישט אַדורך, זי זוכט נאָר, וווּ עס איז אַ שמחה, כדי צו כאַפּן אַ טענצל. זי איז גאָר שענער געוואָרן. איר, חנהן, זענען אונטערגעהאַקט די פליגל. זי קען דען ערגעץ גיין מיט אים? פאַר־ברענגען, טאַנצן, איז נישט פאַר אים. ע ר ד אַ ר ף ג אָ ר נ י ש ט. נאָר האָרעווען ווייסט ער. דאָס איז זיין וועלט, אַבי ס'ווייב איז נעבן אים. יאָ, פּרעטענזיעס האָט ער: זי זאָל זיך נאָך צעקינדלען פאַר זיינעטוועגן. קינדער ברענגען מזל, טענהט ער. דאָס ווייסט ער: ס'בעט. דערמאָנט זיך דאָס אַלץ, גייט איר אָן אַ געוויין. שוין זשע איז אַלץ מיטאַנאַנד ס'קליידל, כדי צו ווייזן פאַר לייטן אַז מ'האָט אַ גוטן מאַן: ער קאַרגט גאָרנישט פאַרן ווייב! ווען וועט זי זיך אָפּנעמען איר נישט געצאָלטן חוב?... ס'איז ג ע־ו יי נ ט מיט אַזאַ מאַן און נישט געוווינט. ווי זי האָט באַשלאָסן, וועט זי טאָן. זי האָט זיך פאַרבונדן מיט אשרן אויף צו להכעיס זיך, אויף צו להכעיס די אַלע, וועלכע האָבן ליב רק פיינקייטן און טוען אַליין אַלדאָס בייז. זי וועט דעם מאַן נישט פאַרראַטן. זי וועט אים אַלץ זאָגן. אויפשטעכן דעם בלאָטער, מער אייטערן איז שוין נישט דערלאָזלעך. זי גייט אַוועק צו אשרן, וואָרן די לעצטע פאַר יאָר פטרן ביי אַזאַ...? (צאָרנדיק האָט זי גע־זאָגט אַ פּראָסט, מאַנצבילש וואָרט, אין זיך אַריין עס אויסגעשריגן) עס ווילט זיך נישט! זי קען נישט, אַפילו ווען זי וואָלט עס געוואָלט שוין פון די קינדערס וועגן, כאָטש צוליב די באַקאַנטע, וועלכע זענען זי מקנא מיטן

כלומרשטן גוטס. פרוי זילבער וועט מאַכן דעם קייזערשניט! זי האָט זיך געשטיקט מיט אַ פּלוצלינגן ספּאַזם, געביסן זיך די ליפּן: „זי וועט זיך נישט רעכענען!... אַוודאי, ד ע ר וועט עס זיכער נישט אַריבערטראָגן. ר׳וועט זיך שעמען פאַר מענטשן. פאַרפאַלן, אַז עס בליצט, מוז נאָכקומען אַ דונער. מער לעבן קען זי נישט אָפּגעבן מחמת דעם שעמען זיך. אי־בערגענוג געקרענקט זיך — — — ווידער דער, אשר, איז שוין צופיל זשעדנע, וויל צופיל. ר׳ווייסט: זי האָט זיך צוגעבונדן צו אים, איז ער ווי אַ קינד וואָס וויל נישט וויסן פון קיין גרענעץ. קודם מוז זי טאָן, ער זאָל זיך פילן אַ מענטש. מיט כל הכוחות וועט זי אים אַרויסציען פון זיין דאָרפישער פאַרגרעבטקייט, געוווינט אים אַריינצוקוקן אין אַ ביכל; זי האָט אים געעפנט אַ וועג אין דער צוקונפט אַריין. וועט ער זיך לאָזן, וועט זי מיט אים פירן; זי שפירט — זי וועט באַווייזן מיט אים צו פירן און ער וועט זיך דערשלאָגן צו אַ מדרגה. געווייינטלעך האָלץ אַז מ׳פּוצט, נעמט עס גלאַנצן, מ׳קען זיך שפיגלען דערין. דערווייל — אוי, ווי — איז ער נאָך רוי. שווער אים זיך פונאַנדערצוקלייבן וו אָ ס מען מעג און וו ע ן מ׳טאָר נישט. שטענדיק האָט ער חשק צו ליבעריי. פאַר אַלץ איז ער אַן „ער״, ס׳זעצט פון אים די היץ, און דער־אַ כוח פאַרטרענקט אים ס׳געהירן. און מאָדנע: איר ציט דווקא זיין פּשוטקייט. ווי אַ הונט איז ער איר געהאָרכיק, זי האָט נאָר מורא פאַר זיין אימפּעט. ער האָט זי ליב, ער וועט גיין פאַר איר אין פייער אַריין; ס׳שלעכטס ביי אים איז וואָס ער פאַרגעסט זיך: ס׳ווייזט אים אויס — טראַכט זי שוין מיט קרענקעניש — אַז ער קען זי נעמען ווי אַ... אַזוינס וועט זי נישט דערלאָזן. זי מוז אים צוימען. ס׳איז איר אַ דערנידעריקונג! איר גאַנץ ביטער האַרץ וועט זי אויסלאָזן צו נ׳אים. געלאָפן קיין אָפּאָטשנע, געוואָלגערט זיך צוויי טעג אין דער פרעמד, אין דושנעקייט, בעת אינדערהיים קען ער רוען, און ער דאַרף רוען. ער וועט זיך דאָך מוזן אומקערן קיין טאָמאַשעוו, די ווערק־שטעטל קען לאַנג נישט זיין אָן באַלעבאָס. ס׳איז פּ ר אָ ס ט, ר ו י! — פרוי זילבער האָט זיך געביסן די צונג. איר כעס זאָל נישט אויסברעכן דאָ, ביי הערשלס בייזיין. דער אשר האָט געמיינט: זי וועט קומען אין דאָרף אַריין, איז זי שוין אויסגעטאָן פון אַלע קייטן. ס׳וואָלט גוט געווען, דער ווילן זאָל אַזוי געשווינד פאַרווירקלעכט ווערן. נישט לייכט זיך אָפּצו־שאָקלען פון אַזוינס, וואָס מ׳האָט דערוואָרבן מיט מאַטערניש. און דאָ איז עס נישט אַ זאַך, מיט וועלכער מ׳קען טאָן וואָס מ׳וויל; עס איז אַ צו־

שטאַנד, אין וועלכן זי איז אַריינגעוואַקסן מיטן קאָפּ און מיטן האַרץ. אירס אַ שטיק לעבן איז עס, ווי מיאוס עס זאָל נישט זיין. גרינג זיך אָפּצו־טרייסלען פון אַ מאַן, צו וואַרפן לייבלעכע קינדער, כאָטש דיך פייניקט דער געדאַנק, אַז דו האָסט זיי געבראַכט אויף דער וועלט נישט פון ליבע, נאָר פון מ ו ז? אָך און ווי דער פרוי! זיכער איז זי, חנה, נישט די ערשטע און נישט די לעצטע, וואָס באַגייט די דאָזיקע זינד. קיין טרייסט איז עס אָבער נישט. ס׳איז איר מענטשלעכע שאַנד. אייגענע יאָרן אָפּגע־נאַרט... אויפגעכאַוועט אין זיך אַ פּראַקטיקן פרילינג, ס׳זענען געווען טרוי־מען — דאַכט זיך, ס׳האָט עפּעס געצייטיקט אויף איר בוים און... עס איז אַראָפּגעפאַלן אַן אויסגעדאַרטע שישקע.

עס איז געווען אַן אומגעריכטע, שווערע איבערלעבעניש פאַר איר גראָד איצט צו זיצן אַנטקעגן דעם מאַן, ווען מען מ׳דאַרף, כאָטש פון פריינדשאַפט וועגן, שענקען אַ שמייכל. דאָך אַ מענטש, וואָס איז געקו־מען צו איר. באַפאַלן אים אָקערשט מיט אַזאַ פול מעסטל אָפּנהאַרציקייט, איז נישט דאָס אָרט דאָ. מ׳מוז אָפּוואַרטן. חנה האָט זיך דערשפּירט שטאַרק געקוועלט: ווי קען זי ערשט אַזוי זיצן? — זיך אויפגעשטעלט, ווי ס׳וואָלט זיך אַ רודער געטאַן ביי דער אָזערע, האָט זי אַראָפּגעקוקט אַהינצו, אויפגעכאַפּט אַ דערנענטערדיקע שטים און נישט פאַרן מאַן און נישט פאַר יענעם געפונען אַ וואָרט. ביידע מאַנסלייט זענען געזעסן פאַר־לאַנגווייליקט. עפּעס דאַרף מען דאָ טאָן, אָבער נישט געוווסט — וואָס. זיי האָבן נאָר געגלאָצט, פּלוצלינג זיך צעגענעצט.

— ווייסטו וואָס? כ׳וואָלט געגאַנגען שלאָפן, — האָט אויך אשר זיך אויפגעשטעלט.

— שלאָפן וועסטו ביינאַכט. ערשט דאַרף מען אַ קוק טאָן אויפן מאַ־יאָנטעק, וואָס דו האָסט דאָ, אשר. גייסט שפּאַצירן, חנהלע?

— גיין, — ענטפערט זי — פאַרוואָס נישט? אָבער די קינדער ווו זענען? מ׳דאַרף זיי רופן.

מ׳איז געגאַנגען איבער רייפנדיקע פעלדער, געטרעטן צווישן העל־געלע און פיאָלעטע טעפּיכער פון שטייפע לוביען־בלימלעך; איבער די קעפּ האָט זיך געשפּרייט אומענדלעכער הימל, אַ גרויסע רואיקייט. הערשל האָט ברייט אָפּגעעטעמט: „אַ מחיה!״ — האָט ער מיט מויל און ברוסט געשעפּט די אָפּגעפרישטע לופט — „פילסט, חנהלע, ווי ס׳שמעקט? אַלע קאַנאַלן עפענען זיך אין מענטש. יעצט הייב איך אָן צו פאַרשטיין, פאַר־

וואָס דו קוויקסט זיך אַזוי מיט דיינע קליינשטעטלדיקע מענטשן, אשר. ס'שוואַרצע ברויט איז באמת געשמאַק, ס'ביסל ריינע לופט.״

חנה איז געגאַנגען אַ שטומע. דער מאַן האָט אַריינגערעדט אין איר שווייגן:

— טראַכסט: ס'איז ערגער, ווי מ'מיינט, חנהלע?

— וואָס האָב איך צו טראַכטן — האָט זי גערעדט קוים צו הערן, אַקוראַט זי וואָלט געוועזן אָפּגעשוואַכט פון דער באַטאַגיקער היץ, — כ'טראַכט: אַ מאַמע בין איך אַ וואַזשנע. כ'לאָז די קינדער אויף הפקר און גיי זיך.

הערשל האָט זיך געפילט געטראָפן פון ווייבס רייד. ער האָט זיך גע־וואָלט פאַרענטפערן:

— מ'האָט דאָך זיי גערופן. שפּילן זיך מסתמא ערגעץ.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ „לאָמיך געמאַך״ און כמעט געציילט אירע טריט אין מיטן פעלד.

הערשל האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— הפקר, זאָגסטו? איך מיין, נישט ס'ערשטע מאָל גייען זיי אַליין אַוועק צו זייערס גלייכן, דיינע קינדער. ווילסטו, לאָמיר אַ קוק־טאָן, איז ער געווען אומצופרידן. — מ'וועט דערנאָך צוריקגיין. קומטס נעמען די חברה?

און גלייך האָט ער געענדערט דעם טאָן:

— וואָס, כ'האָב דען נישט אַ חלק אין וואַלד? אשר בילאַנדער איז מיין שותף, דאַרף איך על פּי יושר זיין אַ שותף צו זיין וואַלד. וויל איך טאַקע זען, צי ס'לוינט זיך.

— זעבער אַזוי, — האָט אשר זיך געצווונגען צו מאַכן אַ היימלעכע מינע.

מ'האָט זיך טאַקע צוריקגעקערט פון פעלד, אין וואַלד אַריין איז מען שוין נישט אַוועק.

— וועסט זיין אין וואַלד אויבעט, — האָט זי געטענהט — ביסט מיד. אויף היינט וועט גענוג זיין. מאָרגן וועסטו שוין גיין, ווו ס'וועט דיר גלוסטן... אַכיבע — ווילסט גיין מיט אשרן. איך בין עפּעס לאַ־עלינודיק.

— אשר איז אויך נישט קיין היגער, — האָט אשר געענטפערט — ער קען נישט פירן — און זיך צעשמייכלט הערשלען אין פּנים אַריין.

מ'האָט זיך אַוועקגעזעצט פאַר דער שטוב. די לופט, וואָס איז אַ

גאַנצן טאָג געהאָנגען איבערן דאָרף ווי אַ געדיכטע הייסע מאַסע, האָט זיך איצט אויפגעכאַפּט אויף טויזנט פּיס. מ׳האָט לייכטער אָפּגעעטעמט. חיים יאַנטשע האָט זיך אויך צוגעזעצט. איצט האָט זיך שטאַרק אָנגעזען זיין אַלטקייט; די אַנטבלויזטע ברוסט איינגעפאַלן, די פּיס — קענטיק אָנגעגאָסן מיט דער גרויסער משא פון מידקייט; ער האָט זיי אומאויפהערלעך געריבן מיט די קנאָכיקע פינגער ווי סענקעס. געלוביעט זיך מיט דעם רייבן און ווי זיין שטייגער בעת־מעשה געפרעגט דעם טאָמאַשאָווער גאַסט: „וואָס עפּעס וויכטיקס, פאַניע־לעב?״ מענטשן פון שטאָט זענען די טרעגערס פון אַלע נייסן, ווייסט חיים יאַנטשע. זאָל ער אַזוינעם באַגעגענען צען מאָל אַ טאָג, וועט ער אַלע צען מאָל אים פרעגן ס׳זעלביקע: ׳וואָס הערט מען?״ חנה האָט זיך אויפגעהויבן, זי האָט כלומרשט באַדאַרפט אַריינגיין אין איר צימערל. באַלד איז זי צוריק אַרויס.

— וואַלעריאַנקע, האָט זי געמיינט, וועט זי געפינען ביי זיך. דאָס האַרץ, אוי. אַ שוואַכעניש איז איר באַפאַלן, — האָט זי זיך באַקלאָגט פאַר דער בילאַנדעריכע.

— פון דער חמימה, — האָט זיך משער געווען שאָשע און געעצהט, זי זאָל זיך אָפּפרישן אין יעזשער, די פאַני זילבעראָווע. וואַסער ציט אויס.

— ערשט זיך באָדן? זי וועט איבערזיצן, וועט קומען צו זיך, — האָט פרוי זילבער שוואַך געפּליסטערט, אַזש דער מאַן האָט זיך אויפגעשטעלט פון בענקל אַ דערשראָקענער.

דערהערט, זי איז נישט מיט אַלעמען, האָט פאַן זילבער זיך צוגעבויגן צו די בילאַנדערס: „נישטאָ ערגעץ נאָענט אַ דאָקטער?״

„גישט נייטיק״, האָט די שוואַכע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַראָפּגעלאָזן די אויגן. לאָזט מיך צורו, האָט עס געהייסן.

חנהן איז היינט גאָרנישט באַקומען. סיי אשר איז איר דערגאַנגען ביז דער זיבעטער ריפּ, סיי איר ביאָגראַפיע די אויפגעמישטע, האָט איר געטאָן אין טויט אַריין. דאָס קאַפּיטל ד ע ר אָ ר נ ט ל ע כ ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן קען זי זיך איצט נישט מוחל זיין, די אמאָליקע פאַננע ליפּשיץ. אַ מאַן האָט מען איר צוגעקלעפּט. אָנגעהאַנגען אַ שטיין אין האַלדז, נאָר אויף דערטרונקען זיך איז זי נישט געווען גענוג קלוג. פאַרוואָס האָט זי ליבערשט דער מאַמען נישט געגעבן ס׳שייטל אין האַנט אַריין?

פּלוצלינג האָט געגומען אין איר טומלען פון אויפגעזאָטענעם צאָרן, פון אינערלעכן געוויין. זי איז דאָך נישט געווען אַזאַ ציג. פריינדינס זע־

נען געקומען זיך פאַרטרויען פאַר איר אין גורלדיקע מינוטן, און אַליין זיך באַנאַרישט. זי האָט זיך באַגראָבן!

...ס'איז געווען די מורא פאַרזעסן צו ווערן. דערפאַר וואָס די היים איז געווען שטאַרק פאַראָרעמט, צי זי אַליין האָט זיך געשראָקן פאַרן אייגענעם כאַראַקטער? דערפון מישט זיך איר דער קאָפּ אויך איצט. אַ מיידל, וואָס זאָל זיין מסוגל זיך צו וואַרפן אין די אָרעמס פון יעדן צושמייכלענדיקן מאַן, איז זי נישט געווען. זיכער מיט זיך איז זי אויך נישט געווען. ס' ב ל ו ט! די נעוואָרעט דאַרף זי זיך זאָגן — —

זי געדענקט עס ווי אַ קינדער־קרענק: זי האָט צופיל מקנא געווען מיידלעך, וואָס האָבן זיך אַרומגעפירט מיט יונגעלייט; פון אייפערזוכט פלעגט זי אומזיסט־אומנישט זיך בלאָזן אויף די גליקלעכע חברטעס; אָפּט געהאַט אומרואיקע נעכט. עס האָבן איר געחלומט שטאַרקע אומאַרמונגען, הייסע קושן פון מענער, וועלכע זי פלעגט נאָכקוקן פון די באַהעלטענישן פון איר מיידלשער באַשיידנקייט. אויפגעכאַפּט זיך פון שלאָף אין מאַטערנדיקע וויזיעס — באַגעגנט דעם פרימאָרגן מיט אַ מאַט פּנים, מיט קאַפּווייטיק. טייל מאָל בכיוון אויסגעמיטן אַרויסצוגיין פון שטוב. זיך גופא נישט געטרויעט. די אומגליקלעכסטע צייט געווען אין איר דערדריקטער יוגנט. ס'מוז זיין ירושה. עס איז דאָס בלוט פון יוחנן ליפשיץ דעם טאַטן, וועלכער איז ערשט אין די שפּעטערע יאָרן געוואָרן אַ געזעצטער מאַן. פריער פלעגט די מאַמע מיט אים זיך אַרומקריגן, קלאָגן אין די ווינקלען: „אָך איז מיר! די פינצטערע נאַשיעניע... ס'האָט שוין דערוואַקסענע קינדער און קען נאָך אַלץ נישט אָפּזיצן." וואָס־וואָס, אַזוינס פאַרגעסט זיך נישט. פאַרשטעלטערהייט האָבן לייט געמורמלט אויפן בכבודיקן יוחנן ליפשיץ: ר'איז נכשל געוואָרן, האָט צו טאָן מיט... האָסט עס נישט געוואָלט גלייבן, אָבער ס'האָט דיך געפּאַטשט — „ס'איז אמת, הער זיך צו צו זיך אַליין!" זי, אַ געוווג ניכטערע, האָט פאַרשטאַנען באַצייטנס: קומט צו דיר, חנה, אַ מאַן מיט ווילן, וועסטו נישט קענעןביישטיין דעם גרויסן פרווו פון בלוט. חנה, האָב זיך אין די הענט...! בעיקר דאָס, די משוגענע ניכטערקייט, האָט איר געטריבן צום אומפאַרגיבלעכן פאַרברעך. ס'אַ פאַרברעך לגבי זיך און אַן אומגליק פאַר די קינדער, וואָס זענען געקומען נאָך דעם. ווי פרידלעך, אַן געשרייען און אַן געטומל זי האָט מסכים געווען אויף דעם טרויעריקן געשעפט. אַזאַ קאַלב געווען!

— טאָכטערשי, — האָט די מאַמע אין איר אָריינגערעדט און דער

טאַטע האָט זיך אַרויסגערוקט פון שטוב — וואָס קענסטו דערוואַרטן פון דיין היים? זעסט׳עך, אויסגעשפּילט זיך גאָר שלעכט. מ׳מוז זיך אַ קנייפּ טאָן אין באַק אַריין. דער טאַטע ציטערט, די גאַס זאָל זיך נישט דערוויסן פון זיין דלות. ווייסט׳עך: קיין געשעפטן מאַכט דער טאַטע שוין לאַנג נישט. מ׳פאַרקויפט אַראָפּ פון זיך אַלץ וואָס איז געווען באַהאַלטן אויף טויזנט שלעסער. צו דעם פאָרט עס דער טאַטע אַוועק יעדעס מאָל, און מענטשן מיינען: יוחנן ליפשיץ איז נאָך אין די פעדערן. ווער עס קוקט און ווער עס דריקט... פאָלג מיר, קינד: דער הערשל איז נישט קיין געלערנטער, נישט קיין יחסן, אָבער זייער אַן אָרנטלעכער. ר׳איז ווערט זאָלסט זיך מיט אים טרעפן. און אַז ס׳האַרץ וועט דיר זאָגן — קלייב אים אויס צווישן אַ סך אַנדערע. געדענק, נישט איטלעכן פּאַצעט קען מען גלייבן! דער — ווי אַ גוטע טויב קלאַפּט ער אין אונדזער פענצטער. זעסט׳עך: ער וויל נישט אָפּטרעטן. ער חלשט פאַר דיר. ס׳איז די ריכטיקע צייט, טאָכטערשי. קלויב נישט צופיל, און נישט צו לאַנג — — דיין מאַמע וויל אין דיר נישט זען קיין בייז. דריי זיך אויס צו אים. אַ יונגערמאַן קומט אין דיין הויז אַריין, איז מען אים נישט מבייש, חנהלע... גאָט וועט העלפן, וועסט זיך באַשליסן, וועסטו האָבן ווילטיק ביי אים. און וואָס, כ׳בעט דיך, ווינטשט זיך אַ מענטש? גלייב מיר, קינד, אַזוינער איז מיר חשובער ווי אַן אויפגעשטייפטער פון אַ בעסער הויז. מיינסט, ס׳פעלן פאַרפוילטע עפּעלעך צווישן יחסנים אימשטיינס געזאָגט? ער איז אַ פּשוטער. געוווינט צו אַרבעטן, מאַכט נישט דעם אָנשטעל אַז ר׳איז אַ גראַף. שטויס אים נישט אָפּ, טאָכטער. ער וויל נישט אַרויסגיין פון אונדז, איז׳ס מסתמא אַ זיווג. לערן זיך אויס, חנה, ער זאָל דיר אויך געפעלן. מיט דער צייט וועסטו אים ליב קריגן. איך האָף צו גאָט — —

אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן. די מאַמע... און זי אַליין? זי איז זיך אויך צעקראָכן אונטער די תחנונימדיקע רייד, אונטערן טאַטנס ירידה־גאַנג. און זי איז געווען — חוץ דעם — דערדריקט פון איר אייגענעם משוגעת: טאָמער קומט אַ דרייסטער יונגערמאַן און ער וויל איר אַ קוש טאָן! זי איז נישט ביז צוזאָגן: א י ך ו ו י ל, מחמת עס לעכצט טאַקע ס׳גאַנצע לייב און לעבן נאָך דעם קוש, און — פאַרקערט — זי איז צו שוואַך צו קענען קוקן דעם שד אין די אויגן אַריין מיט אַן ענערגישן כ׳ ו ו י ל נ י ש ט, ווייל ס׳ווילט זיך באמת נישט דעם קוש, וואָס דער צודרינגלעכער באַגערט צו נעמען אָדער געבן. און די פאַרנאַרישטע חנה

ליפשיץ האָט זיך געצווונגען צוצוגעווינען צו דעם צוטשעפּעניש. ביסלעכ־ווייז זיך געוויזן מיט אים אין גאַס אַריין: אַ ח ת ן, דערנאָך — מ יי ן ח ת ן. זי האָט צוגעווינט די באַקאַנטע צו קוקן אויף איר ווי אויף אַזאַ וואָס רעכנט זיך נישט מיט מענטשנס געזאָגעכץ. שפּעטער האָט זי אַלעמען צוגעוווינט צו קוקן אויף חנה ליפשיץ ווי אויף אַ פאַרליבטע אין דעם־אָ, אַ פאַררלי־יי־בבבטע!

פון אינעווייניקדיקער ברויזונג האָט זי זיך שיער־נישט צעשריגן אין דעם אַראָפּנידערנדיקן פּאַרנאַכט אַריין. זאָלן מענטשן וויסן פון איר אומ־גליק; מער קען זי נישט דריקן אין זיך! און האָט זי זיך אויפגעהויבן פון־נעם בענקל, כדי זיך אָפּצוקילן גייענדיק, האָט דער מאַן אויך זיך אויפגע־שטעלט, איז אַוועק זי באַגלייטן. פון די טונקלענדיקע פעלדער איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען אַ הענגענדיקער ווייסער טוי־וואָלקן; ער האָט זיך גע־שפּרייט ווי אַן אויסטערלישער פויגל. פון דאָרף, וואָס איז געבליבן הינ־טער זיי, האָט זיך דערטראָגן אַ קינדעריש געשריי, ס׳הירזשן פון אַ פערד און פון מאָל צו מאָל אַ פּליעסק פון וואַסער אין אַ פעלד־ברונעם.

טיף שווייגן איז מיט זיי מיטגעגאַנגען. חנה האָט הויך געעטעמט. זי האָט געהאַט ס׳געפיל אַז ס׳שווייגן וואַשט עפּעס אַוועק פון עם געמיט. זאָל ער נאָר נישט שטערן. געשפּאַנט נעבן איר האָט דער מאַן מיט זאָרג זיך איינגעקוקט אין איר, איטלעך מאָל געשטאַרקט זי מיט סתם אַ זאָג:

— ווּעסט דאָ קומען צו זיך.

— ווי רואיק עס איז!

זי האָט נישט געענטפערט.

נאָכן אָונטברויט האָט די אַלטע בילאַנדעריכע אין שטיבל פון די טאָמאַשאָווער אַריינגעטראָגן בעטגעוואַנט פאַרן נייעם גאַסט. לופּט — האָט זי אַ זאָג געטאָן — איז אַ וואַזשנע זאַך, אָבער עסן מוז מען און שלאָפן קען מען אויכעט נישט אַוועקגעבן אַן אַנדערן, ער זאָל עס אָפּטאָן פאַר אונדז. שלאָפן איז אַ רפואה, בפרט אין אַזעלכענע היצן. איר וועט זיך מסתמא באַלד וועלן לייגן, פּאַניע־לעבי?

— זייט זיך נישט מטריח, פּרוי בילאַנדער, פאַר מיין מאַן וועט מען אויסבעטן אין סטאָדאָלע. ס׳אַ גוט געלעגער. פריש, שמעקעדיק איז ס׳היי. אמת, הערשל, גייסטו אין שייער אַריין שלאָפן? וועסט זיך בעסער אויס־רוען. איך שלאָף דאָ מיטן קינד און אויפן צווייטן געלעגער — סאָלטשעלע.

הערשל האָט ווידער אַ מאָל אַ וויג געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט די טבע נישט צו זאָגן „ניין“, ווען חנה זאָגט „יאָ“.

געקוקט אויף איר, געקוקט אויף אים און די אַלטע איז אַ קליינע, אַ גיכע ארויס פונעם שטיבל, וואָס עס האָבן פאַרנומען די שטאָטישע.

— כ'האָב געמיינט, — האָט זי געמורמלט צו זיך — געקומען דער מאַן... פאַרן קליינוואַרג 'עט מען ערגעץ אויסבעטן אַ געלעגער. און אפשר...? זי איז פון דעסטוועגן אַ יידיש ווייבל.

ווען דער פאָטער האָט זיך געקליבן אַרויסגיין נעכטיקן אין שייער, זענען די קינדער צו אים צוגעשטאַנען:

— טאַטע, גיי נישט. שלאָף דאָ! — און אים צוגעהאַלטן מיטן הענטל, וואָס איז געווען רויט, אָפּגעברענט, ס'האָט פון דעם געשמעקט מיט זון.

— טאַטעשי, איך וועל גיין שלאָפן צו דבורהן. קענסט דאָ שלאָפן, יאָ? זאָג!

— ששששאָ! שטיל זאָל זיין, חברה, — האָט די מוטער אַ פּאַך געטאָן מיט דער האַנט — מענטשן זענען מיד. גענוג!

זי האָט בכיוון איינגעדעמפּט איר שטים.

מיט אַ קישן אונטערן אָרעם איז הערש אַוועק אין שייער אַריין. שפּעט ביינאַכט איז אשר אַריינגעקראָכן צו אים אין דער רויער פינצטער־ניש. ער האָט מיטגעבראַכט נאַכטישע פייכקייט, אַזש הערש האָט זיך מיט אַ מאָל איינגעקאָרטשעט אונטער דער וואָלענער פּלאַכטע.

— ווו קריכסטו אַרום אַזוי לאַנג, אשר?

— נישט אַרומקריכן? מ'קאָן דאָך משוגע ווערן דאָ. גיי איך...

הערשל האָט צוגעקוועטשט די אויגן. איבער אים האָט זיך אויסגע־צויגן אַ רויִקע שוואַרצקייט.

21

עס איז אָנגעשטאַנען דער שניט

ס׳דאַרף איז נישט געפעלן הערשלען. אין דער פרי, אַרויסגעקראָכן פונעם שייער, האָט ער אַ פּולער מיט דער רו, וואָס דריגגט דאָ פון אַלע זייטן, זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער פון ווייבס שטיבל און ליבלעך צעוויגט זיך מיטן קאָפּ און מיט די אַקסלען:

— דזשען דאָברי, יאַשניע ווּיעלמאָזשנאַ פּאַני! דזשען דאָברי, טייע־רע קינדערלעך, אַ גוטער מאָרגן אויף ענק!

אויף פּויליש און אויף יידיש האָט ער אויסגעגאָסן זיין ליבשאַפט צו די אייגענע.

אויפגעריסן די אויגן, זענען די קינדער אַרויס מיט אַ טומל: „טאַטע, טאַטעשי!״ — אָבער די מוטער האָט זיי תיכף איינגעשטילט:

— ס׳איז נאָך אַזוי פרי און דער גערעטענער טאַטע רייסט זיי שוין אַראָפּ פון די געלעגערס — האָט זיך אויפן ניכטערן געהערט תרעומות פון איר. — צ׳עט זיך נאָך פרייען. דער טאָג איז גרויס... און דו, אויב דו קענסט נישט שלאָפן — האָט זי געמיינט דעם מאַן — גיי זיך אָפּבאָדן. ס׳וואַסער איז ערשט גוט.

הערשל איז אַוועק צו דער אָזערע, כאָטש באָדן זיך האָט אים נישט געגלוסט. „ס׳אי׳ קאַלט אַוודאי״ — און אַ באַרוועסן פוס אַרויסגעצויגן פון שטעק־שוך: „אָ־וואַא, ס׳גראָז אַפילו איז קאַלט!״

און זיך לייכט אָפּגעשאָקלט.

פיש, וואָס האָדעווען זיך אין טייכל האָבן, פאַרבלאָנדזשעטע, זיך אָנ־געשלאָגן אָן ברעג. הערשל האָט זיי געזען זילבערדיקע און רויטלעכע, ווי דורכגעלויכטענע פון דער זון. אָט, ווען ער קען אַ פּאַק טאָן אַזוינס און אַ צאַפּלדיקס עס אַריינטראָגן חנהלען. ס׳וואָלט איר געפעלן געוואָרן, אַלע וואָלטן זיי אָפּגעלעבט און זיך נישט געפוילט אַזוי. אַ טעם ס׳האָט דאָס ליגן... זומער אויפן דאַרף שפּעט שלאָפן! אָן עברה צו פאַרלירן די דרויסנ־דיקע פרישקייט. דער באַגינען איז דער עיקר. דער פּויער איז דען אַ נאַר? זאָל ער קענען זיך דערלויבן לענגער פאַרבלייבן דאָ, וואָלט ער שוין גע־

ווסט, ווי אויסצונוצן די צייט. מילא, אשר, — פלאָנטערט זיך אים יע־נער — ער איז עפּעס אַנדערש. ר׳דאַרף זיך נישט איילן און, צווייטנס, ער איז נישט פאַרשאָלטן מיט אַזאַ בלוט. דער פֿויער ליגט אים אין די ביינער. ער אַרבעט אויך אַזוי, קוקט נישט אויפן זייגער. אַבי ער איז נישט הונגע־ריק. די נערוון פרעסן אים נישט. ווער קען זיך גלייכן צו אַזעלכן? מיך רייסט עס שוין אין שטאָט אַריין, כאַטש פון דאָרט טרייבט עס מיך. ס׳איז שלעכט, פילסטו, און עס האַלט דיך פון דעסטוועגן מיט צוואַנגען. זאָל עס זיין נאָר ס׳שטיקל ברויט? עך, ס׳ברויט... ס׳איז דער סם פון מענטש און די פרייד זיינע מ׳שטיינסגעזאָגט. אשר האָט דאָך געהאַט ס׳פרעסן, וואָס האָט אים אַרויסגעשטויסן פון זיין וואַרעמער שטאָל!... דער מענטש איז באַזעסן פון אַן אומרו, וואָס פּייניקט, טריקנט אויס דעם מאַרך. ביי וועמען די דאָזיקע שלאַנג ווערט גענערט פון די ענדעקעס, וואָס לאָזן זיך ווילגיין איבער יידישע קעפּ און ביי וועמען די צרה האָט אַן אַנדער גע־שטאַלט. ס׳איז די קרענק פון אונדזער דור. יעדן פּלאָגט עפּעס אַנדערש. אָט זי, חנה. שוין באַגינען אים געקענט ווי טאָן. זי האָט עס זיכער נישט געוואָלט. אַ וואָרט, ווי עס כאַפּט זיך אַ מאָל אַרויס, אַפילו אַ טאָן, ווי מ׳ברענגט אים אַרויס. וואָס, די ערשטע וואָך הויזט ער מיט איר? ביזן קלענסטן נאָגל פילט ער זי. טאַקע דער גוטמאָרגן אירער!... כ׳האָב גע־מיינט: אַ דאַרף וועט זי אָפּפרישן, און כ׳בין צוגעשטאַנען — פּאָר, פּאָר. אשר איז אַן אייגענער, וועט ער שוין זען. סתם אין דער פרעמד וואָלט זי זיך קיין איין טאָג נישט געקענט אויפהאַלטן. און ס׳אי׳ צווישן יידן! ווייזט זיך אַרויס: נישט גאָר געטראָפן. אַלץ נאָך אויפגערעגט. מסתמא נישט דאָס גרעסטע געלט און די נישט בעסטע מעדיצין קענען ברענגען אַ היי־לונג פאַר יעדן. עפּעס באַהאַלט זי אויס פון אים. מוז זיין ווידער אַ שלעכ־טע בשורה. די בריוולעך, וואָס דערגייען צו איר הינטער זיין וויסן. כסדר צרות פון די איריקע. אַן אָרעמע היים און זיי האַלטן זיך נאָך משה־גרויס. כ׳האָב דען ווייניק איינגעטענהט מיט איר וועגן די אַלע זאַכן? אין אַלץ איר נאָכגעגעבן. זאָל זי... און אפשר? ער איז נישט געבילדעט, הערשל. אַז ר׳זאָל לייכט קענען טרעפן דעם וועג צו אַ דאָקטער וואָס איז בעסער ווי געלט און מנוחה. ר׳איז נאָר אַ בעל־מלאכה מיט געוויינטלעכע מענטשלע־כע כוחות.

אַ פריקרע געפיל. וואָס נאָך קען ער איר פאַרשאַפן? ער שטערט איר נישט צו שיקן עפּעס צו טאַטע־מאַמע, און ער מוסרט איר נישט דערפאַר,

מאַכט זיך נישט זען — — ער איז געקומען, האָט זי באַדאַרפט זיך פרייען, ווי ס׳פּירט זיך ביי ווייבער, אויב אַ מאַן קומט אַהיים נאָך אַ שטיקל צייט. מאָדנע: געווען נישט מיט אַלעמען נעכטן און זי האָט גאָרנישט געבעטן ביי אים: העלף מיר, הערשל, זיץ ביי מיר, הערשל!... די נשמה קען אויך זיין אָנגעריירט. אַ גליענדיקער פלאַנטער איז דעם מענטשנס האַרץ, אַ גע־שוויר דער שכל, אויב ער איז נאָר שטאַרק דין. עס קען טליען, הערשל. געלאַסן! ער וועט זוכן אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט איר פון אַלץ. בלויז פרישע לופט איז נישט גענוג. ס׳מוזן זיין נערוון. זי׳ט באַדאַרפן האָבן אַ קוראָרט — —

ער וועט אַריינגיין אויפוועקן אשרן. אַוועקגעלייגט זיך דער חברה־מאַן און שלאָפט. קענסט אויף אים האַלץ האַקן — —

ער האָט געוואָלט אויסמיידן ס׳טראַכטן, הערשל. נישט כדאי קאַליע צו מאַכן אַ שיינעם טאָג. חנה וועט אפשר היינט זיין ביי אַ בעסער גע־מיט. ר׳וויל זיין אַן אמתער דאַטשניק.

פּאַמעלעכקע איז ער זיך פאַרקראָכן צום טאָל, אַריין צווישן די פעל־דער וואָס לויפן אַראָפּ צום וואַלד. די יונגע זון שפּילט זיך אויף די בלעט־לעך פון די באַרנע־ביימער אין מיטן די קאָרן־לאַנעס; דאָ און דאָרט מי־גיען טוי־קרישטאָלן און די וואַנט פון וואַלד קוקט אַ שטיל־טונקעלע, כאַטש אויבן, אין ריזיקן גזימס, איז זי שוין באַלויכטן. מאַכטיק אין איר רואי־קייט האָט דאָ זיך פאַרקנוילט די גאַנצע געגנט. אין באַגינען זעט זי אויס אַזוי ווי זי וואָלט זיך אַוועקגעזעצט אין געפערלעכן לויער: אָט־אָט, און עפּעס בייזס, צאַרניקס וועט אַרויסשפּרינגען פון דער פאַרטייעטער רו־איקייט.

פון דאַנען דרייט ער זיך צוריק, הערש זילבער. אין אָנבליק פון דעם־אַ וואַלד ווערט ביי אים געבוירן אַן אומגעריכטע שרעק, אַזאַ וואָס באַ־פאַלט דעם מענטש אין דער סודותפולער נאַכט אויף אַן אָפּגעלעגענעם וועג. ער נעמט אייליק גיין אַרויף־באַרג. ס׳בליקט אויף אים די בילאַנ־דערישע הייזקע. אַ לייכטע קעלט גייט אַריבער זיין רוקן. ער וועט אַריין אין שטוב, אַרויפציען אויף זיך אַ רעקל.

עס דעריאָגט אים אַ פּלוצלינגדיק געשריי, וואָס האָט אומגעהאַריש זיך געטראָגן פון פויערישן קעלן. די קולות האָבן הערשלען אַרומגעכאַפּט ווי שריפה, וואָס איז אָקערשט אויסגעבראָכן האַרט הינטער זיין פּלייצע. גענומען זיך דרייען אַהין, אַהער. שניידיק האָט אים איצט געוווּנדערט דאָס

וווּנדער פון דער צערודערטער שטילקייט: די שטרוידעכער, זעט ער, ליגן אין רואיקע זונפלעקן, די סעדלעך גאַפן מיט רויטלענדיקע עפּל־בעקלעך, מיט פול אָנגעגאָסענע קאַרשן. וואָס געשעט דאָ? די כאַטעס אין טאָל הויערן אין דער זון ווי מידע פי און דאָך... ווייטיקלעך שרייט מען, די־קולות צעטרייסלען. הערשל לאָזט זיך צוריק אַראָפּ, ס׳ציען די געשרייען, ערשט דערגייט צו אים אַ רופן:

— פּאַאַ־ניעע, אַ גוטמאָרגן!

עס איז דער אַלטער בילאַנדער. ער שטייט אין מיטן דער אָזערע. האָ־ריק, רויטגעפלעקט איז זיין נאַקעט אין דער שויב פון וואַסער, טריפנדיק איז זיין באָרד.

— איר שרעקט זיך? ס׳גאָרנישט. סגייעס האָבן אַ קלאָג אויף זיך. ווילדע חזירים פרעסן אויף די קאַרטאָפלעס, ס׳קרויט. איטלעך מאָל מאַכן זיי אַזאַ חורבן.

ער רעדט, דער אַלטער, און טראָגט צו זשמעניעס וואַסער צו זיין רויט אָפּגעברענטן פּנים. ער שטייט אין אָזערע ביז איבערן האַלדז און פאַרסקעט פון אַ פול מויל, פול אָנגעטרונקענע אויערן. — ס׳אַ מחיה, זאָג איך אייך. ר׳מעגט אויך אַזוי טאָן. יעדן אין דער פרי טונק איך זיך אונטער.

— ס׳אי׳ ניש׳ קאַ׳ נייעס דאָס־דאָ. ס׳איז וואַלד. די חיות האָבן אַ חזקה אויף אונדז. ווינטער די וועלף, זומער די ווילדע חזירים. פון די וועלף קען מען זיך יאַקאָש דערהיטן. מ׳נעמט די ציג אין שטוב אַריין, די בהמה אין דער הויז־קאַמער, אָבער די קאַרטאָפלעס אין פעלד? קלאָגן זיי אויף זיך, די שכנים. ער זעצט נישט קיין קאַרטאָפלעס נאָענט ביים וואַלד.

חיים יאַנטשע רעדט און די באָרד און דער קאָפּ האָר טריפן, טריפן. ער שטייט אין טייכל אין גאַנצן אַן אויסגעטוענער. קרום שפּיגלט זיך ס׳לייב אין דער טונקל פונעם וואַסער און זיינע ווערטער פליוכן זיך אָפּ אין דער ליידיקייט, און וויל ער אַרויס, פרעגט ער הערשלען:

— איר וועט זיך נישט שעמען, פּאַניע־לעב? איך גיי אָן גאַטשעס. כ׳וויל זיך שוין אָנטאָן.

— גייט, גייט, — און הערש זילבער דרייט זיך אַוועק כדי דעם אַלטן נישט צו שטערן. אָבער איידער ער גיט זיך אַ קער, איז דער מענטש שוין אויפן ברעג און זיין נאַס לייב שאָקלט זיך אָפּ פונעם דרעשטש, וואָס כאַפּט עס אַרום אין דער קילכלעכער מאָרגן־לופט. ער האָט אַן אַראָפּגע־

לאָזענעם, טויט־ווייסן בויך און אַראָפּזעצנדיקע קנאַכיקע פּיס, פּול מיט גראָבע בלאָע אָדערן און גרויסע וואָרצלען מיט פאַרדרייטע פינגער.

אַרויפגעשלעפּט אויף זיך די געלאַטעטע הויזן מיטן לײַנענעם העמד, פון וועלכן ס׳שטאַרצט אַרויס אַ ברייטע באַוואַקסענע ברוסט, איז דער אַלטער, אַ באָרוועסער, אַ לויף געטאָן צום וואַלד. אויסמײַדן צו זען אויף וועמען עס איז איצט אויסגעגאָסן געוואָרן די קלאָג, האָט ער דאָס מאָל גישט געקענט צוליב דעם גאַסט.

— ווידער צעגראָבן ס׳קאַרטאָפּל־פּעלד ביי וואַצעק באַלעכאָוסקין,

— האָט ער דערנאָך דערציילט אין שטוב. מ׳קען זיך נישט אָפּיאָגן פון די חזירים, פּשיאַקרעוו. צוערשט פרעסן זיי אָפּ ס׳בליעכץ פון די קאַרטאָפּלעס און דערלעבט נאָך עפּעס אויסצוואַקסן, גראָבן זיי אונטער די קזשאַקלעך.

— און אויסראָטן דאָס, קען מע נישט? — פּאַלט אים הערשל אַריין אין די רייד און סאַלטשעלע, וועלכע איז גראָד אַרויס פון זייער גאַסט־שטיבל, רופט זיך אָן: — אַ ווילדער חזיר? אוי־ווי, רייסציין האָט ער אַזוינע שטאַרקע. ער קען אונטערגראָבן אַ ווינטמיל. יאָ, יאָ, טאַטעשי, אַ מענטש דערהרגעט ער מיט איין ריס.

דער פּאָטער נעמט זי אַרום ביי די אַקסלען און מיט די אויגן הערט ער ווייטער דעם אַלטן, בעת דאָס געהער זיינס שפּירט־נאָך דעם טומל אין חנהס צימערל.

— אויסראָטן, פּאַניע־לעב, — הערט ער חיים יאַנטשען — דער „זשאַנד" היט זיי אָפּ, מ׳כאָוועט זיי נאָך, די ווילדע חזירים. צופיל שוין אויסגעשאָסן, זאָגט מען. אַזוי ווי איר הערט! דעם דאָרפישן, וואָס האָט די קזשיוודע, זאָגט מען צו צו פאַרגיטיקן, און בלויז ביים צוזאָגן בלייבט עס.

— איז דאָך גוט, הע? — שאָקלט דער טאַמאַשאָווער מיטן קאָפּ. — ס׳נחת איז גאָר גרויס, — און הערש זילבער איז זיך גלייך מסביר דאָס אומהיימלעכע בילד; הייסט עס, באַגעגענען זיך דאָ די מענטשן פּנים אל פּנים מיט דער באַשיימפּערלעך וואַקסנדיקער אָרעמקייט. נישט נאָר ס׳גע־רעטעניש אָדער ס׳דאָרעניש האָט צו זאָגן. אַפילו די פּרוכט איז איינגע־שטעלט שוין אין בויך! איז אים שוין נישט קיין וואונדער די שטילקייט. אַזאַ עקבערנדיקע שטילקייט! אַ לעבעדיקער ישוב איז נישט אין שטאַנד אַזוי רואיק איינצוליגן ווי רואיק עס כאָליעט דאָ דער גאַנצער געפּגרטער קאַנט. לעבן לעבט נאָר ספּאָלע. ספּאָלע כאַפּט, ספּאָלע טרייבט, ספּאָלע

שיסט און מ׳טוט זיך אָן תענוגים אין ספּאַלע. ס׳גאַרנישט קיין ווילדע זאַך פון די פּויערן, וואָס טאַמלען צו גיין אין שטאָט אַריין; שוין נישט קיין וואונדער וואָס אַזאַ אשר — — —

ער גיט אַ קוק אויף חיים יאַנטשען. דער אַלטער שטייט שוין ביים טיש, קנייפּט שטיקער ברויט פון אַ גרויסן לאַבן, טינקט עס אין זאַלץ און קייעט. ר׳האָט מער נישט צו וועמען צו רעדן, דער טאָמאַשאָווער.

— ס׳שיין ס׳דאַרף, ס׳גוט ס׳דאַרף, ברודערלעבן, איך קריג עס פּייגט!

— האָט הערש ווי אָפּגעזיפּצט און געזוכט אַרום זיך אשרן. — ר׳ברויך מיט אים אַ שמועס טאָן. אַ שטורעם האָט זיך אויפגעהויבן אין דעם מענטש: — אַזאַ הינטיש לעבן! אַרויס ערשט פון דער צרהדיקער שטאָט, געקלערט, אין דאָרף איז דאָך נישט אַזוי ווערעמדיק. איז האָסטו דיר! צו וואָס מיר די שטילקייט אַז זי איז הונגעריק ווי אַ מויז. ער גופא לעבט אויך נישט אַזוי איי־איי־איי, פאַרזאָרגט ער כאָטש דאָס ווייב, די קינדער, דאגהט פאַר אַ שווערער שעה, אָבער דאָ? ווי לאַנג דער מענטש לעבט, אַנטדעקט ער אַלץ אַז ער איז אַ נאַר. אַבי ער האָט געמיינט, ס׳דאָרף איז פּשוט און געזונט. ערשט פאַלט איין זיין גאַנצער פּאַלאַץ.

אין דעם טאָמאַשאָווער האָט זיך דערוועקט די בלינדע מענטשישע אור־שנאה צו אַלץ, וואָס איז עלול צו פאַרשקלאַפן דעם בן־אדם. אָרעמ־קייט איז אים נישט אומבאַקאַנט; פאַר זיינע יאָרן געגנוג זויערע עפּעלעך אויפגעגעסן. קוים־קוים זיך דערשלאָגן צו עפּעס. וויזשע איז מיט אַזעלכע וואָס האָבן נישט קיין שום אָנלען אין ערגעץ, געפינען נישט צומאָל קיין וועג אין שטאָט אַריין, וועלכע איז הן אַ בויערן והן אַ צעשטערערן פון מענטשלעכע עקזיסטענצן — וויזשע איז מיט אַזעלכע?...

פון הערשן האָט זיך געריסן אַ ליאַרעם:

— שוטים, וואָס זיצט עץ דאָ? נעמטס און אַנטלויפטס!

אַ גליק, ער האָט באַלד איינגעזען, ס׳איז אומזיסטיק דאָס עסן זיך ס׳האַרץ. ער האָט זיך באַהערשט ווען ר׳ האָט דערזען אשרן אָנקומען פון שייער אָן אויסגעפּאַפּטער.

— דו שלאָפסט — האָט דער טאָמאַשאָווער זיך צערעדט מיט אַ גע־מאַכטן שמייכל — און דאָ גייט אונטער אַ וועלט.

— זי גייט נאָך נישט אונטער.

יענער האָט שלעפעריק געצויגן די ווערטער:

— נאָך נישט?

הערש האָט באַדויערלעך געוויגט דעם קאָפּ איבער אשרן. אים האָט אַ נעם געטאָן אַ האַס צום יונג מחמת זיין להכעיסדיקער גלייכגילטיקייט. ער וועט זיך נישט קריגן מיט אים. ס׳זענען פוילע רייד, האָט ער אין דער הייסער מינוט אָפּגעמשפּט אשרן און ווידער זיך אָנגעהאַנגען אין דעם אַלטן, וועלכער האָט אַ באַרוועסער זיך שוין געדרייט אַרום דער הרובע. פון דאָרט האָט זיך געהערט אַן אימפּעטיק קאָכן פון אַ טאָפּ געקעכטס. עסן, עסן, חלומט זיך זיי — האָט עס הערשן אַ שניט געטאָן.

— איר זאָלט מיר געזונט זיין, — האָט הערש געפרעגט. — וואָס־זשע טוען מענטשן אָן קאַרטאָפלעס, אויב די חזירים האָבן דאָ אַזוינע גרוי־סע רעכט? קאַרטאָפלעס זענען דאָך דער הכל בכל כל פון דער חיונה אין דאָרף — וואָסזשע אַכלען די לייט?

אָנגעשטעלט אויף חיים יאַנטשען זיינע אומגעדולדיקע אויגן און דער האָט נעבעך געמוזט ציען פון זיך די אָדערן.

— זיי פרעסן קרענק און ס׳קדחת, — האָט דער אַלטער זיך שוין געוואָרגן מיטן כעס. כ׳האָב דען דאָס נישט מיטגעמאַכט? צו ערשט מוז מען זיך באַגנוגענען מיטן פּאַפּיר, וואָס דער סאָלטיס שטעלט צונויף פאַרן פּאָ־וויאַט, אַז ס׳איז געווען אַזאַ שאָדן. דערנאָך קראַצט מען אויס וואָס מ׳קען, אַבי אָנצושטאָפּן דעם מאָגן. צום סוף גייט מען צו וויצענטי יאַסעקן. ער איז דער רייכסטער ביי אונדז. וואָס עמעצער האָט, פאַרמשכונט ער עס ביי יאַסעקן. ער נעמט צינזן. ווער ס׳גיט אַוועק אַ פעלץ, ווער אַ יאַלעווקע און ווער ס׳טראָגט אַוועק דעם אַקט אויפן שטיקל לאַנד, צי אויף דער כאַ־לופּע. פון איין זייט דער סקאַרב מיטן פּאָוויאַט, פון דער אַנדערער זייט דער „כיפּיטיק״ און אין מיטן די פּיאַווקע. מ׳עסט פון זיך אַראָפּ די איי־גענע פעל. פאַר דער לעצטער ברירה שטייט ווילאַנאָוו. איר ווייסט וואָס דאָס איז, פּאַניע־לעבן? וואָס רעד יאָך? איר זענט דעך אַ טאָמאַשעווער. ס׳ענקער מציאה. פון אַלע דערפער גייט מען אַהין. טויזנטער אַרבעטן דאָרט, אָבער נישט לאַנג האַלט מען אויס אין ווילאַנאָוו. געפערלעכע גאַזן ביי דעם. פון כלערליי גיפטן מאַכט מען זיידענעם פאָדעם פון פאַרשידענע קאָלירן. די גיפטן פרעסן אויף ס׳געזונט פון מענטש, שטעלן אים אויס פאַר אַ פּעלנע משוגענעם. חמרים אַזוינע שוין אין אונדזער געגנט. פראַנ־צויזיש איז ס׳משוגעת פון דעם ווילאַנאָווער זייד. ווער ס׳האָט שוין גאָר־נישט פאַר יאַסעקן, פאַרמשכונט זיך גופא אין ווילאַנאָוו, און אַ סוף. ס׳קריש ערד דאָ איז נישט קיין גליקלעכס. אָדער ס׳איז זאַמדיק און

ס׳וואַקסט אויף דעם בלויז שטרוי, אָדער עס איז פעט־שוואַרץ און ס׳גע־רעטעניש איז אַ געשמאַקער ביסן פאַר דיווילדע חזירים. אָווע־טאָווע, עס איז אין דר׳ערד מיט די ביינער, פאַניע קאָכאַני.

— ני־ני, — וויל דער טאָמאַשאָווער דערגיין אַ טאָלק ביים אַלטן. ער׳ וויל אים כאָטש רירן, דעם שטיין.

— ני, וואָס? — דרייט דער באָרוועסער ייד מיטן צעפּאַטלטן קאָפּ. — אין בין שוין „דאָ ניטשעגאָ.״*) נישט פאַר אייך גערדאַכט, געברעיעכט. וווהין וועל איך גיין? איך מיט דער יידענע מוזן בידעווען. די קינדער? ווי גאָט וועט פירן. למשל, אשר איז אָוועק. תחילת איז געווען נישט גוט: גענומען און אַנטלאָפן. מ׳האָט געקלערט, ווהין איז ער נעלם געוואָרן? שפּעטער, מ׳האָט געקריגן אַ ידיעה, האָט מען זיך צוגעוווינט. ס׳זאָל׳ן נאָר גוט זיין. פאַר דער שטאָט, פאַניע־לעב, מוז מען האָבן כוח, מ׳דאַרף האָבן מיט וואָס צו רירן מיטן גראָבן פינגער. ביי אונדז איז מאַרטוס.**) וואָלט געווען געלט, וואָלט מען צוגעקויפט אַ שטיקל לאַנד. ס׳פּאַרט אַ שפּייזער ווי לאַנג מ׳טוט ביי דעם.

ערשט איצט האָט הערש רעכט געזען חיים יאַנטשעס פּנים. עס איז גראָ ווי אַ פּאַרטריקנטע גרודע ערד. פון זיינע אויגן בליקט אַרויס דער טיפער עלנט פון מענטש, וואָס ווייסט זיין אויסגאַנגלאָזיקייט; אין חיים יאַנטשען האָט ער נאָך דערזען פאַרצווייפלטע מענטשישע אַלטקייט. דעם טאָמאַשאָווער האָט פאַרקלעמט ס׳האַרץ. ווען מ׳האָט אים דערמאָנט, ס׳איז צייט צו פרישטיקן, האָט ער נאָך אַריינגעאַקערט אין אשרן:

— כ׳פאַרשטיי נישט. אַ הויז גייט אונטער און דיך אַרט עס נישט! זיצסט אין טאָמאַשעוו און חזרסט אַפילו נישט איבער: מיין היים! וויגסט זיך איבער דער שליטן־מאַשין, און געננוג. אָפּנהאַרציק זיין? כ׳האָב גע־הערט ביסט פון דאָרף, פון ספּאַלער געגנט, האָב איך געמיינט, דער טאַטע דיינער איז אַ רייכער פּריץ. וויזשע דען? אין פוילן אַ ייד אויפן לאַנד, היינטיקע צייטן! מילא, האָסטו געשוויגן, אָבער אַצינד וואָס האָסטו אָנ־גענומען אַ מויל מיט וואַסער? דאָ איז אַזאַ לעכצעניש נאָך אַלעם, אַז בלויז פון הערן קען מען אַראָפּ פון זינען. — דער מענטש האָט אָפּגעסאָפּעט, ווי ס׳רעדן וואָלט אים געקאָסט אַ סך אָנשטרענגונג — מ׳ברויך

---

* גאָרנישט ווערט.

** טויט.

נישט לאַנג דאָ צו זיין, אשר, דאָס צו דערפילן. מ׳זעט די מראה. זייטס נישט בייז, ליבע מענטשן. כ׳וויל ענק נישט אָנרירן — האָט ער איַנדעם אַ רעד געטאָן צו דער שטוב — אָרעמקייט איז נישט קיין שאַנד, גע־פאַלנקייט איז אַ חרפּה. איר טאָרט מער נישט אַזוי! הערסט, -- רעדט ער ווידער צו אשרן ווי צו אַ לייבלעכן — כ׳האָב נאָך אַזוינס נישט געזען. איך בין אַ וויראַבניק אין לעבן. אַלץ איז מיר שווער און ביטער אָנגעקו־מען, כ׳ווייס, וויפל עס באַטרעפט אַזאַ מאַטערניש. און דו האָסט נישט געליטן? הייסט מיין נאָמען נישט מענטש, אויב כ׳וועל דיך לאָזן רוען!

— גיי עסן, העלד מיינער! צעקאָכט זיך... ביסט שוין פאַרטיק? חיים יאַנטשע בילאַנדער איז נאָך נישט אין דער היים מיט דיין גאַנצן געביי. ער האָט צייט.

— חכמות דיינע. איך בין נישט קיין העלד, אָבער איין מאָל מוז מען זיך דערוועגן אויף אַ שריט. מיט כוח מוזסטו זיי אַרויסשלעפּן פון דאַנען. צ׳ווילט, מענטשן, כ׳פרעג ענק?

פאַרגאַפט האָט די שטוב געעפנט מויל און אויגן. אַזאַ מענטש, אַזאַ ברען! ס׳איז זיי געפעלן געוואָרן. אַזוי אומגעריכט האָט ס׳גליק צו זיי זיך אויסגעדרייט, שטרעקט די הענט. אַ לאַנגע רגע האָט מען ביים טיש אויפגעהערט צו מלאָסקען מיט די מיילער.

אָ, דער האָט אַריינגעבראַכט אַ ווינט פון אומרו! וואָס וועט זיין מיט טאַטע־מאַמען, אויב ער, בערל, גייט אַוועק אין שטאָט אַריין — פון דער ערד וועט מען דאָך נישט אַראָפּ, ס׳הויז וועט מען נישט פאַרקויפן. ווו וועט זי, דבורה, זיך אַהינטאָן אין טאָמאַשעוו? וועט אשר נעמען אַלע? ווי וועט מען זיך אין דער היים אָן עצה טאָן מיט דער קו, מיטן פערד, מיטן קעז־קאָכן, ווי וועט באַזאָרגט ווערן די קראָם — ס׳האָט שטאַרק געפּויקט אין בערלס מוח, זאָרג האָט זיך אייגעגעסן אין דעם מיידלס האַרץ. אַזאַ איבערקערעניש! קלמן מיט שאָשען זענען געזעסן ווי פאַרשטיינטע: וואָס טוט זיך דאָ? ערשט זאָלן זיי זיך נעמען בויען אָן אייגענע שטוב און פלוצ־לינג אַזאַ פאַרדרייעניש! די אַלטע לייט האָבן פאַרלוירן געקוקט דאָ אויף די קינדער, דאָ אויפן טאָמאַשאָווער און זענען געבליבן זיצן מיט אַ גע־דריקט געמיט: וואָס הייבט מען אָן אַצינד?

קענטיק, חיים יאַנטשע האָט דערנאָך זיך עפּעס מישב געווען. ער איז אַרויס אין פעלד און צו וויפלטן מאָל שוין געפּרווט די צייטיקייט פונעם קאָרן. די זאַנגען זענען געשטאַנען טרוקן, שאַרף־וואָנסיק און אַ געדיכט,

הייס לופטל האָט געגלעט זיי איבער די קעפּ; פון די לאַנעס האָט זיך גע־טראָגן דער הויך פון די לאַנגאַניקע פאַרנע מעת־לעתן. זינט ווען דאָס פעלד חלשט נאָך אַ ביסל רעגן! מיטן אַרבע־כנפות איבערן אָפענעם, האָ־ריקן ברוסט־דעקל האָט דער אַלטער געדזשאָמדזשעט אַ זאַנג און געגאַנ־גען פון לאַן צו לאַן. אומעטום האָט זיין געניטע האַנט בודק געווען די תבואה, פון וועלכער ס׳האָט זיך געטראָגן אַ דושנער ריח. קלמן איז נאָכ־געגאַנגען דעם פאָטער און אים געפרעגט:

— נו, טאַטע?

— מאָרגן, מערטשעם, — האָט חיים יאַנטשע געענטפערט. מבינות־דיק געקוקט צום הימל, געשמעקט די לופט, צי ס׳זאָגט נישט אָן אַ רעגן. די חמימה האָט געברענט.

◆

צומאָרגנס האָט אויף די בילאַנדערישע פעלדער זיך אָנגעהויבן דער שניט.

דער טאָג פון אָנהייב שניט האָט אין הויז זיך געעפנט מיט אַ מין ברייטקייט, אַקוראַט די אויסגעצייטיקטע לאַנעס וואָלטן דורך פענצטער און טירן זיך דערקליבן אַהער צו די מענטשן און זיי אין די געקאַלכטע שטיבלעך מיט אַ מאָל אויסגעהיילט פון זייערע אומעטן. אַ באַנייאונג פון די כוחות האָט זיך געשפּירט אין די באַוועגונגען פון די בילאַנדערס, פריש האָבן אָפּגעקלונגען זייערע שטימען.

אויפגעהויבן זיך פאַרטאָג האָט מען ברכה געזאָגט און אַלץ געטאָן מיט אַ פאַרבאַהאַלטענער התלהבות, גלייך מ׳וואָלט זיך געגרייט דאָ מקבל־פּנים זיין אַ גאַסט, וואָס האָט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן. אַראָפּ־געשלונגען ס׳דאַווענען האָט חיים יאַנטשע גענומען די קאָסע און מיט זעל־טענער אויפגעלייגטקייט זיך אָוועקגעשטעלט ביי בערלען, וועלכער האָט גראָד נאָך פאַרצויגן ס׳שטריקל אויף די הויזן.

— פּאַצעט מיינער, — האָט דער טאַטע געזאָגט צום זון — מיינסט, דו מוזסט אָנמויערן די מייטקעס אויף זיך? אַ סוף, לאָמיר שוין מאַכן דעם אָנהייב. דעם פעלד סווענדזשעט די באָרד.

אָוועק פונעם יונג האָט ער אַ טאָרקל געטאָן דבורהן. ס׳מיידל האָט געגרייט אַ קיישל מיט עסן פאַרן געזינדל, וואָס קלייבט זיך אין פעלד

אַריין. ווייט פון שטוב ליגן צעשניטן די שטיקער לאַנד, איז אַ שאָד צו פּטרן צייט.

— היידאַ מיטן ווערטשאַפּט, באַלעבאָסטע! דער וויטינער האָט נאָך נעכטן אָנגעהויבן האַקן ס׳קאָרן, וואָנס עסט שוין פּלאַצקעס פון נייעם מעל.

ווען זיי זענען אַרויס פון כאַלופּע, האָט קלמן שוין געוואָרט אין דרויסן. פון אומגעדולדיקייט האָט ער אַן איבעריק מאָל געשלייפט די קאָ־סע מיט דער אָסלקע.

— כ׳האָב שוין געוואָלט גיין אָן ענק, יאַק באָזשע קאָכאָם, — און ביילעך אַרויסגערוקט זיין שפּיציקע גאָמבע.

— באַהיט האָסטו געזאָלט ווערן! באַנאַנד, נאַר באַנאַנד. דו ׳עסט מאַכן אַ דזשעבלע, ער אַ דזשעבלע? ס׳קאָסיען גייט צו ריינער, אַז מיט אַ מאָל. וואָס מער יידן אָנעהאָרע, אַלץ בעסער די תפילה.

דער אַלטער האָט זיך צעשמייכלט מיט די אויגן און מיט דער פּאַר־פּלאָנטערטער באָרד.

— דאַרף מען רופן אשרן אויכעט, — האָט בערל זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף ווי אַ האָן, וואָס האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיטן קרייען. אַ רגע גע־קוקט אויפן פאָטער און שוין לויפט ער צום שייער.

אשר האָט נישט לאַנג זיך געמכינט: גלייך ער וואָלט שוין פריער גרייט געווען צו דעם, האָט ער אָן טענות גיך אַרויפגעשלעפּט אויף זיך די הויזן, איינגעטונקט די פינגער אין גראָז, אויסגעווישט די אויגן מיטן טוי און געגאַנגען.

דערגרייכט די ווייט פונאַנדערגעוואָרפענע כוואַליקע לאָנעס האָבן די מאַנספּאַרשוינען מיט די קאָסעס אויף די אַקסלען זיך פאַרלוירן אין הויכן קאָרן. געגאַנגען אויף די שמאָלע שטעגלעך איינער הינטער דעם אַנדערן און דער קילבלעכער מאָרגן האָט זיי אַריינגענומען אין זיינע צעווינטלטע פאַלעס. לויטער בלאָ איז געווען אַרום און די פּאָר אירע האָבן ווי לעבע־דיקע פלעקן זיך באַוועגט אויפן קלאָרן בלאָט פון אָנענד.

ענדלעך זיך אָפּגעשטעלט. דאָ וועט עס זיין די געגאַרטע מאָלציייט פון ווידערגעבוירענעם שוואַרצברויט, וואָס ליכטיקט יום־טובדיק אין הייס־זומערדיקן פויערישן איינדערוואַכן.

און דאָרט, אין שטוב, וואָס איז געבליבן אויף יענער זייט בערגלעך, האָט די אַלטע בילאַנדעריכע זיך שטאַרק געאיילט. דערלעבט דעם שניט פון נייעם ברויט זאָל זי חס־ושלום זיך נישט פאַרזינדיקן קעגן דער בהמה,

קעגן די עופות; אוי־אוי, זי זאָל נאָר נישט עפּעס פאַרפעלן! אַ נחת, כ׳לעבן, דאָס ווייבל, האָט די אַלטע געשמייכלט אין זיך זעענדיק אַריינ־קומען די שנור. אויך שאָשע האָט פרי זיך געפעדערט צוליב דעם שניט.

— שוויגער, וואָס איז צו טאָן? — האָט יענע זיך געוויזן אין אַ ברייטער באַלעבאַטישער שערץ.

היינט האָט איינע געדאַרפט טאָן פאַר דריי, פאַר פיר. ס׳האָט אומ־געדולדיק געוואַרט די קו, מ׳זאָל זי מעלקן, די עופות האָבן געדאַרפט מ׳זאָל זיי אָנקאָרמען, ס׳פערד — מ׳זאָל עס אָנפּאָיען און פאַרשיטן אַ פרישן אָברעק, אויב מ׳קען עס נישט אַרויסלאָזן אויף דער לאָנקע; העגט זעגען מיט גאָלד צוגלייך! מ׳האָט נאָך געדאַרפט די קו אַרויספירן אויפן גראָז. און ס׳קרעמל איז טאַקע אויך אָן עול. פאַרנומען אין פעלד, פאַרווילט זיך אַ מאָל אַ פויערישן געשמדטן גאַרגל אַ פלעשל זיסן קוואַס, עמעצער אַ באַבע ברויכט אַ צוקערל צו פאַרשטאָפּן ס׳מויל פון אַ קינד, כדי אַליין צו קענען העלפן די מאַנסלייט אַראָפּנעמען ס׳גערעטעניש. העגט, העגט! די היינטיקע טעג דאַרף מען רק אַנטקעגנגיין דער זון און זי אָפּבעטן, זי זאָל זיך מרחם זיין: נאָר נישט שיקן קיין רעגן! — האָט די אַלטע גערעדט צו זיך און צו דער שנור, און מיט די קליינע, פלינקע העגט געטאָן אַ סך זאַכן מיט אַ מאָל: געקאָכט, געפּרעסט קעזלעך, געוואַשן ס׳געפּעס און פון סאָד פאַרטריבן אַ קאַץ, וואָס האָט געשעדיקט אַ קאַרשן־צווייג.

— אויפן היינט שטייט ס׳גאַנצע יאָר, טאַטעלע קרוינעדיקער, — האָט מיט פלייס צעפּירט די העגט די יונגע בילאַנדעריכע און געשטופּט אַ ברוסט דעם קינד אין פּיסקל אַריין. אַ געלבלעכס, מיט אַ פּריש נעזל און אַ ווייך, גאָל שאַרבנדל האָט ס׳קליינע געצאַפּלט מיט די הענטלעך, גע־טשמאָקעט מיט די ליפּלעך און גיך־גיך, זשעדנע געצויגן דער מוטערס בוזעם־זעקל.

אָפּגעטאָן אין שטוב ס׳ביטיקסטע האָט שאָשע אַריינגעלייגט ס׳קינד אין אַ פלאַכן אייער־קויש און אַזויערנאָך, מיטן קינד און מיט דער קו, זיך פאַרנומען אויפן וויהאָן אַרויף.

אויף די הויכע פעלדישע פלאַכן האָט דערווייל זיך פונאַנדערגעברענט דער שניט. ברייט צעשטעלט זיינע אַראָפּגעזעצטע פיס איז חיים יאַנטשע מיט דער קאָסע געשוווּמען איבערן צעזוניקטן קאָרן־טעפּיך, אויפגעטויכט מיט ענערגיע אין די צעפּאָכעטע העגט אַקוראַט ער וואָלט מיט כוח געלאָשן אַ צעבושעוועט פייער. געהויבן ס׳בלאַנקנדיקע שנאָבל־מעסער, אַראָפּגע־

ריסן אַ שטיק זון, אימפּעטיק זי אַראָפּגעלאָזן און אין אַ האַלב־קיילעכיקן
קרייז האָט אַ שוים געטאָן ווייס און גאָלד, ווייס און גאָלד. ווידער אַ מאָל
אַ הייב די קאָסע, ווידער אַ פּאַרמעסט מיט דער זון און ס׳האָט אויסגעזען
ווי פלאַמען וואָלטן זיך שוין געלייגט ביי זיינע פיס. געלייגט זיך און אויס־
געגאַנגען. הינטער אים, אין אַ שטרענג געסדרטער גלייכער ריי האָבן מיט
די פאָרויסגעטראָטענע זאַנגען־מחנות זיך פּאַרמאָסטן די בני־יאַנטשע. אַלע
דריי מיט הויך־פּאַרשאַרצטע הויזן האָבן מיט די קאָסעס גלייכמאָסיק צו
דר׳ערד געוואָרפן שווערגעוואָרענע, גאָלדיקע זשמעניעס ברויט, וואָס האָבן
אָפּגעגעבן מיט די ריחות פון איינגעזאַפּטער זון און רעגן.

ווי אַ פּאַרשפּעטיקטע בייגט זיך איבער די געפאַלענע זאַנגען די
איינציקע בינדלערן דבורה. זי איז הינטערשטעליק. די ערד די געווינערן
עטעמט טיף אָפּ אונטער יעדן באַריר פון דער מענטשלעכער האַנט און זי
שמייכלט שוואַך אין דבורהס דערצונדענעם פּנים אַריין. זי, די קליינע
בינדלערן, ראַנגלט זיך מיטן שניט פון די שטאַרקע מענער; זי גייט אָפּ
אין שווייס, דרייט צונויף פּאָווראָזלעס פון יונגע זאַנגען און פון אונטער
איר אָרעם טאַנצן אַוועק אין פעלד אַריין ליכטיקע סנאָפּעס, לאַנגע שורות
סנאָפּעס. זיי חנדלען זיך פאַרן טאָג, וואָס איז שיין און קרעפּטיק. בינדנ־
דיק בריען זיך דבורהס פינגער מיט דערנער, אויסגעוואַקסענע אין ברויט־
פעלד. אָפּגעבריטע לעשט זי די הענט אָפּ מיטן שפּייעכץ פון איר מויל און
אַ דערשוויצטע האַלדזט זי זיך ווידער מיט די בינטן. געגאַרטלטע לויפן
די סנאָפּעס פון איר אַוועק אונטערן פאַרגאַפּטן הימל און לאַכן.

אין פאַרטועונקייט פאַרגעסט מען אין עסן. אויסגעבענקט נאָך די דאָ־
זיקע טעג, כאַפּט מען אַריין אויף דער גיך דאָס ביסל פּרעסן. מיט אומ־
געריכטער התלהבות באַגעגנט מען נאָר די גאָב פון דער מאַמע־ערד. „די
פּאָגאָדע זאָל נאָר נישט אָפּזאָגן...” דער אַלטער מאַמלעט אונטער דער
נאָז, די יונגע זענען פאַרשלונגען פון געשמאַקן טאָן. מ׳שוויצט און מ׳האָט
פאַר זיך די סטאָדאָלע מיטן צעעפנטן, וואַרטנדיקן טויער. אַפילו אשר,
דער פאַן פון שטאָט, איז פאַרקאָכט. אַז ער האַקט מיט דער קאָסע די טרו־
קענע זאַנגען, זעט ער גאָרנישט אין דער נאָענט. ער פאַרנעמט נאָר דעם
היימלעכן רויש פון לייטזעליקן ברויט, וואָס פאַלט צו זיינע פיס. היינט
איז ער אַ טאָמאַשאָווער, אָבער פון דער היים שפּירט ער זיך אַ לעבעדי־
קער וואָרצל, ציטערט מיט אירע זאָרגן. דערפאַר פליסט ער זיך, אשר.
פון דער זייט האָט ער טייל מאָל דערפילט קלמנס בייזיין. דער עלטסטער

ברודער האָט ברייט געהויבן די קאַסע, גלייך ער וואָלט מיט אַ סמיטשיק דאָ אַרויסגעצויגן אַ שטאַרקע מעלאָדיע; ר׳איז אַ זינגער, קלמן, און ער פאַרשטייט זיך אויף מעלאָדיעס. בערל האָט געהאַקט ס׳קאָרן, אַקוראַט פאַר אים וואָלט געשטאַנען אַ באַטעמט געקעכטס. ער מוז פלינקער זיך צו־זעצן צו דעם, אַנישט קען עס פאַרגליסטן קלמנען. ער האָט זיך טאַקע אײַ־בערגעיאָגט מיט קלמנען. געבויגן זיך שטאַרק איבער דער ערד, איז דבורה גיכער מיד געוואָרן. אין אירע גלידער האָט זיך צעגליט אַ לעכצעניש זיך אין גאַנצן אַראָפּצוזעצן, אָפּצוטעמען. דערפאַר האָט זי די ערשטע דער־שפּירט דעם הונגער, וואָס גריבלט אונטערן האַרצלעפּעלע. „אוי, דער טאַ־טע!״ — האָט זי זיך נאָך דערמאַנט אינעם טאַטנס אָפּגעלאָזנקייט און מיט צעשפּרייטע הענט אַ לויף געטאָן צו די מאַנספאַרשוינען:

— העי, וואָס נעמט עך נישט אין מויל אַריין?

פונעם קיישל האָט זי פונאַנדערגעפּאַקט קלינעס ברויט מיט צוואַ־רעך און יונגע, גרינע ציבעלע מיט האַרטע אייער. אויף אַ האַנטעכל דאָס אָוועקגעלייגט אויפן אָפּגעלערטן פעלד, האָבן די לייט ערשט אַרויסגעלאָזן די קאָסעס פון די הענט און געכומען בייסן שטיקער. אויפגעהויבן דאָס פאַר־שוויצטע פּנים, זאָגט חיים יאַנטשע קייענדיק אויף די פאָדערשטע ציין:

— אָא־אָ, אַ חמימה האַאַנט!

געזעסן מיט דער המוציא אין האַנט האָט אויך בערל זיך דערמאָנט, ר׳קען רעדן. אשר האָט זיך געגרויסט אַז ר׳האָקט הײ־יאָר בעסער ווי שטענדיק. „וואָס זאָגט עך, כ׳בין זיך טועה? צ׳וועט זיך נישט דער־וועגן״... — וויל ער שמייכלען און די אויגן בלישטשען אים.ביים פאָטער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן די באָרד, אַ פאַרשאָטענע מיט פלעווס.

— ביסט לאַקאָמע צום דאָרף, דערפאַר... — האָט ער געזאָגט — האָסט גערן לאָקעטקע, כאָטש לויפסט אָוועק פון דאַנעט. ס׳פּעוונע, זונעשי.

— און ביסט אויסגערוט, אשר! — האָט קלמן זיך צוגעבויגן צום ברודער — אַנו, וואַז דאַנע הענט.

— וואָס וועסטו זען? מאַזאָליעס פאַראַן!

אשר האָט דעם עלטסטן ברודער אונטערגעטראָגן אַ פאָר אָפּגעדריקטע הענט; זיי זענען געוועזן פריש באַדעקט מיט בלאָע בלאָזן.

— אָט טאָ־טאָ, — האָט קלמן זיך געכאַפּט אויף אשרס נייע מאָזאָ־ליעס, גלייך ער וואָלט באַקומען אַ גרויס געווינס — דאָס־דאָ איז ערשט פון אַרבעט. ברודערקע, די הענטלעך זענען דיר ווייך געוואָרן אין טאָמאַשעוו.

ערשט דאָס קאָסיען אָצינד האָט דיך געשטעמפּלט. ביסט אָפּגעווינט, קאַ־כאַניע! אָבער ביי מיר?

קלמן טראָגט אונטער אשרן זיינע גרויסע, האַרטע דלאָניעס, וואָס שיילן זיך אָקערשט אויף רויט, מחמת דער יונג האָט אין די הייסע וואָכן זיך אָפּגערוט פון שווערער אַרבעט.

— וואָזטס ענק, וואַאָזטס, צ'האָט צאַאָט, — גיט זיך אַ שטעל אויף דער אַלטער. — האַלבער טאָג שוין און מ'זיצט ווי די פּריצים.

— מ'עט נאָר אויפעסן, טאַטע, — פאַרענטפערט זיך בערל און ס'הערט זיך קאַטאָוועס אין זיין קול; אויפן האַנטעכל איז שוין נישטאָ קיין סימן פון דער פאַרצערטער מאָלצייט, די ציין נאָר איבערגעריבן — זעסטעך, פאַניע טאַטע, — שמעלערן זיך זיינע שוואַרצאַפּלען און דער קאָפּ און די יונגקייט זיינע ווילן שטיפן. פאַרן קרענצל בייגיריקע אויגן לייגט ער אַוועק זיינע גרויסע הענט, באַדעקטע מיט שטאַרק טונקעלע זו־מער־שפּרינקעלעך: — ווען איך לאַנג לעבן? — האָט ער אינדעם גע־פרעגט, הילכיק זיך צעלאַכט און ס'אויפגעקומענע פעלד האָט מיטגעלאַכט:

— מאַכסט חוזק? — האָט אשר געפונען אַ געלעגנהייט צו באַרי־מען זיך פאַר דער כאָפּטע אַרומזיצערס — צ'קלערט, ס'נישטאָ אין טאָמאַ־שעוו קאָ' וואָרזאָגערס און כשופמאַכערנס? אַ טעות! אַ קוק אויף דער האַנט זעען זיי אין די קנייטשן ווי לאַנג עמעצן איז אָנגעצייכנט צו לעבן. פאַראַן אַזעלכע שטובן מיט שוואַרצע שפּיגלען, ווו מ'זעט דעם מענטש, וועלכן מ'וויל זען, כאָטש יענער איז שוין לאַנג געשטאָרבן, מ'זאָגט דיר פאַר די גאַנצע צוקונפט: צי דו וועסט פאָרן איבערן ים, וועסט ווערן רייך... אַלץ איז דאָ. אָבער ווער גייט צו זיי! פאַניענקעס מיט ווייצענע פינגער, פאַרליאַפּטשעטע. איך — נישט. צ'מיינט, ס'קענען זיך אומגיין מיט אַ שליטן־מאַשין שפּרינגט אַליין אין קאָפּ אַריין? גרינע ווערעם מיט קופּערנע פּיסקלעך זעט מען פריער. צ'מיינט, ס'איז אַן אַקער־אייזן, אַ קאָסע? זאָלסט זען די מאַשינען, טאַטע. ס'אַרע מוסטערן ס'ווערן פאַרטיק אויף זיי. און מ'דאַרף קענען קערעווען מיט אַזאַ מחבל. אַנישט פאַרשלינגט ער אוצרות און גיט אַרויס טנופת. דער, וואָס קומט נאָך סחורה, קוקט ס'זאָל זיין טיפּ־טאָפּ, ס'זאָל זיין בעסער ווי אַנדערשווו. מענטשן ווערן דען נישט בדיל־הדל, אויב אַ פאַרטיע געראָט נישט? ס'אַן איידעלע זאַך.

וויכטיק אין די אויגן פון די היימישע האָט אשר זיך שוין אויפגע־שטעלט. ר'איז גרייט מיט דער קאָסע. קלמן האָט נאָך געשמאָק זיך אַריינ־

געגעסן אין אַ באַהאַלטענער חטיכה ברויט און זיינע ברוינע אויגן, צע־שפּילטע אין דער זון, האָבן זיך אַנגעשפּיזט אין דער ווייט. ס׳דאַכט אים, שאָשע גייט, זי וועט העלפן בינדן סנאָפּעס. — עי, ס׳זעט נישט אויס אויף שאָשען, ס׳גייען אַ פּאָר אירע, קליינוואַרג אויכעט, — ציט בערל אויס דעם האַלדז. זיי האָבן צאַאַט, פּשיאַקרעוו, ווערט יאַנטשע שוין אומ־געדולדיק; זיצן און וואַרטן? נישט אויף אַצינד! ׳על זיי קומען, ׳על זיי דאָ זיין!... אַלע זענען פון דעסטוועגן געוואָרן נייגיריק: מ׳זעט, צי נישט? — האָט בערל געפרעגט. הערש זילבער, דאַכט זיך — האָט געזאָגט אשר מיט אָנגעשפּאַנטן בליק. ער בלאָנדזשעט מסתמא. חיים יאַנטשע האָט זיך שוין אָנגעשטעקט פון קלמנס רייד, אויך זיך איינגעקוקט אין די, וואָס באַ־וועגן זיך אַהערצו. ס׳ליכט פליצט איבער די וויעס, די לאַנעס מיניען, גישט צו דערכאַפּן מיטן אויג אַ פּנים, וואָס שווימט אין אַזאַ בלענד. ווייַ־סעך, — האָט דער אַלטער אַ זאָג געטאָן — שבת מערטשעם ׳עט מע קענען וואַרטן. ני, חברה! — און די קאָסעס האָבן פון דאָס ניי זיך צעפּאַכעט אַנטקעגן דער זון.

פון די אַרומיקע פעלדער דערטראָגן זיך קולות פון שניטערס און בינדלערס. ס׳דערקייקלט זיך אויך אַ לויטערער קלונג פון מעסער־שטאָל. פון ערגעץ האָט זיך אָפּגעריסן אַ סקאַווטשע פון אַן אויסגעטריקנטן אָקס. מ׳פּאָרט נאָך אָן פון דער פרעמד. העלפן אַראָפּרוימען ס׳געדעטעניש קומט תמיד אַ שטאָטישער קרוב צו עמעצן און ס׳קומט אַ ידיד, וואָס זוכט זו־מערדיקע פריינדשאַפט אין דאָרף. אין די הייסע וואָכן באַווייזן זיך צו די שכנים כלערליי העלפערס. סוף יולי קומט קאַפּויר אין לאָקעטקע יאַסעקס יינגערער זון יאַנוש. ער לערנט זיך אין טאָמאַשאָווער סעמינאַר, צום ווי־טינער קומט אַ שוועסטערן־זון פון קינסק, אַן אייזנגיסער פון דער פאַבריק „נעפּטון"; ער האָט אַ שטאַרק געפאַלדעוועט פּנים און שוואַרצגעפּלאַצטע דלאָניעס. באַלעכאָווסקין העלפט אין פעלד אַ פריינד פון סילעוו, אַ קאַלכ־ברענער, וועלכער האָט נישט צו טאָן אין שטאָט. אויף פּויערישע פורלעך באַווייזן זיך קרובהשע קינדער פון אָפּאָטשנע, פון אַדזשעוואָל. טייל קינ־דער גייען אַהער צופוס פון זייער ווייט. אפילו קליינוואַרג ברענגט אַ נוץ בעתן שניט. אַ קליינס העלפט מיט אַ גראַבלע, היט די בהמה אויף דער לאָנקע און ס׳מאַכט פריילעך די האַרעוואַניע. געשרייען, געלעכטערס און טומל באַלעבט ס׳זומער־פעלד אין דעם אייביק שטילן לאָקעטקע.

„...ווייטער האָבן סטויגעס קאָרן זיך געלייגט ביי די פיס פון די שני־

טערס. ריי נאָך ריי זענען קופּקעלעך זאַנגען געבליבן וואַרטן אויף דער בינדלערן, ס׳פעלד מיט צייטיקן קאָרן איז אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט. מיט זיגעוודיקן אימפּעט זענען די שניטערס געגאַנגען אַנטקעגן דער צעפּראַל־טער זון. אויפן וועג האָבן זיי געפּלאָשעט ערדישע נעסטן פון קוראָפּאַט־וועס. צווישן די ווילדע פעלד־הינער איז געוואָרן אַ מהומה. קאָסעס האָבן אויף זייערע שאַרפן געכאַפּט פּאַסן הימל און זיי אַנידערגעוואָרפן צוזאַ־מען מיטן אָפּגעצייטיקטן ברויט. חיים יאַנטשע האָט מיט די קנאָכיקע פויסטן געווישט דעם שווייס און נישט געהאַט קיין צייט זיך אַרומצוקוקן אויף זיינע העלפערס. אין תבואה־האַקן האָט קלמן זיך געיאָגט נאָך אשרן, מעשה־יינגסטער האָט בערל געוואָלט איבערשטייגן אַלעמען. ער קען בע־סער פון דעם טאַטן, איז געשיקטער פון קלמנען... געפּאָכעט מיטן שנייד־מעסער האָט יעדעס מאָל אַ פייף געטאָן די פאַרווונדיקטע לופט און בערלס מויל און זיינע שמאָלע, געדיכט געשפּרענקלטע באַקן האָבן צוגעפּייפט צו יעדן שלאָג, וואָס איז געפאַלן מיט אַ סווישטש ווי דער סווישטש פון אַ בייטש.

די מאַנספּאַרשוינען האָבן געקאָסיעט, דבורה איז זיי נאָכגעלאָפן מיט אירע הענט, מיט די אויגן און — נישט דעריאָגט. ס׳האָט געווייטיקט דער רוקן, געברענט די דלאָניעס, אָבער די דאָזיקע יסורים זענען געווען גאָר־נישט אַנטקעגן דעם געפיל פון בושה, וואָס איז אין איר אויפגעקומען, ווען זי האָט זיך דערזען אַ דערוויטערטע פון די שניטערס. איינע אַליין איז זי אין אָפּגעלערטן פעלד. איינע אַליין איז זי מער אָנזעעוודיק! אין שטוב איז מען ערשט נאָכן אָנבייסן און די שטאָטישע קענען אַהערקומען. וואָלט כאָטש דאָ געווען שאָשע! זאַלבענאַנד איז אויך היימלעכער. אָבער דאָס איז נישט געווען דער תוך פון איר בושה. דערמאָנט זיך אין די זילבערס, האָט דבורה זיך דערזען אין זאַקענעם קליידל. פאַר דער לעצטער צייט איז אָט דאָס איר גרעסטער ווייטיק. זי וועט אַוועק אין שטאָט אַריין; זי וועט אַנטלויפן!

און איידער דבורה האָט באַוויזן זיך רעכט אַריינצוטראַכטן אין איר גורל מחמת דעם זאַקענעם קלייד, האָט זיך הינטער איר רוקן אַ ריס גע־טאָן קלמנס רוף:

— דאָ, דאָ, פּאַני זילבעראָווע!

דערנאָך זיין געלעכטערל, וואָס ברעכט זיך ווי שערבלעך;

— קי־קי־קי... לאַנג געבלאָנקעט, הע? וואָס האָב׳עך געזאָגט, טאַטע?
— און יענע רעדן אָהער פון דער ווייטנס, הערט זי.

אָט, די זילבערס. זיי האָבן זיך דערנענטערט, אָפּגעשטעלט זיך און די שניטערס באַגריסט מיט אַ היימלעכן „גאָט העלף!"

— גאָט באַצאָל! — האָט אָפּגעענטפערט דער אַלטער אין צעפלויגענעם ציצה־כּנפות, און די זין מיט אים.

— עפּעס נייעס, פּאַניע־לעב? — איז חיים יאַנטשע אַרויסגעטראָטן און זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער קאָסע. ער האָט געקוקט אויף הערש זילבערן און קינדיש זיך פאַרלוירן.

— אַ דאַנק, גאַנץ פיין אויסגערוט זיך. איצט זענען מיר געקומען אַ בליק געבן אייער פאָלוואַרק, פּאַניע בילאַנדער.

— הממ, — האָט דער אַלטער שוין געקוקט אין דער באָרד אַריין.

— קאָ׳ שרה בין יאַך נאָך ניש׳. נישטאָ האַאַנט אַזעלכע יידן, פּאַניע־לעב.

און ר׳האָט פאַרפרעסט די ליפּן.

די געסט צוליב האָט ער אַנידערגעוואָרפן די קאָסע און גערעכנט אויף אַ שטיקל שמועס. חיים יאַנטשע האָט געגרן צו הערן קלוגע לייט. הערש זילבערן האָט זיך עפּעס נישט גערעדט. ס׳וויב האָט ער גליקלעך געפילט ביי זיין זייט. די היץ האָט זיך געדיכט געכוואַליעט איבער אים.

— ס׳איז אַאַך נישט קאַלט אַמאָל באַ אונדז, פּאַניע־לעב?

דעם „פּאַניע־לעב" האָט חיים יאַנטשע דאָס מאָל לאַנג אויסגעצויגן. באַשיימפּערלעך, ער האָט זיך געכוחט אויף אַ הלצה.

הערש זילבער האָט טאַקע אויסגעברייטערט ס׳מויל אין אַ נישט דער־גאַנגענעם שמייכל:

— חלילה... אויף אַ ביסל וואַרעמקייט קען מען זיך חלילה נישט באַקלאָגן אין אייערע קאַנטן, האַ־האַ! אפשר אייך העלפן, פּאַניע בילאַנדער? מיר זענען גרייט.

— אין דער אמתן! — האָט זיך אַרויסגערוקט פרוי זילבער מיט איר שיינעם געשטעל. — מיר וועלן קענען. — אויפן פאָדערשטן גאָלדענעם צאָן אירן האָט אַ בלענד געטאָן אַ מין ווייבעריש חנדל.

— אַ שיינעם דאַנק, פּאַני־לעבן. איר וועט דען קענען? — האָט דער אַלטער נישט געקענט מעיד־זיין און דערלאַנגט די קאָסע הערש זילבערן.

— אַך ניש׳. — האָט ער אין פאַרלעגנהייט געזאָגט דער פרוי מיטן קלאָרינקן קליידל. ער איז געבליבן שטיין ווי אַ חדר־ייִנגל מיט די פאַר־בויגענע נאָגעוויצעס.

דער שטאָטישער ייִד האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ פּאַפּירענע לאָמטער און זיך אָפּגערוקט פון דער קאָסע.

— דזשענקויע, אַ דאַנק. — האָט ער געמורמלט.

— איך קען אויך דינען מיט דער ביקס. — האָט אשר זיך אָנגערופן.

— פּראָשען, מאַדאַם, שיסט! אפשר וועט פאַלן דער בער פון אַ ווייַ־בערישער האַנט. — און חנהן געשטופּט די קאָסע אין האַנט אַריין. — נע־מען זי, פרוי זילבער, נאָר פאַרזיכטיק די פּיס.

בערל האָט זיך געשטעלט אָן אַ זייט און לאַכנדיק געוואָרנט סיי די שניטערס סיי די געסט:

— הערטס אויף!... נעמטס נישט. צ׳עט שוויצן אויך אָן דעם. נישט פאַר ענק קאָ׳ פאַך.

— איך וואָלט געפּרוווט, — האָט געזאָגט פרוי זילבער, — אָבער שטערן ווילט זיך נישט.

— זי וויל, און קען נישט. — האָט אשר געחוזקט און זיך פונאַנדער־געלאַכט.

אויך די געסט האָבן עפּעס געזאָגט און זיך צעלאַכט. נאָך דעם זיך אָפּגערוקט. דער שניט איז ווייטער אָנגעגאַנגען. די שטאָטישע האָבן ביי־גיריק זיך צוגעקוקט צו דער פעלד־אַרבעט און אַלע מאָל געטאַפּט זיך דעם קאָפּ, צי די זון גליט אים נישט צופיל.

— הייס? — האָט חיים יאַנטשע ווידער געוואָרפן אַ פרעג און גע־גאַנגען מיט דער קאָסע ווי מיט אַ טייט־העלצל.

— מ׳זייפט, פּאַניע בילאַנדער.

הערש זילבערס וואָרט איז עס געווען. ער איז געווען אין אַ ווייס גימנאַסטיש העמדל. אויפן קאָפּ איז אים געלעגן אַ טאַשנטיכל, אַ גע־קניפּטס אין די ווינקלען. פאַרן דאָרף קען דאָס אויבעט זיין אַ היטל, האָט ער געזאָגט דעם ווייב.

— זאַכטע, די פּלייצע. — האָט קלמן געוואָרנט דעם טאַמאַשאָווער.

— ר׳עט זיך אָפּבריען, ׳עט ער וויסן אויף אַ צווייט מאָל. — האָט אשר זיך געחכמעט און מיט די אויגן באַגלייטן דער פינקלדיקער קאָסע.

— נישקשה, ער מעג זיך אביסל אפסמאליען — האט ס'ווייבל זיך אנגערופן. — כ'האב'ן איינגעשמירט מיט קרעם.

אין בלייך־ראזלעכן, לופטיקן קליידל אן ארבעלעך, מיט די נאקעטע פיס און דעם געקארבטן, בלאנדן לאק, וואס האט זיך געוויגט איבער איר שטערן, האט חנה זילבער איצט דערמאנט אין א וואסער־ליליע. זי איז געווען גוט אויפגעלייגט. דאס פארברוינטע פנים האט אויסגעשטראלט אינערלעכע רו.

דער מאן האט זי געהאלטן אונטערן ארעם, ביי דער צווייטער האנט האט ער געפירט מארעקלען. ס'קליינע איז אויך געווען איבערגעטאן. סאל־טשע איז געגאנגען ביי דער מאמעס זייט. ס'משפחהלע האט זיך געהאלטן באנאנד, ווי מ'וואלט זיך דא אפגעשטעלט אין מיטן שפאציר.

געגאפט, ווי דעם מענטשנס ברויט קומט אויף דער בראך־שטול, האבן די שטאטישע נישט באמערקט ווי די יונגע בילאנדערס קליגן זיך בגנבה צונויפצודרייען א לאנגן גארטל פון פרישע זאנגען. אומגעריכט זענען זיי ארויסגעשפרונגען צו די געסט, זיי ארומגערינגלט.

— שטשענש באזשע, פאנסטווו. — האבן די שניטערס זיך פארנייגט און מיט א פעלד־לידל געפאנגען די שטאטישע אין גארטל אריין.

געשטאנען אין מיטן פון די שניטערס, האבן די זילבערס געלאכט אין פארלעגנהייט. די שניטערס האבן האפערדיק, הילכיק צוריקגעלאכט, געהאלטן פעסט דעם זאנגען־גארטל ארום די געפאנגענע:

— צ'זענט אין פעקל, צ'זענט אין פעקל...

צוגעקוקט זיך פון דער זייט, האט דער אלטער געקוואלן:

— א היימלעכקייט אנעהארע מיט די מענטשן! ערשט איז פארפאלן, — האט חיים יאנטשע געזאגט צו די זילבערס. — צ'זענט אין פלען. צ'מוזט זיך שיין אויסקויפן, אנישט איז ביטער.

און געשמייכלט מיט די אויגן און מיט די וואנסעס. די בארד האט זיך לייכט מיטגעשאקלט.

די בני־יאנטשע שטייען אלץ און לאכן. עס דויערט א היפשע ווייל ביז די זילבערס כאפן זיך אויף דעם דארפישן שפאס און זיי צעלאזן זיך אקערשט אין א געשמאקן געלעכטער.

— אויסקויפן?... אויסקויפן. כ'על שטעלן א פלאש בראנפן! — נעמט הערש זילבער זיך גראבלען אין דער טאש.

— בראנפן, ווייך, ס'אלצאיינס. — האט אשר זיך ארויסגעשטעלט

פאַר אַלעמען. — לאָמיר זען, מיר זענען דאָרשטיק און פאַרחלשט. אמת, חברה?

עולם לאַכט ווידער און מען פילט נישט, ווי די זון קריכט גלייך אויפן קאָפּ, בריט די אַקסלען.

אַזוי ווי אין דער בילאַנדעריכעס קראָם פאַרקויפט זיך נישט קיין וויין, האָט מען זיך אויסגעלייזט מיט קילן, זיסן קוואַס פון טיפן קעלער אַרויס. סאַלטשעלע מיט מאַרעקלען זענען געלאָפן און פריידיק עס גע־ברענגט. די שניטערס האָבן געזייגט פון די פלעשלעך, אַזש מאַרעקל האָט געקוויקלט:

— זע, טאַטאַ! ווי די קינדער טרינקען זיי...

סאַלטשע האָט זיך דערמאָנט אָן דבורהן.

— און ווו איז די פאַננע דאָרע?

— די פאַננע דאָרע דאַרף מען אָנפּאָיען. — האָט אונטערגעכאַפּט הערש זילבער.

די שניטערס האָבן זיך באַלעקט מיטן גוטן טרונק. און האָט מען אָן אַ זייט פון פעלד אויסגעזוכט דבורהן, האָט זי זיך פאַרשעמט. אירע רי־רעוודיקע הענט זענען מיט אַ מאָל געוואָרן זייער שווער, דעם קאָפּ נישט געקענט אויפהייבן: אויך דער שמייכל, וואָס זי האָט זיך באַמיט צו מאַכן, איז געווען אַ פרעמדער. אויף דבורהן האָט מוראדיק געבריט דאָס זאַקענע קלייד. פרוי זילבער איז צו איר צוגעשטאַנען: „טרינקען זי, פאַננע דאָרע", האָט ס׳מיידל בלויז די ליפּן איינגענעצט און אָוועקגעשטעלט די פלאַש. ס׳דאָרשט איר נישט.

דערווישט דבורהן האָבן אַלע זיך שוין געוואָרפן איר העלפן בינדן די סנאָפּעס. חנה זילבער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ מזיק אין דער אַרבעט. גיך האָט זי געדרייט די שטרויענע גאַרטלען, סאַלטשעלע האָט צוגעטראָגן הויפנס זאַנגען, די מאַמע האָט געבונדן און מאַרעקל האָט אָוועקגעשטעלט פּאַרטיקע סנאָפּעס. אַ סנאָפּ אָן אַ סנאָפּ אָנגעלענט און געזעמלעך פעלדי־שע זענען געבליבן שטיין אונטערן דערשטוינטן, בלאָען הימל. הערש זיל־בער האָט זיך אויך אָנגעטאָן אַ פאַרגעניגן: גענומען די גראַבלע און צו־נויפגעשאַרט די איבערגעלאָזענע זאַנגען.

— חברה, — האָט ער גערופן אַ פריילעכער, — איך קער אויס, עס זאָלט נישט אָנמאַכן קאָ׳ מעמד.

מ׳האָט געלאַכט, מ׳האָט געטאָן און זיך געשעמט אויסצוזאָגן, אַז דער רוקן ווייטיקט, די הענט זענען אָפּגעבריט פון שטעכעכץ.

דבורהן איז געוואָרן היימלעכער און זי האָט פאַרגעסן צו שעמען זיך מיטן אָרעמען קליידל.

צו מיטיק זענען אַלע באַנאַנד אַהיימגעגאַנגען פון פעלד. די קאָסעס זענען געבליבן שטיין צוזאַמענגעקרייצטע, מיט די מעסערס אַנטקעגן דער זון. אשר איז אַריין צווישן חנהן און הערשן און הויך גערעדט. ס׳איז געווען אַ רייד וועגן דרעשען ס׳נייע קאָרן, וועגן מאָלן. ס׳קליינוואַרג האָט זיך אַריינגעמישט. אשר איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער מומחה: ער האָט געענטפערט אויף אַלע פראַגעס. צום סוף האָט ער געזאָגט צו די זילבערס:

— ס׳אַן אַרבעט, ליבינקע. דעם געשמאַק אין דעם האָב איך שוין אָנגעוווירן.

שפּעט נאָכמיטיק איז ס׳טאָמאַשאָווער משפּחהלע געגאַנגען שפּאַצירן אין וואַלד אַריין. הערש זילבער האָט איטלעך מאָל זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעבויגן זיך צו אַ שוואָם, צו אַ יאַגדע־קזשאַקל און נישט אויפגעהערט זיך צו ווונדערן איבער אַלץ. חנה האָט שוין געוווסט אים אַ סך אויפצוקלערן. די קינדער האָבן עפּעס צוגעטראָגן אין די הענט און דער וואַלדיקער פאַרנאַכט האָט געגענט אַ מילדער. ביי הערש זילבערן האָט אַ גוט ווינטעלע דורכגעבלאָזן דאָס העמד, חנהן האָט דאָס דינע קליידל ליבלעך געגלעט דעם רוקן. די קינדער האָבן פריילעך זיך צעליאַרעמט, געיאָגט זיך נאָך גלי־ווערעמלעך, וואָס האָבן זיך כּישופדיק געטראָגן אין אָוונטלעכן טונקל.

אַהיימצוּוועגס פון שפּאַציר האָט חנהס אַקסל צערטלעך זיך אָנגעשפּאַרט אין מאַן און אים עפּעס איינגעסודעט. הערש האָט שטילינקע געקושט ס׳ווייבל אין האַלדז, אין נאַקן אַריין. די ווייכע פינצטערניש האָט עס ליכטיק צוגעזען.

דער וואַלד הינטער זיי האָט אין פינצטערניש זיך פאַרקנוילט.

◆

ליכטיקע, אָן רעגן, זענען אַדורך די טעג פון שניט. פון די שכנותדיקע פעלדער האָט לויטער אָפּגעברומט ס׳לשון פון די צעשפּילטע קאָסעס, ס׳האָבן וויברירט מענטשלעכע קולות. די לאָקעטקער שטילקייט איז זיך צעגאַנגען נישט־ווו, נישט־וועו. די בילאַנדערס האָבן פון דער ווייטנס שוין דערקענט, ווער עס האַקט אין דער נאָענט. באַקאַנטע שטימען האָבן

זיי געגוי אונטערגעשיידט. חיים יאַנטשע האָט אויסגעחשבונט ווער עס וועט האַיאַר אַרויס מיט רחמים פון שניט. ס׳גערעטעניש איז נישט ביי אַלע־מען גלייך אויף דער לאָקעטקער מאָגערער ערד. יאַסעק, וואָס ליגט נאָענט צום וואַלד, האָט מער הצלחה. דעם מילנערס שטיקל לאַנד איז אויך בע־סער, ליגט עס אָבער האַיאָר אומפּאַראַקערט. זיך אַוועקגעפּאַקט דער קורצ־זיכטיקער יאַן, פון צעבראָכנקייט, פון עלנט געענדיקט פריער, ווי ס׳האָט זיך געקענט אויסדוכטן, און ס׳צעלאָזענע ווייב, ווי ס׳הייסט ביי די דאָר־פישע, האָט זיך אַלץ נישט געוויזן אַהיים. לאָקעטקער ערד איז שטאַרק קאַפּריזנע. פאַלן נאָך באַצייטנס געגוג רעגנס, געדייעט אַ ביסל אויף די זאַמדיקע שטיקער לאַנד. ס׳וואַקסט שיטער דאָס קאָרן, ס׳קומען אויף קליי־נע, ווייסע, מעליקע קאַרטאָפל, עס שפּראָצן אַרויס בלייכע, געלב־האָרב־לעכע מייערן, ס׳שפּראָצן און מערן זיך דערנער, שטעכיקע, מיט ווילדע, אָנ־פּאַרביקע בלימעלעך. ברענט אָבער די זון און איבער די בערגלעך גייען דורך ווינטן, וואָס טראָגן אָן זאַמד, וואַקסט חורבן אויפן פּאַרזייטן פעלד. וואָיטשעך וואָנס בלייבט ביי אַ ליידיקן שייער, ס׳ברעקל ברויט האָט באַלד אין אָנהייב געפעלט. אין טאָפּ אַריין זענען פּאַראַן נאָר קאַרטאָפל, און אויך דאָס קלעקט בלויז אַריבער ניטל־צייט. גייט ער טאַקע אַרום, דער וואָי־טשעך, און שעלט, מרוקעט אויפן ווייב, אויף אַלעמען. הונגער הויזט אויך ביים וויטינער, ביי באַליכאָווסקין. אַ נס, וואָס די אונטערגעוואַקסענע, בדרך ירושה, געזונטע קינדער העלפן אַ ביסל אונטער: ווער עס לויפט אין שטאָט אַריין עפּעס האַנדלען, פאַרקויפן, ווער עס שטעלט זיך דינען אין אַ באַלעבאַטישער קיך, און ווער עס גנבעט זיך אַריין אין וואַלד כאַפּן אַ בינטל האָלץ, אַ ביסל שוואָמען. מ׳קריגט זיך אַריין אומבאַמערקט, ווען אַ גאַיאָווע איז שיכור אָדער ער איז פויל. מ׳שלעפּט דאָך עפּעס אַרויס. אַ יונגס האָט מער איינשטעלעניש און עס איז געשווינדער.

האַיאָר איז ס׳גערעטעניש צו דערליידן. נישט געווען קיין זאַמד־ווינטן און רעגנס זענען געקומען נישט צום פאַרזינדיקן. אויף די בילאָנ־דערישע פעלדער האָט ס׳גערעטעניש גוט אָנגעזאָגט. אַ סך פון דער ירו־שהדיקער ערד האָט חיים יאַנטשע פאַרטאַכלעוועט, געבליבן איז ער ביים בעסטן. איצט איז ער געשטאַנען און געשיינט: די זאַנגען זענען נישט צו־פיל אויסגעוואַקסן, די קעפּלעך זענען שווערע, פולע. אַז דער טאָמאַשאָווער האָט זיך ווידער געוויזן אויפן פעלד, איז חיים יאַנטשע געווען אַזוי באַ־שעפטיקט מיט דעם געראָטענעם שניט, אַז ער האָט יענעם שוין נישט

געפרעגט „וואָס מ׳הערט״; חיים יאַנטשע בילאַנדער האָט ערשט געוואָלט וויסן צי טאַמאַשאָוו האָט באַטעמט ברויט. „איר וועט ביי אונדז פאַרזוכן אַ שטיקל ברויט פון נייעם, וועט איר ערשט זען, פאַניע־לעב...״ הערש זילבער האָט מסכים געווען, אָבער ס׳קומט צו שווער אָן דאָס ביסן ברויט דאָ, האָט ער געענטפערט מיט טריבקייט. „איך האָב׳ס אַזוי פיל נישט געוווסט, פאַניע בילאַנדער.״

מחמת דעם האָוועניש, וואָס האָט זיך געשטעלט אין בילאַנדערישן הויז אין די טעג פון שניט, האָבן די שטאָטישע זיך שוין נישט אָנגעטאָן מעשה געסט. אָנגעשטעקט אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע הויזן, איז הערש זילבער אַוועק אין פעלד אַריין. „יידן, כ׳על העלפן קרעכצן!״ האָט ער געשפּאַסט און גענומען זיך בייגן איבער די געקאָסעטע הויפנס תבואה. „דזשענקויע, ברעכט זיך נישט ס׳געניק, פאַניע־לעב״, האָבן געטענהט די שניטערס, און זיי זענען דאָך געווען צופרידן צו זען נעבן זיך אַ פרישן מענטש. הערש זילבער האָט געוואָלט האָבן ס׳פאַרגעניגן צו ברעכן זיך דעם נאָקן פאַרן ביסן ברויט. ער וועט דבורהן העלפן דרייען גאַרטלען, און געבויגן זיך, און טאַקע גיך אָנגעהויבן שפּירן ווייטיקן אין די לענדן. אין סאַנדאַלן און מיט אַ פראַסט טיכל אויפן קאָפּ איז אויך געקומען פרוי זילבער. אויך זי וועט פאַרגרינגערן דער פאַנגע דאָרע... וואָסי, אַזוי פיל מאַנספאַרשוינען זאָל נאָכדאָנזשען איין שוואַך מיידל? — און אַרויסגעשטעלט איר געשמאַק נעזל. דבורה האָט זיך פאַרלוירן און אָפּגעעצהט דער שטאָטישער פרוי.

— אַ צו טייערע העלפערן מיר, און ס׳עט זיין צו שווער, — האָט ס׳מיידל זיך געקנייטשט און באַשיימפּערלעך זיך געטרויטלט. זי האָט פאַרבעטן די פאַני זילבעראָווע זאָל ליבערשט זיך צוזעצן ביי אַ הויך סטויגל תבואה. — דאָ איז אַ ביסל שאָטן, האָט דבורה באַמערקט. ס׳וויבל מיטן פאַרנטיקן גאָלדענעם צאָן האָט פון דעסטוועגן זיך געפּאַרעט ביי די קופּ־קעלעך געפּאָלענע זאַנגען און צוגעשמייכלט דבורהן:

— ס׳איז אַ געזונט לעבן דאָס דאָרפישע. אַרבעט איז נישט שייך קאָ׳ שווערע. די הויפּטזאַך — מ׳איז צופרידן. יעדע אַרבעט, וואָס מ׳קען, איז נישט שווער. צו אַלעם געוויינט מען זיך צו. זי ווייס עס פון זיך. פון סוועטערס האָט זי עפּעס געוווסט? און איר ברודער אשר? הלוואי וואָלט זי, פאַני זילבעראָווע, געקענט בלייבן אין אַזאַ אָרט, — האָט זי זיך באַלד באַקלאָגט. מ׳האָט גיכער מנוחה. די שטאָט הוילט אויס דעם מוח.

דאָס דאָזיקע רעדן האָט דבורה אָפּגעפּילט ווי אַ בריענדיקן שלונג; יעדעס וואָרט — אַ שטאָך אינעווייניק. זי האָט אַזש נישט געקענט ענט־פערן: איר ברודער איז דאָך אין שטאָט! אשר זאָגט, ס׳איז גוט אין טאָמאַ־שעוו; אין שטאָט טראָגט מען נישט קיין זאַקענע קליידלעך. דער פּאַן זיל־בער הייסט דאָך... דעם מיידל זענען די אויגן איבערגעלאָפן, זי איז שיער נישט געפאַלן איבער דער נידעריק געקאָסיעטער ערד, וועלכע שטעכט ווי מיט קרעלנדיקע נעגל.

און די זון האָט איצט געשטאָכן.

— ס׳עט קומען רעגן, האָט מורא ס׳מיידל. — מ׳עט מוזן די תבואה אַריינכאַפּן אין סטאָדאָלע. פאַרן קאָרן איז רעגן אַצינד אַן אומגליק. דאָס, וואָס ס׳שטייט נאָך אויף דער זאַנג, וועט פאַלן, ס׳עט אויסוואַקסן און מ׳עט עס נישט קענען האַקן. ס׳געשניטענע, אוי וויי, וועט דורכגעווייקט ווערן, פוילן.

דבורה האָט גערעדט, כדי צו פאַרטרייבן די אומצופרידנקייט מיט זיך. פרוי זילבער האָט ענדלעך זיך אַנידערגעזעצט ביים סטויגל. זי איז דערשוויצט און די אויגן מיד פון שטאַרקן ליכט. אַוודאי, ס׳וועט רעגענען, — גיט זי צו און די וויעס פאַלן אַראָפּ. דבורה האָט אויך גערעדט וועגן שלאָף, זי האָט הויך גערעדט, ווייל די הענט האָבן נישט געקענט רוען; זי האָט אייליק געבונדן די סנאָפּעס און אויף די רויטע, פעסטע פיס דער־ווייטערט זיך פון דער זיצנדיקער. זי ווייסט נישט, דבורה, ווי די נאַכט קומט איר אַוועק. זי לייגט זיך אַנידער און שוין פאַרט זי. ס׳גאַנצע פעלד גייט מיט איר. כאַפּט זי זיך אויף פאַרטאָגס, דאַכט זיך איר, זי איז אַנט־שלאָפן געוואָרן אין פעלד. געעפנט די אויגן איז זי טייל מאָל נאָך אַזוי פאַרשלאָפן, אַז צווישן די סנאָפּעס זוכט זי די גאָלדענע שטערן, מיט וועל־כע עס האָט אויף איר גערעגנט בעתן זיסן שלאָף.

מיט צוגעלענטע וויעס קוקט פרוי זילבער אויף דער רירעוודיקער דבורה, באַטראַכט איר קורצע, ווי אויסגעטעסעטע פיגור און זוכט אַן ענ־לעכקייט צווישן איר און דעם ברודער. אשר איז שענער, העכער, ר׳איז אַן אַרבעט־יונג. ווי ער קען אַרבעטן, אַ מאַשין! ר׳האָט זיך אַ וואָרף גע־טאָן, האָט ער איבערגעשטיגן אַלעמען. סוועטערס, סוועטערס איז געוואָרן זיין ליידנשאַפט, ער ברענט! פון דעם טראַכטן און באַרעכענען אַלץ מיטאַ־נאַנד איז זי, דאָס ווייבספאַרשוין, פון מיטנטאָגיקן האַלב־חלום אַריינגע־פאַלן אין רעיונות וועגן דעם מאַן און זי ווערט וואַכעדיק. אָפּגערונען דער

שוואַכקייט־דרימל, ס׳דערוועקן זיך אַלע חושים און אין געהער קלאַפּט אָן אַ ווייך פּלעסקען פון פערדישע טלאָען. אין גאַנצן רייסן זיך אויף די אויגן און עס שפּאַנט זיך אָן דער קנופּ פון אירע מוסקולן. זי קוקט, זי הערט זיך איין. אוי, איר זונעלע שפּרינגט אויפן אומגעצוימטן ווייסן פערד, אוי, ס׳קינד איז טויט־בלייך. נישט מיט איר כוח גיט זי זיך אַ ריס אויף:

— מאַרעטשעק! מאַרעטשעקל!

די פרוי לויפט אַנטקעגן דעם פראַלנדיקן פערד און זי שרייט אין זיך אַריין: „כ׳הרגע מיך! ס׳קינד וועט זיך מאַכן פּאַר אַ קאַליקע!“

מיט צעשפּאַרטן בליק לויפט זי, ס׳ייִנגעלע וואַקלט זיך און די גע־שרייען אירע רייסן זיך בהלהדיקע:

— מאַרעעטשעק! מאַרעעטשעק, צרות טוסטו אָן דער מאַמען! שטעל זיך אָפּ, שטיי־יי־יי, טפּפּררר!

צום זון און צום צעפּלאָשעטן פערד וואַרפט זי זיך און ס׳פּנים ברענט איר ווי אַן אָנגעצונדענע לבנה.

דער שימל האָט זיך געשטעלט, ס׳ייִנגעלע האָט זיך אַ ראַפּטעמדיקן טרייסל געטאָן און ווי אַ שטיין אַראָפּגעפאַלן אויף דר׳ערד.

די מוטער האָט נאָך אַ מאָל אַ שניידיקן שריי געטאָן, אַזאַ קוויטש, אַזש די שניטערס אויפן בילאַנדערישן פעלד האָבן געוואָרפן די קאָסעס, גענומען לויפן נאָכן אימהדיקן קול.

— וואָס איז געשען? ווי, ווו!

אַלע האָבן אָנגעשטעלט צעשראָקענע אויגן. אויך הערש זילבער איז אָנגעקומען מיט דבורהן. ביי אים האָבן זיך געטרייסלט הענט און פיס; ער האָט פאַרגעפּילט אַן אומגליק מיט קינד. ס׳פּנים איז געוועזן גענע־דערט, די קינען האָבן געציטערט.

אויסגעשמירט אין זאַמד איז געלעגן דער קליינער מאַרעטשעק. צו אים האָבן זיך געצויגן דעם פאָטערס פּלוצלינגע בלאַסקייט און דער מאַ־מעס צאַפּל אין אָנמאַכט. די שלייפן ביים ייִנגעלע זענען געווען בלאָ. ס׳פּנימל אין גאַנצן אין אַ מאַפּע פון פאַרטריקנטע בלאַטע־פלעקן און לי־גיעס. אין גרויסער שרעק האָט ס׳ייִנגעלע קענטיק שטאַרק געוויינט בעת דאָס פערד האָט, אַן אָפּגעבינדנס, זיך געריסן אין פרייען מרחק אַריין; ס׳פּיצל מענטשל האָט זיך געראַנגלט מיטן פערדישן גאַלאָפּ און דער אויפ־געהויבענער זאַמד־שטויב האָט געדיכט זיך אָנגעזעצט אויף זיין שוים־באַ־

דעקטן מיילעכל. אין די הענטעלעך זענען געווען פאַרקראַמפּט פּאַסמעס האָר פון דער פערדישער גריווע.

די פאַרטאַמלטע מאַמע האָט מען נישט געקענט באַוועלטיקן.

— מיין קינד, וואָס האָט מען געטאָן מיט מיין קינד! — זי האָט געמורמלט אַ באַוווסטלאָזע. מאַרעטשעק האָט שוואַך געאָטעמט, די ציינד־לעך זענען אים געווען פאַרקלעמט. אַז דער פאָטער האָט צו דעם זיך צו־גערירט, האָט די פרוי אַ ריס געטאָן איר פאַרבאַקענעם האַלדז: — מער־דער, האָסט נישט געקענט מיטנעמען ס׳קינד!... — און ווידער אַוועקגע־פאַלן מיט אָנמאַכטיקע הענט, שטיינשווערע פיס. די אומגעריכטקייט פו־נעם פאַלן האָט ביי די אַרומשטייענדיקע געפּענטעט די כוחות. חיים יאַנ־טשען האָט זיך צעגליט דער בליק, די באַקן האָבן געצוקט. „ס׳קינד ראַ־טעווען“ — האָט ער גערעדט. דבורה האָט געבראַכט וואַסער, ס׳יינגעלע האָט פאַמעלעך געעפנט די אויגן, האָט חיים יאַנטשע געפרעגט די זין, וואָס זענען קניענדיקע געשטאַנען אַרום קינד און דער פאַרחלשטער מוטער:

— ווער האָט׳ן דאָס געטאָן?

קלמן האָט געקוקט אויפן פאָטער, פאַרצויגן ס׳מויל.

— ווער ווייסט...

דבורה האָט אַריינגערעדט אין פרוי זילבער און אשר מיט בערלען האָבן זיך אויפגעשטעלט. זיי זענען אַוועק אויפן וויהאָן, ווו ס׳פערד האָט זיך געפּאַשעט. זיי מוזן זיך דערוויסן וועגן מאַרעטשעקלס אַרויפרייטן אויפן שימל.

ס׳איז נישט שווער געווען זיך צו דערוויסן. פּאַסטעכער האָבן געזען, און זיי האָבן נישט געזען דאָ, אויפן וויהאָן, אַ קליין יינגעלע מיט אַ העל קעפּל און גרינע כאַקי־הייזלעך אויף שלייקעס. בערל האָט דערקנאַסט, אַז די יינגלעך ווילן נישט זאָגן. זיי שווייגן פאַרעקשנט, קוקן איינס אויף דאָס אַנדערע. חברה היט זיך צו דערציילן, ווו עס איז דער שימל, וועלכער איז געווען צוגעבונדן צו אַן אייזערנעם קלין. בערל האָט כסדר געפרעגט און די פּאַסטעכער זענען, פאַרלוירענע אַוועקגעלאָפן כלומרשט צוריקטרייבן די בהמות, וואָס זענען זיך פאַרקראַכן. אשר האָט זיך געמאַכט געפּגרט, זיך נישט געמישט אין בערלס פרעגעניש. אשר איז געווען להוט צו וויסן, ווי זיי לעבט זיך איצט און צי זיי קלייבן זיך זונטיק צום „אָטפּוסט“ אין וויעלקע־וואָליע. ער, אשר, וועט זיך אויך אַהינכאַפּן, ער וויל זיך דאָרט באַגעגענען מיט אַ ביסל „קומעס“, האָט ער זיי געזאָגט ווי אַ גלייכער צו

גלייכע. מעשה אייגענער האָט דער שטאָטישער בילאַנדער זיך אַראָפּגע־
לאָזן אויפן גראָז, מהנה געווען די פּאַסטעכער מיט מאַכאָרקע־טיטון און
מ׳האָט צוזאַמען געקאָפּטשעט. די ייִנגלעך האָבן זיך געלאָבט מיט אַזאַ
פּיינעם ביסל רויך און גענומען אויספרעגן דעם יונגן בילאַנדער, ווי עס
איז אין שטאָט. זיי גלוסט זיך אויך אַ בליק טאָן אַהינצו. אשר האָט גע־
ענטפערט: טע־טע, אין שטאָט איז אַ סך צו גיין, מ׳ווערט מיד, מ׳מוז
שווער אַרבעטן און אַז מ׳דאַרף טאָן אַ מענטשלעך באַדערפעניש, מוז מען
אויסלויפן אַ סך הייף ביז מען געפינט אַ נייטיק ווינקל. אומעטום שטאַרק
ריינע הייזער, געפּוצטע געוועלבער און... מ׳קען פּלאַצן. חברה האָט זיך
פונאַנדערגעלאַכט פון דעם, ווי פון אַ ווילדקייט, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט
פאַרשטיין. לסוף האָבן די ייִנגלעך געקרעכצט מיט מינעס פון דערוואַקסע־
נע: נישט פאַר אונדז איז די שטאָט. מ׳וועט נישט קענען קומען אַהין.
אַלץ אַזוי שטייף. „און מ׳טאָר נישט אַ סך עסן אין שטאָט, אַז דער בויך
זאָל נישט ווי טאָן" — האָט אשר צוגעגעבן מיט גרויס ערנסט. פאַר דאָס
האָט אשר אָפּגעלויבט ס׳דאָרף. דאָ איז נישט דושנע ווי אין טאָמאַשאָוו,
דאָ דאַרף מען זיך נישט יאָגן נאָכן טאָג, וואָס אַנטלויפט. אין שטאָט האָט
מען נישט קיין חשק צו זינגען, ס׳זינגט זיך נישט, האָט ער צוגעבראָקט.
און מ׳קען זיך נישט באָדן. נישטאָ אַזאַ יעזשער. אים, אשרן, האָט זיך
געבענקט אַהיים.

צעחושט פון אשרס דערציילונג, האָבן די דאָרפישע ייִנגלעך מעלאַנ־
כאָליש געוויגט מיט די זאַמד־קאָליריקע, גרויסע באַוואַקסענע קעפּ און
אויף זייערע פּנימער האָט זיך אויסגעמאָלט אַ גרימאַסע ווי פון זיי וואָלט
אומגעריכט אַראָפּגעפאַלן אַ שווערע משא. ביי דעם און ביי יענעם האָבן
לייכט געציטערט די באַקן, געפינטלט די אויגן. ביי יאַצעקן, דער גאַנ־
שעריכעס „זביידאַק" האָט גענומען פריילעך זיך וואַרפן די גאַמבע, כאָטש
לאַכן האָט ער זיך געשעמט: דער יונגער פאַן קען זיך באַליידיקן — דער
שטאָטישער זאָגט אמת און ער הערט עס ווי אַ קאַטאָוועס. קעגן זיין ווילן
האָט דאָך אַ שפּריץ געטאָן פון יאַצעקן מיט אַ גאַווערדיק געלעכטערל וואָס
ער האָט באַלד איינגעשטילט מיט דער זשמעניע, אַן אַריינגעפּאַקטע אין
מויל. ס׳איז שטיל געוואָרן און ביי די ייִנגלעך האָבן זיך צעלויכטן די
אויגן. דאָ, הייסט עס, איז מען גליקלעך און זיי האָבן עס גאָרנישט גע־
ווּוסט. מיט דאַנקבאַרקייט האָבן זיי געקוקט אויף אשרן און געוואַרט אויף
נאָך אַ גוט וואָרט זיינס. פאַר אַ באַלוינונג דעם שטאָטישן בילאַנדער, האָבן

די פּאַסטעכלעך אים געוואָלט חנפענען. און זיי האָבן אים געזאָגט אַז ער האָט גערעדט אמתדיקע רייד. אַ סך האָבן שוין געזאָגט ס׳אייגענע, נאָר ס׳האָט זיך נישט געגלייבט. יאַנוש, יאַסעקס געלערנטער זון, איז אויך געקומען פון שטאָט. טאַקע קענטיק, אין שטאָט איז אים אויך סמוטנע. אין לאָקעטקע לעבט ער אויף. יאַנוש שפּילט־איין אַ האַרמאָניקע־קאַפּעליע מיט דאָאיקע ייִנגלעך, טייל לערנט ער לייענען. אַ געבילדעטער קאָפּ ביים יונגן יאַסעק; ער חברט זיך מיטן שרייבער פון גמינע. יאַנוש, אַז ער וועט ענדיקן פאַר אַ לערער, וועט ער פאַרלייגן אַ שול אין לאָקעטקע. זיין טאַטע, דער פּאַן יאַסעק, וועט אויפשטעלן אַן עקסטרע געביי. די גמינע וועט געבן אַ סך געלט דערצו. יאָ, יאָ, ס׳איז וואָר!

— נאַראָנים, אין לאָקעטקע אַ שקאָלע?

אשר האָט מיט זיי זיך געאַמפּערט: אַ שול, מיינט ער, קען זיין אין פּיאַסקי, אין קאַמיען, אָבער אין לאָקעטקע? נישטאָ דאָ קיין קליינע קינדער.

— יאַק באָזשע קאָכאַם, — האָבן די ייִנגלעך זיך געצלמט.

זייערע אויגן זענען געוואָרן גאָר ערנסט און האָבן געקוקט אויף ביילאַנדערן, צי ער גלייבט נאָך נישט.

ווען געזאָגט, וועמען געזאָגט? — דאָ האָבן זיי פון דאָס ביי געשוויגן. אשר האָט׳ס פּאַוואָליע דאָך אַרויסבאַקומען: יאַנוש איז געווען דאָ אויפן וויהאָן, האָבן אויסגעפּלאַפּלט די אָפּגעשליסענע ייִנגלעך; ער האָט געזוכט זיין שוועסטער אַנדזשע. דערזען דעם שימל אויפן קלין, האָט ער אים אָפּגעבונדן און געוואָלט אים לאָזן אַהיים אויף מיטיק, כע־כע־כע. אַ זשידאָווסקע פערד איז איידל, האָט ער געזאָגט, דער יאַנוש. ר׳זאָל נישט אויסזאָגן, דער יונגער פּאַן ביילאַנדער, ווער ס׳האָט אים דאָס דערציילט... און האָבן נאָך צוגעגעבן: געטראָפן דאָ דאָס שטאָטישע ייִנגעלע, האָט יאַנוש אים געפרעגט:

— ווילסט זיך אַ ביסל דורכרייטן אויפן פערד, קליינענקער?

ס׳ייִנגעלע האָט געשאָקלט אויף „יאָ“, יאַנוש האָט אים אַרויפגעזעצט און אַ שמיץ געטאָן דעם שימל איבערן זאָד. דער גראָער האָט לוסטיק זיך אַ צי געטאָן אַרויף, אַרויף, אַזש דער עק האָט זיך אים אויפגעהויבן. אָ־אָה, ווי געגאַנגען גאַלאָפּ! — האָבן די פּאַסטעכער זיך צעוואַרעמט. דער קליינער האָט אין אָנהייב זיך געפרייט, באַלד אָבער זיך צעשריגן, שטאַרק זיך צעיעלהט — „אוי, מאַמע!“ און ס׳פערד עס הערט

נישט. עס האָט אים אַוועקגעטראָגן. דער פּאַן יאַנוש האָט זיך געוואָלגערט אויפן גראָז פון געלעכטער:

— אַ זשידעקל אויף אַ זשידאָווסקע פערדל! ס'אַרע טריאַטער!

גלייך ער וואָלט זיך נישט געמאַכט קיין עסק דערפון, האָט אשר זיך פאַרצויגן מיט רויך, איבערגעלאָזן די פאַסטעכער אַ זשמעניע טיטין און איז אַוועק. „מ'דאַרף גיין קאָסיען", האָט ער געזאָגט. בערל איז פריער אַוועק.

אויפן פעלד האָט מען שוין אָנגעזוען די בהלה, וואָס מאַרעטשעק האָט גורם געווען מיט זיין רייטן. חיים יאַנטשע האָט פאַרדריקט דאָס מויל, גלייך אַ בייזער כוח האָט ביים קאָסיען אים אַ צי געטאָן פון דאַנען. די יונגען האָבן זיך נישט דערוועגט צו רעדן. פאַרביסנקייט האָט זיך געהערט פון דעם פלוצלינגן שווייגן; ס'האָט זיך געהערט דאָס פּישטשען פון די שניידנדיקע קאָסעס און ס'טרעטן פון די פיס.

הערש זילבער האָט אויף די הענט אַהיימגעטראָגן ס'פאַרשמאַכטע ייִנגעלע. מאַרעטשעק איז געלעגן אין בעטגעוואַנט. מ'האָט אים צוגעלייגט פייכטע האַנטעכער צום הערצל און די מאַמע האָט כסדר אים געפרעגט:

— ס'טוט דיר וויי, זונעשי?

ס'קליינע האָט זשוואַווע געשאָקלט מיטן קעפל אויף „ניין" און זיך אַראָפּגעריסן פונעם געלעגער. די מאַמע האָט אים נישט געלאָזן: „מאַרעקל!" — האָט זי זיך געוויגט איבער אים, אירע אויגן האָבן זיך געבעטן און דאָס מויל זיך געבייזערט. דער פאָטער האָט מורא געהאַט פאַר דער פרויס צאָרן און זיך נישט אַוועקגערירט פון שטוב. ס'האָט אויסגעזען: ער היט די הייזקע פון אַ לויערנדיקן אומגליק.

דער דרויסן איז אָבער ווידער אַוועק אין די פעלדישע ווייטן. דער זומער האָט געצייטיקט מיט די אויגנבליקן פונעם פלייסיקן מענטש.

דער שניט איז אָנגעגאַנגען. צוזאַמען מיט די שניטערס זענען איצט אַרויס אין פעלד אויך קרענצלעך היגער מיט הענער און יונגענקע, קנאַפּ־באַפּעדערטע הינדעלעך. אַלע האָבן זיי פלייסיק געפּיקט די אַנטהוילטע ערד פון קאָרנפעלד און איידל אויסגעמורמלט זייערע הינערשע ברכות פאַרן ברויט, וואָס מאַכט אויך זיי זאַט און היימלעך. די מענטשן האָבן געקוקט דער זון אין פנים אַריין, האָבן בשפע געשוויצט און אין די פאַרנאַכטן ביסלעכווייז אַהיימגעפירט די איבערגעטריקנטע סנאָפּעס. די פורלעך, פול אָנגעלאָדענע מיט ברויט, האָבן גדלותדיק געסקריפּעט אויף זייערע אַקסן

און פאַרביי דער שטוב און שטאַל זיך דורכגעטראָגן מיטן ברייטן אָטעם פון פעלד, וואָס איז אַ גוטע מאַמע. פּאַוואָליע האָט דער שייער זיך אָנגעפּולט ביז אונטערן דאַך און מ'האָט בשעת־מעשה נישט פאַרגעסן אָן דעם יינגעלע מאַרעטשעק. אַזוינס פעלט אויפן וואָגן תבואה, — האָט בערל געטענהט און דער שווייס האָט מערער זיך צעגאָסן אויף זיין פּנים. — דער קליינעקער וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער געמוזט זיצן אויפן סאַמע שפּיץ, און איך וואָלט אים צוגעהאַלטן, האָט אומעטיקלעך געזאָגט דער זון־פאַרשרפעטער קלמן. — די כאָלערע האָט זיי געוואָרפן, געמוזט אָן עוולה טאָן אַ קינד! ס'יינגעלע מאַכט פריילעך, כ'זאָל אַזוי געזונט זיין, האָט ער מוסיף געווען. חיים יאַנטשע האָט אַ וואָרטשע געטאָן: ששש! שוין אַלץ אויסגערעדט?! פון אשרן האָט עס ערשט אַרויסגעבראָכן:

— אַזאַ פאַרשיווער, דער געלאַרנטער! דאָס גאַנצע מיסט פון שטאָט טראָגט ער דאָ אָן, כאָלערע!

— מ'דאַרפן די מאָרדעס אָנרייבן! — האָט בערל זיך אָנגערופן.

דבורה האָט אויך צוגעוואָרפן אַ וואָרט פון פאַרביטערונג, הלמאַי מ'האָט צעשטערט זייער היימלעכקייט. שוין אַ פּאָר טעג איז אין שטוב דערדריקט צו ווערן. אַלע ציטערן איבער דעם ווילן יינגעלע. נישט געהאָט אין ווענען זיך אָנצוהענגען, דער פראַנצאָל, ווי אין אַזאַ קינד! — האָט אויסגעבורטשעט ראָכל. דער אַלטער האָט אַלעמען צוגעמאַכט די מיילער:

— אפשר 'עט שוין געניג זאָן? אָנגעקריגן אַ געטיעכץ... ר'עט שוין קימען אויף געדעכטע הענט, דער כאַם. גיטע זאַכן באַצאָלן זיך.

געמיינט האָט מען יאַנושן, יאַסעקס סינאַק, פון וועלכן עס האָט זיך שוין געהערט אַז ר'קען נישט שמעקן צו אַ ייד, ווי שאָשע האָט געזאָגט. עפּעס גוטס זיך אויסגעלאַרנט אין די שקאָלעס, יאַסעקס באַשייניגג — האָט געזאָגט די שוויגער. זי האָט תיכף פאַרביסן די ליפּן אין חרטה, כדי דער פרוי זילבער נישט צו דערמאַנען וואָס איר האָט באַטראָפן אין דאָרף ווו זי איז געקומען אָנשעפּן זיך מיט מנוחה. ווידער אַ מאָל האָט יעדער געלאָזן פאַלן אַ וואָרט. אַלע זענען געווען צערייצט. אויך חיים יאַנטשען האָט געגעסן דער באָסט, אָבער ער האָט זיך נישט אויסגעגעבן. וואָס, ווי די שנעקעס וועט ער פלאַפּלען? ער האָט פיינט אַ גראַטשקע. נישט קאַ' זמן אַצינד פאַר חשבונען זיך. ר'עט שוין אונטערקומען — —

און ס'האָט נישט לאַנג גענומען. יאַנוש, וועלכער האָט אין שטאָט

זיך געלערנט פאַר אַ לערער, האָט אין דאַרפישן טייכל אומגעריכט זיך געלערנט שווימען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אין דער לופט.

חיים יאַנטשע האָט זיך אויף אים דערוואַרט.

אין אַ באַגינען האָט דער בחורעץ זיך געוויזן אויפן ברעג פון יע־זשער. חיים יאַנטשע איז גראָד אַרויס פון וואַסער אַ פרישׁ אונטערגע־טינקטער. אַ נאַקעטער מיטן שווער אַראָפּגעלאָזענעם לייב איז ער צוגע־גאַנגען צום פאַרשוינדל און אים אַזאַ גוטמאָרגן געביטן:

— הער נאַר, דו, וואָס עפּעס זיך אַהער פאַרבלאָנדזשעט אַזוי פרי, ווען אַ זשיד באָדט זיך? —

אַ פרישע געטאָן אים אין פּרצוף אַריין מיט זיין נאַסער באָרד און מיט האַרט פאַרקניפּטע דלאָניעס גיך אים אָנגעפּאַקט ביים קאַרק. דער בחורעץ האָט נישט באַוויזן אַן אויקע צו געבן און ווי אַ זעקל שטיינער זיך אַריינגעקייקלט אין וואַסער אַריין.

— האָסטו, פאַרשיווער אייזל פון דעם זשידעק!

אַ לאַנגע ווײַלע האָט דער יונגער יאַסעק משוגענערווייז זיך איבער־געקערט אין וואַסער, אויפגעשטויסן כוואַליעס, אויסגעשפּריצט בלעזלעך און מיט דער הילף פון זיינע צעצאַפּלטע הענט און פיס קוים געפונען דעם דנאָ אונטער זיך. אויפגעשטעלט זיך אין דער אָזערע איז ער איבערן צע־ריזלטן שפּיגל געבליבן שטיין מיט אַ צעקרימט מויל, טריפנדיקע האָר און צוגעקוועטשטע אויגן. אַפּנים, ער האָט אַ היפּשע רגע נישט געדענקט וואָס עס איז געשען מיט אים. אָנגעזאַפּט מיט וואַסער ווי אַ שמאַטע איז ער דערנאָך אַרויס אויפן ברעג און סאַפּנדיק, מיט נערוועז־באַוועגטע ליפּן גע־נומען וויינען פאַר בילאַנדערן:

— וואָס האָב איך אייך געטאָן, פּאַניע באַלעבאָס?... פאַרוואָס קומט מיר אַזוינס?

— גיי, דו טייוול, מיט דיינע געמיינע שטיק! זאָלסט וויסן דרך־ארץ צו האָבן פאַר אַלע וואָס אין מיין הויז. אַ ביין וועל איך דיר איבערברעכן, אַ יעדער זשיד וועט דיך אָנלערנען, דו פאַרשיווער שעפּס! זאָלסט זיך מער נישט דערוועגן אָנצורירן עמעצן, געהערט?

דער גרויסער תכשיט פון דעם שכנס הויז איז געשטאַנען און געכלי־פּעט. דער זשיד האָט אים שאַרף באַליידיקט, אים, דעם געבילדעטן. חיים יאַנטשע איז געווען צעטראָגן פון דער באַגעגעניש און נישט געקענט אָפּ־טרעטן גראָד ווי דער יונגער פאַרשטאָטישטער יאַסעק האָט איצט נישט גע־

קענט אָפּטרעטן. האַס האָט זיך געטאָפּטשעט אין שאָטן פון זיין געפּאַלע־נעם כוח.ביידע האָבן זיי זיך זייטיק אָנגעקוקט. יאַנוש האָט געהעשעט אין זיך אַריין: אַזאַ אַלטער און ער האָט אים אַזוי... חיים יאַנטשע האָט איצט געטראַכט אין טיפער רעגונג: פרעך זענען די לייט. מ׳באַדאַרף זיי ווייזן אַ פויסט און (ישוב־הדעת האָט אותו הרגע אים אָפּגעקילט) מ׳טאָר חלילה נישט איבערבייגן דעם שטעקן. ס׳איז ווי אַ שטוביקער גנב: קענסט זיך נישט פאַרהיטן פון אים. תמיד קען ער עפּעס אַ כאַפּ טאָן. באַדאַרף מען אפשר אויסמיידן, נישט געבן קיין געלעגנהייט. פון מעשים־תעתועים הערט זיך פון די דאָזיקע. אַפילו די געלאַרנטע קענען טאָן אַל דאָס בייז: פירן אָן חורבנות, צינדן אונטער פעלדער, ברענען סטאָדאָלעס מיטן געוועַ־טעניש, שטעכן, הרגענען. אַ צייטעלע אַ געראָטנס, אָבער שפּייען אין די אויגן אַריין וועט ער זיך נישט לאָזן. אַזויפיל טעג אים קאַליע געמאַכט דאָס בלוט, דער סמאַרק — —

אַ נאַסער האָט יאַנוש ענדלעך זיך אָפּגעטראָגן אַהיים. פאַרביסן אין זיך דעם ווייטיק וואָס דער־אָ האָט אים געבראַכט אויפן ניכטערן, איז חיים יאַנטשע אַריין אין שטוב, גערופן די זין מיט דער טאָכטער און אוועק אין פעלד. די פּאָגאָדע, זעט אויס, וועט אויף בילאַנדערן נישט לאַנג וואַרטן.

דער הימל האָט גענומען בייטן זיין קלייד. וואָלקנס זענען געגאַנגען, ווינטן האָבן זיי געטריבן. שוין עטלעכע מעת־לעת ווי דאָס שיינע וועטער זאָגט אָפּ. ס׳קאָרן האָט געמוזט אייליק אַראָפּגעפירט ווערן. די וועגענער מיט תבואה זענען אַהין און צוריק שוין באַגלייט געוואָרן פון מחנות היי־גער מיט הינדעלעך, וואָס האָבן דערווישט דעם וועג פון אַ נייער שפּעדי־קער פרנסה פאַר זייערטווועגן. די עופות זענען געגאַנגען אין פוסטריט פון די באַלעבאַטים. וואָס האָבן באַגלייט די אָנגעהויפטע וועגענער מיט סנאָ־פּעס. וויבאַלד זיי האָבן אינדערפרי זיך אַרויסגערירט פון שטוב, זענען די עופות מיט זיי מיטגעגאַנגען אין פעלד אַריין מורמלענדיק, זינגענדיק. און האָט דער לייטער־וואָגן, אַ פול־אָנגעלאָדענער מיט זאַנגען, זיך צוגעוואַקלט צום שייער, זענען די הינער כאָפּטעסווייז מיטגעגאַנגען. דער קליינער מאַרעטשעק — אַ געזונט־געוואָרענער — איז אַ צאַפּלדיקער געזעסן אויפן וואָגן, אויפן סאַמע באַרג פון די אָנגעוואלגערטע סנאָפּעס. ווען בערל האָט מיט אַ היי־גאָפּל אַראָפּדערלאַנגט אין שייער אַריין די בינטן קאָרן, האָט מאַרעטשעק אויך זיך אויפגעשטעלט אין וואָגן און גערופן צוגלייך מיטן יונגן בילאַנדער:

— היפּ, קלמן!

— היפּ, אשר!

צוריקוועגס, אין ליידיקן וואָגן, האָט דאָס ייִנגעלע זיך געפרייט מיט די לייצעס, וואָס מ׳גיט אים אין די הענט אַריין. פּונקט ווי די דערוואַקסענע שרייט ער איבערן פערד: „אָ וויאָ, גראָער!“ טאַטע־מאַמע, שוין אײַבערגעבעטענע צווישן זיך, האָבן באַנאַנד געציטערט איבערן ייִנגעלע: זיי האָבן אַכטונג געגעבן, אים זאָל ווידער זיך נישט פאַרגליסטן צו רייטן אויפן שימל. „אַ קינד פאַרגעסט שנעל“, האָט חנה דערמאָנט דעם מאַן. דערפאַר האָבן זיי אים אומעטום מיטגענומען — שוין נישט געלאָזן אַליין. אַז דער וואָגן מיטן קאָרן איז געגאַנגען צו דער סטאַדאָלע, האָבן טאַטע־מאַמע הינטערווײַלעכטס נאָכבאַגלייט דעם וואָגן; כסדר געריידט צום קינד: „פּאַר, פּאַר, די מאַמע וועט שוין קומען“. און האָבן זיי נישט באַוויזן נאָכצואײַלן, זענען די יונגע בילאַנדערס אָנגעבעטן געוואָרן פון זיי:

— גיט אַכטונג אויפן קליינטשיקן!

די יונגען האָבן צוגעטוליעט צו זיך מאַרעטשעקן:

— דו ביסט אונדזער ייִנגעלע, וועסט בלייבן דאָ.

— איך בין דער מאַמעשיס ייִנגעלע, — האָט ער זיך געוועהרט.

— און דעם טאַטנס? — האָבן זיי געפרעגט.

דער קליינער האָט זיך פאַרשעמט, געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון זייערע הענט, נישט פאַרליב־גענומען זייער צערטלען.

דאָס ייִנגעלע האָט זיך באַרויִקט ערשט ווען דער פאָטער האָט צו אים פון ווייטנס געשמייכלט און נאָכגייענדיק דעם לייטער־וואָגן הויך אויסגעשריגן: „זיץ, זיץ, מאַרעטשעקל. דו ביסט אויך דעם טאַטנס זונעלע“.

◆

דער זוניקער ווינט איז פון דעסטוועגן בייגעשטאַנען. ס׳קאָרן איז אין גאַנצן אַריינגערוימט געוואָרן אין שייער. די מענטשן זענען אָפּגעגאַנגען אין גרויסן שוויס, האָבן געהאַרעוועט ביז אין דער זינקנדיקער נאַכט אַריין. גרויסע שטיקער הויכליגנדיקע ערד זענען אָפּגעגאָלטע געבליבן קוקן אין די אומעטיקלעכע הימלען אַריין. נישט ווו, נישט ווען האָבן אויפן קורץ געצוויקטן פּנים פון בילאַנדערישן פעלד זיך נאָך באַוויזן פאַרבלאָנדזשעטע קוראָפּאַטוועס.

אין שטוב איז מען געווען שטאַרק צופרידן. מ׳האָט געגעסן מיט

חשקות, פאַר די אַלע טעג פון שניט רעכט אָפּגעגעסן. פאַרנאַכט, זיך אַרויסגעזעצט פאַר דער שוועל, האָט מען שוין געשמועסט וועגן דעם ערשטן זעקל מעל פון דער יונגער תבואה. ס׳האָט אַ טעם און אַ ריח, זאָלט עץ וויסן! אסור צי אַ שררה שפּירט אַזאַ תענוג, — האָט חיים יאַנטשע גע־רעדט פאַר די טאָמאַשאָווער. ס׳האָט זיך געשפּירט: ער פאַרסליניעט זיך מיט דער זיסקייט פון זיין פּראַצע.

דער רעגן וואָס האָט זיך געקליבן קיין לאָקעטקע אַזוי לאַנג, איז אַראָפּגעפאַלן גראד ווען חיים יאַנטשע מיט קלמנען האָבן פון שייער אַרויס־געריקט די קליינע דרעש־מאַשין. בערל איז געווען אַוועק אויפן וויהאַן ברענגען דעם שימל אויף איינצושפּאַנען אים אין דער מאַשין. ס׳האָט גע־רעגנט מיט שווערע טראָפּנס, וואָס האָבן אין תחילת זיך געבלעזלט אויף דער אויסגעדאַרטער ערד, געשוימט זיך אין ריטשקעס. ס׳האָט אויסגעזען: אין די ברייט־צעוואָרפענע הימלען עפענען זיך אָט־אָט ליכטיקע איינדזע־לעך, די זון וועט זיך דורכרייסן; עס וועט בליצן, אָפּדונערן און ווידער וועט ווערן שיין. דאָס האַסטיקע גיסן האָט טאַקע ווי אויפגעהערט, אָבער די אָנפאַרביקע לופט האָט באַלד פון דאָס ניי געגומען זיך דורכוועבן מיט דינע, געדיכטע שטרייפן וואַסער: שנירלעך אַזוינע דורכזיכטיקע ווי צע־שמאָלצן גלאָז און דאָס האָט זיך איינגעגעסן אין דער ערד, געשטעלט זיך אין גריבלעך, אויסגעשפּרייט אין וואַסער־שפּיגלען, וואָס האָבן אָן אויפ־הער געציטערט, געריזלט. ס׳אַ רעגן נישט אויף היינט בלויז — האָט נביאות געזאָגט די אַלטע בילאַנדעריכע און מיט איר געשריי, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אָט פון אונטער אַן אָפּדאַך, אָט פון הינטער אַ שטאַל־וואַנט, האָט זי צוזאַמענגערופן ס׳געזינד:

— בעע־רו!

— אַ־אַאַשר!

— דבו־וורררה — — ווו זענט עץ, חברה? קי־ייימטס אַראַאַאַן!...

דער ליאַרעם האָט אין ברעקלעך צעשטויסן די געדיכטע לופט. איר האַלדז האָט זיך געריסן ווי אַן אַלטער שטרוי־דאַך אונטער פלוצלינגן שטורעם.

— האַאַאַ, האַאַאַ־אַאַ! — נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל רופט זי לסוף פון דער שוועל פון דער כאַטע און שאָקלט זיך אָפּ פון רעגן, וואָס האָט זי אָפּגעגאָסן.

די ערשטע זענען גאָר מיט אַ קוואָקטשערײַ געקומען אַ הון מיט אירע

יינגעטשקע. אָפּגעצוואָגענע, מיט נאַס־גלאַנציקע העמדער און פאַרבלאָטיקטע, באָרוועסע פיס זענען דערנאָך זיך צוזאַמענגעלאָפן די יונגען מיט דער מויד. פאַמעלעך האָט נאָכגעדרעפּטשעט חיים יאַנטשע. ס'האָט אים געטראָפן פון דער באָרד. אַלע האָבן זיי זיך געקליבן אין דער פאָדערשטער קיך־שטוב אַריין. די טיר איז געשטאַנען צעפּראַלט אין דרויסן אַרויס. דער וואַלד אין טאָל פון לאָקעטקע איז פאַרהילט אין לייכטן טיול און דער הימל, אַ גראָ פונאַנדערגעגאָסענער, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַלד. דער דרויסן האָט זיך געבאַמבלט אויף אימפּעט. צווישן יונגוואַרג איז געוואָרן אַ גערעדעכץ: ס'אַ מחיה דער רעגן! די קאַרטאָפלעס באַדאַרפן געניייטיק דעם טרונק. אויף די שכנישע פעלדער איז אַ סך תבואה נאָך געבליבן שטיין אויף דער זאַנג, אַ טייל — אין סנאָפּ... מ'האָט דערמאָנט יעדן שכן, באַדויערט די אומבאַהאָלפענע. ס'עט פוילן, האָט חיים יאַנטשע מיטגעהאַלטן דעם שמועס. דבורה האָט מיט קנאה זיך צוגעקוקט צו די ברידער: מאַנספאַרשוינען איז ווילער. אומעטום איז די חברשאַפט פאַר זיי אָפן. בלויז איר לאָזט מען נישט אַ שריט טאָן. „דבורה, מויד...!“

— דאָס איז איר נאָמען, דאָס איז ס'געשריי, וואָס באַגעגנט זי מיט מוסר, מיט דראָאונג. און ס'קרענקעניש גיט איר אַ וואַרג. אינדעם באַמערקט די זילבערס אַרויסווייזן זיך פון זייער שטיבל, האָט זי שוין היימלעך אויסגערופן:

— ווער עס גיי־ייייט? געסט, געסט, געסט!

— געסט, געסט, זאָלן לעבן די געסט! — האָט אויסגעזונגען קלמן אין די הויכפאַרשאַרצטע הויזן.

די אַלטע לייט האָבן זיך איבערגעקוקט, זייערע אויגן האָבן זיך צעלויכטן: „טייערע מענטשן, די טאַמאַשאָוער. אַ היימלעכקייט מיט אַזוינע“.

הערש זילבער האָט געצויגן מיט אַן אַקסל:

— נאָך אַלץ געסט? פאַר מיר איז שוין צייט. ס'אָפּגעליידיקטע פעלד און דער רעגן זאָגן: הערשל, גיי צו ס'דייניקע!

— וואָס איז ס'געאײַל? — האָט חיים יאַנטשע זיך אַ קער געטאָן צום טאַמאַשאָוער. זיין גאַנץ בערדיק פּנים איז געווען אַרויסגעשטעלט אין דעם פרעג.

— ס'געאײַל? — האָט הערש איבערגעפרעגט — כ'אײַל זיך נישט. אָבער ווי לאַנג איז דער שיעור! געענדיקט מיין זומער.

— ס'עט נאָך לאַנג זיין וואַרעם. אַ שטיק איבער די ימים־טובים איז

שיין, — האָט דער אַלטער זיך צערעדט מיט אַ בענקשאַפטלעכן בייטאָן. באַשיימפּערלעך: ר׳איז געווען צופרידן, אַ מענטש פון שטאָט הערט אים.

— לענגער קען איך נישט. אַ הויז איז אַליין אויפן שלאָס, און אַ געשעפט דאַרף מען צוהיטן.

ער האָט זיך ווי פאַרענטפערט פאַר דעם ייד וואָס האָט פאַר אים אַזעלכע וואַרעמע שטומע רייד און אין זין געהאַט אַ שטאָך צו געבן אשרן, למאי ער האָט פון דאָס ניי זיך אַריינגעלאָזן אין די דאָרפישע עסקים. די פּרנסה אין טאָמאַשאָוו געוואָרפן, דער חברהמאַן, גלייך שוין אויסגע־זאָרגט אַלע זאָרגן.

— וואָס איר רעדט, פּאַניע בילאַנדער! מ׳טאָר נישט אַזוי. מיינע, אויב זי וויל, קען זי דאָ בלייבן ביז די קינדער וועלן דאַרפן גיין אין שול אַריין.

— איך פאַר אויך — האָט ז יי נ ע זיך אָפּגערופן, הגם זי האָט זיך נישט געריכט, אַז זי וועט מוזן זיך אַריינמישן אין דעם שמועס.

— ס׳נאָך צייט צו רעדן דערוועגן, — האָט אשר אומגעריכט אַרי־בערגעבויגן דעם קאָפּ איבער הערשלס אַקסל. — נישט זי און נישט הערשל פאָרן.

ער האָט עס אַ זאָג געטאָן מיט אַ פעסטקייט, וואָס לאָזט נישט אי־בער קיין ספק וועגן דעם געזאָגטן.

—געראַכט! נאָך שבת מערטשעם ׳עט מע שמועסן, — האָט זיך אַריינ־געמישט די אַלטע און איר קליין פּנים אין גרויסן, געלן שייטל האָט אַ זומערגעשפּרענקלטס, אַ לעבעדיקס געשמייכלט צו פּרוי זילבער.

שאָשע האָט אויך צוגעשאָקלט מיטן שטערן און גערעדט צום קינד, וואָס זי האָט אַרויסגעברענגט פון אַלקער.

— אַוודאי, מיר ווילן נישט בלייבן אַליין, ס׳וואָר? מיר ווילן זיין צווישן מענטשן. ס׳איז היימלעכער, ס׳אי׳ בעסער, אמת, איטשע מיירעלע?

גערעדט אַ צוגעבויגענע צום קינד און איר שטים איז געווען אַ דין געענדערטע אַזוי אַז ס׳האָט געזאָלט הייסן, ס׳קליינטשיקע אויף דער מו־טערס האַנט לאָזט אויך הערן זיין דעה בנוגע די טאָמאַשאָווער. ס׳קינד האָט זיך צעגענגעט און דאָס קעפל פאַרוואָרפן אויף דער מוטערס אַקסל.

דער רעגן האָט דערווייל אָנגעטונקלט די לופט. ס׳האָט געגאָסן גע־דיכט, דורכגעווייקט דעם דאַך פון דער קעגנאיבערדיקער שטאַל.

אין סאַמע כליאָפּ זענען חיים יאַנטשע מיט קלמנען אַרויס אין דרויסן

און די דרעש־מאַשין צוריק אַריינגעשטויסן אין שייער. אַרבעט איז נישט קיין האָז, האָט דער אַלטער אין קאַטאָוועס געזאָגט צו הערש זילבער. דער טאָמאַשאָווער האָט אַ פאַרקלערטער געשאָקלט מיטן קאָפּ. אשר איז צו־געגאַנגען צו הערשן, אַ רגע אים געקוקט אין די אויגן אַריין און אַרויפ־געלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל:

— פון אַ קערטל האַלטסטו? — און נישט געוואַרט אויף אַן ענט־פער, הערשן אַ צי געגעבן צום טיש: — קום, מ׳עט מאַכן אַן אַקע... בע־סער ווי צו קלערן ווו דער הונט האָט דעם פופיק.

צו די קאָרטן איז צוגעגאַנגען אויך חנה. אַלע אין שטוב, אַפילו די קינדער, האָבן מיט אַנגעשפּיצטע אויגן זיך צוגעקוקט ווי די קאָרטנשפּי־לערס וואַרפן מיט ברען די קאָרטן און אויפן טיש הויפט זיך אָן אַ קופּ־קעלע געלט.

דער מיטנטאָג אין דרויסן האָט געטונקלט. עס האָט נישט אויפגעהערט רעגענען. אַ גאַנצע נאַכט האָט נאָך געגאָסן. צומאָרגנס האָט זיך אויסגע־לייטערט. חיים יאַנטשע איז געפאָרן קיין אָפּאָטשנע. עס איז געווען פריי־טיק. די יאַנטשעכע האָט געבאַקן חלות, אויסגעבראָטן זיך ס׳פּנים ביים פלאַקערנדיקן אויוון און איטלעך מאָל זיך אַריינגעוויזן צו דער שנור:

— שאָשע, ׳עסט אַ קיק געבן? ווייסט׳עד...

די שנור האָט געוווסט דעם געשמאַק פון די שטאָטישע. אין דער לאָ־קעטקער הייזקע איז ווידער געגרייט געוואָרן אַ שבת מיט שטאָטישע גע־קעכטסן.

דאָס מאָל איז עס געווען לכבוד דעם פאַן הערש זילבער, וועלכער האָט זיך געקליבן אַהיימצופאָרן.

22

שבת

דער לאָקעטקער שבת איז גאָר געראָטן. סיי ראָכל האָט אָפּגעקוואָלן, וואָס אירע מאכלים האָבן אויסגענומען ביי די שטאָטישע און סיי חיים יאַנטשע האָט זיך געשפּירט מער אויפגערוימט ווי אַלע מאָל.

קודם האָט דער ייד הנאה געהאַט פונעם דאַווענען אין קאַמיענער מנין. אינדערפרי איז ער מיט די זין און מיטן גאַסט אַוועק קיין קאַמיען. אַריינגעבראַכט זיינע באַגלייטערס אין דער שול־כאַטע, האָט דער אַלטער זיך דערפילט גאָר דערהויבן. פון זייערע האַרטע דאַשקעס אָפּער האָבן די שכנים געקוקט אויף חיים יאַנטשען מיט דרך־ארץ און זיי זענען אומ־דרייסט צוגעגאַנגען געבן שלום־עליכם דעם פרעמדן.

— אַ קרוב, לאַקעטקער? — האָבן זיי דערנאָך געפרעגט מיט אַ מורמל.

— בעסער ווי אַ קרוב. אַן אמתער גוטער פריינד, — האָט חיים יאַנ־טשע זיך געגרויסט מיטן גאַסט און איינצייטיק עפּעס זיך פאַרשעמט.

אַנדערע, וואָס האָבן דעם פרעמדן נישט אָפּגעשטעקט שלום־עליכם, האָבן זיך צוגערוקט צום לאַקעטקער און צו די זין, פאַרזיכטיק אַ נישטער געטאָן אין זייערע פּנימער, אַראָפּגעקוקט צו די שטיוול און ס׳מויל נישט געעפנט. שווער איז דעם דאָרפישן בייצוקומען די שעמעוודיקייט. חיים יאַנטשען האָט שטאַרק געקוועלט די קנאה וואָס לייט פילן צו אים און ער איז נאָך מער רויט געוואָרן. פון דער דאַזיקער לעסטיקייט האָט ז׳ער לאַ־קעטקער זיך באַפרייט ערשט ווען דער קאַמיענער שוחט — וואָס אַ ז אויך אַ פעל־הענדלער — האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים עמוד דאַווענען שחרית. „הודו לד׳ קראו בשמו“, — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו די נידעריק געקאַלכטע בעלקעס און חיים יאַנטשע האָט גענומען מאַמלען מיט די ליפּן; דאַווענענדיק זיך געדרייט אַרויף־אַראָפּ איבערן שילעכל און אַן איינ־געראַמטער אין ברייטן וואָלענעם טלית זיך אָפּגעשטעלט פאַר הערש זילבערן:

— ס׳געפעלט ענק אונדזער חברה?

— מההו, — האָט ער אַ מויכל געטאָן, ווי ר׳וואָלט נישט וועלן מפסיק זיין, נאָר אין די אויגן האָט דער לאַקעטקער געפינען ביי יענעם דעם ענטפער: „נישקשה כּוֹן אַ חברה אין דאָרף“.

— הע־הע, ראש־השנה זאָלט עץ זען! ס׳פול אַנעהאָרע און לעכט ברענען גרויסע ווי די ביימער.

אַ פּראָסט געשמירטער ארון־קודש און אַ פּראָסטער ברעטערנער עמוד איז דאָ געווען באַלויכטן פון אַ שטיק לויטערן האָריזאָנט, וואָס איז גע־שטאַנען אין די צוויי קליינע פענצטער פון דאָרפישן בית־הכנסת. גע־בוקטע זענען אויף די ווענט דאָ געהאָנגען אויף טשוועקעס צוויי פּאָרדיי־

כערטע נאַפּט־לעמפּלעך און אַט צוויי מעשענע מנורהלעך מיט חלבֿ־פּאַר־טריפטע רערלעך. דער שולחן — אַ געוויינלעכער שטובן־טיש מיט אַן אָפּ־געבליאַקירט, פאַרשמאָלצן טישטעך פון טערקישן געוואַנט.

די קליינע קאַמיענער חברה איז געווען פול מיט יידן און מיט אַרויס־געדרוקטע הילצערנע פּויערישע בענק. אַ גאַנצע וואָך איז דער בית־תפילה פאַרשלאָסן. די מצווה פון האַלטן דעם שליסל און צוזען די ריינקייט ליגט אויף דער „מומע גאָלדע". מיט אירע שוואַכע כוחות שאַרט זי זיך אַריין אין שילכל און קערט עס אויס. איין מאָל אין וואָך, אום שבת, גייען די דאָרפסלייט פון דער געגנט דאַווענען מיט מנין. אין אָנגעוועקסטע גראָבע שטיוול און אין ריין אויסגעוואַשענע העמדער קומט מען אין קאַמיענער חברה אַריין, און אַ געגיי איז פון לאָקעטקע, פון מאַזשאַרניע, פּיאַסקי און ראטשיבאָר. פון אומעטום אַ ייד, צוויי יידן מיט זין און איידעמס און קליינוואַרג. צום נעענטסטן האָבן די קאַמיענער און די לאָקעטקער. צו קבלת־שבת קלאַפּט מען צונויף אַ מנין פון די קאַמיענער און לאָקעטקער. ליכט־געצונדן קומען יידן זיך צוזאַמען גאַנץ וואָכעדיקע. ווער עס קריכט ערשט אַראָפּ פון וואָגן און ווער ארויס פון שטאַל. אָפּגעכאַפּט דעם „לכה נרננה" גייען זיי זיך פונאַנדער צו די פריש־וואַרעמע חלות אויף די גע־דעקטע טישן, אָבער די מאָלצייט איז נישט קיין יום־מנוחהדיקע. דער אינ־דערוואָכן זיצט נאָך ביים פרייטיק־צונאַכטסדיקן טיש, די מידקייט ליימט די גלידער. ערשט צומאָרגנס פילט מען זיך רעכט שבתדיק. מ׳גייט קיין קאַמיען מיט כוונה. אין הימל ווערט אַלץ פאַרשריבן... אַז אַ ייד געדענקט אין גאָט, ווערט ער פון גאָט ברוך־הוא אויך נישט פאַרגעסן. חיים יאַנ־טשע רעכנט זיך שטאַרק מיט דעם. ער היט ס׳דאַווענען טאָג ביי טאָג און שבת גייט ער קיין קאַמיען ווי ער וואָלט אַנטקעגנגעגאַנגען גאָטס זאָג, וואָס ציט זיך פון קאַמיען ביז אַהער.

דאָס מאָל האָט מען חיים יאַנטשען אויפגערופן צו דער תורה. וואָרט אין וואָרט האָט ער זיך דורכגעקריגן דורך דער ברכה און מנדר־געווען חי גדולה. הערש זילבערן האָט מען מכבד געווען מיט מפטיר. ער האָט מנדר־געווען גימל פּעמים חי־זהובים און געהייסן מאַכן אַ מי־שבירך פאַר חיים יאַנטשען מיט דער משפחה.

ביי דער שבתדיקער מאָלצייט איז דער לאָקעטקער נאָך געווען בגי־לופין פון דעם כבוד וואָס אים איז באַשערט געוואָרן און ר׳האָט אויפן קול געבראָכט פסוקים פון די זמירות. דער טאָמאַשאָווער האָט אים אונ־

טערגעהאַלפֿן און די זין האָבן מיטגעברומט. דער טיש האָט זיך געוויגט פֿון דער היימלעכקייט. דערנאָך איז מען מיד אַריינגעפֿאַלן אין נאָכמי־טיקדיקן שבת־דרימל. אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויפֿן טיש האָט חיים יאַנטשע אַ ביסל געדזשימיעט. אויפֿגעכאַפּט זיך מיט אַ צוגעלעגענער באַק, האָט ער אַריינגעשלייכט אין שייער. אויף דער זייט, ווו עס איז געלעגן ס׳פרישע היי, זענען געווען אָנגעקוועטשט עטלעכע געלעגערס. דאָרט איז ס׳געלעגער פֿון אשרן מיטן טאַמאַשאָווער. איצט האָט דער אַלטער זיך אַריינגעוואָרפֿן אין אַזאַ היי־גרוב און באַלד גענומען שנאָרכן.

צוזאַמען מיט די געסט איז ס׳יונגוואַרג שפּעטער אַוועק אין וואַלד אַריין. אשרן האָט זיך פֿאַרגלוסט ערגעץ אַוועקצוגיין, הערש האָט אים צו־ריקגעהאַלטן. קריך נישט אַוועק. מ׳עט דיך דאַרפֿן. מ׳עט רעדן וועגן אונ־דזערע זאַכן — האָט דער שותּף געזאָגט און אשרן מיטגעצויגן אין וואַלד אַריין. אשר איז מיטגעגאַנגען, ר׳האָט זיך געשלעפּט ווי אַ קאַפּ־האָן. געקוקט אויף דיביימער, געקליבן שישקעס און פֿון מאָל צו מאָל גע־לאָזט הערן זיינס אַ וואָרט. ס׳איז געווען קענטיק, דער יונג פּילט זיך עפּעס אומהיימלעך. מחמת דעם האָט ער זיך פֿאַרשפּילט מיט מאַרעטשעקן. טייל מאָל האָט ער דעם קליינענקן אַ כאַפּ געגעבן און אַרויפֿגעזעצט אויף זיין אַקסל. אַזויערנאָך אים געטראָגן, גֿעלאָפֿן, אַבי נישט צו זיין אויג אויף אויג מיט „זיי״. די מוטער האָט געשריגן, ר׳זאָל היטן ס׳קינד און דער וואַלד האָט נאָכגעשפּעט: „מאַרעקל, האַלט זיך ביי אשרס האָר!״ האָט זי געֿרופֿן. אַז אשר האָט נישט געוואָלט הערן, רק געלאָפֿן מיטן ייִנגעלע אויף די אַקסלען, האָט זי געפּאַטשט אין די האַנטפּלאַכן: „זייט נישט ווילד, אשר! ס׳קינד וועט אַראָפּפֿאַלן!...״ ער האָט זיך צעברייקעוועט, ווייט אַפּ־געלאָפֿן מיטן קליינענקן און סאָפּנדיק זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַן אונטער־געפֿוילטן פּיען, געוואָרפֿן זיך יאַגדעס אין מויל אַריין. מאַרעקלען איז גע־פֿעלן געוואָרן ס׳שפּילן זיך מיט אשרן און ער איז פֿון אים נישט אָפּגע־טרעטן. הערש מיט חנהן זענען דערנאָך אונטערגעקומען, איז אשר — אַן אָפּגעיאָכמעטער — שוין געגאַנגען מיט אַלעמען. אַ מאָל האָט ער נאָך אין מיטן גיין געוואָרפֿן אַ שטיין אין אַ נעסט אַריין. אין דער הייך, אי־בערן קאָפּ, האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ געפּלאַטער. מאַרעקל האָט זיך גע־פֿרייט מיט „זיין חבר״ אשרס געשיקטקייט און געבעטן, ער זאָל נאָך אַ מאָל מאַכן אַזוי. ס׳אי׳ פֿריילעך אַזאַ געווירבל וואָס קומט אויף, ווען מ׳וויל, שלעכטע פֿייגל באַדאַרף מען אָנלערנען, זיי זאָלן נישט שרעקן די מענטשן

— — מ׳איז געגאַנגען פון שטעג צו שטעג, בינו לבינו זיך אַראָפּגעזעצט מעלקן יאַגדע־קזשאַקלעך און דערגרייכט צו אַ פּאַרעמבע וואָס האָט אויפֿ־געלויכטן ווי מיט אומגעריכטן טאָג. אין דער ליכטיקייט איז אשרן גע־וואָרן שווער צווישן די היימישע מענטשן. פון פאַרלוירנקייט איז ער צו־געגאַנגען צו סאַלטשעלען, איר אַ ריס געטאָן ביי אַ צעפּל און אַנטלאָפן. ס׳מיידל, אַ יונגע ציג, האָט אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש און גענומען לויפן נאָך אשרן. דאָס האָט ער דאָך געוואָלט. ער איז געשפּרונגען אַריבער פּיע־ניעס, באַהאַלטן זיך אַרום גראָבע ביימער. זי איז נאָכגעשפּרונגען, גע־שריגן, געבעטן זיך, ער זאָל זיך לאָזן כאַפּן. טאַטע־מאַמע האָבן געלאַכט און געטענהט צו בערלען און דבורהן: „ער ברויך זיך אויך נאָך צו שפּילן, ענקער ברודער״.

צוריקצוועגס האָט חנה זייטיקלעך אַריינגעמורמלט אין מאַנס אויער אַריין:

— האָסטעך געוואָלט מיט אים רעדן... אויף ווען לאָזסטו דאָס? ער, זעסטו, האָט אַ גרינגן קאָפּ.

בלויז מיט די ליפּן האָט הערש געוווּנקען צום ווייב, זי זאָל זיך היטן. די מיטגייענדיקע קענען הערן. זי האָט אָפּגעשוויגן. דערנאָך האָט חנה מיט בערלען געזונגען שטאַטישע לידער. ס׳געזאַנג האָט אויסגעברייטערט די שטעגלעך, ביימער האָבן זיך אָפּגערוקט פון וועג. אין וואַלד האָט פון דעסטוועגן גיך געטונקלט. הערש זילבער האָט גענומען מאַרעקלען אויף דער פּלייצע. „ביסט מיד, זונעשי?״ — האָט ער מערערע מאָל אים גע־פרעגט. היגטערוויילעכטס האָט דער קליינער נאָר געשאָקלט מיטן קעפּל: יאָ. דער פאָטער האָט עס אָפּגעפּילט און געווען צופרידן דעם קינד צו פאַרשאַפן תענוג.

רייטן אויפן פאָטער, איז אים שטענדיק געווען אַ גליק.

— טאַטע, — פּלעגט ער זיך פאַרן טאַטן אַ חנדל טאָן.

— זונעלע, קינד מיינס, — האָט ער געענטפערט.

אין דער היים האָט מען די שפּאַצירערס שוין אויסגעקוקט.

— שוין אַזוי שפּעט און פון מיטיק אָן גאָרנישט געהאַט אין מויל, — האָט די אַלטע געהאַט אַ ליבלעכע טענה צו די געסט.

— ס׳האָרץ אַנטגייט, — האָט שאָשע געזאָגט מיט שלוש־סעודות־דיקער בנעימותדיקייט.

און האָט מען אָנגעצונדן פייער, האָט פון דער שטוביקער פינצטער־

ניש זיך אויסגעשיילט דער אַלטער חיים יאַנטשע מיט קלמנען. זיי זענען געזעסן ביים שבתדיק געדעקטן טיש, פול מיט טעלערס און חלות פון דער לעצטער שבת־מאָלצייט. צווישן טאָג און נאַכט זענען טאַטע און זון מחמת גוטער זאַטקייט לייכט אַנטדרימלט געוואָרן. ערשט ס׳אויפגע־ברענגטע ליכט האָט זיי אַ טרייסל געטאָן.

איבער דער הייזקע האָט מיט אַ מאָל זיך דורכגעטראָגן די באַלעבאַט־קייט פון איבערגעוועקטן זיס שלעפעריקן שבת. ס׳גוטע געמיט האָט אַרויס־געקוקט פון די אויגן, געהערט זיך פון איטלעכנס וואָרט.

די מענטשן האָבן באַגעגנט אַ נייעם שבייסצונאַכטס.

— גוט וואָך, גוט וואָך! — האָט חיים יאַנטשע זיך געקוקט אויף די נעגל.

— אַ גוט יאָר, אַ גוט יאָר אויף אַלע יידישע קינדער, אויף כל יש־ראל, — האָט ראָכל געענטפערט.

23

עס ציען וואָלקנס

ענדלעך האָט הערש זילבער זיך געקליבן אַהיימצופאָרן. געצויג אים צוויי וואָכן אָפּצורוען זיך! איבערדריסיקייט האָט געריעדט פון אים. ס׳איז נישט אין זיין גורל, ער זאָל זיך צופיל דערלויבן בעת די היימישע, די משפחה־מענטשן פייניקן זיך אין דחקות. ער העלפט זיי טאַקע נישט, קען זיי נישט העלפן פון דער טובה פון די אייגענע קינדער, אָבער נאָכגעבן זיך די שמד טאָר ער נישט. ווי לאַנג ער געדענקט, איז קיינער אין זיין משפחה קיין מאָל נישט געפאָרן אויף זומער־ווינונג. די נאָענטע און וויי־טע משפחה־לייט האָבן זיך שוואַכערהייט אַרומגעדרייט אין די ענגע דלד־אמות פון אומהיימלעכע דירות, אָדער זיי האָבן געאַרבעט און געהאַנדלט קראַנקערהייט. אַוועקזעצן זיך אַריינקוקן אין זיך, איז נישט אין דער טבע פון די זילבערס. געדרוט האָט מען נאָר געצוווּנגענערהייט, ווען ס׳איז נישט געווען וואָס צו טאָן. דעמאָלט איז עס אויך נישט געווען קיין רו; מ׳האָט

זיך אַרומגעדרייט ווי משוגע, אָנגעהאָרעוועט זיך ביז מידקייט פון נישט קענען טאָן, און האָט מען זיך אַנידערגעלייגט, איז מען שוין נישט אויפגעשטאַנען. געלעבט, משטיינסגעזאָגט, אָדער געשטאָרבן. האַיאָר האָט ער זיך דאָס דערלויבט צום ערשטן מאָל, אייגנטלעך נישט ז י ך צוליב, נאָר א י ר צוליב און צוליב די קינדער. איצט מוז ער שוין! די ווערקשטעל זיצט אים אין מוח, אין די ביינער און זי עקבערט, גריזשעט. אַנדערע סוועטער־מאַכערס האָבן שוין אַוודאי אַוועקגעטאָן אַ וועלט. איי, וואָס זיצט ער! — כאַפּט ער זיך אָן ביים קאָפּ.

ווען חנה איז אַרויס רופן די קינדער, זיי איבערצוטאָן אין וואַרעמערע זאַכן — פון די בערגלעך האָט זיך אויפגעהויבן אַ קילקייט — האָט הערש אויף גיך צוזאַמענגעקליבן זיין ביסל אָנטועכץ און אַריינגעלייגט עס אין דער וואַליזע. און האָט שוין געהאַלטן, ער זאָל זאָגן „איך פאָר", האָט זי זיך אָנגעהאנגען אין אים מיט איבערפליסיקער צוגעלאָזנקייט און מיט אַ בעטעניש, אַז ער איז געבליבן נשתומם. מחמת דעם דאָזיקן ציטער, וואָס איז אַזוי אומגעריכט אַריינגעטראָטן אין זיין אָרעמלעכן מהות, איז דער מענטש געוואָרן אָפּהענטיק. זי האָט אים שטענדיק זייער גערן, — האָט ער געפּרוווט פאַרענטפערן אין זיך דאָס נאָרוואָס אַנטפּלעקטע — זי האָט אָבער שטאַרק געליטן פון געדריקטקייט און אויך פון צערודערטן געזונט. מוז זיין, זי איז דאָ געוואָרן קרעפטיקער. זי, זיין חנה. דערווייטערט פון אים אַ פאָר וואָכן, האָט זי דאָ דעם מאַן דערפילט אַ האַרציק־נאָענטן. באַטירלעך: זי קען אָן אים נישט אויסקומען. וויזשע דען? נישטאָ קיין פרויען, זיי זאָלן זיך שפּירן געגנוג זעלבשטענדיק, אויב ס'נישטאָ דער מאַן הינטער דער פלייצע. די גרעסטע אויפטוערנס זענען שוואַך, אויב זיי זענען אַליין. מ'האָט שוין געזען אַזעלכע קנאַקערנס. אַוודאי, אַוודאי, הערשל, אַ מאָל מוז עס נעמען יאָרן, ביז מ'כאַפּט זיך אויף דעם דאָזיקן געפיל. ביי דיין חנהן האָט עס געדויערט אַזויפיל!

דערפאַר דער טיפער וואַקל אין זיין געמיט. ער האָט פעסט באַשלאָסן, און אָט...

אין אָנגעזיכט פון ווייבס בעטן און גלעטן אים, ער זאָל נאָך בלייבן, אַנישט פאָרט זי אויך, האָט הערש זילבער דערשפּירט אין זיך מאָדנע כוחות. ער איז מאַן. דאָך טראָגט ער אויף זיך אַ הויז, אַ גאַנץ וועלטל. און האָפנטלעך וועט ער עס אַרויסטראָגן פון אַלע סכנות, וואָס וועלן נאָך — גאָט באַהיט — טרעפן. זי האָט אַ ביסל קאַפּריזעוועט. אַ ביסל געוועזן

קראַנק, אַ ביסל זיך איינגעשמועסט. עס טרעפן אַזעלכע זאַכן: די גרימאַסן פון ווייבלעכן מין מוזן שוין אַזוי זיין, אַ מאָל ברוגזט זיך אַ ווייבל, אַ מאָל חלשט זי, סוף־כל־סוף בלייבט זי דיר אייגן — —

הערש האָט צוגעזאָגט, ער וועט נאָך בלייבן אַ פּאָר געציילטע טעג. דעם נאָענטן שבת מוז ער שוין זיין אין טאָמאַשאָוו. זי מיט די קינדער וועלן דאָ נאָך צוציען ביז ראש־השנה. חנה האָט כלומרשט זיך געוועֶרט: זי וועט פריער אַהיימקומען, אָבער זי האָט מסכּים געווען. פאַר די קינדערס וועגן וועט זי נאָך זיין אין דאָרף.

אין די פאַרמיטיקן זענען מאַן און ווייב מיט די קינדער געלעגן ביים יעזשער. מ׳האָט זיך אָנגעטאָן ס׳פאַרגעניגן, די זון זאָל באַקן ס׳נאַקעטע לייב, מ׳זאָל זיין ברוין און די ברוינקייט איז זיך אויסגעשטאַנען אויף ווייסן, דין שמעקעוודיקן קרעם און אַ מאָל — אויף זיסן שמאַנד, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשמירט פון דעם שטערן ביז די פיסקנעכל. שטאַרק אָפּגעשוויצט האָט הערש אומזיכער אַריינגעשטעלט די פיס אין קילבלעכן וואַסער פון דער גלאַט דורכזעעוודיקער אָזערע: ביסלעכווייז זיך אַראָפּגעזעצט, אונטערגעטינקט דעם בויך, תענוגדיק געפרייכט און ווידער זיך אויסגעשטרעקט אויפן זוניקן, גראָזיקן ברעג. אויך חנה מיט די קינדער זענען אַריין אין טייכל, געלאַסן זיך איינגענעצט, דערנאָך געפּרוווט זיך אויסציען אויף דער וואַסער־פלאַך, נאָר פלוצלינג אַ שפּרונג געטאָן, אויפגעפלעסקעט די גרינלעכע וואַסערדעק מיט אַ שאַרפן געשריי. ווי אַ זון־כוואַליע האָט ס׳געשריי זיך צעשפּריצט איבער דער אומעטומיקער ליכטיקער שטילקייט. אשר האָט זיך דעמאָלט צוגעזעצט צום טייכל און געלאַכט. — קאַליקעס, האָט ער געטענהט — ווילן זיך לערנען שווימען און האָבן מורא איינצושטעלן. כאַ־כעכע, ווי די קאַטשקעס גיבן זיי אַ שפּריץ און טאַמלען. די וועלט אַנטרינט זיי! דרייסט מוז מען זיך לייגן אויפן וואַסער, אַ מאַך מיט די הענט, אַ ריר מיט די פיס און ס׳וואַסער גייט מיט. ווי אין תחילת, ווען ער האָט מאַמע און טאָכטער געלערנט שווימען, האָבן זיי אויך איצט זיך צוגעהערט צו אשרס אָנווייזונגען און מורא געהאַט זיך אַריינצולאָזן טיפער אין טייכל. ס׳וואַסער האָט זיך באַוועגט, דער דנאָ אונטער די פיס האָט שליימיק זיך אַ גליטש געטאָן און אַן אומגעריכטער, נייער קוויטש האָט ווי אַ לייכטער שטויב־וואָלקן זיך אויפגעהויבן איבער דער זוניקער ליידיקייט.

איבערן יעזשער האָט לאַנג זיך געטראָגן אשרס להכעיסדיק געלעכ־

טער און ס׳אומאויפהערלעכע פלעסקען זיך פון מאַרעטשעקן אויפן ברעג.

אומבאַמערקטערהייט איז אשר נעלם געוואָרן. געבליבן איז דער אומ־ליבער נאָכטעם פון זיינע געלעכטערלעך. חנה האָט זיך געבלאָזן אויף דער דערמאנונג פון אים:

— ווייסט, כ׳האָב געמיינט, ער איז קליגער, דיין שותף.

— אַ דאגה דיר! — האָט הערש אַ מאַך געגעבן, ווי איינער זאָגט: נישט כדאַי אַריינצוקלערן אין דעם.

פאַרנאַכטצייט האָבן די זילבערס זיך געלאָזן אין וואַלד אַריין. די קינדער זענען געגאַנגען פאָרויס. יעדעס מאָל האָבן זיי זיך אויסגעדרייט צו טאַטע־מאַמען מיט אַ רוף, מיט אַ מציאה. כסדר האָבן זיי זיך אַראָפּ־געבויגן צו דר׳ערד, אָפּגעריסן פאַזיעמקעס, געפינען אַ שוועמל און גע־פרייט זיך מיט יעדער קלייניקייט. חנה איז געגאַנגען געאָרעמט מיט הערשן, זיך געטוליעט צו אים, געלאַשטשעט איבערן פנים און אַ מאָל אַריינגעוואָרפן אים אַ קוש אין אויער. געצערטלט זיך, און זיך אויסגע־היטן פאַר די קינדער. איטלעך מאָל האָט חנה געזאָגט צו מאַרעקלען:

— זונעשי, גיי נאָר זען, וווּ עס איז נעענטער צו דער פאָרעמבע.

— קינד־לעבן, קלויב אויף אַ גאָרשקע פאַזיעמקעס פאַר דער מאַמע־שי. נאָר נישט לויפן. פאַמעלעך, כ׳האָב צייט.

דער וואַלד, דאַכט זיך איר בשעת־מעשה, און ער, הערש, קוקן זיך צו צו איר קלוגשאַפט.

און איז מאַרעקל געגאַנגען נאָך פאַזיעמקעס פאַר דער מאַמעס וועגן, לאָזט זיך אויך סאַלטשעלע זוכן פאַזיעמקעס. זי וועט מהנה זיין דעם טאַטעשי.

חנה איז אינצווישן צוגעפאַלן צום מאַן, געפּיעשטשעט זיך, געחנפעט אים, אַז ער איז אַ גוטער. זי האָט פאַר אים נאָך געמאַכט אַ מינעלע:

— גיי, כ׳על דיך מער נישט קושן... מ׳גייט צו אַ כלה, פוצט מען זיך נישט אויס, גאָלט מען זיך נישט אָפּ? מיינסט, אַ ווייב דאַרף מען נישט געפעלן? זעסט, ווי איך טו זיך אָן, עקסטרע פאַר דיר. שיין?...

ליכטיק גליסטן אירע אויגן און זי שטעלט אים אונטער אַ באַק:

— נאַ, כ׳האָב גוט אויסגעגאָלט.

ער דריקט זי צו זיך, פילט איר געפאַקטן קערפּער. און אַז ער פרעסט איר אָן אַ קוש, פּעטשלט זי אים איבערן פנים:

— שלעכטער! מיינסט, מ׳מ׳וו באַלד דערקענען? שמעכסט... כ׳האָב אַ דעליקאַטע הויט.

אין אָוונט האָט חנה געלייגט שלאָפן מאַרעטשעקלען מיט סאַלטשען און איינע אַליין מיטן מאַן געבליבן זיצן אין דרויסן. די מענטשן פון הויז האָט זי געזאָגט פאַר רעכטפאַרטיקונג: „מירן זיך אַ ביסעלע דורכגיין. ס׳מחיהדיק די לופט". איבערגעגאַנגען איז מען זיך אַ קליין שטיקל וועג: פון הויז ביז דער ברונעם־סטעזשקע און פון דאַנען צום איינזאַמען באַרנע־בוים צווישן דעם אָפּגעלערטן קאָרן־פעלד און די ערשטע האָבער־בייטן. דורכזיכטיק איז די אָוונט־גרינקייט, נאָר פון באַרנע־בוים שטראָמט אַן אומהיימלעכע שוואַרצקייט. זיינע בלעטער רוישן פינצטער. צוריקגעקערט זיך, האָט מען זיך אַנידערגעזעצט אויף די קלעצער ביי דער בילאַנדע־רישער כאַטע. מאָדנע, ווי ביי חנהן, וואָס איז שוין פופצן יאָר נאָך דער חתונה, האָבן דאָ זיך געעפנט קוואַלן פון שמועסן מיטן מאַן, פון צערט־לעכקייטן פאַר זיינעטוועגן. הערש איז נעבן ווייב געזעסן אַ געפּלעפּטער. אָפּגעוווינט פון אַזעלכע זאַכן און ער האָט געמוזט איר ענטפערן, זיך גע־טשאָטשלט מיט איר און אים האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס איז נישט ער... אין די שפּעטע שעהן אַריין איז מען געזעסן אין דער דרויסנדיקער פינצ־טעריש און געקושט און געגלעט זיך ווי אַ ייִנגל מיט אַ מיידל.

טיף אין דער נאַכט זענען מאַן און ווייב זיך פונאַנדערגעגאַנגען אויף זייערע באַזונדערע געלעגערס. פאַר די מענטשן דאָ האָט שוין נישט גע־פּאַסט אַנדערש. אַזוי האָט חנה אַריינגעטענהט אין מאַן. עפּעס מיט אַ מאָל, וועלן זיי זאָגן, די דאָרפישע, און וועלן חוזקן. גלייכער אַזוי, הערשעלע, האָט זי אים איינגערעדט און אויסגעפּועלט, ער זאָל צושאָקלען אויף יאָ.

— ביסט גערעכט, חנהלע.

און ס׳פּאַסט נישט פאַר די קינדער, — האָט אין אים נאָך אָפּגעקלונ־גען איר באַזיניקט וואָרט.

געלעגן אין שייער, האָט הערש זילבער זיך נאָך לאַנג געדרייט אויפן שורשנדיקן היי ביז ער האָט אין געדאַנק געקענט אויספועלן ביי זיך. אַז זי, חנה, איז באמת גערעכט. דעמאָלט איז אים נאָך געבליבן צו באַדויערן אשרן, למאי ער מאַכט פון זיך אַזאַ תל.

— ער לויפט אַרום, דער פּאַרשוין, ווי אַ הונט צו די צויגן. ווו אַ שיקסע, דאָרט איז אשר, — האָט ס׳ווייבל אים פאַרטרויט. ווייסט, הער־שעלע, כ׳וואָלט אָזויפיל נישט געגלייבט אויף אים, אויב כ׳זאָל אַליין זיך

נישט צוקוקן צו זיין פירונג. ער וואָלט זיך כאָטש געשעמט פאַר מיר! דאָך אַן אייגענע... זעלטן ער האָט צייט צו זיצן אין דער היים. דו זעסט דאָך אַליין! קיין מאָל האָט ער נישט די איידלקייט מיך צו פרעגן: ווי פילסטו זיך, חנה? רק ער לויפט.

פון חנה זילבער האָט גערעדט די טיף באַליידיקטע פרוי. אָפּגענאַרט אין די פאַרהוילנסטע האָפענונגען, האָט זי מוראדיק געליטן און די ליידן געמוזט בגוואַלד פאַרדעקן. די שרעק פאַר אַן אויסברוך פון איר פאַרבי־טערונג האָט אין איר אַנגעצייטיקט אויף אַן אומגעריכטן אופן. „אַזאַ חזיר, אַזאַ געמיינער פאַרשוין״, — האָט עס אין איר געטומלט. נאָר זי האָט זיך באַמיט נישט צו טרעפן אשרן, זיין בליק וועט זי אויסמיידן! חנה האָט נישט געקענט איינזיצן אין שטיבל. צי אין דרויסן האָט געפאַליעט די זון, צי אַ פּלוצלינגע אָפּגעקילטקייט האָט אָפּגעגאָסן די לופט, אַלצאיינס האָט זי דעם מאַן געצויגן אין דרויסן אַרויס. און דערפאַר, וואָס אין איר האָט אַזוי געזאָטן, האָט זי געהאַט שטענדיק צו רעדן מיטן מאַן, דערפאַר האָבן ביי איר זיך געפונען אַזויפיל לאָסקעס פאַר זיינעטוועגן. אַוודאי, זי אַליין האָט איצט זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, ווי אַזוי „דער דאָזיקער״ האָט זיך אין איר איינגעגראָבן מיט די וואָרצלען פון אַלע זיינע צאַפּלדי־קע באַגערן. מעגלעך, דאָס איז די וואָרע ליבע, וועלכע זי האָט ביז אים, אשרן, נישט געוווסט; ס׳געווען די פאַרגיטיקונג פאַר די פאַרשפּילטע יאָרן פון מורא, פון אומצוטרוי צו זיך גופא, ווען די בלוטן האָבן ראָפּטעם איינגעטריקנט.

אין דער אמתן: ביי דעם, ווען זי האָט דערקענט ווי איר מאַן, האָט זי נישט אָפּגעשפּירט דעם לאָקנדיקן געפיל פון אומרו, וואָס זי האָט גע־פינען ביי דעם־אָ. יעדעס מאָל, ווען הערשל האָט זיך דערנענטערט, זענען איר באַפאַלן די ביטערע שווייסן פון אומווילן און יאוש. „ווי איך בין באַ־גראָבן!...״ זי האָט זיך געראַנגלט מיט זיך, כדי נישט צו זידלען דעם, וועלכן מ׳האָט איר געגעבן פאַר אַ מאַן. משוגענערווייז האָט זי זיך גע־האַלטן, אַז זי זאָל זיך נישט אויסקראַצן די אייגענע אויגן. ס׳איז די צרה מיטן שכל, וואָס מ׳ירשנט פון טאַטע־מאַמען. ערשט איצט זעט זי, אַז נישט אַלע מאָל איז די באַרעכנקייט אַ טובה פאַר דער פרוי. זי, חנה, האָט צופיל באַרעכנט, דערפאַר זיך געצווונגען נישט אַרויסצוטראָגן די חרפה צווישן מענטשן: זיך באַצווונגען און — דערדריקט געוואָרן. אַ האַר־טער גלייכגילט איז אַנגעוואַקסן אין איר צו אַלץ, וואָס איז בלוט־אייגן די

מערסטע פרויען ערב זייער וועלקן. אַבי די קינדער וואַקסן איר געראָטן... ווי ער, הערשל, האָט געוואָלט, האָט זי געטאָן. ער האָט געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט, האָט זי מיטגעאַרבעט. „מ׳עט נאָר צו עפּעס קומען, חנהלע״, האָט ער אַריינגערעדט אין איר און זי האָט נישט ווילנדיק געגלייבט זיין גלויבן, געגאַנגען אין יאָך. ערשט דער דאָרפישער, וועלכער האָט אַזויפיל קאָכעדיק לעבן אין זיך, דער האָט זי דערוועקט. „חנה, דו ביסט שיין, דו ביסט נאָך יונג, חנה... מיר געפעלסטו, אין דיר געפין איך מיינע ריכטיקע כוחות״, — אָט ווי דאָס איז געקומען! „איך קען נישט לעבן אָן דיר, חנה״. מיט די בליקן, מיט יעדן באַהאַלטענעם באַריר האָט ער זי געפאַנגען, אשר, און זי האָט באַגערט די באַוועלטיקונג. אין אויסטערלישן גלייכגילט, וואָס דער מאַן האָט פאַרשפּרייט איבער איר וועלט, האָט זי דעמאָלט אויף דער וואָגשאָל אַוועקגעלייגט איר גורל. האָט דער געגנענט צו איר, איז זי שוין נישט געווען בכוח אים צו דערווייטערן. אין אָנהייב האָט זי נאָך געוויינט: זי איז אַ מאַמע פון קינדער, זי האָט אַ מאַן, זי טאָר נישט אַזוי — אשר, אשר! ער איז נישט אָפּגעטראָטן, ער האָט זי געשטעלט אין סכנהדיקן פּרווו פון בלוט. און די סכנה מער נישט געקענט אויסמיידן. דערנאָך האָט זי שוין געבענקט נאָך אים. געפּלאַצט אַ רייף אַ דריקנדיקע, געעפנט זיך שפּאַלטן. זי האָט דערשפּירט אַן אויפטרייסלענדיקע שפּירונג און אַליין זיך צעעפנט אין גאַנצן אין אָט־אָ־דעם. ס׳האָט איר שוין געצויגן צום אויסטערלישן ליכט, וואָס האָט זי געגומען פירן. געקומען אַ נייער באַוווסטזיין: „טריף, טריף, האָניק, פאַר רייפקייט איז די צייט״ — — ערשט איז זי מיאוס אָפּגעבריט. אַ מענטש זאָל זיך דערלויבן נאָכצולויפן יעדע קאַכנע! אַזוינער איז נישט ווערט, מ׳זאָל זיך מקריב זיין פאַר אים. הערש איז אָרנטלעך, ר׳פּאַלט נישט אַוועק פאַר יעדן קליידל. ר׳איז אַ געטרייער מענטש און איז צוגעבונדן צו דער פּרנסה. ווי עס יאָגט אים אין שטאָט אַריין, אָבער דער? אסור, צי ער ברענגט עס איבערן מויל! ער ווייסט נאָר זיין גאָרגל. ליב האָבן אַ פרוי פאַרשטייט דען אַזוינער? אומזיסט זיך אַריינגעלאָזן מיט אים, געפעלשט אין מאַן. איצט מעג זי פון זיך רייסן די הויט; זי וועט ליידן, זי וועט׳ס איבערקרענקען...

הערש האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געוווּסט, פאַרוואָס ער האָט זיך כסדר אָפּצויאָגן פון ווייבס צערטלערייען. נאָר זי קושט און זוכט אים צו זאָגן ווערטער פון לויב און פון ליבשאַפט. עס האָט אים, אמת, גרויס

הנאה געטאָן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו ענטפערן אויף דעם. חנהן האָט ער לעבלעך געקושט אין די באַקן, אין שטערן און ביי־נאַכט, אויפן איינזאַמען געלעגער, אין שייער, האָט ער שטאַרק געחלומט פון איר.

דאָס געפיל פון הונגער צום געקרעפטיקטן ווייב האָט דעם מאַנס־פּאַרשוין געמאַכט אומרואיק און, אַן אומדרייסטער, האָט ער אויסגעקוקט די שעה פון זיין אָפּפאָרן. אין טאָמאַשאָוו וואַרט אויף אים אַ ים אַרבעט.

◆

איבער לאָקעטקע איז אַראָפּגעפאַלן אַ שפּעטער, גרויסער רעגן. ער האָט זאַט אָנגעטרונקען די שטיינגעבליבענע האָבער־פעלדער, די הרעטשקע און די קאַרטאָפל. דערנאָך האָבן זיך ווידער געשטעלט זוניקע, הייסע טעג. אין דער בילאַנדערישער שטוב האָבן זיך אַריינגעוויזן פול אָנגעגאָסענע, טינקל־פליישיקע זיסע קאַרשן, געצייטיקטע אין סעדל הינטערן שייער, די יונגען זענען אַרומגעגאַנגען מיט זשמעניעס פריש אָפּגעריסענע פלוימען. יעדער האָט געכאַפּט עפּעס אין מויל אַריין פון די באַטעמטע פרוכטן; אַפילו דער אַלטער, אַ באַרוועסער מיטן אָפּגעדעקטן ציצה־כנפות איבער דער האַריקער ברוסט האָט זיך געדרייט פאַר דער שטאַל און גענאַשט. אויך די געסט האָבן געמוזט נהנה זיין. דאָ האָט דבורה זיי צוגעטראָגן אַ האַנט קאַרשן, דאָ די אַלטע. שאַשע האָט זיך אויפגעפירט גאַר פיין און געהייסן קלמנען דערלאַנגען פאַר די טאָמאַשאָווער קאַרשן און פלוימען אויף אַ טעלערל. אין די דאָזיקע טעג האָט חנה אויפגעלעבט. זי האָט דעם מאַן נישט אָפּגעלאָזן, געוואָלט, ער זאָל צולעצט זיך אָנזאַפּן מיט דער פריי־שער לופט, ער זאָל „אַריינכאַפּן, ווייל אין שטאָט וועט אַזאַ גוטס נישט זיין". אינדעם האָט זי זיך דערמאַנט אין די מאַלינעס, וואָס זי האָט איינגעלייגט. אַ לויף געטאָן ערגעץ צו די פּאָמידאָרן־קזשאַקעס און גע־בראַכט שטאַרק אויסגעוואָרעמטע רויטע פלאַשן:

— זעסט, כ'האָב'ס פאַרדינט. אַליין געריסן!

אַנטקעגן דעם צעפּאַכלטן טאָג האָבן אין חנהס פויסטן זיך צע־בלענדט שטיקער הייסער זונפאַרגאַנג, אַריינגעכשופטע אין געוויינלעכן גלאָז.

פון דער זייט זיך צוגעקוקט צום טאָמאַשאָווער פאַרפאַלק האָט די אַלטע בילאַנדעריכע געמוזט זאָגן אַ שבח פאַרן ווייבלס וועגן:

— אַ גרויסע באַלעבאָסטע אייער פרוי, פּאַניע־לעב. ס'א מתנה פון גאָט. אמת, אמת, — און צו הערשן געוויגט מיטן קאָפּ.

אַלע זענען איצט געווען פאַר דער שוועל פון כאַטע. מ'האָט עפּעס צייט געהאַט אין מיטן טאָג. איין דבורה איז נאָר געווען פאַרטאָן ביי דער קו, און זי האָט טאַקע זיך געדונגען מיט דער מוטער, זי זאָל כאָטש איין מאָל שיקן בערלען אויפן וויהאָן. „זאָל ער, מאַמע" — האָט זי געצופּט דער מאַמעס אַרבל. — זאָל ער, ביסט ברוגז מיט אים. — האָט ראָכל זי אָפּגעפּטרט. — שטער נישט, הערסט, ווען מענטשן רעדן! מחמת אירע אויפטוען דאָ אין דאָרף, אין וואַלד, האָט חנה זילבער זיך געוואָלט באַווייזן פאַרן מאַן דווקא דאָ, אין אַלעמענס אויגן. אויך שווימלעך האָט זי אָנגע־טריקנט, ווילסט זען? ער האָט זי איינגעהאַלטן, נישט געלאָזן זיך פאַרען.

— כ'וועל דיר מאַכן אַ גוטן טרונק מיט מאַלינע־זאַפט, יאָ? — און זיך געגעבן אַ שטעל אויף.

— ניין, חנהלע, מ'ברויך נישט. צו וואָס אַריינגיסן אין זיך? דער־נאָך דאַרשט מער, — האָט ער גערעדט אַביסל פאַרלוירן מחמת דעם ווייבס גוטסקייט אין די אויגן פון די, וואָס קוקן אַזויפיל. און ס'איז אים געווען ליב, וואָס אשר איז נישטאָ דאָ. ס'טראָגט אים, דעם חברהמאַן, האָט זיך געמישט זיין געדאַנק.

די קינדער זענען אונטערגעשפּרונגען, אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן פאַ־טערס אַקסל, געגלעט דער מאַמען און מיט געפּילדער צוגעשטאַנען:

— מאַמעשי, איך וויל טרינקען, — האָט געפּלוידערט מאַרעטשעק אַ נאַקעטער, אין אַן איינציקע פאַר הייזלעך, — טרינקען, מאַלינע־זאַפט, מאַמאַ!

— יאָ טעזש, — האָט סאַלטשע, אַן אויסגעצויגענע, אַ דאַרע זיך גע־פּיעשטשעט אויף פּויליש — ס' מאַלינקאָמי.

חנה האָט געמאַכט אַ היימישן טרונק פון טיי־זאַדע מיט וואַסער. זי האָט עס באַפאַרבט מיט מאַלינע־זאַפט. דאָס האָט רעשיק געקאָכט, ווייס אויפגעשוימט און ס'קליינוואַרג האָט עס אויסגעטרונקען מיט איין צי. „גגוט!" האָט פריידיק אויפגעעטעמט דער צאַפּלדיקער מאַרעטשעק און די אייגעלעך זענען אים איבערגעגאַנגען. „אָנגעפּאַיעט ענק", האָט די מוטער געזאָגט, „גייטס געזונטערהייט". זי האָט געוואָלט פּטרן די חברה, כדי צו האָבן צייט פאַר הערשן. אַ יונג געוואָרענע האָט חנה געפלאַטערט אַרום מאַן. געאיילט זיך עפּעס אַרויסצוברענגען פון שטוב האָט זי, גייענדיק,

געזאָגט דער בילאַנדעריכע, אַז זי פרייט זיך וואָס ער האָט נאָך אַ פּאָר שיינע טעג. מ׳האָט שוין פאַרשטאַנען וועמען זי מיינט. די פאַרליבטקייט אין מאַן האָט אַלעמען זיך געוואָרפן אין די אויגן. הערש האָט זיך גע־שפּירט אומאייגן אין אַזאַ מין הויט. „נישט אַ פּאָר טעג — האָט ער גע־ענטפערט, אויסמיידנדיק וועמענס־עס־איז בליק — נאָר צוויי טעג. דאָ־נערשטיק מ׳עטס דערלעבן, פאַרנעם איך זיך פון דאַנען. פרייטיק האָב איך שוין צו טאָן אין שטאָט״. גערעדט און ער איז געווען פאַרטראַכט און פאַרטראַכטערהייט געקוקט צום שטעגל, וואָס פירט אַוועק צום טאָל.

רואיק זענען געפאַלן זיינע ווערטער און זי, אַ פרישע, אַ להוטע נאָך וואַרעמקייט פונעם מאַן אַז אַלע זאָלן עס זען, האָט אויף זיין מויל אַרויפ־געלייגט אַ בינטל פינגער:

— מ׳ווייסט שוין, רעד נישט מער... — אַ זאָג געטאָן און אויפן רעיון איז איר אַרויפגעקומען אשר —

„ער פאָרט אין שטאָט אַריין זיך פרעגלען אין היץ, איר הערשל, אַנליידן זיך פון אַנזעצערס, פון שטייערן און ער, דער פאַרשוין, וועט פאַרכאַפּט ערגעץ צו...

זי ווייסט שוין די נעמען פון די, צו וועלכע אשר פאַרשווינדט. אויף אַלעמענס מיילער זענען זיי. ס׳אי׳דען אַ וואונדער? אַ קליין אָרט און יעדער ווייסט, וואָס ביים אַנדערן קאָכט זיך אין טעפּל. אשר, ווי צו אים, אַריינ־געלאָזן זיך!

ווידער האָט עס אין איר אַ ברויז געטאָן. גיך האָט זי עס דערשטיקט; גיך האָט זי זיך אויסגעלערנט די קונץ פון מאַכן זיך פאַרגעסן. „זי האָט אים אין לויוויטש״...

מיט אַ מאָל איז געבליבן: זיי גייען אין וואַלד אַריין.

24

די געשעעניש אין וואַלד

זיי זענען אַוועק שפּאַצירן. אויפֿן וועג האָבן די קינדער געפֿונען באַ־שעפֿטיקונג. מאַרעטשעק האָט זיך געיאָגט נאָך אַ פּלאַטערל. ס׳איז געווען אַ ווייס׳ מיט גרויסע, ברוינע פֿלעקן. ס׳ייִנגעלע האָט אויף דעם געוואָרפֿן זיין שטרוי־קאַפּעלושל און סאַלטשעלע, אַ לאַכנדיקע, איז אונטערגעלאָפֿן, צו זען צי ס׳איז געפֿאַנגען אָדער ס׳האָט זיך פֿאַרבאַבלט אין גראָז. דאָס מיידל האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף אירע הויכע פֿיס, געזוכט און איבער אירע אַקסלען האָט פּלוצלינג זיך אויפֿגעהויבן ס׳זעלביקע פּלאַטערל. איצט האָט סאַלטשע שוין געשפּאָט פֿון ברודערל: „כ׳האָב געזאָגט, וועסט נישט כאַפּן?״ מאַרעטשעק האָט זיך געברוגזט אויף דער שוועסטער און פֿון דאָס ניי געלאָפֿן נאָכן פּלאַטערל. דער צעפּאַכעטער שטרוי־בעכער איז נישט אַרויס פֿון זיין הענטל. סאַלטשע איז ווייטער אונטערגעלאָפֿן קוקן.

מאַן און ווייב זענען געגאַנגען געלאַסן, געשמועסט: זיי וועלן אַהיים־קומען געזינטערהייט, ס׳עט זיין אַ גוטער סעזאָן — — פֿאַררעדט זיך און נישט באַמערקט, אַז זיי זענען אַריין אין ווייכן פֿאַר־שאָטן פֿון אַלטן וואַלד. די קינדער האָבן זיך פֿאַרהאַלטן ערגעץ צווישן די הרעטשקע־בייטן. מאַ־רעקל האָט יעדעס מאָל זיך אומגעקוקט צום בערגל, צי אשר לאָזט זיך שוין אַראָפּ. ר׳האָט דאָך געזאָגט, ר׳קומט נאָך. מאַרעקלען איז אומעטיק אין וואַלד אָן אשרן. דער קען הויך וואַרפֿן שטיינדלעך, ר׳וועקט איבער פֿאַרשלאָפֿענע פֿייגל, געפֿינט אויס וועווערקעס. ער וועט כאַפּן פֿאַר אים אַ וועווערקעלע, אשר. געזען טאַטע־מאַמע זענען שוין נישטאָ, האָט ס׳ייִנ־געלע באַלד פֿאַרגעסן אָן אשרן און גענומען אײַלן צום וואַלד. סאַלטשע, די עלטערע, האָט דעם עול אַכטונג צו געבן אויפֿן ברודערל. לויפֿט ער, אײַלט זי אים נאָך, רופֿט:

— מאַ־מאַ! טאַ־טאַאַאַ!

דער וואַלד האָט אָפּגעענטפֿערט. הערש מיט חנהן האָבן זיך אָפּגע־שטעלט ווי אין פּלוצלינגער דערמאָנונג: די ק י נ ד ע ר!... געזען, זיי קומען אַליין, אָן אשרן, האָט חנה פּילדייטיק אַ מורמל געטאָן:

כ׳האָב דען נישט געוווּסט? אים ציט ערגעץ אַנדערשוווּ.

מער האָט זי גאָרנישט געזאָגט. אונטער דעם ווייבס מיין — און דאָס ברומט שוין אָפּ אין זייַנע אויערן צום וויפלטן מאָל — וואַקסט אויס אין דעם רואיקן הערש זילבער אַ ווידערווילן צום שותף, ווען ער האָט אייגנטלעך געהאַט גינציק פאַר זיין גוטער פּראָסטקייט, פאַרן קנאַפּן רעדן און פאַר דער צוגעבונדנקייט צו דער אַרבעט. וואָרן צו וואָס האָט ער אים באַדאַרפט פאַר אַ שותף? צוליב די פאָר טויזנט זלאָטיס, וואָס ער האָט אַרייַנגעלייגט אין געשעפט, ווען ער, הערש, האָט זיך געוואָרגן פאַרן אָנהייב פון יענעם סעזאָן? פאַר אַ פאָר טויזנט זלאָטיס וואָלט ער זיך פאַרקויפט אין שותפות צו איינעם, וואָס איז רוי אין דער בראַנזשע! דאָס וועט ער זיך נישט לאָזן איינרעדן. איבעריקנס, עס איז גאָרנישט אַזוי לאַנג, און ער האָט נאָך אַ שטיקל זכרון. אַז מ׳קווועלט זיך, קען מען דאָך נעמען אַ הלוואה אין דער האַנטווערקער־באַנק; אין ערגסטן פאַל זיך לאָזן צובינדן דעם קאָפּ פון אַ וווכערניק. ס׳איז געווען פשוט צוליבן ווילן אַראָפּצוווארפן פון זיך די דריקונג, וואָס איז לעצטנס צוגעטראָטן צו יעדן פון אונדזער סגאַל. זאָל די זאָרג פאַר דער ווערקשטעל, פאַרן „סקאַרב“ העלפן אויסגעטראָגן נאָך עמעצער... אַ ראיה: באַלד האָט ער אים, אשר בילאַנדערן, אַרויפגענומען אויפן פּאַטענט, אייַנגעמאָלדן אים פאַר אַ מיטבאַלעבאָס פון דער דירה. אַלץ אויף דער פירמע „זילבער און בילאַנדער“. ניין, ס׳אי׳ נישט קיין באַנקראָט. קיינעם האָט ער נאָך נישט צוגענומען אַ פּרוטה, הערש זילבער. מער איז אים געגאַנגען אין אשרן. ר׳האָט גערן אַ מענטש, אַ פאַרשטאַנדיקן, אַ פריינד, וואָס געדענקט, ווו ר׳האָט זיך און ווער ער איז. דער חברהמאַן האָט לא־עלינו זיך פאַרגעסן. אָט ערשט: אויפגעכאַפּט זיך, געוואָרפן מיר אַלץ אין קאָפּ אַריין, און מאָרדעווע זיך, הערש! דאָ, אין דאָרף, מעג ער זיין אַ פערד, אַ קאַלב, אַ גאַנצע בהמה, ס׳אַרט מיך נישט. מיר ליגן דאָך אין שטאָט מיטן מוח און מיט די ביינער. ס׳זאָל אים אייַנפאַלן אַ מאָל אַ שמועס טאָן וועגן זיין ברויט, וואָס איז פאַרזייעט געוואָרן אויף מיצקיעוויטש־גאַס אין טאָמאַשאָוו!... וויפל אָנצוהערענישן כ׳האָב׳ן שוין געגעבן וועגן די פּלאָגן, וואָס זענען געפאַלן אויפן געשעפט, אָבער ער? — —

הערש האָט נישט געענטפערט אויפן ווייבס מורמל וועגן אשרן. און זי האָט געשוויגן. גייענדיק אָרעם ביי אָרעם האָבן זיי געפילט די קינדער הינטער זיך. שאָטנהאַפטיקע טונקלקייט איז מיטגעגאַנגען און געלאָשן

זיך האַרט ביי זייערע פּיס. דער וואַלד, אַן אַדורכגעריסענער דאָ פון אַ שמאָלן זון־שטרייף, דאָ פון אַ שפּרינגענדיקן ליכט־פלעק, דער וואַלד האָט געשפּרייזט פאָרויס. זיי האָבן אים איצט פאַרנומען מיט אינעווייניקדיקן אויפרודער.

רגעס אַזעלכע פון אינערלעכער מהומה, וואָס שטייגט אַ מאָל אויף אינעם מענטש אָן ממשותדיקע סיבות. עפּעס־וואָס אָן אַ נאָמען האָט אין זיי זיך צעטרייסלט. דערנאָך האָבן מאַן און ווייב ווי אויפגעכאַפּט זיך.

סאַלטשעלע איז אונטערגעקומען:

— צ׳הערט?... מענטשן זענען דאָ! — דער וואַלד האָט איצט גע־שראָקן ס׳מיידל. אירע ווערטער שעפּטשעט זי אויס ווי אַ סוד.

— זאָלן זיי זיין, — ענטפערט דער פאָטער — פאַרקריכט׳ס ענק גאָר נישט.

— מאַרע־טשעק! — רופט חנה דעם זון. זי זעט: אָן אַ זייט פלעקט זיך זיין ציטרין־געל בלוזעלע.

— מאַ־מאַ! הערט זיך דער קליינענקער און ס׳הילכן אָפּ זיינע לויפנ־דיקע שריט.

געוואָרט אויפן יינגל און ביי הערשן האָט זיך שטאַרק געעפנט ס׳גע־הער:

— אַ סך מענטשן מוזן זיין אין וואַלד. מ׳הערט רעדן אַזויפיל.

— מסתמא פרויען, — טרעפט סאַלטשעלע. — אוי, קינדער! — גיט זי צו און שטעלט אויך אָן ס׳געהער.

— נישט קאָ׳ היגע אַוודאי — זאָגט חנה. זי רעדט אין פלוצלינגער פאַרטראַכטקייט: — מענטשן מאַטערן זיך, ווילן עפּעס פאַרדינען. יאָג־דעס, שוואָמען פאַראַן אַ סך, ציט עס זיי. מאַמעס און קינדער. מ׳באַהעלפט זיך מיט קליינוואַרג. הערן זיי זיך און וייסן נישט, מען דאַרף זיך היטן. היגע גנבענען זיך אין וואַלד אַריין און דאָך — וואָס פאַר אַ געווינען! ס׳שניידט ס׳האַרץ.

— היינט מוזן זיין שוואָמען, — פרעגט הערש — העי?

— שוואָמען אָן אַ שיעור — ענטפערט זי — ס׳זענען שוין דאָ די בעסטע. רויטקעפּלעך, סאַמעטענע, קראַווצעס. אַזעלכע לוינט צו קלייבן. נאָכן לעצטן רעגן מערט זיך דאָס. גויים ווייסן שוין, ווען דאָס קומט אויף. די וואַרעמקייט היינט איז אַ ברכה פאַר דעם. האָסט געזען אין די גע־שעפטן גרויסע שנורן געטריקנטע שוואָמען? די־אָ קלייבט מען איצט.

חנה רעדט מיט בקיאות וועגן שוואָמען־קלייבן און הערש פאַרנעמט מענערישע קולות, ווייבערישע קוויטשערייען און ס׳לויפן פון קינדערישע פיסלעך.

ער נעמט ס׳ווייב מיט די קינדער און גייט. ס׳ציט אַהין, פון וואַנען עס טראָגט זיך מענטשלעכע באַוועגונג. מענטשן שטעקן אָן. אים איז שוין דערעסן די רואיקייט, די טאָג־טעגלעכע דאָרפישע מאָנאָטאָנקייט. אגב: ס׳איז גוט צו זען, ווי לייט העלפן זיך ביי אַזאַ מין פרנסה.

סאַלטשעלע שפרינגט אַוועק, לאָזט זיך אַריין צווישן הויכע קוסטעס. זי האָט עפּעס באַמערקט.

— מאַמעשי, — רופט זי — וואַלד־בערעלעך! ווי ס׳שטעכט, — פאַרקרימט זי זיך באַלד.

— בערעלעך! — האָט איבערגעחזרט מאַרעקל און אויך זיך אַריינגעפּלאָנטערט צווישן די קוסטעס.

חנה איז צוגעגאַנגען צו די קינדער, אויסגעשטרעקט אַ האַנט. „אָס־טראָזשנע״, האָט זי זיי אָנגעזאָגט און סאַלטשע האָט איר אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר טונקל־רויטע, טיף געקאַרבטע בערעלעך. חנה האָט זיי אין מויל געקוועטשט מיט דער צונג.

— ווי וואַניק דאָס איז! — זי האָט זיך פאַרכליפּעט מיט די זיס־זויערלעכע בערעלעך און דערלאַנגט אויך דעם מאַן: — פאַרזוך, הערש.

— וואַניק, עכטער וואַן, — און געצמאַקעט — באַטעמט און שטע־כיק... און יאַגדעס טויגן נישט, און שוואָמען? אַלץ איז גוט, אַלץ איז דאָ, אָבער די מענטשן — —

ער האָט נישט געקענט איינשטיין און לאָבן זיך מיט די וואַלד־בערעלעך, וואָס געפעלן אַזוי חנהן. נישט ווילנדיק איז אים ווידעראַמאָל גע־קומען אויפן זינען אשר. אַ גאַנצער קזשאַק מיט וואַלד־בערעלעך! ער איז ווייניק און שטעכט. עך, ער וואָלט זיך מיט אים איצט אויסגעטענהט און — נישט צעקייעט דעם געדאַנק, אַ צי געטאָן ס׳ווייב מיט די קינדער.

— וואָס ׳עט מען דאָ אויסשטיין? אַלע בערעלעך לאָזן זיך דאָך נישט אָפּרייסן מיט אַ מאָל.

ס׳האָט אים אַ טראָג געגעבן. חנה איז מיטגעגאַנגען אָקסן־שריט. לאָז זיין, האָט זי אָפּגעמאַכט. ס׳אַ נפקא־מינה? געאָמפּערט זיך מ״ט די קינדער, וואָס האָבן זיך נישט געקענט צעשיידן מיט די שטעכיקע קוס־טעס, האָט זי געפּליקט שטיקער פון דער וואַלדישער שטילקייט:

— סאַל־טשעע!

— מאַארעטשעק!

און געגאַנגען, פאַרנומען ס׳נאָכקומען פון דער קליינער חברה. צו־זאַמען מיט די עכאָס פון חנהס רוף איז ערגעץ נאָענט שוין געפאַלן אַ הויך געלעכטער. עס האָט זיך צעשפּריצט ווי גלאָז־שפּליטערס, געשטאָכן אין מאַרך. חוזקט מען נישט פון זיי? באַשר יידן. ס׳איז דאָך אַזאַ מאָדע אין רע־פּוילן. די נערוון זענען געוואָרן אָנגעשפּאַנט. אָט דערטראָגט זיך אַ טויב אויסגעהעמערט הילכן פון דער וואַלד־ערד. אַזאַ מין געדיכטע לויפע־ריי. דערנאָך האָט ראַפּטעם זיך געריסן אַ ציקל האַרטע געשרייען, באַלד — ווידער קולות פון העפטיקע וואָרענונגען, הילף־רופן.

לאַנג, פּיינלעך־שווער האָט זיך געלייגט די לאַסט פון דעם אומגע־ריכטן טומל, אַזש די מענטשן — אַפילו ס׳קליינוואַרג — זענען צוגע־נאַגלט געוואָרן צום אָרט. געשטאַנען און זיך צוגעהערט. צום סוף האָט צום משפּחהלע זיך דערקייקלט דער אויסניכטערנדיקער רושם:

אַ בהלה איז אַנידערגעזונקען צו זייערע פיס.

...ס׳דערמאָנט זיך ווי נאָך אַ פאַרטויבונג. פּלוצלינג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. ששש, לאָמיר נאָר הערן — האָט הערש זיך געבעטן. האָרכסט, ס׳אַרע טומל! מענערשע שטימען, פאַרביסענע, דראָענדיקע. אויך זיי, די זילבערס, זענען געבייטשט געוואָרן פון די געשרייען. אין די אויגן האָט געטונקלט און צוזאַמען מיט דעם האָט זיך געריסן אַ שווער כאָרכלען, אַן אָפּהילכנדיקס אין שטח פון די געהירן, אַזאַ, וואָס ווינטיקט אָן אַן אומגעריכטע, אינעווייניקדיקע היץ.

הערש האָט פאַרגעפילט עפּעס בייזס. מיט פאַרקראָמפּטע פינגער האָט ער צו זיך צוגעקלאַמערט חנהן. זי האָט געוואָלט לויפן, כדי צו שטילן דעם אויסגעפלאַקערטן נייגיר. אָפּהענטיקע האָבן די קינדער זיך געהאַלטן ביי טאַטע־מאַמען, געקוקט זיי אין די אויגן אַריין.

ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט: דער גרויסער וואַלד האָט זיך איינגעקאָר־טשעט אין מורא פאַר אַ פּילבאַרן קלאַפּ. די פון ס׳ביי אָנגעשטאַנענע שטיל־קייט האָט זיך פאַרגלאָצט אין לויער הינטער יעדן בוים.

שרעק האָט געטריפט פון דער לופט, געקוקט פון יעדן שאָטן־פלעק און די משפּחה האָט זיך אַרויסגערוקט פון וואַלד. געגאַנגען און אָן אויפ־הער זיך אומגעקוקט אויף צוריק. צו די קינדער האָט הערש געווונקען מיט די פינגער אויפן מויל: ז אָ ל מ ע ן נ אָ ר ז יי ד אָ נ י ש ט

הערן! „עפּעס איז געשען״, האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. חנה איז געגאַנגען סאַפּנדיק, גלייך זי וואָלט געשלעפּט אַ משא; זי האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן:

— נאַדיר, ס׳שוין נישט די שטאָט און דאָך שמעקט עס מיט סכנות. אין שטילן וואַלד...

— אַוודאי, האָט הערש געטראַכט, נישטאָ קיין רויך אָן פייער.

◆

אויך אין דער היים האָט געוואַרט דער אומרו פון אויפגערודערטן וואַלד.

— פון וואַנען, ליבע מענטשן? נישט געווען אַ מאָל אין וואַלד?... ס׳האַרץ פּאַלט מיר אַרויס!

די אַלטע בילאַנדעריכע איז אַנטקעגנגעקומען די זילבערס. ס׳וואָרט פון איר מויל האָט געפּיבערט. אין קאָפּ־שאָקל פון די מענטשן האָט די יידענע געזוכט אַן ענטפער אויף איר פּלוצלינגער נאָגעניש. די זין זענען נישט אין שטוב, דעם אַלטן ציט עס כסדר! מער פעלט אונדז נישט, — האָט זי זיך געדרייט אַ נערוועזע הין און צוריק צו דער שוועל — מ׳דאַרף נאָך אַריינגעשלעפּט ווערן אין אַן אומגליק. כ׳זיץ און קלער איבער, צי זיי האָט זיך נישט פאַרגלוסט צו גיין אויף בייזע וווּנדער!

דער יידענעס האַרצקלאַפּונג האָט די טאַמאַשאַוּוער מענטשן שוין אין גאַנצן אונטערגעקאַסיעט. נישט באַוויזן צוצוגיין צו דער טיר פון זייער שטיבל און זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן ער אויף דער נאָענטסטער באַנק, זי אויפן ברייטן הילצערנעם בעט, וואָס אין דער צעפּראַלטער קיך. זייערע אויגן זענען געווען טרוקן צעברענט און די דאָזיקע מידע אויגן האָבן אויס־געדריקט אומאַרויסגערעדטע דערוואַרטונג, אומבאַהאָלפנקייט: „דערציילט אַלץ, בילאַנדעריכע, דערציילט. מיר האָבן אַזוי נישט קיין כוח״.

סאַלטשעלע מיטן ברודערל האָבן זיך אַוועקגעשטעלט נעבן דער מו־טער, גלייך ווי אין איר וואָלט געווען באַוואַרט דער סוד פון דעם, צי זיי זאָלן זיין פריילעך. אין וואַלד איז זיי געווען אומעטיק ביי דער מאַמען, נאָך איצט זיצט זי און עטעמט האַסטיק; דער טאַטע איז אויכעט אַנגע־שטרענגט, אַוודאי צוליב דער מאַמעשי. זאָלן זיי אפשר וויינען?

שטייט דאָ די אַלטע זיי אין פּנים און די פּלוצלינגע מידקייט וועפּט אויס מחמת דער אויפרעגונג, וואָס ברויזט פון איר.

...— אַ טמא גוי, זאָג איך ענק, דער געשטופּלטער גאַיאָווע. וויבאַלד מ'זעט אים, קילט ביי איטלעכן ס'בלוט. דאָס פּרצוף מיט די טונקעלע גריבלעך סטראַשעט. ער האָט פּיינט מענטשן, ר'האָט ליב צו פּייניקן. דאַרט אים זיין קאָפּ, אויב אַן אָרעם מענטש נעמט עפּעס צוזאַמען פון דער וואַלדיקער ערד. ביימער זוכט מען דאָך נישט צו נעמען, קיין צווייגל אַפילו נישט. כאַפּט ער עמעצן מיט אַ טאָרבעלע שוואָמען, האָט ער הנאה אָנצו־טאָן צרות. ראשית זידלט ער ווי דער ערגסטער שיכור, דערנאָך צעטרעט ער מיט די פיס ס'צוזאַמענגעקליבענע. ער שלאָגט נאָך אויך, אַז אַרויס־שלאָגן זאָלן אויף אים פרעהס מכות!

זי סאָפּעט אָפּ, די בילאַנדעריכע, קוקט אויף די מענטשן און רעדט ווי אַן אַנדערער וואָלט פון איר אַרויסגערעדט:

— און ר'קען שיסן אויכעט, דער רוצח! הערט זיך אומהיימלעכס, וויסט מען, ס'איז זשעמבאַ, אויך אַ פּאַן פון וואַלד. אים קריכן אַרויס די אויגן, אַז ס'דרייט זיך אַ קינד צווישן די לאָקעטקער פאַרעמבעס. אַנדערע גאַיאָוועס קוקן אַוועק.

מיט זשעמבאַן איז איצט אויף ס'דאָרף. מסתמא ווידער עמעצן גע־מאַכט פאַר אַ קאַליקע, זאָגט זי. פון אַלע כאַטעס לויפט מען קוקן אין וואַלד אַריין. מענטשן ווילן זיך דערנערן מיט אַ ביסל יאַגדעס, מיט אַ שוועמל, באַשטייט ער נישט, דער רשע. אַ שטיקל האָלץ היט מען זיך צו נעמען אין וואַלד. אָרעמעלייט באַקן ברויט אויף שטרוי, אויף צעריבן שטרוי גרייט מען ס'ביסל געקעכטס. מ'ווינט ביים וואַלד און מ'פרירט מיט דריבנע קינדער אין די כאַטעס. ס'שפּענדל, וואָס מ'קויפט אין ספּאַ־לע, דאַרף מען אָפּצערקלען אין אויוון אַריין. אַלץ די כאַלערעדיקע היטערס. געטרייע הינט דעם פּריצס!

ביי ראַכלען האָבן זיך געטרייסלט הענט און פיס. די יונגען זענען נאָך נישט אין דער היים און אין איר טשוכעט זיך די מורא פאַר דעם, וואָס דאָרט קען נאָך געשען. אַ נייעס ביי זיי צו שיסן? און די פאָליציע איז זייערע, ווייַ איז איר; ווי קען זי דאָ איינזיצן!

זי האָט אַ שפּאַן געטאָן צו קלמנס אַלקערל און געריסן די טיר:

— ווו זענט עץ? — האָט עס אָפּגעברומט מיט צאַפּל.

פון דער צעעפנטער טיר האָט שאָשע אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַ פאַרקניפּט סיצן טיכל. דערזען די זילבערס, האָט זי זיך פאַרענטפערט מיט אַ שלעפעריק קולכל:

— כ׳מוז אים איינהאַלטן, מיין קלמנען. אויף אַלע חתונות מיינט ער, מוז מע זיין.

— אַ ברעכעניש איז צו מיר, — טענהט די אַלטע — אַלע מאַנס־לייט זענען אַוועק!

— זיי ׳עלן מסתמא באַלד קימען, שוויגער.

הערש זילבער איז געזעסן פאַרשטיינערט. אַ דאַרף אים צום טיש! דער בילאַנדעריכעס אויסגעלאַדענע ביטערניש צוזאַמען מיט דער אייגענער אַנגעזאַלצנקייט האָבן זיך ממש געוואָרפן אויף אים, אין די שלייפן געהאַ־מערט. מיט אַ מאָל זענען שאַשעס און קלמנס פּנימער ציטעריק געשוואומען אין זיין זע־פעלד. אינסטינקטיוו האָט ער גענומען זוכן חנהן, געהאָט זי עפּעס פאַרלוירן אונטער דער האַנט — — אין דער מאָדנער צערודערט־קייט פון שטוב האָבן אין הערשס געהער נישט הי אָפּגעקלונגען דעם ווייבס רייד:

— די קינדער דאַרפן עסן... אַ מאַמע בין איך!

דערנאָך איז געקומען בערל, ס׳איז געקומען אשר. און חיים יאַנטשע האָט זיך פּלוצלינג געהערט. ס׳הויז האָט ערשט זיך אַ קאָלער געטאָן: פון אַלעמען האָט גערייכערט מיט דער וואַלדישער בהלה. לאָקעטקע האָט פאַרגעסן אָן שניט, נישט געדענקט אָן האָבער, אָן דער הרעטשקע, וואָס שטייען צעוויקט פון פאַרשפּעטיקטן גרויסן רעגן. די בילאַנדערישע קראָם האָט נישט גערייצט מיט די אירע זיסע זאַכן, מיטן באַהאַלטענעם שטאַרקן טרונק. וואַלדישע געשרייען האָבן זיך אַהער אַריינגעריסן. דאָס איבערגע־וועקטע דאָרף האָט געציקעט. מ׳האָט גערעדט, געטומלט. זשעמבאָס באַ־מען איז וויפל מאָל אָנגערופן געוואָרן, זיינע דעריאַכמעטע קולות איבער־געחזרט. וואַנס, דער נאָענטסטער שכן, האָט זיך אויך אַריינגעשטעלט און צוגעבאַמקעט.

אַ מידער האָט הערש זילבער זיך צוגעהערט צום רעש אין הויז און אין רעיון ביי אים האָט ווי אַ גליאונג זיך אַוועקגעלייגט עמעצנס אַ נקמה־קוויטש:

„אָבער ס׳האָבן זיך געפונען מענטשן. זיי האָבן אים געבענדיקט!"

— — — ער האָט זיך געיאָגט נאָך די ווייבער מיט די קינדער. ווי צעפלאַשעטע גענדז איז דאָס געלאָפן מיט געשריי. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך געבראָכן די קרענגעס, אָנגעקליבן פולע קיישלעך און עמערס און באַ־האַלטן צווישן קזשאַקעס. מיט אַ מאָל האָט ער זיך געיאָוועט, דער גע־

שטופּלטער, זיך געוואָרפן אויף אַ קליין מיידעלע. ר׳וועט האָבן ס׳קינד, דער כיטראַק, וועט שוין זיין די מאַמע אויכעט. ער האָט זיך אָבער אַריינגעטאָן! ס׳מיידעלע האָט געגוואַלדעוועט, אַלע זענען זיך צעלאָפן מיט ליאַרעם. דערווייל זענען פון ערגעץ אַרויס אַ פּאָר מאַנספּאַרשוינען. מסתמא מאַנען פון די באַבעס, טאַטעס פון דעם קליינוואַרג. אונטנאַרומעט אָנגעכאַפּט דעם געשטופּלטן, אַרונטערגעדרייט זיינע לאַפּעס, פּאַרפּאַקט ס׳פּיסק און געכמאַליעט איבערן הייפּט קרויט. ס׳דם איז גערונען. מ׳דערקענט עס נאָך די שוואַרצע בלוט־פלעקן איבער אַ שטיק ערד. דערהערט וואָרטשען דעם „דזשאָבאָל״ ווי אַ דעביוועטן חזיר, ר׳האָט געכאָרכלט, זענען די אַנטלאָפענע צוריקגעקומען, האָבן געלאַכט, גענומען די קיישלעך מיט זייער פּראַצע און געמאַכט מיק.*) יענע האָבן זשעמבאַן שוין געהאַט אָפּגעטאָן זיין רעכט: אַראָפּגעריסן פון אים די קורטקע, צעפליקט ס׳העמד און אַ צעממיתטן האַלב־נאַקעט אים אַריינגעוואָרפן אין גרויסן מוראַשניק ביי דער דריטער פּאָרעמבע. אין דעם באַרג ווערעם האָט ער זיך געטרונקען, דער פּאַן זשעמבאַ.

— האָסטו דיר פּאַר די שוואָמען, האָסט פּאַר די יאַגדעס, און נאַדיר כ׳אַר דיין גוטס!

מ׳האָט געהערט אַריינהיקען אין געשטופּלטן. ווי אַ שטיק ליים איז ער אַריינגעזונקען אין מוראַשניק. דער וואַלד האָט געהילכט פון די געשרייען און פון די כמאַליעס. אַריינגעפאַלן אַהינצו האָבן די ווערעם געהאַט מיט אים אַ שמחה. ר׳איז באַלעגערט געוואָרן פון דעם „קליינוואַרג״, אַז מ׳האָט אים נישט אַרויסגעזען די חזירשע אויגן! די ביקס, אַ צעבראָכענע אויף שטיקלעך, האָבן זיי אים אויכעט צוגעוואָרפן. נאָך דעם זענען זיי אַנטקומען.

— שוין איין מאָל אַ בעדל געהאַט, דער פּאַן זשעמבאַ! אַפילו נישט געקענט זידלען. אַזוינער וועט שוין אָנזאָגן קינדס קינדער: „ליגטס פּאַר זיך!״ מיט געקרעמפּעוועטע הענט האָט ער שפּעטער זיך אַרויסגעריטשט פון מוראַשניק, אַוודאי אויף די קני זיך געשאַרט. צ׳זאָלט זען: אַ צעקאַליעטשעטער, אַ צעפּרעסענער פון די ווערעם! די נאָז, די מאָרדע איז איין שטיק צעריסן פלייש. מיטן פּיסק זיך געוואָלט ראַטעווען. ר׳האָט זיך געשטיקט מיט דער שמאַטע, ר׳איז געבליבן ליגן פּאַרשמאַכט, די אויגן אויס־

---

* אַנטלאָפן.

געקילט און דער קאָפּ איןביילן. אַ גאָספּאָדאָזש האָט אים געפונען ביי דער פּאָרעמבע.

— הממ, ס׳אי׳דעך גזלעוואָיע! — האָט חיים יאַנטשע אָפּגעברומט און די מענטשן האָבן פּלוצלינג דערזען איבערן הויז זיך אַראָפּלאָזן אַ פּריצייטיקע טונקלקייט.

לעסטיק איז געווען דער פאַרנאַכט און קיינער איז שוין נישט אַרויס אָפּדעכען פאַר דער שוועל.

אויסגעמאַרכטע ווי נאָך אַ קרענק האָבן די זילבערס דאָס מאָל פרי זיך פאַרקליבן אין זייער שטיבל אַריין. ס׳ערשטע מאָל זינט זיין דאָר־פישן אָפּרו האָט הערש איבערגענעכטיקט מיטן ווייב אונטער איין דאַך.

אין שייער האָט אשר ביז טיף אין דער נאַכט זיך געוואלגערט אויף זיין היי־געלעגער. די אויגן האָבן זיך אים נישט געקלעפּט.

◆

סטעפּאַן זשעמבאַ האָט נאָך געזשיפּעט, ווען מ׳האָט אים איבערגע־פירט קיין טאָמאַשאָוו אין שפּיטאָל אַריין. דאָקטוירים האָבן אים געוועקט מיט איינשפּריצונגען, קראַנקנשוועסטער האָבן מיט מאַרלע און וואַטע גע־וואַשן זיינע ווונדן, לאַפּוסירט זיי און פאַרבאַנדאַזשירט. ס׳איז שוין גע־ווען שפּעטע שעה אין טיפזומערדיקן אָוונט, ווען מ׳האָט דעם צענעריקטן, אַ באַוווסטלאָזן, אָוועקגעלייגט אויף אַ ווייס שפּיטאָל־בעט. אַרום האָט געהויערט ווייטיקלעכע שטילקייט, אָן איבעררייס אַ גרזעגטע פון העננגענ־דיקן צעצאַפּלטן האַרץ.

אַ פּאָר מאָל אין דער נאַכט האָט דער דיזשורירנדיקער דאָקטאָר אַריינגעשלייכט צום קראַנקן. ער האָט זיך צוגעהאָרכט צו זיין שמאַך און אָנגעזאָגט דער שוועסטער:

— היטן דעם פּולס. אויב שלעכט — דערלאַנגען קאַמפאָר. געדענ־קען, דער איז פּאָליצייאיש וויכטיק.

דער קאַמפאָר האָט נישט געהאָלפן. ס׳האַרץ איז געווען גרינגלעך אונטערגעהאַקט. אין דער פרי האָט דער אָרדינאַטאָר אונטערגעשריבן אַ טויטן־אַקט וועגן סטעפאַן זשעמבאַס סוף.

דער טאָמאַשאָווער פּאָליציי־קאָמיסאָר האָט פּערזענלעך זיך מטריח געווען אין שפּיטאָל־קאַנצעלאַריע אַריין. דערהערט: „דער פּאַציענט האָט נישט אויסגעהאַלטן״, האָט דער קאָמיסאָר נערוועז זיך געדרייט אַרום און

אַראָפּ, געגאָגט די ליפּן. די קאַנצעלאַריע איז אים געווען מסוכן ענג. אַ בייג געטאָן זיך צום שטערן פון אָרדינאַטאָר האָט ער געבעטן גיך אים געבן אַ פּראָטאָקאָל וועגן דער מעדיצינישער אינטערווענץ איבער זשעמבאַן. באַקומען אין האַנט אַריין דעם בויגן פּאַפּיר האָט דער קאָמיסאַר נאָך געפרעגט וועגן דעם פּאַלמעסן און איז אַוועק. ביים שפּיטאָל־גאַנעק האָט זיך צעהודזשעט אַן אויטאָמאָביל־מאָטאָר. דער קאָמיסאַר האָט געריירט צו דער פּאָליצייאישער קאַזאַרמע, וואָס אין דער נאָענט פון דער ווילאַנאָווער פאַבריק.

שפּעטער איז לאָקעטקע פול געוואָרן מיט פּאָליציי, אַן אויסבאַהאַלטענע אין שאָטן פון וואַלד־ראַנד. אויף די סיפּקע לאָקעטקער זאַמדן האָט אומגעריכט זיך געוויזן דער קאָמיסאַר אַליין. אַ הויכער, אין אַ נעטן אוניפאָרם און גלאַנציקע שטיוול איז ער געגאַנגען מיטן לעסניטש׳ וואָוזשיגיאַק. אין האַנט ביים וואַלד־הערשער האָט זיך געשפּילט אַ שטייף לעדערן בייטשל. אין דער פּאַרמיטיקדיקער שטילער זון, אַן אויסגעשפּרייטע איבער די געלבנדיקע קאַרטאָפל־בייטן, האָבןביידע זיך אָוועקגעשטעלט שמועסן, שמועסן אַז ס׳דאַרף זאָל אַ ציטער טאָן פאַרן כוח פון דער מאַכט. פון הינטער פאַרהענגלעך און פון צווישן פלויטן־געצווייג האָבן די לאָקעטקער נאָכגעקוקט די שררות. „ס׳איז פון דעם גאַיאָוועס כבוד וועגן”, האָבן זיי זיך משער געווען.

צוערשט זענען די שררות אַריין צום סאָלטיס לעלעווסקי. דער סאָלטיס איז גיך אַרויס מיט זיי. גייענדיק ביי דער זייט פונעם קאָמיסאַר האָט לעלעווסקי גערעדט, גערעדט און נישט פאַרגעסן צו דרייען זיינע פּילסודסקי־וואָנסעס. מ׳האָט געזען, ווי לעלעווסקי האָט די חשובע לייט אַריינגעפירט צו וויצענטי יאַסעק.

אין דער שייגער, גרויסער כאַטע האָבן די געסט לענגער זיך פאַרהאַלטן. אין דרויסן האָט די זון זיך צעברענט און ס׳האָט געווירן דער נייגיר ביי די מענטשן הינטער די פּלויטן, ביי די שפּאַרעס פון די סטאָדאָלעס. ביי זיך האָט דער פּאַן יאַסעק אויפן טיש אַרויפגעשטעלט טינט און פעדער און וואָס אַ מאָל נעענטער זיך צוגערוקט צום פּאַן קאָמיסאַזש. דער יונגער יאַסעק, וואָס לערנט זיך פאַר אַ לערער, האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים טיש צוזאַמען מיטן פאָטער. דער פאָטער האָט גערעדט אין דער זון האָט אים אַרויסגעהאָלפן. דער פּאַן קאָמיסאַזש האָט כסדר געפרעגט.

— אין וואַלד זענען זיי גראָד נעכטן נישט געווען, די יאַסעקס. דעם

טומל האָבן זיי דערהערט ערשט שפּעטער. שכנים זענען אַוועק אַהין. די מענטשן האָבן זיך דערשראָקן. צי עמעצער איז געווען צופרידן דערפון, וועט ער נישט זאָגן, דער פּאַן וויצענטי. נאָר אַ פאַקט: דער רוב האָט נישט גינציק דעם גאַיאָווי זשעמבאַ. ער איז אַ שטרענגער באַלעבאָס. וואָס ביי עמעצן אויפן האַרץ, איז נישט לייכט צו וויסן, האָט ער זיך געכמור־רעט. די לייט דאָ חברן זיך נישט גערן. מ׳ווייסט נאָר, ווער ס׳האָט אַ גרויס מויל. וויוואָראָטאָווצעס, קאָמוניסטן — מיינט ער — זענען נישטאָ אין לאָקעטקע. געווען אַזאַ זשדזשיסלאַוו סאָקאָל, האָט ער דעם גלח פאַר־טריבן. נישט געוואָלט זיך מתוודה זיין אין גסיסה. ר׳איז שוין געפּגרט. דער פויער וואָיטשעך וואָנס איז אַ שאַרפער פאַרשוין, אָבער ער פירט זיך נישט מיט קיינעם. ער האָט פיר מאָרגעס מיט אַ קליאַטשע. ער קען אַרומגיין און בילן, בכן אייַנע ווערן משוגע פון גוטס, אַנדערע שטעקן אַרויס דעם לעקער. ער אַרבעט אויפן שטיקל לאַנד, ליגט פאַר־זיך.

דער פּאָליציי־עלטסטער האָט געדרייט מיטן קאָפּ און מיט טענה אָנ־געקוקט דעם סאָלטיס. לעלעווסקי האָט אַ צופּ געטאָן אַ וואָנסע און אין פאַרלעגנהייט אַרויסגעבראַכט אַ שטיקנדיקן מורמל:

— טאָ פּראַוודאַ! ס׳איז דער גאַנצער אמת, פּריץ.

דער אַלטער יאַסעק האָט פּלוצלינג אַרויסגעלאָזט אַ שלוקערץ: בבהו...

דער קאָמיסאַר האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרינע, עסיקע אויגן, וואָס זענען פּאָמעלעך אַ גיי געטאָן איבער אַלע פּנימער. דער לעסניטשי האָט צו אים אַ ווונק געגעבן.

— און נישט באַמערקט, פרעמדע זאָלן זיך דרייען איבערן דאָרף, חברן זיך מיט די דאָאיקע?

— פרעמדע? — האָט יאַסעק גערעדט ווי צו זיך — אויף „זשניווע״ זענען צו שכנים געקומען אַ פּאָר מענטשן. צום וויטינער, צו באַלעכאָווס־קין... ווער נאָך? — האָט ער זיך געוואָלט דערמאָנען.

— צו די יידן, צו די בילאַנדערס, — האָט דער יונגער יאַסעק אַרויס־געפּלאַצט, גלייך ער וואָלט שוין פריער געווען גרייט צו דעם.

— די בילאַנדערס? — האָט דער אַלטער נאָכגעזאָגט — אַ זון איז געקומען פון שטאָט און פאַראַן אַ משפּחה אויף זומערוווינונג.

— וואָס פאַר אַ „אָפּיניע״ האָבן די בילאַנדערס צווישן די שכנים, — האָט דער לעסניטשי געקוקט דעם אַלטן יאַסעק אין פּנים אַריין.

— כעכעכעע, — האָט יאַסעק אויסגעקייכט אַ הוסט אַזאַ, צי אַ מין געלעכטערל — ווי אַ געוועלבניק אַן „אָפּיניע”. זיי ווילן פאַרדינען וואָס מער.

— כ׳מיין, צי מאַנאָפּאָל־זאַכן פאַרקויפן זיך ביי זיי — בראָנפן, טי־טין? — וויל דער קאָמיסאַר עפּעס אויסניוכען.

— אַכיבע זיי באַהאַלטן זיך מיט דעם, — האָט אַ ברום געטאָן דער אַלטער. — איך וועל דאָך נישט גיין זוכן ביי אַ שכן.

— געוויס, געוויס, — שאָקלט צו דער סאָלטיס — ס׳אַלטע שכנים די יידן דאָ.

— און די זין?

— כעכעכעע, — קייכט יאַסעק שוין אויס אַ בפירוש געלעכטערל — אַז מ׳דושעט אַ מויד איז מען נישט אָרנטלעך, פּאַניע קאָמיסאַזשו?

— ביי די יידן אַזוינער? — איז דער לעסניטשי שוין נייגיריק.

— דער, וואָס פון שטאָט געקומען. אושאָר רופט מען אים.

— און אַ וויוואָראַטאָוויעץ, אַ רעוואָלוציאָנער איז נישט אַזוינער, ברענגט נישט אַהיים קיין ביכלעך? — וויל דערגיין דער קאָמיסאַר און שטעלט זיך שוין אויף.

יאַסעק ציט מיט די אַקסלען:

— ווער קען וויסן? דער זיצט לאַנג שוין אין שטאָט.

— און בערעק, טאַטע, לייענט ביכלעך, — רופט זיך אָן יאַנוש. ער האָט נאָך נישט פאַרגעסן דעם אַנומלטיקן פּרימאַרגן, ווען דער אַלטער בילאַנדער האָט אים געסילוקט דעם חוב פאַרן פרעמדן ראַציקן זשידעקל, וואָס האָט זיך צעוויינט אויפן שימל.

פון יאַסעקן איז דער קאָמיסאַר מיטן לעסניטשי, דעם סאָלטיס און יאַנושן אַוועק צו בילאַנדערן. ביים ייד מוז מען אַ זוך טאָן. אַן אומרואיקע אומה, די יידן, גאַרנישט געפעלט זיי, פון אַלעמען ווילן זיי זיין קליגער. די גרעסטע איבערקערערס זענען זיי, די חוצפּהניאַקעס.

דער קאָמיסאַר האָט מיטגערופן עטלעכע פּאָליציאַנטן. אין מאַרש־טראָט מיט די ביקסן אויף די אַקסלען האָט די קליינע אָפּטיילונג גע־שפּאַנט אין שפּיץ מיטן קאָמיסאַר. דער יונגער יאַסעק איז געגאַנגען פאָרויס מיטן לעסניטשי און דעם סאָלטיס. יאַנוש האָט געוויזן דעם וועג. ביי אים האָט געשטראַלט דער קאָפּ.

— מ׳וועט אָנלערנען די לויזיקע, — האָט עס אינערלעך געשאַלט אין אים. — נאַשאַ וולאַדזאַ, אונדזער מאַכט גייט!

פּאַר בילאַנדערס שטוב זענען צוויי פּאָליציי־לייט געבליבן שטיין. מ׳דאַרף האָבן אַן אויג אויף די זשידעס. קיינער טאָר נישט אַרויס. אין הויז האָט דער קאָמיסאַר שטרענג געזאָגט:

— מירן דאָ דורכפירן אַ הויז־זוכונג.

— וואָס איז געשען, פּאַניע קאָמיסאַזשו? — האָט דער באָרוועסער חיים יאַנטשע זיך געחידושט.

— נישט אייער עסק! — איז געפאַלן אַ געשריי.

— אויב נייטיק אַ רעוויזיע, איז ביטע, — האָט זיך אַרויסגערוקט אשר.

— ווער זענט איר? — האָט דער פּאָליציי־עלטסטער אים דורכגעשפּיזט מיטן בליק.

— אַ זון.

— און פרעמדע זענען דאָ?

— די זענען טאָמאַשאָווער, — האָט חיים יאַנטשע ווידער זיך געשטעלט פאַרן שרה.

— מ׳וועט זען, — האָט דער קאָמיסאַר אָפּגעהאַקט און געהייסן זיך ווייזן די פּעסער.

— ס׳אונדזערע פריינד, — האָט דער אַלטער מורמלענדיק צוגעגעבן און הערש זילבער האָט זיך צוגערוקט.

— איך בין דער פרעמדער.

אין טיפער רעגונג איז געשטאַנען דער טאָמאַשאָווער..

דער קאָמיסאַר האָט נאָך געפרעגט אויף יעדן אין שטוב, אָפּגעמאָסטן אַלעמען מיט די קאַלטע אויגן און געהייסן זיך ברענגען דעם פּאַטענט פאַר דער קראָם. דורכגעפירט דערנאָך די הויז־זוכונג, פונאַנדערגעוואָרפן די וועש, ס׳ביסל קליידער אין שאַנק, אַרויסגעוואָרפן ס׳שלאָפנדיקע קינד פון וויגעלע, איבערגעדרייט די שטרוי־זעק, געשליידערט, געקלאַפּט און אַרויסגעגראַבלט עטלעכע ביכלעך, צו וועלכע בערל האָט זיך באַקענט. ס׳זענען מיינע, האָט ער געזאָגט.

— און די ביבולע ווו האָסטו? — האָט דער עלטסטער אים געפרעגט מיט פאָרוווּרף.

— איך האָב נישט קיין ביבולע, פּאַניע קאָמי...

— שוויי־ייגן!! — האָט ער אַ ריטשע געטאָן. — חוזקן וועט ער נאָך!
דער קאָמיסאַר האָט געהייסן בערלען זיך פאַרנעמען אין וועג אַריין מיט אים און די ביכלעך געגעבן אַ פּאָליציאַנט אין האַנט אַריין.
— ס׳זענען ראָמאַנען, — האָט דער בחור עטלעכע מאָל איבערגע־חזרט אין קרענקונג. רויט און בלאַס האָבן זיך געביטן אין זיין פּנים.
— שווייגן! — האָט דער קאָמיסאַר אַ טופּע געטאָן, אַזש די פּאָד־לאָגע האָט הויל אָפּגעציטערט. פּאָליציאַנטן האָבן בערלען מיט כּוח אַרויס־געפירט פון שטוב.
געזען, מ׳פירט אַוועק דעם זון, האָט חיים יאַנטשע זיך נישט גע־קענט איינהאַלטן פון אַ מרוטשע טאָן נאָך יאַנושן:
— דער פאַרשיוועך שעפּס שטעקט אומעטום אַריין די נאָז!
דער קאָמיסאַר האָט זיך אויסגעדרייט:
— היט זיך, אַלטער! זאָלסט נישט באַליידיקן קיין פּאָליאַקן.
פון אויפרעגונג האָט ביי חיים יאַנטשען גענומען ציטערן דער האַלדז־קנאָפּ:
— און מיך, מיך! —
דער ייד האָט זיך געשטיקט מיטן געשריי, ער איז געווען צערייצט. פון סמיקער זידעניש האָט געטונקלט זיין בליק, די אויגן האָבן געברענט. ס׳האָט אים געוואָרפן, געזוכט דעם אַלטן יאַסעק, געזוכט און נישט גע־וואָלט אים געפינען, כּדי נישט צו ברענגען אַ ניי אומגליק אויפן איי־גענעם הויז. ער האָט עס געשפּירט, חיים יאַנטשע און מיט ישוב־הדעת פון אַ ייד, וואָס געדענקט זיך אַפילו אין גרעסטן צאָרן, האָט ער זיך אַריינ־געוואָרפן אין סטאָדאָלע, נישט געוואָלט זען די ליכטיקע שיין פאַר זיך.
דער דאָזיקער זוניקער טאָג האָט איבער דער לאָקעטקער יידישער שטוב זיך געשטעלט מיט האַרבסטיקער שווערקייט. די אַלטע איז אַרומגע־גאַנגען מיט פאַרוויינטע אויגן. שאָשע האָט געהאַלטן קלמנען אין אַלקער, ר׳זאָל זיך אין דרויסן נישט אַרומרייסן. אשר האָט זיך אַרומגעדרייט אַ נעכטיקער, גערעדט מיט די שותּפים אָן שום צוזאַמענהאַנג.
— איינגעעקשנט זיך: נאָר ס׳ברעקל ערד, אַנדערש גייט מען אויס. הייליק ביי זיי דאָס לאָקעטקע. צ׳זעט דעך! אַ הונט אויפן אויסגענאָגטן ביין! אַ כאָלערע, טרייבן דאַרף מען זיי פון דאַנען, די עקשנים. אַ פאַר־שטונקענער שייגעץ קען זיך טשעפּען.
און דער מאַמען האָט ער געטרייסט מיט באָסט:

— פֿאַל נישט אַוועק צוליבן יונג. מ׳עט עם נישט איינמאַרינירן. ר׳קומט אַהיים, ר׳קומט! ר׳האָט דעך קאַ׳ קנאַבל נישט געגעסן. דעם דזשאָ־באַל האָט ער נישט געהרגעט. ר׳איז געקומען אויף אַנדערע הענט. זאָלן זיי זוכן...

מיטן פֿאַרנאַכטיקן צוג איז הערש זילבער אַוועקגעפֿאָרן פֿון לאָקעטקע. חיים יאַנטשען מיטן ווייב האָט ער ביים געזעגענען געווונטשן, זיי זאָלן אין אַ גוטן געמיט פּטור ווערן פֿון דעם גן־עדן דאָ. זאָלן ס׳זייעריקע זיך ווערגן מיט דעם גוטס. אַלץ איז זיי דאָך ווינציק. קאָוונע גיב זיי, זאַאַלזע דאַרפֿן זיי, ס׳געהינטעכץ. די שטאָט איז טאָקע אויך שלעכט, אָבער מ׳איז נישט אין אַזאַ מדבר. אין שטאָט איז סתם מלחמה. מ׳דאַרף זיך שלאָגן. באַטראַכטס ענק, יידן, — האָט דער טאַמאַשאָווער צום סוף געזאָגט און געדריקט חיים יאַנטשעס האַרטע האַנט. דער ייד האָט אומעטיקלעך גע־וויגט מיטן בערדיקן פּנים.

— הינטערן אויוון אַרונטער ׳עלן זיי פֿאָרן — האָט אשר איבערגע־ריסן ס׳לאַנגע געזעגענען. ער איז געווען אומגעדולדיק פֿאַר די רייד, וואָס מ׳פֿאַרלירט דאָ, מחמת זיי „ווילן נישט פֿאַרשטיין“.

צום וואַלדיקן באַן־סטאַנציעלע זענען מיטגעגאַנגען חנה מיט אשרן.

— מעגסט זיך ריכטן אויף מיר, הערשל — האָט ס׳ווייב אַריינגע־רעדט אין מאַן — אפשר נאָך אויפן צווייטן שבת קום איך אַהיים.

— האָסט צייט, — האָט הערש אַלץ געטענהט — ס׳איז נאָך שיין אין דרויסן. — אויף די קינדער גיב אַכטונג, חנהלע! — דאָס לעצטע האָט ער נאָך באַוויזן אויסצושרייען און דער צוג האָט אים אַוועקגעטראָגן טיף מיטן וואַלדיקן באַנוועג.

אשר האָט נאָכגעפֿאָכעט מיט דער האַנט.

25

יושר

אַרויסגענומען בערלען פון שטוב, האָט זיך אין דער הייזקע געפילט אַזוי, ווי עס וואָלט פלוצלינג אָפּגעדעקט געוואָרן אַ לאָך אין וואַנט. דורך דאָנעט, כאַפּט מען זיך ערשט, ציט עס די ווייסטע קעלט, פון דעם דער כסדרדיקער קאָפּ־ווייטיק און ס׳שטעכעניש אין ברוסט. דאַכט זיך, ביז אַהער האָט מען דעם יונג אַזויפיל נישט באַמערקט. פאַרקערט, מ׳איז נאָר אויסגעשטאַנען פון אים עגמת־נפשן, אָדער ער איז אַרומגעגאַנגען און גע־לאַכט, גלייך אַלץ מיט אַנאַנד וואָלט געווען גוט און וווּיל. „אַ טשאָלעק דער בחור", האָט זיך די מוטער אויף אים אָפּגעריסן און זי איז בייז גע־ווען אויף דבורהן, וואָס זי לאַכט מיט אים. אַ מיידל וואָלט כאָטש געווען ערנסטער. „מער פעלט זיי שוין נישט, די לאַקעטקער, ווי אַרומצוגיין און נאַרעצן", האָט זיך געקרימט דער פאָטער, וועלכער האָט די ווערטער גע־דזשאַמדזשעט ווי אַן אומבאַטעמטן ביסן.

דאָס אומגעריכטע, וואָס האָט געטראָפן, האָט דערדריקט. נאָך מער האָט געאַרט די אַנגעשטאַנענע שטילקייט: די ערלים האָבן דאָך אים ליב געהאַט, חברים האָבן ביי אים געקלעפּט, ער האָט זיי דערציילט געשיכטעס, און אַצינד? קיינער פון די שכנים איז צומאָל נישט געקומען אַ קרעכץ טאָן אויפן אומגליק פון די בילאַנדערס. ס׳האָט גאָר אויסגעזען, ווי די שכנים וואָלטן געווייכט פון די יידן. אין דער עת־צרה האָט זיך ערשט גע־וואָרפן אין די אויגן, אַז אין קראָם אַריין גייען זיי אויך נישט. ראָכל האָט געקלאָגט: ס׳איז אַ שיבוש נישט ווערט דאָס לעבן. זי האָט אָנגעהויבן זידלען דעם מאַן, למאַי ער זיצט רואיק, בעת מ׳האָט דעם זון צוגענומען פאַר נישט און ווידער־נישט. ס׳ייִנגל קומט נישט אין ערגעץ, טוט נישט אַזוינס, וואָס זאָל אים פאַרמיאוסן ביי מענטשן — פאַרוואָס קומט דאָס אונדז? אייגנטלעך ביסטו אַליין דער חייב, לאַכטיקער טאַטע, — און אין מיטן דערינען זיך פונאַנדערגעווייִנט. האָסט נישט באַדאַרפן זיך טשע־פּען מיטן שייגעץ! יאַנוש איז פאַך־בראַט מיטן וואָיט, דער פאָטער איז

משוגע־רייך, כאָטש ער לייגט זיך אין אַ קוואָרטן־טעפּל אַריין, בכן ער איז אַן אָרעמאַן. זיך נוקם געווען... האָסט באַלד געוווסט, דו האָסט שלעכט געטאָן, חיים יאַנטשע. האָסט דעמאָלט נישט געזאָגט, וואָס דו האָסט אָפּ־געטאָן! אפשר וואָלט איכ׳ס פאַרגלעט ביים אַלטן, ביי דער מוטער. מיינסט, ס׳אַמאָליקע צייטן? אַ גוי האָט היינט פליי אין דער גאָז. ער וויל, אַז אַנטעק זאָל האָבן דרך־ארץ פאַר משהן! אַ זשיד איז אַ זשיד פאַר זיי, אַ פלעדערוויש... אין, שקאָלע לאָרנט מען עס און דער גלח האַקט דאָס אין קאָפּ אַריין.

די יידענע האָט געעקבערט די אויערן: „לאָ׳מען נישט רוען! לאָ׳מען כאָטשבי געוואָר ווערן, ווו ער איז!" שאָשע, וועלכע קען נישט פאַרנעמען קיין געשרייען, האָט זיך פאַרמאַכט אין אַלקער און געפּרווט דרימלען. אין זינד גערעדט, איר איז שוין נמאס פאַר דעם ווערטשאַפּט אין הויז. נאָר מ׳בייסט זיך און מ׳רייסט זיך. אָט איז דיר גאָר חיים יאַנטשע שול־דיק! רק מ׳טומלט... זי טאָר זיך נישט איבערנעמען, ס׳גרימט איר באַלד אין לייב. דאָס קען חס־ושלום פאַרשאַטן דעם קינד. קלמנען האָט עס ווי־דער שוין געטראָגן פון שטוב אַרויס. „ער וועט׳ס נישט פאַרשווייגן! יאַ־נושס יד איז אין דעם. זאָל ער אים זאָגן, אַז נישט" —— נאַרישער מענטש, און אַז ער וועט זאָגן, ר׳ווייסט נעבעך נישט; און אַז ר׳וועט טענהן אָפּן — אַז יאָ? וועסט זיך גיין שלאָגן מיט אַ וועלט? זעסט׳עך: זיי זענען אייזן־שטאַרק, קיין שום אָכעניש קומט נישט אויף אַזוינע. זי רעדט זיך אַרויס די צונג פון נאַקן און אים איז נישט איינצוהאַלטן! וואָס זאָל זי טאָן? זי איז שוין אויס מענטש פון די געשרייען —— פונקט ווי דער מאַמען, האָט עס געקאָכט אויך אין אשרן. ער האָט אָבער נישט גע־צערנט אויפן פאָטער. דעם טאַטן האָט ער געגעבן גערעכט. אָנרייבן אַ מאָרדע איז ווינציק פאַר אַזאַ דאָסער. פאַר אַ קאַליקע דאַרף מען מאַכן אַזוינעם. למען ידעו. אַן איינפירעכץ: מיט אַ ייד מעג מען טאָן וואָס מ׳וויל! האָבן דאָך די טאָמאַשאָווער קצבים־יינגלעך געטאָן ווי ס׳געהער צו זיין: באַוויזן זיך די ענדעקישע מחנות, באַגאָסן יידישע קראָמען מיט וויטריאָל, פויערן נישט געלאָזן קויפן ביי יידן, אַ יידיש בחורל פון בית־מדרש מיט בענזין אונטערגעצונדן אין מיטן גאַס, — זענען זיי אַרויס, די קצבים. בלויז זיך דורכגעגאַנגען מיט שטעקנס אין די הענט; הין און צו־ריק זיך געדרייט אין גאַס, אַזאַ לעבעדיקע יידישע וואַנט און ס׳איז גע־

וואָרן שטיל. נישט אַנדערש — די שליפּיעס מוז מען זיי געבן אין האַנט אַריין:

— זעטס, אויך יידן קענען צונויפּביילן אַ פּויסט!

מחמת צערייצטקייט האָט איינס ס׳אַנדערע נישט געקענט קוקן אין די אויגן אַריין. מ׳האָט זיך געמיטן, ווייל יעדער האָט געהאַט ס׳געפיל: קומט מען זיך צונויף, ברעכט אויס אַ געוויין פון קרענקעניש און וויינען איז עפּעס אַזאַ חרפה און אַ ווייטיק דערצו.

חיים יאַנטשע איז געלאָפן קיין טאָמאַשאָוו, אַ מבולבלער זיך גע־שטעלט אין די פּאָליצייאישע קאַנצעלאַריעס; אומעטום געסקאָמלעט, גע־האַט זיין טענה: „פּאַרוואָס!... ס׳איז מיין זון, איך קען אים גאַנץ גוט. אַ רואיק קינד. מ׳האָט אים אַרויסגענומען פון שטוב אָן אַ פּאַרוואָס״. פון איין אָרט האָט מען אים געשיקט אין אַן אַנדערן; מ׳האָט מיט חוזק גע־קוקט אויפן פּאַרדריפּעטן ייד מיט דער פאַרפּלאָנטערטער באָרד און דער לאַנגער טרויעריקער קאַפּאָטע. ביטערניש האָט דער מענטש דערשפּירט אין מויל, ווען ער האָט געמוזט אַריינקוקן אין די פּרצופים, וואָס רייסן פון אים שטיקער:

— וועסט זיך לערנען באַגיין אָן דיין סינאָק. ער דאַרף זיך אַ ביסל אויסרוען.

— מ׳וועט נישט אויפעסן דיין סרולעק. ער לעבט נאָך. מירן אים אָפּגעבן אַ גרוס פון דיר.

און אַז ר׳האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט אין חיים יאַנטשעס גע־הירן נאָך געטומלט ס׳ווילדע געלעכטער פון פּאָליציע. פּשיאַקרעוו, האָט ער זיך געביסן די צונג — ס׳נישט קאַ׳ פּאָליאַקן! ס׳אַ פאָלק פון מער־דערס. קומסט אַ צעבלוטיקטער און זיי שפּעטן נאָך פון דיר. ווו האָט מען זיכ׳ס אויסגעלאַרנט, פּשיאַקרעוו!?

פון צרות האָט ער אין טאָמאַשאָוו נישט געוואָלט אַריינגיין צו זיל־בערן, צולייגן אים אַ פלאַסטער: האָב הנאה פון דיין מלוכה. דערוואָרט זיך יושר!... טייוולאָנים האָבן דעם ייד געטראָגן. געקומען אַהיים און נישט געוווּסט, ווי אַזוי ער איז אַדורך אַזאַ מהלך. דער קאָפּ איז אים צע־זעצט געוואָרן, ר׳האָט נישט געוואָלט רעדן און נישט געוואָלט הערן קיינעם.

אויסגעניכטערט זיך פון דעם טשאַד, וואָס דער כעס האָט אין אים אָנגערויכערט, האָט ער אָנגעהויבן עפּעס מאַמלען. ער האָט געלייקנט פאַר די שטוביקע. ר׳האָט גערעדט — האָט ער געזאָגט — מיטן סאַמע עלטסטן.

מ׳עט׳ן בלויז פאַרהאַרכן און אַהיימשיקן דיר דעם זון. ר׳האָט ווידער נישט געקענט איינזיצן, חיים יאַנטשע און נישט געקענט איינליגן. ער וועט אָפּ־זוכן דעם אַלטן וויצענטי, זאָל ער אים זאָגן, פאַרוואָס זיי האָבן צו אים אַ שנאה, די שכנים, פאַרוואָס עס איז אים געקומען, אַז אַזאַ ראָצער, ווי זיין יאַנעק זאָל זיך דערוועגן אַזוינס.

דעם אַלטן יאַסעק האָט ער נישט באַגעגנט אין דרויסן און אין זיין שטוב אַריין האָט אים נישט געהאַרצט אַריינצוגיין. אין שלאָף האָט אים אויך געגעסן דער באַסט; ס׳האָט׳ן געחלומט ער קריגט זיך מיט יאַסעקן: ביסט פאַלש ווי דיין גלויבן. עך זאָגטער שטענדיק דעם „פּאַטשעזש״, צ׳טראָגט דעם צלם אויפן האַרץ, צ׳רעדט פון גאָט און הינטער דער סער־מענגע האַלט עך אַ מעסער קעגן אייגענעם. עשוו איז אַ ברודער יעקבן און דאַך!... וואָס, איך בין דיר אפשר נישט אַן אייגענער פונקט ווי דער סאָל־טיס לעלעוווסקי, ווי באַלעכאָווסקי? כ׳האָב געפּאַקט און געמאָזלט דאָ ווי אַלע און מיין פאָטער האָט אַזויפיל צושטייער געגעבן דאָ ווי ענקערע פאָטערס, הינטישע זרע!

— צ׳שטרייט׳עך, באַזשע יעדיני! ווו האָט עך דעם איינציקן גאָט, אַז די הערצער זענען ענק פונקט אַזוי ווערעמדיק ווי ענקערע פּיסקעס, פּשיאַ־קרעוו! — — —

יאַסעק האָט זיך נישט געקענט פאַרענטפערן, „עך, דו, יאַנטשאַ״, האָט ער אַ מרוקע געטאָן ווי אַן אָקס, פאַרדרייט די אויגן, אויסגעשפּיגן און אַוועק.

און וואַכעדיקערהייט:

— זיי זענען געמיין, — האָט חיים יאַנטשע פאַרצויגן די ברעמען און ס׳פּנים איז אים פינצטער געוואָרן. — אין איינס־צוויי קענען זיי זיך איבעראַנדערשן. ערשט איז ער דיר אַ פריינד, דער פּאָליאַק און אַז ס׳לוינט זיך אים — צומאָל פאַר אַ טרונק בראָנפן — ווערט ער דיר אַ דם־שונא. און נישט קיין פונק בושה אין די אויגן! ביטער מיט אַזעלכענע.

...פינף מעת־לעת האָט מען בערלען געהאַלטן אין דער טאָמאַשאָווער „קאָזע״. ער איז אַהיימגעקומען אַן אויסגעמאָגערטער. אַ העלפט איז גע־בליבן פונעם בחור. אונטער זיינע אויגן — גרויסע, שוואַרצע פאַדקאָוועס. ביז אַ שטיק אין טאָג אַריין איז ער נאָך דעם אָפּגעלעגן אין שלאָפבאַנק, און אַז ר׳איז אַרויס, האָט ער אויסגעמיטן מענטשן. מ׳האָט געמיינט: דער יונג איז קראַנק. וואָס עס איז מיט אים געשען דאָרט, האָט מען פון אים

נישט געקענט אַרויסקריגן. אין מיטנדערנאַכט האָט מען זיך אין שטוב אי־בערגעוועקט פון זיינע געשרייען. מ'האָט אויך געהערט, ער קריצט מיט די ציין אין שלאָף.

— מ'האָט אים אַוודאי געשלאָגן — האָט קלמן זיך פאַרטרויט פאַרן פאָטער און דבורה, וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָט זיך פאַרנומען צו וויינען. — מ'שלאָגט זייער אין פּאָליציע און מען וואַרנט אין דרויסן קיינעמען נישט צו דערציילן. אַנישט פּאַלט מען ווידער אַריין אין זייערע לאַפּעס.

מיט טרויער האָט געזעדט קלמן און נישט ווילנדיק אַריבערגעקוקט צו יאַסעקן. אוי, הינטישע צורה! ווי דער דזשאַבאַל דאַרף אַזוינער האָבן דעם סוף.

— פאַרשיווע שעפּסן, ס'זייער צייט! מיטן אַלטן וועל איך זיך גאָך גוט פאַרהאַרכן, — האָט עס פון ס'ניי אונטערגעהויבן חיים יאַנטשען. — צוגעראַכט אַ יונג! פאַרוואָס, פאַר וועלכע עוולות, צו אַלדי כאָלערעס!

פלוצלינג האָט דער ייד זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק אַ צערייצטער, מיט בלוט אָנגעגאָסענע אויגן, גלייך ר'וואָלט אָקערשט געקריגן אין די הענט אַריין דעם בעל־דבר אַליין.

די שטוב האָט זיך פאַרטייעט אין שווייגן, ווען דער אַלטער האָט גענומען שרייען אָדער בורטשען.

26

די פּרוי

...פּאַוואָליע האָט זיך איינגעשטילט די בהלה מחמת דעם טויט פון וואַלד־היטער זשעמבאַ און אין לאָקעטקע האָט מען אָנגעהויבן אַראָפּרוי־מען דעם האָבער און די הרעטשקע. דעם האָבער האָבן מיט קאָסעס געהאַקט די מאַנצבילן, ביי דער הרעטשקע האָבן זיך געזען ווייבער און אונטער־וואַקסנדיקע קינדער. אַ סערפּ איז לייכט אין האַנט. מיט אַ סערפּ האָט צו דער הרעטשקע זיך אַרויסגעלאָזן אויך חנה זילבער.

— כ׳בין טאַקע אַ ליידיק־גייערן, אָבער טאַטערקע־קאַשע עס איך זייער גערן, — האָט זי געזאָגט מיטן גאַנצן קיילעכיק שיינעם פּנים און מיט די אַנטבלויזטע אַקסלען — לאָזטס מיך אויכעט.

אויף אַ גרויסן הרעטשקע־לאַן האָבן זיך פאַרנומען שאַשע מיט דבורהן. ס׳איז שוין אַזאַ איינפירעכץ אין לאָקעטקע: הרעטשקע איז אַ וויי־בערישער ענין. בורעקעס און קאַרטאָפלעס רוימען אויך אַראָפּ די ווייבער. ס׳הויז פון די בילאַנדערס האַלט פון דעם מנהג. מאַנסלייט רירן זיך נישט צו צו דעם. חנה זילבער האָט אויך געוואָלט האָבן אַ חלק אין דער דאָזי־קער ווייבערישער מצווה. איז זי צוגעגאַנגען צו די הרעטשקע־שטענגלעך ווי זי וואָלט זיך געקליבן מיטן סערפּ צו האַלבירן עפּל: לייכט אַזוי, און אַנדערש ווי יעדע פויערטע. קלמן האָט זיך אָוועקגעשטעלט איבער דער פרישגעבאַקענער שניטערן און געלאַכט, ווי זי בייגט זיך איבערן פעלד.

— געלאַסן, — האָט ער געזאָגט — הענט שניידט מען נישט אַצינד! הענט מוזן נאָך שטיין אויף דער זאַנג.

— פאַניושו, אַ סערפּ איז נישט קאַ׳ בלייער. מיט אַ סערפּ גלעט מען איבערן קעפּל. זעט׳ס — ציק־טשיק! ציק־טשיק! — און ער האָט איר גע־וויזן ווי צו פירן ס׳מעסער.

דערנאָך:

— זי ׳עלן נישט טאָרן פריער אַהיימפאָרן צום פאַן זילבער, ביז דער רוקן וועט זיין צוזאַמענגעוואַקסן. אָט, אָט ברעכט ער זיך איבער, אמת?

— און לאַכט. די פירמע בילאַנדער, זאָגט ער לאַכנדיק, וויל נישט האָבן קאַ׳ פּראָצעס פאַר ברעכן רוקנס פון שיינע ווייבלעך. ס׳אי׳ באַטעמט אַ ביסל טאַטערקע, הע?

שאַשען האָט פאַרדראָסן, וואָס דער מאַן לאָזט לויפן ס׳מויל.

— וואָס ווילסטו, — האָט זי זיך אויסגעגלייכט איבערן לאַן — די זילבעראָווע גייט גאַנץ גוט מיטן סערפּ.

— מירן זי אויסשטעלן פאַר אַ גאַנצע פּייערטע, — איז קלמן נישט שולדיק געבליבן אַן ענטפער.

ס׳האָט טאַקע געבראָכן דער רוקן, אָבער דעם סערפּ האָט פּרוי זיל־בער נישט אַרויסגעלאָזן פון דער האַנט. עלעהיי אַביסל גימנאַסטיק, האָט זי אַליין געלאַכט און געשניטן פלינק, גלייך זי וואָלט זיך אַליין וועלן אי־בעריאָגן. אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך אַרומגעקוקט, ווי ווייט זי איז שוין

אַוועק איבערן לאַנד. אָ! דערזען בערלען אַן אויסגעלאָשענעם, האָט זי גע־פּרוּווט אים אויפמונטערן:

— פֿאַרמעסטן מיר זיך אפשר?

בערל האָט פֿאַרקרימט ס׳מויל אין אַ בלייכער גרימאַסע. לאַכן האָט ער הפּנים נישט קיין כּוח געהאַט. געענטפֿערט האָט ער אויך נישט. קלמן האָט זיך ווידער צוגעשאַרט:

— אפשר מיט מיר, פּאַני זילבעראָווע?

אין אָנבליק פֿון חנה זילבער איז קלמן געוואָרן זייער באַרעדעוודיק אין דער לעצטער צייט. דערזען זי, האָט ער נישט געקענט שטיין ביי זיין טועכץ. שטענדיק געהאַט איר עפּעס צו זאָגן, צו פֿרעגן. און האָט זי צו אים אויפגעהויבן דעם בליק, האָט ער זיך גערייטלט. זיינע־קלעך פֿלעגט ער מיט די שעמעוודיקע אויגן זי אויסמעסטן פֿון אונטן ביז אַרויף; מיט חשקות האָט ער געקוקט אויף אירע היפּטן, פֿאַרסליניעט זיך, ווען ער האָט געגאַפּיעט אויף אירע קרעפּטיקע פּיס. איר שטאַרק אָפּגעברענטער דע־קאָלט האָט אים געצייצט. אַנומלט האָט ער כּלומרשט אין קאַטאָוועס איר אומגעריכט אַ זאָג געטאָן: „היטן זי זיך, פּאַני זילבעראָווע, אַ בייס־ווע־רעמל איז אָקע־מ׳זעט אָט־אָ־דאָ אַריינגעפֿלויגן.“ איידער זי האָט באַוויזן זיך צו כאַפּן, וואָס ער איז אויסן, האָט זיין האַנט זיך אַריינגעגליטשט אין איר בוזעם. זי האָט קאַפּריז אויפגעשריגן: „אוי!“ — און דערלאַנגט אים אַ פּליאַסק אין באַק אַריין. „געדענקט — האָט זי נאָך צוגעוואָרפֿן — ס׳ווייב וועט עס וויסן!“

ס׳איז גוט געשען, קיינער איז נישט געווען ביי דעם. דער יונג האָט זיך אָפּגעטראָגן ווי אַן אונטערגעשאָסענער. אין מורא האָט ער אַ צייט לאַנג באַגעגנט שאָשען, נישט געוווען זיכער, צי זי ווייסט נאָך נישט פֿון דעם... זי קען זיך אומיסטן פֿאַרטייען, שאָשע. זי איז אַ שטאַרק קלוגע.

אין די גרויסע ליידיקע טעג האָט חנה זילבער זין נאָך פֿלייסיק גע־ברענט אויף דער זון; צוביסלעך האָט זי אויך „גימנאַסטיקירט“ אויף די הרעטשקע־לאַנעס און צוגעזען די קינדער. אין די פֿאַרנאַכטן האָט זי זיך אָפּגעפֿרישט מיט וואַלד־שפּאַציר. מיט קלמנען האָט זי זיך געברוגזט. ווי עס פּאַסט פֿאַר אַן אָרנטלעכער פֿרוי, וועלכע מ׳באַליידיקט אַזוי גראָב.

זי האָט זיך געברוגזט, אַז נישט ס׳ווייב און נישט די מוטער זאָלן עס באַמערקן. מיט אשרן איז זי, ווי שטענדיק זיך באַגאַנגען גוטפֿריינד־

לעך: „הערט נאָר, פּאַניע אשר". ער, פון זיין זייט, האָט איר געפרעגט: „ווי גייט עס איהן פרוי זילבער" אָדער — „זאָגן זי נאָר, חנה". און איז אשר צוגעקומען צו דער אָזערע, ווו זי האָט זיך פלאַזשירט אַ האַלב־נאַקעטע, פלעגט זיך נישט זעלטן הערן איר פּיעשטשענדיק, לאַקנדיק שטימעלע:

— מ'טאָר נישט, אשר! אַ מינוטקעלע... גייט נישט, כ'על שרייען.

אויף דער גיך האָט זי אַרויפגענומען אויף זיך דעם שלאַפראַק און מיט געמאַכטער רואיקייט, אַפּוואַרטנדיק, זיך אַוועקגעזעצט שפּילן מיטן זאַמד. און איז ער צוגעשטאַנען צו איר, אויף זיין אופן גערעדט, וואָס קיין פרעמד אויער דאַרף נישט הערן, האָט זי מיט אים פאַרלייגט אַ גאַנץ געטענהכץ.

— אויף אַ רעכטן אמת: אפשר וועלן מיר זיך האַלטן אַ ביסל מער פון דער ווייטנס, — האָט זי געשטיקט ס'קולכל און באַמ'ט זיך נישט צו קוקן אין זיין זייט. — ס'איז נישט פאַר אונדז, מיר זאָלן זיך אַזוי פירן. וואָס געווען, אשר, זאָל מען פאַרגעסן. לאָמיר רעדן ערנס'ז. איך האָב אַ מאַן און דו וועסט געפינען אַ פרוי. מיך לאָז אָפּ.

— ביסט גאַנץ געראַכט, חנה. אַלץ וואָלט גוט געווען, יוב איך זאָל דיך נישט ליב האָבן.

— אַ שיינעם דאַנק! — איז זי שוין דרייסטער — ס נעפעלט מיר זייער, אָבער קיין קליין מיידעלע בין איך נישט, מ'זאָל מיך דאַרפן פאַרנאַרן מיט אַ צוקערל. דערצייל נישט קאָ' מעשיות! קיין זיווג זענען מיר נישט, און גענוג גערעדט.

— אדרבא, דו רעדסט אַ סך. און דאַנקען וועסטו אַן אַנדערן. איך קען נישט אַנדערש. האָסט מיך אַזוי צוגעווינט צו זיך... דאָס, וואָס מיר האָבן אָפּגעשמועסט, איז פאַר מיר הייליק.

— גיי שוין! ס'איז פאַר אים הייליק... משוגע איז ער, כ'זאָל אַזוי לעבן! איך האָב זיך געמאַכט אַ געלעכטער און דו נעמסט עס ווי איינס און איינס איז צוויי. הער, קינד־לעבן, האָסט אַ טעות. איך קען זיך נישט לאָזן אויף דער גליטש.

— מיט איין מאָל אַ גליטש! וואָס איז געשען, חנה! זעסט דען נישט, איך גיי אַרום אַ פאַרדרייטער זינט ער איז געקומען אַהער, — און ער רוקט זיך צו צו איר.

חנה שטויסט אים אָפּ:

— אשר, כ׳על צונויפרופן מענטשן. נאָר פון ווייטנס!

זי האָט זיך אָפּגערוקט פון אים און געמאַכט אַ באַוועגינג, ווי זי גרייט זיך אויפצושטעלן; אים וועט זי לאָזן דאָ זיצן אייגעפּ אַליין. זי בלייבט אָבער קניען, אין דער־אָ פּאָזע קוקט זי זיך אַרום, צי קיינער הערט זיך נישט צו. דערנאָך זאָגט זי:

— אשר, לאָמיר בלייבן גוטע פריינד, אָבער נישט מער — און איר מיגע איז טויט־ערנסט.

עס איז אָנגעקומען סאַלטשעלע. זי איז כמעט נאַקעט, ס׳טיכל אויפן קאָפּ צעכראַסטעט און ס׳פּנים פאַרשוויצט. זי באַקלאָגט זיך אויפן ברודערל, באשר ער שיט איר זאַמד אויפן קאָפּ. „ער איז אַ סמאַרק. ער פאַרשטייט נישט, איך שעם זיך פאַר די מיידלעך, וואָס זיצן דאָרט. כ׳בעט אים „מאַרעטשעק, געגוג געבראָיעט, ווערט ער נאָך ווילדער“.

חנה האָט זיך אויפגעשטעלט, אשר נאָך איר. שלום געמאַכט צווישן סאַלטשעלען מיט מאַרעקלען און מ׳איז זאַלבעפערט אַוועק איבער די פעלדער. אַ מאָל איז גוט אַ קוק צו טאָן, וואָס עס טוט זיך אָט־אָ אונטער דער נאָז. ווי ערשט איצט באַמערקט — די פעלדער זענען שוין אָפּגעלערט, האָט חנה גענומען רעדן פון האַרבסט: דאָ גנבעט זיך דער אומעט. מ׳דאַרף אַהיימפאָרן, בפרט, אַז עס דערמאָנט זיך די מעשה־זשעמבאַ. לאָקעטקע געפעלט איר, נאָר אויב ס׳קענען דאָ אַרויסשפּרינגען אַזעלכע צרות, ווערט טרויעריק.

אשר וויגט מיטן קאָפּ. זי האָט גערעדט און אים האָט זיך געפּלאָנטערט עפּעס אַנדערש: „אַזאַ פאַרשוין! ער האָט זיכ׳ס געלייגט אונטערן אויער. יאַסעק וועט זיך שוין דערמאנען בילאַנדערן“, אָבער וואָס איז צו רעדן? זי, זאָל זי בעסער זאָגן ס׳איריקע. ער וואָלט געוואָלט מאַכן אַ סוף פון די אונטערשיסעלעך. גלייכער אַן אָפּענער איין־און־דרייסיק. פאַר צעקראָכנקייטן האָט ער נישט קיין געדולד. וואָס זי רעדט דאָרט!... מיט אַ מויל אָפּגעדעקטע געזונטע ציין האָט ער ציניש געקוקט אין איר פאַרברויגטן פּנים, וואָס איז צירלעך אַרומגעראַמט מיט פאַרטונקלט־בלאָנדע האָר. בראש איז זי אַזוי שיין געוואָרן, האָט ער אינדעם זיך געכאַפּט, אַז זי געפעלט אים מיט אַלע אירע ווייבלעכע רייצן.

באַמערקט, די קינדער זענען אָפּגעגאַנגען אַ שפּאָר־שטיקל וועגס, האָט ער איר געזאָגט מיט דעם זעלבן אָפּענעם שמייכעלע:

— האָסט אַ חן, דער רוח זאָל דיך נעמען!

— ביסט בלינד, אשר. פאַראַן שענערע.

— אַכיבע אויף געמאָלטע פּאָרטרעטן, — זאָגט ער.

— גיין, אויף די פּיס גייען זיי. אומעטום געפינסטו זיי, אשר. מיר גייסטו איינרעדן?

זי מעסט אים אָפּ מיט איר הייסן בליק.

— דיר איינרעדן? צו וואָס? דיר זאָג איך דאָס דעם אמת, חנהלע, — און ער וואַרפט איר אַריין אַ קוש. קוקט זיך תיכף אום, צי מ'האָט נישט באַמערקט.

— הער אויף! — איז זי בייז.

— איך האָב ערשט אָנגעהויבן, — איז זיין קול שוין געדעמפּט, להכעיסדיק. די אויגן לאַכן, די קינעז ציטערן צו.

— און געענדיקט! — מאַכט זי כמורע.

— וואָס איז די מעשה, לאַכטיקייט מיינס?

— איך זאָל דיר זאָגן? דו ווייסט עס גאַנץ גוט!

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און זי איז אַריינגעקומען אין ברען פון פּרע־טענזיע. און האָט שוין געהאַלטן דערביי, האָט זי אויסגעפונען אַ באַרג חטאים. ער איז אַ קנאַפּער איבערקלייבער, וואָס שייך פרויען. מיט יעדער מאַריאַנע איז ער קנעפּל־שבקנעפּל. מ'טייטלט אים שוין נאָך. ער איז טויב און בלינד, ער הערט נישט און זעט נישט, וואָס די שכנים, די פּשו־טע פויערן, דערציילן וועגן אים? ער וועט איר נישט איינשמועסן, אַז ער לויפט נישט צו דער און יענער. העלטשען קענסטו, יונגערמאַן, די פון מאַזשאַרניע? קסעניע דעם יעגערס האָסטו אַוודאי נאָך קיין מאָל נישט געזען, העי? און איינע זאָשע, די פון קאַמיען, הייבסטו אַוודאי נישט אָן צו וויסן ווער דאָס איז, אמת? דו ביסט אַ מלאך. אַלץ הערט זיך, אשר. ביטע שיין, איר אַרט עס ווינציק. געזינטערהייט, אַפילו צו הונדערט זאָל ער גיין. זי זאָל ער אָפּלאָזן. אגב, חנה זילבער איז שוין אָן אַלטע יידענע, צווישן זיי איז געענדיקט. זי בעט אים, אשרן: לאָזט מיך במנוחה, פּאַניע אשר. פון איר איז ער פריי; זי וועט זיין גליקלעך, אַז ר'וועט זיך אָפּזוכן אַ פיינע פרוי. ער איז נאָך יונג.

אשרן האָט פון דעסטוועגן דערשלאָגן דער יידענעס פּזמון. אין גע־צוווּנגענעם שמייכל האָט ער איר לסוף געפרעגט:

— אַלץ?

— ווי דו פאַרשטייסט. ביי מיר איז עס אַלץ, — און זי שטרעקט אים אויס די האַנט:

— מיר בלייבן גוטע פריינד, אשר. איך בין די פרוי פון דיין שותף, פרוי זילבער.

— זייער אנגענעם, שותפטע מיינע.

— נישט אויסצוהאַלטן מיט אים, — צענעמט זי אומבאַהאַלפן אירע הענט.

— ששאַ, רואיק!

ער האָט זי אָנגענומען ביי אַ האַנט און געצויגן אין וואַלד אַריין. זי איז נישט אומגערן געגאַנגען, כאָטש מיט די אויגן האָט זי זיך נאָך גע־ברוגזט.

עס האָט געשמעקט מיט זשיוויצע. פון דער נאָענט האָט זיך געהערט דאָס הילכיקע שפּאַלטן פון האָלץ. אַ האָלצפּיקער האָט זיך אָפּגערופן מיט זיין איינטאָניקן געפּיק.

אין מאָכיק־גרינעם געשלענג האָבן זיך געוויקלט די שטעגלעך אַרום די שפּאַצירנדיקע. אשר האָט געהאַלטן אין איין רעדן. ער מיינט נישט זי צום נאַר מאַכן. ער טראַכט נישט אַנדערש, ווי ער האָט געזאָגט. אשר איז נישט אַזאַ לאָבוז. זי איז אים טייער. די קינדער זענען אים אויך ליב ווי אייגענע. זי מוז אויפדעקן די קאָרט. הערשל דאַרף ענדלעך וויסן, וואָס עס איז צווישן זיי. ער וועט פאַרשטיין. ר׳איז דאָך נישט ערשט נעכטן געבוירן געוואָרן. ס׳עט טאַקע זיין פּריקרע, נו, קען מען זיך אַנדערש העלפן? זי וועט דאָך נישט גיין זיך שפּילן אין אַנטלויפן. בעסער אַזוי —

— חנה האָט באַגערט ער זאָל שווייגן און דאָ גרילצט ער איר אָן אַ מוח.

חנה האָט זיך געלאָבט מיט דער גרויסער רואיקייט פון וואַלד. אַלע בראַנדן איז מסוגל אָפּצולעשן אָט די שטילקייט, האָט זי געזאָגט. אשר האָט צו זיך צוגעדריקט חנהס אָרעם.

אין שטוב איז חנהן ווידער געוואָרן אַנגסטיק. ביינאַכט האָט זי צע־פּראַלט ס׳פענצטער. זי איז אויפגעלעגן און זשעדנע געעטעמט; אירע אויגן האָבן געגליט אין דער טונקל. אויף זיין היי־געלעגער אין שייער האָט אשר נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. אויף אים האָט אָנגעפּלייצט די נאָכאַ־נאַנדיקע רעגונג: ז י, און דאָס האָט אים נישט געלאָזן רוען: ער האָט זיך אויפגעזעצט און זיך צוריקגעלייגט. זי האָט אים גערופן אין בלוט. אויפגעשפּאַרט פּאַמעלעך ס׳טויער, האָט ער געבוקטערהייט זיך דורכגע־

קראָגן דורכן הויפל און מיט אַ שפּרייז אַרויף, זיך אַריינגעגליטשט אין דעם איינציק צעעפֿנטן פֿענצטער.

חנה האָט אַוועקגעדרייט דאָס פּנים. זי איז באַליידיקט.

מיט פֿיבערנדיקע שטערן האָט די נאַכט זיך געשפּיגלט אין די שאָטנ־דיק אויסגעשפּרייטע פֿענצטער־פֿליגל. דער הימל איז געווען ווייך שוואַרץ. אַ וואָלדיק לופֿטל האָט אַהער אַריינגעשוועבט צוזאַמען מיטן שאָרכן פֿון די געהויקערטע ווערבעס אויפֿן ברעג פֿון יעזשער.

...זי האָט אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אויף זיין מויל: ששש! דערנאָך האָט זי געלאָסן פֿאַרמאַכט ס׳פֿענצטער.

ערשט פֿאַרטאָגס איז זי אַריינגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן, מידן שלאָף. ווען זי האָט זיך איבערגעוועקט ביי האַלבן טאָג, איז מאַרעטשעק שוין פֿון דרויסן אַריינגעלאָפֿן אַ דעריאַכמעטער. אין די ווינקלען פֿון זיין מויל איז געווען פֿאַרבאַקן דאָס געלעכל פֿון קינדעריש צעשמירטן אייער־עסן.

— ווי דאָס זעט אויס, אַז די מאַמע שלאָפֿט, — האָט זי צו זיך צו־געצויגן ס׳ייִנגעלע און זיין פּנימל אַרומגעווישט מיט אַן איינגענעצטן ברעג האַנטעך.

— מאַמאַ, ווו איז דער טאַטע? — האָט דער קליינענקער אַרויפֿגע־קוקט צו איר פֿון צווישן אירע אָרעמס.

— ביסט גאָר אַ נאַריש ייִנגעלע! ווייסט דען נישט, דער טאַטעשי איז אַהיימגעפֿאָרן?

ווי געשלאָגענע זענען געפֿאַלן אירע רייד. חנה האָט דערשפּירט אַז פּלוצלינג איז עפּעס אויסגעהוילט געוואָרן ביי איר אין דער ברוסט. אונ־טער דער הויט האָט די הוילקייט געפּלאָמט. וויי, זי זאָל זיך נאָר נישט פֿאַרראַטן פֿאַרן קינד! ברענען איר כאָטש נישט די באַקן? פֿלינק האָט זי גערעדט, די הענט האָבן אומנייטיק זיך צעוויגט. זי האָט באַלד זיך גע־כאַפּט, אַז דאָס זענען די נעגל פֿון שרעק, וואָס שפּאַרן אויף איר. זי טאָר אַזוי נישט... אַ קינד פֿאַרגעסט גיך.

מאַרעקל האָט אומצופֿרידן נאָכגעקוקט דער מוטער, ווי זי האָט געגנו־מען זיך פֿאַרען אין שטיבל. קאַפּריז האָט ער זיך נאָך געאַמפּערט מיט איר:

— דער טאַטע איז יאָ דאָ. ר׳איז געשלאָפֿן ביי אונדז.

— גיי, גיי, קינדעלע. ס׳האָט זיך דיר געחלומט. מאַרעטשעקל וועט אַהיימפֿאָרן צום טאַטעשי. ס׳ייִנגעלע בענקט שוין צום טאַטע, אמת? און אים אויסגעקושט.

— זײַ אַ גוט ייִנגעלע, וועט מען אַהיימפֿאָרן צום טאַטעשי. ווילסט?

דער קלײנער האָט אַ ווײַל זיך פֿאַרטראַכט, אומעטיק געפֿינטלט מיט די אײגעלעך. דערנאָך האָט מען אים שוין געהערט מיט נײַעם טומל בײַ דער שטאַל. ער האָט זיך געשפּילט מיטן יונגן קעלבל, וואָס איז פֿריש צוגעקומען צו דער בילאַנדערישער באַלעבאַטישקײט.

◆

הפּנים — דער זומער גופא האָט עס שוין גענוג. ווי אַזוי דאָס האָט זיך אַ דרײַ געטאָן? טאַקע, די פֿעלדער אַרום ליגן לער, די בײמער אין סעדל זענען שוין טרוקן גרין; עס רײַפֿן די זויערלעכע פֿלײמלעך, די שפּעטע קאַרטאָפֿל וואַרטן אונטער די וויאַנענדיקע קזשאַקלעך.

אומבאַמערקטערהײט האָט אַלץ דאָ זיך געענדערט: שוין פֿריקרע די פֿאַרנאַכטן (ס׳גלוסט שוין נישט גײן אין וואַלד אַרײַן!), קילבלעך ווערן די פֿאַרטאָגן. טײל מאָל זעטן אויס: די זון פֿאַרשפּעטיקט זיך מיטן קומען. הײַנט איז זי אין גאַנצן נישט אַרויס. ס׳שמעקט רעגן.

פֿלוצלינג האָט פֿרוי זילבער זיך אַרומגעקוקט: ווי וועט זי זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַרן מאַן? שוין עטלעכע וואָכן, זינט ער איז אַוועק פֿון דאַנען; זי האָט צוגעזאָגט באַלד נאָכצוקומען און — זיצט נאָך אַלץ דאָ. וואָלט זי כאָטש געפֿונען צו אים אַ וועג דורך אַ בריוול! ס׳בעט זיך דאָ אַ תּירוץ, אלא נישט — גיט זי זיך אויס. אַרויסגעכאַפּט זיך ס׳פּײגעלע, עס וויל מער נישט צוריקקומען אין שטײג אַרײַן. ס׳ברויך גאָרנישט קײן באַלעבאָס. ס׳טראַכט אַפֿילו נישט, קעלטן וועלן אָנשטײן: קײן שום פֿרעמדער וועט נישט עפֿענען אַ פֿענצטער, אַרויסוואַרפֿן אַ קרישקע, אַ קערנדל... לאָקעטקע איז באמת אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל. זי קומט נישט צו דער וועלט און די וועלט ווײסט נישט פֿון איר. לאָקעטקע ווײסט דערהויפּט נאָר דעם שטײַערמאָנער מיטן ווײַסן אָדלער איבערן דאַשעק: באַווײַזט ער זיך מיטן צעטל „באַצאָל״, באַפֿאַלט אַן אימה. נישט אײנעם שוין אויסגעלײדיקט דעם שײַער, אַרויסגעפֿירט פֿון שטאַל די אײנציקע קו. ס׳אַ קלאָג! דאָס נאָענטע טאָמאַשאָוו איז ווײַט פֿאַר זײערטוועגן, סײדן — די נויט טרײַבט צו דער ווילאַנאָווער פֿאַבריק. אָ, זי ווײסט שוין די אַלע גליקן. בלויז פֿון געוועלבל וועגן פֿאָרט בילאַנדער אין שטאָט אַרײַן. מיט אים וואָלט זי באַדאַרפֿט האָבן מיטגעשיקט אַ פּאָר ווערטער. ער וואָלט׳ס שוין אַרײַנגעוואָרפֿן אין פּאָסטקעסטל. ערשט איז שפּעט. ס׳גײט צו ראש־השנה. זי וועט

אים מאַכן אַ סורפּריז, הערשן. דאָס וועט זיין ס'בעסטע: קומען אומגע־ריכט. זי וועט פאַרן, זי מוז. ד ע ר האָט זיך שוין צופיל צוגעווינט צו איר. פאַרגעסן די ווערקשטעל, אַראָפּגעוואָרפן יעדן עול. אַ שותף צום געשעפט! און ס'קען ווערן חשדיק. נישטאָ חנה, וועט ער זיך אַרומקוקן, און אשר איז נישטאָ. שלעכט... ער וועט זי דערפירן צו אַן אומגליק.

און ביי חנהן איז געבליבן: קודם מוז זי זיך צעקריגן מיט אים. וואָסי, אַ חזיר, ר'קריכט אַריין אין גאָרטן, מוז מען אים אַרויסטרייבן. חנה זיל־בער שטעלט צופיל איין.

ס'איז געקומען דערצו — אַט ברעכט אויס איר ירגזון — האָט חנה ווידער נישט געקענט ביישטיין דעם כוח, וואָס ד ע ר האָט אויף איר. ער איז שיין, ר'האָט קלוגע אויגן און יענע דרייסטקייט, וואָס קויפט אונטער.

און סוף־כל־סוף האָט זי זיך באַגנוגנט מיט הוילע אָנצוהערענישן. זאָל ער מער נישט קומען צו איר. זי איז צו שוואַך צו קעמפן מיט אים, אָבער ער דאַרף עס נישט אויסנוצן, אשר. ר'דאַרף האָבן איינזעעניש פאַר איר: דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי יענץ קרוגל. דאָס אויער קען זיך אָפּרייסן. וואָס וועט דעמאָלט זיין? ניין, ער האָט נישט קיין סיבה צו זיין איר אַזאַ שונא.

אַנשטאָט צו ענטפערן, האָט אשר זי אָנגעקוקט פון אונטער צוגעלענ־טע אויגנדעקלעך און ס'גאַנצע פּרצוף האָט שאַרף, ליכטיק געשמייכלט. דערפון האָט זי תיכף זיך דערשפּירט אַנטוואָפנט. איר איז פאַרגעקומען אַז דאָס אָקערשט פאַרטראַכטע איז גאָרנישט שייך איר, חנה זילבער, נאָר אַן אַנדערער, מיט עפּעס אַן ענלעכע צו איר. און זי האָט שעמעוודיק צו־ריקגעשמייכלט דעם דאַזיקן. דערנאָך האָט זי זיך אָוועקגעזעצט מיט אים שפּילן קאָרטן. סיי־ווי־סיי איז דער דרויסן אַ באַווייַנטער, לאָמיר זיך אַזויערנאָך פאַרגעסן.

— איר ווייסט, פּאַני בילאַנדעראָווע, די וואָרעם שמעקט. צי איז באמת שוין אַן עק פון זומער?

די אַלטע האָט אָפּגעקוקט פון הינטער די ברילן, וועלכע זי טראָגט נאָר ביי אַ געמיטלעכער שטובן־אַרבעט:

—ע, וואָס זי רעדן, פּראָשען פּאַני! ס'עט נאָך זיין גענוג וואָרעם. מ'עט נאָך שוויצן.

ווער עס האָט צייט געהאָט האָט זיך צוגעזעצט צום טיש קוקן, ווי

אשר שליידערט אַ קאָרט נאָך אַ קאָרט און זי, די טאָמאַשאָווערן, ענט־פערט מיט אַנטשלאָסנקייט:

— און איך האָב אַ שטיקל אייכל.

— אַן אונטער.

— צוויי טייז!

די גאַנצע שטוב ממש האָט זיך צוגעזעצט צום טיש. דער דרויסן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער שויב און זיך אויך צוגעקוקט.

זי, די שטאָטישע, איז קענטיק אַ בעסערע שפּילערן. זי נעמט אשרן ביים גאָרגל. א ראיה: אשר זאָגט אָפּט מאָל „כ'פּאַס" און לייגט נעבעך אַוועק די קאָרטן. און נעמט די פּאַני זילבעראָווע דאָס פּעשל אין האַנט, זעען די שטוביקע אין איר אַ היימישע. געווינט זי, טראַכט די בילאַנדע־ריכע, אַז די חנהלע האָט מזל. דבורה קוקט זיך איין בשעת־מעשה אין חנהלע זילבערס שיינע בלאָנדע האָר, וואָס זענען היינט אַנדערש פּאַר־קעמט: יונגמיידלש אַזוי ווי שעפּסנהערנער, אין פּלעכטלעך, אַרומגע־דרייטע אַרום די אויערן. פון קנאה, צי פון ליבשאַפט ווינקט דבורה צו שאָשען: — זע נאָר, וואָלט עמעצער געגלייבט, אַז דאָס איז אַ מאַמע פון צוויי קינדער?

— טפוי, טפוי, סאַרע טעם דאָס האָט! — שפּייט אויס קלמנס ווייב קעגן אַן עין־הרע.

מיד געוואָרן פון זיצן אויף אַן אָרט, זענען געוואָרן איבעריק די קאָרטן און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן: דער אָוונט רוקט אָן.

— פאַרשפּילט אַ טאָג, — האָט חנה געזאָגט אין שטוב אַריין. — אַ טאָג נאָך אַ טאָג און די וואָכן לויפן. מיט וואָס, אסור כ'וויס! מ'עט נע־מען די קינדער און זאָגן ענק אַ גרויסן שיינעם דאַנק און אַ גוטן תמיד. אויסגעזומערט זיך חנה.

די לייט האָבן זיך נישט געוואָלט לאָזן צו גלייבן, אַז דאָס רעדט די, וואָס האָט זיך אַזוי איינגעלעבט מיט זיי. ס'איז ווינציקער אומעטיק מיט אַזעלכער. פאָרט זי אַרויס, פאַלט צו דער ווינטער, דער לאַנגער, טרויע־ריקער ווינטער.

ווער עס האָט גערעדט, בכן זי דאַרף זיי נאָך נישט פאַרלאָזן, ווער עס האָט אַ טראַכט געטאָן:

— ס'גאַנץ גוט, מענטשן קומען פון שטאָט. ווער מיר גוטס גינט.

אַ גילדן אַן איבּעריקער פֿאַלט אַריין אין שטוב און אַ ביסל היימלעכקייט קומט.

שאַשע האָט זיך אָנגערופֿן:

— זי וועלן פֿאָרן געזינטערהייט אַהיים, פּאַני זילבעראָווע. איפּסיאַר מערטשעם וועט מען זיך דאָך ווידער זען ביי אונדז, אמת? אַנדערש ווילן מיר נישט טראַכטן.

אומעט האָט האַמעטנע אָפּגעברומט אין די רייד.

פרוי זילבער האָט געמאַכט אַ לויטערע מינע:

— מ'עט'ס דערלעבן, איז ס'יאָר נאָך גרויס. ביז דעמאָלט 'עט עץ נאָך קימען צו אונדז. ווי וואָאַט איז עס דען?

— ממאַ, — האָט די בילאַנדעריכע זקנהש געקוועטשט מיט די אַקס־לען — אינדז קאַ' טאַמאַשעוו?

ס'איז אַריינגעקומען חיים יאַנטשע, ס'איז געקומען קלמן — האָבן זיי געבראַכט די טריבקייט פון דרויסן.

— רעגענען 'עט נישט, — האָט געזאָגט דער אַלטער, — אויסגעקילט זיך מיט אַ מאָל! ס'פּזשיקרע.

— דער וואַרעמער פּיעקעליק פאַרגליסט זיך שוין, הע, טאַטע?

— ביים זינען ביסטו? — קוקט דער פאָטער אָן קלמנען מיט אַ בלישטשל אין די אויגן — נאָך צייט דעם ווינטער אַריינצופירן אין שטוב. מיינסט, ס'אי' מיר קאַלט? פּזשיקרע אַזאַ פּאַגאָדע אין מיטן דערינען.

ס'איז פאַרמאַכט געוואָרן די טיר, די שויבן האָבן זיך געמאָלן פאַרב־לאָז, גראָקייט האָט זיך געטראָגן פון די קולות. איבערן לייב איז אַדורך דער אומגעזעענער אָקער פון אומעט, וואָס פאַרגליווערט דעם בליק, רינצלט די הויט.

חנה זילבער האָט זיך געקאָרטשעט אין איר טראַכטן. ביי איר איז געבליבן — זי פאָרט. די קינדער האָט זי דערוויל אָנגעטאָן וואַרעמערע זאַכן, אויף אירע טונקל פאַרברוינטע פיס זענען שוין געווען אַרויפגעצויגן דורכזיכטיק דינע זאָקן. זי האָט זיך געדרייט אַריין און אַרויס פון איר שטיבל, געוואָרעמט זיך אין דער היימישקייט פון די שטוביקע און געגנ־מען זיך איינפּאַקן. זיי פאָרן! ס'הויז איז אויך שוין געווען גרייט אויף דעם.

די מניעה איז געווען — דער שבת, וואָס רוקט אָן. זיי וועלן זי נישט אַוועקלאָזן פאַר שבת, טענהן ביידע בילאַנדעריכעס און דער אַלטער זאָגט אויך עפּעס: נישט רעכט פון ענקער זייט. שבת! מ'זענען דעך יידן... און

זי, פרוי זילבער, לאָזט זיך צורעדן. זי האָט נאָך עפּעס אַנדערש געהאַט אין זינען: אין אַ מיאוסן טאָג וויל זי זיך נישט באַווייזן פאַרן מאַן. אַ טונקל וועטער לייגט זיך אויפן פּנים, עס כליפּעט פון געמיט. הערשן וויל זי אהיימפירן אַ ביסל היימלעכקייט. זעסט, הערשעלע, ס'אָנגעלייגט די טרחה און ס'איז נישט אַרויסגעוואָרפן ס'געלט. די קינדער האָבן זיך פּאַ־פּראַוועט אָן עין־הרע און זי... ער זעט דאָך אַליין!

זי וועט אים אונטער דער נאָז אַרונטערשטעלן די בוטלעס מאַלינע־זאַפּט, וואָס זי האָט געגרייט, בוטלעס קאַרשן, ווײַמפּערלעך, אַ שפּאָר זעקל געטריקנטע שוואָמען, אַ זעקל ניס.

— זעסט הערשעלע, כ'האָב מיר פאַרדינט ס'ביסן ברויט! הע, וויפל וואָלט דאָס געקאָסט, אויב מ'וואָלט עס געגאַנגען קויפן? און וואָס פּאַראַ פאַרגעניגן: מיט די אייגענע הענט געריסן... חנה קען נישט סתם פּוסטע־פּאַסטעווען! זאָגסט עפּעס? אַ שטיקל פּרנסה־געבער אשרס וואַלד.

ער וועט זיין צופרידן. זי וועט אים קושן, זי האָט אַזוי געבענקט. די בילאַנדערס האָבן זי נישט אַוועקגעלאָזן; זי האָט זיך פּשוט אַוועקגעריסן פון זיי. יאָ, און די קינדער וועלן האָבן צו דערציילן: טאַטאַ, זעסט, טאַטאַ, הערסט...

אין פרוי זילבער האָט וויברירט די שטים פון אַ פרייד, וועלכע זי האָט אויפגעוואַרעמט אין זיך.

— ס'גוט, הערשל שמייכלט... ער וועט זיכער שמייכלען.

...אַוודאי קלייבט זי זיך. אַ הויז וואַרט אויף איר.

◆

פרוי זילבער האָט זיך געפּאָרעט, זי האָט זיך איבערגעטאָן. ס'נישט צו פאַרלייקענען גאָטס טובה: לאָקעטקע, וואָס צווישן אַלטע וועלדער, האָט איר גוט געדינט (זי לאַכט אין זיך). זי זעט עס ערשט איצט. ס'זענען די וואָכן פּזרנות מיט דער פרייער צייט, מיטן נאַקעט און באָרוועס. לע־בעדיקער געוואָרן די אויגן; באמת, בלאָ, בלימלדיק בלאָ זענען אירע אויגן (אַ מאַנצביל קאָן זיך אויף דעם!), צעקוואָלן איז ס'לייב. געטאָקט איז זי חנה, כאָטש קיילעכדיקער זענען געוואָרן די גלידער. דעם געפּאָקטן דאָר־פישן שפּיגל וואָלט זי נישט געגלייבט. די קליידער זענען דער בעסטער עדות. זיי גייען נישט צו, ס'זענען ענג די נעט, כע־כעע. זי קוקט אין שפּיגל אַריין און לאַכט מיט אַ שטיקנדיק געלעכטערל.

— אַ נייעם אויסשטייער וועט זי דאַרפן זיך נייען!

זי לאַכט פאַר דער אַלטער בילאַנדעריכע, פּיעשטשעט זיך פאַר שאַ־שען און זאָגט אין קאַטאָוועס: „זאָל איך ענק בלייבן אַ גוטער פריינד פאַר אַזוינס? און מיין מאַן? ער וועט מיך צוריקטרייבן צו ענק! איך וועל דאָך אים בדיל־הדל מאַכן"... אין דער אמתן געפעלט זי זיך, חנה זילבער. דער פלעקיקער שפּיגל פאַלט איר ווידער אין די אויגן אַריין. זייער שיין איז די ברוינקייט, וואָס די זון האָט שיכטנווייז אַוועקגעלייגט אויף איר פּנים. פרוי זילבער פילט זיך ערשט לייכט אויף אירע גראַציעז געפורעמטע פיס און די הענט בעטן זיך שווימען.

אומגעריכט האָט דער שוויגעוודיקער בערל אַריינגעשטעלט זיין זויער פּנים אין איר בליק. זי האָט זיך אַזש איבערגעשראָקן.

— זי פאָרן שוין?

איר איז די צונג ווי געליימט. דער קאָפּ האָט מעכאַניש זיך אַ וויג געטאָן. וואָס דאָס האָט געדאַרפט באַטייטן, האָט זי אַליין נישט געוווסט. איר געדעכעניש צעוואַקלט זיך: עפּעס וויל ער. „געדענקסטו!... דערמאָנט זיך די פרוי פון שטאָט דעם מאַנס צוזאָג?" — — שוויגעוודיק איז געווען זיין בליק.

—מיר'ן אייך אַלעמען אַזוי דאַנקבאַר, — האָט זי קוים אַרויסגע־קריגן ס'וואָרט. — ווי אייגענע זענט איר אונדז נאָענט געוואָרן.

בערל, האָט זי געזען, גיסט זיך אָן מיט אַ פלאַמיקער רויטקייט. זיי־נע אויסגעצערטע באַקן צוקן קרענקלעך. זיין פאַרלוירענעם בליק האָט פרוי זילבער נישט אויסגעהאַלטן. פון דאָס ניי האָט זי זיך גענומען פאָרען ביי אירע פעקלעך.

אין געמישטע געפילן פון פרייד און אומעט האָט זי די לעצטע טעג אַרומגעשלייכט אַרום די הויזיקע.

— אוי, וועט מיר זיין באַנג. צוגעווינט זיך ווי צו אַ מאַמע...

פּלוצלינג האָט זי אַרומגעהאַלדזט די אַלטע ראַכל. פון גערירטקייט האָט די בילאַנדעריכע פאַרקרימט ס'פּנים, ס'האָט זיך געפּערלט אַ טרער. זי האָט די הענט אויסגעשטרעקט צו אַ שפּיץ פון פאַרטעך.

— אַ שאָד אַזוי געשווינד, פרוי זילבעראָווע, — איז שאָשע צוגע־שטאַנען מיט רגילותדיקער ליבלעכקייט. דבורה איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענע. ווײַלנווייז האָט זי אָן אַ זייט אַוועקגעפּירט סאַלטשעלען,

אין איר עפּעס אַריינגערעדט. אשר האָט געוואָלט אַריינברענגען הייטער־קייט אין שטוב, האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— און מיך חברה, באַווייזנט עץ נישט? כ׳בין דאָך נאָך אַזאַ יונגער בוים! — און אַליין געלאַכט.

די מוטער האָט דאָס מאָל געמאַכט אַ גרימאַסע און אין אַ נאָסן שמייכל אים אָנגעשריגן:

— געזען! ביסט מיר ס׳אויבערשטע פון שטייסל. אויף דיין חתונה ׳עט מען דיעך באַוויינען!

דערווייל האָט אָנגערוקט דער שבת. די זון האָט זיך באַוויזן לכבוד שבת: זי האָט געשטיפּט מיט ביי־ערדיקע ווינטלעך, זיך געחנדלט מיט דורכזיכטיק ווייסע וואָלקנדלעך. דער וואַלד האָט געלאָקט אין דער זוני־קער רואיקייט, און אין דער נשמה האָט געגאָגט: לאָז איבער אַ געדעכע־ניש פון זיך דאָ און דאָרט, וווּ דיין פוס האָט זיך געשטעלט, וווּ דער גע־דאַנק האָט אָנגעשפּאַרט. און אומעטום, דאַכט זיך, איז דאָ פאַרחתמעט אַ שטיק פון דעם ליבן זומער דער פרוי זילבערס. אומעטום וואָלט זי נאָך באַדאַרפט זיך באַווייזן. ס׳אַזאַ שאָד!... מיט אַ מאָל דערשפּירט די אויס־טערלישע נאָענטקייט פון דעם אָרט, פון די מענטשן, וואָס זענען דאָ פאַר־פלאָנצט.

אָפּגעגעסן ס׳מיטיק האָט חנה זילבער זיך אויפגעשטעלט פון טיש און היימישלעך געזאָגט צום בילאָנדערישן געזינדל.

— קומטס! לאָמיר אַלע מאַכן אַ שפּאַציר. מ׳עט גיין איבערס פעלד און איבער וואַלד. באַנאַנד וועט ס׳געזעגענען מיר אָנקומען גרינגער.

— שפּאַצירן?... חיים יאַנטשע האָט זיך געקראַצט די באָרד דאָרט, וווּ זי פאַרלויפט הינטערן קאָלנער פון העמד. דערנאָך האָט ער זיך צע־שמייכלט שלעפעריק: „יאָך וועל זיך גיין צולעגנען. יאָך פּזשעפּראַשע שטאַרק די פּאַני״... פּונקט ווי מ׳נעמט אַ לולב צום בענטשן, האָט שאַשע אויפגעהויבן ס׳קינד איןביידע הענט און גערעדט צו דעם: „מיר מיט אי־טשע מאַירלען וועלן באַגלייטן די ליבע געסט. מיר זענען נאָך צו קליין צו קענען גיין שטאַרק וויט.״ ראָכל איז געווען צופרידן צו קענען זיך דורכ־גיין. זי האָט אַרויפגענומען אויף זיך אַ שאַל און שוין געווען גרייט. קלמן האָט געקוקט אויף שאַשען, צו זען, וואָס זי טענהט. זי האָט אים געזאָגט: „זאָלסט גריסן פון מיר די מומע גאָלדע, אויך פון איטשע מאַירלען אַ גרוס״.

ער האָט זיך נאָך אָנגעפּולט די הויזן־קעשענעס מיט באַניעקערן און אַ פּיר געטאָן מאַרעקלען צו דער טיר: — מיר גייען!

ווי אַ טשאַטע עופות האָט די משפּחה מיט די טאַמאַשאָווער געסט איינס נאָך ס׳אַנדערע באַטראָטן ס׳טרעפּל פון דער הייזקע און געלאָזט זיך מיט די פעלדער. אַ שלעפעריקע האָט די זון זיך אויסגעצויגן איבער די געלע, אויסגעקראָכענע פלאַכן און ווי אַ קאַץ האָט זי זיך געפּרייעט אויף די זאַמדיקע לישייעס. פרוי זילבער קאָן זיך מיט דער קאַמיענער מחותנת־טע און זי וויל זיך מיט איר געזעגענען. ס׳ערשטע קאָ׳ קאַמיען, — האָט זי זיך אויסגעביטן.

מ׳איז געגאַנגען און ס׳האָט זיך נאָכגעטראָגן אַ שטיקל היימישער רעש. די ווייבער האָבן געשמועסט דעם גאַנצן וועג און די קינדער האָבן זיך געלאָזט הערן.

שאָשע איז מיט אשרן געבליבן הינטערוויילעכטס. רעדנדיק האָט שאָ־שע זיך פאַרגעסן. זי איז מיטגעקראָכן ביז אַריבער די בערגלעך. זיי האָבן געשמועסט וועגן תכלית. נישטאָ קיין עצה — האָט שאָשע אַרייַנגערעדט אין שוואָגער — זיי מוזן גיין פאַר־זיך. ס׳מוז דאָ זיין אַ שיעור. אַ קינדעלע וואַקסט אָנעהאָרע, טאַטע־מאַמען קען מען נישט תמיד קוקן אין האַנט אַריין. דער גראָשן איז בייטיק. זיי מוזן זיך שוין נעמען פאַר דער שטוב.

אַרייַנגערעדט אין שוואָגער, ווי זי וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף דעם. ס׳האַרץ אירס איז אָנגעווייטיקט. די היים, פאַרשטייסטו מיך, האָט נישט קאָ׳ איבעריקס און דאָ מוזן מיר נאָך צושטייער געבן אונדזערע מיי־לער. דער טאַטע זאָגט גאָרנישט, די מאַמע מאַכט נישט קאָ׳ חילוק, אָבער ס׳גייט נישט איבערן לב, האַרצעדיקער.

אשר האָט באַנומען: זי איז גערעכט, שאָשע. מ׳דאַרף אַרויסקריכן. ער, ער וויל נישט זיין קיין בעל־טובה. איך בין אַ ברודער, איך בין אַ שוואָגער, אַ פעטער און דו רעד נישט קאָ׳ סך. אַוודאי אַ פעטער, — און אַ שמיצל געטאָן איטשע מאַירלען אין פּנימל אַריין.

שאָשע איז אָוועקגעגאַנגען מיט אַ פאַרלייכטערט געמיט. ס׳שוין פאַר־וואָרפן אַ בריק. ער וועט זיך מוזן אומקוקן, אשר — —

אין דער היים איז בערל געבליבן איינער אַליין. אויף דער שוועל גליווערט ער, און אַז אַ שכן זעט אים, טענהט ער צו די היימישע:

— אַ פאַרפאַלענער דער בערעק. די ערגסטע קרענק, דער מוח!

— אַ סוף געמאַכט פון יונג, — האָט שאָשע אַ קלער געטאָן, ווען זי האָט אים דערזען אַ שטאַר פאַרקוקטן.

— וואָס ׳עסטו דאָ זען? קום אַריין.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ לונאַטיקער. — זעץ דיך, — זאָגט זי אים.

ער בלייבט שטיין. ס׳פּנים, די אויגן דריקן אויס דערוואַרטונג. ער וויל הערן, בערל.

שאָשע האָט גענומען מיט אים אייַנטענהן: „די שטאָט וואָלט פאַר דיר גוט געווען, בערל. דו מוזסט אַוועק קאַ׳ טאָמאַשעוו. וועסט ווערן אַ מענטש“.

ער האָט עפּעס געמורמלט און פאַמעלעך זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן דער שוועגערן.

אין דער גרויסער קיך־שטוב האָט דער שבתדיקער נאָכמיטיק זיך אָני־דערגעלייגט אויף אַ מידן דרימל. בערלען ווילט זיך נישט שלאָפן. ער האָט באַשיימפערלעך געטראַכט. שאָשע איז אַוועק. אין אַלקער האָט זי איינגעוויגט איטשע מאירלען. איטשע מאירל וועט אויסוואַקסן אַ שוואַר־צער, מיינט ער, ווי שאָשעס וועלן ווערן זיינע הערעלעך.

עס איז שוין געוואָרן אָוונט, און ער האָט׳ס גאָרנישט געוווסט. ערשט דער טאַטע האָט דערמאָנט: — חברה, הבדלה!

...נאָך ליכטצינדן האָט אשר זיך אויפגעכאַפּט, געזעגנט זיך מיט די שטוביקע און איז אַוועק צום וואַלדיקן וואַקזאַלעכל. ס׳האָט גראָד גע־גרינדלט דער הימל, האָט בערל געטראַכט — גרין איז האָפענונג.

27

צו תכלית

אשר איז אַוועק אומגעריכט, גלייך אַ שאַרפע דערמאַנונג וואָלט אים אַ טרייב געטאָן.

אין שטוב האָט ווידער זיך געפילט אַזוי, ווי ס׳וואָלט אָפּגעדעקט גע־וואָרן אַ ריס אין דער וואַנט. אָבער מ׳האָט זיך שוין צוגעוווינט צו אומעט.

איין דאגה האָט איצט געלעכערט דעם קאָפּ: בערלס אַרומגיין און קאַ־פּען; קלמנען האָט עס טייל מאָל געוועקט אין מיטן נאַכט: „בערל?" קיי־נער האָט נישט געענטפערט. קלמן איז אומרואיק. ר'האָט בפירוש געהערט, מ'גייט אַרום אין דער פינצטער.

דינסטיק, אין אַ מזלדיקן טאָג, איז אַוועקגעפאָרן פּרוי זילבער. חיים יאַנטשע האָט זי אָפּגעפירט מיט זיין פערד און וואָגן. דורכן וואַלד איז מען געפאָרן פּאַמעלעך, פּאַמעלעך. דעם גאַנצן וועג האָט ער אַריבער דער פלייצע געבעטן דער פּאַני, זי זאָל דערמאָנען אשרן: ר'האָט דאָ געלאָזן בערלען. ר'איז אַ יונגער יונג. מ'דאַרפן ראַטעווען. אפשר אין שטאָט אַ גוטער דאָקטער. זאָל ער זיך אַרומקוקן, אַהיימבאַפּעלן.

ווען חיים יאַנטשע האָט זיך צוריקגעקערט פון דער סטאַנציע, האָבן מאַנצבילשע טרערן אים געוואָרגן. כדי אין זיך צו דערשטיקן אָט־די שוואַכ־קייט האָט ער גערופן קלמנען און מ'האָט זיך געשטעלט צונויפלייגן די ערשטע קלעצער פאַר זונס שטוב.

חיים יאַנטשע האָט בגוואַלד געוואָלט איבערשניידן דעם גאָרגל פון דעם שטאַרקן טרויער, וואָס האָט זיך דאָ אַראָפּגעלאָזן. ער האָט געהייסן קלמנען אויפזוכן אַ טשאַרעק בראָנפן. זוך אין קעלער, פרעג די מאַמע! בראָנפן איז נישט געווען בנמצא אין שטוב; ראָכל האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש פלאַשן אַלטן ווישניק, ווײַמפּערלעך־וויין, עפּל־וויין. אויך זי האָט באַגערט אָנצופילן ס'האַרץ מיט אַ נייער שפּירונג פון לעבן. ער האָט אַ נעפּ געטאָן, אָפּגעשאָקלט זיך און געזאָגט צום זון:

— קלמן, מ'דאַרף ברענגען די מומע גאָלדע. ס'דאַך אַ שטיקל יום־טוב, אַז מ'הייבט אָן שטעלן אַ נייע שטוב. יידן ווינטשן זיך אין אַזאַ מי־נוט. גיי, זון!

קלמן האָט איינגעשפּאַנט ס'פערד און פון קאַמיען געבראַכט די מו־מע גאָלדע. ביידע מחותנתטעס זענען דערנאָך געשטאַנען אין דרויסן, ביי די פּאָדוואָלינעס פון אָנגעהויבענעם געביי און פאַרגאַסן האַרציקע טרערן. מיד געוואָרן פון וויינען, האָט די קאַמיענער אַלמנה אויפגעהויבן די איי־בערשטע ספּודניצע און פון אַ אונטערשטער קעשענע אַרויסגעשלעפּט אַ צונויפגעבונדן פּעקעלע אַסיגנאַציעס און דאָס אַריינגעשטופּט שאַשען אין האַנט אַריין:

— נעמט'ס צו, קינדער! צ'האָט דאָ צושטייער צום ברויט און זאַלץ, מיט וואָס אַ יידיש קינד באַגעגנט ס'מזל אין זיין נייער דירה. זאָל דער

רבונו של עולם העלפֿן! נאָר שוינט׳ס, לאַכטיקע, ס׳קאָפּ מזל. און אַ לעכטל זאָלט עץ חלילה נישט פֿאַרגעסן!

איר גרויס צעשווומען פּנים איז געווען נאַס פֿון טרערן און די נאָז איבערגעגאַנגען. זי האָט אַריינגעשנייצט אין אַ פּאָלע פֿון קלייד און גע־ווײנט פֿון נחת.

שאָשע האָט איר אָנטקעגן געטראָגן איטשע מאירלען און די קאַמיע־נערן האָט עס געבענטשט מיט איר פּשוטער בענטשונג:

— אַ ווױלער ייד זאָלסטו אויסוואַקסן און אַ זיידע זאָלסטו ווערן!

אין הויז איז געווען היימלעך אַ גאַנצן נאָכמיטיק. דער מומע גאָלדע האָבן אַלע דערנאָך אַרויסבאַגלייט ביז אַריבער די בערגלעך. קלמן האָט זי אָפּגעפֿירט אויפֿן טאַטנס וואָגן.

אויף צו מאָרגנס האָט מען זיך ווידער געשטעלט לייגן קלעצער פֿאַר קלמנס הויז.

— די וועגט פֿון אַן אייגענער שטוב זענען ווי די פּיס פֿון דעם מענטש. מ׳עט מיט גאָטס הילעף זיך ערשט קענען אַ ריר טאָן, — האָט אין קלמנען גערעדט יעדער נערוו. ער איז געווען מלא שמחה. ער האָט געקושט ס׳ווײב, באַפּאַלן קושן ס׳קינד. — ער ביים שטיקל ערד, זי וועט אַ ביסל שניידערירן — סגייעס האָבן גערן שאָשען, וועלן זיי זיך איינפֿירן אַ פּרנסהלע.

דער מענטש האָט געשוויצט, געשלעפּט קלעצער, געטעסעט, געזעגט, געקלאַפּט. די היימישע האָבן מיטגעשוויצט און ס׳האַרץ האָט זיך אָנגע־פֿולט מיט נייעם כּוח.

אַן אומגעדולדיקע פֿאַרן דרויסן, ווו עס טוט זיך פֿאַר איר געזינדל, האָט שאָשע געלאָזן ס׳באַלעבאַטישקייט, ס׳קליינטשיקע נישט געהערט ווײנען; זי האָט איטלעך מאָל אַרויסגעקוקט, ווי עס וואַקסן די ווינקלען פֿון זייער שטוב, זייער פּאַלאַץ. אין איר האָט זיך שוין געשפּינט דער חלום וועגן מענטשן פֿון שטאָט, וואָס וועלן צו זיי קומען אויף זומערוווי־נונג. עס וועט צופֿאַלן אַ גראָשן; אַ גראָשן צו אַ גראָשן און ס׳וועט זיך אָנזאַמלען אַ גילדן, אַ צענער גילדן, אַ הונדערטער. ס׳גליק קומט נישט מיט אַ מאָל אין שטוב אַריין. מ׳מוז ס׳גליק אויפֿכאַפּן. מ׳כאַפּט עס צווישן מענטשן און צווישן די אייגענע דלד־אמות.

איר שטוב, מ׳עט׳ס דערלעבן, וועט זי שטעלן אַנדערש. מענטשן וועלן ציען צו איר, ציען און ציען. גדולה וועט האָפנטלעך אַריינקוקן צו זיי. טרערן פון פרייד האָבן שאָשען געשטיקט אין דער קעל.

28

עס גייט אַ חורבן

שוין באַהאַלטן די קאַרטאָפל אין די ערד־גריבער, מיט ליים אַרומגעקלעפּט די פענצטער־ראַמען. טריב זענען די שויבן פאַרקוקט צו דער שטאָל, צום שמאָלן שטעגל אַראָפּ־באַרג. די זון קומט אין געלע פלעקן און אין מאַטע שאָטנס פון דער אייגענער אויסגעדאַרטקייט טוליעט זיך ס׳באַקעטע סעדל. די פּרעפּלענדיקע קעלטן, וואָס זענען אָנגעשטאַנען, דרייוולען זיך אין שטרוי־רויך, וואָס וואַקסט געדיכט איבער די שיפּע דעכער.

לאַקעטקע האָט שטאַרק פאַרשפּאַרט די טירן פאַרן נייעם ווינטער, וואָס זאָגט אָן באַצייטנס און פון וואַלד הייבט זיך אויף אַ פאַרנאַכטיק פרעמד שאָלן פון אַ האָרן, וואָס פרעסטלט אָן אין די ביינער. מ׳ווייסט: ס׳איז דער שטרענגער אָנזאָג פון די וואַלד־היטערס. אַ שפּענדל האָלץ וועט נישט זיין אין כאַטע, דער פראָסט וועט זיך אויסשפּרייטן, מ׳וועט פרירן, פּשיאַקרעוו. וואַיטשעך וואָנס ווייזט זיך אין דרויסן אַרויס אין זיין אַלטער סערמינגע און שעלט. צעטראָגט זיך דער רוף פון האָרן אין איין עק וואַלד, ענטפערט עס אין אַנדערן עק. די ווידערקולות רייסן זיך איבער די שלייפן, פויקן אין דער ברוסט. לאַקעטקע פאַרטייעט זיך. אין כאַטע בליקט אַריין די בעלמע־בלייכקייט פון פאַרבלאָזן הימל, ס׳בלוט קילט.

זינט זשעמבאַס שוואַרצן סוף, האָט ספּאַלע איינגעפירט אַ ניי פּירעכץ: זי האַלט אָן אין שרעק די אָרעמעלייט. לאַקעטקע, מאַזשאַרניע, קאַמיען, פּיאַסקי און איר אַלע קבצנים פון דער געגנט, זייט געוואָרנט נישט צו באַטרעטן דעם וואַלד אין טונקל פון דער נאַכט! פון אָוונט ביז פאַרטאָגס זאָל דאָ זיך הערן נאָר דאָס לשון פונעם היטער־האָרן און ס׳קול פון האָרבן משפּט. בייטאָג, נאַטירלעך, וועט דער היטער־הונט אייך שוין דער־

שמעקן און אין די ווילדע ציין ברעגגען אייך צום האָר פון וואַלדישן גע־
זעץ — —

פאַלט צו די פריע פינצטערניש, צעפּליוכעט זיך דאָס נאַגנדיקע שאָלן פון האָרן; זיין עכאָ פאַלט ווי שטיינער, אויסגעשפּיגענע פון דער סודות־דיקער, שוואַרצער ערד. ברייט צעקאָלערט זיך נאָך אַ וויסטער, טרוקענער דרויב פון אָוונטיקן וואַלד. אים גייט נאָך ווי אַ הוסט דאָס אויפרייסנדיקע קנאַלן פון ביקסן. באַלד אין תחילת אָוונט באַוויייזט ספּאַלע, אַז זי קען זיין אומבאַרעמהאַרציק. זי שיסט.

— אַ פּאַרכאַפּעניש אויף זיי! — בורטשעט וואָנס.

— האָבן נישט קאָ׳ תיפלה־גלאָקן, טרומייטערט מען, שיסט מען. אַ מאָדע זיך געמאַכט! — גריזשעט חיים יאַנטשען דער אומרו.

קלמן פאַרטייטשט אַנדערש דעם אָוונטיקן האָרן פון וואַלד: מע טרו־מייטערט פאַר דער נשמה פון דזשאָבאָל. דער לעסניטשי האָט אָנגעזאָגט: דערמאָנט, חברה, אייער פריינטל! ער איז געווען פאַרקנסט פאַרן וואַלד. קיין ווייב נישט געהאַט, קיין קינד. זיין גייסט איז געבליבן דאָ. לאָמיר אים ערן מיטן האָרן־רוף און מיט ביקסן שאָסן. אַלע בייזע רוחות וועלן פאַרשווינדן; דערהערנדיק דאָס וועט ער זיך באַפרייען פון יענע־וועלטיקן פיין און רו געפינען... קלמן שווערט, אַז ס׳איז אמת. דער אַלטער לודווי־טשאַק האָט׳ס געהערט פון אַ גאַיאָווע פון אַ ווייטער פאָרעמבע. אים אַליין, קלמנען, האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געחלומט אַזוי.

— אַ נאַר דאָס איז! — דערווידערט דבורה. — לודוויטשאַק איז בלינד, הערן הערט ער אויך שלעכט. אַן אויסטראַכטער דער אַלטער. זיינע מעשיות! מען טרומייטערט, אַז מען היט שטאַרקער ווי שטענדיק דעם וואַלד, מ׳זאָל נישט גנבענען קאָ׳ האָלץ. דער דזשאָבאָל ליגט אין דער ערד׳, ווער געדענקט אים? זי, דבורה, האָט אַליין געזען אַ גאַיאָווע אָנקור־מען פון פּיאַסקער פאָרעמבע, האָט ער זיך באַלד אָוועקגעשטעלט „בלאָזן שופר“. איידער דער עכאָ האָט זיך געזעצט, האָט אַן אַנדערער גאַיאָווע שוין אָפּגעענטפערט. פאַרנאַכט קריגן זיי אַליין מורא. זיי רופן זיך איבער, די גאַיאָוועס: „איך בין דאָ־אָ!“

— דאָ, דאָאָ, קאַלב נאַרישער! — באַפאַלט די מוטער דבורהן — אַוועקגעשטעלט זיך נאַרעצן. ס׳אַראַ געדולד דאָס האָט, און מיר ווערט דער קאָפּ צעשפּרונגען.

איבער דער שטוב כוואַליעט זיך די טונקלקייט. דאָס קול, וואָס האָט

זיך אָקערשט אָפּגעריסן, איז אָנגעטרונקען מיט ווייטיק; עס הודיעט אין די אויערן. בפירוש — עס הערט זיך די בילאַנדעריכע שלינגט טרערן.

— מ'עט דאָ איינגיין און אַ האָן וועט נישט קרייען, — איז זי אין דער שטיל, כמעט אין זיך, מרעיש עולם פאַר דער שטוב, וואָס אין סכנה. זי רעדט און עס דאַכט זיך: די פינצטערניש יוירט. דער חלל, אין וועלכן מ'קוקט אַריין, גיט זיך אַ ריר ווי אַ באַרג.

— געוועזן אַ ביסן צו לייגן אין מויל אַריין, זענען שדים געקומען דער־רויף... דערלעבט!

חיים יאַנטשע ליגט ערגעץ מיט אויפגעריסענע אויגן. דעם ווייבס טענה טרעפט אין אים. ווי לאַנג ער געדענקט, האָט זי טענות. ס'איז פּאַס־קודנע, קלערט ער, ס'איז דען דאָ אַן עצה? ער וועט זיך איבערמאַכן? הלוואי וואָלט ער געקענט. ר'וואָלט געגאַנגען מסחרן, נעמען אין אַרענדע אַ פּריצישן גאָרטן, מוז מען דאָך קענען.

ווער עס רייסט דעם בליק אין דער פינצטערניש אַריין און ווער עס דרימלט. ס'גוט צו דרימלען. ראָכל פּילט איצט מער ווי שטענדיק די גאַנ־צע שטוב אויף אירע פּלייצעס. איר האַרץ איז ווי אַ בלאָטער — ווער פאַרשטייט זי? קיינער ווייסט נישט איר פּיין! ביי איטלעכן קלאַפּט פון דעסטוועגן די ברוסט פון אומאויסגעדריקטן אומרו, וואָס גייט באַשיימ־פערלעך אַנטקעגן מיט אַ בלוטנדיק פּנים. פון אַלע זייטן ביטערע סימנים. ס'ווילט זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, מ'רופט זיך אָבער נישט אָפּ, אַבי דאָס איינגעשלאָפענע נישט אַ ריר צו טאָן. ס'קען זיך אויפהייבן מיט אַ ליאַרעם, אַז ס'גאַנצע דאָרף זאָל זיך צעהודזשען. ווייטיקן זענען דאָ אָנ־געקליבן פון לאַנג. זאָל עס ליבערשט שלאָפן... איטלעכער שפּירט דעם קגוף זאָרגן, יעדער שפּירט די אָנמאַכט אין אייגענעם בלוט. שאַשע צאַפּלט כסדר פאַר טרויעריקע רייד. לאָזט די שוויגער פאַלן אַ זיפץ, ווילט זיך איר אויפשפּרינגען. אָט שרייט זי אַרויס; זי וועט זיך קריגן מיט דער שוויי־גער. זי טאָר זיך נישט איבערנעמען. אין דער טונקל זיצט זי ווי אַן עוף. ס'זאָל איר נאָר נישט פאַרשאַדטן! זי איז אַ מאַמע פון אַ פּיצל קינד. זי מוז האָבן צו זייגן. זינט דעם עגמת־נפש מיט בערלען, מיט דער רעוויזיע אין שטוב, האָט די מילך געגומען איר אַוועקקומען. דאָס אומגליק האָט לאַ־עלינו פלינקע פיס. זיך אָנגעהויבן אין שטאָט און ווי אַ פייער איז עס אַריבער אַהער. זשיד! און מ'הרגעט, און מ'רייסט דעם ביסן פון מויל אַרויס. אַז אומעטום האָט מען אונדז פּיינט! ווו וועלן זיי זיך אַהינטאָן?

וויסטע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אין קאָפּ, דעם שאַרבן צעזעצט. אויך קלמנס קליינע געזינדל האָט פּלוצלינג זיך דערשפּירט באַדראָעט. געקלערט, זיי וועלן זיך אָנהייבן שטעלן אויף די פיס — נאָך פסח מער־טשעם פאַרענדיקן דעם דאַך פון דער שטוב — ערשט האָסטו דיר! יעדער טאָג גייע בשורות. יעדער גוי האַלט זיך פאַר אַ מצווה עפּעס צו דערציילן וועגן די יידן, וואָס פאַרא חשיבות זיי האָבן נעבעך. ווי אַ בראַנד־שרפה טראָגט עס זיך. מענטשן־שנאה, וואָס האָט שפּיציקע, קאַלטע אויגן, גיפּ־טיקע, שאַרפע נעגל. אַן אַלטע קרענק ביי די גויים און שטענדיק פרישן זיי דאָס אויף! — זאָגט חיים יאַנטשע. אַ מאָל הייסט דאָס ביילים, הייינט רופט מען עס פּזשיטיק, אַדזשיוואָל און היטלער. אַז זיי האָבן אַן עקלדיקן מאַצאָך, דאָס געדענקען זיי נישט, די פאַרכעוואַטע!

אין דעם ייד קאָכט עס. ער רעדט צו דער שטוב און ער טראַכט ס'טראַכטן פונעם זון, וואָס גייט ערשט אויף אַ נייער וועלט:

געמיינט, צום זומער, מ'זאָל עס דערלעבן, וועלן פון שטאָט קומען מענטשן אויף זומערוווינונג. די זילבערס וועלן נאַרייען. אַ גראָשן פון דעם, אַ גראָשן פונעם שניידערירן.

האַרבקייט זעצט זיך אָפּ פון די רייד און פון קלערן.

און ס'געוועלבל טריקנט. מיט אַ מאָל קען לאָקעטקע און קאַמיען אויסקומען אַן דער בילאַנדעראָווע. מ'ברויך שוין נישט אַז יאַנטשאַ זאָל ברענגען פאַרב פאַר וואָל, מ'זוכט מער נישט קיין לאַנדרין. עס פאַרמאַכט זיך אַליין בילאַנדערס געוועלבל. בילאַנדער דאַרף שוין נישט פאָרן קיין אָפּאַטשנע. אַלץ האָבן זיי אַצינד, די סגייעס. זעלטן עמיצער קומט נאָך עפּעס. די חובות, וואָס פאַרשריבן אויפן שקאַרמיץ־פּאַפּיר בלייבן אויס און ס'געדעכעניש ביי די פויערן בלייבט. זיי פאַרגעסן אַז זיי האָבן גענומען ביים ייד אויף באָרג און ביי דער יאַגטשעכע שווילט דער מוח פון קרענ־קונג. מירן זיך ברוך־השם עלטערן מיט די חובות, — זיפצט זי און ס'געוויין איז איר נעענטער ווי ס'געלעכטער. פאַרבלאַנדזשעט זיך די בילאַנדע־ריכע צו אַ פייערטע, דערמאַנט אין געלעכטערל אָנעם חוב — כלומרשט איז זי דאָ פאַרבייגייענדיק. חלילה, אומיסטן איז זי נישט געקומען מאָ־נען, די יאַגטשאָווע; טענהט די גויע, אַז ס'גערעטעניש האָט אָפּגעזאָגט. זי איז קוראַנט. קיין שום ייד האָט זי נאָך נישט באַגזלט. נאָכן „נייעם" וועט אין קעשענע אפשר זיך פאָפּראַוועך. זאָל זי נישט ציטערן, די קופּ־צאָווע, ס'וועט איר נישט פאַרפאַלן ווערן.

אומעטום איר אַזאַ צוזאָג, פון אין ערגעץ נישט מער ווי אַ גאַליק שמייכעלע. אַזוי גייט אויס איר אויסגעהאָרעוועט געלט, און אין הויז האָט מען לסוף איינגעזען: ס׳גייט אַ חורבן אויף אַלע האָפענונגען פון יאָרן. פון אַלעם שטשירעט איצט חוזק, חוזק פון מענטשלעכע לעבנס. זיי ווערן צע־טראָטן אין דער שטיל, אַ פויגל וועט נאָך זיי נישט קיין פּיפּס טאָן.

די יידענע האָט זיך געגעסן לעבעדיקערהייט. זי האָט געהאַט טענות צו זיך, למאי זי איז נישט געווען „מער מענטש" פון אים, דעם מאַן, למאי האָט זי געוואָרט אַזוי לאַנג. גיין אָנהייבן פון ס׳ניי איצט, אין אַזאַ צייט? ווו, מיט וועלכע כוחות? אַ סך צווייפל האָט געטאָטשעט ס׳האַרץ. דאָ וועלן זיי אויסגיין. ס׳איז קיין טאָג נישט געווען אין הויז, נישט קיין נאַכט. פון עגמת־נפש און פון די געשרייען האָט חיים יאַנטשע זיך געדרייט הינ־טער די ווענט, די שנור האָט זיך פאַרקייטלט אין אַלקערל, איינגעשטילט ס׳ווייַנענדיקע קינד מיט אַ לײדיקע ברוסט. מ׳האָט נישט געגעסן, נישט געקאָכט מעת־לעתן דורכאַנאַנד. אַ וואָר גיהנום געוואָרן די שטוב.

און דאָס, וואָס זי, די ביטער געפּרוווטע יידישע פרוי ראָכל האָט גע־זאָגט, איז נעבעך געווען אמת; סגייעס וויכן שוין אין גאַנצן פון דער קראָם. ווייזט זיך עמעצער אַריין, נעמט ער די שאָכטל דזשעגעכץ, לייגט אַוועק אַ העלפט, צי אַ דריטל פון מקח און גייט זיך אַוועק פאַרחוצפּהט. „היתכן, פאַניע?" ער גיט נישט מער. ווילסט כ׳זאָל רופן פּאָליציע? שפּע־קולירן, מייַנסטו, קען מען אייביק! ביי ראָכלען רייסט זיך אָפּ דאָס האַרץ. זיי ווילן אַלץ אָנקריגן אומזיסט! זע נאָר, ווי מ׳איז געווען בלינד! האָסט באַצייטנס נישט געזען די פאַלשקייט אונטערן חניפהלע. מיט אַ מאָל אַראָפּגעוואָרפן ס׳שעם־היטעלע. פון אַ יידן מעג מען רייסן, לעבעדיק לייב מעג מען שינדן — —

דרשנים זייערע פון שטאָט קומען קאַפּויר אין לאָקעטקע, אין מאַ־זשאַרניע. זיי גייען מיט שטעקן און טאָרבע איבער די דערפער און ברענ־גען מיט זיך די בענטשונג פון יעזוס קריסטוס. וואָרעמען זיך די הענט ביי אַ שיסעלע קלייען־באָרשט רעדן זיי וועגן געאייניקטן פּוילישן פאָלק, וואָס דאַרף זיך האַלטן נאָר אונטער דעם הייליקן צלם, וועלכער לייטערט די נאַציע אונטער אַלע אומשטאַנדן. דעספּאָטן זענען געגאַנגען אויף דיר, פּויליש פאָלק, יידישע בלוט־זייגערס זענען געקומען אויף דיר — אין חסד פון הייליקן צלם ביסטו געבליבן און וועסט בלייבן אייביק, פּויליש פאָלק. די געאייניקטקייט וועט דאָס פאָלק ענדלעך דערפירן צו אויסלייזונג. די

שעה איז נאָענט. וועסט פּטור ווערן פון דער יידישער אויסנוצונג. אַלע אומגליקן אויף פּוילן האָבן געבראַכט דער זשיד און דער אַנטיכריסט. אין שוץ פון פאָלק מוז יעדער ערלעכער קריסט, יעדע קריסטלעכע פרוי און קריסטלעך קינד אָפּהיטן דעם כלל פון צונויפגעקניפּטקייט פון פּאָליאַק מיט פּאָליאַק. „סוואָי דאָ סוועגאָ"* דאַרף פאַר יעדן פּאָליאַק זיין טייער ווי די פאַרשריפטן פון קאַטעכיזם. זאָלסט וויכן דעם ייד, פּאָליאַק, זאָלסט נישט קויפן אין יידישע קראָמען, זאָלסט נישט גלייבן דעם ייד — ער איז דיין שונא. יידן זענען פאַררעטערס. יעדער יידליק איז אַ יודאַש, וואָס וויל מיט דיר טרינקען בראָנפן און מאַכן מסחרים, כדי דיך צו באַשווינדלען. זיי האָבן אומגעבראַכט אונדזער דערלייזער, היינט ווילן די זשידעס פאַר־קויפן דאָס פּוילישע פאָלק צום באָלשעוויק — —

אין די זונטיקן און חגא־טעג ווייזן זיך אין לאָקעטקע כאָפּטעס יונג־וואַרג אין סקויטישע שאַלן, סטודענטן אין קאַנטיקע היטעלעך און וואַנ־דערנדיקע גלחימלעך. אַלע פריידיקן זיי אין די כאַטעס וועגן דעם קריסט־לעכן גייסט און פון דער הויכער שליחות פון פּוילישן פאָלק. יעדער טרעפט מיט אַ גוט וואָרט וועגן די זשידעס און ס'פּויערים־נאַמנות נעמט זיך אָן מיט פרומקייט.

דאָס קרעמל אין לאָקעטקע עפנט שוין אין גאַנצן נישט דעם לאָדן אין דרויסן אַרויס. קונים קומען מער נישט. אַפילו באַרגן זיך ביים ייד קומט מען נישט. דער יידישער זיפץ ווערט דערשטיקט אין די יידישע פיר ווענט.

וויצענטי יאַסעק כאַפּט זיך עפּטערס אין שטאָט אַריין. פאַר די שכנים ברענגט ער די נייטיקע זאַכן: דעם זייף, יענעם זאַלץ, אַן אַנדערן אָקעוויט און טיטין. פאַרדינען וויל ער נישט, זאָגט דער פּאַן וויצענטי. מיט צופרידנקייט נעמט ער פון איטלעכן דעם קריסטלעכן „גאָט באַצאָל". צעקוואָלן פון די „מצוות", וואָס ער טוט אין די שכנים, די גוטע קריסטן, לאָזט יאַסעק זיי אָפּ אין איינוועגס אַ סוד:

— אין שטאָט הערט מען ערשט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אמתע פייגעלעך די זשידעס. מ'האָט דערוויזן, אַז אַ זשידאָווסקע געשעפט האָט יאַרנלאַנג באַשווינדלט פּוילישע פאַראיינען פאַר קעגנזייטיקער הילף. צוגעשטעלט זיי כלערליי סחורות און די גאַנצע צייט גענאַרט. ערשט וועט זיין אַ גרויסע „ספּראַווע". פינף און אַ האַלבן מיליאָן זלאָטיס האָבן יידן

* יעדער צו ס'זייניקע.

געגנבעט ביי גלויביקע פּאָליאַקן. טאָק־טאָק, פריינדלעך, — פּאַרזיכערט דער פּאַן יאַסעק. און נאָך ווייסט ער: אונדזערע דעפּוטאַטן אין סיים שרייען: יידן זענען אומרחמנותדיק נישט בלויז אַקעגן די קאַטאָליקן; זיי באַגייען זיך רוצחיש אַפילו מיט די בהמות, וואָס זיי שעכטן אויף קאָשערנע. די קאָשערנע שחיטה איז אַ ווילדע זאַך, זי מוז אָפּגעשאַפט ווערן, מ׳פּייניקט די קו ביים טייטן! — — אומעטום זענען זיי, די זשידעס. זיי האָבן זיך צעלאָזן אין אונדזער פּאַטערלאַנד. אַלע באַנק־געשעפטן געהערן צו זיי, אַלע הייזער זענען יידישע, די פאַבריקן יידישע. פון אונדז האָבן די זשי־דעס געמאַכט סטרוזשעס צו היטן זייערע רייכטימער. פון קליינע קריסט־לעכע קינדער צאַפּן זיי אָפּ ס׳בלוט צו מצות. פייגעלעך וואָזשנע!

און אָפּגייענדיק אָן אַ זייט מיט זיין גאָענטסטן פריינד:

— הערסט, קאַיעטאַן, דו, וואָס לייענסט גאַזעטן, מעגסט דאָס וויסן: ס׳נעמט שוין אַ סוף צום באַליידיקן אונדז, פּאָליאַקן! מירן אַ מלוכה פון פּאָליאַקן. פּוילן איז פאַר פּאָליאַקן בלויז, און זיי דערוועגן זיך אונדז צו זידלען מיט חזיר. אַ זשידעק אין וואַרשע האָט מען שוין אַריינגעבראַקט אַ יאָר תפיסה פאַר דעם. אַ זאַסיע אייך, זשידעס, פון דעם אויסגעבלו־טיקטן פּוילישן פּאָלק! אַן עק צו דער יידישער ממשלה ביי אונדז.

יאַסעק וואָנסעס האָבן זיך פאַרסליניעט און די שכנים, וואָס האָבן דאָס געהערט נאָך דעם, האָבן געשאָקלט מיט די פּאַטלאַטע קעפּ:

— אָט אַזוי! זע נאָר, ווי די יידליקעס פּאַזוואָליען זיך!...

און מ׳איז שוין געגאַנגען נאָך נייעס און נאָך טיטין צו יאַסעקן. פון די וויטסטע גראַמאַדעס האָט מען אָנגעשפּאַרט קיין לאָקעטקע.

חיים יאַנטשע איז זעלטן שוין געפאָרן קיין אָפּאָטשנע. איטלעך מאָל האָט ער זיך צוריקגעקערט אַ צעבראָכענער.

— פון אָדזשיוואָל און פון קינסק שוין ווידער אָנגעקומען שוואַרצע בשורות. מיט דישלעס און אָרטשיקעס האָבן סגייעס זיך געוואָרפן אויף יידן און ווייבער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אויף די מערק מיט אַ ביסל צעלניק. די געמיינע יוכע האָט זיך צעקאָכט אין די ערלים. רוצחים געוואָרן, אַ שוואַרץ יאָר אויף זיי. אויסגעלאַרנט זיך!...

◆

צוקוקנדיקערהייט איז דער בילאַנדעריכעס געוועלבל איינגעשלאָפן און אין לאָקעטקע האָט אָנגעהויבן זיך ווייזן פּאָליציי.

— זשאַנדאַרן, זעסט!

— טאַטאַ, פּאָליציע! — איז יונגוואַרג מיט געשריי און פאַרוווּנדע־רונג אַריינגעלאָפן אין די כאַטעס — אויף פערד אָנגעריטן פּאָליציי!

— צו יאַנטשאַן מסתם —

ווער עס האָט צייט און ווער ניט, אַלצאיינס שטעלט מען זיך אין די פענצטער נאָכשפּירן וווהין פּאָליציע פאַרקערעוועט.

און זענען די פּאָליצייאישע רייטערס אַוועק צום בערעזע־וועלדל, וואָס פירט צו פּיאַסקי, איז שכן אַריין צו שכן און מ׳האָט גע׳האָט פון וואָס זיך צו סודען.

— מ׳מאַכט רעוויזיעס אין אונדזער קאַנט, קומיע. קאָמוניסטן פאַר־שפּרייטן דאָ זייער נעץ. מ׳באַדאַרף זיך אויסהיטן. אין גאָט דעם איינציקן לעטטערן זיי און שעדיקן דעם נאָראָד. אַלץ צעוואָרפט מען אין די כאַלו־פּעס, מ׳צעגראָבט די ערד אין די שטאַלן. מאַשינען, וואָס דרוקן זייערע בלעטלעך, זוכט פּאָליציע. די גאָטלאָזע און די זשידעס זענען איינס. דו זעסט, ווי דער יאַנטשאַ מיט די זינדלעך פאַרשטעקן די קעפּ! זיי שעמען זיך פאַר אונדז. מ׳האָט אַנטפּלעקט זייער פאַלשקייט.

— אוכ־כו־כו! אַזוי לאַנג און מ׳האָט גאָרנישט געוווּסט. געמיינט, אָרנטלעך זענען די זשידקעס.

— טיאַ, טיאַ, טיאַ. ווער עס ווייסט זיי נישט... ס׳ט געהערט? עט־לעכע פאַראָבקעס פון נאָוואַקאָווסקיס פאָלוואַרק האָט מען שוין אַוועקגע־פירט. זבישעק האָט אַליין געזען.

— האַ־האַ, זיי וועלן שוין אויסזאָגן, ווער עס פירט מיט זיי... אונ־דזערע זאָלן נאָר וויסן, ווי זיך צו באַגיין מיט אַזעלכע! אַביסעלע חכמה דערביי, פאַרשטייסט?

— מ׳וועט אויסרייניקן אַזעלכע.

פּאָליציי האָט עס געמאַכט שטיל. כלומרשט קוקט זי זיך אַרום אין דער געגנט; זי היט די אָרדענונג. די גרויסע פּיסטוילן, וואָס הענגען אויף זייערע ברייטע רימענס, קריכן אַלעמען אין די אויגן אַריין. די פּיסטוילן זענען מאָדישע, אַזוינע נאָך נישט געזען — און די דאָרפסלייט קוקן אויף זיי מיט פאַרגרעסערטע אויגן. זיי שיסן אַליין, די פּיסטוילן, אַ סך שיסן זיי. דער סאָלטיס האָט געזאָגט. אויף געוויס איז עס אַזוי.

די לאָקעטקער ציטערן: עמעצן האָט פּאָליציע אויפן אויג. נישט אומ־זיסט קומען זיי דאָ אַהער. ווער ווייסט, ווער עס איז פאַרמישט אין די

פאַרוואַרטע זאַכן! אַ סך קענען ליידן איבער איינעם. מ׳דאַרף זיך גוט אַרומקוקן. דער פאַן בוג* זאָל זיך דערבאַרעמען! וואַיטשעק וואַנסן נעמט די נכפה, אויב ס׳ווייב וואָרנט אים: „האָסט אַ גרויס מויל, וואַיטעק. נישט שטענדיק האָט דער אַדלער מזל זיך אויפצוהייבן. הערסט דאָך, וואָס ס׳טוט זיך. אין קרימינאַל אַריין שיקט מען. זיץ אָפּ, וואַיטעק!״

— זאָלן וועלן זיי מיר שיטן! אַ זשידאָווסקע ספעקולאַנט בין איך דען?

קלמן האָט געזען: ווען די זשאַנדאַרן זענען געווען אַריין אין וואַלד, איז דער אַלטער יאַסעק זיי פלינק נאָכגעגאַנגען. דער פאַן וויצענטי האָט סודות מיט פּאָליציע, האָט ער דערציילט אין שטוב.

— פאַר עמעצענס טובה וועגן באַמיט ער זיך מסתמא, — טראַכט ראָכל מיט ביטערקייט און אויף אירע באַקן ציטערט אַ פריש אויסגעשני־טענער קנייטש לענגאויס דער נאָז.

— וועמענען אַ טובה און וועמען אַן אומגליק — פאַרענדיקט שאַשע דער שוויגערס וואָרט.

— ס׳זאָל נאָר נישט אויסגיין צו יידנס קעפּ, — זאָגט קלמן. — האָט זיך געהערט פון פּזשיטיק, האָט אויף אַלע געגריזשלט די הויט. ראָ־דעם איז באַלד געווען אין סכנה, אָפּאָטשנע האָט נישט געקענט שלאָפן רואיק.

דער אַלטער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן:

— האָסט זיך שוין דערטראַכט, קאַלמע!

בערל פאַררוקט זיך אין אַ ווינקל און ס׳דאַכט — ער הערט אויף צו עטעמען.

דער טאַטע איז צו אים צוגעשטאַנען:

— נעם, בערו, און כאַפּ זיך אַראָן קאָ׳ טאַמאַשעוו. וואָס ׳עסטו דאָ זיצן מיט אונדז? אשר ׳עט דיך באַדאַרפן. ׳עסט זאַן פאַרנימען מיט עפּעס.

בערל האָט נישט באַלד געענטפערט. מינוטנווייז האָט אין דעם בחור זיך געצונדן ס׳בלוט. פאַמעלעך געטראַכט, געלאָסן זיך באַוויגן און גע־קוקט שטאַר, אַז ס׳האָט באמת זיך געקענט אויסווייזן, ער איז קראַנק. קראַנק זינט דעמאָלט, ווען מ׳האָט אים אַרויסגענומען פון שטוב. ער וואָלט געקרן אוועק אין שטאָט אַריין — האָט דער ווילן געטריפט אין אים —

* גאָט.

נישט ניחא אים דאָ צו זיין, דאָ איז מוראדיק שטיל געוואָרן; פּאַר אשרן האָט ער אַ פול האַרץ, ר׳דאַרף אים אַזויפיל לאָזן וויסן פון זיך. „ר׳וועט וואַרטן אויף אשרן. ער וועט זיכער קומען, טאַטע. ר׳האָט דאָך צוגעזאָגט. אַליין וועט ער נישט.“ אַז ער האָט נישט קיין כוח אַליין אַוועקצוגיין, דער יונגער בחור — דאָס זאָגט ער נישט. שווער צו פאַרלאָזן אַלץ; צונויפגע־וואקסן מיט אַלעמדינג. וועט ער זיך אָפּרייסן, האָט ער ס׳געפיל, וועט אַלץ דאָ בלוטיקן, שרייען. ער קען נישט, סיידן אשר וועט אים צו ערשט אויסהערן. זאָל ער זאָגן, צי ר׳איז נישט גערעכט, בערל. ער שפּירט אין זיך כוח, ער דאַרף אים צעבינדן אין זיך, בערל.

ער איז נישט מיט אַלעמען היינט, ס׳איז אים מאָדנע דושנע. אין הייסן שטאָל צינדט זיך נישט אָן אַ שוועבעלע. ער געדענקט עס געגוי. די אָנגעצונדענע לאָמטער טיקט זיך אויף דעמאָלט. די כוחות רינען אים אויס, ווי באַלד ער וועט נישט עפענען ס׳האַרץ. דאָס הויז און טאַטע־מאַ־מע צוימען אים.

אין די נעכט איז דער בחור געלעגן מיט וואַכע אויגן און דער קאָפּ איז נאָכגעגאַנגען זיין פיבערדיקן קלערן: ער טאָר נישט אַוועק; ער איז דאָ עפּעס שולדיק. ר׳מוז זיך צערעכענען. ר׳מוז זיך פאַרטרויען וועמענען. מ׳מוז קענען זאָגן, וואָס עס ווילט זיך זאָגן! דער טאַטע וועט דען פאַר־שטיין?... גלייכער ר׳זאָל נישט וויסן. קלמן וועט ציטערן פאַרן ווייבס וועגן, פאַרן קינד. אשר וועט׳ן פאַרשטיין.

אַליין האָט ער עס קלאָר נישט געוווּסט. זיין גאַנצער מהות איז פול געוואָרן מיט דעם, וואָס האָט ענדלעך פון אים זיך אַרויסגעבראָכן, באַקו־מען אַ נאָמען:

— נקמה.

ער מוז זיך נוקם זיין, בערל; אין יאַסעקן זיך נוקם זיין און אַז יאַ־סעק — וועלן אַלע קריגן ס׳חולה־נופל. אַלע זענען שולדיק אינעם גרויסן אומרו פון זייער שטוב, אין דעם אומעט, וואָס איז באַפאַלן די יידן פון אַדזשעוואַל, פון אָפּאַטשנע. אַלע די, וואָס נערן זיך נאָר מיטן בייז קעגן אַנדערע, אַלע מוזן אויפשווידערן. ער ווייסט שוין ווי אַזוי דאָס וועט זיין.

און ביי אים איז נולד געוואָרן אַן איינפאַל: ער דאַרף זיך מער ווייזן אין דרויסן, ער וועט זיך נישט גריסן מיט די שכנים; וועט אויף זיי קוקן און לאַכן.

ניכטערנע קלאָרקייט האָט גענומען באַוועגן מיט דעם בחור. די שכנים וועלן שטוינען און זאָגן:

— ווילד געוואָרן דער בערעק, אַ דזשיק.

בעסער אַזוי. זייער בייז געכפּלט אויף אונדזער האָס און — אפשר — וועט אַ היילונג קומען פאַר אונדזער צער. מוזן מיר שטענדיק אַרומגיין און מורא האָבן, שטיקן אין זיך די יסורים, ווי מיין מאַמע שטיקט עס אין זיך?... זאָלן זיי אויך דערשפּירן דעם טעם!

אין שטוב איז בערל ווייטער אַרומגעגאַנגען שטיל, גלייך ער וואָלט אין זיך פאַרדושעט אַ פלאַם. די היימישע האָבן באַמערקט: זיינע באַוועגונגען זענען געוואָרן לעבעדיקער, די גרימאַסן אומרואיקער. מ׳האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין מעמד. נישט ווילנדיק האָט זיך אַרויסגעריסן ס׳וואָרט: מ ר ה ־ ש ח ו ר ה. אַ מרה־שחורהניק. ס׳שלעכט מיטן יונג, — האָט ראָכל אַריינגערעדט אין מאַן. — נאָך דאָס האָט געפעלט. מ׳דאַרפן פירן צו אַ דאָקטער.

חיים יאַנטשע האָט געמרונצעט אין דער באָרד אַריין: „אַזאַ תל געמאַכט פון אַ יונג!״, פאַרשפּאַנט ס׳פערד און בערלען אַרויסגעפירט פון שטוב.

— מירן אַ קוק טאָן קאַ׳ טאָמאַשעוו. וועסט זען, בערו, אשר וועט דיך באַדאַרפן.

◆

זיי זענען געפאָרן מיט דער בילאַנדערוווקע.

פויערן, וואָס האָבן אין וואַלד געסדרט קוואַדראַטן ברענהאָלץ, האָבן זיך צערעדט:

— דער בערעק!... יאַנטשאַ פירט אים אַוועק צו אַ דאָקטער.

— ס׳גייט נישט גוט דעם בילאַנדער, — האָט עמעצער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט פון מיטגעפיל פאַרן געוועלבניק.

מיטיק־צייט זענען זיי אָנגעקומען אין שטאָט. ס׳אַן אַנדער לעבן אין טאָמאַשאָוו, האָט חיים יאַנטשע אַ טראַכט געטאָן. געוועלבער זענען אָפן, מענטשן גייען, טוען. אשר איז אַוודאי שטאַרק פאַרנומען. אין זיין אַרבעט האָט זיך שוין אַריינגעשניטן דער ווינטער.

פאַרפאָרן אין אַ זייטיקער גאַס פול מיט פרישע מויערן און אייזערנע באַלקאָנדלעך, זענען טאַטע און זון אַראָפּגעקראָכן פון פורל, גענומען מיט

זיך די בייטש. אַריין אין דער אומבאַקאַנטער שטאָטישער שטוב האָט אַלץ זיך אַ דריי געטאָן מיטן לאָקעטקער. אין אַ שמאָלער טיפֿעניש פֿון ווענט האָבן אַ סך טירן געשריגן פֿון דער־אַ פֿרעמדקייט. פֿון צעטומלונג האָט חיים יאַנטשע נישט באַמערקט, ווער עס האָט אים געעפֿנט (בערל האָט סיי־ווי נישט געקוקט, אומרו האָט אים געליימט; ער האָט זיך געלאָזט פֿירן). אין דער טיר האָט דער ייד לענגער געמוזט קלאַפּן, וואָרן דאָס מעלקן די קליאַמקע האָט אַ מינדסט נישט געהאָלפֿן. פֿאַרהאַקט! — האָט ער געברומט. ענדלעך אים אַריינגעלאָזן און דער עמעץ איז אַוועק ווי אַ וויכער. געבליבן שטיין אַ ווייל, האָט חיים יאַנטשע געגומען קלערן צי ער האָט נישט פֿאַרבלאָנדזשעט. דער ספֿק איז אים געבליבן מחמת דעם וואָס דער, וואָס האָט פֿאַרזיכטיק אויפֿגעשפּאַרט די טיר (געוויזן אַ שפּאַרע איידער זי געעפֿנט), איז נישט געווען דער טאָמאַשאָווער פּאַניע־לעב און נישט זיינס אַ קינד. און אין מיטן דערינען: ליכט האָט פּלוצלינג זיך אויסגע־שפּרייט — ווי אַ וואַסער האָט די ליכטיקייט קאַלט און בלייך אַ כליניע געטאָן און פֿון דעם אומגעריכטן שטראָם האָט אין חיים יאַנטשעס מוח־שיידל אָנגעשלאָגן אַ ליאַרעם: טאַ־טאַ!... ערשט זעט ער זיך אַרום — הויך קריכט דאָ דער פּולאָפּ, אָט בליקט אַרויס אַ צווייטער פּולאָפּ און מבולבלע לאָמפּן טומלען פֿון זיי — — געקוקט, אָנגעשטרענגט ס׳געהער און ממש פֿאַרגעסן אָן בערלען; געשפּירט האָט ער נאָר די בייטש אין האַנט און אַ קוועלעניש אין האַלדז. פֿון געפּלעפּטקייט איז דער ייד אויפֿ־געקומען ערשט ווען הערש זילבער איז צו אים אַרויסגעגאַנגען. זיינע טריב־גלאַנציקע באַקן האָט ער געזען ווי אין אַ שפּיגל, די אויגן זענען אים פֿאַרלאָפֿן; אייגצייטיק האָט ס׳דערווייטערטע, קענטלעכע קול אשרס גע־רעדט צו אים פֿון דער טיף פֿונעם קאָרידאָר:

— ביסט געקומען, טאַ־טע? שמאַ־לייכעם, טאַטע!!!

דער זון האָט זיך געפֿרייט מיטן טאַטן, געקלאַפּט אים איבערן אַקסל: טאַטע, טאַטע, אַרומגענומען בערלען און לייכט צעטומלט ביידע אַריינ־געפֿירט אין אַ זייטיקן צימער. ביסט מיד, טאַטע, זעץ זיך, בערו. וואַרט נאָר... וואָס הערט מען אינדערהיים? וואָס׳ט באַפֿוילן איטשע מאירעלע, אונטערגעוואַקסן אַ ביסל? לייכטע באַרוישטקייט האָט צעוויגט אשרס שטים, ס׳פּנים אים אָנגעצונדן און ער איז אַרויס פֿון צימער, באַלד צו־ריק אַריין, געוואָלט נאָך עפּעס פֿרעגן. „קיק נאָר, ס׳אַרע ווערטשאַפֿט״, האָט דער אַלטער געשטוינט איבער אַלעם וואָס האָט זיך אים געוואָרפֿן

אין די אויגן מיט אומגעווינטער שיינקייט. אַנצוזעטיקן מיט דעם האָט מען אים אָבער נישט געלאָזן קיין צייט. באַלד האָבן זיך אַרומגעשטעלט די לייטישע פּאַני זילבעראָווע און דער קליינער מאַרעק מיט די אויסגעשנאָבלטע, העזהדיקע ליפּן. און הערש איז געווען, און אשר, און אַלע האָבן גערעדט, געפרעגט. דווקא האָט חיים יאַנטשע געמוזט זיצן און אַלע — גלייך אויף אים: וואָס ׳עט ער זאָגן? ששאַ, דער פּאַן בילאַנדער דערציילט!

ער איז נישט קיין קינד, נאָר פון דעם אַרומשטיין דאָ, האָט דער מענטש זיך פאַרשעמט. געווען צעחושט. זיי מאַכן אים מיד. וואָס, משטיינס געזאָגט, האָט ער צו דערציילן? אַ ווייט דאַרף זיינס, ס׳נישט קאָ׳ וואַזשנע נייעסן. ער וועט זיינס גיך זאַלאַטוויען און אַהיימפאָרן — האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך און איז געווען זשעדנע אויף דעם, וואָס אשר טענהט, למאי ער איז אַהערגעקומען מיט בערלען. ר׳דאַרף פאַרשטיין, אשר...

— נישט געזאָרגט, טאַטע! מ׳עט שוין זען...

דעם יונג האָט ער אַ שפּיגל געטאָן אין זיין איינגעגליווערטן רעיון. דערפאַר האָט ער נישט באַלד באַמערקט ווי די זייטיקע צעגייען זיך און לאָזן איבער די לאָקעטקער פּנים אל פּנים. דערזען דאָס, האָט חיים יאַנטשע אַ באַוועג געטאָן מיט די ליפּן:

— גאָר אָרנטלעך!

צעעפנט די אויגן, שטאַרק געאָטעמט מיט דער נאָז, מיט דער באָרד און דער אַלטער איז געוואָרן פול מיטן אָנגעשטרענגטן וואַרטן אויפן זון. דאָס איז די שטאָט! מ׳הערט נישט אויף אים אַריינצורופן אַהין: „אשר, אַ רגע, אשר, אַנטשולדיק, בעט איבער די געסט אויף אַ מינוטעלע״.

...דאַכט זיך, אשר צערעדט זיך ערשט אַצינד, ווען ער האָט דערהערט אים עפּעס מאַמלען וועגן דער היים אין לאָקעטקע: עס איז געוואָרן גאָר מאַרקאַטנע, און די שכנים האָבן זיך איבערגעקערט.

אָקערשט האָט ער רעכט באַנומען, חיים יאַנטשע, וואָס דער זון מיינט: „מ׳עט שוין זען״... מיט די נעגל איז אויף אים אַרויף זיין צאַנקבדיק הויז, און ס׳האָט געדריקט זיין גרעסטע זאָרג: ב ע ר ל. שווער קראַנק דער יונג. דעם יונג מוז מען ראַטעווען.

אין בערלס בייזיין איז חיים יאַנטשען פון דעסטוועגן נישט געווען

ליב צו רעדן דערפון. געקוקט אויף אשרן און נאָר באַוועגט מיט זיינע הויכשטאַרצנדיקע ברעמען.

מסתמא האָט ער׳ס שוין באַנומען, אשר, — האָט דער אַלטער געלערט. „גוט, גוט״, האָט עס פאַרעקשנט נאָכגעקלינגען אין חיים יאַנטשעס פאַרטומלטע געהירן.

עס איז געווען שפּעטלעך אין האַרבסטיקן מיטנטאָג. מיט אַ פּליעסק וואָס שניידט זיך אין בלוט אַריין, ווי דער פּלוצלינגער קאַלטער אויפשריי פון אַ טשאַטע קראָען, האָט ראַפּטעם זיך אַראָפּגעלאָזן די טונקלקייט. דער פריער אָוונט האָט זיך געזעצט אויף די קעגנאיבערדיקע שוואַרצע דעכער. חיים יאַנטשע האָט זיך דערשפּירט עלנט; ר׳איז פרעמד אין שטאָט. אין דרויסן אַרויס ווילט זיך נישט קוקן און ס׳געעפנטע עלעקטרישע ליכט האָט געבלענדט זיין בליק. אין דער גרויסער דירה איז שרעקלעך אומהיימלעך געווען דעם דאָרפישן מענטש. אַזאַ ליידיקייט לויפט דאָ אַרום! עפּעס טוט זיך אין די ווייטע צימערן און ער שטערט; ער האָט נישט באַדאַרפט קומען. אים שטיקט דער רויש, וואָס ווערט דאָ אויסבאַהאַלטן פונקט אַזוי, ווי עס ווערט פאַר אים פאַרהוילן ס׳געטועכץ פון ספּאַלע. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, נישט ווילנדיק אַ שאַרפן טריט געטאָן. אָט, און ער וועט זיך אָפּרייסן פון דאַנעט. מבולבל זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט צום זון: „ני, בערו! אַ הויז, העז?״ דער בחור האָט געוויגט מיטן שטערן און נישט פאַרטראָגן דעם פאָטערס בליק. ער האָט געוואַרט אויף אשרן און אויך דער טאַטע האָט אויסגעקוקט אשרן. צעטראָגן פון דער צעשפּרייטקייט דאָ האָבן זיי נישט געהערט, ווי אשר האָט צוגעוואָרפן אַן אייליקן זאָג:

— נאָך אַ קאַפּעלע!

חיים יאַנטשע האָט נאָר געדענקט, דער זון איז פאַרשוווּנדן צו זיין פאַרנומענקייט.

געווען גראָד אַנהייב סעזאָן אין דער סוועטער־בראַנזשע. ס׳זענען אָפּגעפאַלן דער רוב יידישע אָפּנעמערס פון דער סחורה, וואָס ווערט פאַרטיק אין דער ווערקשטעל פון דער פירמע „זילבער און בילאַנדער״. אויף די מערק, וווּ יידן האָבן אויסגעפּאַקט זייער סחורה, זענען אָפּט אויסגעבראָכן רציחות. דאָס פּוילישע עם־רע האָט געשפּאָלטן יידישע קעפּ, צעטראָטן יידיש האָב־און גוטס און וואָס נישט צעטראָטן, איז צערויבט געוואָרן פון גיריקע. ס׳גאַנצע פּעבל פון דער מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן קעגן די יידן, וואָס האָרעווען ביזן זיבעטן שווייס אויפן פּיצל ברויט. די יאַרי־

דים זענען פול געוואָרן מיט נייע קרעמערס — כשרע פּאָליאַקן, וואָס האָבן גענומען האַנדלען אויפן אָרט פון די פּאָגראָמירטע משהס און ישראלס. די פריש־געבאַקענע סוחרים האָבן איצט באַלעגערט די יידישע בעלי־מלאכהס, געריסן פון זיי ס׳ביסל פּאַרטיקע סחורה. ס׳הריז פון די זילבערס איז נישט געווען קיין אויסנעם. אויך זיי האָבן געהאַט די זעלביקע קונים, פּאַר וועלכע מ׳האָט זיך געמוזט היטן. שפּיציקע אויגן האָבן זיי אַלע, פּאַר־ריסן זענען זיי, ווען זיי קומען אין אַ יידישער שטוב. מחמת דעם אַזאַ פּי־בער ביים אויספּאַרטיקן די סחורה; מ׳מוז באַהאַלטן, מ׳דאַרף נישט ווייזן, אַז ס׳איז דאָ אַזויפיל, וויפל יעדער וויל. עפּעס דאַרף מען לאָזן אויך פּאַר אַ ייד, וואָס שטעלט זיך איין ס׳לעבן, צו פּאַרדינען דעם גראָשן. דערפּאַר איז די טיר פּאַרשלאָסן פון אינעווייניק, דערפּאַר דאָס קרענקלעכע ציטערן ביי יעדן אומגעריכטן שאָרך.

מ׳האָט דאָ נישט קאָ׳ צייט, — האָט דער ייד זיך משער געווען און געזאָגט בערלען, אַז אַ דירה, וואָס איז צו גרויס, איז פּזשיקרע. אַזאַ באַ־שריגעניש, מ׳קען דול ווערן. צו וואָס? אסור כ׳פּאַרשטיי. מ׳זעט נישט, מ׳הערט נישט, דער מענטש פּאַרלירט זיך הינע. חיים יאַנטשען האָט גע־אָרט די אַליינקייט זיינע. ער איז געבליבן אויג אויף אויג מיט בערלען און דער קליינער מאַרעטשעק אַנטקעגן זיי אַ קוקנדיקער, אַ שעמעוודיקער. די דערווייטערטע צימערן האָבן זיך געהערט הייזעריק, פרעמד.

— כ׳על זאַלאַטוויען און אַהיימפּאָרן. זי קוקט שוין אויס... — האָט ער ווידער געקלערט, נישט געוואָלט מצער זיין בערלען, וואָס ער וויל אים לאָזן דאָ, אין דער אומהיימלעכער דירה.

דערנאָך האָט פון ס׳ניי זיך דערנענטערט דער טומל. ס׳זענען זיך צו־נויפגעקומען אַלע, וואָס זענען פריער זיך צערונען אין די ווייטע צימערן אַריין. ווידער גערעדט, אָפּגעגעבן די געסט ס׳זייעריקע — געפרייט זיך מיט זיי, אַנטשולדיקט זיך און ווי אומגערן דערמאָנט אָנעם טאָג, וואָס איז אַוועק אַ לעסטיקער ווי נעכטן, אייערנעכטן. געלויבט צו גאָט, מ׳קוקט נישט אָן זייערע פּרצופים, — האָט טיף אָפּגעעטעמט די פרוי זילבער און מיד זיך צוגעזעצט צו די לאָקעטקער. אָן אומגליק אַזעלכע קונים. ס׳שטינקט פון זיי, פּרימיסיאָן, דער בראָנפן. איז מען זיי משלח פון שטוב אַרויס, פּילט מען זיך ניי־געבוירן, זאָגט זי פרוילעך וואַרעם און חיים יאַנטשע שפּירט דאָ נישט דעם גרויל, וואָס דאָס ניי אַריינגעטראָטענע האָט גע־בראַכט אויף די יידישע היימען. ערשט דער מאַנצבילשער קרעכץ הערש

זילבערס, וואָס האָט זיך אַריינגעמישט אינעם גערייד, האָט פֿאַר חיים יאַנטשען אָפּגעגרילצט זשאַווערדיק און דערמאָנט דעם ווייטיק פֿון זיין אייגענער, פּינצטערנדיקער היים. מ׳מוז זיך יאַקאָש אַן עצה געבן, פּאַניע בילאַנדער. מיט טויט־אַנגסטן קומט עס אָן, נאָר אַ ברירה האָט מען? פֿאַר־מאַכן די ווערקשטעל, אַוועקלייגן די הענט, איז נישט פֿאַר אונדז געדאַכט. נאָך צו־קליינע גבירים, האָט הערש זילבער אַ לאַך געטאָן און אומעטיק געקוקט אויף חיים יאַנטשען מיט זיין גראָער, האַרטער באָרד. פֿרוי זיל־בער האָט מאַטלעך זיך אויפגעשטעלט מיט אַ שמייכעלע צו די געסט און איז אַרויס. דעמאָלט האָט אשר גענענט צום פֿאָטער און אויף ס׳ניי גע־קליבן זיך צו הערן פֿאַדראָבנע, וואָס ס׳טוט זיך אין דאָרף.

— נייס, וואָס פֿאַר אַ נייס? — ער האָט געציקט מיט די אַקסלען.

חיים יאַנטשע האָט פֿאַרן זון פֿירגעבראַכט אַלץ און געזאָגט, אַז יאַ־סעק האָט אַ בייזן כּוח. ער מאַכט זיך שוין אויף אַ געוועלב אין שטוב. פּאַוואָליע, כיטרע, טוט ער עס. ס׳זענען צוגעקומען די טאָמאַשאָווער קינ־דער. איטלעדס האָט צוגעוואָרפן אַ וואָרט, אַ פֿרעג.

ס׳גערעדעכץ האָט איבערגעריסן פֿרוי זילבער:

— שמועסן קען מען דאָך ביים טיש אויכעט, — און היימישלעך פֿאַרבעטן: — פֿראַשען! פֿראַשען!

זי האָט אין זיינען געהאַט כּיבוד, די באַלעבאָסטע. אין איינוועגס דאַרף עס טאַקע זיין אַ מאָלצייט פֿאַר די הונגעריקע. געקומען פֿון אַזוי ווייט, מוז מען זיי געבן אַ־ן מויל אַריין. זי האָט אַזוי ווינציק צייט, האָט זי זיך פֿאַר־ענטפֿערט, מ׳עט איר מוזן אַנטשולדיקן. פֿון דעם, וואָס איז דאָ אין שטוב, האָט זי צוגעגרייט. מאָרגן, מ׳עטס דערלעבן, וועט זי שוין פֿאַרבעסערן. ר׳פֿאַרשטייט, האָט זי געזאָגט חיים יאַנטשען: זי איז איצט אַליין, אָן אַ דינסט. די שיקסע איז אַוועק. מ׳רעדט זיי אָפּ נישט צו דינען ביי זשידעס. ס׳פּאַסט זיי נישט, ראַבעווען איז שענער, הרגענען איז גרינגער... אומע־טום מוז זי איצט גיין אַליין, אַלץ טאָן אַליין און אויף דער ווערקשטעל מוז מען האָבן אַן אויג.

— מ׳קען דען איר גלייבן? — האָט דער מאַן זיך געוויצלט און אשר, פּאַטשנדיק אין די האַנטפֿלאַכן האָט געשריגן, מ׳זאָל שוין עפּעס „זען אין פּיסק אַריין״. ווייט האָט אין בערלען אָפּגעהילכט דעם ברודערס געלעכ־טערל און חיים יאַנטשע האָט געשפּירט; אויף אים דריגעט אַ שמייכל. ר׳האָט זיך אינדעם דערמאָנט אָנעם פֿערד, וואָס איז געבליבן אויפֿן הויף.

קילבלעך אין דרויסן, האָט די שטוביקע מסיבה געלאָבט, און ווורשט און גענדזן־שמאַלץ מיט פרישע זעמל איז געווען געשמאַק פאַרן גומען פון די שמועסנדיקע. אַז די געסט זאָלן זאָט אָפּעסן און פאַרטרינקען מיט פריש־פאַרבריטן, געצוקערטן טיי, האָט אַכטיק געגעבן די באַלעבאָסטע. געטישט האָט זי אין אַן אַנדערן צימער, אַקוראַט זי וואָלט אויך מיט זייער איינגעזעסנקייט און מיטן שיינעם מעבל געוואָלט מהנה זיין די געסט. די שפע פון געקעכלטן האָלץ און די אָנגעפּוישטקייט פון די שטאָטישע שטובן האָט צעטומלט חיים יאַנטשען. פון אונטערן שטערן אָפּער געקוקט דאָ אויפן מיניעדיק שוואַרצן פּאָליר פון ברייטפּלייציקן מאָדישן קרעדענס, דאָ האָט געפּאַנגען זיין נייגיר דער געשליפענער קרישטאָל, וואָס גיסט זיך אײַ־בער אין כלערליי פייערן. ס׳איז אים אומהיימלעך געווען פון דעם וואָס ער וויגט זיך אויף אַ געבעטן, ווייכן שטול און פאַר זיינע מאַזאָלנע הענט שפּרייט זיך די שטייפע ווייסקייט פון טישטעך. און אומבאַטעמט ווערט דער ביסן פאַרן הונגעריקן מויל, אויב מ׳מוז דווקא זיך אומגיין מיט אַ גאָפּל. בערל האָט זיינע הענט געשפּירט לחלוטין איבעריק.

אויך דאָ, ביים איידעלן עסן, איז אין שמועס ווייטער געשטאַנען די לאָקעטקער שטוב: און איטשע מאירעלע רעדט שוין טאַקע? דבורה, זאָגט איר, דערמאָנט אונדז... אַ שאָד זי איז נישט מיטגעקומען! מיט שאָשען העפּט זי אויס אַ שיין טישטעך? נ׳אַוודאי, לענגערע אויפדערנאַכטן זיך געמאַכט. און קלמן קלערט טאַקע זיך אָהערצוכאַפּן? גאַנץ פיין... ס׳ליב און אומעטיק געווען ס׳שמועסן און — צום סוף — מיט אַ קרעכצל האָבן די שטוביקע צוגעוואָרפן דעם פרעג, ווען מ׳וועט ווידער אַ מאָל דערלעבן זיך צו זען ביי זיי, אין טאָמאַשאָוו. אוי, ווי זיי איז אָנגענעם! פון העפּ־לעכקייט וועגן האָט פרוי זילבער נישט געלאָזן בערלען זיצן אַ שווייגנדיקן. זי האָט אים צעעפנט ס׳מויל. צוגערוקט אַ שטול און זיך געזעצט ביי זיין זייט. דער בחור האָט זיך פאַרלוירן, זי האָט׳ן געמינטערט: „ס׳עט גוט זיין, פּאַניע בערל. נישט לאָזן זיך! ס׳לעבן האָט אַזאַ שוואַרצן כוח. מ׳מוז זיך ראַנגלען דערפאַר. אונדז שאַנעוועט מען אויך נישט; קיין איין טאָג האָט מען נישט קיין מנוחה. פון דעסטוועגן גייט מען, שרייט מען, מ׳מוז זיך אַרויסרייסן. אַ קלייניקייט: ס׳לעבן איז אַ מלחמה. אַז עס איז כדאי זעט מען דאָך. ווי מען מאַטערט ס׳ביסל יידן! שטייען זיי אָפּ?... אמת, ווער ס׳איז געשיקטער, דעם קומט עס אָן לייכטער. נישקשה, פּאַניע בערל, די שונאים וועלן נאָך פּלאַצן. איר זענט אויך נישט פון די, וואָס לאָזן זיך.

עפּעס אַ יונגערמאַן! אַן עברה, אַ זינדיקע עברה", — קוקט זי אויף אים מיט איר פולן מויל, און עס גליט דער בליאַסק פון איר פּאַרנטיקן גאָל־דענעם חן־צײַנדל. אויף יענער זייט טיש האָט עס געזעשט פון געלעכ־טער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אינעם געקלאַג אויף די ביטערע צייטן. חיים יאַנטשע האָט געבראַכט איבערן מויל די מעשה פון זיין ווייבס גע־וועלבל, וואָס שטייט שוין פאַרהאַקט, אויף טיר און לאָדן. די סגייעס האָבן זיך אָנגעפּרעסן מיט אומזיסטע יידישע פּראַצע, היינט לוינט זיך זיי שוין פיינט צו האָבן יאַנטשען מיט דער יאַנטשאָווע. מ׳פאַרגינט נישט דעם יידן זיין ביסן, האָט צוגעגעבן הערש זילבער. אשר איז געזעסן פאַראומערט, געקוקט אויפן מאָגערן ברודער און געקוקט אויפן פאָטער, וואָס אָקערשט אין ברייטן שטאָטישן ליכט.

הערש זילבער האָט באַנומען די בילאַנדערס, דעם טאַטן מיט די זין, וואָס זענען מיט אַ מאָל פאַרטרונקען געוואָרן אין האַרטן שווייגן. אַזאַ פלוצלינגדיק שווייגן גיט זיך אָפּ מיט אַ געשריי. אומגעריכט האָט ער זיך אָנגערופן:

— איר זענט אַ ווילער מענטש, פּאַניע בילאַנדער. מירן אייך בענטשן. איינגעבערענגט אונדז אַ טאָג באַלעמיסטווע.

מיט אַ חידושדיקן „היתכן" האָט דער ייד אויפגעשטעלט זיינע שטאַ־רע ברעמען. אשר האָט אים אָבער מקדים געווען.

— יאָ, יאָ, טאַטע, — עמעצער פון אונדז האָט געזאָלט זיך אַריינ־כאַפּן קאָ׳ לאָקעטקע. מ׳האָט פּשוט נישט קאָ׳ צייט, לייגט מען עס אָפּ פון טאָג אויף טאָג. ביסט געקומען ווי אין דער פּאה אַריין, בערל, — און אָנ־געשטעלט די אויגן אויפן ברודער. בערל האָט פּאַוואָליע אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אשרן. אויפגעהערט צו רעדן מיט די מענטשן, איז דעם בחור באַ־שיימפּערלעך אומעטיק געוואָרן אין דעם טראַכטן, וואָס ס׳טראַכט זיך אים.

פרוי זילבער האָט געהאַט רחמנות אויפן בחור.

— אויף אייך, פּאַניע בערל, וואַרט אַ שפּאָרע אַרבעט דאָ. ביי ענק איז היינט סיי־ווי נישט קאָ׳ געריים, ס׳וואָר?

אַז די מוטער האָט גענומען רעדן, האָבן זיך צוגערוקט די קינדער. „מאַמאַ, און די פּאַננע דאָרע?" — האָט זיך געבעטן סאַלטשע. אַוודאי, דאָרע וועט אויך קומען. דערווייל האָט מען גערעדט וועגן בערלען, וועל־כער וועט זיך „הי געפינען זיין אָרט" און ביי חיים יאַנטשען האָט זיך פייכט צעפינקלט דער בליק. כאָטש געזעסן אונטער אַ שטראָם רייד, האָט

ער אויף אַלעמען געקוקט מיט קרענקלעך צעשמייכלטע, שטאַרק פינקלענ־דיקע אויגן. דערנאָך האָט ער אומגעאײַלט געפרעגט, וואָס אַ שטייגער עס וועט זיין בערלס טוען דאָ. „אויף מאַשינען אַזוינע דעליקאַטנע קען ער זיך נישט, דער בחור מאַנער".

— אַ בוכהאַלטער, טאַטע, — האָט אשר אויפגעקלערט. — נאָך נישט קאַ' גאַנצער בוכהאַלטער, — האָט ער געלאָסן געגעבן צו פאַר־שטיין, — נאָר אַ העלפער דערווייל דעם בוכהאַלטערס. מ'קויפט וואָל, מ'פאַרקויפט סוועטערס, מ'צאָלט די אַרבעטאַרערס, מוז אַלץ פאַרשריבן ווערן. סומע צו סומע. צוויי מאָל אַ וואָך קומט אַ גלאָוונער, וועט ער דאָס אַריינציען אין די ביכער. די בוכהאַלטעריע דאַרף מען פאַרן „סקאַרב". פאַר פאָדאַטקעס...

חיים יאַנטשע האָט שווערמוטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט די סענ־קאַטע פינגער געגראַבלט אין דער פאַרקנוידערטער באָרד און אָפּגעזיפצט הויך, יידישלעך, ווי אין דעם וואָלט זיך אויפגעלייזט אַן איינגעבאַקענער ווייטיק.

דערנאָך האָט דער דאָרפישער ייד פון יוצא וועגן אַ ברום געטאָן וועגן צוריקפאָרן אַהיים, כאָטש עס איז שוין געווען שטאָק פינצטערע נאַכט. די באַלעבאַטים האָבן אים היימישלעך אויסגעמוסרט, באשר ער וויל זיי באַ־ליידיקן. ס'שטייט אים נישט אָן, הייסט עס, איבערצונעכטיקן ביי זיי. נישקשה, אַ געלעגער וועט זיך אָפּגעפונען און אַהיימפאָרן וועט ער מיט אַ גוט געזונט אַ טאָג שפעטער. ס'שאַדט גאָרנישט. אין דער היים איז נישטאָ וואָס איבערצוקלערן. ר'איז נישט געפאָרן אין אַ מדבר אַריין און נישט צו קאַ' פרעמדע.

דער לאָקעטקער האָט פאַרלעגן געשמייכלט אין די וואָנסעס אַריין און געזאָגט מ'יט אַ קרעכץ: ממאָ...

אשר האָט זיך אָנגערופן:

— נישט קאַ' סכנות, טאַטע, וועסט דאָ קיינעם נישט בדיל־הדל מאַכן. בערל איז סיי־ווי אַ היניקער. ער איז שוין נישט קאַ' גאַסט און צוליב דיר, זעסטו, וועט מען נישט באַנקראָטירן.

— אסור ווי חזיר, — האָט צוגעבאָמקעט הערש זילבער און מידיק־לעך אויפגעריסן די אויגנדעקלעך, וואָס זענען אים געוואָרן שווערער און שווערער.

אשר איז נאָך אַראָפּגעגאַנגען צוזען דאָס פערד אין הויף און די טאַ־

מאַשאָווער שטוב האָט זיך אויסגעלאָשן אויף נאַכט. אויף ריגלען, קייט־לען און קלאַפּ־שלעסער איז פון אינעווייניק פאַרמאַכט געוואָרן די אייזנ־געקאָוועטע טיר.

◆

צומאָרגנס האָט אין דער גרויסער דירה פרי זיך געעפנט אַ נייער טאָג פון האַרבסט־סעזאָן ניינצן הונדערט אַכט און דרייסיק. פון דאָס ניי איז אינעווייניק דערשטיקט געוואָרן דער רעש פון דער אַרבעט, און מ׳האָט איינס פאַר ס׳אַנדערע פאַרהוילן די שרעק פאַר אומגעריכטקייטן מצד דעם עם־רע, וואָס גייט אויף יידישע פּרנסות, אויף רציחות און גזלה. מ׳האָט מיט געהיטנקייט אַריינגעלאָזן די מענטשן, וואָס אַרבעטן ביי די שטריקער־מאַשינען, דרייען די שפּולרעדלעך, נייען און פּרעסן. מיט פּי־בער האָט מען זיך צוגעהערט צו יעדן קלאַפּ אין דער טיר. ד אָ ס האָט חיים יאַנטשע לאָקעטקער דאָ שוין נישט געזען. אויף זיין געשפּאַן איז ער דורכן וואַלד צוריקגעפאָרן צו היים און צו הויז. ער איז געפאָרן אַליין. דעם צווייטן זון זיינעם האָט אויך שוין צוגענומען די שטאָט.

איינער אַליין אַהיימצוועגס געוויגט זיך אויפן פורל, איז חיים יאַנ־טשע די גאַנצע צייט געווען צופרידן, כאָטש דער הימל איבער אים איז געהאָנגען אַ פאַרשרומפּענער, אַ טריבער. ער האָט באַזאָרגט בערלען. ס׳וועט זיין ווינציקער אומעטיק אין שטוב.

— געלויבט צו גאָט, כ׳האָב געטראָפן, — און דערשפּירט אַז אַ שטיק לעסטיקייט טייעט אויף אין אים. ער האָט אין זינען געהאַט ס׳טאָ־מאַשאָווער הויז, ווו דער זון איז געבליבן. דאָרט גייט אַ מלאכה, ס׳גייט אַ געשעפט און ביי אַ געשעפט וועט ער זיין פאַרנומען, בערו; ס׳וועט זיך „אוטשישן" זיין חולאת פון שווייגן און קנאַפּ עסן, קנאַפּ שלאָפן.

און נאָך איז דער מענטש געווען צופרידן, וואָס אין טאָמאַשאָוו האָט מען נישט פאַרגעסן אָן זיי. זיי האָבן געוואָלט קומען קיין לאָקעטקע: ער, דער פאַניע־לעב, האָט זיך פאַרנומען צו פאָרן, ס׳האָט זיך געריסן אהיים אשר. די מענטשן האָבן אָנגעהאָרע אַ פאַרדרייטן קאָפּ. ר׳האָט גוט געטאָן, ר׳איז געפאָרן. ר׳האָט זיי פאַרגרינגערט.

אַ פּשוטער דער הערש זילבער, אַ זון פון דער אָרעמשאַפט, ווייסט ער די חשיבות פון אַן אויסגעשטרעקטער האַנט פאַר די, וואָס ווערן גע־ברענט און געבראָטן אָן שום האָפענונג אַרויסצוגיין פון דעם. און די בּי־

טערניש וואַקסט באַכאַשעם. לאַקעטקע איז, ווערדליק דעם טאָמאַשאָווער, אַ שטיל פלאַקערנדיקער גיהנום, וואָס מ׳דאַרף דערשטיקן אָן יידישן שאָדן. ס׳אַן אָרט פאַר סאָסנעס און געווילד פאַר בייזע יעגערס. אַזאַ מקום דאַרף מען איינשלעפערן מיט די אייגענע הענט. געווען און אַ סוף. וועט מען עס נישט טאָן אַליין היינט, וועט עס מאָרגן דערשטיקט ווערן פון אַ שטאַרקערער קראַפט. דערפאַר — אַרויסראַטעווען פון דאָרט אַלץ, וואָס לאָזט זיך! אין שטענדיקער נויט קענען מענטשן נישט אויסהאַלטן. מ׳מוז זיך אַ מאָל אָנעסן, אלא נישט — ווערט יום־טוב פון פאַרברעכן. מ׳מוז זיי פון דאָרט אַרויסרייסן, די בילאַנדערס, האָט ער געטענהט, אויב זיי קענען אַליין נישט אַרויס ביי די גוטע־אחת. פאַרשטייסט: כלו זאַמד די ערד, פול ווילדע חזירים און ווילדע מנהגים. אַרבעט צו קריגן איז דאָך נישט שייך דאָרט און ברויט וועט נישט וואַקסן פון דיין טאַטנס אָרנטלעכקייט בלויז.

ער האָט אַריינגערעדט אין אשרן, ווען יענער פלעגט דערמאָנען: „ווער ווייסט, וואָס מ׳הערט אין דער היים?“

געגעבן זיין וואָרט דער לאַקעטקער שטוב, האָט ער זיין צוזאָג געוואָלט האַלטן, הערש זילבער, בפרט אַז ס׳האָט זיך פאַרצויגן ס׳שטריקל אַרום האַלדז; מ׳שפירט עס שוין אין שטאָט ביז גאָר. ווי זשע איז עס אין אַזאַ דאָרף, ווו יאַסעק איז דער גאַנצער מושל, און ער פאַנעוועט בחוזק יד. דער איינציקער ייד ווערט צעקוועטשט טאָג־איין, טאָג־אויס. אים, האָט הערש איבערגעחזרט, איז עס אַלץ איינס. קיין מאַיאָנטקעס וועט ער שוין נישט האָבן, ר׳האָט נישט געחלומט דערפון, געוואָלט האָט ער נאָר אַ ביסל מנוחה. היינט זעט זיך שוין, ווי עס האַלט. אויף יעדן שפאַן פוילישע ערד ווערט מען באַשפּיגן. זאָל מען כאָטש זיין אמתע פריינד איינער פאַרן אַנדערן! ער ווייסט, וואָס עס הייסט טאַפּן אַ וואַנט. אין אמתן איז אים איצט שוין נישט געלעגן אין זינען אַפילו די אַרבעט. אים, דעם אַרבעט־מענטש. ס׳האָט געטריבן דער אומרו פאַר דעם, וואָס בעט זיך אויס אַ ברייט געלעגער אויף יעדער גאַס, עס ליאַרעמט פון די קראָמשילדן און פון די אויסשטעל־פענצטער: זשיד... ער האָט אשרן נישט געלאָזן רוען און אַליין נישט געקענט שווייגן. ער וואָלט שוין לאַנג אַוועק אַרויסנעמען עמעצן פון דאָרט, האָט זיך אָבער די ענגעניש אויך דאָ אויסגעשפרייט ווי אַ שטעכיקע נעץ איבערן ביסל יידן. מ׳לאָזט נישט דעם קאָפּ אַרויסווייזן. אויף יעדן שריט איז מען געבונדן. דאָ וויל מען נישט פאַר־

קויפן אַ פּעקל וואָל, ווייל דו ביסט אַ ייד, דאָ מוז מען זיך אויסהיטן ווי פאַר אַ פייער מיט דער סחורה, וואָס מ׳טראָגט אַרויס פון שטוב: מ׳קען עס אָפּגיסן מיט וויטריאָל; כאַפּערס לויערן אין באַהעלטענישן, שטייען אין די טויערן, קומען קאַפּויער אין די ראָגעס; מען שלעפּט אַראָפּ פון גייענדיקע דראָזשקעס, מ׳פירט כלומרשט צו פּאָליציע אויף אויפצווייזן, צי ס׳איז נישט געגנבעטס, געשמוגלטס. מ׳גזלט, מ׳רצחנט אין נאָמען פון פּאַטערלאַנד, וואָס איז קלאָמפּערט געשטעלט געוואָרן אין סכנה מצד די יידן, די גרעסטע שונאים פון דער „אויטשיזנע״. און די הריגות אין די גאַסן און ס׳אַרומיאָגעניש מיט די באַאַמטע, וואָס זוכן ביי אַ ייד אַ לאָך דאָרט, וווּ עס איז אייכל־גאַנץ! נאָר דער שר־הרשעות האָט געקענט אָנברענגען אַזויפיל חשכות.

מחמת דער אומגעריכטער גענוגטואונג פאַר דער אייגענער מענטשלעכער גוטסקייט האָבן די טאָמאַשאָווער זילבערס איצט לייכטער אָפּגעאָטעמט: כאָטש גוט, דער בערל. נישט קיין היימישע, נאָר אַז לעבעדיקע באַשעפענישן דראָעט אומקום, וואָלט מען זיי נישט געהאָלפן מיט עפּעס...? טעג דורכאַנאַנד האָט הערש געטענהט ס׳זעלביקע צום ווייב און צו אשרן: „איך האָב נישט אַזאַ יאַנדעס. זע איך נישט, טוט עס נישט אַזוי וויי. אַ מענטש אַ געקוועלטן אַז מ׳קומט אַנטקעגן אַפילו מיט אַ וואַרעמען בליק, ווערט אים אויבעט גרינגער. וואָסי, מיר זענען ווינציק געבריט, אין ווייַן האָט מען אונדז געבאָדן? אין אַזאַ צייט דאַרף מען געדענקען״.

געדרייט זיך צווישן די וואָל־פּרעסנדיקע שליטן־מאַשינען און די טישן פון די אויספּאַרטיקערנס, איז הערש אַלע מאָל צוגעגאַנגען צו בערלען, גוטפריינדלעך געווונקען צו אים און דערנאָך הויך אויפן קול געפרעגט, ווי עס שפּירט זיך דער פאַרשרייבער פון זיין, הערשס, קבצנות. די אַרומזיצנדיקע האָבן געלאַכט, מיט נייגיר אויפגעהויבן די בליקן צום שותּפס ברודער, ווי זיי האָבן צווישן זיך געופן דעם נייעם מענטש אין הויז, און ס׳הויז איז אין אַלע זיינע ווינקלען געווען פול מיט ווערקשטעל, מיט פאַרטיקע סוועטערס און פּעק וואָל. בערל האָט זיך פאַראייגנט דעם רויש פון דער שטאָטישער דירה, צוביסלעך באַקאַנט געוואָרן מיט די מענטשן און אָפּטער זיך געלאָזט הערן מיט אַ וואָרט, מיט אַ פרעג. צו הערש זילבער האָט ער יעדעס מאָל פריי צוריקגעשמייכלט און דערשפּירט אין זיך אַן אינעווייניקדיקע פּולקייט. ס׳איז געווען דער שטאָלץ פון דעם, וואָס ער איז דאָ נייטיק, עס קומט צונוץ זיין געלאָרנטקייט.

בערל האָט אויף אַלץ געשמייכלט פאַרלעגן. די פאַרטוענע מענטשן האָבן זיך צוגעקוקט צו אים און אין זיך אַריינגעגעסן די גלעלעכטערס, וואָס האָבן געשפּריצט פון זיי מחמת געוווינשאַפט צו לאַכן, ווען מ׳זעט אַזאַ שמויגער. היינט האָט מע זיך געשעמט מיט סתם געלעכטערלעך. מ׳איז געווען שטאַרק פאַרנומען אין דער אַרבעט, וועלכע עס האָט געמאָנט דער מאַרק פון די ניי־אויפגעקומענע סוחרים און — כאָטש שלעכט, כאָטש ביטער, האָט מען זיך נאָך געוואָלט פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט. אגב, גאָרנישט איז היינט געווען ניחא. מ׳האָט זיך געשפּירט יידן, געפּלאָגטע יידן. מ׳מוז זיצן פאַר־זיך, וואָס ווינציקער זיין אָנזעעווודיק. דערפאַר גאָר קנאַפּ ס׳געזאַנג פון די מיידלעך און יונגעלייט, וואָס האָבן ליב צו טאָן מיט לעבעדיקע הענט, לעבעדיקער ברוסט.

אַ בליק געטאָן צום נייעם, צו בערלען, האָט ביי איטלעכן דאָך זיך אַרויסגעכאַפּט עפּעס אַ זאָג, וואָס האָט אויף גיך אויפגעזאָטן מיט אַ כי־כיקען.

— ער טערכנט ווי אין ליים אַריין, דער קליינער שותף.

— ר׳ווייסט ווער ס׳האָט׳ן געטאָן?...

— שאַ, דער בויכהאַלטער גייט צו!

און אַריינגעלאַכט איינער אין צווייטן, באַהאַלטן די אויגן.

חנה זילבער האָט עס באַמערקט, האָט זי בערלען אויסגעקויפט ביי די לאַכערס.

— אַ קלוגער יונגערמאַן דער, כאָטש פון דאָרף. וואָרט׳ס, ער וועט נאָך ענק אַלע פאַרקויפן.

בערל איז געווען פאַרטאָן ביי ס׳זייניקע. געשריבן, געטינטלט דאַ־טעס, נעמען, ציפערן, געלט, סחורה, וואָל — דאָס אַריינגעקומענע, דאָס פאַרקויפטע, די אויסגעצאָלטע שכירות און ער האָט נאָך געפונען צייט אַ קוק צוטאָן צו די מאַשינען, אָפּגעשטעלט זיך ביי די שפּולרעדלעך. ביס־לעכווייז און ס׳איז געוואָרן קענטיק אַז אַן אייגענער איז אָנגעקומען אין ווערקשטעל אַריין. פּאַוואָליע איז פונעם בחור אַראָפּגעפאַלן די בעלמע פון דאָרפישן פערדל, וואָס אַז ס׳קומט אין שטאָט אַריין, זעט עס גאָרנישט; עס שרעקט זיך נאָר, וויל אַנטלויפן פון רעש. עס לויפט ראַפּטעם, שטעלט זיך אָפּ פּלוצלינג און שטרויכלט זיך לויפנדיק. פּאַוואָליע האָט בערל זיך באַפרייט פון האָרטן ווידערווילן צו אַלעם, וואָס דערמאָנט אינעם היימישן

דאָרף, דערמאָנט די גרוילן וואָס וואַקסן דאָרט אויס צוגלייך מיט יאַסעקן, מיטן סאָלטיס, וועלכע ווערן ברייטער און לענגער פון יידישן אומגליק.

29

בערל

אויסגעטשוכעט זיך דער יונג פון אַ הינערפלעט.

אַלץ וואָס פון נעכטן האָט זיך איצט אים אויסגעמאָלט אַנדערש. דער מאַמעס געוועלבל קוקט בלינד פון דער פינצטערניש אַרויס. תמיד פינצ־טער. די מאַמע וויל נישט קוקן צו דעם, זי שרייט, אויב עמעצער אין הויז דערמאָנט אָן דעם. די מאַמע שלייסט פּעדערן, לאַטעט אַ שפּענצער און די אויגן אירע טרערן פון קרענקעניש. אַלץ שטילערהייט. און יאַסעק רו־דערט. שוין געעפנט זיך אַ געוועלב. סגייעס קומען צו אים, טראָגן אים אַריין זייער מינץ און ער פאַרקויפט פאַר זיי. די זשידעס! ער פּאַרט אין שטאָט אַריין, ברענגט דעם בראַנד פון שנאה און די אַרומיקע דערפער ווערן אַרומגעכאַפּט פון דעם פלאַקער. יאַנוש ווייזט זיך אויך, מ׳הערט זיינע מעשיות איבער גאַנץ לאָקעטקע און דער מאַמען, זיין קליינער מאַ־מע ראַכל, שטעכט עס. זי שרומפּט איין הערנדיק דאָס פאַרריסענע היר־זשען פון דעם, וואָס ווערט פעט פון יידישע צרות. אַזוינס וואַקסט! יאַנוש איז אייזן־שטאַרק, קלאָגט די מאַמע און איר זון — ער, בערו, — איז קראַנק. ס׳האַרץ אים געפּטרט די פּאָליציע, דעם מוח אים גערירט... איך בין נישט קראַנק מאַמע, — רעדט ער אין זיך — דער ווייטיק פאַר דעם, וואָס ס׳טוט זיך היינט, דאָס טאַמלט אין מיר. איך בין געזונט, איך בין גאַנץ, וועסט זען...

דער בחור האָט געחלומט וואַכעדיקערהייט. אַ סך מאָל האָט זיך גע־שטרעקט זיין האַנט צו דער פּעדער, אָנצושרייבן אַהיים: זאָרגטס נישט, בערו לעבט. איר׳ט נאָך האָבן נחת. צוזאַמען מיט אשרן וועלן מיר עפּעס צוטראַכטן פאַר דער געזעזונג פון דער היים. מיר קלערן שטאַרק. די היים אָן פּרנסה און אָן מנוחה איז פּונקט אַזוי ווי זי וואָלט געלעגן קראַנק אין אונדזערע הערצער.

ער האָט עס נישט געשריבן, בערל. נאָר ס׳קלערן זיינס האָט געשריבן. עס איז אויף אים אָנגעוואַקסן אַ קאָרע פון האַס.

צוגעזען זיך די אימה וואָס כאָוועט זיך, ווי שפּינוועבס, אויך אין דער שטאָטישער שטוב, האָט אין אים גענומען צייטיקן די פּרוכט פון דעם האַס. עס האָט זיך אין אים איינגעביסן דאָס שווייגן פול מיט ביטערניש; מ׳לאָזט די קינדער הויך נישט רעדן, מ׳לאַכט זיך דאָ קיין מאָל נישט אויס; רק מ׳אַנטלויפט פון עפּעס אומגעזעענס, מ׳היט מיט אַ ציטער די טיר. זי מוז תמיד זיין גוט פאַרמאַכט און גייט הערש אַרויס אין גאַס אַריין, אָדער אשר וויל אַוועקגיין, כאַפּט זיך אויף זי, פרוי זילבער, שטעלט זיך אַנטקעגן די מאַנסלייט מיט אַ געאָמפּער:

— וועסט נישט גיין. איך קען דאָס אויך דערליידיקן. וואָס, אַ טע־טעלע ביג׳עך? פאַרלאָז זיך...

— גיי, — זאָגט זי אַן אַנדערש מאָל — ביסט שוואַרץ, ווי דו וואָלסט ערשט געקומען פון ירושלים פונעם שיר־השירים, און די נאָז דיינע טראָגט אויף זיך ס׳גאַנצע יידישע גלות! באַהיט זאָלסטו ווערן — ווערט זי באַלד שווער ערנסט — שוין לאָז איך אים אַראָפּ!

אַ ווייסהאָריקע איז זי, חנה זילבער, האָט זי גענומען אויף זיך אָפּ־צושוינען די מאַנסלייט פון קלעפּ, וואָס האָגלען אין דרויסן אויף די, וואָס האָבן אַ יידישן אויסזען. ווייסהאָריק זענען אויך די גויעס פון פּוילן, וועט זי זיי אַזוי נישט אויסשטעכן די גלאָצערס, די ראַבושניקעס.

זי גייט טאַקע, די פרוי, אָפּטאָן אין שטאָט אַלע אחריותדיקע זאַכן פאַרן געשעפט און די מענער בלייבן אין שטוב נידערגעשלאָגענע.

— ערגער ווי אין תפיסה, — האָט הערש זיך אָפּגעריסן אין כעס און באַליידיקונג.

— פּשיאַקרעוו, מיר זאָל עמעצער אונטערקומען מיט אַ „זשיד" — איז אשר אַרויס מיט זיין בריהשקייט. — אַזוינעם וואָלט איך פאַסאַנירט, אַז דער אייגענער טאַטע וואָלט אים נישט דערקענט.

שווערע פּעק איז אויסגעקומען חנהן צו שלעפּן אויף זיך אין די דאָ־זיקע ביטערע טעג. די פיס האָט זי זיך אויסגעדרייט אין די גענג צו קריסטן, וואָס האָבן אין געהיים געוואָלט פאַרקויפן וואָל פאַר גוט יידיש געלט. בסוד האָט זי זיך געטראָפן מיט יידן, וואָס האָבן מחמת די רדיפות זיך אַריינגעקליבן אין גויישע הייזער, געענדערט זייערע נעמען, געענדערט דעם אויסזען. טייל מאָל האָט זי שווער דערקענט אַזוינעם, וואָס פלעגט

האָבן אַ שיין פֿאַרשוירן בערדל; איצט איז די גאָמבע אים געווען נאַקעט און איבער דער אייבערשטער ליפּ האָט זיך באַזעצט אַ צעבעזעמטע פּוילישע וואָנסע. ס׳איז איר אויסגעקומען צו פֿרעגן אויף דעם און יענעם און נישט אין איטלעכנס אויגן האָט זי אויסגענומען ווי אַ כשרע פּוילישע טאָכטער. נישט זעלטן איז אין איר פֿאַרקילט געוואָרן ס׳בלוט. זי האָט עס פֿאַרליב גענומען. ס׳איז געווען אַ קרבן פֿאַר איר יידישקייט, אַ קרבן פֿאַר איר הויט. אַגנסטיקע מינוטן האָט זי איבערגעלעבט אין מיטן העלן טאָג אין סאַמע שטאָט. מ׳האָט געוואָלט איר צונעמען די סחורה וואָס זי האָט געפֿירט, שוין געשלעפּט זי אין פֿאַרדעכטיקע טויערן אַריין, כלומרשט צו באַזוכן, צי זי האָט נישט ביי זיך קיין געווער. שפּיאָנען, האָבן געוואָרטשעט די אָנפֿאַלערס, האָבן זיך אַריינגעקראָגן אין לאַנד, ווילן אונטערגראָבן דעם קיום פֿון דער מלוכה.

זי האָט זיך אויסגעטויגט אין די נסיונותדיקע טעג. טייל מאָל האָט שווער געלט זי אויסגעלייזט פֿון אַ מעסער אין זייט אַריין. מ׳האָט איר געשטשירעט אין פּנים אַריין:

— זשידוווקאַ, געגנאַרן ווילסטו אַ קריסט!

אין דער היים האָט חנה אויסגעמיטן צו דערציילן פֿון די בלוטצאַפּנדיקע באַגעגענישן. הערש וועט זי שוין נישט אַרויסלאָזן, אשר וועט וועלן זי אָפּשוינען. זיי טאָר זי דער גאַס נישט געטרויען; ביידע האָבן געפּערלעכע פּנימער; זיי האָבן אין שטוב גענוג צו טאָן. אַגב מעג זי אַ מאָל באַשטיין פֿאַר אַ מאָנספֿאַרשוין. אַצינד איז אַזאַ צייט.

◆

אויסטערליש. קיין שום געפֿיל פֿון שולדיקייט לגבי די ביידע מענער האָט זיך אין דער פֿרוי נישט געוועקט. אַן אומקלאָרער ציטער האָט זיך פֿון מאָל צו מאָל פֿאַרגנבעט אין איר ברוסט, ווען זי האָט, אַ פֿאַרטועטע, אומגעריכט זיך אָנגעשטויסן אויף זיי אויג אויף אויג. שטענדיק ביי אַזאַ טראַף האָט זי זיך געשטאַרקט מיט אַן אייליק וואָרט, מיט אַ שמייכל און אַוועק צום געטועכץ, וואָס האָט אין שטוב נישט לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף זיך. דורכגעטראָגן זיך פֿאַרביי דעם מאַן, צי פֿאַר יענעם, האָט זי ווי פֿאַר זיך גופא פֿאַרהוילן דעם אָפּברום פֿון דעם דערשרעקעניש, וואָס האָט פּלוצלינג אַרויסגעטויכט מיט טייוולאָנישן קאָפּ, מיט שפּיזיקע אויגן. צייטנווייז האָט זי זיך אַנידערגעוואָרפֿן אויף דער קאַנאַפּע, באַמיט זיך צו

בלייבן רואיק, הגם די ברוסט האָט זיך נישט געקענט איינשטילן מחמת אומגעריכטער אויפרעגונג. זי איז נישט איינגעליגן. ס'האָט איר געצויגן צו די מענטשן אין ווערקשטעל; אין אַזעלכע מינוטן האָט זי געטאָן זייער אַרבעט ביז זי האָט געפונען דאָס באַגערטע גלייכגעוויכט. אַזוי זענען גע־פלאָסן די טעג און די וואָכן. ערשט האָט דער דרויסנדיקער אומרו אַלץ פאַרטויבט און אַ ביסל האָט איר נייע זעלבשטענדיקייט פאַרווישט איר צעטומלונג. די צייט — ווי געבענטשט זי איז און ווי פאַרשאָלטן! אַט פאַר איר... אַנומלט האָט זי נאָך געפיבערט: ווי וועט דער מאַן זי באַגע־גענען? ער ווייסט דאָך!... און וועט זי פאַרלייקענען, וועט'ס העלפן? אַז ער וועט שרייען, וועט זי אויך פאַרשווייגן. מ'זאָל אָפּגעהיטן ווערן: אַז אַזאַ שטילער צעכעסט זיך. ר'וועט זיין גערעכט: אַ רעכטגעשאַפן ווייב לאָזט נישט אַ מאַן איינעם אַליין זיך ראַנגלען מיטן טויט. אַזאַ געפיל איז ערגער פון טויט. ס'אַ לאַנגע גסיסה. הייַנט מוז זי זיך בייגן. און אַז עס וועט דאָך זיך וועקן די נקמה, ער וועט ווערן אומרחמנותדיק מחמת דער געשיכטע מיט אשרן, וועט זי זיך קלאַמערן אין אים; וועט חלשן, וועט זיך מאַכן סיניאַקעס אויפן קאָפּ, וועט אים פאַלן צו די פיס — זאָל ער זי הרגענען, כאָטש אין אמתן איז ער נישט ווינציקער שולדיק אין דעם. ער האָט אין גאַנצן זיך נישט גערעכנט, זי איז אַ יונגע פרוי, זי מוז פילן, מען אינטערעסירט זיך מיט איר, זי מוז שפירן ליבשאַפט. ער האָט זיין גאַנצן גלויבן אין זלאָטי, ס'גאַנצע לעבן הענגט אָפּ נאָר אין דער אַרבעט. דער האָט זיך אָנגעהאָנגען אין איר, געפייניקט מיט ליבשאַפט, צוגע־שטאַנען, זי האָט'ן געטריבן. אים, דעם מאַן, איז זי געבליבן טריי. פינצ־טערע נעכט וועלן זיין, ספּאַזמעס, זי וועט זיך וואַלגערן אויף דער פּאָדלאָ־גע — —

איצט זעט אויס, דער שטורעם האָט געמיטן. נישטאָ קיין רייד וועגן אַזאַ חשבון. וועמען ליגט עס אין זינען גאָר? אָבי זי האָט אומזיסט געפלאָמט. אין ווערקשטעל, צווישן אַלעמען, ווייעט פון איר מילדע אי־נערלעכע צופרידנקייט. זי איז רואיקער געוואָרן, צומאָל לאַכט זי, צאַצ־קעט זיך מיט די קינדער, פרעגט דעם מאַן, ווען ער וועט זי נעמען אין קינאָ אַריין. ס'טאַקע פינצטער אויף דער וועלט פאַר יידן, אָבער לייגן זיך אין דר'ערד אַריין טאָר מען נישט, טענהט זי. ס'האָט זיך באַקומען: עס איז איר אויף דער האַנט, וואָס הערש איז נישט קרענקלעך אייפער־זיכטיק אויף איר און — וואָס יענער האָט זי נישט מער באַאומרואיקט.

גלייכער אַזוי, נאָר נישט קיין אַוואַנטורעס. פֿאַר יענעם, פֿאַר אשרן, האָט זי אויף אַן אמת זיך געשראָקן. איצט טראָגט ער זיך אַרום ווי אַ צעבלו־טיקטער: גאָרנישט ווי פֿריער, ווען ער האָט געהערשט אין דער ווערק־שטעל. איבערגעטריבן שטיל טוט ער ס׳זייניקע. מוז זיין, דאָס וואָס איז צוגעטראָטן פֿון דרויסן, האָט אים געטראָפֿן אומדערוואַרט. דערצו די גרוסן פֿון דער היים, און בערל.

◆

אין געצווונגענע שמייכעלעך, אין כלומרשטער באַלעבאַטקייט זענען אַדורך די פֿיינלעכע טעג פֿון יענעם דויערנדיקן פּוילישן פּאָגראָם. מ׳האָט געאַרבעט ביי אָפּגעשלאָסענע טירן. דאַכט זיך, מ׳האָט גוט פֿאַרדינט אין דער טאָמאַשאָווער שטוב פֿון די זילבערס, אָבער דער ביסן וואָס מ׳האָט געגעסן, איז געווען סם, דאָס וואָרט — באַלאָדן מיט אומאַנטפּלעקטע יסו־רים. אַוודאי, ס׳זיינען געווען דורכויסדיקע יידישע יסורים, כאָטש היטלער האָט אין ראַדיאָ אומיסטן געבילט אויך אויף די פּאָליאַקן, וואָס האָבן פֿלייסיק זיך געלערנט ביי אים אין חדר. דער „קאָרידאָר“ שטערט די גאַנצקייט פֿונעם לאַנד פֿון די דייטשן, דאַנציק פֿעלט אים און די האַרן פֿון בעלוועדער זענען נישט געגוג געהאָרכיק. אַן אומאויפהערלעכער בין־השמשות האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. און האָט מען ביים קאַלטן עלעקטרישן ליכט איבערגעריסן די אַרבעט, די קונים זענען שוין אַוועק, איז מען באַ־נאַנד געזעסן ביים טיש און נישט געקענט אַראָפּשלינגען דעם פּייניקנ־דיקן געדאַנק: וואָס וועט מען טיען? לאַנג וועט מען דאָך נישט אויסהאַלטן אויפֿן שלאָס. מ׳ווערט דערשטיקט.

קיינער האָט נישט געקענט ענטפֿערן. סוף־כל־סוף איז דער וואָרעם געבליבן, און ער האָט גענאָגט. אויסגעטרונקען די טיי, ווידער אַ מאָל זיך באַגעגנט מיט די לעסטיקע בליקן און מ׳איז מיט שווייגעניש אַוועק אויף די געלעגערס.

בערל האָט גענעכטיקט מיט אשרן אין אַ ברייט־פֿענצטערדיקן, קוואַד־ראַטנעם צימער מיט בלאָס־געשפּריצטע געלבלעכע ווענט; גלאַט ווייס ווי אַ קוווער־אויפֿגעהאָנגענע וואַנט איז געווען דער סופֿיט און ברוין־פֿאָלירט דאָס מעבל. אַוועקגעלייגט זיך אין דער שפּעטער אָוונט־שעה און געקוקט, געשוויגן. מיד געוואָרן פֿון קוקן און אָטעמען אין דער צעפּלאָסענער שיין אַריין, האָט מען פֿאַרלאָשן דעם פֿלאָם פֿון לאָמפּ, דעמאָלט האָט ברוזער

נאָך געהערט דאָס וואָך זיין פּונעם ברודער. עס איז זיך נישט געשלאָפן. פון צייט צו צייט האָט עמעצער פון זיי זיך עפּעס דערמאָנט און פריקרע אויפגעטרייסלט די פינצטערע שטילקייט. אַ מאָל איז אשר אַנטשלאָפן גע־וואָרן מיט אַ כראָפּ און בערל האָט אין גדאַנק געבלאָנדזשעט אין היימישן לאָקעטקע. די מאַמע קלאָגט, דער טאַטע איז שווייגעוודיק, ר׳קען זיין ווייטיק נישט אַרויסברענגען. און קלמן, צי דאַרף קלמן זיך בויען אַ שטוב, אַן אייגענע, אַז ס׳זאָל זיין נאָך אַ נעסט פאַר דער שנאה, וואָס גיסט זיך ווי הייסע סמאָלע אויף יידישע קעפּ?... מ׳זעט׳עך ווי עס האָט זיך אָנגעצינד.

טעג און נעכט פון עסיקן האַרבסט זענען געגאַנגען און געקומען און אין בערלען איז זיך ווי כריין אין דער ערד אויסגעשטאַנען די האַרבקייט פון דער נויט, אין וועלכער עס איז אַריינגעטריבן געוואָרן זיין היים.

פאַרעלנט איז די היים און ער מיט אשרן וואַלגערן זיך!

אין די נעכט איז צום יונג דער שלאָף נישט געקומען און בייטאָג האָט ער געאַרבעט אויפן ברויט פאַר זיין לייב און פאַרן גערעכטיקן קיום פון זיין מענטשישן נפש. געטאָן זיין אַרבעט און די לאָקעטקער שטוב פלעגט אויך בייטאָג אַ דערמאָן טאָן פון זיך. בערל איז מער אומעטיק גע־וואָרן און זיין ברודערס פאַרמעגן אין דעם הויז — מאַשינען, סוועטערס, וואָל — האָט אים לחלוטין נישט געפרייט. אין די נעכט איז צו אים דער־שוומען ס׳באַטאָגיקע טראַכטן.

..ווי ר׳וואָלט פּלוצלינג זיך צוריקגעקערט צו דער וואָר, האָט ער אַנומלט דערשפּירט אשרן אויפן קעגנאיבערדיקן ברעג פון דער פינצטער־ניש. דעמאָלט האָט בערל אין גאַנצן זיך צעעפנט פאַרן ברודער —

— — — זינט דעם, אשר, האָב איך אָנגעהויבן פיינט קריגן די שכנים. ס׳האָבן נישט אַזוי ווי געטאָן די קלעפּ פון פּאָליציע, ס׳אָנרופן מיך קאָמוניסט, ס׳זידלען דער מאַמען, ווי ס׳האָבן מיך גענומען בייסן די גיפטיקע ציין פון דער באַהאַלטענער פרייד די שכנימס. באַנעמסט? ס׳איז זיי געווען אַ גדולה, מ׳פּייניקט מיך, מען פּייניקט אַ זשיד, כאָטש דער זשיד איז זיי יאָרנלאַנג אַ פריינד. וואָס רעד איך! זיי האָבן זיך גאָרנישט געשעמט מיט דער פרייד דערפון, וואָס מען מאַטערט דעם שכן. איך האָב געהערט זייער לאַכן, בעת איבער מיר זענען געפאַלן די רציחהדיקע קלעפּ פון זייער פּאָליציע און דערנאָך, ווען די שלאַנג פון מרה־שחורה האָט מיך געוואָרגן. ס׳איז זיכער: אונדזער צרה איז זייער קלאָמפּערשטע אויפריכ־טונג. זיי ווילן אונדזערס. ס׳איז שנאה, וואָס פאַרקויפט זיך פאַר גוט

געלט. מ׳שפּירט דאָס אַפילו הינע. זעסטעך: די טיר אויף די קייטלען און ריגלען דאַרף ענק באַהיטן, בעת איבערן קאָפּ שלאָגט דער דרויסן. דאָ שפּירט מען דאָס אַצינד, ביי אונדז האָט עס זיך אָנגעהויבן מיטן זשידעקל אויפן זשידאָווסקע פּערדל... דערמאָנסט זיך, ווי יאַנוש האָט עס איינגעפּעדעמט? ס׳קליינטשיקע ייִנגעלע מאַרעק איז געווען דער קרבן. פון דעם עיפּוש איז שווער זיך אָפּצוואַשן, עס טראָגן אים פונאַנדער מיליאָנען פּאָליאַקן, אַ גאַנץ פאָלק. עץ זעט עס דאָ, אין דער שטוב, כאָטש זי איז פאַרשלאָסן און פאַרריגלט, אין דער היים האָט מען עס בפירוש דערשפּירט, ווען יאַנוש האָט אַריינגעבראַכט די פּאָליציע. דיר איז ווויל, האָסט זיך אַזוי־פיל נישט צוגעזען, אשר, ביסט אַוועק. די גסיסה איז ערגער פאַרן צוקוקער ווי פאַרן שטאַרבנדיקן. איך האָב געמוזט צוזען, ווי די היים גייט אויס ווי אַ ליכט. נישטאָ שוין בילאַנדערס געוועלב, אַ לעבעדיקער קבר איז אונדזער שטוב. לאָקעטקע האָט זיך אָפּגעקערט פון חיים יאַנטשען, דעם אַלטן שכן פון אַ דאָרף פויערן. פאַרוואָס, איך בעט דיך! ווען די היים האָט זיך געשטיקט פון צרות — באַלד ווי מ׳האָט מיך אַרויסגעפירט — איז קיינער נישט אַריינגעקומען יאַנטשאַן זאָגן אַ וואָרט פון טרייסט; און אַז די מאַמע איז שוין געלאָפן ווײנען פאַר די שכנים, האָט קיין איינציקער זיך נישט אָפּגערופן, אַז ס׳איז אַן עוולה, ס׳איז אַ בלבול, מ׳עט גיין גוט־זאָגן פאַר בערעקן. עד, ווען אַ בראַנד פאַרדושעט זיי אַלע, לעבעדיקערהייט, וואָלט עס אפשר געקילט מיין האַרץ! און איך, אָקס, האָב ביז דעמאָלט נישט געהאַט ס׳געפיל, אַז כ׳בין אַ ייִד און זיי גוים; כ׳האָב נישט געוווּסט קאַ׳ חילוק. אויב נישט דער טאַטע מיט זיין דאַווענען אין טלית און תפילין און ס׳ייִדיש־רעדן אין שטוב האָב איך נישט געדענקט, כ׳בין אַ ייִד. מאַטשיי קענדזשאַ איז מיר געווען אַ גוטער חבר, אַנטעק יאַסעק האָט מיט מיר געהאַט בחורישע סודות און מיט אַניעלע באַלעכאָווסקיס בין איך געגאַנגען אין דער פּיאַסקער שקאָלע. און איז געקומען ס׳אומגליק, איך, דו, דער טאַטע זענען געוואָרן זשידעס, האָט די חברשאַפט אויסגעוועפּט, מיט אַ מאָל.

כ׳האָב געהערט — הערסט, אשר? — דער טאַטע איז נאָך מיין אַרעסט איינער אַליין אַוועק צו די הינט געוואָר ווערן, ווו מ׳האָט מיך געפירט, האָט מען פון אים געחוזקט. אַ שטייגער ווי אַ מענטש קומט מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ, זאָגט מען אים — ביסט דאָך נאָך נישט טויט! איך קען זיך נישט באַרויִקן, אשר. איך שפּיר, דער האַס פרעסט מיך אויף,

כ׳קען נישט לעבן ווי אַ מענטש; אַ חיה האָבן זיי פון מיר געמאַכט. ס׳קאַ־ליע בלוט זייערס רייצט מיינע אינגעווייד, איך דערקען זיך אַליין נישט. די פּאַקאָלעניע פון די יאַסעקס טרעט מיר אויפן האַלדז. ס׳דאַכט מיר, גאַנץ לאַקעטקע איז פול מיט יאַסעקן און זיינע שרצים; כ׳האָב מורא, זיי וועלן פאַרפּלייצן אַלע ערטער, ווו איך וועל קומען. ס׳ווימלט פון זיי ווי מיט מורעשקעס, וואָס קענען פאַרקריכן אַ וועלט. יידן זענען זיי צופיל אין די אויגן — איך בין אַ ייד! איך, הערסט, אשר, איך וועל זיי קריכן אין גאָרגל אַריין, דווקא אַצינד, ווען זיי גייען אויף אונדז! איך קען נישט רוען. פאַרוואָס זאָלן מיר זיין נאַכגיביק, פאַרוואָס זאָלן מיר זיך באַהאַלטן, און אַז מ׳שלאָגט אונדז, זאָלן מיר זיך איינקאַרטשען, זיך לאָזן? און אַז מ׳וועט שרייען, וועט שוין גענוג זיין, וועלן זיי דערשפּירן, אונדז טוט וויי? אונדזער ווייטיק באַגערן זיי ווי די מורעשקעס באַגערן אַלדאָס זיסע. דו הערסט דען נישט זייער גדולה וואָס מיר גייען אַראָפּ פון גאַס, מיר טוליען זיך צו די ווינקלען? זייער געלעכטער לע־כערט מיר דעם מוח. איך האַלט עס נישט אויס מער, אשר — —

אשר האָט געלאָזן רעדן דעם ייִנגערן ברודער. ער האָט איינגעזאַפּט דעם פיבער, אַן אויסוויבערירטן אין דער פינצטער. און אַז ר׳האָט זיך גע־ווערט קעגן דעם פלוס פון רייד, וואָס האָבן ווי הייסע כוואַליעס זיך גע־קנוילט איבער דער צעוויגטער טונקלקייט, האָט אין זיין אויער זיך אָנ־געשלאָגן דער איינגעבראָכענער אָטעם פונעם ברודער.

— וואָס זשע טאָן, בערעלע? מען וויל אונדז דערשטיקן. אַזויפיל טאַלאַליסטעווע אין איין דערפל, טאָ משל דיר, ווי ריזיק זיי זענען אָר־מעטום. זיי האָבן פּאַרטייען, וואָס זאַמלען איין דאָס בייז, זיי האָבן בירגערמייסטערס און וואָיטן. וואָס זענען מיר קעגן זיי, מיר, די גערעכטע און באַעוולהטע? קענען מיר אויך מאַכן אַ פּאָגראָם, מיר אויף זיי?

— האָסט גוט געזאָגט, אשר. אַ פּאָגראָם. וואָס, לאָזן זיך אומברענ־גען און נאָך הערן זייער שפּאָט! זיי האָבן אונדז דערמאָנט אין דעם, אַנישט וועלן זיי מיינען, אונדז דאַרף מען רק שלאָגן. מ׳מוז מאַכן אַן אָנ־הייב, ס׳פייער קעגן זיי וועט זיך שוין צעצינדן ברייט. מיר זענען אויך נישט ווינציק, כאָטש ווינציקער פון זיי. זאָלן זיי וויסן, יידן זענען אויך מענטשן. יידן האָבן אויכעט הענט און דער גורל פון פּזשיטיק, צי אַדזשי־וואָל איז אין הימל נישט אָנגעצייכנט דווקא פאַר אונדז. זיי מעגן אויך שפּירן קלעפּ. איך פיל, דאָס וואָלט מיך אויסגעהיילט פון אַלע אינעווייי־

ניקדיקע פּלאָגן. כ׳וואָלט ערשט געקענט אַרבעטן. אַ פּאָגראָם... — בערל האָט אין גאַנצן געפּלאַקערט אין דער פינצטער. דער ברודער האָט אים געמוזט איינרואיקן. דערנאָך האָבן זיינע רייד אויסגעציטערט שטילער.

שפּעטער האָט אשר ביטער געלאַכט אין זיך: אַ פּאָגראָם, מיר, אַ פּאָגראָם, און נישט ווילנדיק גענומען טראַכטן דערוועגן.

פאַרביסן שטיל זענען פאַרפלאָסן די נעכט אין אָפּגעשלאָסענעם הויז אויף מיצקעוויטש גאַס. אין די טעג האָט זיך ווידער געשפּונען דער אור־מעט און דער האַס פון די ברידער פון דער צעשטערטער היים. און איז ביי דער מאָלצייט ווי געוויינלעך געקומען צו רייד וועגן דעם דרויסן, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף די יידן, האָט אויך הערש זילבער געמוזט זוכן אַן ענטפער אויף דעם ווייטיקלעכן פּרעג:

— פאַרוואָס זאָלן יידן טאַקע נישט מאַכן אַ פּאָגראָם אויף אַנדערע? אַ מ אָ ל כ אָ ט ש, ו ו ע ן מ ע ן מ ו ז ! דווקא מוזן יידן זיך שוואַכן דעם מוח פאַר דער בעסטער אַרבעט, פאַר דער ביליקסטער סחורה; און זיי, די פּאָגראָמירערס, זאָלן קומען צום גרייטן? זענען מיר דאָך נישט בלויז קאָפּ־מענטשן; מיר אַרבעטן מיט ביטערן שוויס, מיט הענט און פיס. ווו זשע זענען אונדזערע הענט ה יי נ ט ! איין פּאָגראָם מיט צע־שפּאָלטענע קעפּ, צעפּליקטע קישנס און אויסגעבראָכענע שויבן וואָלט זיי אָפּגעקילט. מיר — שטענדיק די קרבנות...? גערעכט, בערל!

— כ׳זאָל שוין האָבן אַזאַ יאָר, ס׳אַרע גרינגע קעפּ עץ האָט. — האָט זיך אַריינגעמישט זי, חנה. — שעמטס ענק בעסער פאַר די קינדער, וואָס זיצן דאָ. שפּילן זיך מיט ווערטער!

— גרינגע קעפּ צו קריגן פון כאַמסקע לאַפּעס איבער זיי, — האָט אשרן שוין פאַרדראָסן פאַרן ווייבערישן אָפּזאָגן זיך: „גרינגע קעפּ". — און אַז מענטשן קומען אום פון אַזעלכענע, איז אויך אַ שפּיל מיט ווערטער?

ער האָט איר געענטפערט אַ דערצערנטער און האַסטיק זיך אויפגעשטעלט. דער פלאַם אין לאָמפּ האָט זיך אַ טיק געטאָן.

פון אשרס אימפּעט האָט הערש זיך פאַרלוירן. פּילזאָגנדיק האָט ער געוויגט מיטן קאָפּ. ס׳איז עפּעס שכלדיקס אין דעם. אומגערעכט זענען זיי נישט, די דאַרפישע, אָבער גלייך איז עס אויך נישט. יענע טוען שלעכטס, וועלן מיר עס נאָכטאָן? מיר זענען דאָך יידן; מ׳דאַרף געפינען אַן אַנדערן וועג. נאָר נישט בלוט פאַרגיסן, יענעם אָנטאָן שאָדוינגעס.

— אַ פּאָגראָם אויף פּאָגראָמטשיקעס? — האָט ער נאָך דעם אַ גאַנצן

אָוונט ביטער געלאַכט און די אויגן האָבן זיך אים פֿאַרשמעלערט אין לאַכן.

— אַ פֿיינע המצאה. ס׳וואָלט גאַנץ שיין געווען, אויב ס׳וואָלט געקענט זיין וואָר. צ׳קאָנט די מעשה מיטן יידישן גזלן? ער וויל געלט פֿון יידישע דורכפֿאָרערס. ס׳הייסט דו ווילסט? אַ גזלן ביסטו, צי וואָס? — אַוודאי בינ׳עך. אַ שטיק האָלץ האָב׳עך, — און שעמעוודיק אַרויסגענומען אַ שפּרייזל האָלץ פֿון הינטער דער פּאָלע. ס׳געפֿעלט מיר זייער, כאַכאַ־כאַאַ.

דריבנע האָט זיך גערייסן ס׳געלעכטערל, געפֿאַלן ווי שטיינדלעך איבער דער פֿאָדלאָגע און ס׳געמיט צום איבעריקן צעבויטעט. פֿון דעם געלעכטער האָט סאָלטשעלען אָפּגעוואָלט צו שטיפֿן מיטן ברודערל; מאַרעטשעק האָט זיך אומעטיק איינגעקוקט אין דער מוטער. אַלע מאָל האָט חנה געוואָרפֿן ברוגזע בליקן אויפֿן מאַן, למאי ער דערלויבט זיך אַזויפֿיל. אים אַרט דען, אַז איר אַנטפֿאַלט ס׳בלוט? ער כאַכעט און דאָ דאַכט זיך, מ׳קלאַפּט שוין ווידער. ס׳שפּעטע קלאַפּן גרוילט איר מער ווי דער טאַראַראַם פֿון די כוליגאַנעס אין דער צעלאָזענער גאַס. ווינציק זיך אָפּצויאָגן פֿון די רויבערס אַ גאַנצן טאָג, האָבן זיי נאָך דאָ אַן אייגענעם גזלן. דער פֿאַן טאַמאַש בודזשאַרעק שטעקט אַריין ס׳רויט־באַזאָפּענע פּרצוף גראָד דעמאָלט, ווען עס ווילט זיך אַ ביסל אָפּעטעמען.

— שאַ שוין אַ רגע, — ווערט זי נערוועז — דיין ליבער שכן האָט זיך דערמאָנט אין דיר.

מ׳האָט זיך טאָקע פֿאַרבענקט נאָך דעם תּכשיט, אַזש ס׳גערייד רייסט זיך אָפּ פּלוצלינג. אַלע שטרענגען אָן ס׳געהער, צי מ׳האָט זיך באמת צו ריכטן אויף דעם דבר־אחר. אשרס ציין נעמען קריצן. „כ׳האָב אים אין דר׳ערד״, זאָגט ער און וויל זיך לאָזן צו דער טיר, אים מקבל־פּנים צו זיין. איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל וועט ער אים זאָגן, ר׳זאָל גיין ברעכן הענט און פֿיס. קוים וואָס זיי האַלטן אים איין, אשרן, פֿון אויסברעכן מיט זיין עקשנות: ניין און ניין. ער גיט אים נישט מער קיין איין גראָשן! אין בית־הכּסא אַריין וועט ער וואַרפֿן ס׳געלט אין זיינע אויגן און אים, בודזשאַרעקן, אַ קרענק.

אַ לאַנגער, אַ דאַרער מיט טריב שיכורע אויגן האָט בודזשאַרעק זיך געמאַכט אַ וועגל צום יידישן שכן, ווו עס רודערן מאַשינדלעך, עס קומען און גייען מענטשן, ס׳דרייען זיך זלאָטיס און געלט ברויך ער, בודזשאַרעק, שטענדיק. אַ כּוסה האָט ער ליב ס׳לעבן. און אַז אַ ייד איז איבערגעשראָקן היינטיקע צייטן, ווייסט ער, דער פֿאַן בודזשאַרעק, קומט ער

טאַקע יעדעס מאָל צום שכן, זעצט זיך ברייט אַנידער, הייסט זיך געבן פּאַפּיראָסן און דערציילט בנעימות פון די לאָבוזעס, וואָס באַפּאַלן יידן אין גאַס, באַפּאַלן יידישע הייזער, רויבן צו ס׳געלט מיטן גאָלד און גיבן אַ קלאַפּ אויכעט, „נאַ שמיערטש״ אַ קלאַפּ. ער ליידט נישט אַזוינע, טאָמאַש בודזשאַרעק. ער וויל לעבן און לאָזן לעבן.

טויט שיכור איז ער, דער פּאַן בודזשאַרעק, פּאַפּלט אַ סך, רויכערט אָן אַ פּולע שטוב און נעמט איינשלאָפן. וועקט מען אים, בעט ער ביים שכן אַ גמילת־חסדל. שטענדיק באַדאַרף ער, דער ליבער שכן העו״ש זיל־בערס. ער וועט אָפּגעבן, זאָגט ער, ס׳קומט אים געלט אין שטאָט. ערנ־וואָרט, ס׳קומט אים.

ער האָט עס פריער געוווסט, דער ייד, וואָס דער פּאַן שכן וועט בעטן ביי אים. און אַז ער בעט, איז נישט שייך אָפּצוזאָגן. ער וויל זיך נישט איינקויפן ביי אים אַ שם פאַר אַ קאַרגן. ער וויל, ר׳זאָל אים געדענקען אין אַ בייזער שעה, דער פּאַן בודזשאַרעק; גיט ער אים, דער ייד, און ער טאָר נעבעך נישט מיד ווערן פון געבן. און ער מוז אין איינוועגס וויסן, דער יידישער שכן, אַז בודזשאַרעק האָט אַ שוועסטער אַ גאַסן־גייערן און אַ שוואָגער אַ גנב. ער האָט פיינט דעם שוואָגער, האָט ער זיך אים אָנפּאַר־טרויט, דער פּאַן בודזשאַרעק. ער גייט אויף נאַסער אַרבעט, דער שוואָ־גער. ר׳איז אַ בהמה, זאָג איך דעם פּאַן שכן, דער שוואָגער מיינער. מ׳וועט דאָך סיי־ווי אים געבן אַלץ, וואָס ר׳וויל. צו וואָס גיין מיט אַ מעסער? בייז בלוט האָט ער אין זיך, דער שוואָגער. איך האָב פיינט אַזוינס, זאָגט ער פאַלנדיק מיטן מגובלדיקן פּנים אויפן ריינעם טישטעך אַרויף.

איטלעך מאָל מוז הערש הערן אַ שטיק פון בודזשאַרעקס שלשלת היוחסין און איטלעך מאָל מוז ער ביי אים, ביי זילבערן, „אָפּנעמען ס׳געה־האַלט״, ווי אשר רופט עס. ביים לעצטן באַזוך האָט זילבער געמוזט מיט־קרעכצן אויפן פּאַן בודזשאַרעקס נייער זאָרג: אַ טאָכטער האָט ער, אַ זעכצן־יאָריקע — זאָשקע הייסט זי — פרעסט זי, לויפט אַרום אָן תכלית. ער ווייסט נישט, דער טאַטע, וואָס צו מאַכן פון איר: ער זאָגט, זי זאָל ווערן אַ קורווע ווי זיין שוועסטער, און זי, ס׳ווייב, האַלט, אַז גנבענען לוינט בעסער; ס׳מאַכט זיך אַ שעה, קען מען ביי גנבה אַ סך פאַרדינען. ער קען זיך מיט איר נישט דערשמועסן, מיטן ווייב. תמיד כלאַיעט זי זיך אָן. ער ברענגט אַ ביסל פאַר זיך אין שטוב אַריין, כלאָיעט זי עס אויס,

שלעכט, שנופּט ער מיט דער פּולער נאָז, אַז אַ פּרוי טרינקט. ער קען נישט רעדן מיט איר. ווי מיינט דער פּאַן שכן?

ער מיינט שוין גוט, הערש זילבער. אַ פּאָגראָם אויף אַזעלכע, וואָלט גאָרנישט געווען קיין קרומע זאַך. דערוויייל מוז ער עפּענען ס׳בייטעלע און צום וויפלטן מאָל אים געבן, דעם פּאַן בודזשאַרעק. טויזנטערס האָט ער שוין אָפּגענומען ביי אים און ער ווייסט נישט, ווען אַזוינער וועט שוין ברעכן ס׳געניק.

און הערט מען קלאַפּן אין טיר אין דער שפּעטער אָוונט־שעה, איז עס זיכער דער פּאַן שכן. אשרן מוז מען מיט כוח אַריינשטויסן אין אַ צווייטן צימער. ער, הערש, וועט אים שוין אָפּחורשן און משלח זיין. די גאַנצע צייט, וואָס דער שיכור איז אין שטוב וואַרפט זיך ביי חנהן ס׳האַרץ. ס׳זאָל נאָר אַדורכגיין בשלום. עס זאָל נאָר נישט זיין אַן אָנזאָג פון אַ וויזיט פון זיינער אַ באַנדע. אַזעלכער האָט מסתמא אַ באַנדע הינטער זיך.

— ס׳דען אַ נפקא־מינה? איז נאָך איין מעסערשטעכער, — רופט זיך אָן בערל, גלייך ר׳וואָלט זיך צוריקגעקערט פון אַ יסורימדיקן וועג. — אַ סך כמאַרעס ברענגען סיי־ווי רעגן. אומעטום אָנגעפּינצטערט פון זיי.

די גאַנצע נאַכט נאָך דעם שווילט אָן מיט פּאָגראָם, מיט בלוט, אַז קיינער אין הויז מאַכט שוין נישט צו קיין אויג.

30

האַס

אַ ביטער אָפּקומעניש איז געווען דער ווינטער־סעזאָן פאַר דער שטריי־קער־ווערקשטעטל פון זילבער און בילאַנדער. די תוכחה איז מקוים געוואָרן אויף די מענטשן. ס׳איז דאָס ערגסטע, ווען עס נעמט אָפּ דעם חשק צו אַלעם; ס׳האָט זיך נישט געוואָלט אַרבעטן און עס האָט זיך נישט גע־וואָלט לייזן קיין געלט. גאָרנישט, גאָרנישט איז געווען ניחא. דער דרויסן האָט געפּאָכעט מיט בייזע פליגל, און די קונים, וואָס האָבן זיך אַריינגע־וויזן נאָך סחורה, האָבן נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס.

אין די פריע נאָכמיטיק־שעהען, ווען מ׳מוז שוין אָנצינדן ליכט, האָבן זיי אָנגעהויבן קומען. ביי יעדן קלאַפּ אין טיר, האָט אַ צוק געטאָן ס׳האַרץ פון די שטוביקע, הגם מ׳איז שוין געווינט געוואָרן צו די נייע פּנימער. מ׳האָט דאַכט זיך, שוין אויפגעהערט זיך ווונדערן אויף דעם: פּאָליאַקן, פּאָליאַקן, רויע, שטעכיקע פּרצופים, פּאַרריסענע נעז, און עפּעס כריפּנדיקע שטימען, וואָס דערמאָנען אין בלאַנקענדיקע, שרעקיקע מעסערס אין די הענט פון אָנפאַלערס, פון יידן־מערדערס. אומגעבעטענערהייט זענען זיי אַהערגעקומען, אָן רעקלאַמע און אָן באַקאַנטשאַפט. ווי די טאַראַקאַנעס פון אַ פוילער וואַנט זענען זיי זיך צוזאַמענגעקראָכן צו די יידן, וואָס האָבן זיך געלאָמיעט די קעפּ ביים צונויפשטעלן די קאָלירן און מוסטערן פאַר אַ שיין סוועטערל, אַ באַטעמט פולאָווערל פון וואָל, וואָל מיט זייד־פעדעם, וואָל מיט צווערן; וואָנסיקע פּאָליאַקן מיט זעק און טאָרבעס אונטער די אָרעמס און אונטערוואַקסנדיקע שקצימלעך הינטער זיי האָט כעוורע זיך אַריינגערוקט אין שטוב. הערש קאָן זיי שוין ווערדליק די נעמען: ס׳איז געווען שעקעראַ, באַדולאַ, ס׳דאַרפן נאָך קומען וויורא, סטעמפּאַ, וואָינא. אוי, אוי, ווי קוקט מען זיי נישט אָן! זיי שמייכלען דאָך צו מיר, פאַרוואָס ווערט מיר אומהיימלעך פון זיי? חנה ווייסט אויך שוין ווער זיי זענען: פריש־אָנגעוירענע סוחרים מיט איבערגעטריבענער גיריקייט איינצושלינגען דעם צווייטן, וואָס האָט אויכעט זיך גענומען צום מסחר. אין יידישן הויז לויפט טייל מאָל אַדורך אַ ציטער, אַז ס׳זאָל דאָ נישט אויסברעכן אַ בלוטיק געשלעג צווישן זיי. איינס ס׳אַנדערע האָט פיינט... נישט ווילנדיק האָט מען געמוזט זיך אָנהערן פון זייערע משונהדיקע געשיכטעס. און חנה מוז זיי באַגעגענען מיט אַ „גוטן־אָוונט", אין קרענקונג זען, ווי די דאָזיקע טראָגן אָן אין שטוב אַריין צום מערסטן בלאָטע. זיי גייען נישט ווי מענטשן אין גאַס, עסט זיך די פּרוי, זיי פּאַטשן אין די בלאָטעס, זייערע הויזן זענען שטאַרק פאַרסאַרגעט פון די צעגראָבענע פוילישע וועגן, די שיך גראָב אין קויט, אַז ס׳רינען פון זיי גאַנצע קאַלוזשעס. שווער צו דעררייניקן נאָך זיי דעם ברוד. ווינציק זיי די שטאָט, זיי ווילן פאַרכאַפּן די גאַנצע געגנט. ראָווערן און האַנט־וועגעלעך וואַרטן אויף זיי אונטן, ביים טויער, זעק, גרויסע זעק סחורה ווילן זיי ווידער נעמען, זיי פונאַנדערצופירן איבער די שטעטלעך און דערפער און אָנשטעקן די פּשוטע פּויערן מיט יידן־גיפט. ס׳שלעכטע לערנט זיך גיך אויס דער פּראָסטער המון. און זיי, די פאַרדאַרבערס, טוען עס אומעטום מיט דער הילף פון יידישער סחורה,

געקויפטע, צי געראַבטע. אונטערגראָבן די ערד אונטער דעם ייד, איז זיי שטענדיק צום האַרצן, אַ קרן אַ דזשאָבע צו טאָן אַ ייד. זי קען זיי נישט אָנקוקן, חנה, ווייל זי מוז אין גאַס זיך אויסהיטן מיט איר יידישן אָפּ־שטאַם, זי מוז דעם מאַן, דעם פריינד, אָנהאַלטן אין שטוב, אַז די זעלביקע ערלים זאָלן זיי נישט אָן עוולה טאָן. זי האָט זיי פיינט פאַר דער חוצפה, און פאַר דער חניפה, וואָס זיי האָבן שטענדיק גרייט פאַר אירטוועגן, און פאַר אַנדערע.

און שטאָטישע פויערטעס האָבן זיך מטריח געווען צו די יידן אויפן היוכן גאָרן. געהילט אין גרויסע, גראָבע פאַטשוילן רעדן זיי צו די באַלע־באַטים ווי צו אַלטע באַקאַנטע; פון זיי שטינקט די גאַס און פינף און פער־ציקער, וואָס פאָליאַקן טרינקען פלעשערווייז. גלייכהאַריקע, בלאָנדע, גוי־אישע גבירטעס מיט שלעכט געשמינקטע באַקן און ברילאַנטן אויף די פינגער האָבן דאָסגלייכן זיך געוואָרפן אויף מסחר מיט טריקאָטאַזש. די יידישע שטוב אויף מיצקעוויטש גאַס קאָן אַזעלכע פּריצטעס, וואָס ווייסן נישט ווי אומצוגיין זיך מיט דער פלוצלינגער רייכקייט. זיי פאַרשטייען זיך דערפאַר אויף אַ לאָקנדיקן וונק צום מאַנספּאַרשוין, וואָס פאַרקויפט סחורה אין ברענענדיקן סעזאָן. זיי קוקן אויס אַ רגע, אַז די פרוי דעם סוחרס זאָל נישט זיין, כדי אים עפּעס איינצורוימען. הערש וואָרפט דע־מאָלט אַרויס אויפן טיש אַלץ, וואָס די מאַשינען האָבן אַרויסגעגעבן. ער לאָזט אַראָפּ די הענט אין אָנמאַכט: „וואָס קען ער טאָן? ס׳נישטאָ מער".

די אויערן נעמען אים הילכן, פון שטערן רינט שוויס.

שעהנלאַנג איז די שטוב פול מיט זיי — איינע גייען אַוועק, אַנדערע קומען, אַלע דינגען זיך, אַלע זענען פאַרריסן און הייסן אויף מאָרגן זיך איבערלאָזן מער „שטיקלעך". פאַניע קופּיעץ, לאָמיר זיך נישט דאַרפן קריגן, און קוקן הערשן אין דערוואָרעמטן פנים אַריין. זיי האָבן ליב צו האַלטן זיך ביי איינעם, זאָגט דער רוב; וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז דער קופּיעץ וויל זיי פאַרטרייבן. האָט נישט קיין מורא, מירן צאָלן, פאַרציען זיי די שטערנס, ציקן מיט די וואָנסעס.

— גאַנץ גערן, אָבער אַ מענטש האָט נישט מער ווי צוויי הענט, — פאַרענטפערט זיך הערש און ער שפּירט אַ טרוקנקייט אין האַלדז. אָנגע־האָנגען נאָר אים צ׳האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע, — האָט ער אינדעם פאַר־איבל אויף אשרן.

— גלייב, פאַני, — פאַרענטפערט זיך אויך חנה — מ׳וואָלט דיר

נישט געקאַרגט. ווער וויל עס נישט פאַרדינען? אַ קליינע ווערקשטעל ביי אונדז.

געוועזן אַזעלכע, וואָס האָבן בכיוון זיך אַוועקגעזעצט אָן אַ זייט אײַ־בערוואַרטן. די האָבן אַנגעוווּנקען אַז פאַר זיי דאַרף מען זיך נישט היטן; זיי זענען נישט פון די, וואָס שלאָגן, רצחענען. פאַראַן, פּאַניע, צווישן פּאָ־ליאַקן אויך אָרנטלעכע קריסטן. זיי האָבן אַוודאי רעכט אויפן שטיקל ברויט; זיי קענען נישט פּאָגראָמירן, אָבער פאַרדינען וויל איטלעכער. ווען דען, אויב נישט איצט, אין סעזאָן, ווען דער כאָם פון דאָרף וויל קויפן אַ סוועטער פאַר דער טאָכטער אויף חגא? נישקשה, פּאַניע, גיב אַ זוך. טו עס עקסטרע פאַר מיר. כ׳וועל געבן טייערער. מיר לוינט ווינציקער צו פאַרדינען. פאַרגין אַן ערלעכן קריסט.

און צעגיסט זיך אַזאַ וועגן זיין אָרנטלעכקייט, האָט ער אַלע יאָרן געהאַט מגע־ומשא מיט זשידקעס. „כ׳האָב געהאַט אַ פריינד כאַימעק, האָבן מיר נישט געקענט לעבן איינער אָן דעם אַנדערן״.

אין שטוב דאָ האָט מען שרעקלעך מורא פאַר דער אָרנטלעכקייט פון די דאָזיקע, פאַר זייערע ריידעלעך. מ׳איז זיי מוחל אַלץ, אַבי זיי זאָלן זיך אָפּטראָגן. הלוואי זאָלן שוין אָנרוקן די חגאות, ס׳זאָל זיך אָפּשטעלן ס׳געגיי, ס׳זאָל נעמען אַ סוף צו די גוטע צוזאָגן פון די פיינע צווישן זיי, פון די, וואָס אין די ווייכע קאָפּעליושן און אין די זעמשענע הענטשקעלעך. מוחל. דאָ זענען זיי האָניק־זיס און אין דרויסן קוועלן זיי פון גלח טשע־טשיאַק, אויב זיי טונקען אַליין נישט די איידעלע פינגער אין יידיש בלוט...

שטענדיק קומט דאָ צו רייד וועגן דעם זעלביקן, און שטענדיק בעט זיך איינס ביי ס׳אַנדערע:

— גענוג, לאָמיר שוין אויפהערן. דער קאָפּ! דער קאָ־אָ־אָפּ!

עס קלעפּט זיך אָבער די שרעק צום מענטש, זי שרייט פון אים, כאָטש ער אַנטלויפט וואָס ווייטער, ווייטער.

◆

ווי אויף צו להכעיס האָט ס׳לייזונג זיך לאַנג געשלעפּט און אַז מ׳לייזט, מוזן גיין די מאַשינען. ס׳איז שוין די נאַטור פון בעל־מלאכה — ר׳וויל, צי ר׳וויל נישט, פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן, קען ער נישט זיצן ליידיק. ס׳לעבן האָט מען זיך איינגעשטעלט, צו קליינע ביס־לעך צוגעפירט געפּאַרבטע וואָל און די ווערקשטעל האָט געקלאַפּט. טאָג־

איין, טאָג־אויס זענען געקומען די נייע קונים, פון שטוב צוגענומען פעק סחורה און הערשן, און אשרן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז שטיקער פון זייער לייב טראָגן זיי אַרויס, די, וואָס זענען איינס מיט דער פיינטלעכער גאַס.

— מ׳עט אפשר שוין אָפּשטעלן די קאַקאַמייקע. — האָט אשר זיך גע־פּרוווט ביים שותף. צערייצטקייט האָט געגרעדט פון אים.

הערש האָט איצט זיך נישט געוווּנדערט אויף אשרס זאָג, כאָטש ער האָט אין דעם יונג שטענדיק געזען אַזאַ, וואָס וויל איינרייסן אַ וועלט. ער קומט אַריין אין טוען, פאַרגעסט ער זיך. שוין אויסגעקומען אַפילו, ער איז בייז געוואָרן אויף אים: „וועסט אַ ביסל שפּעטער רייך ווערן, אשר. איך האָב געגנוג אַזויפיל אויך״... ער האָט אין זינען געהאַט זיך, הערש; ער האָט אַ היים, אַ ווייב מיט קינדער, ר׳האָט יאָרן פון דערפאַרונג און מער אויסגעהאָרעוועט איז ער אויכעט. פאַרשטאַנען האָט ער בשעת־מעשה: יענער וויל ערשט עפּעס אַריינכאַפּן, ער וויל בגוואַלד קומען צו געלט, אשר. סוף־כל־סוף וועט ער זיך אויפהייבן און אים איבערלאָזן; אַן אייגן געשעפט זיך מאַכן. „געזונטערהייט״, פלעגט ער וועגן דעם רעדן מיטן ווייב, און אין זיך האָט עס אים שוין באַציטנס פאַרדראָסן אויפן שותף. דערבאַרעמט זיך איבער דער שלאַנג און לסוף וויקלט זי זיך דיר אַרום האַלדז.

היינט האָט הערש נישט געדענקט אין דעם חשבון. עס האָט מיד גע־מאַכט דער וויסטער ליאַרעם פון דרויסן און ס׳האָט געשלאָגן דער קוויטש פון די ציַיטונגען, וואָס מ׳האָט מיט ציטער געגומען אין די הענט: היט־לער, בעק, דער סיים, געשעענישן אויף די אוניווערזיטעטן און פון מויל צו מויל האָט זיך געריסן דער פלאַטער פון שטעטלעך יידן, וואָס קומען אום ביים העלן טאָג. אשר האָט געברענט פון די אַלע ידיעות. ער איז נישט איינגעזעסן, ר׳איז געלאָפן צו באַקאַנטע, געפרעגט זיך „וואָס מ׳הערט״ און דערנאָך, אין שטוב, געקאָכט זיך איבער דעם, געזידלט ס׳געהינטעכץ. די הענט זענען בפירוש אַראָפּגעפאַלן. אין שטוב האָט מען געבענקט נאָך רו, נאָכן פאַרשווינדן פון די קונים, וואָס האָבן געוויס אַ חלק אין דעם, וואָס ס׳טוט זיך. זאָל פראָסט שוין פאַרקאָווען ס׳לאַנד, שטום זאָלן ווערן זייערע מאַשינדלעך, זאָל מען אויפהערן גיין צו זיי, מ׳ברויך נישט קיין געלט, מ׳ברויך גאָרנישט!

און איז געקומען אָוונט, האָט מען אויסגעקוקט די „מענטשן״ זאָלן זיך שוין אויפשטעלן. ס׳מעג ווינציקער פאַרטיק ווערן, זאָל גאָרנישט פאַר־

טיק ווערן, אפשר וועט אַזויערנאָך נעמען אַ סוף צו אַלעם — — אויסגעקילט זיך דער רעש פון אַרבעט, וואָס איז געוואָרן איבערדריסיק, האָט מען אויף גיך אָפּגעכאַפּט ס׳נאַכט־עסן און מ׳איז אַוועק צו זיך אין די שלאָפשטובן. איצט האָט אשר אויסגעוויזן צו זיין מידער פון אַלע. ער האָט דער ערשטער געזאָגט אַ „גוטע נאַכט״ און אַריין צו זיך אין צימער.

חנהן האָט אשרס „אַ גוטע נאַכט״ אָפּגעקלונגען ווי ס׳אַוועקגיין פון יעדן פון אירע באַקאַנטע. נישט מיט אַ מאָל האָט זי זיך געכאַפּט אויף דעם דאָזיקן געענדערטן געפיל. אין סאַמע טומל פון די אומרוען, וואָס האָבן ווי אַ מבול זיך דורכגעטראָגן איבער די יידישע עדהס פון פוילן, איז זי פלוצלינג געשטעלט געוואָרן פאַר דעם שינוי ווי פאַר אַן אויסגערונענעם טרוים. איינציקוויז האָט דער ברוך זיך געעפנט אַ וועג צו איר קילן ווייבערישן באַוווסטזיין, איצט האָט עס זיך דייטלעך געצייכנט: איר איז נייטיק אַן אָנשפּאַר, דאָס אַנומלטיקע איז געווען אַן אימאַגינירטער שטורעם, נאָך וועלכן איר האָט זיך אַ פאַרבענק געטאָן. וואָס מיר ענדערונגען אין לעבן! זי האָט נישט קיין כוח פאַר אַזעלכע רייצונגען; ס׳איז אַ פאַלשער אַפּעטיט. מיט אַ מאָל איז זי געפאַלן ביי זיך מיט איר לאָקנדיקער ווייבערישקייט. זי האָט מער זיך נישט געשפּיגלט, כדי זיך געפעלן צו ווערן. מער נישט געלאַשטשעט די אייגענע אויסגעקיילעכטע גלידער און אין געדאַנק, צי אין חלום מער נישט באַהאַפטן זיך מיט יענעם. דער מאַן, די קינדער זענען געוואָרן די איינציקע מאַנערס פון איר לעבעדיקן געפיל. אַרומגערינגלט מיט די לייבלעכע, האָט די פרוי דערשפּירט די לאַסט פון אירע קאַרגע פיר צענדליק יאָרן און אין גאַנצן פאַרגעסן צו קלאָגן אויף די איינצלנע גראָלעכע האָר, וועלכע זי האָט לעצטנס אַנטדעקט אויף איר קאָפּ. אָפּגעריסן זיך פונעם האַרמידער, וואָס שטייט אין שטוב אַ גאַנצן טאָג, האָט חנה אין אָוונט זיך געפילט באַלעבאַסטע איבער די נפשות, וואָס קלעפּן צו איר מחמת געוווינהייט, צי מחמת אומבאַהאָלפנקייט. און זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיי. אַרומגעזעגן די קינדער, דעם מאַן נאָך געטריבן זיך אָפּגאָלן — „אין דער פרי באַווייזטו נישט, הערשל״ — און מ׳איז געקראָכן אין בעטגעוואַנט אַריין. דעם ראַדיאָ האָט מען שוין נישט געעפנט. בעסער זיך נישט צוצוהערן צו דער גראַטשקע פון וואַרשע, צי פון בערלין. מ׳האָט ליבערשט באַצייטנס געמאַכט נאַכט. דער שלאָף איז געווען דאָס בעסטע מיטל קעגן דער שרעק, וואָס האָט אויף די מענטשן אומאויפהערלעך אויסגעפּיבערט קעלט און היץ.

אין שלאָפצימער פון די זילבערס איז באַלד פאַרלאָשן געוואָרן די שיין; ביי די בילאַנדערס האָט ביז שפּעט אין דער נאַכט געברענט דאָס ליכט. אַ פענצטער נאָך אַ פענצטער האָט זיך געלאָשן אין דעם גאַנצן הויז. עס האָט אויסגעזען, דאָס הויז, ווי אַ שלעפּעריקע שיף, וואָס שניידט זיך אין געשפּענסטיקן ים און בלויז איין אויג, אַ פייערדיקס, אַ מידס, וואַכט איבער דעם באַוועגטן קאָלאָס. אשר האָט אייפּעריק זיך פאַרנומען מיט די צייטונגען, וואָס זענען שאַרכיקע אויסגעשפּרייט איבער זיין בעט, ר׳האָט זיך אַריינגעלייענט אין זיי און איז געוועגן געדרן דאָס שווייגן, וואָס בערל האָט נישט איבערגעריסן. געלעגן אויסגעשטרעקט אַנטקעגן דעם ברודער, האָט בערל געטראַכט פון דער היים. בילדער פאַרפּלאָסענע, עגמת־נפשן דויערנדיקע האָבן זיך געבלעטערט, אַנגעקלאַפּט אין זיין האַרץ.

— וואָס ווֹעסטו זאָגן, בערעלע? — האָט אשר אומגעריכט געוואָרפן ס׳לייענען. ער האָט געמיינט צו הערן דעם ברודער, וועלכער איז פאַר אים, אשרן, איצט די לייבלעכע היים, דער מוח און ס׳האַרץ פון טאַטע־מאַמען. ער איז גערעכט, בערל, וואָס ער זאָגט וועגן די שכנים. זיי גייען אויפן יידישן שכן, ווילן אים אויפפרעסן; זיי מיינען, דער ייד האָט אוצ־רות פאַרהוילן, דער ייד האָט שותפות מיטן טייוול. אַלץ, וואָס מ׳זאָגט, איז רעכט ביי זיי.

בערל האָט אויסגעדרייט צו אים ס׳פּנים:

— כ׳ווייס ס׳אייגענע וואָס דו, אשר. כ׳גיי דען ערגעץ? ווער ווייסט, ווי ס׳זעט דאָרט אויס.

דאָרט! — און ס׳גיט אים אַ שטאָך אין בלוט.

פון דער היים האָבן זיי גאָרנישט געהערט, כאָטש פון לאָקעטקע ביז טאַמאַשאָוו איז אַ שעה אַנדערהאַלבן גאַנג מיטן וואַלד. געוווּסט האָבן זיי, וואָס עס טוט זיך מיט יידן אומעטום. אין די צייטונגען פון וואַרשע און פון לאָדזש האָט יעדעס מאָל זיך דורכגעקראָגן עפּעס. „געשעענישן", האָט מען עס אָנגערופן אין די קליינע, בלאַסע אותיות. די מענטשן האָבן זיך שווין אויסגעלערנט ריכטיק לייענען. אַ מאָל פלעגט אויך אַ ייד זיך אַריינ־כאַפּן אין ווערקשטעל. אַזעלכע זענען אַוועק מיט אַ קליין ביסעלע סחורה, אָבער געלאָזן האָבן זיי דעם ווערגנדיקן גערוך פון יידיש בלוט, וואָס איז געוואָרן הפקר אין דער ווייסל־מדינה. ווי טשוועקעס אין די שלייפן זענען געבליבן שטעקן די נעמען פון גענעראַל סקלאַדקאָווסקי, פון רידז־שמיגלי, דאָס געשריי פון סיים — „אָווּשעם", ביטע, פּאָגראָמען אויף יידן, ביטע!

פלוצלינג זיך דערמאָנט ס׳בייטאָגיקע שמועסן, האָט אשר איצט דער־שפּירט פאָרוואָרף אין ברודערס קול, אין זיין קוקן: „הע, אַוועקגעזעצט זיך מנוחהו!"

— וואָס זשע, מ׳איז אַזוי פאַרקאָפּעט... — צערעדט זיך אשר, — זעסט׳עך. — און ר׳ווייסט נישט ווי זיך אַרויסצוזאָגן. ס׳קוקן יענעמס הרגעט אים. אַ ברודער, און דאָך פאַרשטייט ער אים נישט, טראַכט ער בשעת־מעשה. אַ כפּרה אים אַלץ, אַבי צו העלפן זיי, דער היים. אָבער ווי אַזוי? ראשית, איז ער נישט אין גאַנצן ביי זיך, ער האָט אַ שותף און צווייטנס, וואַרפן אַלץ מיטאַנאַנד און לויפן קיין לאָקעטקע, שלעפּן זיי ביי די אויערן: „קומטס"? — מ׳עט אפשר אָפּוואַרטן, דער טאַטע וועט מס־תמא אַהער פאַרבלאָנדזשען, זאָגט ער בערלען. דערנאָך, ס׳וועט זיך אָפּ־שטעלן די אַרבעט, וועט מען אַהיימקוקן. מ׳עט שוין זען — —

אין אַנגסטן זענען אַדורך די נעכט. אין שלאָף האָבן די ברידער זיך געשלאָגן מיט די שכנים: פון דער ווייטנס דערהערט קלמנס געשרייען און דערזען דבורהן אָנקומען אַ צעבלוטיקטע, זענען זיי אַרויס. מ׳האָט זיך געקיילט מיט דרענגער, בלוט האָט זיך געגאָסן.

— מ׳קען שוין דעם קאָפּ נישט אַרויסשטעקן אויך אין לאָקעטקע, האָבן זיי נאָך דעם גערעדט מיט הערשן, — אַ חלום איז טאַקע אַ ליגנער, אָבער נישט שטענדיק. און ווערדליק דעם, וואָס ס׳האָט זיך געטאָן אין שטאָט, האָט זיך עס געלייגט אויפן שכל.

הערש האָט זיך נישט געאַמפּערט. פאַרטראַכט אויפגעהויבן די אויגן אויף די לאָקעטקער, האָט ער געזאָגט:

— ביי גאָט פון שנאה איז דאָס אויך מעגלעך.

— נאָר אַ פּאָגראָם אויף זיי, — האָט עס געפּויקט אין אשרס ברוסט. מיט ליבע האָט ער זיך איינגעקוקט אינעם יונגן ברודער און מקנא געווען אים מיט דער קלוגשאַפט, וואָס די צרות האָבן אין אים אַריינגעהויכט. — כ׳לעבן, בלויז אַ שטאַרקע נקמה איז מסוגל צו פאַרטרייבן אַזאַ ווייטיק. עס צעפּרעסט דיר דאָס געביין פון גריזשעניש. פשיאַ־קרעוו! — האָט ער מיט צעברענטן בליק גערעדט צו הערשן און חנהן — ווי דער־לעבט מען שוין דעם שוויַענטי ניגוס! מ׳עט אַהיימקוקן, מ׳עט זען וואָס דאָרט טוט זיך. מיט בערלען וועל איך ראַמפּלען.

פאַמעלעך האָבן זיך געדוקט די זלידנע, טונקעלע טעג, וואָס זאָגן אָן די ערשטע שניי־זאַווייעס און פראָסטיקע ווינטן ערב די גרויסע קריסט־

לעכע חגאות. פון ספּאַלע פּירט מען הויך געלאַדענע וועגענער מיט קריסט־ביימער, וואָס בערגלען זיך שוין אויפן טאַמאַשאָווער מאַרק; אין דער היים ווערט מען אַוודאי געסטאַיעט פון קעלט האַיאָר, האָבן גע־טראַכט די לאָקעטקער יונגען און זיך באַאומרואיקט. וואָס דער טאַטע האָט אַלץ זיך נישט אַהערגעוויזן. מסתמא נישט היימלעך דאָרט, — האָט טרויעריק געזאָגט דער יינגערער. „גיי, ס'אַי' גאָרנישט, דעם טאַטן גליסט זיך נישט. קענסט'עך עם"/, — האָט דער עלטערער געוואָלט אונטערהאַלטן דעם מוט ביים ברודער, וואָס האָט רק גערעדט וועגן דער היים און איס אַנגעשטעקט מיט זיין אומרו. — „ביי ס'זייעריקע מאַכט זיך אַ גוואַל־דאָוונע יום־טוב, ביי אונדז פינצטערט מען"/, — האָט בערל זיך אַרויס־געכאַפּט מיט אַ זיפץ פון דער איינגעבראָכנקייט פון דער יידישער יוגנט.

גאַנצע אָוונטן, ווען זיי זענען געווען אַליין מיט זיך, האָבן די ברידער געשמועסט, אַז זיי וועלן אַהערנעמען טאַטע־מאַמען מיט דבורהן. ס'קיעלע וועט מען אַרויספירן אַהער, מ'עט מיטנעמען אַ וואָגן היי און עס קאָרמען איבערן ווינטער. אַ שטוב מיט אַ שטאַל וועט מען דינגען, בערעלע, און אונדז 'עט אויכעט זיין אויפגעלייגטער אויפן האַרץ. דבורה וועט באַלע־באַטעווען. די מאַמע 'עט מען נישט לאָזן זיך צעברעכן. די מאַמע איז אויס־געהאָרעוועט — האָט אַ גערירטער געזאָגט דער יינגערער. וואָלסט גע־הערט, ווי ביינאַכט קרעכצט זי. ס'הויז שלאָפט און זי דרייט זיך אין יסורים... די אַלטע לייט וועלן זיך זשיווען נעבן אונדז, האָט אשר אים געטרייסט. דעם שימל 'עט מען פאַרקויפן, בערו. וואָס דאַרפן אַלטע לייט?... דער עיקר, זיי וועלן נישט זיין אַליין, פּנים אל פּנים מיטן עם־רע. מילא, קלמן איז אַ יונגער יונג — זאָל אים גאָט העלפן, ווו ער וועט זיין. וועט ער אויכעט וועלן אַהערקומען, וועט ער געפינען זיין ביסן ברויט. מ'זעט שוין זען — —

און זענען אָנגעקומען די חגאות — די ווערקשטעל האָט זיך אָפּגע־שטעלט — איז ביי אשרן מיט בערלען שוין געווען איין דעה: לאָקעטקע איז אין דר'ערד. לאָקעטקע איז ערגער פון טאָמאַשאָוו, ערגער פון אָפּאָ־טשנע און קינסק. אין לאָקעטקע איז איין ייד צווישן אַזויפיל משוגענע הינט. דאָרט, ווו ס'זענען פאַראַן מער יידן, איז ס'געביל נאָר גרעסער, די שרעק האָט גרעסערע אויגן. לאָקעטקע איז אָבער סכנהדיקער. שטילער־הייט דערהרגעט מען דאָרט. לאָקעטקע איז ווערט דעם אמתן שטעקן. מ'דאַרף איר נישט בלייבן קיין בעל־חוב. מ'עט זיך אָפּחשבונען, העט?

עס איז געבליבן:ביידע לאָזן זיי זיך אַהיים. ביידע האָבן זיי נישט פאַרגעסן די וועגן און שטעגן, וואָס פירן דאָ און דאָרט. שטאָק־פינצטער וועגן די אָנהייב־ווינטערדיקע נעכט. מיט דער באַן וועלן זיי פאָרן ביז בראַטקווו. אַ לעבעדיקער פויגל ווייזט זיך נישט אין אַזאַ נאַכט אויף דעם סטאַנציעלע. עס בלינצלט אַ פלעמל אין פאַררייכערטן לאַמטערל. וואַל־דיק איז סטאַנציעלע און מיטן וואַלד וועלן זיי שוין דערגיין. ווער עמע־צער זיך אָנשטויסן אויף זיי, איז אויך נישט קיין אומגליק — זיי גייען דאָך אַהיים. אָט ערשט מיטן פערטל צוועלפער צוג אָנגעקומען. די לאָ־קעטקער בילאַנדערס זענען זיי, ער דערקענט נישט? נאָר גלייכער, מ׳זאָל זיי נישט באַמערקן.

— זיי ׳עלן בלינד ווערן, אשר...

◆

ווינטן און רעגנס האָבן מיטאַנאַנדער זיך געביטן אין יענעם דעצעמ־בער. אויף שניי האָבן זיך נישט געוויזן קיין סימנים. פוילע פייכטקייט האָבן איינגעעטעמט די לונגען. ווי הוילנדיקע גריבער זענען שוואַרץ גע־ווען די נעכט און די טעג זענען געהאָנגען טראַגטיקע, מיאוסע. אין דעם דאָזיקן דערעסנעם האַרבסט האָט די מענטשן שטאַרק זיך געבענקט נאָך דער שטייפקייט פון פוילישן ווינטער, וואָס מוז קומען אָט, אָט. היימישע הימל־קוקערס האָבן דערווייל פאָרויסגעזאָגט, אַז די ווינטער־זריעה וועט פאַרפאַלן ווערן אין דער ערד; שניי קומט נישט, וועט די ערשטע פראָסט זי אַ כאַפּ טאָן, און פאַרטיק.

ביי די קריסטלעכע קרעמערס איז פון דעסטוועגן געווען אַ לעבעדיק לייזעכץ. אַלע עמפּינדונגען פון המון ליגן משמעות נאָר אין געלט־בייטל און אין זשעדנעם מאָגן. ס׳זענען איבערפול געווען די גרויסע מערק און די קראָמען, בעת יידן האָבן געהאַט שוואַרץ־שבת. אַן אויסכאַפּעניש גע־ווען אויף חזירימלעך, גאַנצע חזירימלעך, וועלכע מ׳האָט פריש אָפּגעשונ־דענע אַהיימגעטראָגן פון די קיילער־געוועלבער, אַ געדראַנג אין די וויין־געשעפטן, אין ספירט־מאָנאָפּאָל. קענטיק, באַצייטנס איז די חגא אַרויס־געטראָגן געוואָרן אין גאַס אַריין און די גאַס איז געוואָרן האָפערדיק: ענדלעך זיך דערוואַרט. אין אויסשטייערס פאַר קאַטוילישע בר־מינגס וועלן מער נישט פאַרדינען די זשידעס און נאָך באַצירונגען פאַרן קריסטבוים מוז מען נישט גיין צו מאָשעקן.

און ווי אין שטאָט, אַזוי געווען אויך אויפן דאָרף.

יעדער אָנזאָג פאַרן פאָלק, וואָס איז אַרויף אויפן „ריכטיקן וועג" צו פאַרוואַנדלען פוילן אין אַ רייך־פוילישע מלוכה, איז גאָר גיך דערגאַנגען צום דאָרף. נישט קויפן ביים זשיד איז בכן אַ מוז, כאָטש ביים היימישן, דעם קאַטויל, איז דווקא שווערלעך. די שטרענגקייט פאַרן כלל איז מחייב דעם יחיד. מ'האָט אויפן אויג. אַ שכן קוקט נאָך דעם שכן און אַלעמען האַלט דער קאָשטשיאָל. אין די זונטיקן ווערט געוואָרנט פון דער אַמבאָנע נישט צו באַשווערן דעם אָנקום פון דער באַגערטער דערלייזונג. און די חשובים זאָרגן וועגן דער שפייז פאַרן קריסטלעכן גייסט. האָט וויצענטי יאַסעק זיך נישט געקליבן אין שטאָט אַריין, איז דער סאָלטיס אַוועק קיין אָפּאָטשנע, קיין טאָמאַשאָוו און די מחנה האָט דערנאָך געשלונגען יעדעס וואָרט פון זייער מויל. דעם פאָטער צוליב האָט יאַנוש זיך געוויזן אַהיים. ער האָט פאַרן עולם פאָרגעלייענט נאַראָדאָווע גאַזעטן; די האָריקע אויערן, די געפּאַלדעוועטע שטערנס האָבן זיך אַזש געשאָקלט, הערנדיק די אויפ־טוען פון וואַרשע, פון קראָקע. מ'האָט געשמאַק געזופּט די תורהס פון גלח טשעטשיאַק, וועלכער „באַזיגט" די יידישע קאַפּיטאַליסטן אין קענטעניש פון די געהיימע דרכים, וואָס זענען שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק אָנגע־צייכנט געוואָרן דורך דעם יידישן פאַרשווערער־פאָלק.

צו די ערנסטע טעג פון די ווינטער־חגאות האָט ס'פויערן־געזינדל פון לאָקעטקע, קאַמיען און מאַזשאַרניע זיך שוין געהאַט אויסגעטראָטן אַ וועג צום נייעם געוועלבניק. פאַרבייגעדרעפּטשעט בילאַנדערס פאַרטונקל־טער כאַלופּע מיטן רוב פאַרמאַכטע לאָדנס, האָבן טייל פויערן זיך גע־קראַצט די קעפּ וואָל, שטיל צוגעקרעכצט:

— אַ שאָד יאַנטשאָ. נישט קיין שלעכטער געווען דער סטאַראָזאַ־קאָנני. דעם אָרעמאַן האָט ער געגלויבט, אויף באָרג געגעבן. עד־כע־כע, צייטן! דער יאַסעק איז אומצוטריטלעך ווי אַ ביק אַ דריי יאָריקער. גראָ־שע, גראָשע, שרייט ער און מאַכט מיט די לאַפּעס — ר'קען נישט. כ'מוז האָבן, זאָגט ער.

קלייענדיק איז די מראה פון אָרעמאַנס וועלטל און געקרענקט, וואָ־כעדיק בלייבט ווייטער זיין געמיט ווי וואָכעדיק ס'קוקט דער קאַרטאָפּל־טאָפּ אין זיין כאַלופּע. נישטאָ דער יום־טוב, כאָטש לייט זאָגן — —

און אויף די יידן זענען געפאַלן שטיינער.

אָנגעקומען דער טאָג פון יעזוס־געבוירן, האָט די לאָקעטקער יידישע

כאַלופּע אין גאַנצן זיך פאַרמאַכט. אַפילו אין דער גרויסער קיך־שטוב, ווו די משפחה זיצט מערסטנס, האָט מען פאַרשפּאַרט די לאָדנס. געוואָרפן שפּענדלעך אין הרובע אַריין, האָבן זיי כסדר זיך געצונדן און פלעקיק געל באַלויכטן די פינצטערע ווענט, דעם באַלקן. אַרויסצוגיין פון שטוב האָט מען אויסגעמיטן: אויף יידן זענען זיי גאָר בייז אין דעם טאָג, בפרט היינט. דעם יויזל דערהרגעט זייערן, די זשידעס. מער פעלט נישט, ווי רייצן אַזעלכענע, — האָט געטענהט די בילאַנדעריכע און אַרונטערגעשאַרט פאַסמעס האָר אונטערן קאָפּ־טיכל.

אַלע באַזאַם האָט ראָכל געהאַלטן אין אירע פויסטן. געהערט טריט הינטערן פענצטער, האָט זי אויפגעפלאַמט אין בהלה.

— האָט׳ס געדולד, — האָט זי זיך געבעטן אין דערשטיקטע טרערן — גאָרנישט וועט ענק אַוועקלויפן. משלטס ענק, ס׳רעגנט מיט פייער.

אַלע האָבן געמוזט איינזיצן, אַנישט האָט די יידענע געשריגן, גע־ריסן זיך די הויט פון פּנים. און זען היינטיקס מאָל ס׳דאַרף פאַר דער וויינאַכט, האָט זיך דאָך געוואָלט סיי דעם אַלטן, סיי קלמנען און דבורהן. „צו דער בהמה אַרויסקוקן״, האָט חיים יאַנטשע זיך פאַרענטפערט. זי אָבער האָט געזאָגט — ניין. ס׳עט איר גאָרנישט זיין, חיים יאַנטשעלע! מיט גאַל האָט זי געשפּריצט און דעם מאַן אַוועקגעשטויסן פון דער טיר. איך וועל פגרן, וועט דיר שוין גוט זיין? — און זיך צעוויינט: ס׳אַרע פאַר־שטאַנד דאָס האָט!... זי, די געביטערן פון הויז, האָט סוף־כל־סוף זיך נישט געקענט אָפּיאָגן פון אַלעמען, — האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביי דער שוועל פון דער פאַרמאַכטער טיר און געטאָמלט מיט די אויגן, מיטן טרו־קענעם שטערן:

— צאַפּט׳ס מיר ס׳בלוט, צאַפּט׳ס — און יעדעס מאָל זיך אַ פליק געטאָן ביים בוזעם — נעמט׳ס ענק ס׳קריש האַרץ!

שוין בייטאָג איז געווען נאַכט אין דער לאָקעטקער יידישער שטוב, און קיין לאָמפּ האָט מען נישט אָנגעצונדן, שלאָפן האָט זיך נישט געוואָלט. אויף צו להכעיס איז מען געווען גערייצט אויפן דרויסן, ווי עס זעט אויס דער טאָג, ווי אַזוי ער וועט פאַרגיין, צי ס׳איז אַ געגיי אַריבער צו יאָ־סעקן ימח־שמו. און דאָרט, אין טאָמאַשאָוו, אין דער מויער פון מיצקע־וויטש גאַס, האָבן אשר מיט בערלען שוין אויסגעקוקט דעם אָוונט. די מיטאַמאָליקע געצוימטקייט אשרס האָבן הערשן און חנהן אָנגעזאָגט. אַז דער יונג איז שטאַרק נערוועז. זיי האָבן אים גאָרנישט געלאָזן טאָן.

„מ׳עט שוין אָן דיר אויך״. אויך בערלען האָבן זיי געטריבן: „גענוג. אויף דערנאָך דאַרף מען איבערלאָזן אַ ביסל. מ׳עט זיך נאָך הרגענען פון ליידיקגייען, בערל. ווינטער קומען אַ פּאָר טויטע וואָכן״. פּאַוואָליע האָבןביידע זיך אַריינגעשאַרט אין זייער צימער. מ׳האָט זיך געגרייט צום פאָרן און די היים, ווי זי אַליין זעט באַשיימפּערלעך, זי „גייט אַראָפּ״, טאַקע דעם היינטיקן טאָג זעט זי — אָט דאָס ווייטיקלעכע איז אַרויסגעשפּרונגען אינעם געררייד צווישן די ברידער. אַלע יאָר ערב בייז־געבוירן איז געווען אַ לייזעכץ אין דער מאַמעס געוועלבל. געדענקסט, סגייעס זענען געקומען, געגאַנגען און אינעם געטועכץ האָט מען פאַרגעסן אַלע זייטיקע צרות. היינט איז די וווּנד אָפן, האָט אשר דערנאָך געזאָגט הערשן — נישט קאַ׳ גרויס נחת פון די קינדער און נישט קאַ׳ וואַזשנע עלטער.

— אשר, — האָט בערל אים געצופּט — צו וואָס כסדר רעדן ס׳זעלביקע. מיט דעם ווערסטו זיי פאַרגרינגערן?

דער ייִנגערער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט צער, ר׳האָט עס אָבער געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך; מיט אַלע זיינע חושים געוואָלט זיין גרייט צו דער אָוונטיקער נסיעה. איטלעך מאָל האָט ער אשרן דערמאַנט:

— מ׳זאָל נאָר נישט עפּעס פאַרגעסן. קוק זיך גוט אַרום. אויף זיך אַליין וויל איך זיך נישט פאַרלאָזן.

אשר האָט אַ דריי געטאָן מיט די שוואַרצאַפּלען, געטאַפּט זיך אין די הויזנקעשענעס און אומרואיק זיך אַרויסגעמאַכט פונעם ברודער.

ס׳איז אים מאָדנע שווער געווען, אשרן, אונטער דער מאַכט פון בערלען. גאַנצע נעכט, ווען זיי זענען אויפגעלעגן, האָט דער ייִנגערער אָן אויפהער אין אים אַריינגערעדט — ער האָט זיך צעפּלאַקערט אין בערלס פאַנטאַזיעס און, ר׳איז גרייט. ערשט ווילט זיך עס מער נישט געדענקען. ער וויל שוין זיין דאָרט. זאָל שוין קומען אָוונט, זאָלן זיי שוין פאָרן.

— ס׳קיישל מיט דער באַנקע נאָפּט פירט מען אַהיים, וואָ׳דען?... וואָרט, וואָרט, בערעלע, כ׳קום באַלד אַריין.

אויך אין בערלען האָט זיך אַלץ שטאַרק גערעגט. דווקא היינט האָט דער כמאַרנער טאָג לאַנג געליכטיקט.

◆

הוסטלדיק, ווי אַ חלוש, איז געווען דער אויפדערנאַכט פון יעזוסעס געבורט. אַ נישט־דערגאַנגען פּרעסטל האָט זיך געדרייט אין דער לופט.

שוואַרץ דער הימל און דער ווינט, אַ רייסנדיקער, האָט זיך געשאַרט אי־בער די דעכער, געטריקנט די בלאָטיקע ערד.

קורץ עטעמדיק האָט דער טונקעלער צוג אין דער דאָזיקער נאַכט זיך דערקליבן צום וואַלד־סטאַנציעלע בראַטקווו, געשטאַנען אַ האַלבע מי־נוט און צוזאַמען מיט אַ שטיק נאַכט אַוועקגעפּויזעט אין דער ווייטערער, טיפער וואַלדיקייט אַריין.

אויף ביידע זייטן באַנוועג פאַרגייט זיך דער וואַלד. ווי אַ קרעט, אַן אַרויסגעקראָכענער פון אונטער דער ערד, איז ס'סטאַנציעלע געבליבן אַרי־בערגעבויגן איבערן אָרעמען פּלעמל, וואָס איז אַ ווינגדיקס אויפגעגאַנגען אין דער נאַכטישער שוואַרצקייט.

קיין לעבעדיקער פויגל אינעם אַרום.

געלאָסן, מיט אָנגעשפּיצטן געהער זענען אשר מיט בערלען אַוועק לינקס מיטן וואַלד. די ערד האָט פאַרעקשנט געהודזשעט אונטער זייערע פיס. ווי חיות פאַרן יעגער האָבן זיי זיך געהיטן, געצויגן זיך אַרויף־באַרג מיטן וואַלד, פאַרלאַנגזאַמט די טריט, געגאַנגען כמעט אויף די שפּיצפינ־גער און זיך אָנגעשטויסן אויף ריזיקע ביימער. דערווישט ענדלעך אַ שטעג, האָט די שרעק נאָכגעלאָזן; שוין געווען אַ ריכטונג צו קענען גיין רואיק, אָן מורא באַגעגנט צו ווערן, צו שטרויכלען זיך, פאַלן מיט דער באַנקע, מיט די פלעשלעך, וואָס יעדער טראָגט ביי זיך אין די קעשענעס. די נאַכט־שוואַרצקייט איז געוואָרן שיטערער, זי האָט ווינציקער געשטאָכן די אויגן. פון מאָל צו מאָל האָט אַ צווייג אַ פּאַטש געטאָן איבערן שטערן, אויך דער ווינט האָט געלאָזט וויסן פון זיך מיט אַ פייף. די פינצטערניש האָט איצט זיך נאָך געוויקלט אַרום די פיס. הויל, ווי אַ טרומייט, האָט גע־הילכט די ליידיקייט.

פון הייבן כסדר די פייכטע, שטעכיקע צווייגן, פון היטן ס'קיישל מיט דער באַנקע און פון שווערן גיין איז ביידן געוואָרן הייס. לייכטער, הגם געהיטער איז געווען דער טראָט, ווען פון דער פינצטערניש האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פלאַכטע הימל, אַן אַדורכגעשטאָכענע מיט אַ שטערנדל. דער שטעג איז געוואָרן קענטלעך, דערמאָנט די היים.

אויסגעשטאָרבן, פינצטער איז לאָקעטקע געשטאַנען אין דער האַלב־נאַכט, ווען אַ וועלט קניט און זינגט פרום צו דער שעה פון יעזוס־גע־בוירן. געשטיגן ווי אויף פליגל צום בערגלדיקן דאָרף, האָבן ביידע זיך אומ־געקוקט אויף רעכטס, לינקס, געמאָסטן יעדן שפּאַן און אַ וואָרט נישט

אַרויסגעבראַכט. ברענענדיק האָט געשפּאַרט דער אָטעם, די אויגן האָבן גע־נישטערט, געשמעקט, אַנידערגעשטעלט זיך מיט אַ מאָל, האָט דער יינגע־רער מיט די הענט געפּרעגט דעם עלטערן.

— זעסט?

פינצטער, בלינד און טויב איז ס׳מקום. אַרויסגעפּאָרן, צעגאַנגען זיך ס׳פויערימוואַרג קיין טאָפּאָליע אין קאָשטשיאַל אַריין. דאָ און דאָרט גלאַנצט שוואַרץ אַ קליין פענצטערל, פון אינעווייניק פאַרשטעלט מיט אַ פאָרהענגל. אומעטום — פאַרגאָפּטע לאָדנס. די ווייסקייט פון די ווי אָפּ־געצוואָגענע, געקאַלכטע כאַטעס איז טונקל, פלעקיק ווי אויסגעקראָכענע קאָלב־פעל. ערגעצוו כאַפּט זיך אויף אַ הונט, ס׳בילן צעבערעקלט זיך און לויפט אָפּ ווי שטראָמלעך וואַסער.

שוין. די היים, מיין לאָקעטקע, דיין לאָקעטקע, אשר.ביידע באַגעגע־נען זיך מיט די בליקן — פרעגנדיקע, צעטומלטע. אַלץ טומלט אין דער אָפּגעשטאָרבענער שטילקייט. נישט ער און נישט דער צווייטער זענען ביכולת צו רעדן. ס׳איז אַ רגע פון אומגעווייִנטלעכער פאַרלוירנקייט אָדער פון איבערפלוס פון שטורמישן פילן. אינסטינקטיוו נעמען דער און יענער צעפירן די הענט איבער די קעשענעס, טאַפּן צי ס׳איז פאַראַן אינעווייניק דאָס שטאַרק געהיטע און קוקן זיך אָן פאַרכליניעטע פון דער מאַכטיקער שפּירונג, וואָס האָט נישט קיין מויל, נאָר ציינער. ערשט איינער גיט זיך אַ ריס, כאַפּט אַרום דעם צווייטן, קושט אים, וואַרפט אים אָפּ ראַפּטעם גלייך ער וואָלט באותו הרגע עפּעס אָפּגעמאַכט ביי זיך און נעמט פלינק, לופטיק טרעטן, אַז די ערד אונטער אים זאָל זיך נישט אָפּרופן. גיך שטעלט ער זיך אָפּ, זוכט דעם ברודער, וואָס געבליבן אַ ווײַלע הינטערשטעליק.

— האָסט? — האָט זיך געהערט אַ דערנענטערנדיקער מורמל.

— יאָ, — טראָגט אַנטקעגן דער ווינט.

— איך גיי.

— אָבער געדענק —

אַ האַנט גיט זיך אַ באַוועג און, דאַכט זיך, קיין שאָטן לייגט זיך נישט אין ערגעץ.

— גוט.

דערווייטערט זיך אַ פּאָר שריט, דרייט זיך ווידער אויס איינער צום צווייטן מיט אַ שעפּטשנדיקן האַנט־צייכן: געדענקסט?

— גיי, גיי.

דאָס לוישן פון טרייע, דערמאָנענדיקע רייד און דאָס הוסטן פון נאַכ־טישן ווינט איז מיטגעגאַנגען איבער דער דאָרפישער פינצטערניש.

ברודער מיט ברודער האָבן מער נישט געשפּירט די יאָמערנדיקע ליידיקייט פון זייער אָפּגעשטאָרבענער היים. אין זייערע מענלעכע הענט, האָבן זיי געשפּירט, צאַפּלט זיך ענדלעך דער גאָרגל פון דער חיה־רעה. די פיס האָבן זיך באַוויגן גרינג, דאָס האַרץ איז געווען געשטאַרקט.

...ס׳איז געווען גענוג דאָס בלאַסע, געל־פיאָלעטע צינגעלע פון צינדערל, אַז דער פלאַם זאָל גיך זיך צעבליען, צעצווייגן אין אַ בוים, אין ביימער, ברייט פונאַנדערגעעפנטע אין בלעטער און בלומען, ברויזיקע בלומען, וואַקסנדיקע, ליכטיקע, בלענדיקע. די ברוסט האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אינטענסיווער.

זיי האָבן נישט געפילט, זיי האָבן נישט געוווּסט, די זין פון לאָקעטקע, אַז דאָס האָבן זיי מיט די אייגענע הענט צעבויט די שלעסער פון נקמה אין דער רו, וואָס עס רוען די שונאים זייערע. ווי פאַקלען האָבן זיך געהויבן זייערע הענט, שפּרינגענדיקע פון אָרט צו אָרט; פריידיק ווילד צעשפּריצט אויף שטראָלן, אויף פונקען אין די טויזנטער, זענען זייערע אויגן מיטגעשפּרונגען מיטן ווירבל פון פייער, וואָס האָט זיך אָקערשט געשפּרייט אין דער נאַכט.

ווי מיט קעץ פון דער דאָרפישער צויבער־מעשה, אָנבאַגעגנטע אין גרויסן אומהיימלעכן דרויסן, האָט דער ווינט זיך געשפּילט מיט די סטויגעס פלעמלעך, פייער־שנירלעך, סטענגעס און קלעפּערלעך, וואָס זענען געלאָפן און געפלויגן איבער די אָפּגרונטן און בערג פון דער באַוועגטער פינצטערניש. לויפנדיק האָט דער ווינט פאַרנאַרט די שימערירנדיקע פלעמלעך און סטענגעס אויף דעכער, געקראָכן מיט זיי איבער ווענט און געשטיפט, געלאַכט. אָנגעזעטיקט מיט דער שפּילערײַ האָט דער ווינט לייכטפיסיק זיך אַ הייב געטאָן און איבערן שוואַרצן הימל אויסגעפלאַכטן קאָלירקע בייטשן, שנורן קרעלן, אויסגעוועבט זאָפּעסקעס־פאַרטעכער אין זוניקע מאַזאָװשער אוזאָרן און זיך צעלאָזן מיט חניפה־רוף: „קויפט, קויפט, ליבענקע, מײַן שענסטע סחורה!" שיכור פון גרויזן תענוג איז דער שטיפער־ווינט אַוועקגעפאַלן. די נאַכט, אַ טרוקענע, אַ טיפע האָט געדולדיק זיך אַנידערגעזעצט איבער זײַן שלאָף, פון ווילטיק וועגן צוקאָפּנס אים אויסגעשפּרייט אַ פלאַמיקע זיידענע פאָן און זי האָט לאַנג געפלאַטערט,

שטיל האָט אין דער נאַכט געפּרעפּלט די שרפה־פּאַן, אַ פונאַנדער־געצויגענע איבערן לאַקעטקער הימל. שטילערהייט וואָלט זי אפשר פאַר־צערט געוואָרן פון דער גיריקער פינצטערניש, ווען נישט דער רויך וואָס האָט, אַ בייסנדיקער, זיך אַריינגעקראָגן אין דעם אַלטן לודוויטשאַקס כאַטע. איבערגעוועקט זיך דער אַלטער האָט ער, ווי יעדער בלינדער שטאַר־קער דערהערט דאָס שטיקן זיך און ס'שטויסן פון די פלאַמען אין שכנות.

אַ לייוונטענער, אַ צעקנייטשטער האָט ער אין אַליינינקן נאַכטישן דרויסן זיך פונאַנדערגעשריגן אויפן גאַנצן האַלדז:

— גאָריי! גאָריי! גאָאָאָ־ריי־ייי!

און מורעטנדיק צעטראָגן אויף די שוואַכע פיס האָט ער אין זיך אַריין געטומלט: דער זון, מיין וולאַדעק, ווו איז ער, גוואַלט! די קו, די סטאַ־דאָלע, גאָט, — און ווידער געגומען שפּרייטן בהלה.

נאָך אַ זקן האָט זיך באַוויזן אַנטקעגן די צעווילדעוועטע פלאַמען. מבולבל האָט ער ווי אַ שאָטן, אַן אַרויסגערופענער פון דער שרעק, גע־וואָרפן מיט די הענט, נישט געוווּסט וואָס מיט זיי צו טאָן און מחמת אָנ־מאַכטיקייט נאָכגעשריגן ס'געשריי פון יענעם: „גאאָ־ריי־ייייי!" פלינק איז ער צוריקגעלאָפן אין כאַלופּע אַריין, אַרויסגעבראַכט אַן עמער און מיטן געשריי „גאָריי" געגומען באַגיסן די ווענט פון זיין פאַרחידושטער, שלע־פעריקער שטוב.

ווי פאַרשפּעטיקטע צו די מיטנגאַכטישע גוואַלדענעס, האָבן קינדער זיך פונאַנדערגעוויינט. זיי זענען אַרויס אין די העמדלעך און געריסן זיך מיט יללה צו דער איבערגעוועקטער נאַכט: „מאַמאַ, טאַטאַ!" אין דעם געשריי האָט זיך אַריינגעפלאָנטערט דאָס דורכגאַנדיקע שאַלן פון נש־תוממדיקן וואַלד.

אַ צערעוועטער האָט דער אימהדיקער וואַלד איינגעשטילט סיי דעם איבערגעשראָקענעם זקן, סיי די צעוויינטע קינדער. אין מיטן דער מהומה האָט מען זיך איינגעהערט אין אים, דערשפּירט די וואַרעמקייט, וואָס האָט אַ רויטע, אַ לעבעדיקע געשלאָגן פון די אייביק דראָענדיקע, אייביק אומ־צוטריטלעכע פאַנסקע געבייען זיינע.

דערנאָך זענען מיט אַ ראַסלעריי אָנגעפאָרן וועגענער מיט טונען, מ'האָט געכליאַפּעט וואַסער אויף די פלאַקערנדיקע כאַטעס און שטאַלן. דערשפּירט ס'וואַסער האָבן די פונאַנדערגעפלאָסענע, קדחתדיקע פלאַמען

געטונקלט, געדרייט זיך אין רויכן, אויסגעמישט זיך מיט שטיקער נאַכט, וואָס האָבן ווי קנוילן שטויב זיך געלייגט אויף דער בהלה. ווידער אָפּגע־ריסן זיך שטיקער פייער, ס׳האָבן געזעצט אין הימל אַריין ריזיקע צעפּ רויך, זענען זיי געזונקען, פונאַנדערגעגאַנגען זיך איבער דער פינצטער־ניש צוזאַמען מיט די סקעלעטן פון די פאַרצוקטע כאַלופּעס, פון די סטאָ־דאָלעס און שטאַלן.

העלפן לעשן די שרפה, אַן אויסגעשפּרייטע איבער צוויי עקן דאָרף, זענען אַרויס אויך די בילאַנדערס — פּאָטער, זון און טאָכטער. די ווײַ־בער, די שוויגער מיט דער שנור, זענען אין די קאָפּטיכלעך געשטאַנען אויף דער שוועל און געבראָכן זיך די הענט: ס׳אַרע אומגליק! ס׳אַרע בראָד!

ווען די לאָקעטקער זענען צוריקגעקומען פון דער נאַכט־תּפילה אין טאָפּאָליער קאָשטשיאָל, איז די שרפה שוין געווען איינגעלאָשן. שטיל גע־ווען שוין דער האָרן, מיד ס׳געשריי. ביטערקייט פון פאַרסמאַליעטן קאָרן האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. האָלעוועשקעס האָבן זיך נאָך געטשאָ־דעט אויף די בערגלעך פון די געוועזענע באַלעבאַטישקייטן.

איבער די שוואַרצע בערגלעך האָט זיך ניילעך געשטעלט ווייבערי־שער געקלאָג: אָ, באָזע, באָזע! מאַמעס האָבן געיאָמערט, געשריגן און גע־זונגען אין זייער געוויין, קינדער האָבן זיי באַגלייט לאַנג, נודנע, שלעפּע־ריק. די מאַנסלייט האָבן זיך צעזידלט הויך, פּרעך, מיט געבראָכנקייט. מי־דיקייט האָט ביסלעכווייז איינגעוויגט דעם רעש אינעם אָרום, וואָס האָט פון ס׳ניי געפינצטערט.

נישט מיד צו ווערן האָט דער אַלטער לודוויטשאַק זיך געדרייט צווישן די איינגעבויגענע, די פרירנדיקע און אַריינגעמורמלט אין זייערע געהירנס: אָ, יעזו, ווי די בהמות האָבן געמרוטשעט אין די שטאַלן! די אומגליקלעכע באַשעפענישן זענען לעבעדיקערהייט פאַרקוילט געוואָרן, עופות זענען זיך, ברענענדיקע, צעפלויגן אין דער לופט. אַ צער, אַ רחמנות, טייערענקע!

דאָס געוויין און ס׳זידלען האָט מיט אַ מאָל זיך ווידער פאַרשטאַרקט. שאָטנס האָבן זיך באַוועגט איבער די אָפּגעברענטע ערטער, נישט גע־קלערט אָפּצוטרעטן פון דער מאוימדיקער נאַכט, כאָטש באַרעמהאַרציקע האָבן געבעטן: „קומט אַריין צו מיר, ערשט איז סיי־ווי גאָרנישט אויפ־צוטאָן״. ביז אין גראָען פאַרטאָג אָריין זענען לייט אָרומגעקראָכן איבערן

דאַרף מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנעס, מיט געלער שיין באַלויכטן ווינק־לען און ליקן, מ׳האָט געניסטערט הינטער די ווענט.

ביי די בילאַנדערס האָט מען זיך שוין נישט צוריקגעלייגט. נייער אומרו האָט זיך אַריינגעגראָבן אין די הערצער: „וואָס טוט מען אַציגד? אַזאַ אומגליק! מ׳דאַרף אויסהיטן ס׳שטיקל נחלה. האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי, איז נאָך ערגער.

— אייגנטלעך האָט מען אונדז געזוכט! — האָט ראַכל געגומען עק־בערן אַלעמענס מוחות — ווי איז מיר, מ׳האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט מיטן פייער. צ׳זעט׳דעך! הלוואי זאָל איך האָבן געווען אַ נאַר מיט דעם.

עס איז נישט געווען קיין ברירה: מ׳האָט געדאַרפט אויסהיטן דאָס, וואָס לאָזט זיך.

פרימאָרגנס האָט חיים יאַנטשע מיט קלמנען און דבורהן גענומען אויף זייערע פלייצעס אַריינטראָגן אין שטוב אַריין זעק מיט תבואה. די קו וועט מען אויף ביינאַכט מוזן נעמען אין שטוב אַריין. מ׳איז אין אַ גיהנום, לאָמיר זיך נישט זוכן קאַ׳ גן־עדן, האָט געזאָגט חיים יאַנטשע. דער ייד איז אָפּגעגאַנגען אין שוויס, זיינע אויגן זענען געווען רויט. — מע וועט מוזן היטן. ביינאַכט ׳עט מען ווינציקער שלאָפן, קאַלמע!

די ווייבער האָבן טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ. זאָגן ניין, וועלן זיי זיך נישט דערוועגן. זיי קענען דען צוקלערן עפּעס קליגערס?

◆

נישט דערשלאָפענע, טרויעריקע האָבן פון גאַנץ פרי אָן אויף די שרפה־הויפנס זיך באַוויזן מענטשן: לאָקעטקער, קאַמיענער, מאַזשאַרניער. שטום זיך פאַרבייגעשאַרט די שטאַרצנדיקע איבערבלייבענישן פון אַ ציגל־נעם אויוון, פון אַ שטיקל קאַלך־וואַנט, פון אַש אַרויסגעגראַבלט צעבוי־גענע זאַוויעסעס, אַן אַלטן סאַגאַן און אַ לעצטע דערמאָנונג פון אַ פענצ־טער, פון אַ לאָמפּ; אַרומגעקוקט זיך, פאַרלוירן אַ קרעכץ און אַוועק, כדי שפּעטער זיך אומצוקערן אַהער. מענטשן האָבן מאָדנע ליב צו פאַרען זיך אויף פרישע טרויער־ערטער, אָנצורירן די אבלים, קנייטשן דאָס פּנים אויף יענעמס אומגליק. ס׳ווערט דערפון עפּעס לייכטער אויפן אייגענעם געמיט. ווער עס האָט נאָך אַ ברום געטאָן, באַקרעכצט דעם פאַן יאַסעק, וואָס האָט נעבעך אַזוי שטאַרק געליטן, ווער עס האָט געזאָגט עפּעס וועגן דעם סאַל־טיס לעלעווסקי, וועגן שעכן.

שפּעטער איז געקומען פּאָליציע, אַגענטן פון אַסעקוראַציע און דער פּאַן וואווזשיניאַק צווישן זיי. שטייפע, גוט אָנגעטוענע האָט ס'דאָרף אַרום זיי אויסגעזוכט נאַקעט־הויל, אַראָפּגעצויגן דערפון ס'אונטער־העמד. געשטאַנען אויף די שרפה־חורבות האָבן זיי געלאָזן רופן צו זיך דעם בלינדן לוד־וויטשאַק, דעם צווייטן זקן צעלינסקי, האָבן אויסגעפרעגט די קינדער און ס'האָט זיך געדאַכט: דאָס לעבעדיקע לאָקעטקע איז אַנטרונען צו די אויס־פּרעגערס. אַלץ איז אין זייערע בוזעם־קעשענעס, אין לעדערנעם האַנט־בייטל, אין זייערע פויסטן. לאָקעטקע איז טויט, אַלע באַוועגן זיך אַרום דעם טויט.

די „פּאָרשטייערס" זענען אַוועק קיין פּיאַסקי. אין פּיאַסקי זענען פּאָר־נאַלעס, פּאַרביסענע פּאַראָבקעס, אומצופרידענע. דאָרט, אין נאָוואַקאָוו־סקיס פּאָלוואַרק, באַדאַרף מען זוכן דעם פּאָדעם, האָט אין פּאָליציי־עלט־סטן אַריינגעשושקעט דער לעסניטשי. ער ווייסט זיי גוט, די דאָזיקע. ערשט אַנומלט האָט מען פון פּיאַסקי גענומען פּאַרדעכטיקטע. צי ווייסט נישט דערפון דער פּאַן קאָמיסאַזש?

ווי די שאָטנס פון דער מעשה־רע, וואָס איז דאָ געשען, זענען יאַסעק מיט לעלעווסקין נאָכגעגאַנגען דער פּאָליציע, די אַגענטן. זיי האָבן איט־לעך מאָל זיך צוגעקראָגן צו די „פּאָרשטייערס", אַריינגערעדט אין זיי מיט געשעפּטש, מיט געבראָכנקייט און בינו־לבינו געפרעגט וועגן פייער־קאַסע. מיר זענען געבליבן גאָל און הונגעריק, און ס'רוקט אָן דער ווינ־טער, — האָט יאַסעק זיך אַרויסגעשטעלט פּאַר אַלעמען.

— מ'ווייסט נישט, פּאַניע. די אויספאָרשונג איז נאָך אין דער פינצ־טער.

— יעזו, יעזו, — האָבן די געליטענע פּאַרגלייזט די אויגן.

צוריקצוועגס האָט פּאָליציע פון מאַזשאַרניע אַוועקגעפירט מיט זיך מאָטע דעם סטעלמאַך. נאָך אַ מאָל געווען אין לאָקעטקע, זענען זיי אויך דאָ אַריין צו די יידן.

חיים יאַנטשע איז געזעסן אַ דערשלאָגענער. מחמת מידקייט האָט ער זיך נישט געקענט אויפהייבן, ווען די דאָזיקע זענען אַריין אָן אַ גוט־מאָרגן. דבורה איז געלעגן אויף דער באַנק. געשלעפּט זעק תבואה פון שייער אין שטוב אַריין האָבן זיי זיך שטאַרק אָנגעהאָרעוועט. און די מענטשן זענען נאָך געווען צעבראָכן פון ביינאַכט, פון דעם אומגליק, וואָס האָט ווי אָומיסטן אַריינגעקוקט צו זיי אין פענצטער.

— זענען אַלע אין דער היים? — האָט געפרעגט פּאַליציע.

— אַלע. — איז אַ פאַרלוירענער אַנטקעגנגעגאַנגען די אַלטע בילאַנ־דעריכע. אַ קלענער געוואָרענע, ווי די יאָרן וואָלטן אָקערשט איצט רעכט זיך דערמאָנט אין איר. זי האָט צעפּראַלט די טיר אין קלמנס אַלקערל אַריין.

דעריאַכמעט פון שלעפן די זעק קאָרן איז אויך קלמן אַוועקגעפאַלן אויפן בעט. דער עלטסטער פון פּאַליציע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער טיר פון אַלקערל און תקיפותדיק, מיטן פינגער, גערופן דעם ליגנדיקן:

— אייך, אייך מיין איך.

אַ יונגער מיט אַן ענערגיש פּנים איז קלמן אים געקראָכן אין אויג אַריין. ווי מיט געליימטע אברים אַראָפּ פון געלעגער, גלייכגעגלעט ס׳צע־קנייטשטע היטל אויפן קאָפּ האָט קלמן געקוקט אויף דעם־אָ, געוואַרט זיינס אַ וואָרט. דורכגעשפּיזט קלמנען מיט זיין האַרטן בליק, האָט דער פּאָליציייסקער פּאַמעלעך געלאָזן וויסן זיין וויכטיקייט:

— ווו איז דער יונגערמאַן געווען, ווען ס׳האָט געברענט אין דאָרף?

— איך? — האָט קלמן זיך צעוואַקלט פון דעם פרעג. — כ׳בין גע־ווען, אין שטוב בין איך געווען. געשלאָפן.

— געשלאָפן? — האָט ד ע ר שפּאָטיש זיך געוואָרפן אויף אים און ס׳פּרצוף האָט קלמנען געבריט.

— פון טומל האָט מען זיך ערשט איבערגעוועקט, פּאַניע. מ׳איז באַ־נאַנד אַרויס לעשן, פּאַניע.

— אַזוי... ווו זענען דעמאָלט געווען אַלע לאָקעטקער?

— ווייס איך? — האָט קלמן געצוקט מיט די אַקסלען. — אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר נעכטן נישט אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

— וועסט זיך בעסער דערמאָנען, יונגערמאַן. — האָט דער פּאָלי־צייסקער אָפּגעהאַקט. — אָנטאָן זיך און מיטגיין מיט אונדז. — ער האָט לסוף גערעדט באַפעלעריש: גיכער, נישטאָ קיין צייט!

שאָשע איז פּלוצלינג אַרויס מיט אַ געכליפּ:

— פּאַניע טייערער, וואָס ווילסטו טאָן מיט מיר? מיין מאַן... — די טרערן האָט זי געשלונגען מיט אַ שלוקערץ. זי האָט מער נישט געקענט בעטן. זי האָט נאָר פאַרנומען דאָס פּאָליציייסקע געשריי: געשווינדער! גע־שווינדער!

קלמן האָט זיך געאײַלט. בײַ אים האָבן זיך געטרייסלט די הענט;

ער האָט הינטערוויילעכטס נישט אַריינגעטראָפֿן אין די אַרבל פֿון דער מאַרנאַרקע, וועלכע איז אָקערשט געהאָנגען אויף אַ טשוואָק אין וואַנט.

אָנגעפּולט זיך די שטוב מיט אומגעריכטער מהומה, האָט חיים יאַנ־טשע ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים פֿינצטער זיך דערנענטערט צום אַל־קער. די אויגן זענען אים פֿאַרלאָפֿן. נאָך אַ מאָל אָנגעקוקט דעם פּאָליציי־אישן, דעם פֿאַן פֿון וואַלד, איז דעם אַלטנס בליק געוואָרן מוטנע. אין דושנעקייט האָט זיך צעצאַפּלט די ברוסט.

— וואָס זענען מיר דאָ שולדיק, פּאַניע? — האָט ער זיך געקרעכצט.

— מיר זאָגן גאָרנישט. ער וועט נאָר מיטגיין.

— מיין זון וועט נישט מיטגיין, פּאַניע, — איז חיים יאַנטשע נענ־טער צוגעגאַנגען צום פּאָליציייסקען. — איך וועל נישט לאָזן אומזיסט פּייניקן מיין קינד — און פּלוצלינג זיך צעשריגן מיט די אויגן און מיט דער גראָלעכער, האַרטער באָרד, וועלכע האָט אונטערגעשפּאַרט דעם אָדער־דיקן האַלדז. — וואָס מיינט איר, ווו נאָר אַ שטיין וועט מען אים וואַרפֿן אין אונדז? אויך פּאָליציע זאָל אַזוי!

פֿון דעם אַלטנס ליאַרעם האָט פּאָליציי אַ רגע זיך פֿאַרלוירן. דער־נאָך האָט זי זיך דערמאָנט אָנעם כוח, וואָס איר איז איבערגעענטפֿערט. מילד, נאָר מיט אַ גלאַנצל אין קול האָט זיך צערעדט דער פּאָליצייאישער:

— פּאַניע, אַ שאָד דיין איידל פּאַטריש האַרץ. זעץ זיך אַוועק, אַל־טער. דער איז אומשולדיק, אַ טייבעלע איז דיין זון, אונדז וועט ער אַ ביסל באַגלייטן.

ווידער האָט זיך אַ שנייד געגעבן אַ ווייבערישער קוויטש. באַלד איז אויפגעשפּרונגען קלמנס ווייב, ראַפּטעם האָט זי געכאַפּט ס׳קינד אין ווינד־לען אַריין, אין אַ פּאַטשיילע עס פֿאַרוויקלט און מיט דעם־אָ לעבעדיקן פּעקל אין די הענט העפּטיק זיך אָקעגנגעשטעלט די לייט אין די שטייפֿע שטיוול:

— מיין מאַן וועט אַליין נישט גיין, מיך וועט איר אויך מיטנעמען, מיין קינד וועט איר מיטנעמען. אויב ער איז שולדיק, זענען מיר אויכעט שולדיק. נעמטס אונדז.

אירע באַקן, געצונדענע פֿון גרויסער אויפֿרעגונג, האָבן זיך באַגאָסן מיט טרערן.

דער אַלטער האָט געשטעלט אַ טריט:

— מיך וועט איר אויך נעמען. איך בין דער טאַטע. איך בין פּונקט אַזוי שולדיק ווי ער. ביסט פאַרטיק, קלמן? לאָמיר גיין.

אַרויסגענומען די היימישע פון שטוב, האָט ראָכל מיט דבורהן זיי נאָכבאַגלייט מיט אַ נאָגנדיק־גרויליקן געשריי, מיט וועלכן יידן ווילן זייערע געשטאָרבענע צוריק אַרויסרייסן פונעם טויט.

— חיים יאַאַאַנ־טשעע!

— קאַלמע!

— טאַטע מיינער!

און געוואָרפן זיך אויף דער שוועל מיט אַ דויערנדיקן פינצטערן געקלאָג.

ס׳געוויין פון דער היים איז חיים יאַנטשען, קלמנען און שאָשען נאָכגעגאַנגען דעם גאַנצן וועג.

◆

אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָמאָביל האָט מען זיי געטריבן קיין טאָמאַשאָוו. פּאָליציי מיט ביקסן און אייזערנע פּנימער האָט זיי אַרומגערינגלט.

אַ פּראָסטע פּאָליצייאישע קאַנצעלאַריע האָט פאַר זיי געעפנט אירע גראָ געקאַלכטע מויערווענט. און האָט מען אין אַ זייטיקן צימער ס׳ערשטע אַריינגערופן קלמנען, האָבן אויך חיים יאַנטשע מיט שאָשען זיך אויפגעשטעלט. זיי ווילן מיטגיין.

— מ׳באַדאַרף בלויז קאַלמאַן בילאַנדער, — האָט אָנגעבורטשעט דער פּאָליצייסקער משרת און פאַרהאַקט פאַר זיי אַ שווערע טיר.

שטייף, אָנגעצויגן איז די פּאָליציי. ביקסן קוקן אַרויס פון אַ שטייטשטענדער און אַז אַ וואָרט גייט דאָ פאַרביי, קייכט עס טרוקן ווי אַ פאַלנדיק שטיק האָלץ. חיים יאַנטשע האָט זיך דערשפּירט איינגעפּענטעט אין דעם אַלעם. אים האָט אויסגעוויזן: זייער לאַנג האַלט מען קלמנען אין יענעם חדר. מ׳פּייניקט אים. מ׳ציט אונדז ס׳ביסל מאַרך פון די ביינער. מיר זענען שולדיק אין אַלצדינג. דער אַלטער איז געוואָרן אומגעדולדיק. פון ס׳ביי זיך אויפגעשטעלט, געפּרוווט זיך דערנענטערן צום פאַרמאַכטן חדר. ער האָט דערשפּירט דער שנורס טרעריקן בליק אויף זיך. קלמן איז דאָרט אַריינגענומען געוואָרן, זיין קלמן. פאַרוואָס! — ציטערט אין אים פּלוצלינגער כעס. די אויגן קריכן אים פון שטערן אַרויס.

דער פּאָליצייסקער אַנטקעגןביים לאַנגן טיש באַגעגנט אים מיט קאַל־טע אויגן. ער גיט אַ רעד מוראַדיק רואיק:

— זיצן, פּאַניע!

אויך שאָשע האָט דערשפּירט, עס דריקט די באַנק אונטער איר. און ס'קינד קרימט זיך שוין. קוקנדיק אַהין, צו דעם ביים טיש, האָט זי דעם קינד געשטופּט אַ ברוסט אין פּיסקל אַריין. וואָס טוען זיי מיט קלמנען? איר האָט געפּלאַמט דער שאַרבן: יאַסעק איז זיך אויך אין אים נוקם...

טונקל געוואָרן אין דרויסן, צי אים טונקלט די ראיה? ס'שוין אויפ־דערנאַכט און דעם יונג זעט מען נישט — האָט דער ייד זיך געגעסן. זיי וועלן אים נישט אַרויסלאָזן. זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף אונדז! פּאָלי־ציע האָט זייטן־טירן, האָבן זיי אים אַוועקגעפירט. פּפּהו, פּפּהו, אַ היץ שפּאַרט אים פון די אינגעווייד, זי וועט אים צעשפּאַרן. ער קען נישט לענגער זיצן. דאָס בענקל האָט אַ קרעכץ געטאָן. דער ביים טיש מעסט אים אָפּ:

— פּאַניע! איר ווייסט נאָך נישט, אַז דאָ קומט מען זיך נישט שפּילן?

די אָדערן האָבן זיי אים געריסן מיט דער אָנגעשטײַפטער רואיקייט. אָט־אָט ברעכט ער אַרויס. ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבן. ער איז נישט שולדיק און רעדן באַדאַרף מען מיט אים. ר'מוז געפינען יושר.

מיט אַנגסטן האָט ער זיך גובר געווען.

זייער לאַנג האָט גענומען ביז מ'האָט אָנגערופן חיים יאַנטשעס נאָ־מען. אַציגד וועט ער ווייסן וואָס צו טענהן. און וועלן זיי אויך זיין צעלאָזן, וועט ער פרעגן: צי איז אַ ייד מער נישט קיין מענטש אין פּוילן, איז שוין דאָ אַזאַ געזעץ וואָס פּאָזוואָליעט צו פּייניקן אַ מענטש, ווייל ער איז אַ ייד. דאָ, אין די אַמטן, מוזן זיי ענטפערן.

דעם לאָקעטקער טרעפט אָבער אַ הילציק וואָרט:

— איר גייט אַהיים!

— מיין זון, — האָט ער אויפגעריסן זיינע ליפּן און זיך פאַ, שטאַמלט. לופט האָט אַ דריק געטאָן זיין קעל.

שאָשע האָט אויפגעהויבן דעם בליק, זי שטעלט זיך אויף אונטער־געהאַקטע פיס. איר צונג דערשפּירט זי ווי אַ לעדער: „מיין מאַן" — —

און די קיילעכיקע, מאַטע לאָמפּן האָבן זיך אָפּגעקערט, געבליבן ער־געץ הינטערווײַלעכטס.

— פּאַניע, פּאַניע, לאָזט אַ וואָרט.

ערשט האָבן זיי דערהערט, מ׳היקעט איבער זיי, מען זידלט און, פלוצלינג זיך דערזען אין פרעמדן, טונקעלן דרויסן.

...„קלמן, ווו איז קלמן?״

דער באַוווסטזיין איז וואַך, כאָטש פון נערוון־שפּאַנונג האָט גענאָגט אַ גרויסע מידיקייט. און אַ גאַנצן טאָג נישט געהאַט אין מויל.

— מ׳האָט צוגענומען קלמנען, — האָט עס אין זיי גערעשט. — מ׳טאָר נישט שווייגן. זיי ווען נישט אָפּטרעטן.

אויף אַ שוועל, אין שכנות פון דער פּאָליציי האָבן זיי זיך געוואַל־גערט, דער שווער מיט דער שנור. ס׳קינד האָט זיך צעוויינט פון הונגער, וואָס איז נישט געשטילט געוואָרן פון דער מוטערס לײדיקער ברוסט.

— גיט אָפּ מיין זון! מיין מאַן! — האָבן זיי מיט געשריי זיך גע־וואָרפן צו די פענצטער פון דער פּאָליציי.

אַ לאַנגע, קאַלטע נאַכט זיך געוואַלגערט ביי די פיס פון די האַרט־נעקיקע און אכזריותדיקע. ס׳פּיצל קינד האָט שאַשע געוויקלט אין דער פּאַטשיילע, געטוליעט צו זיך, אַז ס׳זאָל נישט פרירן און אַריינגעכליפּעט דערין: „מ׳וויל אונדז אומברענגען, איטשע מאַירעלע!״

מיט פיבערנדיקע אויגן, צעשויבערטע האָר האָט דער אַלטער מיט דער שנור כסדר זיך באַוויזן פאַר פּאָליציע. פאַראַכטלעך האָט מען זיי אָפּ־געשטויסן: „טראָג זיך אָפּ, בערדיקער!... מאַרש, דו!״ די פּאָליצייאישע געביידע האָט כמורע געהיטן די נאַכטישע שטילקייט.

אין פאַרבאַגין, ווען קעלט האָט אים שטאַרק דורכגעביסן, איז חיים יאַנטשע אַוועקגעפאַלן ביי אַ מויער. פּאָליציי האָט אים געוועקט, האָט ער שטאַר געעפנט די אויגן און ווידער זיך געריסן צו די, וואָס האָבן צוגע־נומען קלמנען.

צומאָרגנס האָט מען דעם ייד מיט דער יידישקע פון ס׳ניי געטריבן. פּאָליציע האָט זיי נישט געוואָלט הערן. פאַרבייגייערס האָבן זיך געחי־דושט, וואָס מען פאַרנעמט נישט די זשידעס אין תפיסה אַריין. שלעפּערס באַאומרואיקן די פרידלעכע בירגער. אַנדערע האָבן אויסגעשפּיגן: שפּילן זיך מיט אַזעלכע!... און איז אַ פּאָליציי־עלטסטער אַריין אין דער געביי־דע, האָט חיים יאַנטשע אין לאַנגער קאַפּאָטע אים פאַרשטעלט דעם וועג: ׳ביסט אַוודאי אויך אַ פאָטער, פאַניע געאַכפּערטער. פאַרנומען מיין זון״... און שאַשע איז צוגעגאַנגען: „דעם קינדס פאָטער״, — און אירע אויגן האָבן געגליט.

אַ לעבלעך וואָרט האָט געשאַנקען אַזאַ, אַנדערע האָבן רוגזהדיק זיך אַרויסגעמאַכט. חיים יאַנטשע איז נישט מיד געוואָרן, כאָטש נישט אויס־געשלאָפנקייט און הונגער האָבן צעוואַקלט זיינע קני, געפּרעסט דעם רוקן מיט דער שווערקייט ווי פון אַ זאַק שטיינער און אין די לענדן האָט געצויגן אַ ווייטיק. ער האָט זיך מפקיר געווען: זאָלן זיי מיך צעטרעטן — כ׳בין ערב פאַר אַ קינד. אָן אויפהער זיך געריסן אין פּאָליציע אַריין, געליטן קלעפּ, באַליידיקונגען; ער האָט געהוילט ווי אַ פאַרווונדיקטע חיה, גע־שריגן און לסוף געצוווּנגען, מ׳זאָל אים אויסהערן. איינער אַ שטילער מיט אַן אויסגעפּעטסט פּנים און קליינע וואַסערדיקע אויגן האָט אים אָפּגע־שיקט צום פּראָקוראָר. „פּאָליציע האָט צוגענומען דעם זון, צו באַפעלן האָט דער פּראָקוראָר. דער פּראָקוראָר וועט שוין זאָגן... גייט, גייט, פאָטער!״

דערשלאָגן זיך צום פּראָקוראָר האָט חיים יאַנטשע באַלייגט זיין בי־טערע טענה:

— כ׳וויל זאָלסט זאָגן מיר, אַן אַלטן מענטש, צי בין איך אַ בירגער, צי אַ הפקר־זאַך? דו, פּאַניע געאַכפּערטער, קענסט מיר זאָגן, דען איך בין פאַרנאַרט געוואָרן פאַר דער לעצטער צייט. אַנגעהאָנגען זיך אין אַן אומ־שולדיקן און כ׳האָב נישט מיט וועמען צו רעדן וועגן דעם. מיין זון האָט מען צוגענומען ביי מיר, צוגענומען דעם פאָטער פון אַ קליין קינד. פאַר־וואָס? איך הייס חיים יאַנקעל בילאַנדער, דער פאָטער פון קאַלמאַן, וועמען מ׳האָט איינגעזעצט פאַר דער שריפה ביי אונדז אין לאָקעטקע. זאָג, פּאַניע געאַכפּערטער: צי דערפאַר, ווייל כ׳גיי נישט אין קירך? אין דער נאַכט פון יעזוס־געבוירן בין איך געשלאָפן אין שטוב, בין איך דערפאַר שולדיק, צי מיין קינד איז שולדיק, אויב ס׳איז געווען אַ שריפה? אין פּוילן זענען דאָך נישט אַלע קאַטאָליקן. פאַראַן אויך אַלט־גלייביקע. איך בין אַ ייד. אַלע יאָרן זענען די בילאַנדערס נישט געווען אין חשד פון פאַרברעך, הייבט טשעפּעט מע זיך. מיין זון האָט נישט פאַראומרייניקט די הענט אין אַזאַ זאַך. גיב מיר אָפּ מיין קינד, פּאַניע געאַכפּערטער, גיב אים אָפּ דעם ווייב און דעם עופהלע!

דער אַלטער איז געשטאַנען אין איין שווייס; שווערע טראָפּנס זע־נען אַראָפּגערונען פון שטערן אין דער באָרד אַריין; די אויגן האָבן גע־ברענט, ער האָט געסאָפּעט.

פאַרלעגנהייט איז געשטאַנען אין חלל פון דער קאַנצעלאַריע, וואָס איז געהאַלטן אין שטרענגן ברוין און אין ערנסט פון אָקסעדירטן בראָנדז

פונעם גרויסן צלם, וואָס האָט בולט זיך אויסגעטײלט פון דעם טונקל פאַר־לירטן טיש. דער פּראָקוראָר האָט פאַרלוירן געבלאָנדזשעט איבערן פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן פאַר אים. אומליב געטראַכט און נישט גערן געהאָט ס׳טראַכטן. אויפן אַלטן ייד האָט ער נישט געקענט האַלטן דעם בליק. אין מיטן פון דעם דאָזיקן קורצאָטעמדיקן שווייגן האָט דער ייד זיך נאָך צו אים אַריינגעריסן מיט אַ פרעג — צו אים, דער האַר פון די הערשנדיקע:

— האָט מען געמסרט אויף קאַלמאַן בילאַנדער, ווי עלמאַזשני פּאַן?

ד ע ר האָט זיך געשפּירט אָנגעגריפן אין זיין גדלות. ס׳טייטש — אַהער אַריינקומען מיט אַזאַ לשון! זיי ווייסן דען נישט וואָס צו טאָן אָן מסירה? ער האָט זיך פון דעסטוועגן געשטאַרקט אָנצוהאַלטן זאַכלעכע רואיקייט:

— גייט אַהיים, פאָטער. אויב אייער זון איז נישט שולדיק, וועט עס אַרויסקומען ווי בוימל אויפן וואַסער. דאָס געריכט וועט אייך באַדאַרפן, וועט עס שיקן נאָך אייך.

— אויך ער... — האָט׳ס חיים יאַנטשען אַ ביס געטאָן. דער ייד האָט אָט־אָ־דאָ אויפגעשריגן מיטן געשריי פון בלוטיק־צעווייטיקטן:

— צי ווילט איר אָנקלאָגן אומשולדיקע, פּאַן פון משפּט? אויב אַזוי, נעמט אויך דעם טאַטן פון דעם נעמלעכן! איך בין אַלט, איך קען אָן דעם זון נישט לעבן. וועט איר אים שלאָגן, וועלן די קלעפּ פאַלן אויך אויף מיין קאָפּ. ער איז אומשולדיק ווי אַ טראָפּן ראָסע, וואָס נידערט פון הימל. און ווילט א י ר נישט הערן אָן עלטערן מאַן, טאָ וו ע ר וועט הערן? אין אייערע הענט איז דאָך די מאָס פון גערעכטיקייט. ווו זשע איז די מאָס איצט, ווען איך, אַ ייד, מאָן זי, ווען פון מיר טריפט מיין בלוט און איר ווילט דאָס נישט זען! אויב איר, יאַשניע פּאַניע, ווילט אויף אָן אמת אונדז הרגענען, ווייל אַ ייד איז נישט ראוי די גענאָד פון דער מלוכה, טאָ הרגעט אָט שוין! הרגעט, שופט, אָן באַווייזן, אָן עדות, וואָרן קיין באַווייזן קעגן מיין קינד וועט איר נישט געפינען, און עדות, אויב איר וועט זיי האָבן, וועלן זיי זיין אונדזערע שונאים, ווייל פאַלשקייט טאָטשעט זייערע צונגען. זייערע הענט זענען צו אומווערדיקייטן אָנגעבאַרייט.

דעם רואיקן האַר האָט שוין גענומען די נכפּה:

— דאָ זאָלט איר נישט שרייען. דאָ רעגירט ס׳געזעץ. ווילט איר טומלען, איז דאָ נישט דאָס אָרט פאַר דעם. גע־גאַנ־געען!

און ראַפּטעם צעעפנט די טיר.

דעם ייד מיט דער שנור האָט מען ווי אַ שמאַטע געטרעטן מיט די פיס. מיט כל־הכּוחות האָט דער אַלטער בילאַנדער זיך געווערט קעגן דער רשעות, וואָס האָט געשטשירעט אומעטום. פון מידיקייט, פון הונגער זענעןביידע געפאַלן אין אַנמאַכט. אין מיטן גאַס האָבן מענטשן זיך אַרומגעשטעלט ביי זיי, געפרעגט, געצוקט מיט די אַקסלען און אַוועק. געקומען צו זיך, האָט יעדעס מאָל פון ס׳ביי זיך געריסן זייער געשריי: „מיין זון! מיין מאַן!" זיי האָבן געהאָפּט מיטן געשריי קלמנען אַרויסצורייסן פון די הפקרע. און ס׳קינד אויף דער האַנט האָט מיטגעליטן: געשלאָפן אין דער מוטערס אָרעם, אויף דער שויס, אויב שאָשע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ טרעפּל. איבער דעם קליינטשיקן האָבן זיך דערבאַרעמט דורכגייענדיקע. יידן האָבן דערקענט יידן אין דער נויט, האָבן זיי אַ לעפל וואַרעמס צוגעטראָגן, דעם קינד צוגעוואָרפן אַ ביסל זיסע מילך, אַ קיכעלע. צוקוקנדיק זיך צו די וואָס וואַלגערן זיך פאַר די מלוכהשע קאַנצעלאַריעס, האָבן יידישע ווייבער זיך אויסגעקנייפּט די באַקן: „מיר האָבן דערלעבט! אַ יידן מעג מען אַלץ..."

אַ טאָג און אַ נאַכט האָבן חיים יאַנטשע מיט שאָשען זיך נישט צוריקגעקערט אַהיים. אין דער לאָקעטקער יידישער כאַלופּע איז געשטאַנען אַ יאָמער. ראַכל האָט „געגעסן" דבורהן:

— וואָס ׳עט זאַאַן! וואָס ׳עט מען טאָן!

זי האָט טרויעריק געזונגען איר איכה און אונטערגעטריבן ס׳מיידל: „נעם, טאָכטער, גיב אַ קוק קאָ׳ טאָמאַשעוו, ווי איז מיר, ווינד איז מיר. ווו איז דיין טאַטע, ווו איז דיין שוועגערן מיטן פּיצעלע; ק אַ אַ ל מ ע ע, וואָס ווילסטו פון אונדז? קום אַהיים!"

די שטוב איז געשטאַנען אין חושך. ביינאַכט איז מען נישט געשלאָפן. מ׳איז כסדר אַרויס צו דער סטאַדאָלע, צו דער שטאַל. אַז זיי האָבן אָנגעהויבן, ׳עלן זיי שוין נישט אויפהערן, עשוס אייניקלעך! — האָט ראַכל אויסגעקלאָגט מיט טרויער.

...אַז דבורה האָט צו די טאָמאַשאָווער זילבערס פּלוצלינג אַריינגעטראָגן איר יללה: „דער טאַטע! ווו איז דער טאַטע!" — איז אין דעם הויז געוואָרן אַ צעמישעניש: „ס׳אַרע ניי אומגליק גייט אויף זיי?"... די אויגן אין קאָפּ האָבן געאַרט, איבער די זשאַנסלעס איז אַדורך אַ צוקנדיקע קילקייט. די מענטשן האָבן זיך געפּלאָנטערט איינע איבער די אַנדערע. ערשט ווען דעם מיידלס טענה איז דערגאַנגען צו זיי, האָט מען זיך געכאַפּט אַז

ס'איז גאָר אַ לאָקעטקער דאָס־אַ אומגליק. מ'האָט זיך געבעטן ביי דבורהן: „שטילער, זאַכטע. דערציילט וואָס, ווען". געהערט זי און מ'איז אַליין גע־פאַלן איבער די הענט.

— ששאַ, לאָמיך הערן, — האָט אין נערוועזקייט איינער איבערגע־שלאָגן דעם אַנדערן און אַלץ נישט באַנומען. — ס'הייסט, דער טאַטע, קלמן... זיי זענען נישט אינדערהיים? און שאַשע אויך!

דבורה האָט דערציילט און אשר מיט בערלען האָבן זיך אַ ריס געטאָן:

— און דער טאַטע לייגט זיך זיי צו די פיס! און שאַשע! וואָס טוט מען, וואָס הייבט מען אָן, מענטשן? — די יונגען האָבן געברענט פון אויפ־רעגונג. זיי ווערן אויך גיין צו פאָליציע און זאָל מען זיי פאַרהאַלטן. זיי זענען אויכעט יידן, זיי זענען אויך נישט געגאַנגען אין קאָשטשיאָל אַריין אין דער נאַכט פון יעזוס־געבוירן. פאַר נישט און ווידער־נישט כאַפּט מען זיך אָן אין אַ ייד. אַ לייבן־גרוב דאָס פוילן! וויפל יידיש בלוט זיי האָבן שוין גענומען, איז זיי נאָך אַלץ ווינציק! מ'טאָר נישט שווייגן. טשעפּען זיך צו קלמנען... און דעם טאַטן דאַרף מען נישט לאָזן זיך פאַרשוואַרצן, — האָט בערל ענערגיש געזאָגט צום ברודער. לאָמיר גיין!

אָנגעקוקט זיך קעגנזייטיק, האָבן זיי אַ מינוט זיך געקווענקלט און באַלד אַוועק זיך איבערטאָן. מ'מוז זוכן אַ וועג אַרויסצונעמען קלמנען, האָבן זיי אָפּגעמאַכט ביי זיך.

— ס'עק וועלט, — האָט חנהס שטים אָפּגעקלונגען אַ פאַרוואָלקנטע

— אָנגעזעצט זיך אויף אַ שטוב!

— געלאָסן, באַטראַכט, קען מען אַלץ מאַכן, — האָט הערש געעצהט קוקנדיק אויף דבורהס טרערן־פאַרטריקנטע באַקן.

די מענטשן אין דער טאָמאַשאָווער שטוב זענען איצט געוואָרן נאָך מער אָפּהענטיק: צו וואָס צערייסט מען זיך דעם יאַשטשיק? צו וואָס די גאַנצע אַרבעט, פאַר ווען די מי, אַז שטענדיק האָט מען צו דערוואַרטן אַזאַ שטיקל? אַ נישט געהויבן אַרטיקל אונדזער יידנהייט.

אשר מיט בערלען זענען געלאָפן צו פאָליציי, צום פּראָקוראָר: מיר זענען ברידער קלמן בילאַנדערס. מ'האַלט אים אָן שום באַווייזן. ס'איז אַ בייזוויליקע מסירה אָדער אַ טעות. מיר בעטן באַלד דורכקוקן דעם ענין, צוגענומען אַן אומשולדיקן מענטש. אויב ער איז שולדיק, זענען מיר אויך שולדיק. די באַווייזן זענען די זעלביקע: אויך מיר זענען יידן.

מ'האָט זיי באַליידיקט.

— חוצפּהניקעס! אין אַ מלוכהשן אַמט זאָל מען מער נישט הערן אַזוינס. פּאַרזיכטיק, יונגעלייט. פּוילן איז נישט קיין חזיר־שטאַל, אַלע זאַלן מעגן אַנמושבן אומבאַשטראָפט.

און זיי פאַרטריבן.

אין די יונגען האָט עס געזאָטן. אָנגערודערט אַ טייג. זיי טאָרן עס נישט לאָזן פאַרזויערן. אשר מיט בערלען האָבן זיך געשטיקט מיטן האַס, וועלכער האָט נושא־פּירות געווען אויף זייער אייגענעם בוים.

זיי זענען אַוועק צו גרויסע אַדוואָקאַטן, אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון יידישע סיים־דעפּוטאַטן.

לייבעלע מינצבערג, דער שליח פון גערער רבישן הויף האָט פאַרמרו־זשעט די קלוגע ביר־אויגן, גענומען אין דער האַנט אַריין ס׳געפלעגטע געלע בערדל און צוגעזאָגט נישט צו פאַרשווייגן. ער וועט עפּעס טאָן ביי מלכות, כאָטש, מ׳שטיינסגעזאָגט, אונדזער דעה ביי זיי היינט, — האָט ער הייזעריקלעך צוגעגעבן. ס׳איז נישט דאָס וואָס פריער, מיינע הערן. אַנדערע פאַקטאָרן האָבן די אויבערהאַנט אין דער מלוכה־פירונג. מ׳איז יידן, מ׳דאַרף קענען פאַרליב נעמען אָן עוולה. בטחון, יונגעלייט...

זיי האָבן נישט געקענט רוען אויפן בטחון. די לאָקעטקער זענען אַוועק קיין וואַרשע. ס׳דאַכט זיך זיי: דעפּוטאַט יצחק גרינבוים האָט ברייטערע פּלייצעס פאַר יידישע צרות. און ער איז דרייסטער, גיט אַ קלאַפּ אין סיים־שטענדער, אויב מ׳קוועטשט צופיל די יידן.

אַוודאי, נישט נאָר אין טאָמאַשאָוו, צי אין לאָדזש איז אַצינד ענג דעם ייד. ווו מ׳גייט אין וואַרשע וואַקסט דער צער. פון אַלע זייטן דריקט מען. יצחק גרינבוימען באַלעגערט מען מיט ווײ־געשרייען. קוים זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו אים. „כ׳פאַרשטיי, קיין גוטע בשורות ברענגט איר נישט, יונגעע מענטשן", און זיך באַמיט זיי אַנטקעגן צוטראָגן אַ הייטער פּנים; „שווער, שווער, ס׳אַזאַ וועטער אין דרויסן".

מיט שברת הלב האָט יצחק גרינבוים אויסגעהערט די בילאַנדערס. זיינע וואַרעמע אויגן האָבן איינגעזאַפּט דעם שטראָם יידישן ווייטיק און גרימצאָרן; פאַרנומען די טענה, פאַרצייכנט פּרטים, געוויגט מיטן שיינעם קאָפּ. אַריינגערוקט די גראָבע פינגער אין די וועסטל־קעשענעס האָט ער זיך דערנאָך אויפגעשטעלט מיט אַ צוקן פון די טונקעלע טאָרבעלעך אונ־טער די אויגן. נאָך ניי־יאָר, האָט ער געזאָגט, אויף דער ערשטער סיים־זיצונג וועט ער עפנטלעך אָנפרעגן דעם מיניסטער וועגן דער הפקרות. נאָך

נישט געפאַלן ביי זיך, יונגעלייט. — זיי צוגעפירט צו דער אַרויסגאַנג־טיר און ווי אויסגעטייטשט דעם זיפץ, וואָס ער האָט זיי צושטייער געגעבן צו צידה לדרך:

— וואַ־וואַאַ, יידן אין פוילן האָבן זיך דערוואָרט! נאָר אַרויפזעצן זיי אויף שיפן אַ מיליאָן, צוויי מיליאָן און אַרויספירן קיין ארץ־ישראל. קיין אַנדערע ברירה איז נישטאָ פאַר אונדז, מיינע ליבע. ארץ־ישראל וואַרט אויף יידישן כוח, אויף יידישן ווילן צו לעבן יידיש; נאָר דאָ, פאַר ז יי, זענען מיר איבעריק.

אַליין צעטרייסלט פון געשעענעם, האָבן די לאַקעטקער יונגען נאָך געמוזט באַרואיקן דעם פאָטער מיט דער שוועגערן, וואָס זענען אַלץ נאָך געזעסן אין טאָמאַשאָוו, אַריינגעבראַכט אַהער זייער חורבן.

— ס׳עט גיט זאַן, ס׳עט בעסער זאַן! ער וועט בשלום אַרויס, — האָט אשר אין זיי איינגעטענהט, -- קאַ׳ קנאָבל האָט ער נישט געגעסן, קלמן? זאַכטע, ׳עסט זען, טאַטע. ׳עסט נאָך דערלעבן דעם שוואַרצן סוף פון די הינט אויכעט. און דו יאָפע נישט, יידענע, — האָט ער זיך גע־קרימט אויף שאָשען.

— קרעכצן העלפט דען, נאַראָנים? -- האָט בערל זיך אָנגעבויגן צו זיי, — געגנוג!

עס איז נישט אַדורך קיין איין טאָג אַז זייערע אַדוואָקאַטן זאָלן נישט זיין ביים פּראָקוראָר. „דער ענין איז אין גאַנג״, איז געווען דער ענטפער. און איטלעך מאָל זענען אשר מיט בערלען צוריקגעקומען מיט האָפענונג:

— ער ווערט באַפרייט, קלמן. נאָך אַ טאָג — צוויי, וועסט זען, מ׳עט נאָך לאַכן.

— אַז מ׳שמירט פאַרט מען, — איז חנה אַרויס מיטן אַלטן ווערטל פון די אונטערדריקטע.

און נאָך חגאות איז קלמן אַרויס פון תפיסה. „מחמת מאַנגל אין באַווייזן — אָפּגעשטעלט די אויספאָרשונג״, האָט עס געהייסן. אשר מיטן ברודער זענען מיט אים אַהיימגעפאָרן קיין לאַקעטקע.

פון אומגעריכטקייט איז די פרייד אין כאַטע אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרק געוויין. די מאַמע, אַ צעבראָכענע, האָט מען געמוזט מונטערן פון חלשות. דערנאָך איז געקומען אַ שווערע, פינצטערע נאַכט פול מיט בייזע חלומות און געשרייען פון שלאָף.

איבערגענעכטיקט אין דאָרף האָבן אשר מיט בערלען גענומען טענהן מיט די אַלטע לייט:

— טאַטע, מאַמע, לאָמיר פּאַרפּאַקן ס׳ביסל בעבעכעס און לאָזן לאַ־קעטקע אונטנאַרומעט. ביזקל אַהער האָט מען אויכעט געקלערט דערוועגן, אַציגנד דאָרף שוין קאָ׳ קלער נישט זאַן. ס׳אי׳ נישט פאַר אינדזערטוועגן. אין טאַמאַשאָוו ׳עט מען זאַן ציגעזאַמען, ׳ס׳עט ענק זאַן גרינגער און אינדז בעסער.

— וואָס דו רעדסט, מאַאַן קינד, — האָט ראַכל זיך געווישט די אויגן קוקנדיק אויף אשרן — ווו ׳עלעך מעך וואַלגערן אין דער פרעמד? ס׳אי׳ נישט פאַר אינדזערע יאָרן, קינדער מאַנע. — גיין אָנהייבן? ווער האָט׳ן כוח?

— אַ דירה, מאַמע, וועסטו האָבן. מ׳עט דינגען אַ שטיב מיט אַ קאַך, ׳עסט זאַן באַלעבאָסטע יאַק שען נאַלעזשי, — האָט אשר זיך געמאַכט אַ לב, אויפצוהייטערן די מוטער.

זי האָט אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט.

— אַוודאי, — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער — וואָס ׳עט אונ־דזער סגאַל טיען אין שטאָט? תפילין ׳עלעך שראַבן? דאָ, גאָט ברוך־הוא ׳עט געבן ס׳געזונט, האָט מען באַ וואָס אייַנצוטינקען די הענט. ניין, קינ־דער.

שאָשע איז געזעסן אַ שטומע. זי איז געווען צעבראָכן פון די טאָמאַ־שאָווער טעג און נעכט. פינצטערניש האָט זיך אייַנגעגראָבן אין איר טונקל־הויטיק, אָוואַל פּנים, ס׳זענען אויסגערונען די רויטע פלעמלעך, וואָס האָבן געלויכטן אויף אירע באַקן אונטער די גלאַנציקע, שוואַרצע אויגן. אויך קלמן איז געזעסן ביי דעם גערייד און ס׳האָט אויסגעזען, ווי צו אים איז נישט דערגאַנגען דער תוך פון דעם אַלעם. ער האָט געשפּירט — זיינע צעלאָמיעטע ביינער.

אין פענצטער איז געשטאַנען ווינטערדיקע טריבקייט.

חיים יאַנטשע האָט זיך צעגענעצט. ער האָט געדאַרפט זיך צולעגן. בייַנאַכט מוז מען אויפזיין, אַרויסקוקן אין פינצטערן, קאַלעמוטנע דרויסן, אַכטונג געבן אויף דער כאַלופּע, אויפן שייער.

שאָשע האָט זיך דערמאָנט אָן קינד: איטשע מאירעלע האָט אַן אומ־רואיקן שלאָף. מ׳דאַרף אים ככּד״ר אייַנדעקן. און די שטוב איז נישט אויס־געהייצט.

אַ ווינטער האָט דאָס יאָר זיך געשטעלט אַ האַרבער, מיט טיפע שנייען און גרויסע פרעסט.

◆

אין זייער טאָמאַשאָווער שטיבל האָבן די לאָקעטקער יונגען זיך גע־גריזשעט: פויערן די היימישע. זיי טרענקען זיך און ווילן נישט אַרויס פון זומפּ!

עס זענען געקומען נעפּלדיקע, קאַלטע טעג. מאַדנע האָט גענאָגט די דערמאָנונג אָן דער היים און זיי האָבן שטאַרק געליטן פאַר איר.

— כליסטעס, צו אַל די רוחות, — האָט אשר געבורטשעט. — גיב זיי לעקעך, ווילן זיי נישט. שוואַרץ ברויט ׳עלן זיי פרעסן! יאַקבי אונדז נישט צו לאָזן שלאָפן. אימקימען ׳עלן זיי דאָרט, די כאָלערעס, און נישט אַרויס!

— און צוריקגעשמועסט, — האָט בערל געמאַטערט זיך אַליין און געצויגן זיך צום ברודער — ביסטו נישט דער זעלביקער, בין איך נישט אַזעלכער? — אַ פויער. לאָקעטקע האַלט מיך ביי די אויערן. ערשט זעסטו, אַ הונט קען זיך אָפּרייסן פון לאָקעטקע, ס׳פּזשיקרע. כ׳בין אַרויס — בין איך! אָבער אין קאָפּ עקבערדט מיר אַלץ דער אייגענער יאַסעק און לעלעוו־סקי און דער לעסניטשי. אַ געמיין גאַטונג. צוליב אַזאַלכענע האָב איך געמוזט אַרויס, אַנישט... כ׳האָב זיי פיינט ווי די מייז אין סטאָדאָלע. זיי צעפרעסן אונדז די תבואה. אָנגעריבן זיי אַ מאָרדע, יאַסעק האָט געקריגן אַ זענק איבער דער קעשענע, דאַכט זיך, ס׳איז גענוג, העי? „פאַרוואָס פאַרגעסטו נישט אין דעם, בערל?״ אַצינד קרענקט מיך, פאַרוואָס איך זאָל מוזן זיך אויסבאַהאַלטן מיט מיין שנאה. כ׳האָב זיי פיינט, ווייל זיי האָבן מיך פיינט. איז עס אַ פאַרברעך? ס׳געוויסן פלאָגט מיך, אשר. פּשיאַקרעוו, כ׳בין אַ לאַמאַגע, אַ פּחדן! וואָרן וואָס איז האַס, אשר? ס׳איז, מיין איך, דאָס באַהאַלטענע געוועער פון דער אָנמאַכטיקייט. אַ הונט בילט, ווען ער קען נישט בייסן, אַ בייסער רייסט שטיקער פלייש. כ׳בין שוואַך קעגן דעם עם־רע, דער טאַטע איז שוואַך, דערפאַר אונדזער האַס. און דאָס פייניקט. אויב אַ פּאָגראָם, זאָל ער זיין אָן אָפּענער, ווי זיי מאַכן דאָס — באַטאָג, אין מיטן גאַס, אויף זייערע יאַרידן. די אומבאַהאָלפנקייט קרענקט מיך. פאַר דעם נעמען זיי אונדז נישט אין חשבון ווי מענטשן, די כלבים, וואָס

רייסן שטיקער לייב פון אונדז. פון דעם קלער איך און דו לאַכסט: כ׳בין אַ נאַר.

— קלערסט!... אַ שאַד ס׳האַרץ. כ׳זאָל אַזוי לעבן, ביסט אַ נאַר, בע־רעלע. חיים יאַנטשען גייען גאָרנישט אָן די אַלע שאַלאַמויזן; אָט זיצט ער, פּויעריש, און דו רעדסט... אַ פּאָגראָם מאַכט מען מיט רציחה און נישט מיט קאָפּ. יידן זענען קאַליקעס צו אַזאַלכענע זאַכן. מיר דאַרפן לעבן, האָרעווען און האָבן הנאה פון דער האָרעוואַניע. חיים יאַנטשע בילאַנדער האָט אין דר׳ערד די שכנים. ער גלייבט נאָך, ס׳וועט בעסער ווערן: מיט זיי אָדער אָן זיי. אַנישט וואָלט ער דאָך אַרויס פון דאָרטן. זעסט׳עך. די שיף מיט פּוטער־מילעך איז אונדזער טאַטן נאָך נישט אונטערגעגאַנגען. מיר זענען שנעקעס, ברודערקע. מיר האָבן נישט קאַ׳ געדולד. געלאַסן, באַ־רעכנט, קען מען אַ סך אויפטיען, ווי האַרשל זאָגט. און ער איז אַ קלוגער.

— מיינסטו, יאַסעקס פּאַקאַלעניע קען מען איבערהאַרן? איך גלייב נישט, אשר. דאָס שלעכטס מערט זיך גיך.

— פילאָזאָפיעס! שלאָג עס פּאַר אַ כפּרה. זאָל זיך נאַר מאַכן אַ ביסל רואיק, ס׳עט זיין פּרנסה, גיט מען זיך אַן עצה אַפילו מיט די ערגסטע רשעים. מ׳ווייזט זיי די שפּיצן פון הונדערטערס, ווערן זיי ווייכער, די מאַטשעקעס, פאַרקויפן דיר די אייגענע מאַמע. האָסטו דיר: אין דרויסן בילט דאָס: „זשידעס, זשידעס״, און בשתיקה האָבן זיי ליב צו האַנדלען מיטן ייד. דער ייד מאַכט זיי אַ וועג צו עשירות. זיי וואָלטן גאַר נישט אַזויפיל געכלאָיעט און די קעפּ זיך נישט פאַרדאַסט מיט שנאה צו יידן, וואָלט פון זיי אויך געוואָרן מענטשן. מיר, אמת, האָבן נישט קאַ׳ האַרץ פאַר זיי, אָבער מיט געדולד קען מען אין זייערע קרויט־קעפּ אויך עפּעס אַריינקיילן. די געסרחהה וועט אַדורך, ׳עסט זען, בערעלע. איך האָב נישט קאַ׳ כוח לאַנג צו קלערן איבער איין זאַך. קלערן איז אַ ביטערע אַרבעט. גלייכער, — גיט ער זיך אַ צערייב די הענט — גלייכער, הערסטו, התונה צו האָבן, נישטאָ קאַ׳ אַנדער ברירה. האָסט געזען דאָ די פאַננע רעגינע? אַ לייטיש מיידל, העי? זאָג, יינגל, פאַר אַ שוועגערן געפעלט זי דיר? כ׳מיין נישט קאַ׳ געלאַכטער.

אויף בערלס אויבערשטער ליפּ האָט אָפּגעציטערט אַ בלאַס שמיי־כעלע:

— אַ המצאה, — און אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

דער שמועס האָט זיך אָפּגעריסן, אָבער בערלס קלערן האָט זיך גע־

וועבט. פאַרלאַנגוויילקט האָט אשר זיך געדרייט און גענומען זיך גראַבּ־לען אין דער שפּול־שטוב. ס'וועט זיך אָנהייבן די אַרבעט, וועט מען דאַרפן יעדעס רעשטל. ס'איז גלייכער עס צו טאָן היינט אַליין, איידער פאַרלאָזן זיך שפּעטער אויף פרעמדע הענט. אויף אַרבעט איז ער איצט נישט פויל, אשר, און אומיסטן „פאַרווילן זיך" ביי די שפּול־רעדלעך אויך הערש מיט בערלען. חנה זעט־צו דעם קאַכלאויוון אין דער עס־שטוב. ווילאַנג מ'קריגט קוילן, דאַרף מען נישט פרירן, האָט זי געזאָגט. אין איר רעדן האָט אָפּ־געבּרומט טיף פאַרהוילענע שרעק פאַרן בייז, וואָס האָט זיך געריסן איבערן לאַנד, געפּאַכעט מיט די בייזע פויסטן. פאַר דאָס האָט מען אין הויז מער נישט אַריינגענומען קיין צייטונג און ס'ראַדיאָ־קעסטל האָט געשטומט מיט פאַרהאַקטע ציין.

אַנטקעגן דעם האַרבן ווינטער און די יידן־נגישות האָט מען זיך פאַר־מאַכט אין שטוב אויף קלאַפּ־שלעסער און אייזערנע ריגלען.

עס האָבן זיך גענומען שלעפּן די טויטע וואָכן אין דער שטריקער־בראַנזשע. די ווערקשטעטל האָט געגליווערט און די מענטשן אין שטוב האָבן געגליווערט. מ'איז געזעסן ביים קאַכלאויוון און געאומערט. פון דער ווייטנס האָט מען זיך צוגעהערט צו יעדן ציטער פון דער טיר. זעלטן אַ באַקאַנטער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. אַזאַ איז שטענדיק געווען דער מבשר פון ביטערע גזירות; אַזאַ האָט אין הויז אַריינגעטראָגן דעם פיבער פון מיליאָנען יידן אין פוילן, וואָס לעבן אין טויט־שרעק. די שאָטנס פון דער שרעק האָבן זיך געצויגן פון וואַרשע.

אין יענע וואָכן האָט ווי אַ שוואַרצע מגפה פון סיים זיך דורכגע־טראָגן אַ כוואַליע פון רעשיקע יידן־זיצונגען. יידן שטייען אין וועג פונעם וווקס פון פוילנס גרויסמאַכט, יידן פראָוואָצירן, יידן, יידן!

יצחק גרינבוימען, דעם עומד פון אַלטע גרויסע יידישע קהילות האָט מען אַרויסגעטראָגן פון סיים מיט אַ געלעכערטן קאָפּ.

— אַוועק מיט די יידן! אַ טויט די יידן!

עס האָט געקוויטשעט דער מאַרק, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אין דרויסן אַ פאַרריסענער, אַ קאַלעמוטנער, דער מאַרק אָן יידן און ס'האָט געקוויטשעט דער ראַדיאָ מיט יוזעף בעקן, מיט ריבענטראָפּן.

יידן האָבן רעכט דערשפּירט דעם רונצל פון קעלט.

אַ ביטערער ווינטער איז עס געווען פאַר אַלע פון אינעווייניק פאַר־מאַכטע שטובן.

31

סוף קאַפּיטל

פּרק א׳

צו פרילינג האָבן אויף די הויכקייטן געגומען טייען בערג פאַרטונקלטער שניי, אוצרות אייז. די נעציקייט האָט פאַרטרונקען די געגנט. אין לאָקעטקער טאָל האָבן זיך אָפּגעשטעלט גרויסע, שיטערע זומפּן נישט דורכצושפּאַנען זיי. און ס׳טייכל האָט אויסגעגאָסן, אונטערגעשוואָנקען די חרובע מיל. אין וואַלד אַריין צי צום וואָקזאַלעכל האָט מען געמוזט זיך „דורכשיפן" אויף היימיש צונויפגעשטוקעוועטע פּראָמען. אַ קלאָץ צו אַ קלאָץ צוגעפּעסטיקט און אויף זיי פאַרוואָרפן ברעטער, דרענגלעך. איבער די דאָזיקע בריקן איז מען געשפּרונגען און לסוף אַריין אין אַן אומפאַרמיידלעכן געמויזעכץ: דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן אומבאַוווינטע, הפקר זאַמדיקע ערד, פאַרוואָרלאָזטע סטעזשקעס. הויכע שטיוול האָבן נישט געקלעקט פאַר די ברייט אויסגעגאָסענע, לעבעדיקע קאַלוזשעס. דאָרט האָבן מאַנצבילן אַראָפּגעצויגן די שטיוול, הויך פאַרשאַרצט די הויזן אין בייגעלעך, ווייבער האָבן אויפגעהויבן די ספּאָדניצעס און באָרוויסערהייט זיך דורכגעקריגן איבער די שוימענדיקע, שיטערע בלאָטעס. דער הימל האָט זיך געלייטערט, די זון איז אַרויסגעקראָכן און דאָ האָט אָן אויפהער גערונען, געשורעוועט אין שטראָמלעך, ריטשקעס.

לאָקעטקער, וואָס זיצן אויף די זאַמדן, האָבן אין דער שפע פון פייכטקייט געזען אַן אָנזאָג אויף אַ גוט גערעטעניש. די ערד נעמט זיך אַדורך, די זוימען וועלן האָבן דעם ערשטן זאַטן טרונק. עס האָבן זיך צעעפנט די ליים פאַרקלעפּטע קוואַדראַטנע פענצטערלעך, פון די שטאַלן האָט מען אַרויסגעטריבן די בהמות, וואָס זענען לאַנגע וואָכן נישט געווען אין דרויסן. צוגלייך מיטן בענקשאַפטלעכן מעקען האָט איבערן דאָרף זיך צעטראָגן דאָס אָפּגעוואַשענע קול פון איבערגעוועקטן מענטש.

אין דער בילאַנדערישער כאַלופע האָט אָנגעשלאָגן דער טומל, וואָס עס האָט אויפגעהויבן וואָיטשעך וואָנס. ער איז אַרויס פאַר דער שטוב

באַלד מיט זידלען און שעלטן, דער נאָענטסטער שכן: כאָלעראַ... פּשיאַ מאַטש!...

— זיי איז וויל, — האָט ראַכל געמורמלט — זיי זוכן זיך היימלעכקייט; האָבן נישט אונדזער קאָפּ־בראַכעניש.

אַ קליינע מיט אַ בלייך־גרינלעך פּנים פֿון אַ קעלער־מענטש, האָט זי זיך באַוויגן ווי די געשטאַלט פֿון דער מרה־שחורה אַליין. די יונגע טעג האָבן אויף איר געקוקט בשתומם.

חיים יאַנטשע האָט נישט געלאָזט רעדן; דער מענטש קען נישט פֿאַרנעמען קיין קלאָגן. קיינעם האָט ער נישט געלאָזן קיין צייט צו זיין טרויעריק. „שוין, ראַכל! אַלץ אויסגעזאָריגט?“ — און באַלד האָט ווי אַ האָנענקריי זיך געריסן זיין רופֿן: „קאַלמעע! קאַאַל־מעע...!“ געצווייט מיט אומרו און געבייזער איז געווען דער אויסקלאַנג פֿון דעם. דער יונג האָט שוין געוווסט, וואָס דאָס באַטייט; אַ לעבנלאַנג געוווינט צו די־אָ קולות. יעדעס יאָר אין דער צייט חזרט זיך איבער דאָס זעלביקע: דער טאַטע וועקט צו האָרעוואַניע.

קלמן האָט זיך אויסגעלעגנערט, פֿויל געטרעטן איבער דער הוילער פּאָדלאָגע און זי האָט אָפּגעגענעצט. געזען אים אַ פֿאַרשלעפּערטן, האָט דער פֿאָטער נאָך אַ מאָל אים אונטערגעטריבן:

— היידאַ, שוין צאַאַט אַ בליק צו טאָן פֿון וואַנען ס'עט זאַן פּרנסה?

אין פֿעלד זענען פֿאָטער און זון געזונקען אין טיפֿע בלאָטעס. וואַסער קווילט אונטער יעדן טראָט, זאַמד־שטיקער וואַקסן אָן אויף די פּאָדעשוועס. קלמן האָט זיך פֿאַרקוקט אין דער ווייט: „טאָקע שוין וויאָסנע!“ איבערן קיילעכיק־טונקעלן וואַלד־קרייז, וואָס כאַפּט אַרום ס'אויג, טיקן זיך די האָריזאָנטן אין ליכטיק ליכטיקן בלאָ און דאָרט, וווּ דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ, איז אויפֿגעקומען די פּיליצע. ס'אַ שטאַרקער טייך! דאָרט ליגט אָפּאָטשנע, אַהין גייט אַוועק קינסק. דאָרט זענען יידן. יידן מאַטערט מען היינט, פּשיאַקרעוו — — פֿון פֿאַרגאַפּטקייט האָט קלמנען אַרויסגעשטויסן דעם פֿאָטערס אַ שטורכע: „דע, די שטיוול!...“ דער אַלטער האָט אַ ברום געטאָן, ווען ער האָט פֿאַרנומען דעם געפּלאַטער פֿון שוואַלבן איבערן קאָפּ.

שטייענדיקערהייט אַראָפּגעצויגן די שטיוול, פֿאַרשאַרצט די נאָגעוויצעס און געוואַרט, דער זון זאָל טאָן ס'נעמלעכע. שטיוול זענען ווי אַ הויז ביי אַ לאָקעטקער. אַ פּאָר שטיוול בויעט מען במשך פֿון יאָרן. מ'זוכט צו ערשט אַ געדיכטע יוכטענע כאָלעווע, מען נישטערט אויס אַ גוט בלייזל

אויף פּשישווע־פּאָטשעווקע, אַ פּעסטע בראַנדזויל, שטאַרקע טילקעס. נאָך פּאָדעשוועס לאָזט מען זיך אַרויס עקסטרע אויף אַ יעשעניעם יאַריד. אַ קינסקער זויל מיטן שטעמפּל פון אַ לייב איז אַ יחוס אויף לאָקעטקער שטיוול. חיים יאַנטשעס טרעטערס האַלטן שוין אַ יאָר זעכצן־זיבעצן, — נישט לאַנג נאָך בערלס ברית אויפגעשטעלט — פון דעסטוועגן זענען זיי אים נאָך אַ שאָד.

מיט די גרויסע, שטייפע שטיוול אין די הענט (אַקוראַט ווי פאַרבלאָטיקטע, מגושמדיקע פיס, וואָס קלעטערן אין דער לופט אַנטקעגן דעם שפּראָציקן פרי־יאָר) האָבן די באָרוועסע מאַנסלייט איצט זיך געטראָגן אין דער ציטערדיקער ליידיקייט. טאַטע און זון שלינגען די רחבותן, קוקן, זוכן עפּעס אומאַנטפּלעקטס, צו וואָס עס לעכצט זיך אַזוי בלינד. אַרויסגיין מיטן אַקער איז נאָך צו פרי. נאָך אַ פּאָר טעג, ס׳וועט ווערן וואַרעמער, האָט דער אַלטער געזאָגט צום יונגן. ס׳שווענקט נאָך צו שטאַרק. און אפשר, — האָט דער ייד געקלערט, גאָט ברוך־הוא וועט זיך דערבאַרעמען. ס׳בייז וועט זיך אַראָפּשווענקען. די גראָבע פּלאַסטן זאַמד האָט ער אין זיבען געהאַט און געמיינט האָט ער די פאַלשקייט די שכנימס. פון פּעטע, שוואַרצע גליבעס ערד האָט דער ייד נישט אויפגעהערט צו חלומען.

דערווייל איז געבליבן אויסצורייניקן די שטאַל. שטיקער לאַנד זענען אויסגעמאָגערט פון פאַראַיאָרן, פון פאַר צוויי יאָרן. ס׳מיסט מוז מען אָפּצערקלען דאָ אַ ביסל, דאָרט אַ ביסל. חיים יאַנטשעס שטאַל איז אָרעם אין חיונה פאַרן פעלד. און היי־יאָר, אַז מ׳עט׳ס זוכה זיין — האָט ראַכל געטענהט אין שטוב — ׳עט מען מוזן זייען מער קאָרן, ווינציקער לאַנעס לאָזן אויף לוביען. אַ פּאָר קערץ ׳עט מען דאַרפן פירן אין שטאָט אַריין, אַ זלאָטי זאָל זיין. אַ לעבעדיקער מענטש באַדאַרף...

ווידער האָט זיך דערמאַנט די קלאָג: יאַסעק... ס׳ברעקל פּרנסה צוגענומען.

עס האָט אַ צופּ געטאָן אין ברוסט: מ׳איז יידן, דעריפּירט זיך דערשלאָגן אין דער ליכטיקייט, וואָס האָט אָקערשט געפּראַלט ווי פון כלי־ביעדיקע קוואַלן.

די גדולה, וואָס איטשע מאירעלע איז אונטערגעוואַקסן איבערן ווינטער, איז אויך עפּעס נישט באַקומען. די באָבע האָט אים אַרויסגעלאָזן פון דער האַנט. דער קאָפּ שטייט נישט צו פרייד מ׳שטיינסגעזאָגט. אויך שאָשע האָט ווינציקער זיך געשפּיגלט אין איטשע מאירעלען וואָס אין

לאַנגן באַרכאַנענעם קליידל ביז אַריבער די פּיסלעך. דאָך, אַז איר איז גע־וואָרן פריקרע דער אַלטערס דערדריקטקייט, האָט זי זיך אַרויסגעהאָלפן מיטן יינגעלע אויף דער האַנט.

— הע, אונדזערע פּאַלוואַרקן, שוויגער?

און שאָשע האָט נישט אַזוי האָפערדיק ווי פריער געשטופּט ס'קינד דעם טאַטן אין די הענט אַריין:

— האַלט דיר, קאַלמע, דיינע זין!

אַלץ איז דאָ אַלט געוואָרן אין שטוב.

דער דרויסן האָט זיך מער אויפגעבראָכן, אויפגעבראָכן ווי אַ פּאַר־מאַכטער קנאָספּ: מיט ליכטיקייטן, מיט די רייצן פון דער געבערנדיקער ערד, פון דער אַנזאָגנדיקער לופט — ס'האָט געשמעקט מיט די ריחות פון יונגקייט. פּאַוואַליע, פּאַוואַליע און ס'האָבן זיך אין גאַנצן פאַרשאַרט די וואָלן פונעם פנים פון הימל; לייכטע, פוכיקע וואָלקנדלעך האָבן גע־לאָקט אין די הייכן. און וואָס פריידיקער דער דרויסן, אַלץ שטעכיקער האָט אַנגעריסן דער וויטיק, וואָס איז נאָך אַלץ געווען פריש, ווייל שטאַרק אַנזעעוודיק. דאָס פאַרהאַקטע קראַם־שטיבל האָט געליאַרעמט. ווידער זיצן אין שטוב, אַבי נישט צו זען דאָס געגיי צו יאַסעקן אין געוועלב אַריין (אַ נייע כאַטע זיך אויפגעבויט אין סאַמע ווינטער!), איז נישט שייך. די גאַנ־צע באַלעבאַטישקייט איז דאָך נישט אין שטוב: זי איז אין שטאַל, אין שייער, אין גאָרטן, ביים ברונעם.

מ'האָט טאַקע געקוקט און געדריקט, ווי ראָכל האָט איבערגעחזרט מיט ביטערניש. חיים יאַנטשע האָט איטלעך מאָל געמרונצעט: „יידענע, אפשר ׳עט שוין גענוג זאָן?"

אויך אים איז די ברוסט איבערגעגאַנגען; מער האָט ער נישט גע־קענט זאָגן.

און איז מען אַרויס טאָן אין פעלד, איז נישט געווען ניחא זיך צו באַגעגענען מיט ז יי. פון די שכנים האָט מען געווייכט, געשפּירט צו זיי אַ מורא און אַ ווידערווילן באַנאַנד, כאָטש ס'פּנים האָט מען נישט גע־קענט באַהאַלטן אין די הענט אַריין. די אַרבעט האָט געברענט און ס'פעלד איז אויפגעקומען מיט מענטשן, מיט בהמות. די זון האָט זיך שוין אין גאַנצן אַנטבלויזט, זי איז געווען צעשפּרענגט אויף הונדערטער, אויף טויזנטער שפּליטערס און פונקען; די וואַרעמקייט האָט געשפּראָצט מיט אַ זיידן גרין קעפּעלע פון אַ גרעזל, אין אַ טראָפּנדל טוי האָט געמיניעט דער

שפּיגל פון הימל. די ערד האָט געפּאַרעט מיט אַ ווייסלעך, טיוליק רויכל און ס׳פּערד אין אַקער האָט געהירזשעט, געהויבן די טלאָען אין דער קלינגעוודיקער לופט.

אונטערן אַקער צעשפּריצן זיך נאָך די לעצטע פּרילינג־וואַסערלעך. אין טאָל שטייען טיפע בלאָטעס, צעגראָבענע פון אומגעדולדיקע פיס, וואָס איילן בגנבה אין וואַלד אַריין; פון דער ווילאַנאָווער פאַבריק ציען אַהיים אין דאָרף אַריין אויסגעמאַרכטע, וואַקלענדיקע שאָטנס פון מענטשן און אויף דער בלייכער לאָקעטקער ערד פאַרזייעט מען די אָרעמע רעשטן פון ברויט, וואָס איז בעל כרחו אָפּגעשפּאָרט געוואָרן פון הונגעריקן מויל.

חיים יאַנטשע מיט קלמנען האָבן זיך געבוקט איבערן פעלד, געבראָכן ס׳געניק פון פינצטערלעכן באַגינען ביז אין דער זינקנדיקער נאַכט. זיי זענען געפאַלן און געהאָרעוועט. דבורה איז געווען די איינציקע העלפערן. זעק קאָרן האָט זי געטראָגן אויף איר מיידלשער פּלייצע, זעק האָבער, דער־נאָך קוישן קאַרטאָפל. די קו אויפן וויהאָן האָט אַרויסגעטריבן די אַלטע; דבורה האָט זי פאַרביטן אויף אַ שעה צוויי. ס׳באַלעבאַטישקייש איז גע־בליבן אויף שאָשען מיטן קינד אויף דער האַנט.

אשר מיט בערלען אין טאָמאַשאָוו האָבן זיך געריסן אַהיים, אַרויס־צוהעלפן דעם טאַטן: „אוי, דער אַלטער וועט זיך טויט־אַרבעטן!“ די ווערק־שטעל האָט זיי אָבער צוגעבינדן מיט די קייטן פון עול. ווידער איז אָנ־געשטאַנען סעזאָן אין דער שטריקער־בראַנזשע, ווידער זענען געקומען די פּריש אָנגעיוירענע סוחרים, די זשעדנע און חניפהדיקע. בלוזקעלעך, דזשעמפּערס גיב זיי אַ סך, גיב זיי מער! און האָט מען געמאָנט סחורה, האָט מען נישט געקענט זיצן ליידיק. מ׳האָט זיך געבייזערט אויף זיך אַליין, למאי מ׳איז אַזוי, מ׳פאַרגעסט, וואָס מ׳האָט זיך צוגעזאָגט, נאָר געטאָן האָט מען ס׳פאַרקערטע. חנה זילבער מיטן בלאָנדן גויאישן גע־פלעכטעכץ פון אירע האָר האָט פון ס׳ניי זיך אויסגעשטעלט אויף סכנות — צו ברענגען פּאַרטיעס געפּאַרבטע וואָל, פּעקלעך זייד־פאָדעם און פּעק־לעך צווערן. מ׳האָט זיך באַהאַלטן מיט דער אַרבעט און מ׳האָט זיך גע־יאָגט מיט דער שרעק, וואָס האָט אויפגעדרינגען ממש מיט דראָענדיקע נעגל, מיט די גיפטיקע גלאָצערס.

פּאָגראָמען אויף יידן, אָנגערופענע געשעענישן, האָבן זיך אין פּרילינג ניין און דרייסיקסטן יאָר דורכגעטראָגן ווי אַ פּאַרפּלייצונג איבער שטעט און שטעטלעך און דער מיניסטער־פּרעזידענט גענעראַל

סלאַוואָי־סקלאַדקאָווסקי איז אויף אַ הערלעכן וואָגן זיך איבערגעפאָרן אי־בער דער מדינה צו זען, צי ס'ווערט אויסגעפירט זיין אָנזאָג, אַז פריש גריין־לאַקירט זאָלן זיין די הילצערנע הייזקעס פון פוילן און העל־געטינ־קעוועט די הויכע מויערן.

פיינלעך איז געווען דער ווערקשטעל פון זילבער און בילאַנדער. פון אַלע זייטן האָט אויף איר געליוערט דאָס בייז (נישט צו באַקומען קיין פּאָדעם, מורא צו האָבן מיט דער אַרבעט, דערדריקט צו ווערן פון די שטייער־שפּאַרבערס, צרות פון שכן בודזשאַרעק) און ס'איז שווער געווען זיך אַרויסצומאַכן פון די חוצפּהדיקע, די לאַקריצדיקע קונים, וואָס האָבן געשפּאַרט פון די מערק, פון וואַנען עס זענען אויסגערונען די חושכדיקע, פאַרצאָגטע יידן.

מ'האָט גאָרנישט געוואָלט געדענקען, אָבער עס האָט זיך געדענקט: מ'איז יידן, געפּלאָגטע יידן. אין מוח האָט עס געהאַמערט, ס'האָט גע־צוקט אין דער ברוסט, אָבער אָפּשטיין, אָוועקלייגן די הענט האָט נישט געלאָזט די געוווינטשאַפט צו האַרעווען, צו היטן זיך ביים האָרעווען, וואָרן אַרומדרייען זיך אָן אַרבעט, אָן פּרנסה, איז סכנותדיק שווערער, אומדער־טרעגלעך. דער בלינדער כוח פון לויפן האָט געטריבן און געטריבענע איז מען געלאָפן פון זאָרג צו זאָרג.

אַזוי, פאַרגעסנדיק זיך אין די סאַמע צרות, האָט דער דרויסן דער־ווייל זיך מאַכטיק צעברויזט. כאָטש מ'האָט אין שטוב נישט אַריינגעלאָזן קיין צייטונג, נישט געוואָלט הערן דעם ראַדיאָ, האָט פון דעסטוועגן זיך דורכגעקראָגן דער ברענענדיקער אָטעם פון מהומה: היטלער! היט־לער איז האַרטנעקיק, היטלער דראָעט.

דערנאָך האָט מען לאַנג שוין נישט געדאַרפט וואַרטן אויפן שטאָל־קאַלטן וואָרט: מאָביליזאַציע.

מלחמה איז נאָך נישט געווען, דער טשאַד האָט שוין אָבער געשטיקט. איצט וועסטו גיין זיך שלאָגן, ייד, — האָבן די ליבע שכנים זיך אָפּן באַ־לעקט. לאָמיר נאָר קריגן אַ ביקס, וועט מען דיך צעקוועטשן ווי אַ וואַנץ. אוי, יונה, פּוידזשעש נאַ וואָינע!

מ'האָט געקוקט דעם היימישן שונא אין פאַרשטאָכענעם פּרצוף אַריין:

— גיין זיך שלאָגן פאַר אַזאַ היימלאַנד?

די שיין פון די אָוונטלעכע פענצטער האָט מען פאַרהוילן, אין גע־מיט האָט זיך פאַרפרי אַריינגעקליבן בייסיקער האַרבסט. מ'האָט געגראָבן

שוצגריבער קעגן עראָפּלאַן־אַנגריפן, מיט אייליקע באַן־טראַנספּאָרטן זע־נען ערגעצוווּ אַריבערגעוואָרפן געוואָרן מיליטערישע פאָרמאַציעס; איינצל־נע ראַכיטישע פּוילישע טאַנקן האָבן אונטערן שלייער פון דער נאַכט צע־טרייסלט דעם שטאָטישן ברוק: הערסט?... ס׳זענען די טריט פון מלחמה. ס׳שטשירעט היטלער, דער גוטער פריינד פון בעקס פּוילן. בשתיקה האָט מען געשמועסט: קריג־פּערספּעקטיקונגען בויעט מען אויף די גרענעצן... מ׳גרייט זיך נישט אויף קיין קאַטאַוועס!

אין אַ שטילקייט וואָס האָט אַכזריותדיק געזעצט אין מענטשישע הערצער אַריין, האָט מען פון די שטובן אַרויסגעכאַפּט די מאַנסלייט, די יונגע, די יינגסטע און עלטערע. יידישע פרויען האָבן זיך געשטיקט מיט טרערן, זייערע פּוילישע שכנטעס האָבן אויף די שטיגן, אין די טויערן אויפן קול זיך געשושקעט: „די זשידעס ווילן נישט גיין לייגן די קעפּ פאַר דער אויטשיזנע.* די זשידעס ציטערן״.

אין בהלה האָט געצייטיקט דער זומער.

...פון דער בילאַנדערישער כאַטע האָט מען צוגענומען קלמנען, די איינציקע פּאָר קרעפטיקע מאַנצבילשע הענט. דער זיקנה פון טאַטע־מאַמען האָבן אָנגעהויבן שרעקן די קלאָרע טעג, די דורכזיכטיקע נעכט, וואָס זע־נען געשטאַנען להכעיסדיקע. די אויפגעגאַנגענע לאַנעס תבואה האָבן נאָך אָנזעעוודיקער געמאַכט דעם אייטערדיקן געשוויר: איינע אַליין פאַרבליבן אַנטקעגן דער העזה, איינע אַליין מיט אַזאַ משא — — ער איז אַ שטאַר־קער מענטש, חיים יאַנטשע, פאַר געוויין איז נישטאָ קיין ווייך אָדערל אין זיין האַרץ. ער וועט טאָן אַלץ וואָס לאָזט זיך. און איר, ראַכלען דעם ווייב, מוז ער אָנשרייען, זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך. יסורימדיקער איז אים די שנור מיטן קינד. אַ וויבלטשינע, אַ שוואכס. אַלצדינג איז אַציגד צע־ריבן געוואָרן, נאָר פאַרפאַלן. מ׳עט זיך יאַקאָש מוזן אַן עצה געבן.

אין טאָמאַשאָוו האָט דער קלאַפּ געטראָפן אויך אויף מיצקעוויטש־גאַס. מ׳האָט גערופן אַלע דריי מאַנסלייט: הערשן, אשרן און בערלען. פאַר טויגלעכע צו געווער האָט מען אויסגעקליבן נאָר אשרן מיט בערלען. הערש זילבערן ווי אַן עלטערלעכן, אַ נישט־געדינטן האָט מען געלאָזן דערוויל פריי.

תוהו־ובוהו איז געווען צווישן פּוילנס מושלים און טריב אין די מר־

* פאָטערלאַנד.

חות פון זייערע ראשי־חייל. ווער ס׳איז נאָר אונטערגעקומען, דעם האָט מען ווי אַ שטיין אַרויפגעשליידערט אויפן באַרג פון מהומה. פּאַליציאַנטן זענען אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער, געעפנט טירן און געשלעפּט מענטשן צו דער ביקס. אשר בילאַנדער האָט באַקומען אַ רוף־צעטל היינט און צומאָרגנס אינדערפרי איז ער שוין געווען אויפן ווערביר־פּלאַץ אָן אָפּגעשוירענער ווי אַ שעפּס. אַ פּאָרל וועש אונטערן אָרעם, אַ שטיקל זייף און אַ רעפטל ברויט אין וועג אַריין. אשר האָט מיליטערישע אויסבילדונג, ער איז אַן אויסגעדינטער, האָט מען אים אָפּגעשיקט אין פּויזענער 53־סטן אינפאַנטעריע־פּולק. בערל, דער ניינצן־יאָריקער, איז גענומען געוואָרן אין אַ מיליטערישן לאַגער. די ברידער האָבן זיך נישט געקענט דערבעטן, מ׳זאָל זיי לאָזן פאָרן צו אַלטע טאַטע־מאַמע זיך געזעגענען. „די ביקס איז דיר פון היינט אָן טאַטע־מאַמע, ס׳פאַטערלאַנד — די היים!״ מיט פּרעטענזיע, מיט שטראָף האָבן זיי געגלאָצט, די פּאַטריאָטן פון נאַשאַ פּאָלסקאַ.

אָן איינציקער אויפדערנאַכט איז פאַרבליבן די ברידער ביזן אַוועקגיין זיך שלאָגן פאַרן שטיפלאַנד. ציטריק, אָט־אָט אַראָפּצופאַלן איז געווען יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויסגעבריגנגט געוואָרן ביי די זילבערס אין דעם דאָזיקן אָוונט. ס׳האָט זיך געפילט: עפּעס ווערט דאָ צעבראָכן אויף פּיצ־פּיצלעך. סיי חנה סיי הערש האָבן זיך געשפּירט עפּעס שולדיק אין דעם וואָס קומט פאָר. ס׳האָט זיך געוואָלט רעדן, אַ סך רעדן, פאַרענטפערן זיך, טרייסטן, שטאַרקן און — ס׳האָט געוואָרגן די אייגענע אָנווערטיקייט. מחמת טרויער, וואָס איז באַשיימפּערלעך אַרומגעגאַנגען איבער די צי־מערן, האָט סאַלטשעלע פּלוצלינג זיך פונאַנדערגעוויינט. מאַרעטשעק האָט מורא געהאַט צו קוקן אין פענצטער, הגם עס איז געווען פאַרהאַנגען מחמת מ ו ז . אשרן איז אָפּגענומען געוואָרן ס׳לשון. ער האָט זיך לסוף גע־בעטן קינדיש:

— איך ברויך גאָרנישט. מענטשן! ס׳זאָל נאָר גיט זאָן... אַלץ איז היינע באַ ענק. גיטס, האַרצעדיקע, אַ בליק צו טאַטע־מאַמען, העלפּטס זיי, — און פאַרבאָרגן זיינע טרוקענע טרערן.

אנשטאָט צו ענטפערן האָט חנה זיך צעיאָמערט.

— מ׳דאַרף נישט, אשר, רעדן. מ׳עט שוין טיען. מ׳אי׳ דעך נישט קאַ׳ טאָטערס, — האָט הערש קוים אַרויסגערעדט אין געראַנגל מיטן ספּאַזם, וואָס האָט אים אַ דריק געטאָן.

בערל איז געווען אויפגערעגט. פון גערייצטקייט האָט ער נישט גע־וואָלט זיך גרייטן צום אינדערפריאיקן אַוועקגיין, ווי אשר האָט זיך גע־גרייט.

— אָפּגעבן ס'לעבן פאַר זיי, — איך? קומען זיי אום אַליין מיט זייער מדינה! מירן זיך געזעגענען. איך גיי אַוועק פון דאַנעט. ווי אַ חיה בין איך געררודפט, ווי אַ חיה וועל איך זיך שיצן.

— ס'טייטש... כ'פאַרשטיי נישט, — האָט הערש זילבער זיך גע־קרעקט. — מ'עט דעם טאַטן פּייניקן, מ'עט אונדז פּלאָגן. ווי מעג מען עס ערשט היינט, בעת מיר זענען זיי איבעריק ביים גילדענעם גוטן!

ער האָט זיך צעטומלט, אַרויסגערופן פלאַמען אויף חנהס באַקן, גע־פלעפּט אשרן. בערל האָט בלאַס, ציטריק זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ בענקל.

קוים, קוים האָט הערש געפונען דעם קנופּ פונעם געדאַנק, וואָס האָט אַ רגע אים געליימט מחמת פּלוצלינגער איבערגענומענקייט. פּאַרזיכטיק, ווי מ'שטעלט געלאַסענע טריט, האָט ער זיך ווידער צעטענהט, גלייך ר'וואָלט גערעדט צו דער שטוב, צו אַלע שפּירעוודיקע אויערן:

— פון אונדזער טובה וועגן טאָר מען נישט אַזוי, בערל. און שנית, ס'גייט שוין נישט אין דעם יחיד — וואָס מ'עט האָבן טענות צו אונדז. ס'איז אַ קאָפּ אַנדערש, בערל. מיר זענען פאַר אייך נישט פאַראַנטוואָרט־לעך, אָבער דער כלל, בערל? אַ שלעכט פּאַטערלאַנד, און יידן טאָרן נישט געדענקען בלויז אין די מעסער־שטעכערס, די פּוילישע שיכורים; יידן טאָרן נישט פאַרגעסן, היטלער גייט אויף זיי. ער האָט שוין באַוויזן, היטלער, וואָס ער קען: וואַרפט אַרויס יידן פון זייערע היימען אין מיטן דער נאַכט, אין שטעקשיך; זבאָנשין געדענקען מיר, מוזן געדענקען. און וואָס טוען די היטלעריסטן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס, וואָס פאַר אַ פּרי איז די „נאַכט פון לאַנגע מעסער", וועלכע וואַקסט אויפן היטלערישן דאָרן! באַ־שירעמט זאָל מען ווערן. אַזעלכע קרעץ דערלאָזן אויף אונדזער לייב? בילאַנדער, נישט בלויז פּוילן שטייט איצט אין קאָן; אַ בראָך מעג קומען אויף אַזאַ פּוילן — יידן זענען מער אייגגעשטעלט. פריער וויל מען זיך מיט יידן אָפּרעכענען. ס'ווילער דעם וואָס וועט האָבן די ביקס אין האַנט. די, וואָס וועלן בלייבן אין דער היים, קען מען לייכטער אַראָפּשלינגען —

— בערל, בערל, ס'איז נישט גוט, אָבער ס'קאָפּ בוימל אין מוח דאַרף מען אָפּהיטן.

— איך זע נאָר זיי, — הייבט ער זיך ווידער: — אויף זיי קרענקט

מיך מער — האָט בערל זיך געאַמפּערט מיט ברוגז, מיט תרעומות, למאי מ׳פאַרשטייט אים נישט, הגם מ׳זעט ווי ער דאַרט איין. — קודם כל זע איך די היימישע מיזראַפּן. כ׳בין געבוירן געוואָרן אין אַן אומגליקלעך יאָר. ס׳האָט זיך געענדיקט אַ מלחמה און מ׳איז באַלד אַריינגעפאַלן אין אַ שטורעם. ווען מיין מאַמע איז געלעגן מיט מיר אין קימפּעט, האָבן די זעלבע פּאָליאַקן געוונען די פרייהייט, געוונען על־פּי צופאַל, ווייל טונקל האָט זיך געמאַכט אויף דער וועלט. כ׳האָב עפּעס געלייענט, עפּעס געהערט, ווייס׳עך. וואָס האָבן זיי דעמאָלט געטאָן מיט דער אויפריכטונג? זיי האָבן די רעפּובליק געפירט אויפן יאַטקע־קלאָץ אַרויף און — פון דער צווייטער זייט — אַוועק אויפן וועגן פון פּאָגראָם. יידן! די זשידעס זענען זיי צופיל אין די אויגן. געגעבן דעם אויסוורף אַ ביקס אין האַנט אַריין, געגעבן אים אַ מלוכהשן אַמט האָבן זיי אַלע, מלוכהש, פּאָלקיש זיך אונטערגענומען אָפּווישן ס׳ביסל יידן; הונדערטער יאָרן יידישע פּראַצע אין פּוילן אָפּווישן מיט אַ מאָל! פּונקט ווי היינט האָט מיין טאַטע געמוזט היטן די כאַטע פאַר אונטערצינדערס. זיי האָבן געברענט יידישע פאַרמעגנס און געשניטן יידישע בערד, פאַרגוואַלדיקט, גערצחנט. גענעראַל האַלערס בלאָ־מונדירטע באַנדיטן האָבן אַרויסגעוואָרפן יידן פון די גייענדיקע באַנען, יידן האָט מען פאַרשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער היבטער קראָקע. אין מיין מאַמעס קימפּעטאָרן־בעט האָט מען פון הלצה־וועגן אַריינגעשליידערט אַ גרויסן, שפּיציקן שטיין. דאָס האָבן געטאָן נישט קיין פרעמדע — און פאַרוואָס? עס ליגט זיי אין די ביינער דער קיצלדיקער טעם פון וואַרעם יידיש בלוט, פון פייניקן יידן. ווער עס קען בעסער די מלאכה פון הרגענען, שעכטן, ברענען יידן איז נישט קאַ׳ נפקא־מינה. עס טוט וויי, און נאָך מער טוט ווי ווען כ׳דערמאָן זיך, וואָס מ׳האָט מיר דערציילט, ווי זיי האָבן זיך דעמאָלט אויסגעפיינט, דאָס פאָלק וואָס באַשטייט נישט אַנדערש ווי צו זיין אַ ג ר ו י ס מ אַ כ ט. פאַר ז יי זיך שלאָגן?...

בערל האָט זיך געדרייט ווי אַ וואָרעם אונטערן שטיוול; ר׳איז געווען דערצונדן, האָט אויסגעלאָדן זיין צאָרן אויפן אומגליק, וואָס האָט אָנגערוקט אויף יידן, אויף זיין טאַטע־מאַמעס הויז. אינדערפרי האָט ער פון דעסטוועגן זיך געשטעלט אויפן ווערביר־פּלאַץ, וואָס האָט זיך איבערגעגאָסן פון אַן אומגעהייערער מענטשלעכער מאַסע. יידן האָבן געיאַכמעט אויפן גרויסן אַרומגעצוימטן שטח, האָבן געפרעגט איינער דעם צווייטן

וואָס — ווען, אויסגעהערט עמעצנס אַ וואָרט פּאָליטיק וואָס האָט זיך געקאָכט אויף אַלעמענס ליפּן. ביידע לאָקעטקער יונגען האָט באַגלייט דאָס טרעריקע קול פון די זילבערס, זייערע וואַרעמע בליקן. צו אָוונט־צו זענען ביידע שוין געווען אויף באַזונדערע ערטער.

כאָטש הייס די לופט, די זון — הויך, זענען די טעג איצט געלאָפן אימפּעטיק. און די מענטשן זענען נאָכגעלאָפן. נאָך אַ דעמפּיקער, געפּענטעטער נאַכט האָט מען יעדן אינדערפרי זיך אויפגעכאַפּט פאַרסאַפּעט, ווי מ׳וואָלט שוין אַ סך געהאַט פאַרשפּעטיקט. די מענטשן האָבן אָן אויפהער זיך געריכט אויף עפּעס שלעכטס און דאָס האָט געבראַנדיקט דעם אָטעם. מ׳האָט געהאַט אין זינען די הריגות, וואָס קומען שוין פאַר ערגעץ אויף פעלדער, ווו עס גייט אָן די אכזריותדיקע מלחמה. מלחמה, ס׳וועט דאָ זיין מלחמה — דאָס האָט גערייכערט פון די רייד, געשאָטנט זיך אויף מענטשנס פּנימער.

די ווערקשטעל פון זילבער און בילאַנדער האָט ביסלעכווייז אָפּגעגוססט, אויף די צייטיקע פעלדער איז אָנגעגאַנגען דער שניט. אַ היפּש גערעטעניש איז געווען אין לאָקעטקע. מיטן אַראָפּגעלאָזענעם לייב אויף די ברייטצעשטעלטע פיס איז חיים יאַנטשע אָפּגעגאַנגען איז טייכן שווייס. שווער געשטעלט די טריט און געפירט די קאָסע איבערן שקאָציישן קאָפּ פון קאָרן־לאַן. דבורה מיטן בלאַסן רויט אויף איר יונגן קאַרטאָפל־פּנים און די אַלטע, קליינע מוטער מיטן געל־גערונצלטן קוק פון אירע באַקן זענען געווען חיים יאַנטשעס איינציקע העלפערנס. אויף די פּאַסן יידיש פעלד זענען געווען שטאַרק געמינערט די הענט, איינגעשרומפּן די כוחות. די פאַרמינערונג האָט זיך אָנגעזען בעיקר אויף די לאַנעס, וואָס אָפּגעלעגן ביים קאַמיענער שטעג. דאָרט באַוועגט זיך איין קאָסע אין אַ שלעפּעריקער שטילקייט, בעת אויף די שכנותדיקע פעלדער קלינגען קאָסעס, עס קוילערן זיך, רופן זיך איבער קולות, געלעכטערס. צום בילאַנדערישן פעלד האָט זיך נישט פאַרבלאָנדזשעט קיין רייך פאַר געלעכטער; צומאָל נישט געווען ווער עס זאָל אויסטריקענען ס׳געוויין, וואָס ראַכל די מאַמע, ראַכל די יידענע האָט אין זיך אַריינגעגעסן, וואָרן ער, דער אַלטער, האָט נישט געלאָזט וויינען. „וואַבער, געניג!“ — ליאַרעמט ער באַלד און די קאָסע הייבט זיך, לאָזט זיך אַראָפּ מיט אַ סווישטש באַגלייטנדיק דעם שלאַבעריקן געאייל פון די פרויען — מאַמע און טאָכטער — אין ווועלכע עס זידט דאָס נישט אויסגעוויינטע געוויין. זוניק־העלע קופּקעלעך זאַנגען פאַרנע־

מען זייער באַהאַלטענעם געכליפּ אויף זין און ברידער; פאַרטרערטע שטעלן זיי זיך אויף און גייען אומאויפהערלעך אַוועק מיט בינטן אין פּאַראָ־מערטן יידישן פעלד אַריין.

אַ ביסל משופּעדיק ליגט דאָ דאָס בילאַנדערישע פעלד. בעיקר פון דאַנען פליסן די לעבנס־זאַפטן פאַר דער יידישער משפּחה. פייכטלעך — מחמת נאָענט פון זומפּן — איז די דאָזיקע האַנט פונעם לאָקעטקער אָרע־מאַנסקען גולם; די ווינטן, וואָס פאַרבלאָנדזשען אַהער, שפּרייטן דאָ זעל־טענער זייערע זאַמד־פּלאַכטעס. זיי שאַרן זיך אין מוטנע, געלע וואָלקנס און זעצן זיך אויף די פלאַכן, אין די שפּאַלטן פון די לאָקעטקער הויכקייטן.

◆

...צו קורץ זענען געווען די טעג בעתן שניט, די נעכט — אָן איבע־ריקער אָפּשטעל אין מיטן דעם איינזאַמלען דאָס ברויט, כאַטש מיד די הענט און דער רוקן האָט געצויגן צו דר׳ערד.

ווען די תבואה איז געווען אַריינגענומען אין שייער, האָט אין די מענטשן פון ס׳ניי זיך צעקלאָגט דער פון לאַנג טריפנדיקער צער:

— מ׳האָט גאָט ברוך־הוא פאַרזייעט און געשניטן אונדזער פעלד און אַליין איז מען אַ סנאָפּ, אַ געפאַלענער אין אַ בייזער זאַווערוכע.

ביי פולער זון האָט די שטוב זיך געפלעסקעט אין קאַלטע וואָלקנס.

שטאַרק פאַרעלטערט, מיט אַ סך גראָ אין זיין שוואַרצער באָרד האָט חיים יאַנטשע איצט געשטאַרצט אין דער ליידיק־געוואָרענער שטוב. אין אַנגעהאַרעוועטקייט אויסגעשטרעקט זיך אויף אַ האַרטער באַנק, איז מיט עקשנות צו אים צוגעטראָטן די זאָרג: „אומרחמנותדיק געמיינערט געוואָרן מיין הויז. עס ווערט אויסגעהוילט דאָס האַרץ... אוי, גאָט, כ׳זאָל נישט אַזוי זינדיק זיין!״

אויף דער צרה מיט די פאַלשע שכנים האָט דער ייד זיך נישט מצער געווען אַצינד, אויף די יסורים פון אייגענעם לייב נישט געוויינט. אַקו־ראַט זיי וואָלטן געווען ערגעץ געבונדן, האָבן די קינדער אין פאַרבאָרגנ־קייט גערופן צו אים. חיים יאַנטשע דער פאָטער האָט זיי געהערט. די אויגן אין זיין קאָפּ האָבן טרוקן געברענט און דער געדאַנק איז געגאַנגען ווי אַ מיל: עס האָט געדרישט אין דעם מענטשנס שאַרבן, געפּויקט אין דער ברוסט.

הויך־געוועלבט איז געשטאַנען דער שפּעט־זומער איבער לאָקעטקע,

אָבער חיים יאַנטשע האָט ווינציק געזען אינעם אָרום; די היימישע האָבן גאָרנישט געזאָגט, גאָרנישט באַגערט. צער איז מאַכטיקער פון אַלע באַ־גערן. עס האָט אויסגעזען: די רייף פון אַנטקעגנדיקן וואַלד האָט אַלצדינג אָפּגעוואָרפן אין כף־הקלע. געבליבן בלויז די שטוב אַ כמורע, ווייטער — ברומענדיקע ליידיקייט. ס׳ליכט הינטערן פענצטער שטאַרט, אין די געכט שווילט דער אומרו: דבורהן האָבן באַפאַלן די לאָקעטקער שקצים; קוים וואָס זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיי; לויפנדיק זענען אירע שיך צעריסן געוואָרן. ראַכל האָט פון קאַמער אַרויסגעצויגן טויטע הינער... אין פלעקן איז אויפגעגאַנגען די זון, בלוטיקע פלעקן — —

וויסטן לויער האָבן אַנגעוויעט די חלומות. און שאָשע איז נישט אָפּ־געטראָטן פונעם קינד. ס׳ווייבל איז געווען דערדריקט: אַ פּאַרגעפיל האָט פינצטער פאַרקלעמט איר ברוסט. זי וויל עס נישט איבעררײדן; קלמנען זעט זי אַ סך מאָל אָן אָפּגעמאַטערטן, מ׳טרייבט אים מיט דער ביקס אין די גרעסטע סכנות. עס איז אים נישט צו דערקענען... שאָשעס אויגן שליסן זיך שוין נישט אויף אַ רגע — —

איבערדריסיק איז די ליידיקייט וואָס דאָ זיך אויסגעשפּרייט. דערצו האָבן זיך דערוועקט אַנטשוויגענע מיחושן: די געלענקען פון די הענט האָבן חיים יאַנטשען געגומען ווייטיקן. ממש ס׳דרייט אים אויס די גלי־דער. אויך דאָס אַראָפּגעלאָזענע לייב האָט שטאַרקער געגעבן אָנצוהערע־ניש, אַז ס׳עט זיך נישט לאָזן פאַרגעסן. דער ייד האָט געמוזט ליגן, שמירן דעם גוף מיט נאָז־פאַרדרייענדיקע, פעטע זאַלבן. זי, ראַכל, האָט געשפּירט אירע קריזשעס. איר האָט געדאַכט: די יסורים וועלן זי דורכשניידן אין צווייען.

עס האָט זיי אַנידערגעלייגט. די לעסטיקע עלטער האָט גערעדט. דבורה איז געווען פאַרטאָן מיט טאַטע־מאַמען און אין דער באַלעבאַטיש־קייט האָט זי געמוזט געדענקען. שווערער ערנסט האָט זיך אַ וואָרף גע־טאָן אויפן יונגן מיידל, די אויגן איר אויפגעריסן אויפן מעמד פון דער היים. ס׳איז קראַנק זייער הויז, נישטאָ קיין מאַנצבילשע האַנט פאַר דעם; עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ווי אין מיטן פון אַ שטורעמדיקן געווי־סער. זי ווייסט די פאַרפלייצונגען פון די היגע מקומות, די פּיליצע צע־לאָזט זיך טייל מאָל. געיאָמער לעבט אויף אין דבורהס געהירן, זי הערט אָקערשט ס׳טאַמלען פון אַלטע לייט און פון קליינוואַרג. ביי זיי איז אַצינד אַקוראַט אַזוי און נישטאָ ווער עס זאָל העלפן — — די שוועגערן שלייכט

פאַרביי אַ באַנומענע. דבורהן שרעקט שאָשעס ווייטיקלעך אָנגעטרונקע־נער בליק. אויך איר האָט דבורה באַדאַרפט כסדר אונטערשפּאַרן, דער־מאָנען, זי זאָל אַכטונג געבן אויף זיך, זי זאָל זיך נישט צעברעכן. זי, דבורה, וועט שוין טאָן אַליץ.

ווי אויף שלאָפע פיס האָבן זיך געשלעפּט די טעג אונטערן נידעריקן באַלקן. אין שטוב האָט זיך נישט געטראָגן קיין לעבן; אין דער־אָ שטוב האָט מען געזשיפּעט, מ׳האָט נישט געגעסן — מ׳האָט נאָר עפּעס אַ כאַפּ געטאָן, ווען ס׳האַרץ איז אַנטגאַנגען. געקאָכט האָט מען בלויז פאַר די קראַנקע, אַ מאָל אויך פאַר איטשע מאירעלען. חיים יאַנטשע האָט רק געזופּט טיי, געווישט דעם שווייס פון האַלדז און ליגנדיקערהייט געמרונ־צעט פון צעעפנטן סידור. איבער ראַכלען איז די שיין אויך געשווומען אַן איינטאָניקע. דער לויטערער הימל איז אַוועק אין די אומדערגרייכלעכע וויטן. ווי מען הענגט זיך אָן אין אַ וואָגן וואָס ראַסלט אַ מאָל פאַרביי דעם דאָרף, אַזוי פלעגט דבורה זיך אָנהענגען אין די דאָזיקע וויטן. דעם מיידל האָט זיך פאַרבענקט נאָך די ברידער, זיך דערמאָנט אין די טאָמאַ־שאָווער: זיי ווייסן אַוודאי וועגן אשרן מיט בערלען, אפשר אויך וועגן קלמנען. ס׳וואָלט גוט געווען געוואָר צו ווערן און דערפרייען טאַטע־מאַ־מען. אַז דאָ זענען זיי פאַרהאַקט ווי עס איז פאַרהאַקט זייער געוועלבל. מ׳זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטש.

— אפשר זאָל איך זיך אַריינכאַפּן קאָ׳ טאָמאַשעוו?

קיינער האָט איר נישט געזאָגט „יאָ״; די שטוב איז טויב; משוגע צו ווערן אין אַזאַ שטוב! שאָשען האָט זי געפרעגט, דבורה, האָט יענע זי אָנגעקוקט מיט אַ טרעריקן בליק.

— מיך פרעגסטו, קינד?

אַזוי זענען ווייטער געגאַנגען די טעג, דער חלל איז אָנגעשוואָלן גע־וואָרן פון בייזער דערוואַרטונג און טאַטע־מאַמע ליגן. צו שטיל געווען דאָ און צו שרייאיק די עוולה וואָס איז געשען דעם מיידל, דער קראַנ־קער, מאָנענדיקער שטוב.

ערשט פּלוצלינג איז דער גליווער צעטרייסלט געוואָרן; דער ליאַרעם וואָס האָט זיך אַהער אַריינגעריסן, איז געווען אַ שניידיקער, צודרינגלע־כער:

מלחמה! מ׳וואַרפט באָמבעס! מענטשן פאַלן, מענטשן — — היטלער! ליכטיק, מילד איז געווען דער אינדערפרי, ווען דער טאָמאַשאָווער

פּאַניע־לעב איז אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין כאַטע מיט דער דאזיקער בשורה. חיים יאַנטשע האָט אַ צעשטרייטער זיך אויפגעזעצט אין בעט, געקוקט אויפן אַריינגעקומענעם און עפּעס שווער זיך געכאַפּט אויף דעם. ער האָט נאָר געזען: פאַרוואָלקנט איז דער שטערן פונעם טאָמאַשאָווער, די אויגן טיף פאַרגראָבן אין פּנים, מאַט. זיינע רייד — ציטעריקע, בעטנ־דיקע — זענען צו אים דערגאַנגען שפּעטער.

— מענטשן, לאָמיר זיין צונעזאַמען. זיצט נישט דאָ צווישן שונאים. ביי אונדז וועט מען כאָטש זיין וויגציקער אין דער פרעמד, ס׳וועט זיין ווינציקער טרויעריק. ווייל אויף ס׳זייעריקע זעט מען דאָך, ווי מ׳קען זיך סומך זיין. זיי, די לאָקעטקער, האָבן׳ס דאָך אַליין מיטגעמאַכט, המה... ליבע מענטשן, מ׳מוז זיך אַליין מאַכן היימלעך. היימלעכקייט פאַרגרינג־גערט אַ סך — — באַלעמיטשעטס נישט! מ׳עט פאַרשפּאַנען ס׳פערד, כ׳על העלפן איינפּאַקן. אַ שאָד די מינוט. מיטנעמען ס׳נייטיקסטע: בעט־געוואַנט, וועש, אַנטועכץ... ע! אין טאָמאַשאָוו וועט מען נישט פאַרהונ־גערן. אין טאָמאַשאָוו קומט עך צו זיך אַהיים. אשר האָט געלאָזן פאַר ענק. מאַכט׳ס ענק נישט צום נאַר!

גערעדט, און דעם מענטש איז אַרויס שוויס אויפן שטערן; רעדנדיק האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַרנאַרקע, געוועז גרייט די שטוב אַרויסצורייסן פון דאַנען: „געגנוג, די צייט אַליין מאַכט דעם שגיט... וואָס, ער דאַרף זיי ערשט אַנטייטלען: אָט איז דער חלף! ס׳איז קיין פראַגע נישט. אַ קינד זעט עס!״

געזען, די דאָרפישע געמט עס נישט, זיי זיצן, זיי שטייען פאַרטאַמ־טע, קוקן, גלייך גאַרנישט וואָלט געשען אין דער וועלט פון מאַרט, איז ביים טאָמאַשאָווער געליימט געוואָרן די צונג. ס׳וואָרג׳ זיינס איז שוין געפאַלן שאָטנהאַפטיק.

— מענטשן, חנהלע וואַרט אויף ענק. זי וועט זיין גל׳קלעך, עך וועט אַרויס פון דער טייערער חברותא מאַטשעקס און יאַצעקס. ס׳אַזאַ צייט! דערווייל נאָר, דערווייל... דאָ וועט גאָרנישט לאיבוד גיין. און אַז אַפילו יאָ? ס׳דען דאָ אַ ברירה! ס׳לעבן איז כעשעווער. ס׳וויכטיקסטע נעמטס מיט. אַפילו די קו, די עופות; ס׳פערד גייט דאָך מיט... ני, ני, קימט׳ס. — האָט ער זיי געמינטערט.

און זיי — פאַר זיי איז עס צו פּלוצימדיק, צו גוואַלדיק; אויפהייבן זיך, אָפּרייסן זיך און אָוועק, מחמת... אין שטאָט, אין דער וועלט?

— פּאַניע־לעב, — האָט חיים יאַנטשע געזאָגט, — ווי ׳עט מען גיין אין דער פרעמד אַראָן? שווער פאַר אינדזער סגאַל. אַ שיינעם דאַנק, פּאַ־ניע־לעב.

— ס׳עט זאַן באַשערט, ׳עט מען איבערקומען. — האָט די אַלטע דערנאָך זיך אָפּגערופן מיט אַ טרעריק קול. ווייטער האָט זי נישט געקענט רעדן. צוריקגעפונען דעם אָטעם, האָט זי איינציקווייז, שוואַכלעך געצויגן די ווערטער: — די קינדער ׳עלן מיט גאָטס הילף אַהיימקימען. מ׳האָט קינדער צעשפּרייט איבער שבעה ימים, באַדאַרף מען נישט פאַרמאַכן קאָ׳ שטור. אין אַן אָפענער שטוב הויזט בטחון. און ס׳איז נישט אַזאַ סכנות. פאַראַן באַכאַשעם אַ קאַרטאָפלע, מיטן שטיקל ברויט איז גרינגער. — און איר פּנים האָט, דאַכט זיך, אויפגעלויכטן. — גלאַאַכער עץ זאָלט אַרי־בערקימען אַהער, פּאַניע־לעב. מיטן וואַב און מיט די קינדער. אַלע באַ־נאַנד. עלעהיי מ׳ציט זיך אַוועק אין אַן אַנדער מקום. פאָלגטס מיעך... אין יענער מלחמה זענען שטאָטישע אויכעט אַוועק אין קליינע ערטער, צ׳געדענקט?

און ציטערנדיק מיטן קאָפּ אָנגעשטעלט אויף אים דעם בלאָען בליק.

געשטאַנען אַנטקעגן די דאָרפסלייט, געקוקט אויף זיי אַן אָנמאַכטי־קער, איז דער טאָמאַשאָווער בלאַס געוואָרן.

— איך קען גאָרנישט זאָגן, — האָט זיין שטים זיך געלייגט אומזי־כער, — צי עץ זענט גערעכט, צי אונדז באַדאַרפן צושטיין צו ענק... אפשר, ווער קען וויסן?

מיט אַ מאָל אָפּגעריסן, נישט געוווסט ווו אַהינצוטאָן די אויגן און אומגעריכט זיך געקליבן אַוועקגיין. — כ׳מוז, — האָט ער געטענהט. — זי ווער איבערקלערן... כ׳האָב געמיינט, צ׳וועט וועלן.

ביים אַוועקגיין האָט ער מאַנצבילש אָפּגעזיפצט, באַמיט זיך צו מאַכן אַ פריי פּנים פאַר די בלייבנדיקע:

— זייטס געזינט! הלוואי זאָל ס׳הארץ מיינס זיין אַ ליגנער. ס׳טרעפט, אַ הארץ איז אויך אַ נאַר. צ׳ווייסט נישט: מ׳זאָגט, היטלער... ס׳זענען נישט יענע דאַאַטשן. ווער קען וויסן? ס׳זאָל גיט זיין!

און ער האָט זיך ראַפּטעם געלאָזן דורכן וואַלד קיין טאָמאַשאָוו. מיט דער באַן האָט ער מורא געהאַט צו פאָרן. אויף דער באַן, האָט מען אים געוואָרנט אין שטאָט, קען ער זיך אָנבאַגעגענען מיט היטלעריסטן.

אין טאָמאַשאָוו זענען זיי שוין געווען די ערשטע פּאָר טעג. יידן האָבן דערשפּירט די ערשטע צרות פון דעם דייטש.

פּרק ב׳

ווי דער היישעריק האָבן די פיינטלעכע באַוואָפנטע מחנות זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער פּוילישער ערד. באַפאַלן די מדינה און גענומען פרעסן די פּרוכט פון דורותדיקער מענטשלעכער מי. מאָדנע פּלוצלינג, האָט אויסגעזען, איז געקומען די דאָזיקע מגפה, כאָטש מ׳האָט שוין לאַנג דערוואַרט עפּעס וויסטס. שטאַרק פילבאַר איז געווען דער קלאַפּ, מוראדיק דער רושם פונעם פייער, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון דעם אכזריותדיקן פאַרכאַפּער.

דער שונא איז שאַרף אַריינגעדרונגען מיט אַ מאָל פון עטלעכע זייטן. בגוואַלד איז איבערגעריסן געוואָרן דער צאַפּל, וואָס האָט באַוויזן די ישובים פונעם בוג ביזן האַרין און דעם סאַן. אַ דריי־פיר טעג איז ערגעצוו נאָך אָנגעגאַנגען אַ בלאַסער געראַנגל פון אָפּגעריסענע פּוילישע גרופּעס און שטערבלעך איז אַנידערגעזונקען דער שטאָלצער ווייסער פּוילישער אָדלער.

קיין לאָקעטקע האָבן זיי זיך נישט געאיילט, די זיגערס. פאַרכאַפּט דאָס לאַנד האָבן די דייטשישע חיילות ס׳ערשטע איינגעקלעמט די שטעט, געוואָרגן די שיין, וועלכע האָט נאָך ווי־עס־איז געליכטיקט.

אין פיינלעכער דערוואַרטונג פון אומפאַרמיידלעכן זענען געלעגן די טאָלן פון דער ווייסל, פון דער בזורע, וואַרטע און פּיליצע. קליינע שטעט זענען געבליבן אָפן, פריי פאַר אַלע וויסטע צוגווינטן. דער הפקר האָט געליאַרעמט און דער מענטש האָט זיך געשפּירט געבונדן. אומעטום, האָט מען געוווסט, פּלייצט פאַרגאָסן מענטשלעך בלוט, אומעטום לויערט דאָס וואָלפישע אויג. די היימישע פּאָליציי איז געווען אַנטלאָפן, די מאַגיסטראַטן פאַרמאַכט. שטעט זענען געשטאַנען אויסגעלאָשענע ווי די גלאָורנעס. דאָ און דאָרט האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ רירעוודיקע „אָביוואַטעלעס״, וועלכע האָבן אויף אייגענער האַנט איינגעשטעלט אָרדענונג. אָנגעטאָן ווייסע אָרעם־בענדער האָבן זיי אַכטונג געגעבן, די טויערן זאָלן זיך באַצייטנס שליסן אין אָוונט, פרעמדע זאָל מען נאָכקוקן ווער און צו וועמען און, דער עיקר, אַז מיט נייטיקן כבוד זאָל מען באַגעגענען די נייע מאַכט אין שטאָט.

— זי וועט קומען, פּאַניע, די נייע וולאַדזאַ. הפקר וועט פּוילן נישט בלייבן, — האָבן געטענהט די פּלייסיקע אַביוואַטעלעס. — און זי וועט האָפּנטלעך פאַר אונדז נישט זיין ערגער ווי יענע, וואָס זענען אַנטלאָפן ווי די מייז.

אין דער כת איז געווען דער גלח, דער אַפּטייקער, דער לערער, דער קאָמענדאַנט פון די פרייוויליקע פייערלעשערס, דער עלטסטער פונעם קייַלער־צעך און דער שטעטלשער מילנער. מ׳איז זיך צונויפגעקומען אויף זיצונגען, מ׳האָט פאַרטראַכטערהייט גערדרייט די גרויסע וואָנסעס און זיך געגרייט אַנטקעגנצוגיין די נייע מושלים מיטן שענסטן בילד פון דער טשענסטאָכאָווער גאָטס־מוטער און מיט ברויט און זאַלץ אויף אַ זילבערנער טאַץ.

אומעטום אַזוי.

אין ספּאַלע האָט זיך געגרייט דער פּאַן וואָוזשיניאַק, אין ספּאַלע האָט זיך גערודערט: מ׳האָט גערייניקט, געפּוצט, אויסגעלייַדיקט צימערן פאַר די נייע שררות און אין לאָקעטקע איז געווען שאַ־שטיל. לאָקעטקע האָט נישט קיין דעה, לאָקעטקע דאַרף נאָר פאָלגן, וואָס מ׳זאָגט איר. די האַנט אויפן דופק האָט דאָ געהאַלטן דער פּאַן יאַסעק מיט לעלעווסקין דעם סאָלטיס. דער האַר פון ספּאַלע האָט זיי געלאָזט רופן און זיי באַלערנט.

— טאַק, טאַק, יאָ, מיר זענען צום באַפעל תמיד גרייט, — האָבן זיי הכנעהדיק געענטפערט און אָוועק צו די „ברידער דאָרפסלייט“.

— מיר זענען פשוטער נאַראָד. עס קומט פריש מלכות, באַדאַרף מען זיין געהאָרכיק, — האָבן יאַסעק מיט לעלעווסקין גערעדט מיט די שכנים, און די זענען מיט לאַנגווייל און אומגעדולד זיך צונויפגעקומען צו יאַסעקן אויפן גאַנעק, צו יאַסעקן אין קראָם אַריין. מיט די פינגער געגראַבלט זיך אין די נעז, געקראַצט זיך די פּאַרוואַקסענע העלדזער האָבן די פּויערן אומעטיק געקרעכצט:

— כאָלעראַ, זיי זאָלן נאָר אונדז נישט אויפפרעסן, די שוואַבעס! שטייפע אַזוינע און באַדאַרפערס, אוי־אוי!

— בוג ווי... גאָט ווייסט... — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַ צווייפלער. — ס׳שטענדיק ערגער מיט פרעמדע!

— אונדזער גורל ווערט פון אונדז גופא געחתמעט. — האָט יאַסעק קלוגעטשקע זיך אַ דריי געטאָן פאַר די פּויערן. — מ׳באַדאַרף זיך אָרנטלעך אויפפירן, אָט ווי! יעדער באַלעבאָס פאַרלאַנגט ס׳אייגענע, נישט

אמת, סטאַכו? — עדותט ער זיך באַלד מיט אַ פריינדל, כאָטש יענער בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ. — אַ נייער קוקט אין די אויגן אַריין, קוקט אויף די הענט. מ׳באַדאַרף געווינען צוטרוי, ברידער.

דערדריקטע, אָפּגעלאָזענע האָבן זיי ווידער אַ מאָל זיך געקרימט:

— נו, זאַבאַטשימאַ... מיר׳ן זען!

אין דערדריקטקייט האָט אויך די בילאַנדערישע כאַטע געקוקט צום טאָל, געקוקט צו די בערגלעך:

„און וואָס וועט זיין מיט אונדז?"

דבורה האָט אַרויסגעטריבן די קו אויפן וויהאָן, די אַלטע האָט ווי־דער געקאָרמעט די עופות, געוואַרעמט זויערמילך אויף דער הרובע, גע־פּרעסט קעזלעך און אין זיך האָט מען אַריינגעגעסן דעם סם, וואָס האָט זיך געשפּרייט אין דער רעווענדיקער שטילקייט.

— טאַטעלע מיינער, וואָס ווילסטו טאָן מיט דיינע דינערס? — האָט ראָכל איטלעך מאָל אויסגעשריגן און אָנגעכאַפּט זיך ביי דער ברוסט, גלייך ס׳האַרץ אין איר וואָלט זיך געוועהרט קעגן אָנגריף פון ביטערניש.

— מוזט מיר דערגיין די יאָרן, יידענע! — איז חיים יאַנטשע אַרויס מיט תרעומות. ער איז געווען בייז אויפן ווייב, למאַי זי רייסט אים די פעל. ליבערשט זאָל מען נישט קלערן, האָט ער געמאַמלעט. — וואָס ס׳עט זאָן ׳עט זאַאָן. אין הימל אַראָן קען מען דאָך נישט שפּרינגען! פון דער צווייטער זייט האָט ער מיט רחמנות געקלערט פון ווייב: אַ צעבראָכן מענטש! וואָס קען זי, נעבעך, טאָן מער ווי אויסקרעכצן!

דער אָנשווילנדיקער צער שפּרייט זיך פאַר זיינע אויגן, די שטוב טיקט זיך אין טריבקייט. אַזוי קומען די טעג, אַזוי שטייען אָן די נעכט. מרעיש עולם זיין וועט דען העלפן?

אין איינעם אַ פאַרנאַכט אַזאַ האָט קלמן פּלוצלינג זיך באַוויזן אַהיים. ווי אַ געשלאָגענער הונט זיך אַריינגעשאַרט, אַזש די פרייד, וואָס האָט אַ שפּריץ געטאָן אין שטוב האָט באַלד געגומען סיקען, גלייך וואַסער וואָלט געפאַלן אויף אַ צעפלאַקערט קנייטל. די מוטער האָט אויפגעשריגן מיט אַן אומגעריכטן, נערוועאישן קריי און אותו הרגע אַנטשוויגן געוואָרן. זי טאָר זיך נישט פרייען, — האָט עס אין איר געקרעשט. דער פאָטער האָט זיך געראַנגלט מיטן ספּאַזם, וואָס האָט׳ן געשפּאַרט צום האַלדז. די אויגנ־ווינקלען זיינע זענען געווען נאַס. קלמנען אַ צעשראָקענעם, אַן אויסגע־דאַרטן, האָט ער געגלעט איבערן אַקסל און נישט געקענט זיך איינקוקן

אין זיין מראה: אַזאַ סוף געמאַכט פונעם יונג! פאַרקויטיקט, אָפּגעריסן אין גאַנצן. אַ פּוילישער זעלנער משטיינסגעזאָגט — האָט ער געברומט. שאַ־שען האָט מען נישט געקענט דערמינטערן... און איז זי געקומען צו זיך, האָט זי גערופן איבער דער שטוב:

— קאַאַלמע, קאַלמעשי, לאָמיך דיך אָנקוקן!

שוואַכלעך, ווי זי וואָלט ווידער געווען קימפּעטאָרן, האָט זיך גע־טראָגן איר שלאַבעריק קול.

מיטן ווייבל האָט איצט זיך געוויגט ס׳גאַנצע הויז. זי האָט געהאַלטן אין איין חלשן. דערוועקט זי, האָט זי געפינטלט מיט די אויגן, כסדר גע־וואָלט האָבן קלמנען נעבן זיך און זי האָט אַריינגעוויינט אין קינד: „אי־טשע מאירעלע! איטשע מאירעלע, זעסט?״...

שאָשען האָט אַלץ זיך נישט געגלייבט, אַז עס איז דאָס וואָס זי זעט, וואָס זי הערט. און האָט זי זיך שוין געקרעפּטיקט, האָט זי זיך געפּרייט מיט אַ האַלב מויל.

— שוויגער, שווער לעבן, ווער עס איז געקומען!... זאָגטס אַליין, האָט מען נישט קאַ׳ גאָט אין הימל?

און זיך צעוויינט. כליפּנדיק האָט זי אין זיי אַריינגעלאַכט, געקושט די אַלטע, געשלוכצט אין שווערס אַקסל אַריין. אין מיטן דעם געוויין איז חיים יאַנטשע געשטאַנען אַ צעבראָכענער. זיין באָרד האָט עפּעס אומדייט־לעך געמורמלט. אין דער צערודערונג האָט דבורה זיך אַנידערגעוואָרפן אויף אַ צעכראַסטעטער שלאָפּבאַנק און זיך אויסגעהעשעט.

...קלמנס וועג איז געווען אַ נסיונותדיקער. די פּיבערדיק אַרויסגע־לייגטע אויגן און די אויסשטאַרצנדיקע קינען פון זיין בלאַסן פּנים האָבן עדות געזאָגט אויף דעם. ס׳דערשטיקטע לאַנד האָט ער דערווישט אויף די אומרואיק־שטילע שליאַכן, כאָטש דעם פולן חורבן האָט ער נאָך נישט געוווסט. איבער ווייטע, אומבאַקאַנטע וועגן און סטעזשקעס האָט ער זיך געגנבעט, אין די נעכט זיך דורכגעקראָגן. צעשטויבט די פּוילישע אַרמיי, די אָפיצירן זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן ווי צעפלאָשעטע האָזן. די לעבנ־געבליבענע זעלנער האָבן געציטערט פאַרן דייטשן „פלען״, האָבן ווי ווע־רעם זיך איינגעגראָבן אין דער פייכטער ערד, געקראָכן אין מיסטן. זיי האָבן אין ערגעץ נישט געהאַט קיין אָנשפּאַר. פויערן האָבן פאַר זיי פאַר־האַקט די טירן, שטאָט־לייט האָבן מורא געהאַט צו העלפן זיי. יענע, די בייע, וואָס דאַרפן אַריינקומען, האָבן „זייערע אייגענע״ אויף שריט און

טריט. אַזעלכע פּלאָנטערן זין אַצינד איבערגעטוענע ווי פּראָסטע אַרבע־טערס, ווי מויערערס, ווי בלאָנדזשנדיקע פּרויען, וואָס זוכן אויף די טראַקטן זייערע כלומרשט פאַרלוירענע קינדער. די מהומה איז געווען אַ גרויסע, משפּחות זענען צעשטויבט געוואָרן אָן שום שפּורן. אַלע מינים קרבנות געווען מעגלעך. גלייך פּלעוועס איז אַלץ צעטראָטן געוואָרן פון די דייטשישע חיילות, מענטשן — אַוודאי און אַוודאי. מיט ווילדקייט האָבן זיי געשפּאַרט, דעם אָטעם נישט געלאָזט כאַפּן. אוי, מעת־לעתן דורכאַנאַנד האָט מען זיך געיאָגט נאָכן טראָפּן לעבן; אין שווייס, אין טויט־שרעק איז מען געלאָפן — האָט דער יונג ציטעריק אָפּגעסאָפּעט, להוט געקוקט אויף די היימישע.

— פון הימל געשאָסן, מיט דער לופט איז געקומען ס׳פייער. נאָך טעג נישט עסן האָט אונדזער פעלד־קיך זיך אָפּגעשטעלט. (ס׳האָט אויסגעזען, ס׳איז געוואָרן רואיק). אַ קעסל געקעכטס שוין געווען פאַרטיק, מיט פליייש, מיט קאַשע, מען זעצט זיך אַוועק און — אַ באָמבע אויפן קעסל. אומישנע געוואָרפן, כ׳ל אַזוי געזונט זיין! אַלע פעלד־קיכן האָבן זיי גע־טריבן, די דייטשן. נישט בלויז הרגענען, אויסמאָרען האָבן זיי געוואָלט פריער. די פערד, די מענטשן, זענען צעשפּרונגען געוואָרן אין שטיקער, ווי ס׳וואָלטן אויפגעריסן געפּאַקטע זעק. אַ רגע האָט עס געדויערט, קרוי־נעדיקע. נסים!... נסים האָבן מיך געבראַנגט אַהיים, — האָט ער אָפּגעכאַפּט און אַנטשוויגן געוואָרן.

אַנטשוויגן און ס׳האָט אויסגעקוקט, די שטוב וואַרט נאָך אַלץ אויף אים, קלמנען. קלמן איז נאָך נישטאָ, קלמן בלאָנקעט איבער די צעטומל־טע שליאַכן, ווו מענטשן און בהמות און שטובּיקע אינגעווייד וואַלגערן זיך צעפּערטלטע, צעריסענע און צעטראָטענע.

— ער שפּאַרט, דער דאַאַטש, ווי טויזנט שדים, צ׳הערט?

די שטוב האָט געהערט, כאָטש זי האָט זיך געשפּירט צעדרויבלט, ווי אַלץ דאָרט אויף קלמנס וועגן.

אויסגעהוילטע, אָפּגעשטאָרבענע, מיט פאַרמאַכטע טיר און לאָדנס זענען געשטאַנען די שטעט,די דערפער אין קלמנס רייד און זיי האָבן דאָ געקלאַפּט, געבראָקט ווייטיק אין סאַמע האַרץ אַריין. אַזויפיל דערהרגעטע, געפאַלענע אויף די שליאַכן, חמרים, צ׳הערט? עס וואַלגערן זיך בינטלעך בעטגעוואַנט, וואַליזעס מיט וועש, טייערע זאַכן, און ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל ס׳אויפהייבן. קיינער ברויך עס נישט!

ביינאַכט האָט ער זיך איינגעשטעלט, קלמן, איז אַרויס פון וועלדל, אויסגעגראַבלט די־אַ הלבשה און גענומען פויזן. אַבי נישט קיין סימן פון פוילישער זעלנעריי! ממש אויפן בויך זיך געריטשט אַן אָפּגעראַטעוועטער פון צווישן קופּעס טויטע, וואָס ליגן אונטערן צעגליטן הימל. געקראָכן רק ביינאַכט, בייטאָג כאַפּט מען אויף די שליאַכן, מ׳שלאָגט, מען טרייבט אַוועק אין מחנות, גאָט ווייסט וווהין... אַ סך מחנות געזען, פּינצטערע, צעדמטע. „יודע?״ — פרעגן זיי באַלד. מ׳האָט אים געפרעגט דאָס אייגע־נע, האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל: ער פאַרשטייט נישט, וואָס מ׳וויל פון אים. „צאָ?״... ער איז אַ גוי, אַ יחסן — —

טעג דורכאַנאַנד האָט זיך געצויגן קלמנס גרויליקע דערציילונג, און איבערן הויז האָט ווי מיט אויסגערונענע אויגן געקוקט דער טרויער. אַ געדיכטער, אַ דושנער, ווי דער קאַלך, וואָס פאַלט פון באַלקן, האָט זיך גע־גאָסן דער טרויער. און ווי אויף להכעיס האָט אויסגעזען די שפּיל מיט דער לויטערער ליכטיקייט אין דרויסן.

— ס׳אַ מערכה דעם דאַאַטשס... אַזעלכע שיינע טעג, ר׳האָט נישט קאַ׳ שטער.

קלמן האָט זיך געביסן די נעגל.

בינו־לבינו האָט זיך שוין דאָ געהערט פון פאַרוויסטונגען. דער קאַ־מיענער שניידער ירוחם, אַ געבויגענער, ווי ר׳וואָלט זיך נישט געהאַלטן פאַר ראוי צו קוקן אויפן געלעסטערטן טאָג, האָט אייליק זיך אַריינגעוויזן אין דער חושכדיקער כאַטע.

„יידן, יידן, וואָס ע׳ט זאַאַן?״ — האָט ער געפרעגט, דער קנאָפּער ריידער, געקוקט אויף די פאַרזויערטע מינעס פון די, וועלכע ער איז געקו־מען געוואָר ווערן. און אַ כוונה האָט ער געהאַט: אפשר וועט זיך מאַכן אַ שטאָך אַרבעט פאַר זיינעטוועגן. אַזאַ משפּחה, אַן עין־הרע... מיט פּיין אין בליק איז דער ייד צוריקגעלאָפן קיין קאַמיען און מיטגענומען ס׳געקלאַג פון די לאַקעטקער, וואָס זיצן ווי אויף אַ קריע: אַט ברעכט זיך איין ס׳אייז! דער קאַמיענער האָט פּשוט מורא געקראָגן פאַר דער שטוב. אויף אַזוינס זיך נישט געריכט! עפּעס האָט ער געהערט זייער סקאָמלען אין דער טונקל פון די לאַדן־פאַרמאַכטע קאַמערן. אַ צעטראָגענער האָט ער איבערגעחזרט: „גאָר פריינדלעך, גאָר פריינדלעך...״ אַהיימאיילנדיק האָט ער זיך קוים דערמאָנט, וואָס זיי האָבן געוואָלט, די לאַקעטקער. מ׳האָט געבעטן גריסן די אלמנה גאָלדע, די זישעכע:

— מ׳עט זיך אַהינכאַפּן צו איר, מערטשעם.

און דערווייל דרענגען וויסטע בשורות פון אומעטום: „יידן, יידן“, אַ מגפה אַזאָלכענע פון רוצחישע הענט גויאישע.

אין אָפּאָטשנע איז נישט היימלעך. פּויערן האָבן ווי אַ כמאַרע זיך אַרויסגעלאָזט אין מאַרק אַריין מיט שטעקנס, זיך פונאַנדערגעשאָטן איבער יידישע הייזער. זיי האָבן געראַבעוועט, געהרגעט; פון קינסקע־וואָליע האָט מען פּלוצטאַלבן אַרויסגעכאַפּט יונגע יידישע מיידלעך. אַריינגעקר־מען גרויסע סאַמאָכאָדן מיט דייטשן און אַוועקגעפירט די אָפּגעהיטענע יידישע קינדער. ס׳אַ׳ חורבן בית ישראל! וו׳אַ באַרג ווערט אָנגעשוואָלן ס׳האַרץ.

◆

פאַרכאַפּט ס׳לאַנד האָבן די היטלעריסטן אין זייערע פויסטן צוערשט אייַנגעקראַמפּט די שטאָט; אין טיפן הינטערלאַנד האָבן זיי זיך רעכט פאַרנאַנדערגעלייגט אַ ביסל שפּעטער.

אין ספּאַלע האָט זיך געעפנט אַ „קאָמענדאַטור פיר וואַלד אונד געטריידע ווירטשאַפט“. אַ פאָלקס־דייטש, אַ פּוילישער, וועלכער האָט געהאַלטן אַ קליינע דאַמף־מיל אין בידגאָשטשער סביבה, איז איצט אַריין אין די פעדערן. יאַן קאַפּושטשינסקי, וועלכער האָט אונטער פּוילנס ממשלה אַ סך יאָרן גוט געדינט דער זאַך דער געגעזונג דעם דויטשעס פאָלקעס, איז איצט בתעלה געוואָרן ווי אַ שעף פונעם אַמט פון די וועלדער און דערפער אין טאָמאַשאָווער און אָפּאָטשנער קרייזן. ערשט האָט יאַן קאַפּושטשינסקי אויף דער ליכטיקער שיין פונעם נצחונותדיקן „דריטן רייך“ אַרויסגעבראַכט זיין עכטן אַלט־פּרייסישן נאָמען י אָ ה אַ ן ר י ב ע און אויף זיין קיילעכיקן בויך פאַרשנאָלט אַ ברייטן מיליטערישן רימען מיט אַ קליין אָפיצירישן רעוואָלווערל. אָנגעטאָן אין בכבודיקן, גרינעם פעלדגרין טיטולירט ער זיך חשוב:

— אַמט־שעף אונטערשטורמבאַנפירער יאָהאַן ריבע.

דער ערשטער אַמטלעכער שריט פון יאָהאַן ריבע, דעם קאָמענדאַנט פון ספּאַלע, איז געווען דאָס פונאַנדערשיקן אויף מאָטאָציקלען עטלעכע זעלנער אין אייזערנע העלמען. דורכגעטראָגן זיך מיט רעש איבער די שלעפעריקע דערפער פונעם קאַנט האָבן די רייטנדיקע מחבלים אומעטום זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ערשטער־בעסטער כאַטע און אָנגעבורטשעט אויף

אַ קאַליע־געמאַכטן פּויליש דאָס, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט זיי אויס־געלערנט:

— סאָלטיס, וואָיט, זאַראַז דאָ קאָמענדאַטורי ספּאַלאָ.

דער קאָמענדאַנט קאָן גוט פּויליש און ר׳ווייסט די פּאָליאַקן. ניש־קשה, ער וועט זיך דערךעדן מיט זיי. אַ רעוואָלווער ליגט אויף זיין טיש און אַן אָפּטייל זעלנער איז געשטעלט געוואָרן אין זיין רשות. ער האָט אגב געוווסט ווי אַזוי אויסצושלייפן אַ שטייף שמייכעלע אויף זיינע ליפּן און פאַרשטאַנען ווען מכבד צו זיין מיט אַ גלאָז ווייסן, סרחעדיקן בראַנפן.

און עס איז אים גוט אַוועק, דעם אַמט־שעף הער רובע. ער איז גע־ווען צופרידן מיט זיך און ר׳האָט זיך אין ספּאַלע באַגרונדפעסטיקט מיט ווייב און קינדער, מיט הינט און מיט דינסט־טרייע פּאָליאַקן.

◆

זיינע אַ גזירה:

— אויפגעבן געוויסע וויפל תבואה יעדער גאָספּאָדאַזש האָט. אויס־מאָלן תבואה אָדער פאַרקויפן אָן דערלויבעניש פון ספּאַלע איז שטרענג פאַרווערט. תיכף צושטעלן צו שאָק אייער און דריי קילאָ פּוטער פון יעדער באַלעבאַטישקייט. נישט געהאָרכיקע דראָעט טויטשטראָף פון פעלד־גע־ריכט. ס׳איז מלחמה, מ׳מאַכט פיף־פאַף, פאַרשטאַנען?...

דער סאָלטיס לעלעווסקי בכבודו ובעצמו האָט זיך מטריח געווען צום יידישן שכן און מודיע געווען אַלץ, וואָס עס פאַרלאַנגט זיך פון אים.

דער פאַן וויצענטי יאַסעק איז געגאַנגען הינטערן סאָלטיס. שטיל ווי אַ וויזעלע זיך אַריינגעשטעלט אין דער בילאַנדערישער הייזקע און גוט־פריינדלעך אויסגעטייטשט:

— ס׳אַ ניי מלכות, יאַנטשאַ, אין לאַנד. מען מוז אים פאָלגן. ס׳איז נישט קיין קינדער־שפּיל. געגאַרט מען זיי אויף אַ האָר, די דייטשן, ווערן זיי שרעקלעך צאָרניק. מיט אַ סך האָבן זיי זיך שוין ביטער אָפּגערעכנט. מאַכן נישט קיין שהיות, שיסן! יאַ, יאָ... און דאַרפסט וויסן, יאַנטשאַ, מיר זענען פאַראַנטוואָרטלעך מיטן קאָפּ פאַר אַלעמען. אויך פאַר דיר, יאַנ־טשאַ, הממם. פאַרשרייב, סאָלטיס, וואָס עס פאָדערט זיך. — האָט ער אינדעם זיך געוואָנדן צו לעלעווסקין, וועלכער האָט אין פאַרלעגנהייט זיך געטאָפּט די שווער־אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס.

— בילאַנדער, זאָג וויפל קאָרן דו האָסט.

— ווייסעך וויפל? כ'מעסט קיין מאָל נישט. כ'האָב נישט צו פאַר־קויפן. קוים פאַרן אייגענעם געברויך.

— האָ־האָ, — שטעלט זיך ערשט אַוועק דער פאַן יאַסעק און די מראה אין פנים רויטלט זיך. — ביי זיי גייט עס נישט! די דייטשן נע־מען... וויפל האָסטו, זאָג? — איז ער זיך מיישב אַ רגע. — וועסט שוין מושווה ווערן מיט זיי.

— כ'וועל שוין זאָגן. כ'וועל אַ קוק טאָן. גייט'ס דערווייל צו אַנדערע.

— נישט גוט, יאַנטשאַ. מ'מוז באַלד וויסן. אין ספּאַלע באַדאַרף מען זיין נאָכמיטיק.

— כ'וועל אַ קוק געבן, — האָט חיים יאַנטשע דערשפּירט, ס'ווערט אים דעמפּיק — כ'על מיך נאָר אָנטאָן. כ'בין נישט געזונט.

— קראַנק, נישט קראַנק, — האָט דער סאָלטיס אַ מרוקע געטאָן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. — היינט רעכנט זיך עמיצער מיט אַזוינס? מ'מוז וויסן, בילאַנדער!

— מילא, האָב געדולד, סאָלטיס. כ'על אַריינגיין צו דיר.

עקשנות האָט אָפּגעהילכט אין דעם יידס רייד.

— געדענק, בילאַנדער, דעם קאָפּ וועט קיינער נישט איינשטעלן פאַר דיר, — האָט צאָרן שוין אָפּגעזאָטן אין לעלעווסקין.

— ווי דען? יעדער פאַר זיך, — האָט יאַסעק פאַרדראָסיק נאָכגע־מורמלט.

— שרעקט נישט קיינעם מיט אייער וויכטיקייט, פּריצים! — האָט עס חיים יאַנטשען שוין אונטערגעהויבן. — איך בין אויך אַ מענטש. כ'קען באַשטיין פאַר זיך. וואָס, אויפעסן וועט מען מיך? כ'זאָג, וואָס כ'דאַרף זאָגן, און גענוג! כ'וועל אויפגעבן, געהערט?

דער ייד האָט געשפּירט אַן אינערלעכע באַדאַרפטיקייט זיך קעגנצו־שטעלן דער חוצפה, מיט וועלכער מען דערוועגט זיך צו קומען צו אים. און ער האָט נישט געקענט מער קוקן אין דער זייט פון די שכנים, וואָס זענען נאָך אַ מינוט געשטאַנען אומאַנטשלאָסן. דערנאָך זענען זיי אַוועק מיט אַ זעץ מיט דער טיר.

זיי זענען אַרויס, האָט אין שטוב זיך געשפּירט אַן אומאַנטבלויזטע ברויזונג. נישט ניחא געווען יאַנטשען דער בליק ראַכלס, ס'האָט'ן געאַרט שאָשעס דרייען זיך פון שטיבל אין קיך אַריין און צוריק. אַז ס'קינד האָט

זיך צעוויינט, האָט זיך געהערט עמיצנס אַ מרונצע: „אַזאַ יאַריד דאָ, נישט אויסצוהאַלטן!" די האָר אויפן קאָפּ האָבן געאַרט. איינס ס'אַנדערע האָט אָנגעקוקט פרעגנדיק, מיט ווייטיק. דערנאָך האָט חיים יאַנטשע אַראָפּגע־האַנגען די פּיס פון בעט און גערעדט:

— אַ קרענק געב זיי! חשבון גרייטן פאַר וועמענען... תבואה האָט זיי פאַרשמעקט, — און אויסגעדרייט ס'פּנים, געזוכט דעם זון:

— האָרכסט, קאַלמע?... מ'עט אַרויסקוקן אין סטאָדאָלע אַראָן. שראַבן ווילן זיי, 'עלן זיי שראַבן!

אַרויסגעגאַנגען אין שייער אַריין האָבן פאָטער און זון ערשט רעכט דערזען די אָנגעשטאָפּטע ווענט נישט געדראָשענעם קאָרן. איי, אַ קאָפּ אַרבעט פאַרבליבן פאַר אינדזערטוועגן. — דער ייד האָט זיך געקראַצט די באָרד, אַן אויגנבליק פאַרגעסן זיך, געקוויקט זיך מיטן עשירות פון זיין אָרעם הויז. קלמן האָט אים אָבער דערמאָנט אין סאָלטיס, אין יאַסעקן און מ'האָט גענומען ציילן די זעק תבואה, וואָס ליגן אויפגעשטאָפּלטע אין דער האַלב־טונקלקייט פון אויפגעלענטן שייער.

— באַגראָבן, אויפרוימען, האָרכסט? — זענען געפאַלן חיים יאַנ־טשעס רייד און די אויגן האָבן געגעסן דעם יונג — אַז זיי האָבן שוין חשק אויף דעם, זאָל דער אַפּעטיט זיי נישט זאַן אַזאַ שאַרפער! — און באַנאַנד האָבן טאַטע און זון באַדאַכט זיך אַרומגעקוקט ווו צו פאַרטאַכלע־ווען אַ פאַר צענטנער תבואה. — זאָלן זיי נישט האָבן קאָ' לאַאַכטע מיתה, די פאַרשיוועס... — האָט דער אַלטער לאַנג געברומט אין פאַרטראַכט־קייט.

שפּעטער איז חיים יאַנטשע אַריין צו לעלעווסקין, אים געפרעגט מעשה שכן:

— וואָס איז מיט דעם פאַרשרייבעכץ, סאָלטיס? ס'עפּעס אַן ערנסטע זאַך, צי גלאַט צוליב פּאַזשאַנדעק? טשיקאַווע...

— קטאָ ווי, — האָט יענער געדרייט ס'פּרצוף אַהין, אַהער. — פון וואַנען קען איך וויסן, בילאַנדער?

— ממאַ, און איך זאָל דיר זאָגן געננוי וויפל איך האָב קאָרן? יאַק באָזשע קאָכאַם, כ'וויס נישט. כ'האָב נישט געדראָשן. סאָלטיס, כ'בין נישט געזונט, כ'בין געבליבן איינער אַליין אין פעלד. ערשט איז מיין קאַל־מע צוריקגעקומען אַהיים. קוים זיך אַרויסגעראַטעוועט פון פייער. טויטע

געפּאַלן ביי זיינע פיס... אַזוי, אַזוי איז מיטן פּאַרדאָסטן לעבן, סאָלטיס, — האָט ער פּלוצלינג גענומען זיך פּאַרקלאָגן.

געזען, יענעם קריכט עס נישט אין די אויערן אַריין, האָט דער ייד אַ זאָג געטאָן:

— קום אַריין, סאָלטיס, וועסטו אַ קוק געבן אין מיין סטאָדאָלע. איך מיין אַ צוואַנציק צענטנער וועט זיין אויף די זאַנגען ביי מיר. מאָגער גע־וואקסן, שטאַרק מאָגער מיין קאָרן. אַ באַרג שטרוי אויף אַ דזשעבלע ברויט.

— עעע, יאַנטשאַ, זאָגסטו ליגנט! — האָט דער סאָלטיס שוין אַרויס־געוויזן אומגינציקייט צום שכן.

— מעסט אויס אַנדערש, לעלעווסקי, — טענהט חיים יאַנטשע — איך בעט דיך.

— איך זאָל מעסטן? זאָלן די דייטשן מעסטן... כ׳וועל מוזן זאָגן דעם אמת.

— ס׳הייסט, — קוקט אים אָן חיים יאַנטשע און זיינע קינען נעמען ציקן — מסרן גייסטו?

— נישט מסרן, יאַנטשאַ, — שטעלט יענער זיך אַוועק אַנטקעגן ייד און די בלאָע וואַסערדיקע אַפּלען טריפן באַסט. — מען מוז, מען מוז אויפ־געבן! מיינסט, ס׳איז דער פּאָליאַק — מ׳רעדט, און ער גלייבט? דער דייטש איז האַרט. מיטן לעוואַרווער סטראַשעט ער באַלד. ער וועט רודפן — פּאָלט שוין לעלעווסקי ביי זיך, — פּאָלג, יאַנטשאַ, הייב זיך נישט אָן.

— איך הייב נישט אָן, סאָלטיס. כ׳האָב נישט. אַליין באַאַרבעט ס׳פעלד. וויפל כוח האָב איך, אַן עלטערער מאַן? דו ווייסט דאָך אַליין, סאָלטיס, — פּרווט ער ווידער מיט ווייכקייט.

— איך טאָר נישט וויסן, יאַנטשאַ, דו הערסט?

— מאַך, וואָס דו ווילסט, — צענעמט חיים יאַנטשע די הענט — איך זאָג צוואַנציק צענטנער און דו שרייסט — מער, מער! פון וואַנען מער, לאָקעטקער גאָספּאָדאַזש! פון זאַמד?

— איך ווייס נישט, — וואַרפט זיך דער סאָלטיס. — גיי צו יאַסעקן. זאָל ער נעמען אויף זיך. מיר האָבן אַן אָנזאָג: פאַרשרייבן אַלץ, אויפ־שרייבן וואָס מער. קליינע צאָלן וועלן זיי נישט אויפנעמען. ס׳פריש נאָכן שניט, גאָרנישט נאָך פאַרקויפט, אַלץ איז אין שייער — אַלץ מוזן זיי נע־מען אויפן חשבון, האָט מען געוואָרנט אין ספּאָלע.

אָפּגעכעסט זיך, האָט לעלעווסקי נאָך אַרויסגעשפּריצט:

— מיינס זאָל איך אפשר אָוועקגעבן פאַר דיר? איך גיב סיי־ווי. איך קען נישט, יאַנטשאַ.

און יענעמס ווייב האָט זיך אָוועקגעשטעלט:

— גיב אַכטונג, יאַנטשאַ, דער דייטש אַליין זאָל נישט קומען אַהער. זאַראַז קלאַפּט ער מיטן לעוואָרווער אין טיש אַריין. און דער לעסניטשי... די מאַנסלייט דערציילן, יאַנטשאַ, ס׳איז נישט קיין קאַטאָוועס.

— וואָס זאָל איך טאָן, סאַלטיס, אַז כ׳ווייס נישט אַקוראַטנע. כ׳האָב נישט געמאָסטן און כ׳קען נישט מעסטן. סיידן, כ׳וועל אַלץ אָפּדרעשן.

— דרעש יאָ, דרעש נישט, — איז דער סאָלטיס שוין אומגעדולדיק

— דעם דייטש דערצייל דאָס. זיי מוזסטו האָרכן, יאַנטשאַ, נישט מיך.

און אַז חיים יאַנטשע איז אַרויס, האָט דער סאָלטיס אים נאָכגעשריגן:

— בילאַנדער, אַ שאָק אייער פאַרגעס נישט פאַר ספּאַלע און דריי קילאָ פּוטער. לייט טראָגן שוין אַהין.

צוריק אַריין אין שטוב האָט חיים יאַנטשע אָפּגעפּילט: אַ תהום, אַ גרויסער תהום איז אויפגעגראָבן צווישן אים און יענעם צד, וואָס רעדט וועגן ספּאַלע, מאָנט פאַר ספּאַלע מעשר פון זיין ברויט, פלייש פון זיין פלייש.

אויפדערנאַכט, ס׳איז געוואָרן גוט פינצטער אין לאָקעטקע, האָט חיים יאַנטשע מיטן זון זיך געשטעלט מיט רידלעס גראָבן אַ גרוב פאַר די זעק תבואה, וועלכע מ׳האָט בייטאָג אָוועקגערוימט פון גיריקע אויגן.

— אין דר׳ערד זאָל עס פוילן, קיסיען זאָל עס, נאָר זיי זאָל עס נישט אָנקומען! רייבערס...

און ס׳איז געבליבן: דאָס אומגעדראָשענע קאָרן וועט מען זיך נישט איילן אויסצודרעשן. וועט מען אַריינקומען זען, זאָלן זיי שאַצן, זאָלן זיי די מוחות פּלאַצן.

צומאָרגנס אינדערפרי איז ס׳קבר פון דער תבואה הינטער חיים יאַנ־טשעס שייער געווען נישט צו דערקענען. זאָרגעוודיק באַדעקט מיט דער אומבאַרירטער ערדשאָל פון געקאָסיעטן פעלד האָט עס האַרט געבליקט צו די הייכן, וואָס האָבן אָנגעהויבן גראָען, טרייבן וואָלקנס האַרבסטיקע, ווינטיקע.

פּרק ג׳

געדיכטע, עסיקע רעגנס האָבן זיך אָפּגעריסן פון די פוילישע הימלען. אַנטקעגן דעם אויסגעקילטן דרויסן זענען שטוינענדיק, פּוסט געלעגן חרובע שטעט, פאַרלאָשענע היימען. און די חמרים טויטע אויף די שליאַכן האָבן דערמאָנט פון זיך. דער מחבר ווייסט: אין די פאַרטונקלטע טעג פון דעם דאָזיקן שווער־געפּרוווטן פוילישן יעשן איז נישט געווען קיין יידיש הויז, וואָס זאָל נישט קלאָגן אויף זיינע געפאַלענע, וועלכע וואַלגערן זיך אין גאָט ווייסט ווו. זענען דאָך די מענטשן אין בהלה געלאָפן טויזנטערווייז, אין די הונדערטער טויזנטער, מחמת ס׳פייער האָט פלוצלינג זיך צע־שפּראָצט איבערן לאַנד; די וועגן זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן פון די אַנט־רינענדיקע. ס׳האָט גערעגנט מיט אומקום, די לופט האָט געפּלאַצט, זיך געריסן און אַנגעוואָרפן אַ פּחד.

לאָקעטקע די רואיקע האָט אומגערן זיך דערמאָנט אָן דעם שטרענגן דייטש וואָס היבטערן רוקן; אַ קויטיקע, אַן אַדורכגעווייקטע האָט זי זיך פאַרקוקט אויף ספּאַלע: וואָס וועט זי זאָגן, די אייביקע אכזריותניצע? אויך דער בילאַנדערישער דאָך האָט אַלט, שוואַרץ געבליקט אַהין און דאָס יידי־שע פענצטער — אַן איבערגעלאָפּנס, אַ טרעריקס ווי ראַכלס אויגן — האָט פאַרנומען ס׳געגיי פון דערשלאָגענע פויערן. אַלע האָבן זיי געצויגן צו יאַ־סעקן, צום סאָלטיס און יעדער האָט געטראָגן אַ פאַרכט פאַר ספּאַלע, פאַרן אומגעהייערן דייטש. און דער דייטש איז אין ספּאַלע! יאַסעק, דער פאַן דער כיטרער, און דער סאָלטיס דער דערדינטער ביי די וויכטיקע, ביידע זענען זיי מענטשן פון ספּאַלע — זיי באַדאַרף מען זיין געהאָרכיק. אָר׳ע־מעלייט האָבן געזיפצט, דאָס יידישע אויער האָט׳ס הונדערטפאַכיק גע־הערט און נאָך מער האָבן די מענטשן געדרונצלט. אין דער צרה, וואָס איז אָנגעשטאַנען, האָבן אַ סך שכנים לאָקעטקער, קאַמיענער, מאַזשאַרניער ווידער געפונען יאַנטשעס טיר; אומדרייסט, מיט בעטעניש געקומען נאָך אַן עצה. זיי האָבן דעם ייד אָנגעקרעכצט זייער געקרעכץ און זענען אַוועק נשתומם: „אַ נויט אויף דעם יאַנטשאַ! ווי אויף אונדז אוי־יעי אַ בידע״. און נאָך מער צעקלאָגט זיך אויף דער אייגענער דאָליע. וואַנס, די שאַרפע צונג האָט, ווי זיין שטייגער, זיך צעלאָזן מיט זידלען אין דער וועלט אַריין און איז לסוף אַנטשטומט געוואָרן גלייך יעדע מידע בהמה.

לאָקעטקע האָט זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט און די ווייטן האָבן איר גע־

בראַכט אומגעהאַרישע שמועות: אַ באַרג געהרגעטע אין קוטנע... אין אַפּ־טער טאָל שטייט אַ טייך יידיש בלוט... דעם שניאַדעווער רב אין לאָדזש ר׳ יוסף משה מנחם, האָבן זיי געצווונגען אָנצוטאָן טלית ותפילין, געגעבן אַ בעזעם אין האַנט אַריין, אַזוי־אַ אים אַרויפגעריטן אויף אַ פערד און גע־פירט עס איבער דער שטאָט... זיי צינדן אונטער שולן צוזאַמען מיט צו־נויפגעטריבענע עדהס יידן — —

זיי! זיי!

טיפע, קלעפּיקע בלאָטעס האָבן געקנאָטן די פיס פון די צעשראָקענע, און דערשראָקן האָבן אין יידישע הייזער זיך אַריינבאַקומען ביטערע בשו־רות. אימפעטיק, מיט אימה, זענען יידן געלאָפן געוואָר ווערן זייערע איי־גענע און אין איינוועגס פון אָרט צו אָרט געטריבן דעם שאָטן פון טויט, וועלכער האָט געהויזט אומעטום, ווייל דער דייטש האָט שוין געהויזט אומעטום.

פאַראיבלדיק האָבן די קאַלעמוטנע פוילישע הימלען באַגעגנט די דייטשן. שנויפלענדיקע, האַסטיק־רעדנדיקע און פאַרחוצפּהטע זענען זיי אַריינגעדרונגען אין די אָפּגעלעגנסטע מקומות. אויף די שטילסטע סטעזש־קעס האָבן טומלדיק זיך דורכגעטראָגן זייערע פלינקע אויטאָ־וועגענער; ס׳האָבן זיך געהערט זייערע פריקרע געשרייען:

— דרעקיקע! שוויינע...

— אב!

— לאוס!...

מבולבלע האָבן מענטשן פאַרשטעקט די קעפּ פאַר דעם געבייזער, אומפאַרשטאַנדיק נאָכגעקלערט די רייד, ווינציק פון דעם באַנומען. גע־שפּירט האָט זיך נאָר שנאה, ווידערווילן צו אַלץ, וואָס באַגעגנט.

קיין לאָקעטקע האָבן די דייטשן יאַקבי זיך נישט געאיילט. פון זייער נאָמענס וועגן האָבן צו די לאָקעטקער גערעדט דער פאַן יאַסעק מיטן סאָל־טיס. ערשט ווען די יאַנואַר־פרעסט האָבן רעכט איבערגעטריקנט די ערד, איז זי פון וואַלד אַרויס, די דייטשישע סוויטע פון ספּאַלע מיטן אַמט־שעף ריבע בראש. ווייס פאַרפרישעט פון יונגן שניי האָבן איצט געקוקט די שוואַרצע לאָקעטקער שטרוי־דעכער, די כאַטעס זענען געזעסן געשרומפּע־נע. אָפּגעשטעלט זיך נאָענט פון וואַלד־ראַנד האָט יאַהאַן ריבע מעשה באַ־לעבאָס פון ווייטנס באַטראַכט די לאָקעטקער הויכקייט. ווי אַ קאַלך־פלעק, אַ נאָכלעסיק אָנגעוואָרפענער, האָט אים אויסגעוויזן דער קליינער ישוב

מיט די צעפוילטע שפּיציקע שטרוי־היטלען. געקוקט, געוויגט מיטן פּעטן, קיילעכיק העלן קאָפּ, און אַ זאָג געטאָן מיטן טראָפּ, אַז מ׳זאָל אים הערן מיט אַ געלערנט וואָרט, דעם געביטער:

— זאַנדערבאַר, זאַנדערבאַר... איין פּאָלנישעס אַלפּען־שטיק!

און זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ נאַקעט, בלעכן געלעכטער.

די באַגלייטערס האָבן מיטגעלאַכט צוקנדיק מיט די אַקסלען, געלאַכט רייסנדיק די מיילער, געלאַכט ברייט, פערדיש. פון דעם־אָ דייטשישן לאַכן זענען יאַסעק מיט לעלעווסקין געבליבן אַפּהענטיק, אומבאַהאָלפן איבער־געבליקט זיך און פּלוצלינג אויך אויסגעשאָסן מיט אַ שפּריצעדיק, פאַלש נאָכגעלעכטערל.

דאַכט זיך — לאָקעטקע האָט זיך אומגעקוקט אויפן פרעמדן, פאַר־שייטן כיכיקען אין מיטן דעם אומהיימלעכן דרויסן. הפנים, הער ריבע האָט עס דערשפּירט. ר׳איז געוואָרן זייער ערנסט און פאָרזיכטיק, מיט פאַרבאַהאַלטענעם נייגיר גענומען אויפהייבן זיך צום ישוב. די וועגענער, וואָס האָבן זיי געבראַכט פון ספּאַלע, זענען געבליבן וואַרטן אונטן. די דייטשן זענען געגאַנגען, יאַסעק מיטן סאָלטיס זענען נאָכגעגאַנגען, ווי הינט נאָכן באַלעבאָס. ס׳זייער ישוב, זיי וועלן געוויס דאַרפן אָנווייזן וואָס, ווער. זיי וועט מען זיכער פרעגן.

...צו חיים יאַנטשע בילאַנדערן אין הויז האָבן זיי אַריינגעפירט די דייטשן מיט אַ זאָג:

— יודע!

זיי קאָנען נישט אַ וואָרט פון דעם שטייפן דייטשישן לשון, די פאַר־קיילטע לאָקעטקער סלאַוון, אָבער דעם באַטייט „יודע״ האָבן זיי גאָר גיך געכאַפּט.

חידושדיק האָט דער אַמט־שעף ריבע צעעפנט זיינע אַרבעס־אויגן:

— אָ־אָ אָ, אין די היזיקע אָרטשאַפטן?... ער איז דאָך אַ „גאַנצער פּאָליאַק״, ער האָט יאָרנלאַנגע דערפאַרונג מיט יידן אין פּוילן, אָבער אויף דעם האָט ער זיך נישט גערירכט. איג־טע־רע־סאַאַנטט: אין זיין לאַנד־ווירטשאַפטלעכן געביט יו־דען, יודען! דאַננער וועטטער, יאַהאַן...

ער האָט דורכדרינגלעך באַטראַכט דעם אַלטן מיט דער פעסטער, רונ־דיקער באָרד. זי איז ווי אַ קרענצל אַן אויסגעבליאַקירטס. אָ, ווען ניכט דיזע ווימפּערען, איסט עס איין מאַרקס־עקזעמפּליאַר! — און זיך צוגעבויגן באַקוקן דעם טלית־קטן איבער דעם יידנס ברוסט. זיינע בליקן זענען דער־

נאָך געגאַנגען איבער ראַכלס קליינעם קערפּער, וועלכע האָט אין מאָדנער אָפּוואַרטונג זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אים, דעם מאַכטהאָבער פון „בעצירק ספּאַלע אונד אומגעגענט". הער ריבע האָט איצט שטאַרק זיך איינגעקוקט אין דער יידענעס אָפּגעשאָסענעם געלבלעכן שייטל, אַזש איר פּנים האָט, מחמת לעסטיקייט, זיך אָנגעצונדן ווי אַ פלאַקער. די פרוי האָט זיך דערשפּירט געבונדן פון די דאָזיקע ווערעמדיקע בליקן. זי האָט געפּו־נען פאַר אַ מוז זיך צו ווערן.

— נישטאָ וואָס צו קוקן, — האָט זי אומגעריכט געזאָגט דעם שררה מיטן גלאַנציקן פּרצוף אָן וואָנסעס. — אַן אַלטע פרוי, אַ צעבראָכענער שאַרבן, פּאַניע!

— יאַ, יאַ, אַלטע העקסע, — האָט דער אונטערשטורעמבאַנפירער אויסגעבאָסעוועט. מיט ווידערווילן אָפּגעקערט דעם בליק פון דער יידענע, געקראָכן אויף קלמנס שאַרף־קיניקן פּנים, און אַ זאָג געטאָן ווי פאַר זיך, כאָטש אַלע, די סאָלדאַטן און די פּאָליאַקן זענען געשטאַנען אַרום אים:

— זאָנדערבאַר, הממ... האָבן וויר אויך יודען־טיערע אינס וואַלד — און זיך אַרומגעקוקט אויף זיינע מיטמענטשן.

וויצענטי יאַסעק האָט עס נישט פאַרשטאַנען, דער סאָלטיס האָט נישט פאַרשטאַנען, נאָר אַז דער דייטש האָט ווידער אַ מאָל געלאַכט, האָבן זיי מיטגעלאַכט. און האָט ער זיי געפּרעגט אויפן ווונק, אָט שוין אונטערן יידישן באַלקן, האָבן זיי פאַרגעדענקט אַלץ וועגן די יידן, די לאָקעטקער, די קאָמיענער און מאַזשאַרניער. דער דייטש מוז געניי וויסן; זיי, די פּאָ־ליאַקן, ווייסן עס פינקטלעך. יאַק באַגאַ קאָכאַם, פּאַניע דאָבראָדזשעיו! — האָבן זיי זיך געצלמט און טריי געדינט דעם דייטשישן שררה אויף פּויליש.

— אוי־אוי, ער איז רייך, דער ייד ביי אונדז, אָבער ער איז אַ קאַר־גער. ער האָט זין אין שטאָט און אַ זון — קאָלמאַ, הייסט ער, איז אָקערשט צוריקגעקומען פון פּוילישן פראָנט. דער פּאַן וועט זיך אויסדרייען רעכטס, אָט דער!... דעם באַטרעף פון דער תבואה ביי זיך אין שייער האָט ער, פּאַניע שאַנאָווני, אויפגעגעבן „אויפן אויג". פּאַניע דאָבראָדזשעיו, מיר האָבן אים געוואָרנט: מ'טאָר נישט אַזוי, יאַנטשאָ... ס'איז מלחמה!

דער פּאַן יאַסעק האָט מורמלענדיק, פאַרטרווילעך גערעדט צום האַר פון ספּאַלע. דער סאָלטיס האָט צוגעשאָקלט מיט די גרויסע פּילסודסקי־וואָנסעס. אויסגעהערט האָט דער האַר פון ספּאַלע ווידער אַ מאָל געגלאָצט אויפן ייד און געציִשעט, למאי ער זיצט בעת ער, דער מושל ש ט ייט.

אונפערצייליך! — האָט אין אים געצישעט די בייזע שלאַנג — פאַרר־
פלווכטע יודשע!

אַ דערצערנטער האָט דער אונטערשטורעמבאַנפירער יאָהאַן ריבע
פלוצלינג זיך אַ ריס געטאָן, אויפגעפּראַלט די טירן פון אַלע קאַמערן אין
הויז, אַריינגעשטעקט אומעטום דעם קאָפּ, איטלעך מאָל פאַרדרייט די נאָז
און לסוף זיך צעשריגן:

— געשפּערט איבעראַלל, דאָננער וועטטאָ!... לופּט, לופּט מוס מאַן
האַבען, הערר געמיינדע־עלטעסטע, — און מיט אַ פּוסן־בענקעלע, וואָס
ער האָט ראַפּטעם אויפגעהויבן, אויסגעזעצט די שויבן פונעם יידנס פענצ־
טער. די קעגנאיבערדיקע שטאַל איז אויפגעשפּרונגען אַ פאַרווונדעטע אויף
די גראָע פיס פונעם שימל מיט דער צעקעמטער גריווע; די שטאַל מיטן
בלוטנדיקן, צעהירזשעטן פערד האָבן זיך טעמפּ אַוועקגעשטעלט אין אויס־
געבראָכענעם פענצטער.

פלוצלינג איז געקומען דער רעש איבערן הויז, פאַרטויבנדיק — דער
פּאַטש אין צולאָג. צי חיים יאַנטשע האָט אַ מאוימדיקן שריי געטאָן, אָדער
ראַכל, קיינער האָט עס נישט געדענקט. ס׳דערמאָנט זיך נאָר: חיים יאַנטשע
האָט האַסטיק זיך אויפגעשטעלט און באַלד צוריק זיך אַראָפּגעלאָזן אויף
אַ באַנק, אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אין די צעוויגטע האַנטפלאַכן. קלמן האָט
משונה אָפּגעקערט די אויגן פונעם דרויסן, אַ צעצאַפּלטער אין די פענטעס
פון אייביקן גליווער. דבורה, פאַרקערט, האָט מיט גלאָזיקע אויגן געגלאָצט
צום פענצטער, פלוצלינג אָנגעהויבן לויפן איבער דער שטוב ווי אַ „גע־
רירטע“; דער באַלקן, האָט זיך איר אויסגעוויזן, הוידעט זיך. אָט וועט ער
זי צודעקן. זי פלאַקערט, די שיין רוקט זיך, ווי אַ פאַלנדיקער באַרג — —
דער קלאַפּ איז געווען אויפטרייסלענדיק. פון די אַרויסגעזעצטע פענצטער־
לעכער האָט קנוילנווייז, ווי פון אַ געהייצטן קעסל, געשלאָגן אַ פּאַרע. די
בילאַנדערס האָבן געקוקט פון אונטערן שטערן און געהאַט דעם ווייטיק־
לעכן געפיל, אַז ס׳גאַנצע דאָרף פויערן וואַרעמט זיך ביי דער פּאַרע און
זי הילט זיי איין, טוליעט אין דער קעלט, וואָס נידערט פון די שטאַרע
הימלען. אין דער אמתן איז אין דעם שטילן לאָקעטקע בלויז אַ באַרג יידי־
שער אומעט אויפגעריסן געוואָרן פון אַ טייוולאָנישן כוח, אויפגעריסן און
מענטשן פאַרשאָטן, געליימט ס׳וואָרט וואָס האָט סטיכיש געשפּאַרט פון
זייערע קעלן; אין דער אמתן האָט די וואַרעמקייט, אַן אָפּגעהיטע זינט
דורות, מיט אַ מאָל דאָ אויסגעוועפּט פון אַ יידישער שטוב.

לאַנגע מינוטן — און אפשר שעהען — האָט עס געדויערט ביז צו די שטוביקע איז דערגאַנגען דער געבראַזג, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן פאַר זייערע אויגן; ערשט שפּעטער האָט עס קלאָר אויסגעקלונגען מיט טיף־שטעכיקן ווייטיק. ווי אין פיבער האָט ס׳דערווישטע אָקערשט זיך אָפּ־געגעבן אין געכפּלטער גרויס, ממילא יסורימדיקער.

— מ׳האָט זיי אומגעברענגט, מ׳האָט זיי אָפּגעשאָכטן!

די דייטשן זענען שוין געווען אַוועק. נאָך זיי האָט אין די געהירן גע־בלאָנקעט ס׳שפּיציקע געשריי. די אַנטקעגנדיקע שטאָל איז געווען אויפ־געפּראַלט. פון דער שוואַרצער עפענונג, וואָס קוקט אַהער אַריין, ציט עס אַזאַ גריזשנדיקע קעלט; אין דעם דאָזיקן שוואַרצן אָפּגרונט גליווערט דער עקבערדיקער ליאַרעם פון די שטומע באַשעפענישן. מ׳האָט זיך רעכט אַרומגעזען:

— זיי האָבן נעבעך געפּילט, די בידנע, — האָט עס געיאָמערט אין שאָשען. זי האָט די ליפּן צעביסן און אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיט די היימישע. אויך פאַר קלמנען האָט זי באַהאַלטן דאָס פאַרווייינטע פּנים מיט די גליענדיקע, מסתמא בלוטנדיקע ליפּן. צו וואָס פאַרמערן עמיצנס יסורים, אַז איטלעכער האָט זיך ס׳זייניקע! אַ צענומענע האָט זי זיך אויס־באַהאַלטן אין אַלקער, כלומרשט צוגעזען ס׳קינד, אַז ס׳זאָל נישט פרירן.

אַן אויסגעהוילטס האָט דאָס הויז אין זיך דערשטיקט די מהומה. זי האָט געעוורן אין חיים יאַנטשעס קאַנוואַלסיוון ציין־קריצעניש, אין דער בפירושער געבראָכנקייט פון זיין געמיט. אין אָנגעדראַלענעם שווייגן האָט זיך אַריינגעשניטן ראַכלס ניי אויפגעוואַכטער געקלאָג: די קינדער אירע זענען ערגעץ אין פייער און זיי דאָ זענען געוואָרפן געוואָרן דעם חזיר אין פּיסק אַריין. צערעדט זיך, האָט די גאַנצע שטוב זיך געוועקט אויפן פריש־דערשפּירטן וויי. קלמן האָט געבויגענערהייט זיך געוויגט איבער איטשע מאַירעלעס מילד־צעעפנטן פּנימל. אומגעצוימט טראָגט זיך באַלד אַריין דאָס באַליידיקטע כליפּען פון דבורהן, דעם יידישן מיידל, אויף וועמעס אויגן מ׳האָט רוצחיש פונאַנדערגעטראָגן איר אויסגעליטענע היים. דבורהס אַקסלען האָבן געצוקט, די אויגן האָבן, אין שלוכצן, זיך געררויטלט ווי אָנ־רייסנדיקע געשווירן.

צו אָוונט, די קעלט האָט שטאַרק זיך געלאָזט שפּירן אין דער אַנט־שטומטער, פינצטערדיקער שטוב, האָט אַ מידע האַנט פאַרשטעלט ס׳אויס־געבראָכענע פענצטער: אַריינגעשטעלט ברעטלעך, פאַרשטאָפּט מיט שמאַ־

טעס. דערנאָך האָט ס׳בילאַנדערישע הייזל טיפער זיך אַראָפּגעזעצט צו דער שוואַרצער ערד.

נישט צו וויסן גענוי ווען און ווי אַזוי האָט די נאַכט — אַ ריזיקער שפּאַרבער — לויערנדיק זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן געזינדל, וואָס האָט אויך אין מאָטן שלאָף געשפּירט די משא פון דער פלאַקערנדיקער פּיין. מ׳איז זיי באַפאַלן מיט העק, זיי האָבן זיך געווערט, פאַרביסן זיך גע־ווערט און בלוט איז געראַנען. ראַכל האָט געשריגן אין דער נאַכט אַריין, קלמן האָט אויף די אַקסלען געכאַפּט שאָשען מיטן קינד, און געלאָפן, גע־לאָפן מיט זיי — —

ס׳הויז אויפן בערגל איז אויך צומאָרגנס און איבערמאָרגן געשטאַ־נען אין מוראדיקער שטילקייט. די מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען מיט גע־לעכערטע הערצער, די שטובּיקע פינצטערניש האָט דערמאָנט אין אַ גרוב, אַ לעבעדיקע גרוב וואָס איז אָנגעבּאַרייט פאַר זיי, פאַר די יידן. די שכנים האָבן זיך געלאָזט הערן, האָבן געמאָלקן זייערע קי, אויפגעריטן אויף די פערד, געאיילט זיך אין ערגעץ. פאַר אייניקע האָט ספּאַלע געעפנט אַ שע־פעכץ. אַ סך האָבן — ווי ס׳האָט זיך געהערט — געקוואָלן פון נייעם סדר; מיטן דייטש איז זיי גאָרנישט אַזוי שלעכט געווען. דייטשן זענען געקומען נאָך היימישקייט אין זייערע באַטעס אַריין; זיי, די לאָקטקער, די מאָ־זשאַרניער, די קאַמיענער זענען גערן אַוועק קיין ספּאַלע. די געשלאָגענע שטוב פון די יידן האָט עס צוגעזען, זיך איינגעהערט צו דעם דרויסן. און וואָיטשעך וואָס האָט געשאָלטן, געוואָרפן זלזולים. זיין מאַרילען האָט ער שוין באַוויזן צוריקצוברענגען פון טאָמאַשאָוו. „געגוג געדינט ביי די יידן! — האָט וואָיטעק גערעדט צו טעקלע דעם ווייב און זי האָט עס נאָכדער־ציילט די שכנים. ס׳איז אַ גדולה געווען אויף איר: אַ זאַק טייערע זאַכן האָט די טאָכטער אָנגעבראַכט אַהיים. עס וואַלגערט זיך ממש אונטער די פיס, האָט זי זיך אָנפאַרטרויט מאַריאַנען דער וויטינערן. אַ סך יידישע שטובן געבליבן אָפן, אָן שלאָס, אָן באַלעבאָס. צעלאָפן זיך די זשידקעס ווי געסמטע, האָט זי געזאָגט מיט די רייד פון מאַרילקען, וועלכע איז אויס־געוואַקסן אין שטאָט. און די דייטשן האָבן זיי פיינט, די יידן. לויפן זיי, באַהאַלטן זיך אויס, לאָזן אַלץ איבער, אַלץ — — ווי שטיקנדיקער רויך האָט דאָס זיך אָנגעטראָגן אויף דער יידישער שטוב, ס׳האַרץ אָפּגעעסן. אַ גדולה אויף זיי דער דייטשישער גזלן, — האָט ראַכל געזיפצט. און האָט וואָיטעק וואָס פאַרמאַכט ס׳מויל, מאַרילע לאָכט נישט איר פאַרשייט גע־

לעכטערל, האָט עמעץ אין דער יידישער כאַטע זיך אַרויסגעכאַפּט: אוי, אַ בראָך! — און גלייך אָנגעשפּיצט ס׳געהער. ניין, נישט דעם דרויסן האָט זיך געוואָלט הערן. דער דרויסן האָט געשראָקן. ס׳געהער האָט באַלאַנגט דער שטאָל.

אַוודאי, די שטאָל איז געווען הויל, אויסגעליידיקט. עס זענען דאָ די דייטשן, האָט זיך דערמאָנט די שניידיקע דערמאָנונג. און אַז ראָכל האָט, ווי איר שטייגער, זיך באַרעכנט וואָס זיי איז געבליבן פון אַלעם — אַפילו די עופות שוין געווען אַוועקגעטריבן פון די דייטשן — האָט זי שטילער־הייט זיך אויסגעפּליקט די האָר פון גראָען קאָפּ. ווייַנען האָט זי נישט גע־טאָרט. חיים יאַנטשע האָט ברוגז זי אָנגעשריגן:

— הייבסט שוין אָן, ראָכל?

שטום און פינצטער ווי אַ גרוב איז געשטאַנען די יידישע שטוב.

פרק ד׳

ווי פייגל פון הימל — ווייסע, אָן רויש — האָבן אין דער לופט זיך געדרייט די פליטערלעך פון ביטערן ווינטער און לאָקעטקע האָט אויף אַ רעכטן אמת דערשפּירט דעם דייטש אין נאָענטער שכנות.

מיט ערמה, פונקט אַזוי ווי יאָסעק מיטן סאָלטיס האָבן זיך אַרייַנ־באַקומען אין די געדאַנקען פון די פויערן, האָט איצט אין דאָרף זיך אַרייַנ־געשאַרט דער לייטענאַנט ווילהעלם גריזעל. מיט אַ לאַנגער פּיפּע צווישן די פּאַרקלעמטע ציינער האָט ער געמיטלעך זיך אַרומגעקוקט אין דער גאַפּנדיקער שטילקייט; ער האָט זיך באַוועגט פּאַוואָליע גלייך ר׳וואָלט גע־קומען סתם קוקן און אַז מ׳זאָל אים זען, ס׳אַראַ אָרנטלעכער ער איז. אָן ביקס, אָן רעוואָלווער איז ער. אַ באַשיידענער ווירטשאַפטמאַן, וואָס מוז דינען דעם פּאָטערלאַנד. נישט מורא האָבן פאַר מיר, פּאָלן־לויטע!

פּאַרקאָוועץ איז געלעגן די ערד, ווי שטענדיק האָט דער וואַלד נישט צוגעלאָזן צו זיך די לאָקעטקער. ס׳שטיקל האָלץ איז נישט געווען אין אויוון אַריין. אין די כאַטעס פרירט מען היינט מער ווי פריער. פאַר די דייטשן שרעקט מען זיך שטאַרק, מ׳האָט מורא דעם פּוס אַרויסצושטעלן. מיט פּראָסט־קווייטן גלאָצן די שטאַרע כאַטעס.

געשטאַנען אין דער־אָ סומנער שטילקייט דער לייטענאַנט, איז דער פאַן יאָסעק אַרויסגעגאַנגען, אים פּאַרבעטן אין כאַלופּע אַריין. אָנוואָרע־

מען זיך, פּאַניע, וואַרעמען הו־הו, האָט דער פֿויער געוויזן דעם דייטש זיי־נע דלאָניעס און האָט אַריינגעהויכט אין זיי. ביידע האָבן אומגעריכט זיך צעלאַכט. דער פּאַן וויצענטי איז געווען גערן צו זען אַ צופֿרידנקייט אויף די פֿאַרסקנדיקע ליפּן פֿון אַ האַר.

אין כאַטע האָט מען דעם דייטש אַוועקגעזעצט ביים ווייס־געשייערטן טיש און די יאַסקאַווע האָט זיך געאיילט מיט כיבוד: גרויסע פֿריש־גע־פּרעגלטע קאַרטאָפֿל־פּלעצלעך מיט הייסן, פֿאַרזיסטן טיי. געבריט זיך דעם גומען, געשמאַק געשלונגען דאָס טייגעכץ האָט דער דייטש געוואָרפֿן מיטן לעקער: „דאָברע, פּאַניע, דאָברע"... אַ סך מאָל אַזוי אויסגעצמאָקעט און זיין גאָרגל האָט טרוקן, הילציק אויסגעשאָטן אַ מין לאַכן. ער האָט מיט מינעס און זשעסטן געגעבן אַנצוהערעניש, אַז ס'איז אים אָנגעלייגט צו זיצן אין אַזאַ לייטישער שטוב. אויב זיי האָבן ליב, די דאָיקע, האָט ער געגאָרגלט זיין לשון, וועט ער ברענגען בראָנפֿן, קאָניאַק. ער וועט זיכער ברענגען, אויך וואורשט, קעלבאַסאַ, און געקנאַקט מיט די ליפּן: טשקאָ, טשקאָ... מיט זיינע שטייפֿע ליפּן האָט יאַסעקס געלערנטער זון יאַנוש גע־בראָכן אַ פּאָר דייטשישע ווערטער און דער אַלטער איז געווען אין זיבעטן הימל: אַ פּאַן פֿון ספּאַלע! ווי ער האָט זיך באַלד געכאַפּט — שטייט אַ שררה אין פּראָסט און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים!... פּאַן ווי־צענטי איז געווען רויט אין די אויערן, דער גראָער טשוב האָר איז אים געפֿאַלן אין די אויגן אַריין. און ר'האָט געשוויצט. ער האָט אויך גע־פּרוווט רעדן מיטן גאַסט, געשטאַמלט. ס'איבעריקע האָט ער דערגעדט מיט די הענט. דער דייטש האָט לסוף היימישלעך צוגעווונקען זיינע גאָסט־געבערס, אין שמייכל געשניטן די האַריק־שטעכיקע באַקן און געקלעפּלט דעם באַלעבאָס איבער דער פּלייצע: „גוט, גוט זיין, פּאַן!" ביים אַוועקגיין האָט ער שוין אַ קנייפּ געטאָן דער אַלטער לעאָקאַדיע אין גראָבן פּנים אַריין און דער טאָכטער אַנדזשע געגלעט איבערן געפֿלעכט פֿון אירע צעפּ:

— שענעס מעדל, איך קאָממע ווידער, דאָברע?

אַנדזשע האָט פֿאַרלוירן געשמייכלט. יאַנוש האָט מוסרדיק זי אונ־טערגעשטופּט:

— פּאַרוואָס ענטפֿערסטו נישט: ביטטע שען!

ס'מיידל אין אַ הויך פֿאַרקנעפּלטער, בונט־געקעסטלטער בלוזע און שווערן וואָלענעם ספּודניק האָט זיך געקרעקט מיטן פֿרעמדן וואָרט. זי האָט

עס פון דעסטוועגן נאָכגעזאָגט. דער לייטענאַנט האָט פריילעך געשאָקלט מיטן קאָפּ און איז אַוועק אַ צופרידענער.

זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען, דער דייטש מיט יאַסעקן. דער דייטש גריזעל וועט זיך אַריבערקלייבן קיין לאָקטאַו. ער האָט פיינט ס׳פּוילישע. די פּוילישע חזירים האָבן פאַרמיסטיקט דעם שיינעם לעבנס־רוים, אין וועלכן עס נייטיקט זיך דאָס דייטשישע פאָלק. זיי וועלן שוין מאַכן אָרדע־נונג דאָ! דער היגער שטח איז אַ גליד פון דריטן רייך, יאָוואָל. דער „פּי־רער" האָט עס גליקלעך דורכגעפירט. נישטאָ מער פאַר אים לאָ־קעט־קאָו, היינט איז עס לאָקטאַו, אויף עוויג, דאָננער וועטטער! נישט צו פאַר־געסן: לאָקטאַו.

יאָ, ער האָט ליב געמיטלעכקייט, ער וועט זיין דאַנקבאַר דער גוט־ווינטשנדיקער פאַמיליע: וועט זיי ברענגען שנאַפּס, באַהייצונג וועט ער באַפעלן אַריינצופירן אַהער. וואָרעם זאָל נאָר זיין, דאָס איבעריקע וועט ער שוין זען, דער הער לייטענאַנט. אַוודאי, פאַן יאַסעק מיטן געזינדל וועלן אויך זיין גליקלעך. אַזאַ חשוב צו האָבן אין הויז! ער וועט זיין די רעכטע האַנט פונעם פאַן אין ספּאַלע. ז י י ע ר ל י י ט ע נ אַ נ ט. געני, מ׳ווייסט...

און האָט צו יאַסעקן זיך אַריינגעקליבן דער מיטליאָריקער, קורצגע־צוויקטער לייטענאַנט, וועלכער צעשיידט זיך קיין מאָל נישט מיט דער פייקע, אַלציינס צי זי רייכערט זיך אָדער נישט, איז פון ספּאַלע נאָכגע־קומען אַ גאַנצער מיליטערישער קאָרדאָן פאַר די אַרומיקע דערפער. פו־נאַנדערגעשפּרייט זיך אין גוט געהייצטן, ריין צוגעקליבענעם צימער האָט גריזעל מאָדנע זיך פאַרגעסן. געהערט פּלוצלינג: זיינע זעלנער זענען דאָ, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט:

— אַך, שאָן?... — און אויסגעלענגערט זיך זייענדיק פון די ציין: פּפיין, די בורשן זינט דאַא!... — ער האָט נאָך עפּעס אַ שנויפּל געטאָן, אויסגעטאַקטעוועט האַרטע שריט און זיך צוריקגעקערט צו זיין ווייכן דאָר־פישן טשעזלאָנג. — גוט, ס׳וועט זיין וואָך דאָס אויג איבער די ווידער־שפּעניקע.

המצאהלעך האָבן שטענדיק אָן אָרט אין מוח פון דרעזדענער באַלע־בעסל ווילהעלם גריזעל. אַזאַ, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט פויערן, גע־האַלטן פרעמדע מענטשן, געטריבן אַ וורשט־פאַבריק מיט פאַרקויף־גע־וועלבער, אַזאַ האָט דערטאַפּט די געלוסטן פון די דאָרפסלייט. אַזעלכע זע־

נען פאַרביסן, פאַרשלאָסן אין זיך. ער ווייסט אויסגעצייכנט זיין אויפגאַבע אין די היגע קאַנטן. רואיק איז דאָ כלומרשט, אין דערווירקלעכקייט בוי־ערט זיך ערגעץ אַ סכנהדיקע עפּענונג, אַזוי, אין דער שטיל. פון אַזאַ עפּע־נונג הייבט עס זיך שטענדיק אָן, פון אַ שפּאַרעלע. יאָ, דער געזעלשאַפט־לעכער פּערמענט, מ׳דאַרף קענען אים דערזען אין אַ קלייניקייט!... ריכ־טיק, זיין בריגאַדע אין לאָקטאַו וועט זיין דאָס אויג איבער די ווידער־שפּעניקעס.

איינגעהילט זיך אין שינעל איז לייטענאַנט גריזעל אַוועק איינקוואַר־טירן „דאָס אויג איבער די ווידערשפּעניקע״. געוועזן גראָד אַ שטאַרק קאַל־טער טאָג, האָט ער זיך האַסטיק באַוויגן און צוזאַמען מיט אים אַן על־טערלעכער דאַרער, קליינער זעלנער האַנס, וואָס האָט געהאַט זיין אייגנס אַ פּאָר לאַנגע, אומרואיקע הענט. נאָכאיילנדיק דעם לייטענאַנט האָט האַנס געהאַלטן אין איין איבערהענגען די ביקס אויפן אַקסל און ווי אַ מויז זשעדנע זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. פון הינטערווייַלעכטס, ווי ר׳וואָלט געוואָלט זען, צי ז יי ן ד יי ט ש פאַרבלאָנדזשעט זיך נישט, איז יאַסעק פּאַוואַליע זיי נאָכגעקראָכן.

אַריין אין די לאָקעטקער כאַטעס האָט דער לייטענאַנט איבערגע־שראָקן די מענטשן. ער האָט אומפאַרשטענדיק געפּאָנפּעט, זיך צעזידלט, למאַי ס׳איז פּריקרע קאַלט ביי זיי. די פּויערן זענען מער בלאַס געוואָרן ווען דער דייטש האָט זיך צעשריגן ביז רויטקייט.

מחמת אימה פאַרן פּאַן פון די שטרענגע דייטשן, האָבן די דאָרפישע לייט געציטערט מיט הענט און פיס, האָבן נישט געוואַגט צו קוקן דעם שרייער אין פּנים אַריין. דער שרה וויל עפּעס, אין זיי טומלט עס נאָר פון זיין רעדן, זיין צאַפּלען. געזען זיי אַזעלכע, צעקראָכענע, מיטן גולמ־דיקן קוקן און הערן, האָט עס ד ע ם נאָך מער צערייצט. ער האָט אין גאַנצן געפּלאַמט פון אויפרעגונג און שרייענדיק זיך שוין אַליין געמאַכ־טיקט: מיט די אייגענע הענט האָט דער דייטש אויפגעדעקט די בעטן, צע־וואָרפן די קישנס אָנגעטרעמטע ביזן פּולאַפּ און אָנגעוויזן אויף האַנסן, אַז ער און זיינע קאַמעראַדן וועלן דאָ אַריינגיין. דאָ, דאָ! דאָ וועלן זיי ווױ־נען, שלאָפן. זיי, די באַלעבאַטים פון די כאַלופּעס, די אַלטע ווי די יונגע, דאַרפן זיך אָפּטראָגן אין די שטאַלן אַריין, אין די שייערס. ווער עס האָט אַ גרויסע קיך, קען אין קיך בלייבן. דער לייטענאַנט האָט געצאַפּלט, גע־וויזן זיי אין די פענצטער.

טעמפּ האָבן געקוקט די דאָרפישע, די געשרייען פון דעם דאָזיקן האָבן זיך געגראָבן אין זיי ווי אַ שווער איינגעמעניש, די קישקעס געביסן. ערשט שפּעטער, ד ע ר איז געווען אַוועק, האָבן די כאַטעס אויסגעבראָכן מיט אַ יללה:

— זיי טרייבט מען אין די שטאַלן אַריין, ווי די בהמות. יענע וועלן זיך פרייען אין זייערע פּערענעס, באָזשעו! באָזשעו!

עס איז געווען האַלבער טאָג, ווען איבער לאָקטאַו איז ווי אַ נעפּל געשטאַנען דער געיאָמער פון די איבערגעוועקטע הייזקעס. אין אַ צוויי שעה אַרום איז שטיל געוואָרן פון מידקייט. דעמאָלט האָבן זיך באַוויזן דער סאָלטיס, דער אַלטער יאַסעק, דער יונגער יאַסעק — זיי האָבן האַ־פּערדיק צוגעוווּנקען די מענטשן: „ס׳וועט שוין גוט זיין” און געהייסן אַלעמען זיך זאַמלען פאַר בילאַנדערס כאַלופּע. — „דער פּאַן דייטש וועט עפּעס זאָגן”.

— זאַראַז, זאַראַז.* — האָבן זיי אונטערגעאיילט די מענטשן, גייענ־דיק פון הייזקע צו הייזקע.

דערווישט אין לאָקטאַו אַ ייד, אַן אמתן ייד, וועט גריזעל דער דייטש לאָזן וויסן, וואָס מען באַדאַרף טאָן צו אַזאַ נידעריקן מענטשישן מין — —

פּאַרטוליעט אין סערמענגעס, אין אָפּגעבליאַקירטע אַלטע בורקעס, אין גראָבע פאַטשוילן און טיכער איבער די קעפּ פאַרוואָרפן, האָט אַן אָרע־מע מחנה מאַנסלייט און פרויען זיך געקליבן אין קאַלטן דרויסן. געקלאַפּט אַ פוס אָן אַ פוס האָבן איינע אויף די אַנדערע געקוקט מיט אויפגעלאָפענע פּנימער, בלאָע באַקן. רעדן האָט מען אויסגעמיטן, ווייל די יאַסעקס האָבן זיך געדרייט צווישן אַלעמען, דער סאָלטיס איז געווען און זיי רירט מען נישט. באַשיימפּערלעך, פּיינט פון די אונדזעריקע... זיי זענען מיטן דייטש.

— קוק, זעסט?...

— וואָס ז׳דאָס!

...פון דער בילאַנדערישער כאַטע האָט דער לייטענאַנט אויף אַ שטריק, ווי מ׳פירט אַ קו, אַרויסגעפירט יאַנטשאַן. ער איז געווען אין הויזן־שפּאַנ־צער און איבער דעם האָט אין פּראַסטיקן ווינט זיך אויפגעהויבן דאָס שוואַרץ־ווייס פונעם טלית־קטן — אויפגעהויבן זיך און געפאַלן. אויף חיים יאַנטשעס אַקסלען האָט נאָך געבאַמבלט אַ שטיק פון זיין יידישער קאַ־

---

* תיכף.

פּאָטע, וועלכע איז מיט באָסט אונטערגעשניטן געוואָרן פונעם דייטש: ווי אַ טינט־קלעק איז דאָס געווען שוואַרץ, די רעשט פונעם בגד, און אַרום ליגט ווייסקייט, אַ וועלט ווייסער שניי. אין אָט דער ווייסקייט ליכטיקט זיך יאַנטשעס יסורימדיק פּנים. זיי זעען עס די שכנים. זיין אַלטע באָרד האָט ווי אַ קלין זיך אַריינגעשניטן אין אַלעמענס בליקן. דער צונויפגעטריבענער המון האָט נישט געקענט קוקן. די אויגן זאָגן זיך אָפּ צו דינען אין אַזאַ שרעקלעכער מינוט! רעכט, נישט צו דערקענען אים, יאַנטשאַן... זיכער, ס׳איז דער זעלביקער! ד ע ר האַלט יאַנטשאַן צוגעבונדן צום געפאַל־דעוועטן האַלדז. ווי אַ פערד אויפן יאַרמאַרק, יעזוס־מאַריאַ! ...דער אַל־טער שטשערב האָט ראַפּטעם אַוועקגעדרייט ס׳פּנים. נישט געקענט אָפּ־שטעלן די טרערן און פּאַמעלעך גענומען זיך דערווייטערן. די באַקן האָבן געציטערט. זיין הויך פּוטער־היטל האָט זיך לאַנג געוואַקלט אויפן שפּיץ פון זיין ריזיקן גוף און געבליבן שטיין אין אויג פון אַ סך, וואָס האָבן געמוזט צוזען אָט־אָ דאָס, וואָס זעט זיך.

רואיק, כאָטש מיט אַ שאַרף אויסקלינגענדיקער שטים האָט דער דייטש (שטייענדיק אויפן טרעפּל פון דער יידישער הייזקע) פּלוצלינג זיך צערעדט און די שטריק, אַן אָנגעצויגענע אויפן מענטשישן האַלדז, האָט אַרומגע־וויקלט דעם לייטענאַנטס האַנט; ווי אַ חיה אויף דער לאַסע פונעם פאַנגער, איז דער אַלטער בילאַנדער אויף דער שטריק. אַ צוגעבונדענער איז ער אָקערשט אַנידערגעשטויסן געוואָרן מיט ד ע מ ס געקאָוועטן שטיוול. צופוסנס דעם המון וואַלגערט זיך יאַנטשאַ.

דער דייטש! ער לאָזט שווימען זיין בליק איבער אַלעמענס טונקעלע טעמפּ פאַרקוקטע קעפּ, זשעדנע זופּט ער די לופט און הערט מיט הנאה דעם קלאַנג פון זיין געוועלטנדיקן וואָרט.

— יודע... זיי העצן אונדז קעגן אייך, העצן קעגן אַלע פעלקער, ווילן צעקריגן די מענטשהייט צווישן זיך, באַהערשן די גאַנצע וועלט, פאַר־קנעכטן אַלע קריסטן. יידן זענען שולדיק אויך אין איצטיקן קריג. די גע־רעכטיקע האַנט פון פירער אַדאָלף היטלער וועט פון די שמוציקע אַרויס־רייסן זייער כלי־זין. יודען וועלן גיין קאַפּוט, די איידעלע קריסטן וועלן פאַרנעמען דאָס אָרט, וואָס זיי איז אָנגעצייכנט פון דער געשיכטע.

— אַפילו דער דאָזיקער איז פרעך קעגן די ריין־ראַסיקע. לאַנגע יאָרן האָט ער ווי אַ לויז געזויגן ס׳לייב פון אייך אַלע. ער האָט געהאַט אַ פאַר־רעטערישן ציל אין זיינע געשעפטן. נישט נאָר געלט איז ער אויסן גע־

ווען... זעט, ער שווייגט ווי די וואַנט, ווען מ׳פרעגט אים וועגן זיינע קאַנטשאַפטן מיט די באַלשעוויסטן (אַ שטויס חיים יאַנטשען מיטן שטיוול אין ברוסט אַריין). דאָס פאַררעטער־פאָלק איז פאַרבונדן צווישן זיך אי־בערן גאַנצן ערדקיילעך. מ׳דאַרף האָבן אַן אויג אויף זיי. מיר דאָ, אין לאָקטאַו, דאַרפן פאַרענדיקן מיט דעם יודען־געזינדל — —

ער האָט זיך צעברילט, דער דערצונדענער דייטש און מיט דער אויס־געשטרעקטער האַנט געוויזן אויף דער יידישער הייזקע. אין פאַרקייכטן שטילשווייגן צווישן דער פרירנדיקער מחנה אַרומשטייענדיקע האָט דער באַפעלער אויסגעפונען קלמנען (אַ ציטערנדיקן, אַ קלענער געוואָרענעם) און אים באַפוילן צוצוטראָגן אַ בראַנע, וואָס וואַלגערט זיך ביים בילאָנ־דערישן שייער. ציען נאָך זיך די אַלטע, פאַרזשאַווערטע בראָנע האָט ער נישט געטאָרט. ער האָט געליאַרעמט, דער אכזר. קלמן האָט זי געמוזט טראָגן איןביידע הענט זיינע אַזוי, אַז די שווערקייט האָט אים אַראָפּגע־צויגן צו דער ערד, שיער נישט אים איינגעבראָכן. עמיץ האָט דאָ דער־שטיקט אין זיך אַ געשריי, וואָס האָט געברענט, געסיקעט ווי אַנגעגליטע שטיינער אויף ראָפּטעם אויסגעגאָסענעם וואַסער.

געטראָגן אין ביידע הענט די בראָנע האָט דער המון געדאַרפט זיך אָפּרוקן פאַר קלמנען, עפענען אַ ראָד, אַ ראָד פון איינגערינגלטן ווי אין דער כלומרשטער ליידיקייט וואָס האָט זיך געמוזט צאַפּלען באַנאַנד מיט אַ צעטראָטן לעבן.

אין מיטן אַוועקגעשטעלט די בראָנע מיט די פאַרזשאַווערטע ציין אינ־דערהויך האָט דער דייטשישער שררה מיט משוגענע הענט אַראָפּגעזעצט אויף זיי דעם שטומשווייגנדיקן יאַנטשאַ. עס ציטערט אים די גאָמבע, די אויגן זענען מוראדיק ברייט צעעפנט. וועלקנדיקער גראָ ווי פראָסט אין פאַרנאַכט, האָט אַרומגעאַרמט דעם יידס ליידן־פאַרבלאָסט פנים און פון די אַקסלען האָט בולטער אַראָפּגעקוקט ס׳רעשטל פון דעם דריוולדיק אָפּגע־קירצטן יידן־מלבוש. סקראָבענדיק האָט נייע שטילקייט זיך אַריינגעריסן צווישן די צוקוקערס. דורכדריגגלעך האָבן חיים יאַנטשעס אויגן זיך אָפּ־געשטעלט ערגעץ אויף אַ פונקט, מיט געפרוירענעם בליק זיך פאַרלוירן אין אומבאַוווסטן, באַלד האָט דער בליק זיך צעשטראַלט, געשניטן מיט שאַרפ־קייט. די מענטשן האָבן עס נישט אַריבערגעטראָגן. דאָ און דאָרט האָט ווידער זיך געדושעט אַ העשען, וואָרן אויסברעכן מיט אַ מענטשלעך, רירנדיק געוויין האָט מען זיך שטאַרק געהיט. דער דייטש קען זען.

די פאַרהוילענע צערודערונג האָט לייטענאַנט גריזעל משמעות נישט באַמערקט. ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט זיך. אים איז אָנגעגאַנגען דער י ו ד ע. אַנטבלויזן דעם יידנס נידעריקייט ווי ער, גריזעל, האָט עס באַוויזן ביז איצט, מוז ברענגען אַן עפעקט אַ גאָר היפּשן. געוויס, ער מאַכט עס ניכט שלים. ער זעט עס אין די לויטע. און אָט וועט ער דאָס ווערק דערפירן צו גראַנדיעזקייט.

אָנגעשפּיצט זיך אויפן המון, איז מיט אַ מאָל געזונקען אויך דאָס שטילע זשומען. איצט הערט ער יעדן שאָרך, כאָטש דער פּראָסט, קרייץ דאָננער וועטטער, צעזינגט זיך אין מיטן טאָג. אָר־או, מיט צווענגלעך צופּט עס די באַקן, די אויערן דיינע געדענק ביי דיזן שאַושפּיל, יונגע! ער האָט זיך גענומען איילן. דער אינסטינקט האָט אים געפּירט, געשטויסן צו טאַט. אַ רגע געניששטערט איבער דעם אומהיימלעכן טייך פון קעפּ און אַנטקעגן איז אַרויסגעשווומען אַ גאָל־פּנימדיקער, אַ געקנייטשטער, וואָס דערמאָנט אין די ווילבאַוווסטע יעוונוכן פון די פילם־דראַמעס. האָ, האָ, אַזאַ וועט זיין דער ריכטיקער באַשטאַנדטייל פון דעם נייטיקן רעקוויזיט. „ס'גוט, גוט, ווילהעלמכען“, — און דעם גאָל־פּנימדיקן פּאַטעטיש אַרויסגעצויגן פון צווישן די איינגעזאַמלטע. „זי, זי“, — האָט ער צו אים געטייטלט מיטן ווייזפינגער און אַ יוירנדיקער נייגיר האָט ריזנקעפּיק זיך אומגעקערט צום אויסגעדאַרטן, שטאַרק ווייסן קסאַווערי סיוואַק. געשטעלט זיך פאַרן דייטש האָט דער גראָער מאַן זיך געטרייסלט ווי אַ קוסטל אין וויכער. דער האָט גערעדט צו סיוואַקן שטייפע רייד, געפּליקט די נערוון פון די אַרומשטייענדיקע מיט זיין וואָיען און אין זייער שטוינונג איבער אַלעמענס קעפּ דערלאַנגט קסאַווערין אַ סערפּ אין האַנט אַריין.

— נעם, — האָט ער געזאָגט, מייסטער. מאַך שיין דעם שמוציקן! יאָ, דו קאַנסט דאָך...

קענטיק, דער שלעכטער האָט אַליין זיך צוגעהערט צו זיין אייגענעם קול, וואָרן בלויז ער האָט מאָדנע געלאַכט. דער המון האָט געשפּירט אַזוי, ווי שטראָמען קעלט וואָלטן אָקערשט אָנגערינען אויף אים. די מענטשן האָבן זיך געקאָרטשעט, פאַרגראָבן די קעפּ אין די טיכער, אין די אויפגעשטעלטע קעלנער. אַלע האָבן דערהערט די פּראָסט, ווי זי גייט — אַ מגושמדיקע כישופמאַכערן און אַ פאַררייסענע — —

דער זקן קסאַווערי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. אָ, יעזו, ער פאַלט! ס'אַרע זינד, כאָטש קעגן אַן אַלט־גלייביקן... אַ היפּשע ווייל איז קסאַ־

ווערי אַ פאַרלוירענער געשטאַנען מיטן סערפּ אין דער האַנט. ער האָט נישט תופס געווען די רייד פון דעם דאָ; ער האָט נאָר באַנומען, מ׳גיט אים אויף צו פלייסן אַ מעסער, אַ פעלד־מעסער און אַנטקעגן שטאַרט פאַר אים אַ גרויס, טיף אויפגעשווידערט, שווייס אָפּגעגאָסן פּנים, אַ בערדיק פּנים. מיינט ער, דער שדישער — רירט זיך אַ צעזשאַרעט שטיק קויל אין זיין געהירן — אַז... אַז ער, קסאַווערי, זאָל!... ער דערשפּירט ווי אַ שווע־רע משא דאָס־דאָ, וואָס מ׳האָט אַריינגעלייגט אין זיין דלאָניע. די אויגן פאַרנעפּלען זיך. און דער היקעט. ד ע ם מוז מען פאָלגן — אַלע גע־דענקען עס. ער צינדט זיך אָן באַלד, ממיתט. דער פּאַן וויצענטי זאָגט, דער סאָלטיס האָט געוואָרנט.

נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויפן געביטער, עס האָט זיך אָפּגעשטעלט ס׳אַלטע האַרץ און די אויגן זענען געקראָכן פון די נעסטן אַרויס. דערנאָך האָט נישט מיט זיין כוח זיך געהויבן די האַנט מיטן סערפּ, ווי אַ מיל־שטיין שווער זיך אויפגעהויבן — און די אויגנאַפּלען פון דעם־אָ, דער בליק יאַנטשאַס פלאַקערט, שפּריצט פונקען —

שטאַרק בלוטנדיק, ווי פון רינוועס אין מענטשישן לייב זענען געווען די טעמפּע ווונדן. ס׳אָפּגעשונדענע פּנים איז פונקט ווי אַ יאַטקע־שטיק בראַנדיק שוואַרץ גיך איינגעגליווערט געוואָרן אויף דער בייסנדיקער פראָסט. העפּטיק געווען דאָס גאָלעכץ פונעם יידנס באָרד. און ס׳גע־שענדטע מענטשישע אויג האָט עס צוגעזען!

אין קראַמפּן האָט יאַנטשאַ זיך געקנוילט אונטער די ריסן פונעם פעלד־מעסער, ווייטיקלעך פאַרקניפּט די ליפּן און געשלונגען דעם שווייס, וואָס האָט ריטשקעסווייז זיך געגאָסן פון זיין שטערן. גבורהדיק איז גע־ווען דאָס אויסדויערן חיים יאַנטשעס אין דער אוממענטשלעכער פּיין, אָבער סוף־כל־סוף האָבן די כוחות אים פאַרלאָזן. גלייך אַן איינגעבראָכענע אַקס איז זיין קערפּער אָנמאַכטיק אַנידערגעזונקען אויף די זשאַווער־טשוועקעס פון דער בראָנע.

אַן אָפּגעבריטס האָט זיך אַ ריר געטאָן דאָס ריזיקע האַרץ פון די אַרומשטייענדיקע. די שיין האָט בפירוש געטונקלט.

— וועק די שייסע! פאַרפלוכטע, קרייץ דאָננער וועטטא.

ווילד האָט דער דייטש פלוצלינג גענומען פליקן די שרעק, וועלכע האָט אַהער צוגעפויזעט אַ הינקענדיקע, אַ בלוטנדיקע. בלאָס ווי אויף טויט

פאַרפרוירן זענען געוואָרן די באַקן פון דעם שרייער. ער האָט געפּאָכעט מיט די הענט אין גרינגעם קאָרט, חולה־נופלדיק געוואָרפן מיט די פיס אין קורצע, רוי־געגאַרבטע שטיוול. די לייט אין די אָרעם־קליידער האָבן אָפּ־העגטיק זיך גערירט פון אָרט און ווידער געבליבן שטיין. אונטערן בלינד־לעכן, נידעריקן הימל האָבן זיי ביילעך דערשפּירט די פראָסט אַ שפּילנ־דיקע, אומזיכער געפּרווט זיך פונאַנדערגיין. אין בליק האָט זיך צעדרי־געט דער נבזהדיקער טויט, נאָרוואָס אַן אַרייגעפירטער קיין לאָקעטקע. הילציק פאַרשטייפט האָבן זיך געהויבן פיס און אין שאָטן, וואָס האָט שטיל, פאַרגנבעט זיי נאָכגעשפאַנט, האָבן זיך געהערט די שריט פונעם שד.

...דער המון איז נישט געוואָרן. אין גאַנצן האָט שוין אויסגעטריפט דער רעש און קלמן מיט דבורהן האָבן אין שטוב אַרייגעטראָגן, האָבן אַריינגעכאַפּט דעם צעקאַליעטשעטן טאַטן. מוראדיק שווער איז געווען דער אָנמאַכטיקער גוף; לעסטיק ווי אַן איבערגעקערטער וואָגן האָט ער גע־דריקט זייערע צעפּיבערטע אָרעמס. חיים יאַנטשעס קאָפּ איז ווי ביי אַ הרוג אַרונטערגעפאַלן אין שמאַך. דערזען אים אַזעלכן האָט ס׳ווייב פון ס׳ניי געריסן זיך די האָר, די באַקן זיך געריסן מחמת דעם דערוואָרגענעם קוויטש פון דער צעטרייסלטער ברוסט. אַריינגעוואַקלט זיך מיט אָט דער משא, האָט דער בליק פון צעשניטענעם, פאַרענדערטן פּנים אין געשריי פון צער אויסגעקרימט די היימישע ווענט, דעם פּולאָפּ. דער געשענדטער ייד האָט לאַנג נישט געקענט קוקן אין ליכט אַריין. די אויגן זענען געווען גע־שלאָסן, דאָס מויל פאַרהאַקט אויף די ציין. די ברוסט האָט שווער זיך באַוועגט. אַ פאַרטאַמלטע איז די שטוב צוגעפאַלן צום צעפאַלמעסטן:

— טאַטע, טאַ־טעליו!

— חאַם־יאַנטשעעע! חאַם יאַנטשעע, וואָס ווילסטו פון אונדז האָבן??!

שטראָמען טרערן האָבן זיך געריסן אין דער יללה דער יידענעס.

— חאַם יאַנטשעע, וויי איז מיר, וואָס איך האָב דערלעבט!

לוויה־קלאָג האָט געוועקט ס׳בלוט־אָפּגעצאַפּטע נפש. און ער? אַן אָפּ־געפרעמדס, אַ צעוואַקלטס האָט ס׳געדעכעניש צו אים קוים געגענט: זע, זע! קרענקלעך האָבן זיך געעפנט זיינע וויעס. ווי אין רויך זענען געשטאַנען די שטוביקע, האַרב איז דער ריח דאָ. די אויגן פאַלן צו, פון אינעווייניק־דיקער היץ פאַלן זיי צוריק צו און אין פאַרווייעטן באַוווסטזיין הייבט

זיך אַ לחשדיקער מורמל. קענטיק, די ליפּן קענען ס׳וואָרט נישט אַרויס־ברענגען.

מ׳האָט די אויערן צוגעלייגט צו זיין פאַרשמאַכטן קערפּער. די היי־מישע האָבן זיך געגייט צו הערן דעם אומפאַרשטאַנדיקן געוויספּער. אַ טרונק מילעך, יאָ, האָם יאַנטשע, — האָט זיך געבעטן ס׳ווייב. אַ דאָקטאָר באַדאַרף מען, אַ זאַלב, — האָט שאָשע גערעדט פון פאַרכריפּעטן האַלדז. אירע ברעמען זענען געווען צעשויבערט.

עס האָט נישט געהאָלפן ס׳פרעגן, דאָס צולייגן שמאַטקעלעך מיט זיסן שמאַנד צום צעשניטענעם פּנים. ער האָט געקוקט צום פּולאָפּ, דער קראַנקער, זיינע פיין־אונטערגעצייכנטע, פינצטערע אויגנלעכער האָבן גע־קוקט, געטאַפּט דעם אַרום און ס׳מויל, אַן אָפּנס, האָט געכאָרכלט.

זיך אַוועקגעשטעלט אַן אַ זייט האָבן ס׳ווייב מיט די קינדער ביטער אין זיך אַריינגעוויינט.

יסורימדיקע דריקעניש האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער דער כאַטע, פאַר־דראָסיק האָט זיך געזעצט דער קורצער טאָג. אין דער טראַנטיקער טונק־לעניש זענען די מענטשן מיד אַוועקגעפאַלן און פון דער פינצטער פונעם איינגעשרומפּענעם האַרץ פלוצלינג פאַרנומען אַן אומרואיק שאָרכען פון שטרוי. אין שטרוי ליגט איינגעבעט דער קראַנקער. אוי, ווער ווייסט!... אין אַנגסטן האָט מען זיך אָנגעשטויסן איינער אויפן צווייטן, מורא געהאַט צו זען דאָס, פאַר וואָס עס צאַפּלט אַזוי די ברוסט. אָטעם האָט פאַרפעלט.

ששש! אפשר איז ער גאָר אַנטשלאָפן געוואָרן? ס׳וואָלט געווען אַ הילף פון זיין ליבן נאָמען, ר׳זאָל כאַפּן אַ דרימל, האָט געקלערט די אַלטע שפּירנדיק נעבן זיך די שנור.

שטיל האָבן זיי זיך געשושקעט, געביסן זיך די צונגען.

אָבער ערשט איצט, ווען אָוונט איז אָנגעטראָטן, האָבן ביי חיים יאַנ־טשען זיך געוועקט די שאַרפסטע יסורים. ביז אַהער איז ער געלעגן אין ווייטיקלעכער פאַרגעסנקייט, נישט געהערט אַ מינדסט. קוים דערשלעפּט ס׳אַרונטערגעריסענע לייב, געשלעפּט עס איבער סכנהדיקע תהומען. אָקערשט האָט ער מיט אַלע חושים דערשפּירט, עס ברענט זיין גאַנצער געביין, ווי אַ שייטער ברענט ער. מיט זיינע יסורים נערט זיך די נאַכט. ער מוז לויפן. ניין, ניין, ר׳מוז, דאָס פּנים פלאַקערט, די הענט בריען, ר׳מוז, ר׳מוז, אַט שוין, שוין!

פון דער פינצטער אַרויס דערהערט אַ קרעכצן פונעם קראַנקן, האָבן

ס'ווייב מיט די קינדער זיך אַרומגעשטעלט נעבן אים מיט אַן אָנגעצונדן ליכט. אין געל טריפנדיקער שיין האָבן זיי טרעריק דערזען, אַז לעבן קערט זיך אום צום צענעריקטן גוף. אין טרויער האָבן די מענטשן דערדריקט אין זיך דעם פונק פרייד. זיי האָבן געשלונגען אַ ניי געוויין. אָנגעבויגן זיך צו אים, האָט ראַכל געפרעגט, צי ר'וויל עפּעס; אַלע האָבן געחלשט צו הערן אַ וואָרט. שוואַך האָט חיים יאַנטשע געעפנט די אויגנדעקלעך, באַלד זיי צוריק פאַרמאַכט. דערנאָך האָבן זיינע אויגן געזוכט די היימישע, אומ־באַהאָלפן אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אויפגעהויבן זי און, ווי אַ שטיין וואָלט געפאַלן, זי אַראָפּגעלאָזן. אַ גרויסע שוואַכקייט האָט באַוועלטיקט דאָס אויסגעמאַטערטע לייב. נאָך עטלעכע מאָל האָט זיך אויפגעהויבן די האַנט, גלייך זי וואָלט באַגערט עפּעס זאָגן; ענדלעך זי ווידער אַ מאָל אויסגע־שטרעקט, געוויגט זי אַנטקעגן דער טון וואַסער. ס'ברענט אים, האָבן זיך משער געווען די הויזיקע, כאַטש קוים הערעוודיק האָבן געמורמלט זיינע ליפּן. מ'האָט צעריסן אַן אַלט שטיק וועש, געטונקט עס אין וואַסער און צו־געלייגט צום פּנים. וואָס איז שוין געווען באַדעקט מיט אַ שוואַרצן פאַנצער פון פאַרטריקנטע וווּנדן. שעהען לאַנג האָט מען אין שטוב אויפגעהאַלטן ס'אָנגעצונדענע ליכט־פלעמל און געלאָשן די שרפה, וואָס האָט געפלאַ־קערט אין חיים יאַנטשעס געביין.

געוואָרן אַ ביסל מונטערער האָט ער אַראָפּגענומען אַ שלוק וואַרע־מען טיי, דערווישט די אייגענע און דערמאָנט זיך, וואָס עס איז געשען — — — דער דייטש...

אין טיפער נאַכט האָט געברענט דעם קראַנקנס בליק. ס'הויז איז שווער איינגעשלאָפן און אין חיים יאַנטשען האָט זיך ראַש געהויבן אַן אומבאַגרייפלעכער אומרו. ער האָט אַן אויג נישט צוגעמאַכט.

פרק ה'

אומליב עפענען זיך די אויגן אין פרימאָרגן. ווידער... ווידער שטייט צו דער גרויל מצד די, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די שכנישע כאַטעס. ער הערט זיי ווי דורך פאַרלייגטע אויערן, זעט זיי דורכן נעפּל, וואָס הענגט הינטערן פענצטער. אָנגעזילבערט שוין די טיר פון שטאַל. ער געדענקט: אויסגעלערט איז די שטאַל. די רייבערס זענען אין דער נאָענט, זיי איז פריילעך מיט יאַסעקן, מיט באַלעכאָווסקין, מיט וואָגסן. אַ שמחה זיי מיטן

דייטש... פֿראָסט־טוי שוין אַרויפֿגעקראָכן אויף די ווענט פֿון דער כאַלופּע, דער ווינטער זיך אַריינגעקליבן, דער ווינטער. און ער... וואָס ליגט ער, ווי לאַנג וועט ער זיך אַזוי פּאַזוואָליען? שוואַך פֿלעמלט אויף אין אים אַ צינגל פֿון פֿאַרשטיקטן כוח: גערן וואָלט ער שוין אַרומגעקראָכן אין דער באַלעבאַטישקייט, שוין אַצינד. דאָס בעט, נישט געדאַכט זאָל עס זיין... אַן אומגליק אַז מ׳גיט זיך נאָך!

ס׳האָט שוין ווינציקער געברענט דאָס אָרט, ווו עס באַדאַרף געווייגט־לעך זיין דעם מענטשנס פּנים. געווען איינגעלאָשן די שׂרפֿה, וואָס האָט געצערט דאָס אָפּגעדעקטע, צעשטאָכענע רויפֿלייש. די לעכער אין די באַקן, אין דער גאָמבע האָבן זיך פֿאַרצויגן און אין גאַנצן איז פֿאַרענדערט דער „קוק" פֿונעם שטערן, פֿון דער נאָז. באַשיימפּערלעך, אויך דער אומרו האָט זיך איינגעשטילט אין חיים יאַנטשען, כמעט אָפּגעווישט די צערודערונג וואָס האָט געפֿיבערט פֿון זיין אָטעם, פֿונעם בליק. דעם קאַרגן אָפּשיין פֿון בלאָלעך־ווייסן שניי, וואָס האָט אַריינגעדרונגען דורך די איינצלנע גאַנץ געבליבענע, בלינצנדיקע שויבלעך האָבן באַגעגנט זיינע צעעפֿנטע אויגן, גרין־געדעמטע ווי פֿריער. טליענדיקע האָבן זיי אַרויסגעבליקט פֿון צווישן די שטיקער לייוונט, אַנגעבערגלטע פֿון אויער ביז אויער. עס האָט טאַקע אויסגעזען: דער קראַנקער אין שטרוי־בעט האָט צוריקגעוווּנען די רו, מיט אומעט פֿאַרנעמט ער נאָר דעם קאַלטן געפּאָך פֿון ווינטער, וואָס רייסט זיך אַריין מיט רוגזה אין זיינע ד׳ אמות.

רואיק איז ער נישט געווען, דער געשענדטער מענטש. אָנגעשטרענגט שטיל איז געווען אין זיין שטוב. אין דער שטילקייט האָט זיך געשפּירט, אַז אַ שטאַרקע זידעניש איז מיט אַ מאָל איבערגעריסן געוואָרן. דאָס דאָ־זיקע געפֿיל האָט דאָ זיך געצאַפּלט, אַ געפֿיל אַן איינגעקלעמטס. איינאונ־איינציק אין גאַנץ לאָקעטקע האָט די כאַטע דעם יידנס אויסגעזען אָפּגעע־שטאָרבן. אירע פּחד־אָנגעזאַפּטע ווענט זענען געשטאַנען אין טריבן פֿעלד, געקוקט מיט פֿאַרמאַכטע לאָדנס. בלויז צוויי פֿאַרנטיקע שמאַטע־פֿאַרשטאָפּ־טע פֿענצטער־לעכער האָבן נעבעכדיק געוואָרט אויף עפּעס. פּונקט ווי חיים יאַנטשעס צעריסן פּנים פֿון די לייוונט־פּאַסן אַרויס, האָבן די יידישע פֿענצ־טערלעך געשעפּט אָטעם פֿונעם גלאָזיקן טאָג. יסורימדיק איז דער אָטעם, דאָך מיטן גלעט פֿון ליכט. דער נאַכט געהערן אַלע בייזע חלומות; ביי־נאַכט זוכט ער נישט דעם גלימער פֿון פֿענצטער, די נאַכט איז אַ יידיש אָפּקומעניש.

פּריקרע שטיל אין בילאַנדערישן הויז.

מיט געצוימטן פּלייס האָבן די היימישע זיך געפּאָרעט ביים קראַנקן: צוגעטראָגן אַ לעפל וואַרעמס אין מויל אַרייַן, אין הייסן טיי געווייקט אַן אַלט שטיקל ברויט, וואָרן מחמת די יסורים פון דער צונויפגעצויגענער פּנים־הויט, האָט ס׳מויל נישט געקענט קייען; מ׳האָט געביטן די פּאַרע־טיכלעך אויף די ווונדן, געריבן אים די הענט, וואָס האָבן געצויגן, גלייך פאַרהוילענע גריזונעס וואָלטן זיך אַרייַנגעקראָגן אין זיי, דעם מאַרך אויס־געזויגט פון די געלענקען. אין חלל האָט זיך געשפּרייט דער זיסלעכער ריח פון געטרוקנטן רומיאַנעק. שאָשע האָט דאָס כסדר אויפגעברייט פאַרן שווערס וועגן. ס׳פאַרצאָגטע פּנים האָט זי פאַרבאָרגן פאַר די שטוביקע, נישט געוואָלט אַרויס מיט אַ געוויין וואָס האָט איר געוואָרגן. יעדעס מאָל אַ פאַרקוועטש געטאָן די אויגן און מיט אַן אויסגעצויגן מויל צוגעגאַנגען צום אַלטנס שטרוי־געלעגער. זי האָט זיך אונטערגענומען צוצוזען דעם שווער, אַליין געטונקט די שמאַטקעס אין הייסן רומיאַנעק. צוגעלייגט זיי צו די לעבעדיקע לעכער האָט זי איטלעך מאָל געטרייסט דער שטוב, דעם שווער.

— ס׳עט זאַן לרפואה שלימה... כ׳האָף צו גאָט!

— אָמן, רבונו של עולם! — האָבן אין זיפץ זיך אַ ריר געטאָן אַ סך ליפּן.

דער קראַנקער האָט אומדייטלעך געוויגט מיטן האָר־שיידל. טרויער האָט געגעסן זיין בלוט.

— ויגמטער... אַ ליינען־געוועב וועבט זיך. בלייך ווי סובות אַ גרויס געוועב. פאַר ווען...? נישט געהויבן, חאָם יאַנקל...

שטאַר געקוקט צום פענצטער האָט חיים יאַנטשע געטראַכט אומע־טיקע געדאַנקען. מיט אַלע כוחות האָט ער זיי אָפּגעיאָגט און זיי האָבן זיך ווי שפּינען געפּלאָנטערט אין־אים, געשפּאַרט מיט עקשנות.

◆

טעג דורכאַנאַנד זיך געראַנגלט מיטן טרויער, וואָס האָט זיך געגעס־טיקט אין ניכטערנדיקן מוח און צוזאַמען דערמיט האָט פאַמעלעך זיך צו־ריקגעשטעלט זיין געזונט. פונקט אַזוי פּאַמעלעך האָט ער איינגעזען, דאָס הויז גייט אונטער. אַ סוף פון אַלע סופן! ביי זיי, ביים ווייב מיט די קינ־דער איז אָפּגענומען געוואָרן דער גאַנצער עול, די באַלעבאַטישקייט פאַר־

וואָרלאָזט, זענען געוואָרן פויל; מיט דער פוילקייט וועלן זיי אָוועקבּרענ־גען אַלץ, אויך אים וועלן זיי פּטרן. ס׳נישט גוט אַזוי, מ׳טאָר נישט! קיין כּוח האָט ער אָבער נישט געהאַט צו שאַפן זיך מיט זיי, און ר׳האָט נישט געקענט האָבן די העזה: דאָך לעבעדיקע שטיקער אַרויסגעריסן געוואָרן דאָ, הייבן זיך נישט די הענט. ר׳ווייסט, אָבער מ׳טאָר נישט אַזוי! ליגנדיק אין בעט האָט ער אומצייטיקע מאָל צוגערופן קלמנען, געבעטן אים, ר׳זאָל נישט לאָזן אַזוי. ס׳ערגער ווי די כאָלערע, דאָס פוילן זיך. געדענק, קאַלמע! — האָט יאַנטשע אויסגערופן מיט אַ קרעכץ און באַפוילן קלמנען צו גיין אין קאַמער אַריין שפּאַלטן האָלץ; ס׳ווייב האָט ער געטריבן, זי זאָל אײ־בּערקלייבן אַ ביסל וויקע־אַרבעסטלעך. ס׳עט זאָן, ׳עלעך גערן עסן אַזאַ גריץ מיט וויקע, ראַכל, — האָט ער איר אָנגעטאָן אַ חשק. „כ׳וויל מיר די קישקעס דערווייקן״. ס׳מיידל האָט ער געהייסן איינהייצן דעם אויוון. שאַ־שען האָט ער אָנגעבעטן, זי זאָל אַכטונג געבן אויף אַלץ. זיי כאַטש דו אַ מענטש, וואַבל, האָט ער געזאָגט. ער, ר׳וועט קענען אַראָפּגיין פון געלע־גער, וועט ער אַלעמען פאַרגרינגערן. שאַשע, — האָט ער מוסיף געווען — בּרענג מיר אַהער ס׳קינד. כ׳על אַראָפּנעמען די שמאַטעס פון פּנים. ׳עט עס שוין נישט „ראַסן״, ס׳בּחורל.

— הער שוין אויף, — האָט ראַכל אים אָנגעשריגן און ס׳האָט זיך געהערט טרערן אין איר געשריי. וואָרן אין זיין רעדן האָט זיך געפילט ווי חיים יאַנטשע געזעגנט זיך חלילה אַפּ מיט זיינע הויזיקע, און מ׳האָט מורא געהאַט, ר׳זאָל אַראָפּנעמען די שטיקער לייוונט פונעם צעקאַליע־טשעטן פּנים. מ׳האָט זיך אויסטערליש געשראָקן עס צו זען.

פּאַוואָליע האָט חיים יאַנטשע מיטן פאַרבונדענעם פּנים געפּרוווט אַראָפּרייסן זיך פון בעט; ר׳איז אַרויפגעקראָכן אויפן פּיעקעליק און פּונקט ווי אַמאָל ליב געהאַט, אין שטוב זאָל זיך רודערן.

— ראַכל!

—דבורה!

אַלע מאָל האָט ער געהאַט עמיצן צו רופן, געהייסן טאָן, בּרענגען. ס׳האָט זיך געזען, דער מענטש וויל זיך שטאַרקן, ר׳וויל אונטערשפּאַרן דאָס הויז. דער אומרו פאַרן באַדראָעטן לעבן דאָ האָט באַוויגן מיט אים. אונטער זיין געשריי האָט מען כּסדר געטאָן עפּעס אין שטוב. מ׳האָט גע־הייצט דעם אויוון, פאַר דער כאַטע אַוועקגעשאַרט די הויכע שנייען, וואָס זענען אויסגעפאַלן, מ׳האָט געקאָכט, מ׳האָט געגעסן.

אָבער ס'איז שוין נישט געווען דאָס, וואָס ס'האָט זיך באַגערט. צע־וואַקלט איז אַלץ.

די רו האָט זיך אַוודאי נישט צוריקגעקערט.

און איידער חיים יאַנטשע האָט באַוויזן אין גאַנצן אַראָפּצונעמען די פאַרגעלטע לייוונט פון פּנים, האָבן אין שטוב זיך אַריינגעריסן נייע צרות.

ספּאַלע האָט באַפוילן מ'זאָל אָנליווערן קאָרן. ס'איז געווען אַ שאַר־פע גזירה, ס'גאַנצע דאָרף איז מיט אַ מאָל געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. הינטער דער חרובער יידישער שטוב האָבן זיך געטראָגן דייטשישע געוואַלדן, אין דער טרוקענער, פּראַקטיקער לופט האָבן געסקריפּעט טויערן פון שייערס, געקלונגען אייזנוואַרג פון פערדישע געשפּאַנען, ס'האָבן גע־סקאַוווטשעט איינגעשטאַנענע רעדער אויף פאַרזשאַווערטע אַקסן. די לאָ־קעטקער שליטנס זענען צו דריבנע פאַר די מענגעס קאָרן, וואָס מ'מוז אָנ־לאָדענען פאַרן דייטש אין איינציקע צוויי טעג.

גזירת המלכות! ס'וועט דאָ נישט העלפן קיין געוויין פון ווייב און קינדער, וואָס וועלן שוין אָנהייבן הונגערן. לאָקעטקע האָט בכן זיך אַ ריר געטאָן אין איר ווינטערדיקן דרימל. אַהער זעק און ווייטעכער, אָנשיטן, אָנפּאַקן. זאָל דער רצון פון נייעם מלך נאָכגעקומען ווערן!

נישט געווען קיין ברירה — אַ שוואַכער האָט חיים יאַנטשע זיך אַרויסגעקליבן מיט קלמנען אין שייער אַריין. ספּאַלע מאָנט, ספּאַלע דראָעט, מוז מען. אָוועקגעשטעלט זיך מיט „צעפּעס", דרענגער אַזוינע אָנגעבונדן איינער אָן אַנדערן און — וואַרפנדיק זיי איבער די אַקסלען — גענומען דרעשן פאַרן דייטשס וועגן. אומווילִיק האָט די אייטערנדיקע וווּנד ווידער זיך געוועקט. צוגערייבט די בהמה, נישטאָ וואָס איינצושפּאַ־נען אין דער דרעשמאַשין. ס'לעצטע ביסל כּוח נאָך אָפּגעבן דעם רוצח... שטויב האָט זיך געדרייט איבערן קאָפּ, שווייס איז גערונען איבער די ליפּן — — נישט באַוויזן רעכט צו צענעמען די הענט איבער דער אומגע־הייערער האָרעוואַניע און אַ געשריי ווי אַ פּלוצלינגדיקער געביל האָט זיך דערגענטערט צום שייער. ס'איז געקומען לייטענאַנט גריזעל. „שנעלער לי־פּערן די געטריידע", האָט ער געטומלט. חיים יאַנטשע, נאָך מיט אַן אַרומ־געבונדן פּנים, האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן דעם אכזר, קלמנען האָבן געציטערט די הענט. לאַנג האָט דער געטומלט, אָנגעוואַלגערט אויף פאָטער און זון דעם שווערן רעש, אַזש די צעפּעס האָבן זיך פון די הענט אַרויסגעגליטשט. געוואָלט זיי אויפהייבן, האָט דער דייטש אָנגעטראָטן

קלמנען די דלאָניע, מיטן שטיוול געדריקט די פינגער, זיי זענען שוואַרץ געוואָרן און פון זיין האַלדז האָט זיך געריסן אַ ווייטיקלעכער קוויטש. דערפון איז דער דייטש צעררייצט געוואָרן, ר׳האָט קלמנען געקאָפּעט מיט רציחה. אָפּהענטיק, דערשראָקן, האָט דער פאָטער זיך געוואָקלט אויף די פיס און געסאָפּעט: „פּאַניע, פּאַניע, ווי מעג מען אַזוינס?״

דער דייטש איז געווען צעיאַכמערט פון צאָרן, פון שלאָגן דעם יודע. ער האָט זיך צעריטשעט אויפן גאַנצן גאָרגל:

— רררראַוס, רררראַוס, — און געפרייכט.

דאָס האָט ער אַריינגעליאָרעמט אין קלמנען, וועלכער האָט זיך געוואַלגערט אויף דר׳ערד ווי אַ צעטראָטענע שמאַטע. הפנים, דער אינסטינקט האָט געוועקט דעם מענטש אין זיין אָנמאַכטיקייט. ער האָט זיך ווי אַ קויטיקער באַלעם אַרויסגעקייקלט פון טונקעלן שייער און אונטערן הויך פון דער קעלט אין דרויסן זיך אויפגעשטעלט מיט פרישע, בלאָע פרענגעס אויפן שטערן, מיט שוואַרצע, אָנגעדראָלענע פינגער. גלייך אין האַלבשלאָף האָט אַ טרייסלענדיקער אים נאָכגעשפּאַנט דער פאָטער. דער לייטענאַנט, עטוואָס אַן אָפּגעקילטער, האָט אויף דער פּראָסט געקאָמאַנדעוועט מיט די יידן:

— שנעללער פּערטיק מאַכן, שייסיקע! מאַששינע ברינגען, ראַשש!

— ער האָט אָנגעטייטלט אויפן אייזערנעם, בלאָ־געפאַרבטן גולם, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון הינטער דעם טויער פון שייער.

חיים יאַנטשע האָט זיך געראַנגלט מיט דער דרעשמאַשין; נאָך צו שלאַבעריק געווען זיינע מוסקולן. קלמנס רעכטע האַנט איז הילציק, ווי איינגעפרוירן פון יסורים. ער האָט זיך אַרונטערגעבויגן מיט אַן אַקסל און אַזויערנאָך געהאָלפן אַרויסרוקן די דרעשמאַשין. דערזען זי אין דרויסן, האָט גריזעל ווי קיין מאָל גאָרנישט גוטברודעריש געקלעפּלט חיים יאַנטשען איבערן אַקסל, געהייסן זיך געבן אַ לייץ, וועלכע ער האָט תיכף אַרויפגעוואָרפן דעם אַלטן ייד אויפן האַלדז. איינגעשפּאַנט חיים יאַנטשען אין דער דרעשמאַשין האָט ער מיט אַ בייטש זיך צעפּאַכעט איבער זיין רוקן, אויסגעשנאַבלט די ליפּן און שוין געמיטלעך זיך צעשריגן: „לאָוס! לאָוס!״ די בייטש האָט צוגעסוויטשעט. אונטער די העזהדיקע אויגן פונעם אָנטרייבער האָט קלמן געמוזט פאַרגעסן די צעווייטיקטע האַנט. ער האָט אין מאַשין־קאַסטן אָנגעלייגט הויפנס תבואה, הויפן נאָך הויפן און דער טאַטע האָט זיך געדרייט אין דישל רונד אַרום, רונד אַרום, נישט קיין פּאַר־

גלייך ווי דער שימל פאַראיאָרן, פאַר צוויי יאָר. אַן איינגעשפּאַנטער איז חיים יאַנטשע מיט פאַרמאַכטע, שניידיקע אויגן געגאַנגען, געגאַנגען און געוואַקלט זיך אין דעם קרייז, אין וועלכן עס האָט געפּייפט די בייטש, עס האָט געסווישטשעט ס׳טייוולאָנישע געלעכטער פונעם שנאהדיקן דאָרף, און ס׳האָט געוואָיעט דער ווינט. געשלאָסן די אויגן און אין די שלייפן רייסט זיך דער צאַפּל פון ראַכלען, ס׳געוויין פון דבורהן, פון שאַשען. און איז ער אַנידערגעפאַלן ווי אַ קלאָץ, פינצטערניש האָט אים ווי אין אַ פלאַכטע איינגעקנוילט, די געהירן פאַרגלושעט, — ער האָט גאָרנישט מער געהערט, גאָרנישט געפילט — איז אַ באַרג אויסגעשיילטער קאָרן שוין געלעגן ביים שייער און אַ צווייטער באַרג, אַ העכערער, האָט זיך אָנגעטורעמט פון שטרוי, קאַלט, דורכגעווינטיקט שטרוי. דעם מאַן און פאָטער האָט דער דייטש נישט געלאָזן מינטערן נישט ראַכלען, נישט דבורהן, וועלכע זענען, פאַרצאַפּלטע, די גאַנצע צייט געשטאַנען און געמוזט זיך צוקוקן, ווי ער גייט אין יאַך, דער אויסגעמאַרכטער. איצט, זיי האָבן זיך איינגעשטעלט, האָט ער זיי נישט צוגעלאָזן צום פאַרחלשטן — ערשט האָט ער זיי פאַרשפּאַנט אין דער דרעשמאַשין, אונטערגעטריבן מיט דער בייטש און דער באַרג תבואה פאַרן דייטשס וועגן איז געוואַקסן, געוואַקסן.

— לאָוס, לאָוס! — האָט הייטער זיך געציקלט דעם דייטשס שטים און די פרויען זענען געפאַלן אונטער דעם, אַלע מאָל זיך געשטרויכלט.

פון שוועלן האָט שכניש יונגוואַרג אַהערגעקוקט, דורכגייענדיקע זעלנער האָבן הויך געלאַכט.

צומאָרגנס גאַנצפרי האָט גריזעל מיט נייעם געשריי זיך אַריינגעריסן אין בילאַנדערס כאַטע, אַלעמען אַרויסגעטריבן און אונטערן סווישטש פון אַ שפּיצרוט חיים יאַנטשען מיט ראַכלען איינגעשפּאַנט אין אַ הויך אָנגעלאָדענעם שווערן וואָגן מיט קאָרן פאַר ספּאַלע.

טאַטע־מאַמען צום דישל צוגעבונדן און דבורהן, דער טאָכטער, אַוועקגעזעצט ביי דער פאָדערשטער אַקס מיט אַ בייטש אין האַנט, צו שמייסן די, וואָס דאַרפן ציען, שלעפּן. ס׳מיידל איז געזעסן אַ נישט היגע: די אויגן אירע זענען געווען פאַרגלייזט און דער קאָפּ האָט זיך געבאָמבלט. אַהין, וו טאַטע־מאַמע זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן, האָט זי נישט געקענט קוקן. און האָט דער וואָגן גערירט, האָט זי אויפגעצאַפּלט. איבערן מוח האָט אַ היץ זיך דורכגעטראָגן, אין די אויערן האָבן זיך געריסן גוואַלדן, דער דייטש... אומעטום דער דייטש!...

הינטערוויילעכטס פון וואָגן איז קלמן מיטן ווייב אָוועקגעשטעלט געוואָרן נאָכצושטופן די אייליקע משא. זי האָט דורך טיפע שנייען און האַרט־פאַרפרוירענע גרודעס געדאַרפט זיך דערקייקלען צו די גרויסע שפּייכלערס, וואָס זענען צעפּראַלט געוואָרן אין ספּאַלע.

לאָקעטקע האָט געליווערט ברויט פאַרן דייטש, חיים יאַנטשע בילאַנ־דער האָט געמוזט זיין דער גרעסטער גרעבער.

— יודע, — האָבן כסדר דערמאָנט יאַסעק מיטן סאָלטיס. צום יודע זענען געגאַנגען דייטשישע זעלנער עפּעס נעמען און דעם יודע זענען תמיד געקומען וועקן די מאַנערס פון ספּאַלע: — יאַנטשאַ, גיב, יאַנטשאַ, גרייט צו.

קיין פאַרענטפערניש פאַר יאַנטשאַן איז נישטאָ. דער יודע האָט׳ס שוין געוווּסט.

◆

סומנע האָט געגליווערט חיים יאַנטשעס כאַטע, קעלט איז אַרומגע־גאַנגען איבער די קאַמערן אירע. פאַרשטיינט פון די צרות האָט דער מענטש שוין נישט געצערנט אויף יאַסעקן, אויפן סאָלטיס. ער האָט גע־האַט אויסצושטיין פונעם געקרעכץ דעם ווייבס, דער שנורס. מיט זיי האָט ער געמוזט זיך ראַנגלען. „אפשר ׳עט שוין גענוג זאַן״, — האָט ער זיך געבעטן ביי זיי אין געבייזער. צו ספּאַלע איז ער יאַקאַש שוין געווען צו־געווּינט: רייבער! ווי לאַנג זיי וועלן קענען, זאָלן זיי נעמען... שטענדיק האָט ער זיך געריכט: מען וועט באַלד ווידער קומען. האָט זיך אַריינגעוויזן יאַסעק, צי לעלעווסקי, האָט ער שוין געוווּסט: ספּאַלע באַפעלט.

— יאַנטשאַ, לאָקעטקע באַדאַרף שיקן מענטשן אויף אַרבעט קיין ספּאַלע. יאַנטשאַ, יאַנטשאַ — —

ס׳איז אַ גזירה, איז קלמן אַוועק אין וואַלד לייגןביימער. איז געקו־מען אַ גזירה צו גיין שאַרן דעם שניי אויפן טאָמאַשאָווער טראַקט, איז ווידער קלמן אַוועק. אויף גאַנצע וואָכן האָט מען אים אַרויסגענומען פון שטוב, אויף קעלט און אויף הונגער איז ער געגאַנגען, אַבי ס׳הויז זאָל יאַ־קאַש איבערהאַלטן.

ספּאַלע האָט אָן אויפהער געמאָנט, די יידישע שטוב איז אויסגעדיי־ווערט געוואָרן.

איין מאָל איז יאַסעק מיטן סאָלטיס אַריינגעפאַלן צו חיים יאַנטשען:

— בילאַנדער, גאָלד מוזסטו באַזאָרגן פאַר ספּאָלע. דער פּאַן שעף פּאָדערט פון אונדז. לאָקעטקע לאָזט זיך אויסטאָן אַלע חתונה־רייפלעך, די צלמלעך די גאָלדענע וועט עס האָט נאַר. דו מוזסט אויך געבן, יאַנטשאַ. גיכער! נאָך לאָקעטקע גייט קאַמיען, מאַזשאַרניע.

— גאָלד, צירונג... פון וואַנעט נעמען צירונג?

— דערצייל נישט קיין מעשיות, יאַנטשאַ. ווייסט דאָך שוין, ווי עס איז ביי זיי!

— פּאַניע יאַסעק, נישטאָ ביי מיר קיין גאָלד.

— יאָ, איך האָב גאָלד. — האָט זיך צוגעשאַרט שאָשע. — נעמט פּאַנאָוויע. — האָט זי מיט פּיבערדיקע אויגן געקוקט דאָ אויף יאַסעקן, דאָ אויפן סאָלטיס, און צעקרימענדיק די באַקן שווער אַראָפּגעצויגן פון זיך ס׳קידושין־רייפל. — נאַט׳ס... דאָס איז אַלץ, וואָס כ׳פאַרמאָג, ערנוואָרט.

— גוט. — האָט יאַסעק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַריינגערוקט ס׳רינגל אין קעשענע און אַרויס פון ייד.

אין שטוב איז געבליבן דער אומפאַרגיבלעכער פאַרדראָס, וואָס דער מענטש קען זיך נישט דערקלערן, ער שטיקט, אַז ס׳איז דערוואָרגן צו ווערן. דעם שווערן וואָלקן האָט ראַפּטעם צעטריבן דער דייטש.

ס׳האָט זיך אויפגעריסן די טיר — אַ שטראָם פראָסטיקער ווינט האָט אַ יאָג געגעבן און ס׳הויז איז פול געוואָרן מיט ליאַרעם. עס איז געשטאַנען גריזעל, עס זענען געשטאַנען זעלנער מיט ביקסן און מיט חזיר־אויגן און אַלץ האָט געשריגן, אָנגעצונדן זיך. די שטוביקע זענען געווען מבולבל.

— שמוק, שמוק־זאַכע! — האָט גריזעל געמאָלעגיירעט. — גאָלד־שטיקע, אורען, קעטטען גאָלדענע, אַללעס, אַללעס, שנעלל, שנעללער!

חיים יאַנטשע האָט געקוקט, געהאָרכט ס׳וויסטע געשריי און אַוועק־געשטעלט זיך אומבאַהאָלפן:

— פּאַניע, כ׳האָב נישט קיין גאָלד. כ׳בין אַ פּשוטער אָרעמאַן, פּאַניע.

— האַסט פערשטעקט, יודע, דאָס גאָלד! — האָט ער געציִשעט.

חיים יאַנטשע איז געשטאַנען און זיינע ליפּן האָבן קלאַנגלאָז זיך באַוועגט.

— ררראוס, רראוס! — האָט דער דייטש זיך צעוואָיעט, צעפּראַלט די טיר און ער און זיינע זעלנער האָבן חיים יאַנטשען מיטן הויזגעזינד אַרויסגעשטופּט אויף דער הודזשנדיקער קעלט. די אַלטע לייט און די שנור מיטן קינד אויף דער האַנט האָבן זיך געקאָרטשעט: אַ גרויסע פראָסט

האָט זיי אַרומגעכאַפּט, געפּאַטשט מיט אייזיקע הענט, געשטאָכן מיט שפּי־ציקע נעגל, געבריט. עס איז סכנותדיק אַזוי־אַ צו זיין אַ שפּילעכל פאַר די הפקרדיקע ווינטן, וואָס לויפן משוגע פון די בערגלעך, טראָגן אָן שווע־רע, קדחתדיקע פייכטקייט פון דער פּיליצע. און שטיין דאָ וועט מסתמא אויסקומען נישקשהדיק, ווי מיינסטו?... די דאַטשן באַלעבאַטעווען דרי־נען. זיי האָבן צאַאַט. בילאַנדערס אוצרות וועלן זיי געפינען, די... דער מענטש האָט אַראָפּגעשלונגען די גאַליקע שפּירונג, נישט געוואָלט מער זיך צערעדן. אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען האָט ער געמורמלט צום ווייב: ראַכל, רוק דיך אָן אַ זייט. שטיי נישט אין סאַמע קרירה, רוכעווע זיך! צוקוקנדיקערהייט איז די יידענע געוואָרן בלוין און בלאָ. חיים יאַנ־טשע האָט מוראדיק געליטן, מ׳טרעט אים אויפן קאָפּ. מער אָבער האָט אים געטאָן אין טויט אַריין דאָס, וואָס ר׳האָט געמוזט צוזען ווי די זיי־ניקע ווערן געפּייניקט. די עוולה קעגן אים גופא טוט שוין נישט אַזוי ווי אַזויפיל; דער שוואַרצער אָקס האָט אים שוין נישט איין מאָל געטראָטן. זיין גורל אַזאַ. אָבער זיי, און ס׳דריבנע קינד!

קודם־כל האָט ער גענומען טריבן שאַשען: „גיי צו וואָיטעקן, וואַבל. האָסט אַ דאגה... רעכענען זיך מיט אים? אויפן קינד האָב חס, מאַמע!“ עטלעכע מאָל אין איר אַריינגערעדט, האָט זי געפּאָלגט דעם שווער. זי איז אַריין צו וואָנסן. וועט ער זי אַרויסוואַרפן, וועט זי איטשע מאירעלען איינבעטן ביי זיי. אויפן קליינטשיקן זאָלן זיי האָבן רחמנות. דעכענדיק, ווייל זי איז געלאָפן, איז זי אַריין צו וואָנסן און דאָרט שוין געבליבן. חיים יאַנטשע, זוכנדיק אַ באַהעלטעניש פון דער גריזשנדיקער קעלט, האָט מיטן ווייב זיך אַריינגעשטעלט אין דער צעפּראַלטער שטאַל. זינט וואָכן איז זי נישט פאַרמאַכט געוואָרן, איצט האָט ער זי פאַרקייטלט פון אינע־ווייניק. אָן אויסגעפּרוּוירענער האָט דער אַלטער צוגעדריקט די פּלייצע צו דער וואַנט און ס׳ווייב צוגעצויגן צו זיך. ער האָט געפילט, זי ציטערט אויפן גאַנצן לייב און ס׳האַרץ איז אים איבערגעגאַנגען. איינגעטוליעט ראַכלען אין זיך האָט חיים יאַנטשע אין צער איבערגעלעבט דעם ריס פון עלנט, וואָס עס דערשפּירט אַ פאָטער ביי וועמען עס פאַלט אַוועק אַ קינד. אומדערבאַרעמלעך איז דער ווי זיינער אַצינד, ברענענדיקער פון אַלע ווייטיקן, וועלכע ער האָט געוווסט אין זיין גאַנצן לעבנסטאָג. רגעווייז האָט ער פאַרגעסן, אַז ס׳ווייב, דאָס וועלקנדיקע ווייב זיינס וואַרעמט ער מיט זיין גוף. אָן עופהלע איז עס. ס׳איז ליב די וואַרעמקייט, וואָס גיסט זיך

איבער פון זיין לייב אין דעם נפש, וואָס איז נאָענט זיין נפש. די אויגן זענען אים פול, פול געוואָרן, דער הויך פון ברוסט — קירצער, אימפּעטי־קער, און די פיס, זיי ווערן שווער, זיי בייגן זיך, ציען.

פרק ו׳

האָבן זיי נישט געפונען קיין גאָלד, קיין צירונג, די דייטשן, אין דעם יידנס הויז, זענען זיי אַרויס מיט גרימצאָרן. איבער דער לאָקעטקער הויכ־קייט האָט ווי אַ שטורעם זיך צעבראַוזט דער לייטענאַנט:

— יודע, דאָננער וועטטער! יו־ר־דעעע, פאַרפלוכטער!

— דרעקיקע, וואָס זינט זי, העעעי!

דעם שגעון אין בלאָלעכן ווינטערדיקן פאַרנאַכט האָט ברעקלעכווייז אַוועקגעטראָגן דער פּראַסטיקער ווינט, פאַרקייכט זיך מיט אים הינטערן שוואַרצן בויגן פון וואַלד. די טונקלענדיקע שניידעק, וואָס איז דאָ פונאַנ־דערגעשפּרייט פאַר דער שטרענגער שטילקייט, האָט איינגעזויגן די איי־לעוודיקע טריט פון דיקלעכן, ענערגישן לייטענאַנט, געשלונגען דאָס לויפן זיינס אין די קורצע, האַרט קלאַפּנדיקע שטיוול. איבער אַלע עקן פון דער בילאַנדערישער כאַטע איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרסמטער. מיט די פרירנ־דיקע הענט האָט ער דערנאָך געטאַפּט אין קאַלטן שייער, און געשריגן, גע־זידלט. אויך זיינע זעלנער האָבן אין דרויסנדיקן דעמער ווי גיריקע הינט אַרומגעזוכט חיים יאַנטשען. ווילדקייט האָט געפּאַרסקעט פון זייער רעדן, פון זייער לויפן. חיים יאַנטשע האָט נישט געוווסט, מען זוכט אים. ער האָט נישט געדענקט, ווי אַזוי ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן אין שטאַל. פון רעש, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער אים, האָט ער זיך איבערגעוועקט אַ געפרוירענער. געוועקט זיך און זיינע אברים, הילציקע, נאָך פאַרשלאָ־פענע, האָבן זיך געשטרעקט צום חלל, וואָס איז געווען אָנגעגאָסן מיט שווערער פינצטערניש. מיט אַ מאָל, האָט זיך אים אויסגעוויזן, האָט מען גענומען קלאַפּן איבער זיינע שלייפן, די געהירן האָבן זיך צערוישט. מיט רוגזה האָט מען זיך געלאָזט אויף אים און ער זינקט, זינקט...

מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון פינצטערן געלעגער, מיט די הענט געגישטערט אַרום זיך. קוים ר׳האָט צוריקגעפונען דאָס דערטרונקענע געדעכעניש. דעמאָלט האָט אויך ראָכל זיך געוועקט נעבן אים אַ קרעכצנדיקע מיט אַן אַלט קרעכצן. די דערמאָנונג, ווו ער איז,

האָט געקרעפּטיקט זיינע הענט. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן די שטאַל־קייטל.

אַ שטראָם טונקעלע קעלט האָט שאַרף זיך געוואָרפן אויף חיים יאַנ־טשען און צוזאַמען מיט דעם — אַ ליאַרעם, וואָס האָט זיך אַנגעוואַלגערט אויף אים אויף דייטשיש:

— פאַרשטעקט זיך, דרעקיקע יודען־שווינע! דער שאַץ וואָ איסט, דאָננער וועטטער?... די גאָלד־שטיקע אים טאָפּף פאַרשטעקט, העקסע שמוציקע!...

עס האָט זיך געריסן דער געשריי, געפאַלן אין מוטנע טונקל־ליכט אַריין און ער, חיים יאַנטשע, ווי נישט אים וואָלט מען געמיינט, האָט נישט באַנומען אַז אין אים וואַרפט מען עס. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען פאַר־טאָמט. ערשט אים האָט אַ זינג געטאָן אַ פּלאַם איבערן ווייטוענדיקן פּנים. פון די אויגן האָט אַ פונקען־רעגן זיך צעשפּריצט. דעם יידנס גוף האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אין אינערלעכע אַנגסטן און דער מוח האָט זיך צעעפנט פון גרויסער מידיקייט:

— פאַניע, וואָס ווילט איר? יאַך האָב נישט קאַ׳ אוצרות. גאָלד האָב׳עך נישט, פאַניע... אַן אָרעמאַן בין יאַך...

צי עמעץ האָט אים געהערט, האָט ער נישט געזען. שוין האָבן ווילדע פיס אין קאָלטן, גרינעם שניי שוווער, שטיוולדיק געקנאַטן חיים יאַנטשעס לייב. אייגענער ווײַסטער געשריי האָט געפינצטערט אין זיין שאַרבן.

פון חיים יאַנטשען איז באַלד אָפּגעטאָן געוואָרן די שפּירונג פון פראָסט, וואָס גריזשעט.

ווען ס׳ווייב ראַכל האָט זיך לאַנג, ביטער צעקלאָגט איבער זיין אָנ־מאַכטיקן געביין — ער האָט זיך געוואַלגערט אין אָוונטלעכן, וואָיענדיקן דרויסן — האָבן זעלנערישע שטיוול פון ס׳ניי אים געשטויסן צו דער שטאַל. מיט רוגזה האָבן זיי אים אַריינגעשליידערט אַהין. פון אויסנווײַ־ניק איבער אים איז אויף דער שטאַל אַנגעהאָנגען געוואָרן אַ שוואַרץ שלאָס.

אין מיטן נאַכט, אין גרימענדיקער פראָסט, האָט דער פאַרשמאַכטער גוף זיך געוועקט. אַלע אברים זענען אָנגעגאָסן מיט נאָגנדיקן ווייטיק, און די אָנגעגאָסנקייט האָט צוגענאָגלט צו דער פינצטערניש, וואָס איר ראַנד וויגט זיך אָט, אָט — — צעפלאָסן איז געשוווּמען דער געדאַנק און חיים יאַנטשע האָט מיט נויט־אָנשטרענג אַרויסגעקראָגן פון זיין טיפסטער טיף אַ שפּראָץ ליכט. לעבן האָט זיך אין אים באַוועגט. ער האָט זיך אָנמאַכטיק צעקרעכצט און ווי נישט הי געגומען רופן ראַכלען, די קינדער. שוווער האָט

ער געבלאָנדזשעט איבער די וועגן פון גערעכעניש, בלויז די פּראָסט האָט האַרטנעקיק זיך געשאַרט דערנעבן, געהודזשעט.

דערנאָך איז ער שוין נישט אַנטשלאָפן געוואָרן.

אין לויער איז חיים יאַנטשע געשטאַנען איבערן אומרו, וועלכער האָט זיך אָקערשט געוואָרפן אויף אים, געשטיקט. דערמאָנט זיך אַלץ, אַלץ. פאַרזיכטיק זיך צוגערוקט צו דער טיר, געשטויסן זי, געטרייסלט די קייטל. סומנע האָט יעדער ריר אָפּגעהילכט אין זיינע געהירן: פאַרשלאָסן אים, די דייטשן.

אין דער מאָס פון זיין דערוואַכן, האָט דער מענטש אַלץ מער דער־שפּירט זיין צעלאָמיעטן גוף, אַלץ מער האָט געווייטיקט אין אים זיין חורבן.

אַן אָנגעלענטער אין דער וואַנט פון דער פאַרשלאָסענער גרוב האָט ער באַגעגנט דעם באַגינען און צוזאַמען דערמיט דאָס געבראָכענע, אויסגע־צויגענע קול פון זיין ווייב:

— וויי איז מיר, ווינד איז מיר...

ער האָט געלעכצט נאָך דעם געקלאָג; שטאַרק אויפגעריסן די אויגן, איז ער זשעדנע געלאָפן מיטן געהער איבער די רויע פינצטערנישן און גע־זוכט, געשמעקט. יאָ, ער איז פאַרשלאָסן געוואָרן. גראָע, וועלקנדיקע דע־מער־שיין האָט אים געבלאָזן אין פּנים אַריין.

שפּעטער, לאָקעטקע האָט זיך געפּעדערט, האָט ראַפּטעם זיך צע־פּראַלט די שטאַל. דייטשישער ליאַרם האָט ווי אַ שוימיקע וואַסער־כוואַליע אַריינגעפּלעסקעט צו חיים יאַנטשען.

אַ טרייסלענדיקע פון קעלט, אַ פאַרוויינטע האָט מען צו אים אין שטאַל אַריינגעוואָרפן זיין ווייב, ראַכלען.

...אַז דער הער לייטענאַנט, אַ פריש אָפּגעוואַשענער, אַ גלייך־געקאַמ־טער האָט אויסגעטרונקען זיין פרימאָרגנדיקע קאַפע, האָט ער גערופן דעם לאַנגהענטיקן, שטאַרק געהאָרכיקן אַדיוטאַנט זיינעם:

— האַנסכיען, קאָם מאַל העער!

אויסגעגלייכט זיך ווי אַ ווירע פאַרן באַלעבאָס, האָט דער קליינער, פלינקער האַנס שוין געוווסט וואָס עס וויל דער דאַזיקער.

— אַלעס אין בעסטער אָרדנונג, הער לויטנאַנט. דער יודע איז פער־שפּערט, די יידין האָט מאַן אויך הינייגעשמיסען.

— יאָוואָל. — האָט ער זיך אויפגעשטעלט, דער הער גריזעל און זיך

דערנענטערט צו דער וואַנט אויף וועלכער עס זענען צעהאָנגען זיינע וואַ־רעמע זאַכן: דער טונקל־גראָער, וואָלענער קאָפּ־ציער, דער לאַנגער שאַל, דאָס גרינע שיפּל־היטעלע, וואָס לאָזט זיך אַראָפּציען איבער די אויערן, דאָס לייב־פּעלצל און דער לאַנגער גרינער שינעל מיט די הויכע, טאָפּל־טע מאַנקעטן. געקוקט אַ מינוט אויף דער הלבשה זיינער, האָט ער קענטיק זיך דערמאָנט אינעם ווינטער, אין דער יגון־ואנחה, וואָס איז אים באַשערט דאָ מיט דעם יודע, וואָס איז קאַרג, איז כיטרע, באַהאַלט אויס דאָס גאָלד...

אַ גוטער בורשע, האַנסכיען, ס׳גוט, — האָט ער אין פּאַרטראַכטקייט גע־צויגן דעם געדאַנק וועגן דעם ייד, מיט וועלכן ער האָט אַ לאַנג געטועכץ.

— האָסט גוט געמאַכט, האַנסכיען. קאָם!

דער לייטענאַנט מיט האַנסן האָבן זיך געלאָזן צו דער פּאַרשלאָסע־נער שטאַל.

ווידער איז געפאַלן אַ האָגל פון געשרייען איבער דעם ייד און פון ס׳ביי איז אָנגעהאַנגען געוואָרן דאָס אייזערנע שלאָס אויפן דרויסן פון דער פּוסטער, פינצטערנדיקער שטאַל.

פון אינעווייניק האָט זיך געטראָגן אַ דערשטיקט, שוואַך קרעכצן.

— די גאָלד־שטיקע, פּאַרפּלוכטע, — האָט זיך אין דער פראָסטיקער לופט געציקלט ס׳געמילדערטע געשריי פון לייטענאַנט גריזעל. אים האָט איצט שוין הנאה געטאָן, וואָס דער יודע אין דער קאַלטער קאַמער צאַנקט, רייסט שוין נישט די פּאַרמאַכטע טיר. — ער וועט קראַפּירן, דער לאַוזיקע!

פרק ז׳

און אין דרויסן איז געשטאַנען חורבן. די בילאַנדערישע שטוב איז גע־ווען אויסגעפּלינדערט. אַלץ, וואָס לאָזט זיך נעמען, האָבן די זעלנער אַרויס־געטראָגן פון איר; אַלץ, וואָס מ׳קען עסן, צי נאַשן, האָבן די דייטשן פאַר־נאַנדערגעטיילט „די מעדעלס״, מיט וועלכע זיי חברן זיך אין לאָקעטקע און אין די אַרומיקע דערפער. און אין קעלער פון דער בילאַנדעריכע האָבן זיך געפונען פּושקעס צוקערלעך־לאַנדרין פון געוועזענעם געוועלבל, באַנ־קעס נאַפּט, פלעשלעך זיסן קוואַס, אַ בוטל היימישן, שטאַרקן וויין, שאַכט־לען דזשעגעכץ. אויף אַלעם זענען געווען בעלנים אין לאָקעטקע. מ׳האָט זיך געדרייט אַרייַן און אַרויס אין דער יידישער שטוב, גענומען, גע־שלעפּט. שאָשע איז געווען באַהאַלטן ביי וואָנסן אויפן פּיעקעליק. זי האָט

אַרײַנגעקלאָגט אין טעקלען דער וואָנסעכע, אין וואָיטעקן, זיי צוגעזאָגט צו באַגילטן מיט אַ מאַרגע־צווײ פון זייער נחלה. מ׳זאָל נאָר זי נישט טרייבן פון דאַנען. זיי וועלן האָפּנטלעך איבערקומען די ביטערע טעג. זי וויל הונגערן, איר איז ליב ס׳הונגערן, ס׳זאָל נאָר חלילה נישט געשען קיין בייזס. בלויז דעם קינד בעט זי צו געבן אַ ברעקל רינדל, זאָל עס נאָגן. נאָר קיין בייזס נישט, באָזשע!... דער פּאַן לייטענאַנט האָט מסתמא גרויס פאַרדראָס אין זיין משפּחה, האָט שאָשע גערעדט פאַר די שכנים, דערפאַר לאָזט ער אויס צו פרעמדע. ס׳וועט אַריבערגיין, האָפט זי. נאָר מ׳זאָל זי נישט טרייבן.

אין זיך האָט זי אַרײַנגעווײנט: ס׳זאָל נאָר אַדורכגיין בשלום. די אַל־טע לייט זאָל חס־ושלום קיין שלעכטס טרעפן — — און אַז קלמן מיט דבורהן זענען גראָד נישט אין דער היים ביי דער צרה, איז מן הסתם אַ גאָט־זאַך. זיי וואָלטן זיך אויך אָנגעליטן. דער רבונו של עולם זאָל זיך מרחם זיין, — און דעם קינד געשטופּט אַ ליידיקע ברוסט אין פּיסקל אַריין. זי האָט באַגערט, ס׳זאָל נאָר שלאָפן, די ערלים זאָלן זיך נישט דער־בייזערן, אַז זייטיקע זאָלן נישט אַרײַנקוקן אַהער.

דערווייל האָט די קרירה געברענט, פראָסט־נעפּל האָט זיך געוויקלט איבער דער שטילער געגנט און עס האָט געבליט די דייטשישע רשעות. דייטשן זענען געווען אויך אין די שכנותדיקע דערפער, ווו עס האָבן גע־ווינט יידישע משפּחות. ביי אַלעמען האָבן זיי געזוכט גאָלד, טייערע חפצים און גענומען, גערויבט האָבן זיי אַלץ, אַלצדינג. דערדריקט, אין עצבות זענען אין די כאַטעס געזעסן די יידן מיט זייערע ווייבער, קינדער און אַלטע לייט, ביז מ׳האָט אַלעמען, אין אַ נעפּלדיק פראָסטיקן טאָג פאַרטריבן פון זייער אייגנעזעסנקייט. אין מהנות, אַרומגערינגלט מיט צאָרנדיקע, שטייפע דייטשן און שנופּנדיקע, נאָכשפּאַנענדיקע הינט זענען זיי געטריבן געוואָרן איבער שטעגן, איבער שליאַכן. וואָלקנס פליסנדיקער יידישער טרויער האָבן זיך געטראָגן איבער דער פאַרדאַרטער ערד, צאָרן־ציינער האָבן געביסן זייערע טריט. געוויין און צער האָט געוירן אין די מענטשנס הערצער. און איז ווער אין וועג געפאַלן פון אויסגעצערטקייט, האָט אַ שנאהדיקע קויל פון דייטשישער ביקס אַ סוף געמאַכט צו דער פּיין פון ליידנדיקן. די לעבנגעבליבענע, וואָס זענען דערגאַנגען צום אָרט פון דער אייגזאַמלונג פון די עדהס פאַרטריבענע יידן, האָבן די דייטשן אַרײַנ־געדרענגט אין קינסקער שטעטלשן קירכעלע, פאַרמאַכט זיי הינטער די

שווער געקאָוועטע קאַשטשיאַל־טירן. אין די טויזנטער זענען שוין דאָרט געווען, די ברעך פון זשאַרנעוו, פון ראַדאָשיץ, פון גאָווערטשעוו, פון אַד־זשעוואַל, פון סאַמע קינסק און אַלע זענען זיי איינגעשפּייכלערט געוואָרן אין דער רויט־ציגלדיקער טומאה, וואָס אָנגעשפּאַרט זייטיק אין דער שטור־מער תבואה־שאָפּע פון שלמהלע זלאָטאָגורסקי. דער קאַרק אַראָפּגעדרייט פּור־נעם יידישן דרויסן און אין דער געמויערטער טומאה האָט ער זיך געשטיקט. אינעם עיפּושדיקן אינעווייניק האָבן אויגן אין אויגן געגישטערט, און אין יאוש זיך פאַרטרינקען, געפאַלן, קולות האָבן בלינד זיך געזוכט, נעמען האָבן בלודנע אַרומגעבלאָנדזשעט, פאַרחלשט געוואָרן. נאָך אַ טראָפּן וואַ־סער זענען אויסגעגאַנגען קראַנקע און קליינע קינדער, פון שוואַכעניש האָבן אויסגעהויכט די נשמות מעוברתע פרויען און אַלטע לייט. אין דער־אָ ענגעניש האָבן די האַרטנעקיקע דייטשן געהיטן די יידן. האָט מען נאָך מעת־לעתן געעפנט די טירן פון קאַשטשיאַל, האָט אַ געדיכטער אָוויר פון דאָרט אַרויסגעדרונגען ווי אַ גיפטיקער רויך און טויטע זענען ווי קלעצער געפאַלן צו דער שטיינערנער שוועל.

אין דעם דחקות זענען אַריינגעפאַלן אויך קלמן און זיין שוועסטער דבורה, וועלכע זענען געווען אַרויסגענומען פון עלטערן־הויז אויף אַרבעט פאַרן דייטשס וועגן. פאַרקויטיקט זענען געווען זייערע לייבער, אין ריטש־קעס שוויס האָבן זיך געווייקט די קליידער, וואָס זענען געהאַנגען אויף זיי. פון הונגער האָבן זיך אונטערגעבראָכן זייערע קני. אָפּגעשוואַכט אויך פון דער סכנהדיקער צונויפגעדרענגנקייט צווישן דעם המון, וואָס האָט נישט קיין כוח געהאַט צו לעבן, האָבן זיי זיך געוואַקלט אויף די כוואַ־ליעס פון איינגעגליווערטער אָנמאַכטיקייט. דערנאָך, דערנאָך וועט זיך איינדרימלען.

◆

...קיין גאָלד האָבן זיי נישט געקענט אויסצאַפּן פון חיים יאַנטשעס נעבעכדיקן נפש, האָבן די דייטשן כאָטש געוואָלט זיך קוויקן מיט דער פּיין דעם יודעס. איטלעך מאָל האָט האַנס, דער לאַנגהעגטיקער, אויפגע־שלאָסן די שטאַל און מיט זיין אויסברעכנדיקן געלעכטער באַאומרואיקט דעם ליגנדיקן באַלעם פונעם ייד מיט דער יידענע.

— דו, דו, שייס־יודע, — אַ שטויס געטאָן מיטן שטיוול־שפּיץ און אָוועק.

— אַלעס איז בעסטער אָרדענונג! — האָט ער דערנאָך געמאָלדן דעם לייטענאַנט און דער לייטענאַנט האָט נאָכלעסיק אַ מורמל געטאָן:

— ביסט אַ גוטער בורש, האַנסכיען, — מער האָט ער נישט גע־קוקט אויף אים. אין קיך אויף דער באַנק האָט האַנס זיך צוגעקוקט צום געטועכץ פון דער יאַסקאָווע.

פּויל ווי אַ קאַץ האָט לייטענאַנט גריזעל זיך געוואַרעמט ביים גע־הייצטן פּוילישן אויוון. ער איז געווען צופרידן אין געמיטלעכער רו איין מאָל און נאָך אַ מאָל איבערצולייענען די בריוו פון זיין ווייב הילדע אין דרעזדען. זי דאַנקט אים פאַר די פּאַקעטן פון פּאָלען און דערוואַרט פרישע. „איך קיססע דיך אונד אומאַרמע דיך פילמאַלס" — לייענט ער זיך אַריין אין דער פראַזע און געדענקט מער נישט אין דעם יודשע, וועלכער פּייג איסט, וועלכער זיין שאַץ פאַרשטעקט האָטע, דאַננער וועטטער!

אויב נישט האַנס, וואָלט ער מסתמא אין גאַנצן אַרויסגעלאָזן פון זינען דעם ייד אין שטאַל.

ערשט דער לאַנגהענטיקער האָט אַן אויפגערעגטער, מיט האַסט זיך אַריינגעוויזן צום „הער אָבערשט" און אים געמאָלדן, אַז דער יודע איז נישטאָ. דער יודע האָט זיך אונטערגעגראָבן און איז ניכטס געוואָרדען. ביינאַכט איז עס מסתמא געשען. דאָס שלעסל הענגט ווי ביז איצט, אומ־געריררט, הער אָבערשט. אַ היפּש לאָך אויסגעגראָבן, שטיינער פון פונדאַ־מענט אַוועקגעקייקלט און זיך אַרויסגעקראָגן, דער שוויין־יודע — —

עס האָט אים אַ ריס געטאָן, דעם הער לייטענאַנט. ר'האָט זיך צע־שריגן אין קאַלטן, גלאָזיקן דרויסן, האָט באַטראַכט די שטאַל פון אינע־וויניק און פון אויסנווייניק און אַ מידער זיך צוריקגעקערט אין וואַרעמען צימער. „דער קערל באַזיצט גאָלד, זאַנסט"... ער וועט מעלדן.

די יידישע שטוב איז אַן אויסגעהוילטע געבליבן שטיין מיט אַן אויפ־געפּראַלטער טיר. פראָסט האָט מיט איר געוויגט אַהין, אַהער. ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך אין איר אַריינקלייבן. קעלט און פייכטקייט האָט זיך אין איר באַזעצט. די קאַץ, אַן איבערגעלאָזענע אין עלנט, האָט גע־מיאַוקעט הינטער אַ פרעמדער טיר.

...אַן אָטעם האָט ער זיך געצויגן צום וואַלד אין דער פינצטערער, וואָ־יענדיקער נאַכט. אויף אַן אַלטער, פאַרקרימטער צווייג האָט חיים יאַנטשע אָנגעשפּאַרט זיין קערפּער און מיט איר האָט ער פאַרווישט די סליאַדן פון זיינע טריט אין שניי. אימפּעטיק געשפּרייזט און נאָך זיך מיטגעצויגן

ס׳ווייב. „ראַכל, ראַכל, שטאַרק זיך!״ — האָט ער אין איר אַריינגעטאַמלט און מיט אָנשטרענגונג געשלעפּט די פּיס איבערן שנייאיקן פעלד, געיאָגט זיך נאָך דער פינצטערניש, געוואָלט זי איינהאַלטן אין זיינע זשמעניעס. ביז טאָג דאַרף ער אַ סך זדאָנזשען. ביז טאָג באַדאַרף ער זיין ווייט, ווייט פון דאַנעט...

פאַרקירעוועט אין ווייטלעכן, פרעמדן וואַלד, ווו מען קאָן אים נישט, האָט ער זיך געהאַלטן נאָענט ביים ראַנד. בייטאָג וועט ער אַריין טיפער, בעסער אין דער געדיכטעניש פון וואַלד, איידער אַריינפאַלן אין די שליפּיעס פון די דייטשן. ער וועט מערטשעם דערגיין אַהין, ווו עס האַרצט אים. צום בעסטן וועט זיין קאָ׳ מאַליניעץ, האָט ער אַריינגערעדט אין ראַכלען און זי האָט געשוויגן, קוים זיך געהאַלטן אויף די פּיס. מאַליניעץ איז ווייט פון שטאָט, מאַליניעץ איז מסתמא נישט אַזוי פאַרסמט פון די געמיינע לייט ווי ביי זיי... מאַליניעץ ס׳געבוירנאָרט פון טאַטן אַלעשאַלעם. ר׳וועט אפשר אָפּגעפינען אַ גוי, וואָס וועט געדענקען בילאַנדערן. ער איז מאַיאָרעקס זון... ניין, ר׳וועט זיך נישט אויסגעבן. ר׳איז אַן „אָפּגעבערענטער״ גאָספּאָדאַזש. אַ שרפה אויסגעבראָכן פון אַ באָמבע, אַלץ איז איועק מיטן רויך... גוט, וואָס דאָס שטיק לייוונט איז אויף זיין פּנים. אָפּגעבריט געוואָרן פון די פלאַמען, וועט ער זאָגן. אַ גוטער וואָר־צייכן וועט עס זיין. ער וועט זיך שטעלן דינען ביי אַ גאָספּאָדאַזש אין מאַליניעץ, אַ פאַסטעך זיין, ר׳וועט אַקערן, זייען, מליטשען. אַבי ס׳ביסן ברויט אין מויל אַריין, איבערצוקומען. מ׳עט גאָט ברוך־הוא איבערקומען, ראַכל, מ׳עט.

דער וואַלד האָט זיך איינגעהאָרכט אין זיינע טריט, די ערד האָט געסאָפּעט און די פינצטערניש האָט זיך געקנוילט. האָט זיך פאַרנומען אויף טאָג, האָט חיים יאַנטשע געמיטן די ראַנדן פון די ישובים, וואָס האָבן אַהערגעקוקט מיט שפּיציקע דאַך־היטלען. ער האָט ס׳ווייב אַריינגעצויגן טיפער אין וואַלד אַריין. און האָבן זיי זיך אין וואַלד, נאָענט צו אָדזשיוואָל, אַראָפּגעלאָזן אויף אַ פּיען, איז אַ מידער, זיסער שלאָף געקומען אויף חיים יאַנטשען.

— — — צעוויגטע לאַנעס פון נידעריקן, בלאָנדן קאָרן, גרינלעכן האָבער וויגן זיך אין דער זוניקער ליכטיקייט. ביי זייער צוקאָפּנס און זייער צופוסנס, אַראָפּ די בערגלעך, אַרויף די בערגלעך קרייזט ווי אַ ריזיקער ים דער אַלטער וואַלד. ער גייט, זיין הויזגעזינד גייט אַוועק פון דאַנעט. מ׳גייט אַוועק פון די שלעכטע שכנים. די זון איז געבליבן אין די

פענצטער. קום, קום, קוק זיך נישט אום; מ׳וועט צוריקטרעפן מיט גאַטס הילעף — נאָך זיי, ימח שמם. מ׳עט זיי איבערלעבן!

ער איז דערוואַרעמט, חיים יאַנטשע, פון גיין און אַליין פאַרקלעמט אים די בענקשאַפט נאָך דעם אָרט, וואָס ער פאַרלאָזט צוליב די שלעכטע. קומט, קומטס, טרייבט ער די זין מיט דער שנור, מיט דער טאָכטער, כדי אַליין מער זיך נישט אָפּצושטעלן און קוקן אויף צוריק. אַלץ, דאַכט זיך אים, קוקט אים נאָך, אַלע.

די היימישע שטוב האָט זיך שוין אָפּגעקייקלט אויף יענער זייט פון דער לאָקעטקער הויכקייט. זי שפּירט זיי נאָך, די אייגענע, אַ פאַרלוירענע. פונקט ווי זיי פּרעסט איר אַ לעכצונג נאָך די אַוועקגייענדיקע: ווער וועט מיך אָפּזוכן? ווער וועט צו מיר טרעפן? — —

ווען חיים יאַנטשע האָט זיך אויפגעכאַפּט האָבן פון ווייטלעכע קוי־מענדלעך זיך אויפגעהויבן ברייטע געקרויזטע צעפּ רויך; זיי האָבן זיך באַלד איינגעבראָכן, די רויך־זיילן, און געזינקען. ס׳עט זיך ענדערן די פּאָ־גאָדע, האָט ער געזאָגט ראָכלען און זי אַרויסגעצויגן פון דער וואַלד־טי־פעניש.

— גיב נאָר אַ קוק, ס׳עט זאַן זשאַרנעוו? איך דערקען נישט.

זי האָט אָנגעשטרענגט די ראיה, געוואָלט דערקענען איר געבוירנ־אָרט. זי האָט נישט געקענט זאָגן „יאָ“ און נישט „ניין“. ס׳האָט גענומען פרישען אַ פייכטער שניי.

— מ׳עט צוגיין נעענטער, ׳עלעך אפשר זיך דערמאַנען. מ׳קען דען אַזוי געדענקען? אַז אַ מהלך פון לאַנגע יאָרן ליגט אין דעם פאַרגעסן, צרות ליגן! אין קאָפּ מאַנטשעט זיך מיר נאָר: פון זשאַרנעוו קאָ׳ מאַליניעץ מיטן שאָסיי איז אַ גאַנג פון אַ פינף־זעקס שעה, און אפשר...

און האָט זיך גערוקט דער וועג, דערשפּירט חיים יאַנטשע אַז הונגער נאָגט זיינע געדערים. מ׳וואָלט באַדאַרפט עפּעס אַ כאַפּ טאָן, האָט ער גע־טראַכט און אָנגעקוקט ס׳ווייב. ראָכל איז געווען בלייך, ממש ווייס ווי אַ לבנהדיקע פּראָסט־נאַכט וואָלט זי דורכגעלויכטן. און פאַר אַ נייער נאַכט אין פרעמדן וואַלד האָט חיים יאַנטשע זיך שטאַרק געשראָקן; דאָס ווייב וועט נישט אַריבערטראָגן אַזאַ מהלך אין הונגער.

— ווערסט זיך אַ קאָפּ אַנידערזעצן, ראָכל? — האָט ער געפרעגט.

— מ׳עט ליבערשט גיין, כ׳האָב מורא. — איר בליק האָט געפינצ־טערט.

און דער אומבאַוווסטער וועג אין פרעמדן וואַלד, אין ווירבלדיקן שניי האָט זיך געדרייט אין די אויגן, געקנוילט זיך פאַר די פיס. קיין מאָלי־ניעץ איז נאָך געלעגן אַ מהלך ביז נאַכט, אויב נישט ביזן ווייסן מאָרגן אַריין. ער ווייס שוין אַליין נישט, דער לאָקעטקער. — קום, — האָט ער זי געצויגן נאָך זיך, געמינטערט מיטן שוואַכן רוף און זיך אַליין גע־וועקט פון מידעניש און עקבערנדיקן הונגער. —

אַ ביסל ווייטער, ס׳וועט אונטערקומען אַ דערפל נאָענט ביים וואַלד, וועט ער אַריינגיין אין אַ כאַטע — האָט חיים יאַנטשע אָפּגעמאַכט ביי זיך.

זי האָט זיך נאָכגעצויגן נאָך אים ווי אַ שטומער שאָטן.

— ניעך בענדזשע פּאָכוואַלאָני... וועט ער זאָגן. ר׳האָט נישט קיין ברירה. ר׳מוז בעטן אַ שטיקל ברויט.

ער האָט זיך בשעת מעשה געטאַפּט ס׳שפּיציקע פוטערנע היטל אויפן קאָפּ. ר׳וועט אַריינקומען צו ס׳זייעריקע, וועט ער מוזן ס׳היטל אַראָפּנע־מען. ער איז אַ נשרף פון...

פון וואַנען ער קומט און ווי ער הייסט אויף גויאיש האָט ער ערשט געַנומען צוקלערן. פון לאָקעטקע טאָר ער נישט דערמאָנען, לאָקעטקע מוז ער אויסמעקן פון געדעכעניש. זי, ראָכל, זאָל זיך חלילה נישט אַרויס־כאַפּן מיט עפּעס — ער דאַרף עס מיט איר איינחזרן, זי זאָל עס געדענקען; ביידע מוזן עס געדענקען — —

— האָרכסט, ראָכל?

שווער אָנגעגאָסן איז געווען דאָס וואָרט, שטעכיק האָט עס אָנגע־קלאַפּט אין ראָכלס ציטעריקער ברוסט.

געשלעפּט זיך אויף די אָנגעדראָלענע פיס און מיט אַ מאָל האָבן אין ביידנס בליקן מיד זיך אויפגעהויבן נידעריקע, שטילע שטרוי־דעכער.

געַנוא, 1950.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרובֿ שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — הײמלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שנײדערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאָס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״

(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)

66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, 1952)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראַטור־־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**
84) **יוסף אַקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג
89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן **(אויספאַרקויפט)**
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען **(ראָמאַן)**
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות **(קראָקע)**
95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1954).
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע **(ראָמאַן)**
99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערן
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן
102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע
103) **פ. מינץ** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראָמאַן)**
105—106—107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פאַפּירן
108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט **(היסטאָרישער ראָמאַן)**
110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — אין וואַרשע און אין לאָדזש
112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 **(זכרונות)**
114) **פנחס שטיינוואַקס** — יידן צום געדענקען
115) **ק. צעטניק** — דאָס הויז פון די ליאַלקעס
116) **מאַקס ווייַנרייך** — פון ביידע זייטן פלויט
117) **אליעזר וויזל** — ...און די וועלט האָט געשוויגן

118) ש. בערלינסקי — ירושה
119) ד"ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל (ראָמאַן)

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון יידישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען...

עס גרייט זיך צום דרוק:

שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
דוד פלינקער — יאַנקל באַלעגאָלעס צייטן (ראָמאַן)
פנחס וועלנער — דערציילונגען
מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן

פרעסע־אָפּרופן וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

א. ליס שרייבט וועגן דעם בוך פון י. הירשהויט „ייִדישע נאַפט־מאַגנאַטן" („אונדזער היינט", תל־אביב, 29סטער יולי 1955):

ווער ווייסט עס נישט וואָס פאַראַ ראָל נאַפט, נאַפט שפּילט היינט אין עקאָנאָמישן לעבן פון לענדער און פעלקער? און נישט נאָר אין עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן לעבן, אָט די נאַטור־אוצרות זענען דאָך מסוגל צו פאַרשאַפן פריינט און פיינט, זענען בכוח צו אינסטרואירן צו איבערקערענישן און פּאָליטישע רעוואָלוציעס, זענען בכוח די קלענסטע מדינות צו געבן אַזאַ אָנזען, מאַכט און קראַפט, וואָס אָן אָט דעם פליסיקן גאָלד, וואָלטן זיי עס אין זייער שענסטן חלום נישט געזען.

פאַראַן אַ יש־אומרים, אַז די הערשער, וואָס קערעווען היינט מיט דער וועלט, וואָלטן יאַקאָש צו דער ייִדישער מדינה געהאַט אויך אַן אַנדער באַציאונג, ווען זיי וואָלטן נישט געהאַט אַזויפיל חשבונות, אויסרעכענונגען און מאַניפּולאַציעס בנוגע די אַלע אַללאַס גלויביקע, וואָס זענען געבענטשט מיט מער שפע אינעם בויך פון דער ערד ווי אויף דער פלאַך פון דער ערד.

נאַפט איז געוואָרן אַ דיקטאַטאָר. נאַפט צווינגט־אָן זיך צו רעכענען נישט נאָר מיט די אָפּגעשטאַנענסטע לענדער, נאָר צווינגט־אָן זיך צו רעכענען מיט די טונקעלע גלוסטענישן פון די פּרימיטיווע און כיטרע נאָטאַבלען, הערשער און פירער. וואָס וואָלט, אַ שטייגער, די קעניגלעכע משפחה פון סאַאודיע צי פון קוויעט געווען אָן דעם גאָלד, וואָס פליסט פון איר ערד? וואָלטן אויך דאַן קאַפּאַבל געווען פּרעזידענטן און פּאָליטיקער צו קומען אויף באַגעגענישן, שמועסן און זיך צוהערן צום וואָרט פון די קעניגן פון מדבר?

איז דען אַ חידוש, וואָס ס'איז פאַראַן אַזאַ געיעג נאָך נאַפט, אַזאַ באַגער צו געפינען נאַפט, — וואָס אויסער עשירות ברענגט עס אויך חשיבות אין דער וועלט פון פּאָליטיק און סטראַטעגיע?

***

מיר האָבן געוווסט פון דעם אָנטייל פון ייִדן אין דער נאַפט־אינדוסטריע אין אַמאָליקן גאַליציע, אין באָריסלאַוו, אין דראָהאָביטש, מיר האָבן געוווסט פון דער פּיאָנערישער אַרבעט, וואָס אויך דאָ האָבן ייִדן אַריינגעלייגט זייער מי, עקשנות, באַגאַבונג און זי אויסגעבויט פריער אין עסטרייך און נאָכדעם שוין, פאַרשטייט זיך, מיט באַגרענעצונגען, אונטער דער ממשלה פון פּוילן. אָבער אַזאַ שילדערונג פון דעם שטח, זיין אויפקום, כאַראַקטער און אַנטוויקלונג, ווי דאָס גיט י. הירשהויט אין זיין ווערק „ייִדישע נאַפט־מאַגנאַטן", איז אַן אַנטפּלעקונג אַפילו פאַר די, וועלכע נעמען זיך שוין נישט איבער מיטן באַזונדערן ייִדישן, פּיאָנערישן דראַנג. י. הירשהויט דעקט דאָ אויף אַ נייעם געביט, אַ נייעם שטייגער און אימפּעט, אַ נייעם באָדן: „וואָס איז שטענדיק געווען איינגעהילט אין אַ דינעם רויך־שלייער און ווו די לופט איז אָנגעפּולט געווען מיט שאַרפע ריחות פון ערד־גאַזן און פאַרברענטער שוועבל".

און דער באָדן האָט געלאָקט, געצויגן און געמאַניעט, דערהויבן און פאַרפירט. מענטשן זענען נתעשר געוואָרן און מענטשן זענען איבער נאַכט בדיל הדל געוואָרן. געפאַלן. אַ שטענדיקער וועט־געיעג, אַן האַזאַרד־שפיל. אָט די סטיכיע האָט שוין לכתחילה געטראָגן אין זיך דער ניי־אַנטדעקטער ערד־אייל, וואָס אַ זון פון אַן אָרעמען חסידישן ייד, אַ זון פון אַ פאַרהאָרעוועטן ליכט־ציער האָט אויסגעפונען אונטער דער דורותדיקער טונקל־ברוינער, קלעפיקער בלאָטע פון באָריסלאַוו.

ס'איז ביז גאָר טשיקאַווע און ניי י. הירשהויטס שילדערונג פונעם „בראשית פון פליסנדיקן גאָלד", ס'איז אַ כמו היסטאָרישער אַריינפיר צו דער עפאָפּייע פון דער נאַפט־תקופה, פון די יידישע נאַפט־מאַגנאַטן, יידישע קאשערניקעס און געוואַגטע גרובן־אַרבעטער. ס'איז דער בראשית פון דער גורלדיקער נאַפט־עפאָכע אין אייראָפּע, וועלכע ס'האָט אויפגעמאַכט אין מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט דער חסידישער יונגערמאַן, אברהמלע שריינער, אין אַ פאַרוויסטן אָפּגעלעגענעם גאַליציאַנער דאָרף. „די באָריסלאַווער בלאָטע, וואָס איז פאַר דורות געווען אַ קללה, איז במשך פון אַ גאָר קורצער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברכה. אַ שטראָם פון גליק־זוכער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין דעם פאַרוואָרפענעם דאָרף, באָריסלאַוו, מ'האָט גענומען שעפּן דעם נאַפט פון זיינע רייכע קוואַלן".

ביז צו די יאָרן פונעם צווייטן וועלט־קריג, האָבן יידן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע נישט נאָר אַרום די קוואַלן, נאָר טאַקע ביי די קוואַלן. געווען פאַכקענער, כעמיקער און הויך־קוואַליפיצירטע נאַפט־לייט. ס'האָבן נאָך געלעבט ביי דער נאַפט־אינדוסטריע די זין און אייניקלעך פון די דראָהאָביטשער און באָריסלאַווער תושבים, וועלכע האָבן פאַרלייגט די ערשטע וואַקס־קאשערעס, געשאַפן די ערשטע פרימיטיווע נאַפט־אונטערנעמונגען, געקויפט די ערשטע טערענס. ווי אומעטום זענען אויך דאָ די פרנסה־צווייגן אַריבער בירושה, די קינדער האָבן די אונטערנעמונגען פונאַנדערגעאַרבעט, פאַרברייטערט, זענען אויפגעקומען מאָדערנע ראַפינעריעס, פאַבריקן. ביי אַנדערע האָט זיך דאָס מזל אַ דריי געטאָן פאַרקערט און ס'איז זיך צעפאַלן דאָס פאַרמעגן, געוואָרן צו פּרוך און פּראָך. ס'זענען אויסגעטריקנט און אויסגערונען געוואָרן די פעלדער, וואָס זענען געבענטשט געוואָרן מיט אַזאַ מאָדנער און סכנהדיקער ברכה. אָבער דער באָדן האָט געהאַלטן נעבן זיך, געצויגן צו זיך. אַ קליינע צאָל יידן האָבן אין די באָריסלאַווער נאַפט־ראַפינעריעס נאָך געאַרבעט בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע. דאָס איז געווען אַ רעשטל יידן פון די טויזנטער און טויזנטער יידישע פאַך־אַרבעטער אין דער נאַפט־אינדוסטריע. דאָרט האָט אויך געאַרבעט אַן אייניקל פון אברהם שריינער, וואָס האָט נאָך געדענקט זיין זיידן, דעם אַנטדעקער פון נאַפט אין אייראָפּע, ווי אַ פרומען יידן מיט אַ גרויער באָרד און פאות, און ווען די דייטשע וויסנשאַפטסלייט האָבן אין אַ פאַך־צייטונג דערקלערט דעם אויסגעפינער פון נאַפט ווי אַ „פאָלקס־דייטש מיטן נאָמען שריינער". וואָס פאַראַ ווערט האָט אַזאַ פאַלסיפיקאַט אין דעם ים פון דייטשן מאָרד און רציחה? ס'איז אַ שטייגער ווי צו זוכן אַ פגם אויף אַ זעג. און דאָך באַווירקט דער דאָזיקער אויטענטישער פאַקט — וועלכן ס'ברענגט י. הירשהויט — מיט זיין טראַגישער סימבאָליק, ווי ס'איז צעטראָטן געוואָרן דער שעפערישער אָנדענק פון יידישע פּיאָנערן אין אייראָפּע.

דאָס זענען געווען יידישע פאָלקס־מענ־

טשן, וואָס בסך־הכל מיט געציילטע יאָרן
צוריק, האָבן זיי געלעבט אַ שווער און איינ־
טאָניק לעבן אינעם דאָרף, וואָס איז געווען:
„אַ דאָרף פּונקט ווי אַלע דערפער פון יע־
נעם צוריקגעשטאַנענעם קאַרפּאַטן־ווינקל.
פאַראָרעמט און פאַרמרה־שחורהט, מיט איינ־
געהויקערטע הייזקעס און פאַרבלאָטיקטע
וועגן". פון יענעם קאַרפּאַטן־ווינקל פירט
אַרויס י. הירשהויט וווּנדערבאַרע יידישע
טיפּן, פון דאָרט שטאַמט משה גארטנבערג,
דער אַמאָליקער מילך־יונג און דער שפּע־
טערדיקער נאַפט־קעניג, פון דאָרט קומט די
האַרציק־יידישלעכע און איידעלע כאַטיליע,
וואָס ביי איר גאַנצער עשירות איז זי פאַר־
בליבן די באַשיידענע פרוי מיט שטענדי־
קער זאָרג פאַר די שטעטלשע אַרעמעלייט.
דאָרט אינעם דאָרף דערקענען מיר משהס
טאַטע, דעם שענקער, וואָס איז געבליבן
אָן פרנסה פון זינט ער איז אַן אָרעמאַן. עס
איז דער טיפּאַזש און פּערסאָנאַזש פון אַ
פאַרוואָרצלטער סביבה; אַן אומעטיקע סבי־
בה מיט זאָרגן און געראַנגלען פאַר פרנסה;
מ׳האָט אויסגעבויט דעם קייזער־וועג קיין
אונגאַרן, און ר׳ גדליה רייגעווירצן דעם
יידישן פּריץ, וואָס שפּראָצט אָבער אויך מיט
געזונטער, יאָדערדיקער ערדישער פרייד.

י. הירשהויט ווייזט אונדז די נאַפט־מענ־
טשן, די נאַפט־עשירים און אינדוסטריעלער
נישט נאָר אין זייער אומרואיקן געיעג נאָך
נייע טערענען, אין זייער געיעג נאָך עשי־
רות, אין זייער אומברחמנותדיקן ווילן
אומצוברענגען איינער דעם אַנדערן, אומצו־
ברענגען אַלץ, וואָס שטייט זיי אין וועג
בכדי צו דערגרייכן צו נייע נאַפט־קוואַלן.
ער ווייזט אונדז און שילדערט אונדז זייער
קינדהייט, זייער סביבה, די אַמאָליקע היים,
דאָס מאַכט דעם ווערק טעמיקער און דער־
ציילעריש פאַרטיפטער. ווי ווייט זיינע העלדן
זענען שוין אַריין אין דעם קאָפּ־שווינדל־
דיקן האַזאַרד פון אַקציעס, פעלדער, נאַפט,
באַגלייט מיט פאַרשיכורטע נצחונות מיט
דער הילף פון געדונגענע אונטערפירער,
אונטערשמירער, מוסרים, „טשינאָווניקעס"
און שלעגער, גיט אָבער אָפּט אַן אָטעם
פון זיי מיט יענער פאָלקסטימלעכקייט,
מיט יידישער חנוודיקייט, וואָס זיי האָבן
איינגעזאַפּט אין דער היימישער טאַטע־מאַ־
מע שטוב.

אינעם בוך באַקענען מיר זיך מיט אַ
מערקווירדיקער וועלט. מיט אַ מערקוויר־
דיקן און אייגנאַרטיקן עולם, אַ שלל פון
טיפּן און געשטאַלטן, מענטשן מיט קעגנגע־
זעצטע כאַראַקטערן און באַנעמונגען, אָבער
כמעט אַלעמען פאַראייניקט איין ווילן און
באַגער — נאַפט. י. הירשהויט שילדערט ווי
אַ געניטער קענער פון דעם שטח, פון דער
ספערע און פון דער סביבה, די אַלע עלע־
מענטן, מאָטיוון און מאָמענטן, וואָס האָבן
געבילדעט און אַרויפגעאַרבעט דעם מעכ־
טיקן אינדוסטריע־געביט: באָריסלאַוו.

שווער אָפּצוטיילן דעם געשיכטלעכן אמת
מיט וועלכן דער מחבר אָפּערירט. ס׳איז
נישט מעגלעך אָפּצוגרענעצן די געשיכט־
לעכע פאַקטן אויף וועלכע י. הירשהויט
האָט אויסגעבויט זיין ווערק — פון די דער־
ציילעריש־וויזיאָנערישע עלעמענטן, וועלכע
ער האָט איינגעגלידערט; ווייל אויב ס׳איז
אַפילו פאַראַן טיילמאָל נעפּלדיקע שורות
און שטויביקע זאַכן, איז אָבער דאָס גאַנ־
צע ווערק האַרמאָניש און גאַנץ צונויפגע־
גאָסן. דאָ פילט מען אַרויס דעם אָטעם פון
צייט, פון באָדן און פון טיפער, עכטער
וואָרהאַפטיקייט.

דאָ, ביי די „יידישע נאַפט־מאַגנאַטן",
שפּירן מיר דעם אומבייט פון תקופות. צו־
זאַמען מיט פּאָליטישע מאַכינאַציעס פון די
תקיפים, וואָס האַלטן דעם גאַנצן ראַיאָן אין
האַנט, גייט אויף אויך דער געזונטער, נאַ־

טירלעכער דראַנג צו פֿאָלקישער זעלבסט־
שטענדיקייט, נאַציאָנאַלע דערוואַכונג. עס
ווערט פֿאַמעלעך אָבער בהדרגהדיק צע־
טרייסלט די מאַכט, וואָס ס׳האָט אויפגע־
שטעלט אינעם נאַפט־ראַיאָן יאַנקל גאַר־
שטיין מיט דער הילף פון נאָך אַזעלכע
תקיפים ווי ער, מיט דער הילף פון די
פוילע און פֿאַרקויפטע רעגירונגס־באַאַמ־
טע. דאָ ווערט נאָך נישט אויפגעלייזט,
אָבער עס קומט שטייגעריש צום אויסדרוק,
די פֿאַרביטערונג פון די טויזנטער און
טויזנטער אַרויסגעשטויסענע יידישע אַרבע־
טער, בעלי־מלאכות, וואָס די נייע פֿאַבריקן
מיט יידישע באַלעבאַטים האָבן נישט גע־
וואָלט זיי מער אָננעמען.

ס׳איז דער פרייהייטס־רוף און דער רוף
צום אייגנדיקן נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס האָבן
זיך איינצייטיק צונויפגעטראָפן, זיך גע־
טראָגן אין דער לופט, זיך געטראָגן פון
דער ווייט, און האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף
אויף יענעם גינסטיקן באָדן אין גאַליציע.

ווי די קאַפּיטלען פון באָריסלאַווער אויפ־
קום, ווי די גלענצנדיקע שילדערונגען פון
דער יידישער מיליע, פון יידישן כלל: יידי־
שע משפחות, האָרעפּאַשניקעס און נאַפט־
עשירים, זענען אויך די קאַפּיטלען פון גע־
זעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן רענעסאַנס
פון אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט — ווי
ס׳ברענגט זיי י. הירשהויט — ווונדערלעכע
פּרקים יידישע ווירקלעכקייט אין דער ראַם
און אויף דעם שטח פון אַן אייגנאַרטיקן
יידישן לעבן.

דאָס ווערק „יידישע נאַפט־מאַגנאַטן" איז,
אַחוץ זיין רייכן טעמאַטישן שטאָף, געשריבן
מיט אַזויפיל שוווּנג, פֿאַרנעם און אינערלע־
כער דינאַמיק, אַז ס׳וואָלט אָן ספק פֿאַראינ־
טערעסירט דעם לייענער אויך אין אַנדערע
שפּראַכן. אָבער צום אַלעם ערשטן וואָלט
דאָס בוך נייטיק געווען צו איבערזעצן אין
העברעאיש. דער הי־געבוירענער און הי־
דערצויגענער וואָלט דערקענט אַ גרויסן און
וויכטיקן געביט, וואָס יידן האָבן געשאַפן
און אַנטוויקלט.

י. הירשהויט שרייבט וועגן פּועה ראַקאָווסקיס „זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין" („דווקא", נומער 25, בועגאָס־איירעס, 1955):

פּועה ראַקאָווסקי איז אַ נאָמען, וואָס האָט
אין משך פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט
פיגורירט אין דער מזרח־וואנט פון דער גע־
זעלשאַפטלעך־ציוניסטישער און העברעאיש־
פּעדאַגאָגישער טעטיקייט אין וואַרשע. זי
איז געבוירן אין ביאַליסטאָק. איז אָבער אין
די יונגע יאָרן (אין יאָר 1891) געקומען
קיין וואַרשע און אַ דאַנק אירע זעלטענע פע־
איקייטן, איר פלייס און איבערגעגעבנקייט
פֿאַרן אידעאַל האָט זי פֿאַרנומען די דאָ־
זיקע הויכע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע.

איר בוך הייסט זכרונות פון אַ יידישער
רעוואָלוציאָנערין אָבער פֿאַרן דאָזיקן נאָ־
מען דאַרף מען זיך נישט דערשרעקן. דאָס
וואָס אין ראַקאָווסקיס יונגע יאָרן איז גע־
ווען רעוואָלוציע, איז היינט שוין אַ זעלבסט־
פֿאַרשטענדלעכקייט. פּועה ראַקאָווסקי האָט
דורכגעמאַכט אַ שטורמיש און זייער אינ־
טערעסאַנט לעבן. זי האָט זיך אויף איר
לעבנסוועג געטראָפן מיט אַ סך חשובע פּער־
זענלעכקייטן פונעם יידישן לעבן און דע־
ריבער איז אַלץ וואָס זי דערציילט, סיי אינ־
טערעסאַנט און סיי וויכטיק.

אָבער דאָס וויכטיקסטע, וואָס פּועה ראַ־

קאָווסקי דערציילט האָט אַ שייכות צו דער אַנטוויקלונג פונעם העברעאישן שולוועזן אין וואַרשע. די העברעאישע שול איז אויסגעוואַקסן פונעם חדר מתוקן, בעת פועה איז געקומען קיין וואַרשע, האָט זי באַקומען די שטעלע פון דער הויפּט־לערערין אין „יהודיה”. „יהודיה” איז אין יענע צייטן געווען אַ חדר פאַר מיידלעך און צו איר פאַרוואַלטונג האָבן געהערט אַזעלכע פערזענלעכקייטן ווי נחום סאָקאָלאָוו, שפר, מ. מ. פראס, פרידבערג א״אַ. מיט דער צייט האָט זיך „יהודיה” פונאַנדערגעבויט און זי איז געוואָרן אַ העברעאיש גימנאַזיום פאַר מיידלעך. זי האָט צווישן די גימנאַזיומס אין וואַרשע פאַרנומען איינעם פון די חשובסטע ערטער. זי האָט צווישן אירע לערער געהאַט גאָר וויכטיקע פערזענלעכקייטן. אויך ד״ר עמנואל רינגעלבלום איז געווען אַ לערער אין „יהודיה”.

אין „יהודיה” האָט פועה ראַקאָווסקי געאַרבעט אַ קורצע צייט. זי האָט באַלד געגרינדעט אַן אייגענע שול. איר שול איז ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה גוט באַקאַנט געווען אין וואַרשע ווי דאָס „גימנאַזיום פון פועה ראַקאָווסקי”.

זייער אינטערעסאַנט זענען ראַקאָווסקיס וואַנדערונגען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, די באַשרייבונגען פון ציוניסטישע קאָנגרעסן, אין וועלכע זי האָט זיך באַטייליקט און די שילדערונגען פונעם ארץ־ישראלדיקן לעבן, וווּ זי האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אויף אַ קורצער צייט באַזעצט באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און דאַן צוריקגעקומען קיין פּוילן, כדי אין יאָר 1935 צוריקצופאָרן אַהין אויף שטענדיק.

פועה ראַקאָווסקי האָט אירע מעמואַרן געשריבן אין עלטער פון עטלעכע און זיבעציק יאָר. עס איז אָבער אינטערעסאַנט גיו באַמערקן, ווי לעבעדיק און אינטערעסאַנט זיי זענען צוזאַמענגעשטעלט, מיט וואָס פאַראַ פּשטות און קלאָרקייט זיי זענען אָנגעשריבן. פועה איז אויך געווען אַ קעמפערין פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי. דעם דאָזיקן פאַקט שטרייכט אונטער רחל קאַצענעלסאָן־שזר, וועלכע האָט אָנגעשריבן די הקדמה צום בוך. אין דער דאָזיקער הקדמה ווערט פועה באַצייכנט ווי אַ גרויסע פערזענלעכקייט פון אונדזער רענעסאַנס־באַוועגונג.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 120

Copyright by, J. OKRUTNY, Buenos Aires

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el día 24 de Febrero de 1956, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN, S. R. L. Corrientes 1976, Buenos Aires

J. OKRUTNY

FIN DE CAPITULO

(NOVELA)

◆

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1956